# לאדו שער

# געזעלשאפטלעכקייט

35/36 PR

# לאָדזשער
# געזעלשאַפטלעכקייט

## אַלמאַנאַך

I באַנד

געזאַמעלט די מאַטעריאַלן,
מיט אַנ׳אַריינפיר-וואָרט פאַרזעהען
און רעדאַקטירט:

**מ. פראַנקענטאַל**

איי גענער פאַרלאַג — לאָדזש 1938

דאָס איבערדרוקן די מאַטעריאַלן, אפילו טיילווייז, איבעראַרבעטען, אָדער, איבערזעצען – איז פאַרווערט. אַלע רעכט זענען געשיצט דורכן מחבר.

געזעצט און געדרוקט אין לאָדזש –
אַרויסגעגעבן אין 2000 עקזעמפּלאַרען

PR
473638/2005
34+351/354+36

# ŁÒDŹ SPOŁECZNA

**ALMANACH**

**TOM I**

pod redakcją:
**M. FRANKENTALA**

**ŁÓDŹ — 1938**

Druk. „PROGRESS" Łódź, Śródmiejska 16.

307/2005

* * *

אַ קולטורעלע געמיינשאַפט אונטערשיידט זיך פון אַ נישט־קולטורעלער דורך דער צאָל און דעם צושטאַנד פון אירע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ס'איז נישטאָ קיין שום מענטשלעכער ישוב, אַפילו דער פרימיטיווסטער, אינגאַנצען אָן אינסטיטוציעס. דען יעדער מענטש איז נויטווענדיג אָנגעוויזען אויף וועלכער עס איז נישט מיטהילף און דער מיטאַרבעט פון זיין אומגעבונג. דער אונטערשיד איז נאָר אַ גראַדועלער. אין פלאַנמעסיגקייט, אָרגאַניזירקייט אין אַנטוויקלונג־פעהיגקייט לאָזט זיך דערקאָנען דער אונטערשיד צווישען אַ ציוויליזירטער, פאָרטגעשריטענער און אַ צוריקגעבליבענער, אָבסקוראַנטער געזעלשאַפט. די קולטורעלע שטאָט זאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג, פאַר דער פלאַנמעסיגער טעטיגקייט פון אירע חברות. און דעם היפוך דערפון זעהען מיר בּאַ נישט־קולטורעלע, צוריקגעשטאַנענע קהלות. דאָרט געבען זיך אָב מיט געזעלשאַפטלעכער טעטיגקייט מענטשען מיט אַ זין פאַר מענטשענליבע, אַלטרואיסטען, מענטשען מיט אַ פאַרשטענדעניש פאַר פאָרטשריט, פאַר די נייע פאָדערונגען פון דער צייט, און דאָ אָבער ווערען באַטראַכט די אינטערעסען פון כלל פאַר אַ פעטע קהל'שע שיסעל, וואָס עס לוינט זיך צו איר נענטער צוצורוקען. „קרב לגבי דהינא ואידהן"...

ווען מיר ווילען פון אָט דעם געזעלשאַפטלעכקייט־שטאַנדפונקט באַטראַכטען אונזער שטאָט, קאָנען מיר מיט אַ געוויסען שטאָלץ אַרויסטראָגען אַ פאָזיטיווען אורטייל איבער איר קולטורעלער הויך. פאַרשידענע און גוט־אָרגאַניזירטע אינסטיטוציעס אויף אַלע געביטען פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיגקייט, ווי אויך פון פּאָליטישען לעבען, רוקען אַרויס לאָדזש אין די ערשטע רייען פון די מאָדערנע שטעט, ווי עס פאַסט פאַר דער צווייט־גרעסטער געמיינדע פון פוילען. און מיר קאָנען האָפען, אַז וואָס ווייטער וועלען אונזערע געזעלשאַפטען זיך בּעסער אַנטוויקלען, פעסטער אָרגאַניזירען, כדי פלאַנמעסיגער צו אַנטשפרעכען זייערע צוועקען.

אין דעם פאָרליגענדיגען באַנד געפינט דער לעזער אַ גרויסען מאַטעריאַל פון דער געזעלשאַפטלעכקייט פון אונזער שטאָט, פון אירע אינסטיטוציעס, פּאָליטישע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס — און פון די פערזאָנען, וואָס ציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אירע איינוואוינער. און נישט נאָר ד״ר צוקינפטיגער היסטאָריקער פון לאָדזש, נאָר אויך דער געזעלשאַפטלעכער עסקן און אויך דער סתם געבילדעטער לעזער וועט האָבען אַ גרויסען נוצען פון דער לעקטור פון דעם דאָזיגען ווערק.

דעם פלייסיגען זאַמלער און באַאַרבעטער פון רייכען מאַטעריאַל, ה' מ. פראַנקענטאַל, קומט אַ גרויסער „יישר כח".

**ד"ר א. ש. קאַמיעניעצקי**

# אריינפיר־וואָרט

די פאַרעפענטלעכטע דאָ מאַטעריאַלן — צו דער געשיכטע פון דער יודישער לאָדזשער געזעלשאַפטלעכקייט — נעמען אַרום דעם צייט-אָבשניט 1937—1873

חברות צום דאווענען און פילאַנטראָפּיע

בעת מיר נעמען אַנאַליזירען די מאַטעריאַלן פון דעם התחלה־פּעריאָד, ווילען מיר דערגייען, וואָס איז געווען די שטויס־קראַפט, וועלכע האָט געווירקט צום אַנטשטייען פון דער היגער געזעלשאַפטלעכקייט. וואָס האָט באַוואָיגען די אַמאָליגע לאָדזשער יודען צו גרינדען די ערשטע חברות אין אונזער שטאָט. פון די אַנטשטאַנענע ערשטע 8 חברות, זעהען מיר, („רבּ'ס תלמוד תורה" 1) „חברה אָדער קאָמיטעט צו פלעגען קראַנקע פון יוד. גלויבען אין לאָדזש" 2) „חברה הכנסת״ אורחים" 3) „געז. תלמוד תורה" 4) „בלעכער חברה פון אַלטשטאָט") 5) „חברה מאָלאַרזשעס פון ווילקע" 6) „חברה חורשי עצים" 7) „חברה כובע ישועה" 8) אַז ס'רוב פון זיי האָט געדינט פאַר אַ מנין צום דאַווענען, תלמוד תורות, און אַ טייל האָט פאַרנומען זיך מיט בקור חולים, הכנסת אורחים און גמילת חסדים. דערפון דרינגען מיר, אַז די ערשטע חברות זענען געשאַפען געוואָרען צוליב רעליגיעזע הצטרכות'ן און ווילען צו העלפען אָרעמע מענטשען. אינטערעסאַנט איז געוואָיר צו ווערען, ווער זענען געווען די שעפער פון די ערשטע חברות — לויט די מאַטעריאַלען קאָנען מיר פעסטשטעלען — אַז. ס'רוב פון זיי איז באַשטאַנען פון בעלי הבתים, פּראָסטע פאָלק־מענטשן: בעקערס, בלעכערס, מאַלאַרזשעס, טישלער, היטעלמאַכער און אַ פּאָר יחידים אויסדערוויילטע וואָס האָבען אַראָבגענידערט צום פאָלק מיט דעם ערלעכען ווילען פאַר אים עפּעס צו טוען.

און אפשר, מחמת אין די זיבעציגער און אַכציגער יאָרען האָט לאָדזש גענומען פונאַנדערוואַקסען זיך אַלס אינדוסטרי־צענטער און מיטן צוווקס פון יודישען ישוב, איז בּאַ אַ פּאָר יחידים געבוירען געוואָרען דער דראַנג און ווילען—אָנצוהייבען אָרגאַניזירען די היגע יודישע געזעלשאַפטלעכקייט — און זיי האָבען דעמאָלט געשאַפען די ערשטע היגע חברות. ס'קאָן זיין, אַז דער צוקונפטיגער פאָרשער פון דער געשיכטע פון דער יודישער לאָדזשער געזעלשאַפטלעכקייט, וועט אָנטרעפען דירעקט אויף דער הויפּט־סבה, וואָס האָט געווירקט צו איר אַנטשטייען...

אויפקום פון די פּאַרטייען: בונד ציוניזם מזרחי פּועלי־ציון

אין 1897 באַווייזען זיך נייע מענטשען וואָס זאָגען אָן דאָס אָנקומען פון אַ נייער תקופה אויף דער היגער יודישער גאַס — זיי האָבען דאָ אָנגעהויבען זייער געהיימע טעטיגקייט אויף די פינצטערע גאַסען פון באַלוט, דורך אונטערוואַרפען פלוג-בלעטער און אַגיטאַציע-בראָשורען... אויף די דיסקוסיעס וועלכע זענען דעמאָלט איינגעאָרדענט געוואָרען, אין סאָציאַליזם פאַרטייטשט געוואָרען מיט תורת משה. עטיק, תלמוד און תנ'ך מיט דער פראַגע פון אַרבעטס־לוין און אַרבעט - טאָג... 9) די מאַסע איז אויפגערודערט. געוואָרען דורך פלוגבלעטער און אין די פּראָפּאַגאַנדע־שטיבלעך איז די צאָל באַזוכער אַלץ פאַרגרעסערט געוואָרען — וואו מ'האָט מיט די נייע תלמידים פלייסיג געקנעלט וועגען מאַרקס'ן און קאָנספּיראַציע. אַזוי איז אַדורך דער ווינטער. ס'האָבען זיך איינגעשטעלט ברייטע פאַרצווייגטע באַציהונגען מיט דער „מאַסע"... און בהדרגה'דיג האָט דער „בּונד" אַלץ מער גענומען אַריינדרינגען צווישען דער היגער יודישער אָרעמקייט...

—נאָכ'ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, האָט ה' י. אוגער (דער דעמאָלטיגער היגער קאָרעספּאָנדענט פון הערצלס „די וועלט") באַקומען דירעקטיוון פון ד'ר כהן־בערענשטיין און אין סעפּטעמבער 1897 האָט ער אָרגאַניזירט די ערשטע ציוניסטישע גרופּע אין לאָדזש 10)

די לאָדזשער גרופּע, נישט קוקענדיג וואָס זי איז אין אָנהויב געווען אַ לויזע און שוואַך־אָרגאַניזירטע, האָט זי דאָך—אויף וויפיל ס'איז געווען מעגלעך בּאַ יענע באַדינגונגען—אָנגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע: פאַרשפּרייט „ליטעראַטור", איינגעאָרדענט אַגיטאַציע-אָווענטען מיט אייגענע און פרעמדע כּוחות, געשיקט רעדנער אין די בתי מדרשים יעדען שבת און יום טוב, וועריבירט אַבאָנענטען פאַר דער ציוניסטישער פּרעסע.

---

1) זעה: תלמוד תורה א. נ. הר'הג אלי' חיים מייזל ז'ל
2) לאָדזשער געז. צו פלעגען קראַנקע: בקור חולים
3) בעקער־צעך
4) געז. תלמוד תורה
5) בלעכער און דעקער צעך
6) מאָלער און לאַקירער צעך
7) טישלער, שניצער און דרעקסלער צעך
8) היטעלמאַכער צעך
9) אנ'אַלטער באַקאַנטער — דער אָנהויב פון דער יודישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָדזש — רויטער פּנקס, II זאַמעלבוך
10) מיט 37 יאָר צוריק — Old man — נייער פאָלקסבלאַט 1935

שפּעטער האָט די גרופּע געדופען אין שטאַרכ׳ס שוהלעכעל (אויף זאַוואַדזקע גאַס) רעגעלמעסיג פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגען פון אַ טייל עלעמענטען שטאַרק באַקעמפּט ווערען.

די גרופּע האָט צוגעגרייט דעם באָדען פאַר דער ציוניסטישער תּלמוד תּורה און אַנדערע אַגודות.

— נאָך דער ווילנער קאָנפערענץ (אויף וועלכער ס׳איז באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען די „מזרחי״ פעדעראַציע) ווערט דאָ געבילדעט (1902) דער „שלומי אמוני ציון — מזרחי״ וועלכער האָט דעמאָלט אָנגעהויבען אין געהיים פאַראינטערעסירען די היגע רעליגיעזע קרייזען מיט׳ן רעיון פון גאולת ובנין הארץ...

— אין יענער צייט האָט דאָ אָנגעפירט זיין געהיימע טעטיגקייט דער קרייז „קדימה״, וועלכער איז געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דער אַרבעט פון דעמאָלטיגען ציוניסטישען קאָמיטעט. שפּעטער האָט „קדימה״ מיטגעהאָלפען צום אַנטשטייען פון די ערשטע היגע פּועלי־ציון גרופּען—וועלכע האָבען אַדורכגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט צווישען די יודישע אַרבעטער—און זענען געווען דער אַוואַנגאַרד פון די לאָדזשער פּועלי־ציון...

אַזוי איז געווען די התחלה פון דער אידיישער תּקופה אין אויפקום פון די היגע יודישע פּאַרטייען. שפּעטער האָבען זיך אויסקריסטאַליזירט דיפערענצירונגען און סתּירות אין די פּראָגראַמען (בונד—ציוניזם, מזרחי—פּועלי־ציון) ווי אויך אַ קעגנערישקייט צווישען די ניי - געשאַפענע פּאַרטייען. די יודישע פּאַרטייען האָבען אָנגעהויבען צו ווירקען אויף די יודישע מאַסען און זיי פירען אין נייע וועגען און ריכטונגען — דאָס איז געווען דער בראשית פון דער לאָדזשער געזעלשאַפטלעכקייט = באַוועגונג אויף דער יודישער גאַס — ווען די מאַסע האָט אָנגעהויבען אויפצוטרעטען אויף דער ערענע פון עפענטלעכען יודיש=פּאָליטישען לעבען אין אונזער שטאָט...

נישט־לעגאַלער מוזיקאַלישער קרייז „הזמיר״

1899 האָט אָנגעהויבען זיין נישט-לעגאַלער טעטיגקייט דער מוזיקאַלישער קרייז א. נ. „מכבי״ (שפּעטער „הזמיר״). דער קרייז, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע יונגעלייט און מיידלעך פון בעל הבּתּישע עלעמענטען, פלעגט זיך אין געהיים צוזאַמענקומען, אין אַ וואַיונג, און דאָרט מאַכען די רעפּעטיציעס פון כאָר. דער קרייז „הזמיר״ („יודישער אַמאַטאָרען כאָר״—אַזוי ווערט ער אָנגערופען אין די דערלויבענישען פון דער ג. רוסישער מאַכט) האָט זיך דעמאָלט קונה שם געווען פון זיינע עפענטלעכע קאָנצערטען און אָרויסטריטען, דורך זיין פּיאָנערישער אַרבעט פון פאַרשפּרייטען יודיש=רעליגיעזער און אַלגעמיינער מוזיק אין אונזער יודיש לעבען. דער קרייז „הזמיר״ האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע שטעט אין פּוילען, (וואַרשע, טאָמאַשאָוו מאַז.) וואו עס זענען נאָך זיין דאָרט זיין אַנטשטאַנען ענלעכע „הזמיר״ פאַראיינען. דער קרייז „הזמיר״ האָט אין יענע געהיימע צייט מוזיקאַליש געווירקט און באַצויבערט.

אין 1906 איז לעגאַליזירט געוואָרען דער היגער „הזמיר״ אַלס ליטעראַריש=מוזיקאַלישע געזעלשאַפט.

ערשטע לעגאַלע האַנטווערקער פאַך־פאַראיינען און „האַנטווערקער־קלוב״

אין אַ צייט פון רוסישער רעאַקציע, ווען ס׳זענען פאָרגעקומען מאַסען=אַרעסטען צווישען די היגע פרייהייט=קעמפער און אַ סך זענען אַוועקגעשיקט געוואָרען נאָך סיביר און אין די שווערע תּפיסות אַריין; גראָד אין יענע יאָרען האָט די רוסישע מאַכט אַרויסגעוויזען איר חסד און לעגאַליזירט די ערשטע היגע יודישע האַנטווערקער=פאַראיינען: דעם „היטעלמאַכער פאַראיין״ (1906) „בעלעכער מייסטער פאַראיין״ (1907 געגרינדעט דורך יודען מיט קריסטען) און „יודישען בעקער מייסטער פאַראיין״ (1907). שפּעטער איז לעגאַליזירט געוואָרען דער „טישלער מייסטער פאַראיין״ (1908). דאָס זענען געווען די ערשטע היגע לעגאַליזירטע יודישע בירגערלעכע פאַך=פאַראיינען. (להיפך צו די ערשטע חברות וועלכע האָבען געדינט בלויז פאַר אַ מנין צום דאַווענען). אַ גרויס געשעהעניש אין די היגע יודישע האַנטווערקער-קרייזען איז געווען דער אַלגעמיינער פּעטערבורגער האַנטווערקער=צוזאַמענפאָר, (1911) צו וועלכען ס׳איז אַרויסגעשיקט געוואָרען אַ לאָדזשער יודישע דעלעגאַציע (מצד די יודישע האַנטווערקער=פאַראיינען ה׳ אברהם קאַראַ און פון דער היגער יודישער האַנטווערק-שול ה׳ אינזשיניער יאַן קירשרויט). די לאָדזשער האַנטווערקער-דעלעגאַציע (צוזאַמען מיט די אַלפּוילישע יודישע פאָרשטייער) האָבען זייענדיג אין פּעטערבורג אויסגעפועלט גרויסע פאַרלייכטערונגען פאַר די יודישע האַנטווערקער, דאַרונטער צו קאָנען אַרבעטען אין זונטאָג אין די האַנטווערקער=וואַרשטאַטען. צוריקקומענדיג דאָ אַהער איז די דעלעגאַציע ענערגיש צוגעטרעטען צו אָרגאַניזירען דעם ערשטען היגען „האַנטווערקער=קלוב״, וועלכען ס׳איז זיי נאָך גרויסער מי געלונגען צו לעגאַליזירען (1911). הגם אין קלוב האָט די ערשטע צייט געהערשט אַנ׳אַסימילאַטאָרישע טענדענץ, האָט ער דאָך שוין פאַר דער מלחמה גרופּירט אַרום זיך אַ טייל פאַכען פון יודישע האַנטווערקער און דורכדעם אָבגעטוען אַ פּיאָנערישע אַרבעט אויפ׳ן געביט פון

אָרגאַניזירען דעם היגען יודישען האַנטווערקער־קלאַס.

**דאָס יודישע סוחרטום וואַקסט זיך**

אין 1910 י. איז געמאַכט געוואָרען דורך אַ קליינער פּיאָנערען סוחרים־גרופּע דער פּריוו, צו אָרגאַניזירען דעם „ערשטען היגען יודישען סוחרים פֿאַראיין". ערגיץ דאָרט איינגעדונגען באַ דער „באַנק פון קעגענזייטיגער הילף", (פּיעטר. 6) איז געווען דאָס אָרט פון וואַנען ס'איז אַרויס דער רוף, אַז: דאָס היגע יודישע סוחרטום זאָל זיך אָרגאַניזירען אַלס אַ פֿאַראייניגטע קערפּערשאַפט צו שיצען אירע לעבענס־אינטערעסען.

**ערשטע העברעאישע שול**

1912 איז דאָ אַנטשטאַנען די געז. וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל, צו שאַפען אַ מיטעל־שול, אין וועלכער די שילער זאָלען באַקומען אַ חוץ אַלגעמיינער בילדונג, אויך יודאַיסטישע למודים אין דער העברעאישער שפּראַך. מחמת די ג. רוסישע מאַכט האָט געמאַכט שוועריגקייטען באַ'ם לעגאַליזירען דעם סטאַטוט פון דער געז. איז דערווייל אַרויסגענומען געוואָרען אַ קאָנצעסיע, אויף אַ פּריוואַט־נאָמען.

אין אָנהייב שול־יאָר 1912/13 איז דאָ דערעפענט געוואָרען אַ מענער־שול, (אויף דער מאַגיסטראַצקע גאַס) א. נ. „פּריוואַטער יודישער 8 קלאַסיגער לערענאַנשטאַלט מיט'ן פּראָגראַם פון דער רעגירונג־גימנאַזיע אין לאָדזש". די אונטערריכט־שפּראַך איז געווען רוסיש אויף אַלגעמיינע למודים און העברעאיש אויף יודישע למודים.

דאָס איז געווען די ערשטע העברעאישע שול— מיט אַ רוסישען אונטערשלאַק — אין לאָדזש.

**קורסען פאַר גימנאַסטיק און ספּאָרט**

אין 1912 איז דורך די באַמיהונגען פון אַ גרופּע יונגעלייט און עטלעכע באַקאַנטע יודיש־נאַציאָנאַלע כלל־טוער, געלונגען צו באַקומען באַ'ם דעמאָלטיגען גובערנאַטאָר אַ לעגאַליזאַציע, אויף צו גרינדען אין לאָדזש—קורסען פאַר גימנאַסטיק און ספּאָרט פאַר פּוליאָריגע מיטגלידער.

באַ זייער שווערע באַדינגונגען איז אָנגעהויבען געוואָרען די טעטיגקייט.

נישט-ווייניג שוועריגקייטען האָט די פאַרוואַלטונג געהאַט אויסצושטייען מצד דער רוסישער אָכראַנע, וועלכע האָט געהאַט אויפן „אויג" דעם יודישען טורן-פאַראיין און אירע אָנפירער; און פון דער צווייטער זייט, האָבען די דעמאָלטיגע אַנטיסעמיטען אין זייער צייטונג „ראָזוואָי" כסדר געהעצט און געשריבען, וואו מ'דאַרף—דענאָסען אויף די מפלומרשטע יודישע זעלנער, וועלכע ווערען אויסמושטרירט אין יודישען טורן-פאַראיין. צוליב דעם, זענען די רעוויזיעס מצד דער אָכראַנע אין טורן-פאַראיין און באַ די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער געווען אַנ'אָפּטע דערשיינונג.

דאָס זענען געווען די ערשטע ווייען פון די לאָדזשער קורסען פאַר גימנאַסטיק און ספּאָרט.

**מלחמה־צייט**

מיט'ן מלחמה־אויסברוך איז פּאַראַליזירט געוואָרען די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַנ'אַרבעט אין אַנ'אַנדערער ריכטונג. צוליב דער וואַקסענדיגער נויט און אָרעמקייט צווישען די היגע יודישע מאַסען איז אין דער ערשטער מלחמה־צייט געגרינדעט געוואָרען עטלעכע טיי־האַלעס און ביליגע קיכען („אַרבעטער קלוב", שפּעטער „אַרבעטער היים", „בית עם") וועלכע האָבען דעמאָלט אָנגעפירט אַ גרויסע הילף-אַרבעט. אַ ספּעציעלער הילף-אַקציע האָט אין די מלחמה־יאָרען אַדורכגעפירט דער היגער „דאָבראָטשינאָשטש", אַרויסגעבענדיג געלט־אונטערשטיצונגען פאַר אַ סך באַדערפטיגע, ווי אויך איז די „ביליגע קיך" באַ'ם ד. כסדר געווען טעטיג פאַר דעם אָרעמסטען טייל פון דער היגער יוד. באַפעלקערונג. צוליב דעם גרויסען יקרות וואָס האָט געהערשט אין שטאָט איז באַ פאַרשידענע היגע פאַראיינען דעמאָלט איינגעשטעלט געוואָרען לעבענמיטעל געוועלבער, קאָאָפּעראַטיוועז, וועלכע האָבען פאַרקויפט ביליגע שפּייז און פּראָדוקטען, באַ אַ טייל אויך בעקערייען וואָס האָבען צוגעשטעלט ביליג ברויט דעם אָרעמסטען טייל מענטשען. אין יענער צייט זענען אין שטאָט געווען אויך טעטיג פאַרשידענע „ביליגע קיכען" און הילף־חברות מכל המינים. (אַ טייל פון זיי האָט מער געזאָרגט פאַר זייער אייגענעם נוצען, ווי פאַר דער טובה פון די אָרעמע פאָלקמאַסען.) די תקופה האָט געדויערט די גאַנצע מלחמה־צייט און איז רייך געווען אין מאָמענטען פון גרויסער מענטשען־ליבע און אָפּפערווויליגקייט. (הגם גרויסע געלט־סומען זענען דאָ אָהערגעשיקט געוואָרען אויף דער הילף־אַרבעט) דורך וועלכע גרויסע קאַדרען פון מענטשען־מחנות זענען דעמאָלט אָבגעראַטעוועט געוואָרען פון זיכערען הונגער און טויט.

**שפּיטעלער פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען זעלנער**

בעת דער מלחמה־צייט און שפּעטער בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע האָבען היגע יודישע ווירטשאַפטלעכע פֿאַראיינען געשאַפען שפּיטעלער פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען זעלנער, וואו די מלחמה־געליטענע האָבען באַקומען הילף און זאָרגפעלטיגער השגחה און וועלכע זענען אויסגעהאַלטען געוואָרען אויפ'ן חשבון פון די פאַראיינען („פאַבריקאַנטען און סוחרים פאַראיין" און „מאַנופאַקטור־סוחרים פאַראיין").

**ערשטע יידיש־וועלטלעכע שול**

די ערשטע מלחמה־יאָרן האָבן געגעבן אַ שטויס די היגע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַ נייער ריכטונג און באַרייכערט אונזער קולטור־לעבן. מיר מיינען, דעם ערב־פעריאָד פון היגען יודיש־וועלטלעכען שול־וועזן און דאָס גרינדען פון היגען „שול און פאָלק־בילדונג פאַראיין”, וועלכער איז געווען דער פאָרקעמפער פון אַ שול מיט יודיש אַלס למוד־שפּראַך. באַ׳ם ש. און פ. ב. פאַראיין איז אין סעפּטעמבער 1916 אַנטשטאַנען די ערשטע היגע יודישע פאָלק־שול מיט יודיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך. דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער טאַט מצד אַ פּאָר ערענסטע שול־קעמפער און די מסירת נפשדיגע פּיאָנערישע אַרבעט פון אַ גרופּע לערער, וועלכע האָבן אַוועקגעשטעלט די שול און געוויזען אַלע איר רעאַלקייט.

**לעגאַלע פּאַרטיי־אַרבעט נייע פּאַרטייען שפּאַלטונגען**

בימי דער היגער דייטשער אָקופּאַציע איז געלונגען די יודישע פּאַרטייען איבערצוגייען צו לעגאַלער אַרבעט. 1917 זענען דאָ פאָרגעקומען די ערשטע וואַלען צום היגען שטאָט־ראַט און די יודישע פּאַרטייען האָבן זיך דעמאָלט ליציטירט צום ערשטען מאָל אין עפענטלעכען וואַל־קאַמף. אין יענער צייט איז געגרינדעט געוואָרען דער היגער „אגודת האורתודוכסים” און דערנאָך די „פּאָלקיסטישע אָרגאַניזאַציע” — וועלכע האָבן גענומען אָרגאַניזירען גרופּען פון די היגע בירגערלעכע עלעמענטען — דאָס האָט אַריינגעטריבען אין קנאה די אַנדערע בירגערלעכע פּאַרטייען און עס האָט זיך צופלאַקערט צווישען זיי אַ פאַרביסענער פּאַרטיי־קאַמף אויף דער יודישער גאַס. נאָך עטלעכע פּאַרטיי־שפּאַלטונגען האָבן שפּעטער באַ אונז אָנגעהויבען צו פירען אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע אַרבעט דער „התאחדות”, „פּועלי ציון” (פּאַר. מיט צ. ס.) און די רעוויזיאָניסטען. באַ דער היגער אַגודה אַנטשטייט די „צעירי אגודת ישראל” און „פּועלי אמוני ישראל” וועלכע האָבן אָנגעהויבען זעלבסטשטענדיג פירען אַנ׳ אַרבעט.

**סוחרים און קליינהענדלער אָרגאַניזירען זיך**

דער ערשטער נאָך־מלחמה פעריאָד האָט געפאָדערט, אַז בכדי מיטצוהעלפען צוריק אויפצובויען די חרוב געוואָרענער לאָדזשער יודישער טעקסטיל־אינדוסטרי, מוז דאָס יודישע סוחרטום זיך אָרגאַניזירען און מיט בשותּפותדיגע כּוחות פון סוחר און אינדוסטריעלער, קאָן אָנגעהויבען ווערען די אויפבוי־אַרבעט. דער היגער געשאַפענער (1918) „מאַנופאַקטור־סוחרים פאַראיין” האָט געוויסערמאָס רעאַליזירט דעם פּלאַן. אין די שפּעטעריגע יאָרען האָט דאָס יודישע סוחרטום געהאַט אויסצושטייען שיקאַנעס, פּלאָגענישען און פאַרפאָלגונגען, („ליכוּוע־אַמט”, מיכאַלסקי׳ס „דאַנינע”, גראַבסקי׳ס „עגלה”) וועלכע האָבן געבראַנגט פאַר־אַרעמונג און רואין דעם היגען יודישען סוחרים־קלאַס. אין יענער צייט האָט דאָס יודישע קליינהענדלערטום געפונען זיך אין אַ שווערער נאָך מלחמה לאַגע. וועלכע האָט געטריבען דעם קלאַס מענטשען אָנצוהויבען זיך אָרגאַניזירען און עס אַנטשטייען דעמאָלט די ערשטע היגע קליינהענדלער־פאַראיינען. שפּעטער זענען פאָרגעקומען עטלעכע שפּאַלטונגען צווישען די היגע יודישע סוחרים־קרייזען. עס ווערען אָרגאַניזירט און אַנטשטייען אַ פּאָר נייע היגע יודישעווירטשאַפטלעכע פאַראיינען. דערנאָך זענען צוגעקומען נאָך נייע היגע יודישע סוחרים און קליינהענדלער פאַראיינען, וועלכע רעפּרעזענטירען און פירען אָן דעם אָבוועהר־קאַמף—קעגען די אַטאַקעס אויפ׳ן היגען יודישען סוחרטום — אַלס די שלוחים פון יודישען סוחרים־קלאַס אין לאָדזש.

**אָנהויב פון דער האַנטווערקער־באַוועגונג**

די ערשטע היגע לעגאַליזירטע יודישע בירגערלעכע האַנטווערקער־פאַראיינען האָבן אַדורכגעמאַכט שווערע נסיונות און צייטען: דער ערשטער פ. האָט כּסדר וועגעטירט 1) דער צווייטער פ. האָט באַלד נישט געקאָנט אָנהייבען זיין טעטיגקייט 2) דער דריטער („יודישער בעקער מייסטער פאַראיין”) האָט אָנגעפירט זיין אַרבעט ביז 1911. דערנאָך אַריבער אַלס באַזונ־דערער אָבטייל באַ׳ם היגען פּוילישען בעקער צעך. צוליב אַ מסירה ווערט דורך דער ג. רוּ־סישער מאַכט צוריקגעצויגען די לעגאַליזאַציע, (1913) מיט׳ן מאָטיוו — אַז יודען איז נישט דערלויבט צו האָבן באַזונדערע צעכען. דער „האַנטווערקער־קלוב” ווייטער האָט מיט׳ן מלחמה־אויסברוך געמוזט אָבשטעלען זיין גאַנצער אָנגעהויבענער אָרגאַניזיר־אַרבעט צווישען די יוד. האַנטווערקער. ערשט אין די שפּעטעריגע מלחמה־יאָרען (1916—18) איז אַריינגעטרע־טען אַנ׳אויפלעבונג אין די היגע האַנטווערקער־רייען און עס אַנטשטייען דעמאָלט אַ גאַנצע ריי בירגערלעכע האַנטווערקער־פאַראיינען („שוסטער מייסטער פ.”, „מאַלער מייסטער פ.”, „קאַפּעלושמאַכער פ.”, „פאַראייניגטער יוד. פּראָפ. שניידער מייסטער פ.”, „פריזיער מייסטער פ.”) דורך וועלכע עס זענען אויך שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרען און אויסגעוואַקסען די מחנות פון די האַנטווערקער. 1922 איז דאָ לעגאַליזירט געוואָרען דער לאָדזשער אָבטייל פון דער וואַרשעווער האַנטווערקער־צענטראַלע, (זאַוואַדזקע 5) וועלכער האָט גענומען אָנפירען אַ

---

1) זעה: היטעלמאַכער צעך

2) בלעכער און דעקער־צעך

פּאָזיטיווער אַרבעט צווישען די היגע יודישע האַנטווערקער־מאַסען און אַריינציהען אַלץ נייע פאַראיינען. די האַנטווערקער־אַרבעט איז דורכדעם נאָך פאַרצווייגטער געוואָרען, אינטענסיווער און האָט געקריגען אַלץ מער אַ מאַסען־כאַראַקטער. און ס'איז אָנגעקומען דער מאָמענט, ווען ס'איז געלייגט געוואָרען דער יסוד פון אַ יודישער האַנטווערקער־באַוועגונג אין לאָדזש — דורכ'ן יודישען אַרבעט־מענטש, בעל מלאכה און כאַלופּניק, וועלכער פירט אַ פאַרביטערטען קאַמף פאַר זיין קיום.

**געז. „אָרט“**

אַ חשיבות'דיג אָרט אין דער היגער האַנטווערקער־אַרבעט פאַרנעמט, בלתי ספק, דער אָרטיגער אָבט. פון דער געז. „אָרט“, וועלכער העלפט מיט אין אַ גרויסער מאָס אין דעם איבערשיכטונג־פּראָצעס פון די יודישע מאַסען און גרייט צו קוואַליפיצירטע יודישע אַרבעטער אין די פאַבריקען. די געז. „אָרט“ העלפט אויך צו דער יודישער פרוי איבערצוגייען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. די געז. „אָרט“ (געגר. 1921) האָט אָנגעפירט אַ פּאָזיטיווער אַרבעט אויפ'ן געביט פון אינדוסטריאַליזאַציע און פּראָדוקטיוויזאַציע פון די יודישע מאַסען אין לאָדזש. דורך דער געז. „אָרט“ איז געשאַפען געוואָרען דער ערשטער היגער יודישער לוין־וועבער קאָאָפּ. „פּראָגרעס“ (1929) מיט 20 מעכאַנישע שטולען און הילפס־מאַשינען — וואו ביז 40 יודישע משפחות האָבען זייט דעמאָלט באַשיידען פּרנסה. אַ צווייטער ענלעכער לוין־וועבער קאָאָפּ. איז דורך דער געז. „אָרט“ געשאַפען געוואָרען אין 1937 פאַר עטלעכע און צוואַנציג יודישע לוינוועבער משפחות.

**מעכאַנישע לוינוועבער־קאָאָפּעראַטיוון**

**מעכאַנישע וועבערייי**

אַ צווייטע וויכטיגע פּאָזיציע איז געווען די „געז. צו פאַרשפּרייטען מעכאַנישע וועבעריי צווישען יודען“ (געגר. 1928 באַ דער מיטהילף פון „דזשוינט“) וועלכע האָט אָבער געמוזט צוליב דער פּאַסיווקייט פון די לאָדזשער יודישע פאַבריקאַנטען, לגבי דער מעכ. וועבעריי, נאָך עטלעכע יאָר געשלאָסען ווערען.

**יודישע פאַבריקען**

אין דעם לעצטען צענדלינג יאָר איז צו באַמערקען אַ באַוועגונג, וועלכע האָט אין זיך דעם קערן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אין אַ טייל היגע יודישע ספערען ווערט געפירט אַן אַקציע, וואָס האָט אַ ציל, אַריינצופירען יודישע אַרבעטער אין יודישע פאַבריקען, ווי אויך מיטצוהעלפען יודישע האַנטוועבער איבערצוגייען אויף קראַפט־שטולען. כאָטש ס'האָט פּאַסירט דאָס יוד. פאַבריקאַנטען האָבען די ערשטע צייט אָנגעטראָפען אויף שטערונגען, ווי אויך אַן אַגרעסיווער שטעלונג מצד די קריסטלעכע אַרבעטער, (שטרייקען) אָבער, דאָך איז דאָס עקשנות געבראָכען געוואָרען — און די יוד. אַרבעטער האָבען אָנגעהויבען זייט דעמאָלט (1928) אַריינגעפירט צו ווערען אין די יוד. פאַבריקען. און אין אַ סך צענדלינגער יוד. פאַבריקען אַרבעטען איצט שוין קוואַליפיצירטע יוד. אַרבעטער, דאַרונטער זענען פאַראַן עטלעכע בראַנזשען וועלכע ביז נישט לאַנג צוריק זענען זיי געווען כמעט אינגאַנצען יודען־ריין (קאָטאָן און זייד־בראַנזשע).

**האַנטווערקער־באַוועגונג ת׳אַקסט**

די היגע יוד. האַנטווערקער־באַוועגונג איז קענטיג אין די לעצטע צוויי צענדלינג יאָר שטאַרקער געוואָרען אין די רייען און געקריגען מער אָנזעהען און ווערט. דער יוד. האַנטווערקער איז אינצווישען אויך געוואָרען אַ סך באַוווסטזיניגער, דרייסטער און האָט גענומען זיך אינטערעסירען חוץ מיט דעם וואָס קאָן פאַרבעסערען זיין מצב, אויך מיט ענינים וואָס זענען אים נוגע אַלס יוד און מענטש. די יודישע לאָדזשער האַנטווערקער־באַוועגונג נעמט איצט אַרום צענדלינגער צעכען, אַ פאַר קאָרפּאָראַציעס און צוויי האַנטווערקער צענטראַלעס („צענטראַלער האַנטווערקער און קליינאינדוסטרי פאַרבאַנד“, „האַנטווערקער עקספּאָזיטור“). די יודישע האַנטווערקער־באַוועגונג גרופּירט אַרום זיך עטלעכע טויזענט יודישע האַנטווערקער און כאַלופּניקעס און האָט שוין עטלעכע מאָל דאָקומענטירט איר פּאָליטיש רייפקייט (געשיקט אירע פאָרשטייער אין דער האַנטווערקער־קאַמער, שטאָט־ראָט און יודישער קהלה אין לאָדזש). די יודישע לאָדזשער האַנטווערקער־באַוועגונג האָט — נישט געקוקט דאַרויף — וואָס זי האָט געהאַט אין די לעצטע יאָרען אויסצושטייען פאַרשידענע באַגרעניצונגען, אַטאַקעס און שטרויכעלונגען (צעכען און אינדוסטרי געזעץ, לוסטראַציעס, האַנטווערקער־קאַרטען, עקזאַמענס, ווי אויך דעם ווילען צו פאַרשמעלערען די רעכט פון יודישען בעל מלאכה און אויסצואַלימינירען גאַנצע פאַכען פון יודישע הענט) דעם קאַמף נישט אויפגעגעבען און געפירט אים עקשנותדיג ביז'ן סוף.

**פּאַרטיי־אַקטיוו**

די לאָדזשער יודישע פּאָליטישע פּאַרטייען וועלכע זענען אין זייער אויפקום געווען בבחינת אידייען, וואָס וואַרטען אויף אַ תיקון — זיי זאָלען אויפגעכאַפּט און פאַרהייליגט ווערען... די פּאַרטייען האָבען ביסלעכווייז גענומען ווירקען אויף די מאַסען און געווינען הערצער, צופּלאָמט נשמות, אויפגערודערט טעמפּע מוחות — ווי אויך אַדורכגעאַקערט דעם לאָדזשער באָדען; די פּאַרטייען האָבען באַוווסטזיניג געמאַכט און אויפגעקלערט טיילען פון די היגע יודישע מאַסען, גערופען צום קאַמף פאַר אַ בעסערען ליכטיגען מאָרגען, (אַרבעטער עלעמענטען) אָדער, זיי געוועקט צו נעמען אַן אַקטיווען אָנטייל אין דער אויפבוי־אַרבעט פון ארץ ישראל, ווי אויך אָנגעפירט אַ העפטיגען קאַמף פאַר אָנערקענען אונזערע בירגער־

לעכע און מענטשלעכע רעכט דאָ אויפ'ן אָרט (בירגערלעכע עלעמענטען). חוצדעם האָבען די יודישע פאַרטייען אַדורכגעפירט פאַרשידענע פּאָליטישע קאמפען, אַקציעס, וואַל־קאָמפּאַניעס, (קאָמונאַלע און מלוכה אָרגאַנען, קהלה) וועלכע האָבען באַוויזען, אַז אונטער די פּלייצעס פון די פירער שטייען איצט צענדליגער טויזענטער יודישע פאָלק־מאַסען וואָס האָבען זיי אָנפאַרטרויט זייער גורל און באַרעכטיגט צו מעשים און רעדען אין זייער נאָמען. דאָס איז דער אַקטיוו פון די יודישע פאַרטייען אין לאָדזש.

פילאַנטראָפּיע

אַ גאַנץ באַזונדער אָרט אין דער געשיכטע פון דער יודישער לאָדזשער געזעלשאַפטלעכקייט פאַרנעמט די פ י ל אַ נ ט ר אָ פּ י ע. אויב די געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכע מיר האָבען געזעהען, איז דער קאָלעקטיווער אויסדרוק פון כלל, איז אָבער פילאַנטראָפּיע פאַרבונדען בלויז מיט'ן יחיד, וועלכען זי העלפט אין אַנ'עת צרה, עפּידעמיע, קריזיס, מלחמה־צייט; די פילאַנטראָפּיע האָט אָבער די פּאָזיטיווע זייט וואָס זי וועקט די מאַסען פאַר יעדער דרינגענדיגער הילף, רירט טיילמאָל מיט אירע ווייגעשרייען אַפילו שטיינערנע הערצער און רופט זיי צו אַקטיווע מעשים. — און דאָס געפיהל פון רחמנות וואָס שטרעבט צו לינדערען יענעמס ליידען און דער ווילען צו העלפען אָרעמע מענטשען, איז געווען די באַהאַלטענע כונה פון אונזערע ערשטע פילאַנטראָפּען... העלפען יעדען איינעם וואָס דאַרף נאָר הילף—אָט דאָס איז געווען דער דעוויז, וועלכער האָט געגעבען יענע פילאַנטראָפּען דעם מוט און חשק צו דער אַרבעט... העלפען — באַדאַי נאָר אויף דער מינוט, אַבי חיי שעה... וועגען ראַדיקאַלער הילף האָט זיך נאַכנישט געחלומט יענע פילאַנטראָפּען — דאָס איז געווען די פילאַנטראָפּיע פון יענער צייט...

חברה אָדער קאָמיטעט צו פּלעגען קראַנקע פון יודישען גלויבען אין לאָדזש

די ערשטע היגע „חברה אָדער קאָמיטעט צו פּלעגען קראַנקע פון יודישען גלויבען אין לאָדזש", (1881) איז צוגעטרעטען צו דער אַרבעט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 4 רובעל און באַ אַ צאָל פון אַכצען מיטגלידער. אין אָנהייב האָט מען אין שטאָט נישט געוויסט פון דער נייער חברה און ס'האָט זיך קיינער נישט געוואָנדען צו איר נאָך הילף. וואו נעמט מען אַ קראַנקען? זענען עטלעכע דיזשורנעס אַרויס איבער דער שטאָט זוכען, ביז מ'האָט אויף אַלטשטאָט געפאַקט דעם ערשטען קראַנקען. אַזוי האָט די חברה „בקור חולים" אָנגעהויבען צו פירען איר אַרבעט. (לאָדזש האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט אַ יודיש שפּיטאָל.) אין יענער צייט איז די חברה געווען די ערשטע, וועלכע האָט געשיקט משמורים מיט פּלעגע צו קראַנקע סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט, געשיקט אַ דאָקטאָר אָדער פעלדשער צום חולה אין שטוב אַריין און צוגעשטעלט אומזיסט דעם חולה די פאַרשריבענע דורכ'ן דאָקטאָר מעדיצינען. נאָך אַ יאָר צייט האָט די חברה שוין געציילט 629 מיטגלידער. צוליב אַ מסירה אין די חברה, לויט אַ באַפעל פון פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר (1888) געשלאָסען געוואָרען. און די חברה האָט געמוזט דערנאָך פירען אין געהיים איר אַרבעט...

דאָבראָטשינאָשטש
לינת הצדק
לינת החולים

צוליב דער וואַקסענדיגער נויט צווישען די אָרעמע יודישע וועבער, איז 1893 דורך אַ גרופּע לאָדזשער בירגער אונטערגענומען געוואָרען באַמיהונגען באַ דער ג. רוסישער מאַכט וועגען אַ דערלויבעניש אויף צו דערעפענען אַ יודישע וואָילטעטיגקייט־געזעלשאַפט. נאָך לאַנגיאָריגע אָנשטרענגונגען מצד די חשובסטע בירגער פון לאָדזש 1) איז געלונגען צו לעגאַליזירען די ערשטע היגע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט. דאָס לעגאַליזירען די „לאָדזשער יודישע געז. דאָבראָטשיננאָשטש" (1899) איז געווען אַ וויכטיג געשעהעניש. ווייל, זי באַטייט אַ דאַטע אין דער געשיכטע פון דער יודישער לאָדזשער געזעלשאַפטלעכקייט. (די פריעריגע חברה האָט נאָר געהאַט באַקומען (1881) אַ צייטווייליגע דערלויבעניש). אין 1899 איז געגרינדעט געוואָרען דער היגער „לינת הצדק" וועלכער האָט די ערשטע צייט געשיקט משמורים מיט פּלעגע צו די קראַנקע אין די שפּיטעלער. שפּעטער איז לעגאַליזירט געוואָרען דער היגער „לינת החולים" (וועלכער האָט פריער געמוזט אַ צייט פירען זיין אַרבעט אין געהיים, ווייל די ג. רוסישע מאַכט האָט אָבגעזאָגט די לעגאַליזאַציע). דער „לינת החולים" האָט צוגעשטעלט די קראַנקע בחנמדיגע דאָקטוירים, ווי אויך געשיקט משמורים מיט פּלעגע צו די קראַנקע.

דער „דאָבראָטשיננאָשטש", „לינת הצדק" און „לינת החולים" זענען געווען די ערשטע לעגאַליזירטע היגע יודישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

גרויסע פילאַנטראָפּען

די לאָדזשער יודישע פילאַנטראָפּיע האָט געהאַט (אין לעצטען פערטעל פון פאַרגאַנגענעם און אָנהויב פון נייינצענטען יאָרהונדערט) אירע גרויסע יחידים־פילאַנטראָפּען, וועלכע האָבען אויפגעשטעלט אַ גאַנצע ריי מאָנומענטאַלע בנינים און וויכטיגע אינסטיטוציעס פאַר דעם יודישען לאָדזש — און דורכדעם איינגעקריצט זייערע נעמען מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פון דער לאָדזשער יודישער געזעלשאַפטלעכקייט. דעם אויבענאָן, פון די ערשטע גרויסע פילאַנטראָפּען, פאַרנעמט דאָס פּאָרפאָלק הערמאַן און מינאַ קאָנשטאַט. ה. ק.

הערמאַן און מינא קאָנשטאַט

1) זעה: לאָדזשער יוד. געז. דאָבראָטשיננאָשטש

האָט באַ'ם לעבען געלאָזט זיך אַ סך קאָסטען פאַר פאַרשידענע היגע שטאָטישע און יודישע אינסטיטוציעס. (עלעמענטאַר-שולען, סינאַגאָגע-בוי) ווי אויך גענומען אַן אַקטיווען אָנטייל אין שטאָטישען געזעלשאַפטלעכען לעבען. (געווען זייט 1865 קוראַטאָר פון די היגע עלעמענטאַר-שולען, מיטגרינדער און דירעקטאָר פון דער לאָדזשער האַנדעל-באַנק, לאַווניק פון געריכט, וויצע-פּרעזעס פון דעם סינאַגאָגע-קאָמיטעט אויף פּראָמענאַדע גאַס; פאַר זיינע פאַרדינסטען האָט ער באַקומען אַ סך אָרדערס און דעם טיטול: „געהיימער ירושהדיגער ראַט-געבער"). הערמאַן קאָנשטאַט האָט באַ זיין לעבען געשאַפען דאָס „הויז פאַר אָרעמע" — אַזוי ווערט עס אָנגערופען אין דער דערלויבעניש 11/IV 1893 דורך דער ג. רוסישער מאַכט (איצטער „חברה מחסה לזקנים") און געשאָנקען דערפאַר דאָס צוויי שטאָקיגע הויז אויף פּאָמאָרסקע 54 מיט דער פולשטענדיגער איינריכטונג פאַר 24 מענטשען, וואָס איז דורך אים אויך אויסגעהאַלטען געוואָרען. דעם 20 אָקטאָבער 1895 איז אין עלטער פון 68 י. געשטאָרבען הערמאַן—דער זיהן פון משה חיים — קאָנשטאַט. די מוטער זיינע איז געווען דינה, פון דערהיים שענקעלעווסקי. נאָכ'ן טויט איז אויפגעעפענט געוואָרען זיין צואה, פון וועלכער מ'איז דערגאַנגען אַז ער האָט פאַרשריבען זיין גאַנץ פאַרמעגען פון 1 מיליאָן רובעל אויף וואָילטעטיגע צוועקען, איינשטעלענדיג אַן אַפּטרופּסות פון זיין און ווייב'ס וואָילטעטיגקייט-פונדאַציע, אין דעם צוזאַמענשטעל, פון די קוראַטאָרען: יאַקוב הירשבערג, יוזעף פּרענקעל, אַדאָלף דאָבראַניצקי, יאַקוב זאַקס, ד"ר עדמונד קראַקאָווסקי, סאַלאָמאָן לאַנדוי און די פונדאַטאָרען מינאַ קאָנשטאַט 2) ווען די יורשים, זיינע ברידער און שוועסטער אין קרובים, זענען געוואָיר געוואָרען פון דער צואה — האָבען זיי אויפגעהויבען אַ טומעל און פּראָטעסטען און אַוועק צו די בעסטע אַדוואָקאַטען, וועלכע האָבען גענומען זוכען מיטלען צו שטערען דאָס אויספירען פון דער צואה. די פּראָצעסען מכח דעם ענין האָבען געדויערט יאָרען, און די זאַך האָט דעמאָלט אָנגעשפאַרט אַזש ביז'ן רוסישען סענאַט — ערשט נאָכ'ן איינשטילען די תביעות פון די קרובים איז מען צוגעטרעטען צו דערפילען דעם פאַרלאַנג פון גרויסען פילאַנטראָפּ. הערמאַן קאָנשטאַט האָט אין זיין צואה פאַרשריבען — 30 טויזענט רובעל פאַר'ן „הויז פון אָרעמע". (פּאָמאָרסקע 54) 30 טויזענט רובעל פאַר אַ שול פון 3 אָדער 4 קלאַסען, 150 טויזענט רובעל פאַר'ן היגען ,,דאָבראָטשינאָשטש'', וועלכער זאָל דערפאַר אויפשטעלען אַ שפּיטאָל פאַר יודישע מינדיאָריגע קינדער. דעם 4 פעברואַר 1904 האָט דער ה. און מ. קאָנשטאַט פונדאַציע-קאָמיטעט באַקומען לעגאַליזירט דעם סטאַטוט. די ערשטע זאַך פון קוראַטאָריום איז געווען דאָס אויפשטעלען די שול פאַר יונגלעך, (אויף זאַוואַדזקע 42) וועלכע איז אָנגעהויבען געוואָרען צו בויען 1899 און דעם 13 אָקטאָבער 1900 אַריבער אין רשות פון דעם יודישען לאָדזש. דעם פייערלעכען אַקט האָבען דעמאָלט אונטערגעשריבען הרב אלי' חיים מייזעל, ד"ר י. יעלסקי, ישעי' ראָזענבלאַט, א. דאָבראַניצקי, יונה וואַרשאַווסקי, בערנאַרד דאָבראַניצקי, א. טיקאָטשינער, א. שטילער, איזידאָר בירענבוים, מאָריץ ליקערניק. אין 1909 איז אָנגעהויבען געוואָרען די אַרבעט באַ'ם אויפשטעלען דאָס שפּיטאָל אין ראַדאָגאָשטש, וועלכער איז פאַרטיג געוואָרען אין 1914 און אָבגעקאָסט קרוב 900 טויזענט רובעל.

1917 האָט מינאַ קאָנשטאַט מנדב געווען (בכדי צו באַערען דעם אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן הערמאַן) און אויפגעשטעלט אויפ'ן שטח פון נייעם בית החיים, (בראַצקי גאַס) דאָס טהרה-הויז מיט אַ זאַל אויף צו מאַכען הספדים, 2 שוהלען — און איבערגעגעבען עס אין רשות פון דער יודישער באַפעלקערונג אין לאָדזש.

דעם 1 יולי 1933 האָט דער ה. און מ. קאָנשטאַט פונדאַציע-קאָמיטעט געקויפט פון קאַרל בעניך — אַ פּאַלאַץ און 2 מאָרג פּאַרק, פאַר 18 טויזענט דאָלאַר, (אויף וואָלטשאַנסקע 243ב) וואו ס'איז איינגעאָרדענט געוואָרען, אַן אינטערנאַט פאַר אַלטע אָבגעקומענע מענטשען, א. נ. ,,זאַצישע''. אין דעם אינטערנאַט זענען דערווייל פאַראַן 5 מענער און 12 פרויען.

ישראל קלמנס און לעאָניע פּאָזנאַנסקי

דאָס ערטשע אָרט פון די גרויסע פילאַנטראָפּען, פאַרנעמט דאָס פּאָרפּאָלק, ישראל און לעאָניע פּאָזנאַנסקי. ישראל קלמנס פּאָזנאַנסקי איז געווען איינער פון די ערשטע בויער פון

2) דאָס פּאָרפּאָלק מינאַ און הערמאַן קאָנשטאַט האָבען חתונה געהאַט דעם 29 אויגוסט 1854 אין וולאָצלאַוועק. דער רעיענטאַלער אַקט שטעלט פעסט, אַז מינאַ דאָבזשינסקי, די טאָכטער פון דוד דאָבזשינסקי פון וולאָצלאַוועק טראָגט אַריין דעם מאַן אין נדן 900 זילבערנע רובעל און ער — דער מאַן הערמאַן קאָנשטאַט באַזיצט 1200 זילבערנע רובעל. זייער גאַנץ לעבען האָט דאָס פּאָרפּאָלק געפירט אַ באַשיידען לעבען. אָבער, זייער איינציג שטרעבען איז תמיד געווען, אויב זיי וועלען קומען צום ערשטען מיליאָן רובעל — וועלען זיי אים אָוועקשענקען אויף פאַרשידענע וואָילטעטיגע צוועקען. אין דער ערשטער צואה (1891) האָט הערמאַן קאָנשטאַט אָבגעשריבען זיין גאַנץ פאַרמעגען זיין פרוי מינאַ קאָנשטאַט. אָבער, שפּעטער האָט ער געענדערט זיין פריערדיגען באַשלוס. אין זיין צווייטער צואה (20 יוני 1894) שרייבט ער: „מחמת כ'האָב מיט מיין פרוי נישט געהאַט קיין קינדער, פאַר וועלכע כ'זאָל האָבען פליכטען—בין איך מנדב מיין גאַנץ פאַרמעגען אויף וואָילטעטיגע צוועקען. פון מיין גאַנץ פערמעגען (1 מיליאָן רובעל) זאָל געשאַפען ווערען אַן אייזערנער קאַפּיטאַל, פון וועלכען די צינזען זאָלען פאַרווענדט ווערען אויף וואָילטעטיגע צוועקען.

נייע סינאַגאָגע

דער נייער סינאַגאָגע. די צוויי פּלעצער (אויף עק פּראָמענאַדע און זשעלאָנע) זענען דעם 19 (31) מערץ 1881 אָבגעשריבען געוואָרען אויף זיין נאָמען. די נייע סינאַגאָגע איז אויפגעשטעלט געוואָרען פון עפענטלעכע באַשטייערונגען. דער פייערלעכער חנוכת הבית פון דער נייער סינאַגאָגע איז פאַרגעקומען דעם 15 סעפטעמבער 1887 (יום ה׳ כו׳ אלול תרמ״ז) 1) דער ערשטער סינאַגאָגע-קאָמיטעט איז געווען: ישראל פּאָזנאַנסקי — פּרעזעס, הערמאַן קאָנשטאַט — וויצע, איזידאָר בירענבוים, ישעי׳ ראָזענבלאַט, יעקב זאַקס, מאַרקוס זילבערשטיין, הוגאָ וואָלפסאָן. דער סינאַגאָגע-קאָמיטעט האָט אָנגעפירט אַ גרויסע פילאַנטראָפּישע טעטיגקייט 2) ווי אויך געזאָרגט פאַר דער רעליגיעזער באַדערפעניש 3) ישראל פּאָזנאַנסקי איז געווען קוראַטאָר פון „צייטווייליגען יודישען שפּיטאָל" (דרעוונאָווסקי גאַס) און זייט דעם 1 אָקטאָבער 1885 האָט ער עס אַליין צוגעזאָגט אויסצוהאַלטען 4) איינער פון די הויפּט-גרינדער פון דער „געז. תּלמוד תּורה", געווען מיטגרינדער און פּרעזעס פון „דאָבראָטשיננאָשטש", ער האָט מנדב געווען די קינסטלערישע באַצירונגען פון דער מזרח-וואַנט אין דער אַלטשטאָטישער שוהל, געווען איניציאַטאָר פון יאַראָטשינסקיס האַנטווערק-שול 5) געווען יאָרענלאַנג דאָזאָר און פּרעזעס פון דער היגער גמינע, געווען שעפער און הויפּט-געלטגעבער באַ׳ם אויפפעפענען פון נייעם בית החיים.

יודיש שפּיטאָל א. נ. ישראל און לעאָניע פּאָזנאַנסקי

די איינציגע מאָנומענטאַלע זאַך, וועלכע ישראל קלמנס פּאָזנאַנסקי האָט מנדב געווען, איז: דאָס יודישע שפּיטאָל (טאַרגאָווע גאַס 1). דעם 5 מאַי 1886 יאָר איז געלייגט געוואָרען דער גרונטשטיין אויפ׳ן דאָרטיגען פּלאַץ און דעם 17 אָקטאָבער 1888 יאָר איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער חנוכת הבית פון 3 שטאָקיגען שפּיטאָל-בנין 6) וועלכען דאָס פּאָרפאָלק ישראל און לעאָניע פּאָזנאַנסקי האָט אויפגעשטעלט און איבערגעגעבען צום נוצען פון דער יודישער באַפעלקערונג אין לאָדזש.

אמאָליגע און איצטיגע פילאַנטראָפּען

יענע ראָמאַנטישע תּקופה האָט אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע פּלעיאַדע פילאַנטראָפּען, וועלכע האָבען אויפגעשטעלט ווערטפולע אינסטיטוציעס און בנינים. מאַרקוס און טערעזע זילבערשטיין האָבען געגרינדעט 1892 דאָס ערשטע היגע „יתומים הויז" (זאַקאָנטנע 25) וואָס איז דורך דער פרוי טערעזע ז. אָנגעפירט און אויסגעהאַלטען געוואָרען. זיין ברודער דוד און סאָלאָמעאַ זילבערשטיין האָבען געשאָנקען די פּלעצער אין קאָשיזשוווקע, אויף וועלכע דאָס פּאָרפאָלק מאַרקוס און טערעזע זילבערשטיין האָבען אויפגעשטעלט צוויי פּאַווילאָנען מיט וועראַנדעס און אַ פּאַרטער-הייזעל און דאָרט איינגעאָרדענט „קאָלאָניעס פאַר יודישע קינדער אין קאָשיזשוווקע. ישעי׳ ראָזענבלאַט האָט געשאַפען (1893 דאָס שפּיטאָל פאַר גייסטיגקראַנקע 7) ווּעסאָלע 17) יאַקוב און אַננאַ הערץ (1900 אָכראָנקע פאַר קינדער (פּאָלנאָצנע 39 זיגמונט און בערטע יאַראָטשינסקי (1901 תּלמוד תּורה און קורסען פאַר האַנטווערק-וואַרשטאַטען (שרעדניע 46-48) מאַקסימיליאַן און אַננאַ גאָלדפעדער (1901 הויז צו באַזאָרגען מיט ביליגע דירות פאַר דעם אָרעמסטען טייל (שרעדניע 92) לעאָפּאָלד און דאָראָטאַ לאַנדוי האָבען מנדב געווען (1904) דאָס הויז מיט׳ן פּלאַץ (סמוגאָווע 4) פאַר דער „I. אָכראָנקע פאַר יודישע קינדער" (וועלכע האָט זייט 1898/99 אָנגעפירט איר אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון ראָזאַ דאָבראַניצקי. 1911/12 האָבען אויפגעשטעלט 3 געמויערטע פּאַווילאָנען אין „אוזדראָוויסקאָ" — די פאַמיליע לעאָניע פּאָזנאַנסקי, מ. און ה. פּרעכנער און די פאַמיליע פון סאַלאַ קראָטאָשינסקי. יוזעף און זאָפיע הירשבערג האָבען געשאָנקען (1913) דעם בנין מיט׳ן פּלאַץ 8) (פּאָלנאָצנע 38). די מלחמה האָט אָבער מיטאַמאָל איבערגעריסען יענע איידעלע טראַדיציע פון די ערשטע פילאַנטראָפּען און ס׳האָט אַפילו אויסגעזעהען אַז שוין אויף אייביג. ערשט אין דער לעצטער צייט האָבען זיך ווידער באַוויזען אַ פּאָר פילאַנטראָפּען, וועלכע האָבען געשאַפען עטלעכע נייע נויטיגע אינסטיטוציעס: באָריס ליטווין און ג. ניידאַ (1923/24 סאַנאַטאָריע — „ראָזאַלינאַ") פּנחס און חנה גערשאָווסקי, פייטעל און לעאָניע לאַנדוי (1926/28 האָבען אויפגעשטעלט בנינים אין אינטערנאַט — „העלענוווּעק") אברהם און הדסה פּיאַסקאָווסקי (1932 איינגעאָרדענט אַ האַלב-אַראַנזשעריע אין „העלענוווּעק") אָבער, דאָ מוזען מיר מאַכען אַ פאַרגלייך, וואָס איז שײַך — אין אַלגעמיין — פילאַנטראָפּען: הגם דאָס רוב פון די אַמאָליגע פילאַנטראָפּען איז באַשטאַנען פון מענטשען פון סוחרישע ספערען (אינדוסטריעלער, סוחרים, באַנקירען) האָבען זיי דאָך אַסך אויפגעטוען פאַר דעם יודישען לאָדזש — און די היינטיגע?

---

1) זעה: פּנקס פון דער סינאַגאָגע (פּראָמענאַדע גאַס)
2) ערשטער דין וחשבון פון סינאַגאָגע-קאָמיטעט פאַר׳ן יאָר 1887/88
3) „געז. תּלמוד תּורה"
4) דין וחשבון פון צייטווייליגען יודישען שפּיטאָל 1885 יאָר
5) „געז. תּלמוד תּורה"
6) פּנקס פון שפּיטאָל א. נ. ישראל און לעאָניע פּאָזנאַנסקי
7) די יודישע קהלה אין לאָדזש
8) לאָדזשער יודישע געז. שוץ איבער יתומים

מ. פראַנקענטאַל

# פאַרטייען און הויפּט-אינסטיטוציעס

דאָ ווערט באַהאַנדעלט:

דער אָנהויב פון לאָדזשער „בונד“
פועלי ציון
מזרחי
ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע
אגודת האורטודוכסים
פאָלקיסטישע אָרגאַניזאַציע
צעירי אגודת ישראל
התאחדות
פועלי אגודת ישראל
פועלי ציון (פאַר. מיט צ. ס.)
ניי. צ. א.
די יודישע קהלה אין לאָדזש
לאָדזשער געז. צו פלעגען קראַנקע: בקור חולים
אוזדראָוויסקאָ
לאָדזשער יודישע געז. דאָבראָטשינאָשטש
הומאַניטאַרע געז. מאָנטעפיאָרע בני ברית אין לאָדזש

# דער אַנהויב פון לאָדזשער „בונד"

אין האַרבסט 1897, באַלד נאָכדעם ווי דער „בונד" איז אַנטשטאַנען, האָט דער וואַרשעווער „קאָמיטעט" דאָ אַהער אַריבערגעשיקט אַ מענטש, מיט אַ טשעמאָדאַן „ליטעראַטור" — וואָס זאָל דאָ אָנהייבן עפּעס צוטון.

ער, (פּסחזאָן) צוזאַמען מיט אַ ביאַליסטאָקער וועבער, (אייזיק — אויפ'ן ערשטען נאָמען) זענען גלייך צוגעטרעטען צו דער אַרבעט: אויפצורודערן די מאַסע דורך פלוג-בלעטער און אַגיטאַציע-בראָשורען.

לאָדזש האָט דעמאָלט געפונען זיך אין גלאַנץ פון איר אויפבליהונג. זי איז געוואָרען אַ גרויסע פאַבריק און האַנדעל-שטאָט — און נאָך לאָדזש האָט געצויגען זיך אַ גרויסער שטראָם אָרעמע לייט, דערהויפּט יונגוואַרג, וואָס האָבען דאָ געזוכט אַרבעט. די גרויסע מאַסע יודישע וועבער האָט זיך באַזעצט אין די לעכער פון באַלוט, באַ די האַנטשטולען און געאַרבעט עבודת הפרך, פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט, פאַר קלאָגענדיגע לוינען.

טאָג נאָך טאָג, ווען עס פלעגט ווערען פינצטערלעך, איז אויף באַלוט און אין די שכנותדיגע גאַסען אונטערגעלייגט געוואָרען, דאָ אַ בלעטעל דאָרט אַ בראָשורעל. ערגעץ אויף אַנ'אָרט, אַז מ'זאָל עס באַלד קאָנען געפונען. באַלד האָט אָנגעהויבען דאָרט צו קאָכען: מ'האָט די ליטעראַטור געלייענט, געציטערט — און דאָך געלייענט. געציטע־ט און איבערגעגעבען ווייטער. מיט דער צייט האָט צווישען דער אַרבעטער-מאַסע זיך באַשאַפען אַ שאַרפע שטרייק-שטימונג.

אין יענער צייט האָט די סעקטע באַפּטיסטען געפירט אין לאָדזש אַנ'אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע. די פּראָפּאַגאַנדע איז דורכאויס געפירט געוואָרען אין דער דייטשער עוואַנגעלישער סביבה, אָבער על פּי צופאַל זענען אין איר אַריינגעצויגען געוואָרען אויך יודישע יונגעלייט, וועלכע זענען געוואָרען אָפּטע אַריינגייער אין די באַפּטיסטישע טעמפּלען. און נישט איינער פון זיי האָט שוין געהאַלטען גאָר נאָהענט צו דער שמד.

אָט פאַר די גאָט-זוכער זענען איינגעאָרדענט געוואָרען אַ פּאָר היציגע דיסקוסיעס, וואו סאָציאַליזם איז פּאַרטייטש געוואָרען מיט תורת משה, עטיק, תלמוד און תנ"ך מיט דער פראַגע פון אַרבעט-לוין און אַרבעט-טאָג — און פון די יונגעלייט זענען אַ טייל גלייך אַריבער אויף דער בונדישער זייט און עטלעכע פון זיי ווי דער „באַפּטיסט", (דער צונאָמען איז אים פאַרבליבען ביז'ן סוף) משה לייב לעווקאָוויטש, (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין ביאַליסטאָק אין דריטען אָדער אין פערטען יאָר) זענען שפּעטער געוואָרען אָנגעזעהענע טוער פון „בונד".

אַזוי אַרום, איז פון איין זייט די מאַסע אויפגערודערט געוואָרען דורך פלוג-בלעטער און פון דער צווייטער זייט איז אַלץ פאַרגרעסערט געוואָרען די צאָל באַזוכער פון די פּראָפּאַגאַנדע-שטיבלעך, וואו צוזאַמען מיט מאַרקס'ן האָט מען אויך פלייסיג געקנעלט מיט די נייע תלמידים וועגען קאָנספּיראַציע.

אַז דער צ. ק. (דעמאָלט פאַר אַ יונגען חבר עפּעס מיסטעריעזעס) האָט זיך דערוויסט פון דעם דערפאָלג אין לאָדזש, האָט ער אָנגעהויבען אַראָבצושיקען „הילף".

צוערשט איז אַראָבגעקומען דאָ אַהער ראָזאַ גרינבלאַט, דערנאָך שיינע רייזעל סעגאַל, און אַנופּערקע פון ביאַליסטאָק, שפּעטער איז צוגעקומען „גליעב", (אַבראַם מוטניקאָוויטש און באָריס פרומקין.

די משפּחה האָט זיך פאַרגרעסערט. און אָנשטאָט דער פריעריגער לויזער „גרופּע" איז באַשאַפען ג וואָרען אַ קאָמיטעט פון „בונד".

אַזוי איז אַדורך דער ווינטער. ס'האָבען זיך איינגעשטעלט ברייטע פאַרצווייגטע באַציהונגען מיט דער „מאַסע", נישט בלויז וועבער, נאָר אויך פון אַנדערע פאַכען. די מורא פאַר די „טריפה" ביכלעך איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדען, און די מער אַנטוויקעלטע אַרבעטער האָבען ממש געשלינגען די נייע ווערטער. די יודישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור איז אָבער נאָך דעמאָלט געווען יונג און אָרעם, און דעריבער האָט אַלץ געמוזט פאַרטרעטען זיין בעל פּה. אין יענער צייט האָבען אָנגעהויבען איינגעאָרדענט צו ווערען „מאַסאָווקעס". פאַרזאַמלונגען ביז עטלעכע דרייסיג מענטשען, וואו ס'זענען שוין געהאַלטען געוואָרען רעדעס. דערבאַ פלעגט די קאָנספּיראַציע גאַנץ שטרענג אָבגעהיט ווערען: ס'פלעגען אויף דער גאַס, נישט באַמערקט פאַר זייטיגע, „פּיקעטען" אָנווייזען די ריכטונג וואו צו גייען, און די גאַנצע צייט פון דער „מאַסאָווקע" פלעגען זיך אַרומדרייען אויף דער גאַס „פּאַטרולען", אויפ'ן פאַל טאָמער קומט אָן פּאָליציי.

די מאַסאָווקעס פלעגען געוויינלעך פאָרקומען אין די קליינע הייזלעך פון באַלוט. הגם ס'איז נישט-מעגלעך געווען זיך אויסצובאַהאַלטען פאַר די שכנים, אָבער, די געפאַר פון אַ דירעקטער מסירה איז געווען אויסגעשלאָסען.

שווערער איז געווען צו קריגען פּאַסיגערע דירות פאַר די מאַסאָווקעס, ווייל דער בעל הבית האָט גוט געוויסט, אַז באַ אַ דורכפאַל ריזיקירט ער מיט יאָרען טורמע און אַפילו סיביר. אָבער אין אַ געוויסען פּרט איז אויך די מניעה באַזייטיגט געוואָרען, ווייל נישט געקוקט אויף דער סכנה, האָבען אַ פּאָר סימפּאַטיקער געהאַלטען פאַר אַ חוב מיטדעם צו דינען. און די סימפּאַטיקער זענען דאָס רוב באַשטאַנען נישט בלויז פון אַרבעטער, נאָר פון גאַסענהענדלער, פורמאַנעס און זייער גלייכען.

אַז ס'איז אָנגעקומען דער פרילינג זענען די מאַסאָווקעס אַריבערגעטראָגען געוואָרען אין די אַרומיגע וועלדער, דערהויפּט אין קאָנסטאַנטינער וואַלד, דאָרטען, וואו איצט גייט דורך די קאַלישער באַן. צווישען די ביימער, באַוואַכט פון דערווייטענס פון „פּאַטרולען" און „פּיקעטען", האָבען געקלונגען באַגייסטערטע טענער פון יונגע קעמפער, וואָס האָבען גערופען צו אַ נייַ לעבען...

אָבער מאָסקווע איז נישט געשלאָפען. דער באַרימטער זובאַטאָוו האָט אויסגעשפּרייט זיין נעץ, אַזש ביז לאָדזש. פון איינעם צום צווייטען זענען שטילערהייט, ווי שאָטענס, נאָכגעקראָכען שפּיאָנען די טוער. און סוף יולי, נאָך אַ גרויסער מאַסען-פאַרזאַמלונג אין קאָנסטאַנטינער וואַלד, זענען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט כמעט אַלע אַראָבגעצויגען געוואָרען פון די בעטען און פאַרשלאָסען געוואָרען אין שטיינערנע שטייגלעך אויף יאָרען..

אָבער די יודישע אַרבעטער-באַוועגונג פון „בונד" אין לאָדזש איז ווייטער געגאַנגען איר וועג.

# פּועלי ציון

אין 1904 האָט אין לאָדזש עקזיסטירט אַן׳אינטעליגענטען־גרופּע פון נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע ציוניסטען: „קדימה“, (אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דרייזענשטאָק׳ן) וועלכע איז געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דעם היגען ציוניסטישען קאָמיט ט. צוליב איר אָפּאָזיציאָנעלער אַרבעט איז זי לסוף אויך אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דעם אָרטיגען ציוניסטישען קאָמיטעט. די אינטעליגענטען־גרופּע „קדימה“ האָט געהאַט פּריוואַט־שטובען, וואו די מיטגלידער פלעגען זיך געהיים צוזאַמענטרעפען. יעדען פרייטאָג צונאַכט פלעגט די גרופּע אָבהאַלטען אין אַזעלכע שטובען מאַסען־פאַרזאַמלונגען, וועלכע האָבען באַהאַנדעלט טעאָרעטישע און פּרינציפּיעלע פראַגען און על פּי רוב געדויערט ביז׳ן ווייסען טאָג אַריין. צו דער „קדימה“ גרופּע זענען דעמאָלט אַראָבגעקומען און אַרויסגעטרעטען אויף אַזעלכע אָ׳ענטען די ראַדיקאַלע־ציוניסטען: נח פּרילוצקי, יצחק גרינבוים און דער פאַרשטאָרבענער יאַן קירשראָט. די „קדימה“ גרופּע האָט זיך שפּעטער געשפּאָלטען און די אַרויסגעטרעטענע האָבען געשאַפען די אָרטיגע ס. ס. אָרגאַניזאַציע. אָבער, אין „קדימה“ זענען כסדר צוגעקומען נייע מענטשען.

ווען אין 1905 בער באָראָכאָוו איז געקומען נאָך וואַרשע, האָט אויך די היגע גרופּע אים אַראָבגעבראַכט אין געהיים דאָ אַהער, וואו ר׳האָט געהאַלטען רעפעראַטען מיט און אָן דיסקוסיעס.

אין קאָמי פאַראיין (דלוגע 45) איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ גרויסער דיסקוסיע - אָוועַנט צווישען בער באָראָכאָוו און דעם בונדישען טוער בראָניסלאַוו גראָסער וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אויף וועלכער ס׳איז געקומען צו אַ געשלעג מיט די בונדאָווצעס. הגם בער באָראָכאָוו איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין פּועלי ציוניסט, האָט ער אָבער שוין אין זיינע רעפעראַטען אַרויסגעזאָגט געדאַנקען און פּרינציפּען, וועלכע ער האָט דערנאָך באַרירט אין זיין בראָשור: „די קלאַסענמאָמענטען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע“, און וואָס זענען אַריין אין דער טעאָריע פון פּועלי ציוניזם. די רעפעראַטען פון בער באָראָכאָוו׳ן האָבען דער היגער גרופּע ווי געעפענט די אויגען און אַרויסגעפירט פון די בלאָנדזשענישען אין וועלכע זיי האָבען זיך געפונען ביז אַהער.

אין האַרבסט 1905 האָט לאָדזש באַקומען אַ ידיעה פון וואַרשע, אַז נאָכ׳ן זיבעטען קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פּועלי־ציוניסטישע גרופּען, און אַז בן ציון ראַסקין, אַ דעלעגאַט פון וואַרשע אויפ׳ן ציוניסטישען קאָנגרעס, וועלכער איז אויך געווען אויף דער קאָנפערענץ, איז גרייט זיך צו שטעלען מיט לאָדזש אין פאַרבינדונג און קומען אַהער אָבצוגעבען אַ באַריכט סיי פון קאָנגרעס און סיי פון דער פּועלי־ציון־קאָנפערענץ. לאָדזש האָט באַלד אויף דעם מסכים געווען און ראש השנה 1905 איז בן ציון ראַסקין געקומען נאָך לאָדזש. דערנאָך האָט זיך איינגעשטעלט אַג׳ענגערער קאָנטאַקט צווישען לאָדזש און וואַרשע און די לאָדזשער „קדימה“ האָט אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען פּועלי־ציון גרופּען.

ס׳זענען געגרינדעט געוואָרען עטלעכע גרופּען, וואו ס׳פלעגען פאָרקומען פאָרלעזונגען וועגען: קאָנסטיטוציע, רעפּובליק, געלייענט געוואָרען בראָשורען א. ד. גל.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז נאָך לאָדזש אַראָבגעקומען צופאָרען דער ח׳ שמעון, (פייגעלע) וועלכער איז דאָ פאַרבליבען אַ לענגערע צייט, און געהאָלפען אַדורכפירען די ריי אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

צוזאַמען מיט׳ן היגען פאַראיין „ענפי ציון“, איז באַלד מיטגעריסען געוואָרען פאַר׳ן פּ. ציוניסטישען געדאַנק דער שוועסטער פאַראיין „בת ציון“, וואָס איז באַשטאַנען פון לויטער אַרבעטערינס. ס׳זענען אויך געשפּאָלטען געוואָרען דער „בנות ציון“ און „קול ציון“, פון וועלכע ס׳זענען אַרויסגעטרעטען די בעסערע חברים און אַריבער צו דער גרופּע פּועלי ציוניסטען.

די רייען פון דער אָרטיגער פּ. צ. האָבען זיך מיט יעדען טאָג אַלץ ווייטער פאַרגרעסערט, ווי אויך זענען צוגעקומען אינטעליגענטע כוחות. אויף די לאָדזשער גאַסען אויף דזשעלנע, פּיעטריקאָווער איז אויסגעוואַקסען די פּועלי־ציוניסטישע אַרבעטער בערזע.

די צייט איז דעמאָלט געווען אַ שטורמישע. די בירזשעס וואָס פלעגען פאָרקומען יעדען אָוועַנט זענען מאַסענהאַפט באַזוכט געוואָרען און די אַרבעט איז געווען אַ פרוכטבאַרע. די גרופּע האָט דעמאָלט באַקומען פון איר פונקציאָנאַר אַ ידיעה, אַז ס׳איז אַדורכגעפירט געוואָרען באַ 10 שטאָפּערענס דער ערשטער שטרייק און מ׳האָט געוויגט. מיט׳ן שטרייק האָט אייגענטליך אָנגעפירט בלויז דער פונקציאָנאַר. נאָר אַזוי ווי עטלעכע מיידליך האָבען נישט געוואָלט שטרייקען, איז אַרויף צו זיי אַ צווייטער חבר אַ קצב און האָט זיי געצווינגען צו שטרייקען. (דאָס איז געווען דער ערשטער „באַיאָוויעץ“) אַ פּאַרטיי אָן אַ באָיאָוויעץ האָט דעמאָלט געהאַט אַ פּנים, ווי אַ גביר אָן געלט.

די ערשטע פּראָקלאַמאַציע אין יודיש, וואָס עס האָבען אַרויסגעגעבען די היגע פּ צ., איז דערשינען אין שייכות מיט׳ן אַרויסגעגעבענעם מאַניפעסט פון 17 אָקטאָבער, אין וועלכער ס׳איז קלאָר אויפגעוויזען געוואָרען זיין אמת׳דיג פּ־צוף. אָנגעהויבען האָט זיך די פּראָקלאַמאַציע בזה הלשון: „דער נייער אויסגעבאַקענער גראַף, (זיטע אַלס שעפער פון מאַניפעסט האָט געקריגען דערפאַר דעם גראַפען־טיטעל) האָט אונז געשענקט אַ מאַניפעסט“. א.א.וו. די פּראָקלאַמאַציע איז קאָלפּאָרטירט געוואָרען אויף אַ געהיימען אופן און דער עולם האָט זי געלייענט מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם. אין די יודישע אַרבעטער־קרייזען איז די פּראָקלאַמאַציע געווען ווי אַ רוף צום קאַמף.

די ערשטע עפענטלעכע אַרויסטרעטונגען פון דער היגער פּ. צ. זענען פאָרגעקומען סוף 1905 יאָר. די אָקטאָבער־טעג, ווי אויך די פּאָגראָמען נאָך דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט האָבען אויפגעטרייסעלט די געזעלשאַפטלעכע כוחות פון אַלע שיכטען פון דער יודישער באַפעלקערונג. ס׳זענען דעמאָלט איינגעאָרדענט געוואָרען גרויסע מאַסענפאַרזאַמלונגען, ווי אויך איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ זעלבסטשוץ פון עטלעכע הונדערט מיטגלידער. די זעלבסטשוץ איז געווען איינגעטיילט אויף גרופּען, און אויף פאַרשידענע שטאָט־טיילען. יעדע גרופּע האָט געהאַט 2–3 רעוואָלווערן, עטלעכע מעסערס און אַסך שטעקענס. די געלט־מיטלען האָט די פּאַרטיי געזאַמעלט אויף ליסטעס פון באַשטייערונגען, וואָס דער עולם האָט געגעבען מיט אַן׳אָפענער האַנט. נאָך דעם מאַניפעסט פון 17־טען אָקטאָבער האָט זיך געדאַכט, אַז מ׳קאָן שוין פרייער אָבעטעמען. אין יענער צייט האָט דער „בונד“ געגרינדעט אַ פּאַרטייאישען פּראָפעסיאָנעלען טעקסטיל־אַרבעטער פאַראיין. און די פּ. צ. האָבען געגרינדעט אַ נישט־פּאַרטייאישען

נישט-לעגאַלען פראָפעסיאָנעלען טעקסטיל-אַרבעטער פאַראיין. די גרינדונג-פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין „עטרת ציון", באַ אַ צאָל פון 100 מענטשען. ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג פון די ה׳ה: איטשע בער לעווקאָוויטש — פאָרזיצער, מאָנאַסטירסקי—סעקרעטאַר, דוד בלימבוים—קאַסירער, חיים אליָטאָביאַש, חיים מרדכי, און די חברטעס פייגע און באַלטשע. דער טעקסטיל-אַרבעטער פאַראיין האָט אָנגעפירט אַ ברייטער אָרגאַניזיר-אַרבעט. נישט געקוקט אויף זיין נישט-לעגאַלקייט. די אָבצאָלונגען זענען רעגולער איינגעפלאָסען. ס׳זענען אַ־ורכגעפירט געוואָרען שטרייקען. פאַר די אַרבעטער פון די גרעסערע פאַבריקען פלעגען כסדר אָפּגעהאַלטען ווערען פאַרזאַמלונגען. און פון די קלענערע פאַבריקען פלעגען די אַרבעטער צונויפגעזאַמעלט ווערען אין איין לאָקאַל אַריין אויף אַ פאַרזאַמלונג. די פאבריקאַנטען האָבען דערין נישט געשטערט.

יאָנעלען אָרגאַן מיט דערזעלבער סומע וואָס דעם פוילישען, (2 קאָפּ אויף יעדען עקז.).

אין עקאָנאָמישע ענינים איז די יודישע סעקציע געווען זעלבסטשטענדיג דערמיט, וואָס זי האָט געבילדעט אַ באַזונדערע שטרייק-קאָמיסיע מיט דערזעלבער קאָמפּעטענץ, וואָס די אַלגעמיינע שטרייק-קאָמיסיע. ס׳האָט געמוזט געבילדעט ווערען אַ באַזונדערע שטרייק-קאָמיסיע, צוליב די אייגענאַרטיגע שטרייקען און סכסוכים. וועלכע פלעגען זיך טרעפען אויף דער יודישער גאַס. די פוילישע חברים האָבען געהאַט 2 פונקציאָנאַרען אין דער שטרייק-קאָמיסיע באַ אַ צאָל פון 10,000 מיטגלידער. די יודען, וועלכע האָבען געציילט אַ 1500 מיטגלידער, האָבען געמוזט צוליב די אָפטערע שטרייקען האָבען 2 שטרייק-פירער.

אויף די פאַרוואַלטונג-זיצונגען פלעגען די יודען פריי באַנוצען זיך מיט דער יודישער שפּראַך, און עטלעכע פון די פוילישע

## די ערשטע


ל. האָלענדערסקי (ארי׳)


ש. עדעלמאַן (מוליע)


ח. א. טאָביאַש


איטשע בער לעווקאָוויטש


יאָסעל זילבערבערג

די אָנפירענדיגע חברים פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע פון 1906 י. זענען געווען: לעאָן האָלענדערסקי, (אריה) שלמה שולמאַן און שמואל עדעלמאַן, (מוליע).

אין זומער 1906 י. איז דורך די פ. פ. ס. אָרגאַניזירט געוואָרען דער „אַלגעמיינער טעקסטיל-פאַראיין אין פוילען", און אויף דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג. וואָס איז פאָרגעקומען אין פאָזנאַנסקי׳ס פאַבריק, זענען מצד די פ. צ. דעלעגירט געוואָרען די חברים פישעל און בנימין זאב. נאָך דער גרינדונג זענען געפירט געוואָרען אונטערהאַנדלונגען וועגען פאַראייניגען זיך מיט זייער פאַראיין און שאַפען דאָרט אַ יודישע סעקציע. צו דער פאַראייניגונג איז אויך שפעטער צוגעשטאַנען די ס. ס. נאָך אַ פאָר חדשים פירען אונטערהאַנדלונגען האָבען די פ.צ. פאַראייניגט זיך אויף די יסודות: 1) די יודישע מיטגלידער ווערען רעגיסטרירט אין אַלגעמיינעם רעגיסטער. 2) די יודישע פאַראיינען געבען איבער זייער קאַפּיטאַל 400 רובעל (פ. צ. 300 און ס. ס. 100) אין דער אַלגעמיינער פאַראיינקאַסע. 3) די יודישע מיטגלידער בילדען אַ יודישע סעקציע, וועלכע איז אויטאָנאָם אין קולטורעלע ווי אויך געוויסערמאָס אין עקאָנאָמישע ענינים. 4) די יודישע סעקציע האַלט אָב אירע פאַרזאַמלונגען זעלבסטשטענדיג, ווייַלט אויס פון זיך דעלעגירטע אין פאַרוואַלטונג ווי אויך פאַרשידענע קאָמיסיעס פאַר יודישע פאַראיין ענינים. אין דער פאַרוואַלטונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון 11 מענטשען, זענען געוויילט געוואָרען 3 מענטשען, פאַרהעלטנישמעסיג צו דער צאָל מיטגלידער. די וואַלען זענען געווען לויט׳ן מערהייט-סיס עם און האָבען מאַיאָריזירט די ס. ס. ס׳זענען אויסגעקליבען געוואָרען ח. א. טאָביאַש, בנימין זאב און דער בונדיסט יאַנקעל פוקס.

די פאַראיינקאַסע האָט אונטערשטיצט אַ יודישען פראָפעס-

חברים האָבען זיך געפלייסט אָבצוענטפערען אויף יודיש. (דערונטער דער שפעטער געוועזענער שטאָט-פרעזידענט רזשעווסקי).

דער פראָפעסיאָנעלער טעקסטיל-פאַרבאַנד האָט עקזיסטירט איין יאָר נישט-לעגאַל, און נאָך אַ האַלב יאָר 1907 איז ער געווען לעגאַל. דערבאַ האָט ער געליטען אַרעסטען און פאַרפאָלגונגען מער ווי אין דער נישט-לעגאַלער צייט. דער פאַרבאַנד האָט איבערגעלאָזט, דורך די ערענסטע און חברישע באַציהונגען, די בעסטע זכרונות אין די ברייטע קרייזען פון די יודישע טעקסטיל-אַרבעטער

די לאָדזשער גרופּע פון די פּ צ האָט דעמאָלט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אויך אויף דער פּראָווינץ, ווי: טאָמאַשאָוו מאַז., בענדין, פאַביאַניץ, לאָסק, זאַוויערטשע, פשעדבאָרזש און אַ סך אַנדערע שטעטלעך, וואו זיי פלעגען אַדורכפירען שטרייקען, אויסגלייכען סכסוכים, אָבהאַלטען געהיימע פאַרזאַמלונגען. אָפטמאָל בעת די היגע זענען אַראָבגעקומען אין אַ שטעטעל אַריין, איז געקומען צו געשלעגען צווישען די דאָרטיגע חברים און די „שטערער פון דער אַרבעטער-זאַך"—ווי מען פלעגט זיי דעמאָלט אָנרופען. די לאָדזשער פלעגען גערודפט ווערען עד לחרמה. און נישט איינער פון די היגע „אַגיטאַטאָרען", איז אַריינגעפאַלען אין טורמע אַריין, צוליב אַ מסירה פון די דאָרטיגע פאַנאַטיקער. נאָך אַזאַ מעשה איז אין שטעטעל געוואָרען שמחת תורה: פטור געוואָרען פון די סאָציאַליסטען.—אָבער, דאָס האָט נישט אָבגעשראָקען די היגע חברים פון אויסצופירען זייער אַרבעט. פאַרקערט, זיי האָבען דורכדעם געקריגען נאָך מער מוט, אָנצופירען דעם קאַמף פאַר דער גערעכטער אַרבעטער-זאַך, ווי פריער...

סוף 1906 איז אַ גרופּע פון 10 היגע פ. ציוניסטען אַוועקגעפאָרען נאָך ארץ ישראל, דערונטער די חברים פישעל,

קליינער לצווין, משה שחר, (מאָרגענשטערן) און אַנדערע.

1907 אין דער צייט פון דער רוסישער רעאַקציע זענען פאָרגעקומען מאַסן-אַרעסטען צווישן די אָרטיגע פּ. צ. חברים און זיי זענען איינגעזעצט געוואָרן אין די תּפיסות, אַ טייל פון זיי זענען פאַרשיקט געוואָרן אין די ווייטע גובערניעס אַריין (מוליע, יודעל מיימאָן, פישעל, דאַנציגער) און אָבגעזעסן לענגערע טערמינען.

אין יענער צייט איז דורך די פּ. צ. אָנגעפירט געוואָרן אַ גרויסע נישט-לעגאַלע אַרבעט. די בירזשעס זענען תּמיד פול געווען מיט אַרבעטער. ס'זענען דעמאָלט אַרגאַניזירט געוואָרן אַ ריי אַרבעטער פון דער „נאָדעל" און „האָלץ" בראַנזשע. ס'איז אויך גלייך צוגעשטאַנען דער ערשט לעגאַליזירטער פאַראיין פון די „שעכט-הויז אַרבעטער". וועלכער האָט גענומען זייט דעמאָלט (1907) אָנפירען אַ לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט, אונטער די השפּעה פון די פּ. צ., וואָס עקזיסטירט ביז'ן היינטיגען טאָג.

די פּ. צ. אַרבעט איז אויך אין די ווייטעריגע יאָרען געפירט געוואָרען אויף אַ נישט-לעגאַלען אופן, אונטער די אויגען פון די אָכראַנע-לייט. אַזוי איז עס געווען ביז דער מלחמה צייט.

אין דעצעמבער 1914, ווען לאָדזש איז באָמבאַרדירט געוואָרען דורך די דייטשען און אין שטאָט, צווישען דער יודישער אָרעמקייט האָט געהערשט הונגער און נויט, איז באַם „שעכט-הויז אַרבעטער פאַראיין", (פילסודסקי 57) געגרינדעט געוואָרען אַ טיי-האַלע און ביליגע קוך פאַר דער יודישער אַרבעטערשאַפט, א. נ. „אַרבעטער-קלוב", אַ יאָר שפּעטער (1915) איז די איינריכטונג א. נ. „אַרבעטער-היים" לעגאַליזירט געוואָרען אַלס זעלבסט-שטענדיגע אינסטיטוציע. די „אַרבעטער-היים" האָט זיך אַריבערצויגען אין אַ ניי לאָקאַל אויף אַלג נסקע 14, (איצטער פּיראַמאָוויטש 3) וואו זי איז פאַרבליבען אַ ריי מיט יאָרען. די „אַרבעטער-היים" האָט אַחוץ איר אויפגאַבע, (אַרויסגעגעבען מיטאָגען, טיי און ברויט פאַר אַ ביליגען פּרייז, איינגעאָרדענט אַנ'אייגענע קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי פון 20 אַרבעטער) אויך אָנגעפירט א קולטורעלע אַרבעט, (לייען-זאַל, פאָרלעזונגען, פאַרשידענע אימפּרעזעס) און געווען דער צוזאַמענטרעף-פונקט פון דער היגער יודישער פּ. צ. אַרבעטערשאַפט. בעת דער באָל-שעוויסטישער אינוואַזיע (1920) איז די „אַרבעטער-היים" אויף אַ באַפויל פון דער מאַכט געשלאָסען געוואָרען.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָבען די היגע פּ. צ. אַדורכגעפירט די ערשטע וואַל-קאָמפּאַני'ע און אַריינגעפירט זייערע פאָרשטייער (האָלענדערסקי, ד"ר ראָזענצווייג און זילבערבאָגען) אין „שטאָט ראַט", וואו ס'האָט דעמאָלט האָלענדערסקי געלייענט אַ דעקלאַראַציע אין יודיש. (וועלכע איז שפּעטער דערשינען אין אַ באַזונדערער בראָשור).

אין 1918-19 האָבען די פּ. צ. גענומען אַנ'אַקטיווען אָנטייל אין היגען געשאַפענעם „אַרבעטער - ראַט", (89 דעלעגאַטען) וועלכע פלעגען אָפט אויף די פאַרזאַמלונגען (אין „סקאַלאַ" טעאַטער) אַרויסטרעטען מיט יודישע רעדעס.

אין 1918 ווערט דורך די פּ. צ. געשאַפען אַ ריי אַרבעטער פאַראיינען ווי: דער „טראַנספּאָרט", „הויז ווירטשאַפט" און „מעטאַל" פאַראיין. חוץ דעם ווערט אָרגאַניזירט די „יוגענט" אָרג. וואָס האָט גענומען זייט דעמאָלט אָנפירען אַ טעטיגקייט צווישען די יוגענט-קרייזען, וועלכע גרופּירען זי'ך אַרום דער היגער פּ. צ. אָרגאַניזאַציע.

אין 1919 אַנטשטייט דער פּ. צ. „ראַט פון פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער פאַראיינען", וועלכער האָט זיך שפּעטער אויך פאַראייניגט מיט דעם בונדישען „קולטור-אַמט" און אָנגעפירט בשותּפות'דיגע אַקציעס אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט. אָבער נאָך צוויי יאָר האָבען זיי זיך ווייטער געשפּאָלטען. באַם ראַט ווערט אין יענער צייט געשאַפען דער „סאַמבורירער" און „קעלנער" פאַראיין. דער „ראַט פון פּ־אָפעסיאָנעלע אַרבעטער פאַראיינען" פירט אָן די גאַנצע צייט ביז היינט זיין אַרבעט אויפ'ן פּראָפ. געביט.

אין 1919 איז דורך די פּ. צ. געשאַפען געוואָרען דער אַרבעטער קאָאָפּעראַטיוו „מלאָט" וועלכער האָט עקזיסטירט אַ ריי יאָרען (1919-29) און געהאַט 7 געוועלבער פון ביליגע פּראָדוקטען אין פאַרשידענע פונקטען פון אונזער שטאָט, און בשעתו אַ סך נוצען געברענגט דעם אָרעמסטען טייל פון דער היגער יודישער באַפעלקערונג.

אין 1920 י. בעת דער אַלגעמיינער שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי פּ. צ., זענען אויך פון דער לאָדזשער אָרג. אַרויסגעטרעטען אַ פּאָר חברים און אַריבער צו די היגע אַלטשטאָטישע „צעירי ציון".

דורך דער פּ. צ. „געז. אָוונט - קורסען פאַר אַרבעטער" איז אין משך פון די יאָרען (1922-34) אָנגעפירט געוואָרען אַ גרויסע אויפקלערונג-אַרבעט צווישען דער לאָדזשער יודישער אַרבעטערשאַפט, (ביבליאָטעק, פאָרלעזונגען, אַקאַדעמיעס, פאַרשידענע אימפּרעזעס.)

אין 1925 איז דורך די פּ. צ. געגרינדעט געוואָרען דער וואָינונג-קאָאָפּ. „פּאָראויס" וועלכער האָט באַקומען אַ גרויסע מלוכה'שע הלואה (1 מיליאָן 70 טויזענט גילד.) און איז גלייך צוגעטרעטען בויען און אויפשטעלען אַ ריי אַרבעטער-הייזער. דאָס ערשטע איז פאַרטיג געוואָרען דאָס פראָנט-הויז אויף בערעק יאָסעלעוויטש 16, וואו ס'האָבען אַריינגעצויגען 29 אַרבעטער-פאַמיליעס. דערנאָך איז אויפגעשטעלט געוואָרען די קווער אָפּיצינע, וואו ס'האָבען אַריינגעצויגען 10 פאַמיליעס. אין 1931 איז אויפגעשטעלט און פאַרטיג געוואָרען אַ הויז אויף וויסאָקע 21, וואו ס'האָבען אַריינגעצויגען 27 פאַמיליעס. די לעצטע 2 הייזער האָט דער וואָינונג קאָאָפּ. „פּאָראויס" אויפגעשטעלט אויף לעשנע 40, (1934) וועלכע דער קאָאָפּ. האָט שוין נישט באַוויזען אויסצופאַרטיגען, ווייל ר'איז אין דער צייט אַרונטערגעפאַלען אַנ'אופּאַדלאָשטש.

אין די יאָרען 1929-31 איז באַ די פּ. צ. געווען טעטיג אַ פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיוו „דעליציאַ", וועלכער האָט באַשעפטיגט צוואַנציג אַרבעטער.

די היגע פּועלי ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אירע פאַרטרעטער אין אַלע ביז איצטיגע לאָדזשער שטאָט-ראַטען, ווי אויך אין דער יודישער קהלה (1924-31) וועלכע האָבען תּמיד פאַרטיידיגט די פּאָסטולאַטען פון דער יודישער אַרבעטערשאַפט.

אין 1935 י. בעת דער אַלגעמיינער שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי פּ. צ. זענען אויך פון דער לאָדזשער אָרג. אַרויסגעטרעטען אַ גרופּע חברים און אַריבער צו די אַקטיוויסטען.

# מזרחי

נאָכ'ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, האָט הרה"ג ר' יעקב יצחק ריינעס ז"ל צוזאַמענגערופען נאָך ווילנע אַ קאָנפערענץ פון רעליגיעזע ליטווישע יודען, אויף וועלכער ס'איז דעמאָלט אָנגענומען געוואָרען דער באַשלוס, צו בילדען די „מזרחי" פעדע-

ראַציע אין דער אַלגעמיינער ציוניסטישער אָרג. אויף דער ווילנער קאָנפערענץ איז מצד די פוילישע יודען אָנוועזענד געווען דער איינציגער פאָרשטייער, אונזער בן עיר, הרב משה אליי' בירענבוים.

שפּעטער איז דורך הרב ר' משה אליי' בירענבוים, ר' צבי הכהן זילבערצווייג און ר' משה הילולא געגרינדעט געוואָרען אין יאָר תרס"ב (1902) דער היגער „אַגודת שלומי אמוני ציון, —מזרחי". דער ציל פון דער אַגודה איז געווען צו פאַרשפּרייטען דעם חיבת-ציון געדאַנק צווישען די רעליגיעזע יודישע קרייזען אין אונזער שטאָט.

דער „אגודת שלומי אמוני ציון—מזרחי" פלעגט אונטער דער רוסישער הערשאַפט פירען זיין אַרבעט אויף אַ נישט-לעגאַלען אופן. דער קרייז פון זיינע אָנהענגער איז באַשטאַנען פון אַן ערך 50 מענטשען. אין דער שול פון יעקב גאָלד, פלעגען זיי זיך אין געהיים צונויפטרעפען און מתוכח זיין מכח פאַרשידענע ענינים. איינמאָל האָט פּאָליציי געמאַכט באַ יעקב גאָלד אין דער שול אַ רעוויזיע און געפונען באַ אים עפּעס אַ פאַרשריבען פּאַפּירעל פון דער „אגודת שלומי אמוני ציון—מזרחי" און דערפאַר איז ער אָבגעזעסען אַ פּאָר חדשים אין תפיסה.

אין יענער צייט איז דורך די ה"ה: אריי' אייבעשיץ, ליפּשיץ, וואָלף זילבערשטיין, (מזרחי) ד"ר דרייזענשטאָק און ד"ר משה זילבערשטראָם, (ציונים) געשאַפען געוואָרען אַ תלמוד תורה, (אויף ווידזעווער 27) וואו ס'האָבען דערנאָך געלערנט אַ 800 קינדער, באַקומען עסען און קליידונג. די למודים זענען דאָרט פאָרגעקומען אין שטרענג יודישען גייסט, על טהרת הקודש. די תלמוד תורה האָט עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר.

כ'פלעגען אויך דעמאָלט פון צייט צו צייט אראָבגעבראַכט ווערען אָנגעזעהענע רבנים, וואָס האָבען דאָ געהאַלטען זייערע פאָרלעזונגען.

נאָכ'ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה, ווען דאָס יודישע געזעלשאַפטלעכע לעבען האָט אויפגעוואַכט צו אַ פרייע לעבען, נעמט אויך דער היגער „מזרחי" פירען זיין אַרבעט נישט געשטערט פון קיינעם.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, אין די יאָרען 1915—18, האָט דער היגער „מזרחי" באַטייליגט זיך אין אַ ריי געזעלשאַפטלעכע הילפס-קאָמיטעטן: באַ דער גרינדונג פון „רעטונגס-קאָמיטעט", „פסח-קוכען", „אַמעריקאַנער קאָמיטעט", געגרינדעט דורכ'ן „דזשאָינט".

נאָך דער פוילישער באַפרייאונג, (1920) איז לעגאַליזירט געוואָרען די צענטראַלע פון דעם „מזרחי" אין פוילען, און דער היגער סניף ווערט איינער פון זיינע אָבטיילען.

דער לאָדזשער „מזרחי" האָט געשפּילט אַן אָנגעזעהענע ראָל אין דער אַלגעמיינער מזרחי-באַוועגונג, ווי אויך אין היגען ציוניסטישען לעבען.

צו אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסען האָט דער לאָדזשער „מזרחי" שטענדיג געשיקט זיינע פאָרטרעטער. באַ קאָנגרעס-וואַלען איז די צאָל שטימען פאַר'ן היגען „מזרחי", איבערגעשטיגען די צאָל פאַרקויפטע שקלים דורכ'ן „מזרחי".

אויפ'ן געביט פון „קרן קימת לישראל"-אַרבעט האָט דער לאָדזשער „מזרחי" צו פאַרצייכענען גרויסע פאַרדינסטען, אַריינברענגענדיג די קק"ל-פּושקע אין די רעליגיעזע הייזער, און ספּעציעל אין די שוהלען און בתי-מדרשים, וואו דער קרן קימת איז געווען שטענדיג טריף-פסול.

אויך אויפ'ן געביט פון „קרן היסוד" האָט דער לאָדזשער „מזרחי" אַ סך אויפגעטאָן, שאַפענדיג צווישען די רעליגיעזע קרייזען תורמים פאַר'ן קרן היסוד.

דער לאָדזשער „מזרחי" האָט זיינע פאָרשטייער אין דער קהלה און אין די קאָמונאַלע אינסטיטוציעס, וועלכע פאַרטיידיגען די יודישע רעליגיעזע אינטערעסען.

דער לאָדזשער „מזרחי" פאַרמאָגט 2 אייגענע שוהלען איינע א. נ. „שערי מזרח", (זאַכאָדניע 63) און די צווייטע אויפ'ן נאָמען פון הרב קוק ז"ל, א. נ. „בית אברהם" (פּיעטריק. 18).

באַם היגען „מזרחי" עקזיסטירט איינע פון די גרעסטע מזרחיסטישע הכשרה-קבוצים אין פוילען, אויפ'ן נאָמען פון הרה"ג ר' שמואל מאָהיליווער ז"ל (פּאָמאָרסקאַ 25).

אויסערדעם זענען טעטיג די יוגענט-אָרגאַניזאַציעס „צעירי-מזרחי", (זאַכאָדניע 63), „החלוץ המזרחי", (נאַרוטאָוויטש 7) סקויטען-אָרגאַניזאַציע — „השומר הדתי", (6 שערפּיען 25) שול-יוגענט אָרג. „בני עקיבא" (פּילסודסקי 66), רעליגיעזע האַנטווערקער-אָרגאַניזאַציע „מרכז בעלי-מלאכה דתיים", (זאַכאָדניע 63), וועלכע אַנטוויקלען אַ ברייט-פאַרצווייגטע קולטור-אַרבעט, אויסבילדענדיג דעם נויטיגען עלעמענט פאַר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל.

דער אָרטיגער פּאַרטיי-ראַט באַשטייט פון די ה"ה: וואָלף זילבערשטיין—ערען-פּרעזעס, פּרעזידיום: יוסף ראָזענבערג, אלעזר בוים און וואָלף קויפמאַן. בער מאַרעק—סעקרעטאַר. מיטגלידער: א. אָזערבוים, ב. בורשטין, י. מ. ביאַלער, הרב י. גוטקאָווסקי, ב. דאָבזשינסקי, מ. פרידריך, מ. קראַסוצקי. קאַנדידאַטען: ב. האָכענבערג, י. ד. יאַמניק, א. וואַלטער, א. י. פּיק, ש. ליכטענבערג. רעוויזיע קאָמיסיע: י. בערגער, מ. נאַכטשטערן און ל. פאָלמאַן.

## ראַט:


י. מ. ביאַלער


וו. קויפמאַן


וו. זילבערשטיין
ערען פּרעזעס


א. בוים


ב. מאַרעק


ב. בורשטין

# ציוניסטישע ארגאַניזאַציע

די ציוניסטישע באַוועגונג איז אין אַמאָליגען צאַרישען רוסלאַנד, געווען נישט לעגאַל און די אַרבעט האָט געמוזט געפירט ווערען אונטער'ן מאַנטעל פון פאַרשידענע געזעלשאַפטען, „חובבי שפת עבר" א. א. און א. נ. „אָרטסער קאָמיטעט". ערשט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, (1915) ווען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבען איז געוואָרען אַ ביסעל פרייער, איז נאָך גרויסע שוועריגקייטען געלונגען אַרויסצובאַקומען פון דער היגער דייטשער אָקופּאַציע-מאַכט אַ באַשטעטיגטען סטאַטוט, און צום ערשטען מאָל איז געשאַפען געוואָרען אַ מעגלעכקייט צו פירען עפענטלעך די ציוניסטישע אַרבעט. דער ציוניסטישער שטאָטישער קאָמיטעט (ועד עירוני), וואָס האָט זיך דעמאָלט געשאַפען, איז באַשטאַנען פון די ה'ה: ד"ר מ. ברודאָ (פאָרזיצער) און אַלס מיטגלידער: ד"ר י. ראָזענבלאַט, יוסף אוריזאָן, מיכאל יאַרבלום, מרדכי מרח"ב, אברהם לאַפּ, שמואל לעוו, נתן מיליוקאָווסקי, מנחם ראָזענבלום, יוסף הערשקאָוויטש, ח. ליפּסקי, הירש ברויט, יחזקאל סטאָלינסקי, פרוי שושנה האַלפּערן. אין יענער צייט האָט דער „ועד עירוני" אַרומגענומען די נאַציאָנאַל-יודישע גרופּען און אינסטיטוציעס: „בית עם", „אהל יעקב", „הזמיר", „חובבי שפת עבר", „בר-כוכבא", „מורהי", „צעירי ציון", „בנות ציון". דער זיץ פון ציוניסטישען קאָמיטעט איז געווען אין די אונטערשטע זאַלען פונ'ם „בית עם". דער קאָמיטעט האָט איבערגענומען די לייטונג פון די א"י-זאַמלונגען און האָט אויפגעהאַלטען דעם קאָנטאַקט מיט דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דורך איר אויך מיט די יודישע קבוצים אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס אין אַמעריקע. (די אַלוו. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז בעת דער וועלט-מלחמה געווען די איינציגע יודישע קערפּערשאַפט פין וועלט-מאַסשטאַב, וועלכע האָט צוליב אירע אָרגאַניזירטע צענטרען געהאַט די מעגלעכקייט אויפצוהאַלטען די פאַרבינדונגען צווישען די יודישע קבוצים אין די פאַרשידענע לענדער), דערמעגלעכענדיג אויף אַזאַ אופן הונדערטער דורך דער מלחמה פאַראָרעמטע יודישע פאַמיליעס אין לאָדזש און אומגעגענט, אָנצוקניפּען פאַרבינדונגען מיט פאַרמעגלעכע קרובים אין אַמעריקע און צו באַקומען פון זיי גרעסערע געלט-איבערשיקונגען.

דער „בית-עם" (געגרינדעט אין מערץ 1915—ליקויד. 1919), האָט אַרום זיך קאָנצענטרירט די ציוניסטישע יוגענט, וועלכע האָט אַ חוץ אַ ברייטער זייער פאַרצווייגטער ציוניסטישער און קולטורעלער אַרבעט, אויך געפירט אַ פּרוכטבאַרע סאָציאַלע הילף-טעטיגקייט. באַ'ם „בית עם" זענען געווען טעטיג די איינריכטונגען: ביליגע קוך, טיי-זאַל, ביבליאָטעק, לייען-זאַל, פאַרלאַג, פאָלק-אוניווערזיטעט, פרעבעל-שול א. נ. „שלום עליכם".

אַלס צענטער פון ציוניסטיש - נאַציאָנאַלען לעבען האָט זיך שוין דעמאָלט שטאַרק אויסגעצייכענט די ציוניסטישע שוהל „אהל-יעקב". די געזעלשאַפט „חובבי שפת עבר", וועלכע האָט געשפּילט אַ וויכטיגע ראָל אין ציוניסטישען לעבען אין לאָדזש, האָט זיך אין די ערשטע יאָרען פון דער מלחמה ליקווידירט און די גרויסע העברעאישע ביבליאָטעק פון דער געזעלשאַפט איז איבערגעגאַנגען אין רשות פון ציוניסטישען קאָמיטעט און איז ווייטער געפירט געוואָרען אונטער'ן נאָמען פון „ע ב ר י ה".

אויסער דער העברעאישער פרעבעל-שול אויפ'ן נאָמען פון „שלום-עליכם", וואָס איז געשאַפען געוואָרען דורכ'ן „בית-עם" און איז שפּעטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ העברעאישע פאָלק-שול, איז פון ציוניסטישען קאָמיטעט אַרויסגעגאַנגען די איניציאַטיוו צו גרינדען דאָ אין לאָדזש די ערשטע העברעאישע גימנאַזיע אין פּוילען „יבנה". אַ ביסעל פריער איז אויך געשאַפ'ן געוואָרען די העברעאישע קינדער-היים „הרצליה". דורך דער ציוניסטישער יוגענט זענען צו יענער צייט געגרינדעט געוואָרען די העברעאישע קורסען פאַר דערוואַקסענע „התחיה", וועלכע עקזיסטירען נאָך עד היום. חוץ דעם פלעגען פאָרקומען אָפטע פאָרלעזונגען, רעפעראַטען, שיחות א. א. וו.

אין דער ערשטער ציוניסטישער לאַנד - קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1916 אין וואַרשע און אויך אין די שפּעטעריגע צוזאַמענפאָרען האָט דער לאָדזשער ציוניסטישער קאָמיטעט פאַרנומען אַ זייער אָנגעזעהען אָרט.

אונטער דער השפעה פון ציוניסטישען קאָמיטעט, איז אָנטשטאַנען אַ שטאַרקע ציוניסטישע יוגענט-באַוועגונג. אויסער די „צעירי-ציון"-גרופּען, וועלכע האָבען שוין עקזיסטירט פון פריער, איז דעמאָלט אָנטשטאַנען דער „השומר הצעיר", (ערשטע סקויטען-אָרגאַניזאַציע), שפּעטער דער „העברי הצעיר", „מרכז הצעירים", „לבנון" א. א. וו.

אין 1918 איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער ראַדיקאַלער ציוניסטישער יוגענט אָרג. „צעירי ציון", וועלכע איז ביז אַהער געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. עס בילדעט זיך דעמאָלט די פאָלק-פראַקציע „צעירי ציון", פון וועלכער עס אַנטשטייט שפּעטער די ציונ. סאָצ. פאַרטיי „צעירי ציון", און וועלכע שאַפט אַ באַזונדערע פראַקציע אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די צווייטע גרופּע, די א. ג. ראַדיקאַלע „צעירי ציון" בלייבען ווייטער אין דער ציונ. אָרגאַניזאַציע און ערשט אין 1920, נאָך דער פּראַגער קאָנפערענץ, פאַראייניגען זיי זיך מיט דער „הפועל-הצעיר"-פאַרטיי פון ארץ-ישראל און שאַפען די „התאַחדות „הפועל-הצעיר" וצעירי ציון", וועלכע בילדעט אויך אַ באַזונדערע פראַקציע אין דער ציוניסט. אָרגאַניזאַציע. אין 1925 פאַראייניגט זיך די צ. ס. פּ. „צעירי ציון" מיט די רעכטע „פּועלי ציון". די פאַראייניגטע פאַרטיי ווערט מיט דער צייט אָנערקענט דורכ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס אַלס אַ באַזונדערע פעדעראַציע.

די ציוניסטישע אידיי האָט אויך אַרומגענומען די פרויען-קרייזען, וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט אין באַזונדערע גרופּען. צוערשט „בנות-ציון", שפּעטער „מרים", „ציוניסטישער פרויען-פאַרבאַנד", וואָס איז אין די לעצטע יאָרען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין די „וו.י.ז.אָ." אָרגאַניזאַציע.

כדי צו דערמעגלעכען צו פירען די ציוניסטישע אַרבעט אויך אויף די פּעריפעריען פון דער שטאָט, זענען דורך דעם ציוניסטישען קאָמיטעט געגרינדעט געוואָרען „בני ציון" אין ראַיאָן פון גייערס מאַרק, „אגודת ציון" אין ראַיאָן פון אַלט-שטאָט און „תקות-ציון" אין ראַיאָן פון שייבלערס-מאַרק.

אַ זייער וויכטיג אָרט אין דער ציוניסטישער אַרבעט האָבען פאַרנומען די פאַרשידענע זאַמלונגען פאַר ארץ ישראל, וועלכע זענען אויך אין די גרעסטע צייטען נישט אָבגעשטעלט געוואָרען. די זאַמלונגען פאַר די פאַרשידענע צווייגען פון קרן קימת. זאַמלונגען פאַר די מלחמה-געליטענע אין א"י א. א. וו. מיט גרויס דערפאָלג איז אין יאָר 1917 אַדורכגעפירט געוואָרען

געקומען אַ קרייז-קאָנפערענץ, וואָס האָט אַ סך מיטגעהאָלפען צו אָרגאַניזירען די אַרבעט פון קרן קימת אין די אַרומיגע שטעט־לעך. מיט דער אַרבעט פאַרנעמט זיך אויך דאָס אָרטיגע ביוראָ, וואָס אָרדענט אָפט איין באַזוכען אין די שטעט פון היגען קרייז.

אין יאָר תר״ץ האָט באַזוכט לאָדזש דער שליח פון קק״ל ד״ר צבי זהר פון א״י, וועלכער האָט מיטגעהאָלפען צו פאַר-שטאַרקען די אַרבעט פון קק״ל אין די שולען. דער באַזוך פון ד״ר ש. יוריס אין 1931 איז אויסגענוצט געוואָרען פאר אַ ברייטער פראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג-אַרבעט. (אַקאַדעמיע אין פיל-הארמאָניע, פאַרזאַמלונגען אין די יוגענט-אָרגאַניזאַציעס, א.א.וו.).

אין יאָר תר״ץ איז צוזאַמען מיט דעם פרויען-פאַרבאַנד „וו.י.ז.א.״ אָרגאַניזירט געוואָרען צום ערשטען מאָל אַ באַזאַר, פון וועלכען 50 פראָצ. פון דער ריינער הכנסה איז געווען באַשטימט לטובת דעם קרן הקימת, די הכנסה איז געווען אַ באַטייטענדיגע. דער באַזאַר איז אויך איינגעאָרדענט געוואָרען אין יאָר תרצ״א און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרען אַ סטאַבילער הכנסה-צווייג פון קק״ל.

די זאַמעל-צווייגען פון קרן-קימת זענען: פושקעס, פעריאָדישע אַקציעס, (תשרי, חנוכה, ט״ו שבט, פורים, ל״ג בעומר, כ׳ תמוז, א. א.) נדרים, ספר הזהב, באַזאַר, טעלעגראַמעס, יער-הרצל, א. א. דער וויכטיגסטער הכנסה-צווייג זענען די פושקעס, וואָס ברענגען 35 פראָצ. פון די אַלגעמיינע הכנסות. אין דער שטאָט זענען יעצט פאַרשפרייט קרוב 5 טויזענט פושקעס, פון וועלכע עס פליסט איין אַנ׳ערך 2 טויזענט גילדען אַ חודש.

די יאָרען 1924—1925 שטייען אונטער׳ן צייכען פון דער גרויסער 4-טער עליה. לאָדזש אַלס דער צווייט-גרעסטער יודישער קיבוץ אין פוילען מיט זיין ספּעציפיש - ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור, שיקט צו יענער צייט כמעט די גרעסטע צאָל עולים קיין ארץ ישראל פון פוילען. דער גרעסטער טייל באַשטייט פון דער מיטעלשטאַנד און קאַפּיטאַליסטען-ספערע. (אין יאָר 1925 זענען אויסגעוואַנדערט פון לאָדזש נאָך א״י

## שטאָטישער-קאָמיטעט:


מ. ח. רומקאָווסקי


רעד. י. אוגער


ה. ליטווין
וויצע


ד״ר י. ראָזענבלאַט
פרעזעס


מ. מארכעוו
וויצע


ש. לעוו


א. שיין


ראַטמ. אדוו. ז. שטרויך


ה. סקורא


ב. וועגמייסטער


מ. קאַראָ


מ. לימאַן


וו. ראָטקאָפּ
סעקרעטאַר


א. שאַפּיראָ
סעקרעטאַר

קרוב 2000 יודישע נפשות, פון זיי איבער 1000 פון קאַפּי־טאַליסטען און מיטעלשטאַנד, קרוב 400 קרובים פון א״י־איינ־וואַינער און די איבעריגע אויף אַרבעטער־סערטיפּעקאַטען.) דער „פּאַלעסטינע־אַמט״ ווערט זייט דעמאָלט דער צענטראַל־פּונקט, אַרום וועלכען עס קאָנצענטרירט זיך די גאַנצע עליה־טעטיגקייט. אין 1926 צוליב'ן קריזיס אין א״י און דאָס אָפּ־שטעלען פון דער עליה אין סוף 1925 קומט אַ באַטייטענדיגע ירידה אין דער יודישער אויסוואַנדערונג קיין א״י, וואָס האַלט אָן אזוי אַזש גאַנצע צוויי יאָר. אין 1928—29 איז ווייטער צו באַמערקען אַ שטייגערונג אין דער עליה און אַפילו די בלוטיגע אַב־געשעהענישען אין 1929 האָבען קיין שום ווירקונג נישט אויפ'ן עליה־דראַנג קיין א״י פון די היגע יודישע מאַסען. די ווייטעריגע יאָרען צייכענען זיך אויס מיט אַ כסדרדיגער און געוואַלטיגער שטייגערונג אין דער עליה, וועלכע דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט אין יאָר 1935. פון לאָדזש פאָרען אָב אין דער צייט די גרעסטע צאָל—נאָך וואַרשע—עולים און טוריסטען קיין ארץ ישראל. אַ שטאַרקע טעטיגקייט אַנטוויקעלט אין די לעצטע יאָרען אויך דער טוריסטען־אָפּטייל בּאַ דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אין די לעצטע יאָרען איז די ציוניסטישע אַרבעט אין אונזער שטאָט שטאַרק אויסגעוואַקסען, באַזונדערס די זאַמלונגען פאַרן „קרן־היסוד״, „קרן־קימת לישראל״ ווי אויך די פאַרשפּרייטונג פון שקל.

די טעטיגקייט פון „פּאַלעסטינע־אַמט״ איז געשטיגען מיט'ן וווקס פון דער עליה.

די היגע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געשאַפען אָפּ־טיילען אין די פּעריפעריען פון דער שטאָט („אגודת ציון, „דורשי ציון״, „בני ציון״.) וואו ס'ווערען פון צייט צו צייט אַדורכגעפירט פאַרשידענע אַקציעס.

בּאַ דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט דער פאַרבאַנד „התחיה״, (די אַמאָליגע „על־המשמר״־גרופּע) און די יוגענט־אָרגאַניזאַציעס: „החלוץ־הכלל־ציוני״, (פריער „החלוץ־המרכזי״) דער חלוצישער הכשרה־קבוץ „בילו״ און „הנוער הציוני״ (פריער „הרצליה״ און „השומר־הלאומי״) און דער קבוץ „ברוך״. אויסערדעם שטייען אונטער דער השפעה פון דער אָר־גאַניזאַציע: די שוהל „אהל־יעקב״, דער אינטערנאַט און לאַנד־ווירטשאַפטלעכער פאַרם „העלענוועק״ און די אָכראָנקע „הרצליה״.

אין 1934 איז געשאַפען געוואָרען דער „ווירטשאַפטלעכער ארץ־ישראל אינסטיטוט״ פאַר אינפאָרמאַציע וועגען א״י־ענינים און פאַר פאַכמענישער צוגרייטונג פאַר ארץ־ישראל, ווי אויך איז געגרינדעט געוואָרען די חלוצישע האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע „חלוץ־בעל־מלאכה״.

די היגע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַדורכגעפירט אַ סך עפענטלעכע מיטינגען און פאַרזאַמלונגען אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. בּאַם ציוניסטישען קאָמיטעט זענען טעטיג די העברעאישע אָוונט־קורסען פאַר דערוואַקסענע און נאָכמיטאָג־קורסען פאַר יוגענטלעכע, ווי אויך די העברעאישע ביבליאָטעק „עבריה״, וועלכע ציילט קרוב 2500 ביכער און דער פאָלק־אוניווערזיטעט וואָס אָרדענט איין פאָרלעזונגען אין העברעאיש, יודיש און פּויליש.

דער שטאָטישער קאָמיטעט באַשטייט פון די ה'ה: ד"ר מ. ברודא—ערען־פּרעזעס, ד"ר י. ראָזענבלאַט—פּרעזעס, מ. מאַרכעוו און ה. ליטווין—וויצע'ס. ש. לעוו, רעד. י. אוגער, מ. ח. רומ־קאָווסקי, וו. האַלבערשטאַט, י. פּיקעלני, ק. לעווענטאָן, מ. לימאָן, מ. קאַראָ, נ. וועגמייסטער, וו. סקוראַ, אַדוו. ז. שטרויך, ש. רייכמאַן, א. שיין, אַדוו. בערקאָוויטש, ח. ווידאַווסקי, א. חייקין, מ. טעמפּעלהאָף, י. לובלינסקי, נ. מיכעלזאָן, י. קראָן, פרוי מ. רעזניק, און ש. ראָגאָזשינסקי.

# אַגודת הארתודקסים

די ערשטע זיצונג אויף וועלכער ס'איז אַקצעפּטירט געוואָרען די נויטווענדיגקייט, אַז די אָרטאָדאָקסען מוזען זיך אָרגאַניזירען אין אַנ'אגודה, איז פאָרגעקומען כ"ז טבת תרע"ז, אין דער פּריוואַט־וואָינונג פון אַהרן יוסף וואָידיסלאַווסקי, בּאַ אַ צאָל פון 41 מענטשען. שפּעטער זענען אָבגעהאַלטען געוואָרען מכח דעם ענין אויך עטלעכע פאַרזאַמלונגען. דעם 22 און 24 אַפּריל 1917 איז פאָרגעקומען אין „האַרמאָניע־זאַל״, (ציגעל־גאַס 63) די גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון דער היגער „אַגודת הארתודקסים״, בּאַ אַ צאָל פון עטלעכע הונדערט מענטשען.

דער „אַגודת הארתודקסים״ האָט זיך אַריינגעצויגען אין דעם לאָקאַל נאַרוטאָוויטש 11, וואו ער האָט גענומען אָנ־פירען אַנ'אַרבעט אויפ'ן געביט פון כשרות און חנוך.

דער ועד החנוך האָט געשאַפען עטלעכע מוסטער־חדרים א. נ. „יסודי התורה״, אין וועלכע עס ווערען געלערענט למודי הקודש״ און וועלטלעכע לימודים. 1) „יסודי התורה״ אויף פּאָלוד־ניאָווע 11, וואו ס'זענען פאַראַן 9 מחלקות און לערענען 269 תלמידים. 2) „יסודי התורה״ אויף גלוווגע 31, 6 מחלקות און 200 תלמידים. 3) „יסודי התורה״ אויף נוי־זאַרזשעווסקי 7, 7 מחלקות און 250 תלמידים. 4) „יסודי התורה״ אויף אַל. 1 מאַי 37, (געשלאָסען געוואָרען 1936). חוצדעם האָט דער ועד החנוך געגרינדעט אַ תלמוד תורה אויף לימאַנאָווסקי 13, וואו ס'זענען געווען 3 מחלקות און געלערענט 50 תלמידים. ווי אויך אַ העכערע ישיבה, א. נ. „מתיבתאָ״ אויף נאַרוטאָוויטש 11, וועל־כע האָט געהאַט 1 מחלקה און ס'האָבען געלערענט 40 תלמידים. די „מתיבתאָ״ האָט עקזיסטירט צוויי יאָר.

דער ועד החנוך האָט אויך געזאָרגט פאַר טעכטער־דער־ציהונג, גרינדענדיג 2 בית־יעקב שולען. איינע אויף שרוד־מיעסקע 32 און די צווייטע אויף פּיראַמאָוויטש 3 (האָט עקזיס־טירט 2 יאָר) און אָוענט־קורסען.

דער היגער „אַגודת הארתודקסים״ האָט אַ צייט אַרויסגע־געבען אַ טאָג־צייטונג „די יודישע שטימע״.

דער „אַגודת הארתודקסים״ האָט אויסגעבויט די מקוה, זגערזשער 27 און די היגיענישע מקוה, גדאַנסקע 75.

די „אַגודה״ נעמט אַרום כמעט אַלע מפלגות חסידים פון אונזער שטאָט.

בּאַ דער היגער „אַגודה״ איז טעטיג אַ „סניף לעניני ארץ ישראל״, וואָס האָט מיטגעהאָלפען פאַר'ן ישוב אין ארץ ישראל.

בּאַ דער „אַגודה״ זענען אַנטשטאַנען די אָרגאַניזאַציעס: „פּועלי אגודת ישראל״, „צעירי אגודת ישראל״ און „בנות אגודת ישראל״.

לייטונג:



י. פארבשטיין



ד. שטאַהל



רעפּ י ל. מינצבערג
פּרעזעס



ראַטמ. פּ. ליבערמאַן
וו. פּרעזעס



י. בלאָשטיין



י. א. געזונטהייט



ב. ג. טשאַרנאָלעווסקי



ש. י. רעכטמאַן



א. ה. נירענבערג



רעד. א. ג. פרידענזאָן

באַ די וואַלען צו דער יודישער קהלה אין לאָדוש (1924) האָט די „אַגודה" אַדורכגעפירט עטלעכע פאָרשטייער און זייט די וואַלען פון 1931 בילדען זיי די מערהייט פון דער איצטי·גער יודישער קהלה אין לאָדוש.

דער „אַגודת הארתידקסים" האָט געהאַט אין אַלע פריערדיגע שטאָט·ראַטען זיינע פאָרשטייער.

# פאָלקיסטישע אָרגאַניזאַציע

נאָכ'ן אַנטשטייען פון דער „יודישער פאָלקס·פאַרטיי אין פוילען", איז אין 1918 דורך דער איניציאַטיוו פון רעד. לאַזאַר קאַהאַן, פאָרגעקומען אין היגען וואַרשעווער זאַל, (פּאָלודניאָווע 36) די גרינדונג·פאַרזאַמלונג פון דער לאָדושער אָרגאַניזאַציע, אויף וועלכער ס'איז אויסגעוויילט געוואָרען אַ צייטווייליגע פאַר·וואַלטונג.

נאָך דער גרינדונג איז די נייע פאָלקיסטישע אָרגאַני·זאַציע אויפגענומען געוואָרען מצד אַ גרויסען טייל פון די היגע בירגערליכע קרייזען קעגנעריש און אַ סך האָבען אַפילו אַרויס·געוויזען צו איר אַ ביטולדיגע באַציהונג. אָבער, ביסלעכווייז האָט זיך דאָס אַלץ געענדערט. און זי האָט גענומען וואָס ווייטער אַלץ מער איינבירגערען זיך צווישען די מאַסען...

די ערשטע צייט איז אָנגעפירט געוואָרען אַ גרויסע ווער·ביר·אַקציע און אויפקלערונג·אַרבעט. אין דעם פאָלק · קלוב, (דלוגע 24) זענען אָפט פאָרגעקומען פאָרלעזונגען אויף פּראָ·גראַמאַטישע און קולטורעלע טעמעס פאַר ענגע פאַרטיי·חברים.

שפּעטער איז אָנגעהויבען געוואָרען אַנ'אַרבעט אויפ'ן געביט פון אָרגאַניזירען דעם יודישען קליינהענדלער פון אונ·זער שטאָט—וועלכער איז ביז דעמאָלט געווען כמעט ווי הפקר — און ס'זענען איינגעשטעלט געוואָרען אַ גאַנצע ריי בראַנזשען·סעקציעס אין דעם פאָלק·קלוב, (פּיעטר. 5). ס'איז אויך דע·מאָלט געמאַכט געוואָרען די התחלה איינצושטעלען אין פאַר·שידענע היגע האַנטווערקער·פאַראיינען פאָלקיסטישע גרופּען, וועלכע זאָלען אַדורכפירען אַנ'אויפקלערונג·פאַרטיי·אַרבעט, וואָס האָט גורם געווען אַז אַ סך פאַראיינען זענען נאָך אַ צייט געשפּאָלטען געוואָרען, (דער „יודישער בעקער·מייסטער פאַראיין", „פאַראייניגטער יודישער פּראָפעסיאָנעלער שניידער·מייסטער פאַראיין", „לוין·וועבער · מייסטער פאַראיין" און דער „האַנטווערקער·קלוב". פּאָלוד. 4) און טייל זענען אַרונטער דער פאָלקיסטישער השפעה.

אין 1919 איז געגרינדעט געוואָרען אַ „פאָלק·יוגענט אָר·גאַניזאַציע" באַ דער היגער פאָלקס·פאַרטיי, וועלכע האָט גענומען זייט דעמאָלט גרופּירען אַרום זיך יוגענט פון דער פאָלק·אינטע·ליגענץ און פאָלק מאַסען, אָנפירענדיג צווישען זיי אַ קולטורעלע אַרבעט דורך אָפטע פאָרלעזונגען, רעפעראַטען און חברישע שמועסען.

אין 1921 איז אין לאָקאַל פון „שניידער·מייסטער פאַראיין" (פּיעטריקאָווער 20) פאָרגעקומען די גרינדונגס·פאַרזאַמלונג פון דעם לאָדזשער אָבטייל פון וואַרשעווער צענטראַל·פאַרבאַנד פון די קליינהענדלער". אין וועלכען ס'האָבען זיך אָנגעשלאָסען די פריערדיגע סעקציעס. דער לאָדזשער קליינה. אָבטייל האָט צו·ערשט אָנגעפירט זיין טעטיגקייט אין פאָלק·קלוב, (פּיעטר. 25).

אין סוף 1924 איז לעגאַליזירט געוואָרען אַ זעלבסטשטענדיגער „צענטראַלער קליינהענדלער פאַראיין״, (איצט פּאָמאָרסקע 15) וועלכער איז די גאַנצע עקזיסטענץ־צייט אָנגעפירט געוואָרען פון פאָלקיסטישע פאַרטיי־מענטשען.

אין פאָלק־קלוב, (פּיעטר. 25) זענען איינגעאָרדענט געוואָרען (25—1919) פון צייט צו צייט ליטעראַרישע אָווענטען מיט'ן אָנטייל פון היגע יודישע שרייבער. פאַרוויילונגען. סיסטעמאַטישע לעקציעס און פאָרלעזונגען אויף וויסענשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס.

אין 1922 האָט אַ גרופּע האַנטווערקער־פאָרשטייער אָרגאַניזירט דעם לאָדזשער אָבטייל פון דער וואַרשעווער האַנטווערקער־צענטראַלע באַ דער פאָלקס־פאַרטיי. נאָך דער לעגאַליזאַציע

ריסאָרען־באַזיצער. אין 1927 האָט דער ראַט פון דער אָרטיגער פאָלקיסטישער אָרגאַניזאַציע דורכגעפירט אַ פאַראייניגונג און געשאַפען דעם „צענטראַלען ראָד־פאַרקער פאַרבאַנד״, (איצט פּילסודסקי 43) וואָס פירט אָן זיין אַרבעט ביז'ן היינטיגען טאָג.

באַם פאָלק־הויז, (זאַוואַדזקע 5) איז אין יענער צייט (30—1925) געווען טעטיג אַ כּפאָרט־קלוב „שמשון״, דראַמאַטישע סטודיע, וועלכע האָט דאָרט אויפגעפירט פאַרשידענע זאַכען. (פון אַ טייל סטודיאַנטען פון דער סטודיע איז שפּעטער געגרינדעט געוואָרען דער „אַראַראַט״). ס'זענען דאָרט געווען אָווענט־קורסען פאַר דערוואַקסענע, ביבליאָטעק און ס'זענען איינגעאָרדענט געוואָרען קעסטעל־אָווענטען, דיסקוסיע־אָווענטען, ווי אויך פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען.


ב. לעווי


רעד. ל. קאַהאַן


ראַטמ. אדוו. י. וויצמאַן


א. גלאַטמאַן

האָט זי אָנגעפירט (32—1922) אַ פּאָזיטיווע אַרבעט צווישען די היגע האַנטווערקער־מאַסען, אריינציהענדיג וואָס אַמאָל אַלץ מער נייע פאַראיינען, ווי אויך אַדורכגעפירט אַ פאַרטיי־אַרבעט אין די רייען.

די האַנטווערקער־צענטראַלע האָט געהאַט אַן אייגענע „האַנטווערקער און קליינאינדוסטרי־באַנק״, (צוערשט פּאָמאָרסקע 15 און דערנאָך פּילסודסקי 25) וועלכע איז נאָך אַ פּאָר יאָר עקזיסטירען ליקווידירט געוואָרען.

באַ דער היגער פ. אָרג. איז (1923) געשאַפען געוואָרען אַ „סקויטען־יוגענט אָרגאַניזאַציע״, וועלכע האָט גרופּירט אַרום זיך אַ גרעסערע צאָל יוגענטלעכע. די „סקויטען־אָרגאַניזאַציע״ האָט (צוערשט אין פאָלק־הויז, זאַוואַדזקע 5 און דערנאָך אין דעם לאָקאַל פּיעטר. 101) אָרגאַניזירט פאַרשידענע אויספלוגען און לעקציעס וועגען יודישער געשיכטע, ליטעראַטור, ווי אויך פאָרשטעלונגען פון סקויטען־לעבען. אין 1928 איז זי ליקווידירט געוואָרען.

1923 איז אין היגען „פילהאַרמאָניע״־זאַל, (נאַרוטאָוויטש 20) פאָרגעקומען די פייערלעכע אַקאַדעמיע לכּבוד דעם 5־יאָריגען יובל פון דער אָרטיגער פאָלקיסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט'ן אָנטייל פון לאַצקי בערטאָלדי, נח פּרילוצקי א. א.

נאָכ'ן אַדורכפירען אַ גרויסע אָרגאַניזיר־אַרבעט צווישען די מענטשען פון ראָד־פאַרקער—וועלכע זענען ביז דעמאָלט געווען אַן'אָבגעשטאַנענער עלעמענט — איז אין 1925 פאָרגעקומען די ערשטע פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס איז געקומען אַ גרויסע מאַסע און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג. אַ צייט שפּעטער זענען שוין באַם פאָלק־הויז, (זאַוואַדזקע 5) געווען אָרגאַניזירט דריי סעקציעס פון לאַסט־וועגען. דראָשקען און

דורך דער „פאָלק־בילדונג־ליגע״ איז דערעפענט געוואָרען אין לאָדזש אַן'אָבטייל באַם פאָלק־הויז, וועלכער האָט אַ ריי יאָרען אָנגעפירט אַן'אַרבעט אויפ'ן קולטורעלען געביט.

אין 1931 איז אין נייעם „קאָנצערט־זאַל״, (פּיראַמאָוויטש 3) פאָרגעקומען פון דער פאָלק־יוגענט־אָרג., די פייערלעכע דערעפענונג פון דער ביבליאָטעק א. נ. פון ה. ד. נאָמבערג.

אין 1931 איז דורך דער אָרטיגער פאָלקיסטישער אָרג. (לעגיאָנאָוו אַ10) איינגעאָרדענט געוואָרען די יובל־פייערונג לכּבוד רעד. ל. קאַהאַנס 25־יאָריגער זשורנאַליסטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיגקייט. נאָך אַ ריי אָבשאַצונגען וועגען דעם בעל־היובל אויף דער אַקאַדעמיע איז דערנאָך פאָרגעקומען אַ באַנקעט אין אַ ספּעציעלען זאַל.

די היגע פ. אָרג. האָט באַאַרבעט אַ ריי פּראָווינץ־שטעט, (טאָמאַשאָוו מאַז., לענטשיץ, פּאַביאַניץ), וואו ס'זענען אויך דערעפענט געוואָרען פ. אָרגאַניזאַציעס.

אין 1933 איז דורך דער וואַרשעווער האַנטווערקער־צענטראַלע (נאַלעווקי אַ2) דערעפענט געוואָרען די לאָדזשער „האַנטווערקער־עקספּאָזיטור״, (איצט פּיעטר. 45) וועלכע פירט זייט דעמאָלט אָן אַן'אַרבעט צווישען די האַנטווערקער־מאַסען. די ה. ע. האָט גערופען אין משך פון דער צייט קאָנפערענצען, צוזאַמענפאָרען, וועגען פראַגען וואָס זענען נוגע געווען דעם יודישען בעל־מלאכה און כאַלופּניק.

די היגע פ. אָרג., האָט געהאַט אירע פאָרשטייער (פון 1924 אָן) אין דער לאָדזשער יודישער קהלה, (זייט 1931 3 פאָרשט. וועלכע בילדען דאָרט אַ פאָלקיסטישע פראַקציע), ווי אויך אין לאָדזשער שטאָט־ראַט אין אַלע זיינע קאַדענצען.

# צעירי אַגודת ישראל

אין 1919 איז דורך די ה'ה: אברהם ראַדזינער, דוד פרושינאָווסקי און נטע גוטער, געמאַכט געוואָרען די התחלה צו אָרגאַניזירען די היגע „צעירי אמוני ישראל״. 1921 איז באַ די צ. א. י. איינגעפירט געוואָרען

„שעורי שבת״—אין אייגענעם לאָקאַל (נאַרוטאָוויטש 11). יעדען פריי-טאָג באַנאַכט איז געלערענט געוואָרען מדרש רבה ווי אויך זענען פאָרגעקומען יהדות-שמועסען. די שעורים ווערען געפירט אָן איבערייס ביז היינט.

דער ועד החנוך האָט שפּעטער געגרינדעט די „שעורי ערב״ פאַר דערוואַקסענע, וואו ס׳איז געלערענט געוואָרען תנ״ך און גמרא. די „שעורי ערב״ זענען טעטיג געווען אין עטלעכע פונקטען פון דער שטאָט און די למודים זענען דאָרט פאָרגעקומען אינגאַנצען אומזיסט. די „שעורי ערב״ ווערען אָנגעפירט דורך דער צ. א. י. פון דעמאָלט אָן ביז איצט.

טעטיג אַן׳אייגענער פאַרלאַג „סגלה״, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע ריי בראָשורען, אין יודיש און העברעאיש. דורך דעם פאַרלאַג איז אויך דערשינען אַ חודש-בלאַט, א. נ. „אָרטאָדאָקסישע בלעטער״ פאַר יהדות, ליטעראַטור און צייט-פראַגען. (3 יאָר).

פ א ר וו א ל ט ו נ ג:



יעקב בערלינער



ב. שניאורסאָן
וויצע



י. א. געזונטהייט
פרעזעס



דיר. נ. י. בערלינער



א. ראדזינער



י. מיליאַנער



י. ה. יאַסקאָוויטש



לוי בענדער



ב. גורמאַן



אדוו. ש. מ. רייכמאַן
געוו. ראָטמאַן (צא״י)

צוליב דער אויפגעלעבטער באַוועגונג צווישען די אָרטאָדאָקסישע מאַסען נאָך ארץ ישראל, און בכדי מיטצוהעלפען די אָרטאָדאָקסישע יונגעלייט וואָס שטרעבען עולה צו זיין אויסצולערענען זיך פאַרשידענע פאַכען, איז אין די יאָרען 24—1922 געגרינדעט געוואָרען דורך דער היגער צ. א. י., פאַך-קורסען אויף דער „האַנטווערק-שול״, פאָמאַרסקע 48—46. די קורסען האָבען באַזוכט אין יענער צייט ביז אַ 100 אָרטאָדאָקסישע יונגעלייט.

באַ די היגע צ. א. י. איז אין די יאָרען 24—1922 געווען

זייט 1935 איז דורך די צעירים געגרינדעט געוואָרען „למודי קודש קורסען״, פאַר יונגלעך פון די פאָלק-שולען, וואו ס׳ווערען געלערענט די למודים: עברי, תפלה, חומש און רש״י.

די „למודי קודש קורסען״ זענען טעטיג אין 4 ראַיאָנען פון דער שטאָט און ס׳לערענען דאָרט ביז 100 יונגלעך אינגאַנצען אומזיסט. חוצדעם זענען טעטיג אין לאָקאַל פון דער „צעירי אגודת ישראל״ (ציגעל-גאַס 22) שפּראַך-קורסען פאַר אָרטאָדאָקסישע יונגעלייט און אַ ביבליאָטעק.

די איצטיגע פאַרוואַלטונג פון דער צ. א. י. אָרג. באַשטייט פון די ה׳ה: יהושע אליעזר געזונטהייט—פרעזעס, בערל שניאורסאָן—וויצע, אליעזר גרשון פרידענזאָן, יעקב בערלינער, נטע ירוחם בערלינער, נתן בונם גורמאַן, יעקב צבי יאַסקאָוויטש, יצחק אייזנער, לוי בענדער, יעקב באַהאַריער, ירחמיאל זאָמערפעלד, ראובן ראָזענזאַפט און יעקב מיליאַנער.

# התאַחדות

נאָך דער פאַראייניגונג פון הפּועל-הצעיר מיט די צעירי-ציון, אויף דער פּראָגער קאָנפערענץ, איז געשאַפען געוואָרען דער „התאַחדות״ אין וועלט-מאַסשטאַב.

אין יאָר 1921 איז פון וועלט-פאַרבאַנד „התאַחדות״ געקומען קיין לאָדזש, אדוו. אברהם לעווינסאָן און ליפּמאַן לעווינסאָן פון א״י, בכדי דאָ צו שאַפען די „התאַחדות״ אָרג. די היגע ראַדיקאַלע צעירי-ציון האָבען דעמאָלט געהאַט איבערגענומען דעם לאָקאַל פון „בית-עם״ און דאָרט איז געגרינדעט געוואָרען די „התאַחדות״ אָרג.

אַרום דער „התאַחדות״ האָבען זיך די ערשטע צייט גרופּירט די „צעירי-ציון״, „מרכז-הצעירים״ און אַ טייל פון דער אַרבעטענדיגער אינטעליגענץ.

„התאַחדות״ האָט איבערגענומען די ביבליאָטעק פון „בית-עם״, זי רעאָרגאַניזירט און באַנייט אַלס פאָלק-ביבליאָטעק

א. נ. פון א. ד. גאָרדאָן. די לייטונג פון דער ביבליאָטעק האָט אויך פון צייט צו צייט איינגעאָרדענט רעפעראַטען און שמועסען אויף ליטעראַרישע און וויסענשאַפטלעכע טעמעס. די ביבליאָטעק עקזיסטירט ביז היינט. די ביכער זענען אין יודיש, העברעאיש און פויליש אין אַ צאָל פון 4500. די ביבליאָטעק האָט ביז 340 לייענער.

„התאַחדות" האָט איינגעאָרדענט לעקציעס און רעפעראַטען אויף קולטורעלע און וויסענשאַפטלעכע טעמעס. האָט אָרגאַניזירט אַ ריי קורסען, וועלכע האָבען געהאַט אַ גרויסען קרייז פון צוהערער.

באַ'ם לאָדזשער „התאַחדות" (שענקיעוויטש 3–5) איז געווען טעטיג דער „החלוץ", „החלוץ הצעיר", די יוגענט-אָרגאַניזאַציע „גורדוניה".

„התאַחדות" האָט געאַרבעט אַקטיוו אין די ציוניסטישע מוסדות „קרן קימת לישראל", „קרן-היסוד", „פּאַלעסטינע-אַמט" און שקל-קאָמיטעט.

די דריטע לאַנד-קאָנפערענץ פון דער „התאַחדות" אין פּוילען (1926) איז פאָרגעקומען אין לאָדזש. און זייט דעמאָלט האָט זיך געפונען דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „התאַחדות" אין לאָדזש. די לאָדזשער: רעד. יוסף לעווי, ד"ר א. טאַרטאַקאָווער, ד"ר שווייג, דיר. ש. ריגער, ד"ר ז. עלענבערג האָבען אָנגעפירט מיט דער התאַחדות-באַוועגונג אין פּוילען. אין לאָדזש איז אויך דערשינען דער פּאַרטיי-אָרגאַן „פאָלק און לאַנד".

אין די יאָרען 1926—27 בעת דער אָבגעשטעלטער 4 עליה, האָט דער היגער „התאַחדות" אָנגעפירט אַ ברייטע ציוניסטישע אויפקלערונג-אַרבעט, וועגען דער 4 עליה און דעם אמת פון א"י.

אַ גרויסע אויפקלערונג-אַרבעט האָט „התאַחדות" אָנגעפירט אין די ערשטע יאָרען פון דער אַנטשטייאונג פון דעם רעוויזיאָניזם און אָרגאַניזירט אַ ריי פאַרזאַמלונגען, א. ד. ט.: „פאַרוואָס זענען מיר קעגען רעוויזיאָניזם?"

די העברעאישע קורסען „התחיה", וועלכע זענען אָנגעפירט געוואָרען דורך דער „התאַחדות" און געווען בשעתו זייער פּאָפּולער אויפ'ן געביט פון פאַרשפּרייטען די העברעאישע שפּראַך, זענען לעצטענס איבערגעגאַנגען צו דעם „תרבות".

באַ די קאָנגרעס-וואַלען האָט „התאַחדות" באַקומען אַ זייער גרויסע צאָל שטימען. פון לאָדזש זענען געווען פאַרטרעטען פון 13 קאָנגרעס אָן די חברים: ד"ר ז. עלענבערג, א. נייגאָלדבערג, יוסף לעווי. אויף די לעצטע קאָנגרעסען ד"ר אריה טאַרטאַקאָווער.

„התאַחדות" האָט געהאַט איר פאָרשטייער אין לאָדזשער שטאָט-ראַט אין דער קאַדענץ 1926—30 (ד"ר שווייג), וועלכער איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער פון זיינע אַרויסטרעטונגען אויפ'ן פלענום פון שטאָט-ראַט.

„התאַחדות" האָט אויך געהאַט אַ פאָרשטייער אין קהלה-ראַט (דיר. ש. ריגער).

נאָך דער פאַראייניגונג פון „הפועל-הצעיר" מיט „אחדות-העבודה" אין א"י, און נאָכדעם ווי עס איז אין יאָר 1932 פאָרגעקומען אין דאַנציג די איחוד-קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דער איחוד פונ'ם „התאַחדות" און „פּועלי-ציון" אין וועלט-מאַסשטאַב, איז אין אַלג. פּוילישען „התאַחדות" פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. אַ קליינע גרופּע מיט ד"ר אַריה טאַרטאַקאָווער בראש זענען דעמאָלט אַרויסגעטרעטען פון דער אָרטיגער „התאַחדות" אָרג. און געשאַפען דעם צ. ס. „התאַחדות", וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרען דורך די לאָדזשער ד"ר טאַרטאַקאָווער, ד"ר שווייג, ד"ר נתן עק און ד"ר האַנדזעל. זיי האָבען אויך אַרויסגעגעבען אַנ'אייגענעם אָרגאַן, א. נ. „אונזער טריבונע". קיין גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט האָבען זיי נישט אָנגעפירט, אָבער, זיי האָבען געהאַט אַ השפּעה אין לאַגער פון אַרבעטענדיגען א"י. זיי זענען געגאַנגען אויפ'ן 19—20 קאָנגרעס מיט די פּ. צ. און ד"ר אַריה טאַרטאַקאָווער אַלס מיטגליד פון וועלט-פאַרבאַנד האָט באַקומען אַ מאַנדאַט אין ציוניסטישען אַקציאָן-קאָמיטעט.

דער אָרטיגער „התאַחדות", וועלכער האָט נאָך דער שפּאַלטונג זיך פאַראייניגט אין איין צ. ק. מיט מזרח-מערב גאַליציע, איז אָנגעפירט געוואָרען דורך יוסף לעווי און אַברהם לעווינסאָן. צום 18 קאָנגרעס איז דער ה. געגאַנגען זעלבסטשטענדיג אין קאָנגרעס-פּוילען און אַדורכגעפירט 2 מאַנדאַטען. דאָס גייען אָבער באַזונדער, האָט זיך שלעכט אָבגערופען אויף דער אינערלעכער אַרבעט, אין לאַגער פון אַרבעטענדיגען א"י, וועלכער האָט זיך באַצויגען קעמפּעריש.

די „גורדוניה" איז געוואָרען אַ זעלבסטשטענדיגע חלוצישע אָרגאַניזאַציע און נאָך אַ יאָר אַריינטרעטענדיג אין וועלט-פאַרבאַנד האָט זי איבערגעריסען די קשרים מיט „התאַחדות". די „התאַחדות" האָט דעמאָלט געשאַפען אַ יוגענט-אָרגאַניזאַציע „ויתקניה". עס איז אויך געשאַפען געוואָרען א חלוצישע הכשרה אָרג. א נ. „ריכוז ויתקין." אין 1934 איז דורך דער „התאַחדות" געשאַפען געוואָרען אַ פלוגה הכשרה, צוערשט אין כוינע און איצט געפינט ער זיך אין צענטר שטאָט אויף קילינסקי 86.

באַ די וואַלען צום 19 קאָנגרעס איז דער „התאַחדות" געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם בלאָק פונ'ם אַרבעטענדיגען א"י און פון דעמאָלט אָן איז אַקטועל געוואָרען דער געדאַנק צוריק צו פאַראייניגען די ביידע „התאַחדות" אָרג. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען אין לאָדזש און אין וואַרשע, זענען אין 1936 צוריק פאַראייניגט געוואָרען ביידע „התאַחדות" אָרגאַניזאַציעס, א. נ. „ציוניסטיש סאָציאַליסטישע אַרבעט-פּאַרטיי „התאַחדות".



ג. ליכטענשטיין



מ. ראַסין



ד"ר ש. י. שווייג



ד"ר ח. בערלאַס



ז. היינער

די פֿאַראייניגונג פון ביידע אָרגאַניזאַציעס אין לאָדזש איז פֿאָרגעקומען דעם 11.3 1936. די איצטיגע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון פרעזידיום: ד״ר ש. שווייג, ד״ר ח. בערלאַס, גרשון ליכטענשטיין, פּראָפעסאָר ברעטהאָלץ, ד״ר י. האַנדזעל, זאב ווינער, אליהו ליפעל און קאַלמאַנאָוויטש. פאַרוואַלטונג-מיטגלידער: פּראָפעסאָר יונה בראַווערמאַן, מנחם פלאַנצבוים און די צ. ק. מיטגלידער ד״ר עלענבערג, ד״ר טאַרטאַקאָווער און ד״ר נתן עק.

דער לאָקאַל פון דער צ. ס. א. פּ. „התאַחדות״ געפינט זיך אויף זאַוואַדזקע 12, דאָרט זענען טעטיג אויך די אינסטיטוציעס „יודישע פאָלק-אוניווערזיטעט״, פאָלק - ביבליאָטעק א. נ. א. ד. גאָרדאָן און צ. ס. אַקאַדעמיקער.

# פּועלי אגודת ישראל

אין 1921 איז געגרינדעט געוואָרען באַ דער לאָדזשער „אַגודת הארתודקסים״ די היגע „פּועלי-אמוני-ישראל״ אָרג.

די ערשטע צייט איז באַ די פּא״י איינגעשטעלט געוואָרען די פֿאַרמיטלונג-ביורא, וועלכע האָט נאָך אַ לאַנגען קאַמף אַריינגעפירט 17 רעליגיעזע יודישע אַרבעטער אויף דער פֿאַבריק פון אַ יודישען פאַבריקאַנט (קראַפּט-וועבער) און 10 רעליגיעזע אַרבעטער אויף דער פאַבריק פון אַ צווייטען יודישען פאַבריקאַנט. די ביורא פירט אָן די גאַנצע צייט איר אַרבעט אויף דעם געביט.

דורך דער פּא״י ווערען אָנגעפירט שוין אַ ריי יאָרען (פון 1927 אָן) „שעורי ערב״ אין עטלעכע ראַיאָנען פון דער שטאָט, אויף וועלכע ס׳ווערען געלערענט: גמרא, תנ״ך און דינים. אויף די שעורים לערענען איצט 200 תלמידים באַ אַ קליינעם אָבצאָל פון שכר למוד.

אין 1934 איז דורך די פּא״י געגרינדעט געוואָרען דער אָרטאָדאָקסישער קבוץ, (איצט פּילסודסקי 50) וואו ס׳געפונען זיך 130 יונגעלייט.

דורך דער פּא״י זענען פון צייט צו צייט איינגעאָרדענט געוואָרען שיחת חברים און פֿאָרלעזונגען.

די פּא״י האָט אַרויסגעגעבען דאָס וואָכענבלאַט דער „יודישער אַרבעטער״, און די לעצטע יאָרען די „אַרבעטער שטימע״.

די היגע פּא״י אָרג. האָט איר פֿאָרשטייער אין דער לאָדזשער יודישער קהלה.

זייט אַ פּאָר יאָר איז אין לאָדזש די צענטראַלע פון דער פּועלי אגודת ישראל אָרגאַניזאַציע.

# פּועלי ציון (פאַר. מיט צ. ס.)

נאָך דער ווינער וועלט-קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג, (צוליב פּראָגראַם-פראַגען) זענען אין לאָדזש אַרויסגעטרעטען פון דער פּועלי-ציון-פּאַרטיי געציילטע מיטגלידער. אַ טייל איז אַריינגעטרעטען אין דער „צעירי ציון״ פון דער אַלטשטאָט, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען סאָציאַליסטיש. די צווייטע גרופּע איז צוגעשטאַנען צו די אומאָבהענגיגע פּ. צ. גרופּען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין פיל פּוילישע שטעט, ווי אויך באַ אונז אין שטאָט.

אין יאָר 1925 איז פֿאָרגעקומען אַ פאַראייניגונג פון די „צעירי ציון״ מיט די אומאָבהענגיגע „פּועלי ציון״-גרופּען אין לאַנד-מאַסשטאַב און ס׳ווערט געבילדעט די פּ. צ. אָרגאַניזאַציע, (פאַראייניגט מיט צ. ס.).

נאָך דער פאַראייניגונג איז געשאַפען געוואָרען דער לאָדזשער קאָמיטעט פון די פּ. צ. אָרג. (פאַר. מיט צ. ס.), וועלכער פירט זייט דעמאָלט אָן זיין פּאָליטישע אַרבעט ביז׳ן היינטיגען טאָג.

אונטער דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי געפינט זיך: די יוגענט-אָרגאַניזאַציע „פרייהייט״, דער ספּאָרט-פאַראיין „הפּועל״, דער עלטסטער יודישער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין אין לאָדזש, (און אפשר אין פוילען) די „שעכט-הויז-אַרבעטער״, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין אַ קאָמונע, און דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון בוי-אַרבעטער, „טראַנספּאָרט-אַרבעטער״.

באַ דער אָרגאַניזאַציע איז אַנטשטאַנען דער „קבוץ באָראָכאָוו״.

דער הכשרה-קבוץ א. נ. פון בער באָראָכאָוו איז געגרינדעט געוואָרען אין 1932. אין אָנהויב האָט דער קבוץ געפונען זיך אין דער קליינער דירה אויף אָגראָדאָווע 9. אין 1934 איז דער קבוץ איבערגעגאַנגען אין דעם גרויסען בנין אויף לעשנע 41, פאַרנעמענדיג דאָרט 4 שטאָק מיט 30 גרויסע שטובען און זאַלען. דער קבוץ פאַרמאָגט אייגענע אַרבעט - וואַרשטאַטען: שוסטעריי, שלאָסעריי, סטאָלעריי, בעקעריי, פריזיעריי, מעכאַנישע וועשעריי און צענטראַלען ניי-וואַרשטאַט מיט 50 ניי-מאַשינען, וועלכער באַשעפטיגט 80 חברים. חוצדעם איז דער קבוץ אַריינגעדרינגען אין פאַרשידענע אַרבעט-צווייגען, ווי: פאַבריק, בוי, א. אַ.

דער קבוץ באַזיצט אַן אייגענע ביבליאָטעק מיט איבער טויזענט ביכער, אַ לייען-זאַל מיט 20 צייטשריפטען און 3 טאָג-צייטונגען. אין קרייזען ווערט אויך געלערענט: העברעאיש, געשיכטע פון ציוניזם, סאָציאַליזים און סאָציאָלאָגיע. פון צייט צו צייט ווערען איינגעאָרדענט עפענטלעכע רעפעראַטען, קאָנצערטען, רעציטאַציעס.

אין משך פון די 4 יאָר האָבען עולה געווען קיין ארץ-ישראל איבער 200 חברים.

דער קבוץ א. נ. פון ב. באָראָכאָוו איז אָנגעשלאָסען אין דער אָרג. „החלוץ״ אין פוילען.

דער קבוץ ציילט 160 חברות און 155 חברים.

זייער שטאַרק לאָזט זיך אויך פיהלען די אַרבעט פון די פּ. צ. אויף אַלע ציוניסטישע געביטען אין אונזער שטאָט.

די היגע אָרגאַניזאַציע ווערט אָנגעפירט דורך אַ קאָמיטעט, וועלכער באַשטייט איצט פון די ה״ה: לייזער לעווין—פאָרזיצער, הערשל קליינער, ד״ר משה סאָבעל, יחיאל שאַליט, ח. א. טאָביאַש, מ. מאָרגענשטערן, מ. הערשקאָוויטש, א. אַרצי, מ. הורוויטש און י. פלאַובער.

# ניי. צ. אָ.

דעם 23 מערץ 1933 האָט אין היגען גראַנד-האָטעל דער פּרעזידענט פון דער רעוו. וועלט-אוניע זאב זשאַבאָטינסקי אַרויסגעגעבן דעם מאַניפעסט, אין וועלכען עס ווערט סוספּענדירט אין אירע רעכט די רעוו. וועלט-עקזעקוטיווע. אין קאָנסעקווענץ דערפון, איז אַרויסגעטרעטען גראָסמאַן פון דער רעוו. באַוועגונג און שאַפט דעמאָלט די יודענשטאַאַט-פּאַרטיי. פון דער לאָדזשער פּאַרטיי איז אַרויסגעטרעטען נאָר אַ קליינע גרופּע חברים.

דער פּלעביציסט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דער רעוו. באַוועגונג האָט אין לאָדזש געגעבען 700 שטימען פאַר באַשטעטיגען דעם מאַניפעסט פון פּרעז. זשאַבאָטינסקי און 30 קעגען.

בײַ דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע זענען דעמאָלט געשאַפען געוואָרען נייע פּאַרטיי-אָבצווייגונגען: דער ברית החיל, וועלכער גרופּירט אין זיינע רייען יודישע רעזערוויסטען, דער ברית ישורון און דער ברית חשמונאים פאַר די רעליגיעזע קרייזען, ווערף די רעעז. (פרויען אָרגאַניזאַציע) און אַנדערע.

די וואַלען צום אַכטצענטען ציונ. קאָנגרעס, וועלכע זענען פאָרגעקומען דעם 22 יולי האָבען געבראַכט די רעוו. אַ נצחון. אַלס דעלעגאַט פון לאָדזש צום אַכטצענטען קאָנגרעס איז געפאָרען ה׳ אינזש. עלפערן.

אין דער צייט איז אין לאָדזש געגרינדעט געוואָרען דער רעוו. ספּאָרט-קלוב „נורדיה".

אין פעברואַר 1934 איז פאָרגעקומען אין וואַרשע די 6 רעוו. לאַנדקאָנפערענץ. אויף דער קאָנפערענץ איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די פּעטיציע-אַקציע. דער אָנהויב פון דער אַקציע אין לאָדזש איז פּראָקלאַמירט געוואָרען מיט אַ גאַסען-צוג, וועלכער איז פאָרגעקומען פּסח 1934. די רעזולטאַטען פון דער פּעטיציע-אַקציע אין לאָדזש זענען געווען 12000 קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע אונטערשריפטען.

זומער ד. י. זענען פאָרגעקומען וואַלען צום שטאָט-ראַט. פון דער ליסטע פון „אַלגעמיינעם יודישען בלאָק" איז אַריין אין שטאָט-ראַט דער רעוויזיאָניסט מאיר זיידע.

נאָך דעם ווי אין אַפּריל 1935 האָט די רעוו. פראַקציע פאַרלאָזט דעם ציונ. אַקציאָן-קאָמיטעט און די רעוו. וועלט-עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסען דעם אַרויסטריט פון דער רעוו. וועלט-אוניע פון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע — איז דעם צוועלפטען מאַי פאָרגעקומען אין לאָדזש די 5 רעוו. קרייז-קאָנפערענץ מיט דער באַטייליגונג פון ד״ר שעכטמאַן. די קאָנפערענץ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דעם באַשלוס פון דער וועלט-עקזעקוטיווע.

דעם 2 יוני איז פאָרגעקומען דער פּלעביציסט איבער דער פראַגע פון אַרויסטריט פון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע. אין פּלעביסציט האָבען זיך אין לאָדזש באַטייליגט 3982 חברים. 3903 האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר׳ן אַרויסטריט און 79 קעגען.

דעם 25 אויגוסט זענען דאָ פאָרגעקומען וואַלען צום גרינדונג-קאָנגרעס פון דער „ניי. צ. אָ.".

אין סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אין ווין דער גרינדונג-קאָנגרעס פון דער „ניי. צ. אָ." מצד לאָדזש האָבען זיך אין דעם קאָנגרעס באַטייליגט 3 דעלעגאַטען: פרוי ד״ר ספּעקטאָר, אינזש. עלפערן און מ. קאָכאַנסקי.

אין האַרבסט אַנטשטייט אין לאָדזש די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון דער „ניי. צ. אָ." זענען אַריין: ד״ר. ספּעקטאָר, בראָדאַטש, האַנדעל-ריכטער ליבראַך, ד״ר דאַם, פרוי ספּעקטאָר, פרוי ליסאַוואָדער, און מצד די רעוויזיאָניסטען—אַדוו. בערקאַל, יעקב טילער און אַדוו. קרויזע.

בײַ דער פּאַרטיי זענען אויך טעטיג: דער הצה״ר און בית״ר, אין דעם לאָקאַל אויף נאַרוטאָוויטש 28, דאָרט געפינט זיך אויך די צענטראַלע פון קרן תל חי.

# די יודישע קהלה אין לאָדזש

נאָכ׳ן פונאַנדערלאָזען די צייטווייליגע קהל-שטובען, (קאַכאַלי וו גמינאַך סטאַראָזאַקאָנניך) דעקרעט פון אַלעקסאַנדער 1, אַרויסגעגעבען דעם 1 יאַנואַר 1822, (20 דעקאַבער 1821) איז לויט אַ פאַראָרדענונג פון נאַמיעסטניק זאַיאָנטשעק פון 20 מערץ 1821, איינגעשטעלט געוואָרען דער „באָזשניטשני דאָזאָר", 1) וועלכער האָט נאָרמאַל פונקציאָנירט ביז׳ן אויסבריך פון דער וועלט-מלחמה. ערשט דורך דער דייטשער אָקופּאַציע-מאַכט ווערען אַביסעל רעאָרגאַניזירט די יודישע קהלות אין פוילען, אָבער, זיי האָבען דעמאָלט געהאַט מער אַ כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזער פּאַראַפיע, איידער פון אַ יודישער זעלבסטפאַרוואַלטונג.

דעם 7 פעברואַר 1919 איז פאַרעפענטלעכט געוואָרען דער דעקרעט פון דער פוילישער מאַכט, וועגען צונויפרופען די יודישע קהלות אין פוילען, (וועלכער אונטערשיידט זיך נישט זייער פיל אין אויפפאַסען די קאָמפּעטענץ-געביטען פון דער יודישער קהלה אַלס קערפּערשאַפט, פון די צייטווייליג-אָרגאַנירטע יודישע קהלות, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע-מאַכט.)

גרויס אויפרעגונג און פּראָטעסטען מצד דער יודישער געזעלשאַפט האָט אַרויסגערופען דער פונקט פון דער פאַראָרדענונג וואָס זעהט פאָר, אַז די זיצונגען פון דער יודישער קהלה דאַרפען געפירט ווערען אין דער פוילישער שפּראַך, (וואָס עס האָט אויך גורם געווען אַ פאַרשפּעטיגונג אין אַנטשטייען פון די יודישע קהלות אין ניי־אויפגעלעבטען פוילען).

די ערשטע לאָדזשער קהלה-וואַלען זענען פאָרגעקומען אין יולי 1924, אין וועלכע ס׳האָבען אָנטייל גענומען 16.975 ווילער, (אויף דער אַלגעמיינער צאָל וואַל-באַרעכטיגטע 34.794) דערפון זענען געפּסלט געוואָרען 37 שטימען און אָנערקענטע 16.938 ווילער. ס׳זענען אויסגעוויילט געוואָרען: פון דער ליסטע „בונד" דריי פרנסים. פון דער ליסטע „לינקע פועלי-ציון" צוויי פרנסים. פון דער ליסטע „פינעפּצען" איין פרנס. פון דער ליסטע „ציונים"—„מזרחים" זעקס פרנסים. פון דער ליסטע „אַלעקסאַנדערער" זיבען פרנסים. פון דער ליסטע „אַכצען„ איין פרנס. פון דער ליסטע „פאָלקיסטען" איין פרנס. פון דער ליסטע „אַגודה" עלף פרנסים. פון דער ליסטע „פּא״י" איין פרנס. פון דער ליסטע „האַנטווערקער" צוויי פרנסים.

די ערשטע זיצונג פון די ניי-געוויילטע פרנסים פון דער

1) ראָטשניק לורזקי, ב. I 1928, א. אלפערן — יודען אין לאָדזש.

יודישער קהלה אין לאָדזש, איז פאָרגעקומען דעם 25 מאַי 1925. די זיצונג איז געווען אַ שטורמישע, אויף וועלכער עס איז באַהאַנדעלט געוואָרען דער געזעץ-פּראָיעקט, אַז די זיצונגען זאָלען געפירט ווערען אין דער פוילישער שפּראַך, און עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ שאַרפער פּראָטעסט קעגען דעם פּראָיעקט.

די פרעזידיום-וואַלען פון קהלה-ראַט זענען עטלעכע מאָל פאָרגעקומען, מחמת די קאַנדידאַטען האָבען זיך אָבגעזאָגט. (א. י. מענדעלסאָן, ד״ר ש. י. שווייג, ד. ש. ריגער).

דער קהלה-ראַט האָט זיך לסוף קאָנסטיטואירט אויף דעם אופן: שלמה בודזינער—פרעזעס, אָשר ישראל מענדעלסאָן—וויצע, ישראל מרדכי ליכטענשטיין, יוסף מאָרגענטאַלער, ירחמיאל בערגאַמענט, שמואל עדעלמאַן. לעוו האָלענדערסקי, מאיר פלאָצקער, ד״ר מאַרקוס ברודאָ, מיכאָל פלאַטאָ, מרדכי זעלמאַנאָוויטש, אינזש. גרשון פראַשקער, עמנואל האַמבורסקי, בענדעט וואַרשאַווסקי, שמחה בונם אָבערבוים, יצחק מאיר וואָידיסלאַווסקי, אברהם יצחק אקאַוויע, שבתי ענגלאַרד, לייביש ראָזענבערג, אברהם שלמה מאָרגענשטערן, אברהם קאַץ, לאַזאַר קאַהאַן, דוד שאול ריגער, משה צעדערבוים, מאיר אייזנער, שלמה יאַקובאָוויטש, יצחק מאיר טייטעלבוים, יוסף פאַרבשטיין, פישעל ראַדזינער, בנציון ליפּשיץ, יוסף ציטרין, הירש מרדכי ליבערמאַן, יעקב יצחק צערערבוים, אַלעקסאַנדער יאָעל, חנן קאַמינסקי.

די קהלה-פאַרוואַלטונג האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף דעם אופן: ד״ר יערושי ראָזענבלאַט- פרעזעס, לייזער הענעך בערגער—וויצע, יעקב לייב מינצבערג, ראובן האָפמאַן, א. קאַראָ, ג. נייימאַן, א. ל. פליוואַצקי, ב. רוס, וו. זילבערשטיין, י. שוויאַטלאָווסקי, י. ווייצמאַן, א. י. וואָידיסלאַווסקי, מ. זיידענפעלד, א. ל. זעלמאַנאָוויטש, מ. מ. זאָמערפעלד.

צוליב די פאַרטיי-קאַמפען און אַרומרייסענישען אין דער קהלה-פאַרוואַלטונג איז אַ פאָר יאָר ווי פאַראַליזירט געווען די גאַנצע קהלה-אַרבעט. אין 1927 י. האָט ד״ר י. ראָזענבלאַט רעזיגנירט פון זיין אַמט אַלס פרעזעס פון דער קהלה-פאַרוואַלטונג און אויף זיין אָרט ווערט דעמאָלט אויסגעוויילט ה׳ בנימין רוס אַלס פרעזעס. אָבער אויך ווייטער האָט נישט געקאָנט אָנגעפירט ווערען קיין שום פּאָזיטיווע אַרבעט אין דער קהלה. אין יאַנואַר 1928 איז אויף אַ באַפויל פון דער אויפזיכט-מאַכט פונאַנדערגעלאָזט געוואָרען די קהלה-פאַרוואַלטונג און ס׳ווערען באַשטימט פרישע וואַלען.

דעם 14 פעברואַר 1928 זענען פאָרגעקומען די וואַלען פון דער לאָדזשער קהלה-פאַרוואַלטונג און וועלכע האָבען געגעבען דעם אויסגאַנג. ס׳זענען אַריין די ה״ה: גרשון ניימאַן, לייב אוריסאָן, ראובן האָפמאַן, יעקב לייב מינצבערג, לייזער הענעך בערגער, ישעי׳ שוויאַטלאָווסקי, אהרן יוסף וואָידיסלאַווסקי, שמואל ליבערמאַן, מרדכי מענדעל זאָמערפעלד, אברהם לייזער פליוואַצקי, יוסף ווייצמאַן, בנימין רוס, מענדעל מאַקאָווער, אפרים לאָזער זעלמאַנאָוויטש, יהיאל משה ציטרינאָווסקי.

אין משך פון דער קאַדענץ-צייט 1928—31 זענען געשאַפען געוואָרען בײַ דער יודישער קהלה אין לאָדזש: אַנ׳אָנפּראָצענטיגע גמ״ח-קאַסע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבען 289 הלואות, אויף דער אַלגעמיינער סומע פון נײַנאונניינציג טויזענט 938 גילדען; אַ יורידיש קאָנסולטאַציע-ביוראָ, פון וועלכער ס׳האָבען גענאָסען 1917 מענטשען; ס׳איז אינסטאַלירט געוואָרען עלעקטריש ליכט אויפ׳ן בית החיים; ס׳איז איינגעפירט געוואָרען אַנ׳עירוב; ס׳זענען פונאַנדערגעטיילט געוואָרען אויף ראַיאָנען די ראַבינאַט-מיטגלידער; ס׳איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען דער כאָר פון אַלטשטאָטישען שוהל; ס׳איז איינגעפירט געוואָרען אַ קאַרטאָטעקע אין דער סאָציאַלער הילף און אין דעם שטייער-אָבטייל; ס׳איז אַרויסגעשיקט און אויסגעהאַלטען געוואָרען 20 שווינדזיכטיגע חולאים אין „מרפא״ אין אָטוואָצק; ס׳זענען אַדורכגעפירט געוואָרען גרויסע קוילען און פסח-אַקציעס פאַר דער היגער אָרעמער יודישער באַפעלקערונג. ס׳איז אויך אין דער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסען דער בודזשעט און פאַרגרעסערט געוואָרען די קאַרטאָטעקע פון די עטאַט-צאָלער בײַ דער יודישער קהלה אין לאָדזש.

אין 1930 האָט געשאָנקען מאיר וועל מאַרקוס קאַרפּ-קאַרפּ, די רעכטע אָפיצינע און די שוהל וואָס געפינט זיך אין זיין הויז אויף פּאָמאָרסקע 19 און אָנגעשריבען עס אַלס אייגענטום פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש.

דעם 4 פעברואַר 1931 האָט די אויפזיכט-מאַכט פונאַנדערגעלאָזט דעם ראַט פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש און באַשטימט אַ צייטווייליגע פאַרוואַלטונג, פון די ה״ה: יעקב לייב מינצבערג—פרעזעס, לייזער הענעך בערגער—וו. פרעזעס, ישעי׳ שוויאַטלאָווסקי, אהרן יוסף וואָידיסלאַווסקי, אברהם לייזער פליוואַצקי, יוסף ווייצמאַן, ראובן האָפמאַן, לייב אוריסאָן, יצחק מאיר וואָידיסלאַווסקי, חיים מאיר ווינטרויב, חיים פּאָזנאַנסקי, יאָשקע מנחם סעגאַל, דוד שטאַהל, יאַנקעל זיידענוואָרם.

דעם 7 מאַי 1931 זענען פאָרגעקומען וואַלען צו ווילען דעם ראַט פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש, אין וועלכער ס׳האָבען אָנטייל גענומען 15.571 וואַל באַרעכטיגטע, (אויף דער אַלגעמיינער צאָל 27.133) דערפון זענען געפסלט געוואָרען 81 שטימען און אָנערקענטע 15.490 ווײַלער. ס׳זענען אויסגעוויילט געוואָרען: פון דער ליסטע „פאָלקיסטען״ איין פרנס, פון דער ליסטע „קליינהענדלער״ איין פרנס, פון דער ליסטע „צען״ איין פרנס, פוז דער ליסטע „ציוניסטען״ פיר פרנסים, פון דער ליסטע „דרייצען״ איין פרנס, פון דער ליסטע „זעכצען״ איין פרנס, פון דער ליסטע „אַגודה״ צוועלף פרנסים, פון דער ליסטע „פּאַ״י״ איין פרנס, פון דער ליסטע „זעקסאונצוואַנציג״ איין פרנס, פון דער ליסטע „אַלעקסאַנדערער״ צוויי פרנסים

דער קהלה-ראַט האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף דעם אופן: פ. ליבערמאַן—פרעזעס. אַדוו. י. ווייצמאַן—וו. פרעזעס, פ. כאַרי, ה. לעוושטיין, מ. לימאָן, ש. פויסט, מ. בענדעל, ב. לעווין, י. זיידענוואָרם, ד. שטאַהל, א. קאַץ, י. פאַרבשטיין, מ. מ. זאָמערפעלד, א. ג. פרידענזאָן, וו. זילבערשטיין, י. מ. וואָידיסלאַווסקי, ק. לעווענטאָן, א. ש. רעכטמאַן, י. מ. טייטעלבוים, ל. ראָזענבערג, וו. האַלבערשטאַט, ג. וואָלמאַן, ה. פרענקעל, י. י. צעדערבוים.

די קהלה-פאַרוואַלטונג האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף דעם אופן: י. ל. מינצבערג—פרעזעס, ל. ה. בערגער — וו. פרעזעס, א. ש. גלאַטמאַן, מ. ח. רומקאָווסקי, ב. רוס, י. שוויאַטלאָווסקי, א. ל. פליוואַצקי, א. י. וואָידיסלאַווסקי.

## משוגעים-הויז

דאָס „משוגעים-הויז״ אויף וועסאָלע גאַס 17 איז געגרינדעט געוואָרען אין 1893 דורך ישעיה ראָזענבלאַט, וועלכער האָט אַ טייל פון אַמאָליגען טהרה-הויז בײַם אַלטען בית החיים, איבערגעבויט און דערצו אַ חלק צוגעבויט אויף זיינע אייגענע קאָסטען. (אויף דעם בית החיים האָט מען אויפגעהערט קובר צו זיין אין 1892 יאָר). די ערשטע צייט זענען אויפגענומען געוואָרען אין „משוגעים-הויז״ 8 גייסטיג-קראַנקע. דאָס „משוגעים-הויז״ איז אַ ריי יאָרען אָנגעפירט און אויסגעהאַלטען געוואָרען פון דעם נדבן ישעי׳ ראָזענבלאַט אַליין. שפּעטער איז

עס אַריבער אין רשות פון דער היגער יודישער קהלה, וועלכע האָט זייט דעמאָלט געזאָרגט פאַר דער אינסטיטוציע. בעת דער מלחמה-צייט, ווען די יודישע קהלה אין לאָדזש האָט זיך גע־פיהלט נישט בכח ווייטער אָנצופירען און אויסצוהאַלטען דאָס „משוגעים-הויז", איז געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלער קאָמי־טעט מיט יוזעף ראָזענבלאַט בראש, וועלכער האָט איבערגע־נומען אין זיין רשות די וויכטיגע אינסטיטוציע. די „געז. שוץ איבער גייסטיג-קראַנקע" האָט איבערגעבויט דאָס נישט-באַוועג־ליכע פאַרמעגען און שטאַרק פאַרגרעסערט די צאָל בעטלעך אין דעם אַנשטאַלט. די געז. האָט אָנגעפירט איר טעטיגקייט ביז 1926. אין דעם יאָר האָט די יודישע קהלה אין לאָדזש צוריק איבערגענומען אין איר רשות דאָס „משוגעים-הויז" און דאָרט אויך אַדורכגעפירט אַ גרונטלעכען רעמאָנט.

אין „משוגעים-הויז" געפונען זיך ביז 60 בעטלעך פאַר גייסטיג-קראַנקע, (פרויען און מענער) · וועלכע ווערען אויסגע־האַלטען אויפ'ן חשבון פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש.

## היים פאַר זויג-קינדער

אין „היים פאַר זויג-קינדער פון דער לאָדזשער יודישער קהלה", געגרינדעט און אָנגעפירט דורך „טאָז", (אינ'ם בנין פון יאַקוב און אַננאַ הערץ, פּאָלנאָצנע 39) וואָס זייט דעם יאָר 1930 גיט די קהלה אַ געזיכערטע סובווענץ פאַר דעם אַנשטאַלט, ווערען אויסגעהאַלטען ביז 20 קינדער חודשלעך אויפ'ן חשבון פון דער קהלה אין דעם אַנשטאַלט, (אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 34 בעטלעך).

אין דעם „היים פאַר זויגקינדער" געפונען זיך 34 בעטלעך, אַנ'איינענע וועשערייַ, מילך-קיך, אַ גאַרטען, וואו די קינדער קאָנען ווערַאַנדירען און וואָינונגען פאַר דעם פּערסאָנאַל.

די קינדער פאַרבלייבען אין אַנשטאַלט ביז 2 יאָר, שפּעטער גייען זיי צוריק צו זייערע עלטערען, אָדער ווערען אַוועקגעגעבען אין אַנ'אַנדערען אַנשטאַלט, אָדער, צו פּריוואַטע מענטשען אויף דערציהונג.

## גמילת חסדים קאַסע

די „אָנפּראָצענטיגע גמ'ח-קאַסע" באַ דער היגער קהלה איז געשאַפען געוואָרען אין 1928. אין ערשטען יאָר זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען 3 הלוואות צו 300 און 1 אויף 100 ג., אויף דער אַלגעמיינער ס'מע פון טויזענט גילדען. דער גרונט-קאַפּיטאַל פון דער אָנפּראָצענטיגער גמ'ח קאַסע באַ דער י. ק. האָט זיך במשך פון יאָרען אָנגעזאַמעלט פון די אַסיגנירטע סומען פון אַ רייַ קהלה-בודזשעטען, וועלכע זענען אַריינגעשטעלט געוואָרען לטובת דער גמ'ח קאַסע—און וואָס ווערט אויך ווייטער אַלץ פאַרגרעסערט. חוצדעם האָט מנדב געווען סאַמועל באָרענ־שטיין 500 ג. און דער „דזשאָינט" האָט אַרויסגעבאָרגט 5000 ג. פאַר דער גמ'ח קאַסע אָבצוצאָלען אין די יאָרען 43-1937.

די טעטיגקייט פון דער „אָנפּראָצענטיגער גמ'ח קאַסע באַ דער י. ק. אין לאָדזש", אילוסטרירט אָט די טאַבעלע:

| | |
|---|---|
| 1929—30 | 754—1933 הלוואות 134,408 ג. |
| 289 הלוואות 99,938 ג. | 758—1934 ״ 135,897 ״ |
| 600—1931 ״ 140,035 ״ | 768—1935 ״ 138,162 ״ |
| 677—1932 ״ 152,469 ״ | 900—1936 „ 153,919 „ |

די אויסגעפירטע קהלה-אַרבעט אויפ'ן געביט פון סאָציאַלער הילף זעהט אַזוי אויס אין ציפערן:

| | |
|---|---|
| 26,328—1924 גילדען | 409,782—1931 גילדען |
| 73,029—1925 ג. | 372,906—1932 ג. |
| 208,148—1926 ג. | 414,729—1933 ג. |
| 197,733—1927 ג. | 388,266—1934 ג. |
| 338,963—1928 ג. | 386,257—1935 ג |
| 470,033—1929 ג. | 371,145—1936 ג. |
| 607,684—1930 ג. | |

די אויסגעפירטע קהלה-בודזשעטען זעהען אויס אין די פאַר־גאַנגענע יאָרען אין ציפערן, אַזוי:

| | |
|---|---|
| 159,605—1924 גילדען | 996,361—1931 גילדען |
| 247 909—1925 ג. | 920.764—1932 ג. |
| 451 637—1926 ג. | 1102.794—1933 ג. |
| 528,533—1927 ג. | 1392 428—1934 ג. |
| 884,022—1928 ג. | 1417.428—1935 ג. |
| 1417.000—1929 ג. | 1,758.177—1936 ג. |
| 1084,012—1930 | |

הכנסה פון עטאַט איז געווען אין דער היגער קהלה:

| | |
|---|---|
| 71569—1924 גילדען | 633,497—1931 גילדען |
| 114,254—1925 ג. | 679,673—1932 ג. |
| 184,789—1926 ג. | 787,448—1933 ג. |
| 188,905—1927 ג. | 622,942—1934 ג. |
| 436,277—1928 ג. | 609,438—1935 ג. |
| 815,326—1929 ג. | 700,693—1936 |
| 926,417—1930 ג. | |

דער עטאַט, וועלכער ווערט אַרויפגעלייגט אויף די מיט־גלידער פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש, וואַקלט זיך פון 5 גילדען ביז 5000 גילדען יערלעך.

אַלס אַ צווייטער – נאָך דעם עטאַט – גרויסער הכנסה-קוואַל דאַרף דערמאָנט ווערען דאָס בית החיים. אין משך פון די פאַרגאַנגענע יאָרען זענען די הכנסות זיינע געווען אַזעלכע:

| | |
|---|---|
| 71,622—1924 גילדען | 248,438—1931 גילדען |
| 98,622—1925 ג. | 162,502—1932 ג. |
| 105,478—1926 ג. | 197,743—1933 ג. |
| 266,747—1927 ג. | 222,079—1934 ג. |
| 261,245—1928 ג. | 312,816—1935 ג. |
| 274,859—1929 ג. | 269,735—1936 ג. |
| 224,431—1930 ג. | |

דער בית-החיים אָבטייל איז מאָדערען איינגעאָרדענט מיט פּלענער פון די קרקעות און אַ קאַרטאָטעקע פון די פאַרשטאָר־בענע.

## כראָניק

זייט דעם יאָר 1928 דערשיינט פון צייט צו צייט די „כראָניק פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש", (אַרויסגעגעבען דורך דער היגער י. ק.). ס'זענען ביז היינט דערשינען 10 העפטען, געדרוקט אין יודיש, פּויליש און העברעאיש, מיט אַ פאַרשידענ־אַרטיג פּובליציסטיש און אינפאָרמאַטיוו מאַטעריאַל.

## ת'ת

דעם 8 דעצעמבער 1931, איז דורך דער קהלה דערעפענט געוואָרען אויף גאָפּלאַנקסע 26 די תלמוד תורה אין ראַדאָגאשטש, מיט רעכט פון אַ פאָלק-שול. אין דער ת"ת לערנען שוין איצטער ביז 400 קינדער אינגאַנצען אומזיסט און באַקומען אויך צושפּייזונג. די תלמוד תורה ווערט אויסגעהאַלטען דורך דער היגער קהלה.

דעם 18 אָקטאָבער 1936 האָט די קהלה דערעפענט אויף שענקעוויטש 26 די צווייטע תלמוד תורה מיט רעכט פון אַ פאָלק-שול. אין דער ת'ת לערנען איצט ביז 140 קינדער אינגאַנצען אומזיסט און באַקומען אויך צושפייזונג. די תלמוד תורה ווערט אויסגעהאַלטען דורך דער היגער קהלה.

## מקוה

דעם 15 מערץ 1933 האָט די קהלה איבערגענומען פון דער „אגודה״ די מקוה אויף גדאַנסקע 75 אין פּאַכט אויף 15 יאָר.

## שחיטה

דעם 11 דעצעמבער 1933 האָט די קהלה איבערגענומען פון דער שטאָט, די שחיטה פון בהמות.

## עווידענץ

זייט אָקטאָבער 1933 איז איינגעפירט געוואָרען באַ דער קהלה די עווידענץ פון דער היגער יודישער באַפעלקערונג. דאָס עווידענץ-מאַטעריאַל, וואָס ווערט צוגעשטעלט דער קהלה דורך דעם לאָדזשער מאַגיסטראַט, ווערט כסדר אַקטואַליזירט.

דאָס עווידענץ-מאַטעריאַל באַשטייט אין אָקטאָבער 1936 פון 217 טויזענט 255 קאַרטלעך פון דער היגער יודישער באַפעלקערונג.

## אייגענער בנין

אין דעצעמבער 1936 האָט די יודישע קהלה אין לאָדזש אָבגעקויפט דעם בנין אויף פּאָמאָרסקע 18, פאַר 220 טויזענט גילדען, וואו עס געפינען זיך די קהלה-ביוראָען און דער ראַבינאַט.

# לאָדזשער געז. צו פלעגען קראַנקע בקור חולים

## חברה אָדער קאָמיטעט

דאָס גרינדען פון דער היגער חברה „בקור חולים״ איז געשעהען דורך אַ צופאַל:

באַ אַ היגען יוד איז געשטאָרבען אַקינד, און בימי אבלות, ווען יודען זענען געקומען צו אים דאַווענען האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר זיי אויף דעם שלעכטען ביטערען גורל אין וועלכען ס'געפינט זיך אַנ'אָרעמאַן, חלילה וחס, ווען ר'ווערט קראַנק. (דעמאָלט איז נאָך נישט געווען אַ יודיש שפּיטאָל אין אונזער שטאָט.)

לויט דער איניציאַטיוו פון אָבל לעאָן פלאַטאָ איז פסח באַשלאָסען געוואָרען, צו שאַפען אַ חברה צו דאַווענען און צו פלעגען קראַנקע „בקור חולים״ און לאָדזש, נאַכדעם ווי די פּאָר מענטשען האָבען מסכים געווען דאַרויף, איז געעפענט געוואָרען אַ בוך און אויפ'ן ערשטען בלאַט האָבען זיי לויט'ן סדר איינגעשריבען זייערע נעמען. שפּעטער האָבען אויך די וואָס זענען צוגעקומען אין דער חברה זיך אונטערגעשריבען אויף דעם אייגענעם בלאַט, לאות וזכרון. דער נוסח פון דעם טעקסט אויפ'ן ערשטען בלאַט איז אַ זעלכער:

נאָך פאָרלעזונג דעם אינהאַלטס, האָבען וויר ענדעס
אונטערשריבענע פרייוויליג אונטערשריבען

לאָדז דען 9 אפּריל 1881

בעלי המיסדים

סאַמועל שידלאָווסקי
אַ. ראָזענקוויאַט
לעאָן פלאַטטאָ
ס. מיכאַלאָוויטש
מ. גרינבערג
לעליאָווסקי
וואָלף ליפּסקי
שמואל גדליי פלאַטטאָ
העניריק העללער
סטאַניסלאַוו גאָלדסאָבעל
מ. טייטעלבוים
יאַקוב טייטעלבוים
ל. זשולטקאָווסקי
אלעזר ליב טאָפּלאָוויטש
אַבראַם מאַרקאָוויטש
מאַטוס יאַפּפע
אַ. ג. פאַמיליער
ב. שווייצער

נאָך דעם ווי די חברה „בקור חולים״ האָט שוין געציילט אכטצען מיטגלידער איז אָנגענומען געוואָרען צו מאַכען 200 וויזיט-קאַרטען, וועלכע זאָלען צוטיילט ווערען, כדי צו שאַפען נייע מיטגלידער פאַר דער חברה. דער טעקסט פון דער וויזיט-קאַרט איז אַ זעלכער:

№________

מיטגליעד דער חברה בקור חולים

Rs.................kop. ...........אויפנאהמעבייטראג

Rs.__________kop...........מאנאַטליכער בייטראג

לאדז, דען.........................................

אדרעססע)____________________________

די חברה „בקור חולים״ האָט צונויפגענומען און צוגעטרעטען צו דער אַרבעט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 4 רובעל.

אין אָנהייב האָט מען אין שטאָט נישט געוויסט פון דער נייער חברה און ס'האָט זיך קיינער נישט געוואָנדען צו איר נאָך הילף. וואו נעמט מען אַ קראַנקען? זענען עטלעכע דיזשורנעס אַרויס איבער דער שטאָט זוכען, ביז מ'האָט געפּאַקט אויף אַלט-שטאָט דעם ערשטען קראַנקען. די דיזשורנעס פון „בקור חולים״ זענען באַלד אוועק צו אים. דערווייל איז מען אין יענער געגענט געוואָיר געוואָרען אַז דאָרט זענען אָנגעקומען עפּעס מענטשען פון אַ חברה וואָס טראָגט הילף קראַנקע און מ'האָט זיי גלייך

אַלאַרמירט וועגען אַ צווייטען פּאָרפאַל און גראָד זייער אַנ׳ערענסט קראַנקען. אַזוי האָט די חברה „בקור חולים״ אָנגעהויבען צו פירען איר אַרבעט, וואָס ווייטער אַלץ גרעסער. די מיטגלידער-צאָל איז כסדר געשטיגען.

דער ערשטער דאָקטאָר פון דער היגער חברה איז געווען ד״ר ס. סלאָנימסקי, (אַ זיהן פון חיים זעליג סלאָנימסקי — דעם גרינדער, רעדאַקטאָר און פּובליציסט פון דער העברעאישער טאָג-צייטונג „הצפירה).

נאָך אַ קורצער צייט האָט די חברה „בקור חולים״ גערופען די ערשטע גענעראַל-זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 30 יולי 1881 אין האָטעל האַמבורסקי (פּיעטריקאָווער 17) כדי אַרומצורעדען וועגען דער פייערלעכער דערעפענונג פון דער היגער חברה „בקור חולים״.

פאַר דער גענעראַל-זיצונג זענען צו די מיטגלידער צוגעשיקט געוואָרען איינלאַדונגען מיט דעם טעקסט:

**ווינ ערזוכען זי העפליכסט. זיך קינפטיגען זאננאבענד. דען 30 דיעזעס אום 3 אוהר נאכמיטטאגס. צור אייססערט וויכטיגען גענעראלזיטצונג. אים האטעל האמבורסקי אים זאאל. געפעלליגסט איינפינדען צו ווא‌ללען.**

לאדז דען 28 יולי 1881

## דער פראוויזארישע פארשטאנד דער חברה בקור חולים

דער פּראָוויזאָרישער פאָרשטאַנד איז באַשטאַנען פון די ה׳ה: ל. זשולטקאָווסקי—גבאי ראשון, ב. שווייצער— סעקרעטאַר, נ. קאָפּעל, ד״ר ס. סלאָנימסקי, י. גראַווע, פּ. ב. פּרושינאָווסקי, אדוו. ס. שידלאָווסקי, ל. פלאַטאָ, ג. פאַמיליער, ה. העלער.

די דערעפענונג פון דעם ערשטען לאָקאַל פון דער חברה „בקור חולים״ אויף פּיעטריקאָווער 33 — וואָס איז באַשטאַנען פון 2 שטובען מיט אַ קוך, וואו ס׳איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ קאַנצעלאַריע און אַ שוהל — איז פאָרגעקומען שבת נחמו ד. י. מיט גרויס פּאַראַד. ס׳האָבען אָנטייל גענומען אין איר די חשובסטע מענטשען מיט דעם לאָדזשער רב הג׳ אלי׳ חיים מייזעל אין דער שפּיץ. אין דער נייער שוהל האָט דער רב געהאַלטען אַ דרשה מעניני דיומא.

1881 נאָך גרויסע באַמיהונגען אין דער פּיעטריקאָווער גובערניע-פאַרוואַלטונג, האָט באַקומען די „חברה אָדער קאָמיטעט צו פלעגען קראַנקע פון יודישען גלויבען אין לאָדזש״, אַ צייטווייליגע דערלויבעניש אויף אָנצוהייבען צו פירען אַ טעטיגקייט.

דער סטאַטוט ווייזט אָן אויף די צילען פון דער חברה: צו שיקען משמורים צו קראַנקע סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט, ווי אויך מיטצושיקען פאַר די קראַנקע פלעגע, ווי: טיי, צוקער, לימאָנאַד, א. אַ. וו. צו שיקען צום חולה אַ דאָקטאָר אָדער פעלדשער אין שטוב אַריין, און די פאַרשריבענע דורכ׳ן דאָקטאָר מעדיצינען צושטעלען אומזיסט דעם חולה; און אויב די חברה וועט האָבען מאַטעריעלע מיטלען זאָל זי שאַפען אַ צייטווייליג שפּיטאָל אויף 20 בעטען.

צווישען די הכנסות פון דער חברה ווערט אויך דערמאָנט, אַז זי קאָן אַרויסשיקען דעם שמש אָדער יונגע מיטגלידער יעדען ערב שבת און ערב יום טוב מיט אַ פּושקע, וואָס זאָל זיין פאַרזעהען מיט אַנ׳אויפשריפט: „לטובת דער צייטווייליג-געשאַפענער חברה בקור חולים״, כדי צונויפצוזאַמלען קלענערע נדבות צווישען: די יודישע איינוואָינער פון דער שטאָט.

צוליב עפּעס אַ מעשה איז גאָר גיך נאָכאַמאָל באַשטימט געוואָרען אַ נייע צייטווייליגע פאַרוואַלטונג פון די ה׳ה: יאַקוב גראַף—גבאי ראשון, נאַטאַן קאָפּעל - קאַסירער, ל. פלאַטאָ, ס. שידלאָווסקי, ה. העלער.

די חברה „בקור חולים״ האָט גענומען אַנטוויקלען אַנ׳ענערגישער אַרבעט צווישען די היגע אָרעמע קראַנקע.

נאָך אַ פולשטענדיגען קאָנסטיטואירען זיך האָט די חברה אויסגעקליבען אַ פאַרוואַלטונג אין דעם צוזאַמענשטעל: שמעון הײמאַן-פּרעזעס, אויגוסט באַרוך און יאַקוב גראַף—וויצעס, ס. גאָלדמאַן—קאַסירער. און אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג: מ. זילבערשטיין, מ. ס. רובינשטיין, ג. פאַמיליער, י. בירנבוים, ל. פלאַטאָ, ד. בערגער, ח. ב. פרישבערג.

ערען-מיטגלידער זענען געווען: ישראל קלמנס פּאָזנאַנסקי, יאַקוב זאַקס, יאַקוב דאָבראַניצקי, א. פּרוסאַק, ישעי׳ ראָזענבלאַט.

נאָך אַ יאָר צייט האָט די חברה געציילט 629 מיטגלידער. דער ערשטער דין וחשבון פון 14 יוני 1881 ביז 1 יולי 1882 ווייזט אויף אַז ס׳איז געווען הכנסה 6156 רובעל מיט 45 אַ האַלבע קאָפּ. און 6042 רובעל מיט 40 אַ האַלבע קאָפּ—הוצאה.

ס׳זענען געהיילט געוואָרען 1385 קראַנקע אין 26796 שפּיטאָל-טעג. דערבאַ האָט 1 קראַנקער געקאָסט דורכשניטלעך 15.06 קאָפּ. טעגלעך. רעצעפּטען זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען 1792, וועלכע האָבען געקאָסט דורכשניטלעך 45.05 קאָפּ.

אין 1882—83 איז איינגעפירט געוואָרען, אַז די שטאָט ווערט צעטיילט אויף 6 צירקולען, וואו יעדער איינער וואָס דאַרף דאָקטוירישע הילף, אָדער, פלעגע פאַר קראַנקע, מוז זיך דערוועגען ווענדען אין זיין צירקול.

צום ערשטען צירקול האָט געהערט—די אָגראָדאָווע און פּיעטריקאָווער גאַס, צום 2 צירקול—דער אַלטער מאַרק, צום 3 צירקול—די אַלעקסאַנדריסקע און זגערזשער גאַס, צום 4 צירקול—עק יודישער און נאָוואָמיעסקע גאַס און אַלטער מאַרק, צום 5 צירקול—קאָנסטאַנטינער, פּיעטריקאָווער און וװסכאָדניע גאַס, צום 6 צירקול—די פּיעטריקאָווער גאַס.

אין צווייטען יאָר 1882—83 זענען געהיילט געוואָרען 1648 קראַנקע אין 32136 שפּיטאָל-טעג. דערבאַ האָט 1 קראַנקער געקאָסט דורכשניטלעך 17 מיט אַ האַלבע קאָפּ. טעגלעך. רעצעפּטען זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען 5869, וועלכע האָבען געקאָסט דורכשניטלעך 35 קאָפּ.

מיטגלידער—610, הכנסה—8537 רובעל 86 קאָפּ. און 8344 רובעל 57 קאָפּ.—הוצאה.

אין 1884 איז אויסגעוויילט געוואָרען מאַרקוס זילבערשטיין — פּרעזעס, לודוויג פרידלענדער—וויצע, מאָריץ הײמאַן—קאַסירער, אויגוסט באַרוך, מיכאל ליכטענפעלד, אַפּטייקער מ. ספּאָקאָרנע, ל. פלאַטאָ, ג. פאַמיליער, ח. ב. פרישבערג, אדוו. ב. בירענצווייג.

אין די אַכציגער יאָרען, ווען לאָדזש האָט זיך גענומען פונאַנדערוואַקסען אַלס צענטער פון אינדוסטרי. איז זי פאַרפלייצט געוואָרען פון עמיגראַנטען פון קעניגרייך-פוילען און צאַרישען רוסלאַנד, וועלכע זענען דאָ געקומען זוכען אַרבעט און באַשעפטיגונג. די באַוועגונג האָט געשאַפען אַ פּראָלעטאַריער פון האַנדעל-קלאַס און אַרבעטער-עלעמענט. די אָנגעקומענע נישט-קריגענדיג קיין אַרבעט זענען אַריינגעפאַלען אין נויט, וועלכע האָט געשאַפען אַלץ אַ גרעסערען קאָנטיגענט פון אָרעמע קראַנקע, וואָס זענען איבערגעבליבען אויפ׳ן באַראָט פון זייער

אייגענעם גורל, און די באַדערפעניש פון אַ דרינגענדיגער הילף פאַר זיי איז געווען אַ ברענענדיגע.

אין יענער צייט האָט די חברה ב. ח. איבערגעלעבט כמעט אַ דורכברוך-מאָמענט. די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון די יאָרען 86—1884 און דער אויסברוך פון אַ ריי עפּידעמיעס וואָס האָבען געהערשט אין אונזער שטאָט, האָבען געשטעלט די חברה פאַר אויפגאַבען וויט גרעסערע לויט די כחות און מעגלעכקייטען.

## סעקציע „בקור חולים“

אין אָקטאָבער 1901 האָט בײַ דער ניי-געשאַפענער „לאָדזשער יודישער געז. „דאָבראָטשינגאָשטש“ געגומען אַנטוויקלען אַ טעטיגקייט די סעקציע: צו פלעגען קראַנקע יודען „בקור חולים“.

דער קאָמיטעט פון דער סעקציע „בקור חולים“ איז באַשטאַנען פון די ה'ה: זיגמונט ליכטענפעלד — פּרעזעס, עזרא

## פאַרדינסטפולע מיטגלידער:



העינריק העלער
מיטגרינדער



לעאָן פלאַטאָ
איניציאַטאָר און טוער



נאַטאַן קאָפּעל
מיטגרינדער

די דעמאָלטיגע דאָקטוירים זענען געווען: ד'ר ס. סלאָנימסקי, ד'ר האַספעלד, ד'ר פשעדבאָרסקי. ד'ר גאַרפינקעל, ד'ר קרוקאָווסקי, ד'ר וויסלאָצקי, ד'ר פליכטאַ, ד'ר ליטויער, ד'ר רונדאָ, ד'ר דאָנכין, ד'ר אָרבאַך.

קאָנסולטאַנטען: ד'ר מאַקסימיליאַן קאָן און ד'ר וואָלבערג.

די חברה „בקור חולים“ האָט שוין דעמאָלט געהאַט איינגעשטעלט ביז אַכטצען רעווירען איבער דער שטאָט און אָנגעפירט אַ גרויסע הילף-אַרבעט צווישען דער אָרעמער היגער יודישער באַפעלקערונג.

דער פּאָרזיצער מ. זילבערשטיין האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער חברה. און ער האָט געפלעגט דעם אַמט ביז צו דער צייט, ווען די חברה האָט לויט אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט געמוזט אויפהערען צו פירען איר לעגאַלער אַרבעט.

1888 איז אַריינגעפלאָסען אַ מסירה אין דער גובערניע-פאַרוואַלטונג אויף דער חברה „בקור חולים“. ס'איז אַראָבגעקומען דער גובערנאַטאָר אליין דאָ אַהער מכח דעם ענין, און נאָך אַ גענויער חקירה ודרישה בײַ'ם היגען פּאָליציי-מייסטער האָט ער אַרויסגעגעבען אַ באַפויל - צו שליסען די חברה „בקור חולים“.

ערשט איז איבערגעבליבען אַ קליינע גרופּע מענטשען, וועלכע האָט גענומען אָנשלאָגען טירען, משתדל זיין מ'זאָל די חברה צוריק דערעפענען, אָבער, אַלע אָנשטרענגונגען זענען געווען אומזיסט.

אָבער, נישט דערשראָקען פון דעם קלאַפּ האָט די גרופּע איידעלע מענטשען, נישט אויפגעהערט כאָטש אין אַנ'אַנדערער פאָרם צו פירען זייער וויטעריגער אַרבעט.

די מענטשען פון פיהלבאַרע הערצער האָבען נישט אַראָבגעלאָזט די הענט. און די אַלץ שטייגענדיגע שוועריגקייטען און שטרויכלונגען האָבען זיי נאָך מער אָנגעגליט און געטריבען צו פאַרגרעסערטער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און צו לינדערען די נויט פון זייערע אָרעמע פאַרלאָזענע מיטברידער.

שיקער—וויצע, אויגוסט באַרוך, י. י. בערמאַן, ד'ר מאַקסימיליאַן קאָן, לעאָן פלאַטאָ, ח. ב. פרישבערג, איגנאַץ גלאַס, ה. העלער. נאַטאַן קאָפּעל, ד'ר ע. קראַקאָווסקי, וואָלף נויפעלד, יוליוש ראָזענטאַל און אַדאָלף וואָהל, ווי אויך צוויי פאַרוו. מיטגל. פון דער לאָדזשער יודישער געז. דאָבראָטשינגאָשטש, די ה'ה סטאַניסלאַוו זילבערשטיין און בער וואַקס.

אין יענער צייט האָט די סעקציע אַדורכגעפירט אַ זייער אינטענסיווער אַרבעט אויך אין די געגענטען פון דער יודישער אָרעמקייט באַלוט און ראַדאָגאָשטש.

די דעמאָלטיגע פאַרוואַלטונג מיט'ן פאַרדינסטפולען פּרעזעס זיגמונט ליכטענפעלד האָט איינגעפירט אַ ריי אינערלעכע רעפאָרמען, וועלכע האָבען פאַרגרעסערט די צאָל מיטגלידער און די הכנסות פון דער סעקציע: „בקור חולים“.

אין מאַי 1908 איז אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג באַשלאָסען געוואָרען אַז די סעקציע זאָל איבערגייען צו זעלבסטשטענדיגער טעטיגקייט.

## לאָדזשער געז. צו פלעגען קראַנקע „בקור חולים“

דעם 28 סעפּטעמבער 1908 נאָכ'ן דערהאַלטען פון דער מאַכט אַ באַשטעטיגטען סטאַטוט, האָט די „לאָדזשער געז. צו פלעגען קראַנקע „בקור חולים“ אָנגעהויבען צו פירען אַזעלבסטשטענדיגע נישט-אָבהענגיגע אַרבעט.

צום 25 יאָריגען יובל פון דער עקזיסטענץ פון „בקור חולים“ האָט ה. העלער געגעבען די איניציאַטיוו, אַז ס'זאָל געשאַפען ווערען אַ „היים פאַר'ן געזונט“, פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען און לונגען-ליידענדיגע. דער פּראָיעקט איז דעמאָלט אונטערשטיצט געוואָרען מצד דער גאַנצער פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט באַשלאָסען אים גענוי צו באַאַרבעטען און אין דער נאָענטסטער צייט צו רעאַליזירען.

אין 1911 האָט „בקור חולים“ געפייערט דעם 30 יאָריגען יובל פון זיין הילף-טעטיגקייט צווישען די אָרעמע יודישע קראַנקע אין אונזער שטאָט. אין דער יובל-צייט האָט די אָר-

טיגע פרעסע אָבגעדרוקט גרעסערע אַרטיקלען און אָבשאַצונגען, װעגען דער רייכער פאַרגאַנגענהייט פון דער וויכטיגער אינסטיטוציע. אין דער שפּיץ פון רער אינסטיטוציע זענען דעמאָלט געשטאַנען: יאַקוב הערץ–פּרעזעס, עזרא שיקער און אַדאָלף ב. ראָזענטאַל–וויצע פּרעזעסן, א. וואָהל–קאַסירער, ג. לינדענפעלד–קאָנטראָלער, לעאָן פלאַטאָ, העניריק העלער, איזידאָר מושקאַט, י. י. בערמאַן, בראָניסלאַוו גאָלדבוים, אַדוו. סטאַניסלאַוו דאָבראַניצקי, יוליוש ראָזענטאַל, ה. אימיך, מאָריץ א. פּרוסאַק, ד. נאָזינסקי, הערמאַן טשאַמאַנסקי, ד"ר ב. האַנדעלסמאַן, ד"ר ל. בילץ, ד"ר ג. ראָטשטאַן, און פּראָוויזאָר אולריך וואָלאָשינסקי.

אין די מלחמה־יאָרען האָט די געז. געפירט איר אַרבעט אין אַ שטאַרק־פאַרקלענערטער פאָרם. נאָך דער מלחמה האָט „בקור חולים" גענומען צוריק אָנפירען אַ נאָרמאַלער טעטיגקייט.

אזוי ביז היינט.

„בקור חולים" אַלס די עלטסטע אינסטיטוציע אויפ'ן געביט פון פלעגען די אָרעמע יודישע קראַנקע פון אונזער שטאָט, היט איר גרויסער טראַדיציע און ווי אין די אמאָליגע יאָרען גיט זי ווייטער ארויס יאָר־יערלעך פאַר 140 באַדערפטיגע מענטשען אונטערשטיצונגען (קמחא של פסח). חוצדעם צושפּייזונג אין דער פאָרם פון 4 ליטער מילך, 40 דעקאַ צוקער, 40 דעקאַ מאַנגע קאַשע און 40 דעקאַ רייז–וועכענטלעך–פאַר יעדען איינעם קראַנקען וואָס ווערט אָנערקענט אַז ער מוז באַקומען צושפּייזונג, פון וועלכע עס געניסען אין „בקור חולים" אַ גרויסע צאָל קראַנקע וואָס דאַרפען פלעגע.

„בקור חולים" גיט אַרויס צעטלען אויף צו באַקומען דאָקטוירישע און מעדיצינישע הילף, פון וועלכע עס געניסען ביז 300 קראַנקע חודש'לעך.

# אוזדראַוויסקאַ

נישט געקוקט דאַרויף וואָס די געז. האָט געהאַט כסדר אויסצושטייען דעפיציטען, איז זי דאָך צוגעטרעטען צו דער אַקציע פון שאַפען אַ פאָנד פאַר „אַ היים פאַר'ן געזונט", פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען און לונגען־ליידענדיגע אין ערשטען סטאַדיום – צו וואָס עס האָט אויך אין אַ גרויסער מאָס צוגעהאָלפען דער אַפּעל צו דער לאָדזשער יודישער געזעלשאַפט–וועלכע האָט זיך וואַרעם אָבגערופען אויף דער ווענדונג. דורך איר גרויסער אונטערשטיצונג איז אין דעצעמבער 1908 איינגעקויפט געוואָרען אין

אין 1913 האָט די פאַרוואַלטונג אויך געלאָזט אין גאַנג „אוזדראָוויסקאָ" אין די ווינטער חדשים.

צוליב'ן אויסברוך פון דער מלחמה האָט „אוזדראָוויסקאָ" געמוזט דעם 1 אויגוסט 1914 אָבשטעלען די טעטיגקייט און די פאַרוואַלטונג האָט דעם אנשטאַלט געשטעלט אין רשות פון „רויטען קרייץ". די קאָמיסיע פון ר. ק. האָט אָבער פעסטגעשטעלט, אַז דער אַנשטאַלט געפינט זיך 7 וויאָרסט אונטער דער שטאָט, וואָס איז דעמאָלט געלעגען אויפ'ן פאַס פון די מלחמה־אָפּעראַציעס.



בער וואקס

ערשטער פרעזעס

קאַלי, (נעבען קאָכאַנובקע) 19 מאָרג ערד, (דאַרונטער 7 מיט אַ האַלבע מאָרג פון סאָסנע־וואַלד). אויף דעם באַדען זענען דעמאָלט געשטאַנען 4 הילצערנע הייזלעך, וועלכע זענען נאָך אַ געהעריגען איבערבויען אין יולי 1909 איבערגעגעבען געוואָרען צום נוצען פון די רעקאָנוואַלעסצענטען א. ג. „אוזדראָוויסקאָ".

די דערעפענונג פון „אוזדראָוויסקאָ" איז פאָרגעקומען בעת אין דער שפּיץ פון דער פאַרוואַלטונג איז געשטאַנען ב. וואַקס, וועלכער האָט דורך זיין שטאַרקער אַרבעט אַ סך מיטגעהאָלפען צום אַנטשטייען פון „אוזדראָוויסקאָ".

אין ערשטען יאָר זענען אָנגענומען געוואָרען אין „אוזדראַוויסקאָ" 55, אין צווייטען יאָר 164, און אין דריטען יאָר 204 קראַנקע.

אין די יאָרען 1911-12 זענען אויפגעשטעלט געוואָרען 3 געמויערטע פּאַווילאָנען פאַר קראַנקע אין „אוזדראָוויסקאָ", מנדב געווען האָבען זיי: די פאַמיליע פון פרוי לעאָניע פּאָזנאַנסקי, דאָס פּאָרפּאָלק מ. און ח. פּרעכנער, און די פאַמיליע פון סאָלאָ קראָטאָשינסקי.

מחמת דאַריבער האָט די פאַרוואַלטונג דעם גאַנצען אינווענטאַר פון „אוזדראָוויסקאָ", וואָס איז באַשטאַנען פון 100 בעטלעך מיט בעטגעוואַנט, אַרויסגעבאָרגט דעם שפּיטאָל א. ג. פון פּאָרפּאָלק קאָנשטאַט אין ראַדאָגאָשטש, וועלכער איז דעמאָלט באַשטימט געווען פאַר פאַרווינדעטע זעלנער.

אין סעפּטעמבער 1914 צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס אויפ'ן שטח אַרום אונזער שטאָט, זענען די דריי געמויערטע פּאַווילאָנען פולשטענדיג דעמאָלירט געוואָרען און די הילצערנע פּאַווילאָנען זענען אויך שטאַרק באַשעדיגט געוואָרען. אין 1915 האָט די פאַרוואַלטונג נישט קוקענדיג אויף די שווערע באַדינגונגען צוריקגעבויט אַלע הילצערנע פּאַווילאָנען און אין אויגוסט פון דעם יאָר האָט „אוזדראָוויסקאַ" באַנייט איר טעטיגקייט.

אין די יאָרען 1916-18 איז „אוזדראָוויסקאָ" געווען טעטיג אַ גאַנץ יאָר.

דעם 14 פעברואַר 1919 איז פאַרברענט געוואָרען דער הויפּט־ווירטשאַפט־בנין, וואָס האָט געהאַט אַנ'עס־שטוב, קיך, באָדשטוב און וועשעריי.

צוליב'ן פעהלען פון אַזעלכע וויכטיגע איינריכטונגען האָט „אוזדראָוויסקאָ" אָבגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט די טעטיגקייט, אָבער נישט געקוקט אויף דער אַלגעמיינער סטאַגנאַציע, איז דורך דער שטאַרקער אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג, געלונגען צונויפצונעמען די נויטיגע פאָנדען און צוריק אויפצובויען דעם פאַרברענטען בנין. אין יולי 1919 איז באַנייט געוואָרען די טעטיגקייט פון „אוזדראָוויסקאָ".

1922 איז דורך דער איבערגעגעבענער אַרבעט פון פּרעזעס בעסערונגען. אין די 6 סעזאָנען ווערען אַרויסגעשיקט נאָך „אוזדראָוויסקאָ" ביז 600 רעקאָנוואַלעסצענטען און אָרעמע קראַנקע, וועלכע פאַרבלייבען דאָרט אַ צייט אויף קוראַציע און האָבען אויך די מעגלעכקייט אָבצורוטען מיט פרישער און ריינער לופט: וואָס גיט זיי כּח שנעל צוריקצוקערען צו זייער אַרבעט.

די קראַנקע באַקומען אין „אוזדראָוויסקאָ" אַ פולשטענדיגע אויסהאַלטונג און זענען אונטער אַ שטענדיגער דאָקטוירישער אויפזיכט.

## פאַרוואַלטונג:


ד"ר ז. קאַהאַן
וויצע


ד"ר נ. גאָלדבלום
פּרעזעס


ב. ב. גליקסמאַן
וויצע


וו. קאָנסול מאַקס קאָן
קוראַטאָר


פעליציע קאָן
איבערגעגעבענע סעקרעטאַרין


מ. עפּשטיין
וו. פּרעז. פון פ. קאָמ.


ה. זינגער
ביוראָ-שעף


ה. ריכטער ל. ראָזענבוים
פּרעז. פון פ. קאָמ.


ס. ליפשיץ
עקאָנאָם


פ. רובינשטיין
אינטענדענט

דאַוויד נאָווינסקי און וו. פּרעזעס לעאָפּאָלד לאַנדסבערג, אויפגעשטעלט געוואָרען דער נייער פּאַווילאָן, וואָס באַשטייט פון צען זעלער און צוויי שטאָק, ווי אויך זענען דעמאָלט אויפגעפרישט געוואָרען די רואינירטע פּאַווילאָנען אין „אוזדראָוויסקאָ".

1929 איז אויסגעבויט געוואָרען דאָרט די באָד-אַנשטאַלט פאַר הייל-בעדער, וועלכע איז אָבער געבליבען לעת עתה אין רויען צושטאַנד, מחמת מאַנגעל אין געלט-מיטלען.

„אוזדראָוויסקאָ" איז טעטיג אַ גאַנץ יאָר, חוץ עטלעכע וואָכען וועלכע זענען נויטיג כּדי אַדורכצופירען פאַרשידענע אויס-

אַ באַזונדערער קאָמיטעט וואַכט איבער די ווירטשאַפטלעכע ענינים פון „אוזדראָוויסקאָ", וועלכער האָט אַ סך מיטגעהאָלפען צו איר אַנטוויקלונג און ווירקט אויך צו דער נאָרמאַלער אַרבעט אין אינערלעכען לעבען פון „אוזדראָוויסקאָ".

אויף די פעלדער פון „אוזדראָוויסקאָ" ווערען איינגעזייעט קאַרטאָפעל און געמיזען, וועלכע נאָכ'ן אַראָבנעמען גענוגען זיי פאַר אייגענעם אויסקום פון דעם אַנשטאַלט.

ס'איז דאָרט אויך איינגעאָרדענט געוואָרען אַ קורניק, אין וועלכען ס'ווערען געהאָדעוועט ביז 100 הינער.

## די אויסווייזען אילוסטרירען די טעטיגקייט פון אַ ריי איינריכטונגען באַ׳ם „דאָבראָטשינאָשטש“ אין די יאָרען 20—1911

### ביליגע קוך

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| 1911 | מיטאָגען צו 3, 4 און 5 קאָפּ. | 88021 | בחנמדיגע מיטאָגען | 6184 |
| 1912 | „ | 86637 | „ | 8383 |
| 1913 | „ | 76631 | „ | 999 |
| 1914—18 | „ צו אַ מינים. אָבצ. | 1.939870 | „ | 105074 |
| 1919 | „ | 116,687 | „ | 6244 |
| 1920 | „ | 228,326 | „ | 4052 |

אין די יאָרען 13—1912 איז אויך אַרויסגעגעבען געוואָרען די וועבער בחנמדיגע 11.238 פונט ברויט.

### אָנפּראָצענטיגע ליי־קאַסע

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 1911 | 1453 | הלואות | 89110 | רובל | וועכענטלעכע ראַטעס | 87389 |
| 1912 | 1415 | „ | 87160 | „ | „ | 82835 |
| 1913 | 1356 | „ | 79475 | „ | „ | 75737 |
| 1914 | 650 | „ | 39620 | „ | | |

מיט׳ן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָבען אויפגעהערט צוריקצופליסען די אַרויסגעבאָרגטע געלטער, וואָס האָט גורם געווען אַז די ליי־קאַסע זאָל מוזען אָבשטעלען איר טעטיגקייט.

אין אויגוסט 1920 יאָר האָט צוריק אָנגעהויבען צו פונקציאָנירען די אָנפּראָצענטיגע הלואות קאַסע—באַקומענדיג דורך די באַמיהונגען פון דער פאַרוואַלטונג 250 טויזענט מאַרק פון דעם היגען „אַמעריקאַנער קאָמיטעט“ — און ווייטער געפירט איר אַרבעט.

### דער געלט-אונטערשטיצער אָבטייל

די טעטיגקייט פון דעם געלט־אונטערשטיצער אָבטייל איז ענג פאַרבונדען מיט די פאַרהעלטענישען אין שטאָט: אויב עס וואַקסט די אָרעמקייט אין גאַס—שלאָגט זי אָן אין די טירען פון „דאָבראָטשינאָשטש“. אַמבעסטען אילוסטרירען עס די ציפערען פון די אויסגעצאָלטע אונטערשטיצונגען: 1911—53873 רובעל מיט 77 ק. 1912—69629 רובעל מיט 28 ק. 1913—55829 רובעל מיט 23 ק. 18—1914—67488 ר. מיט 16 ק. און 117.066 מאַרק מיט 65 פעניג. חוצדעם איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אויף פסח אונטערשטיצונגען 62.163 רובעל מיט 15 ק. און 113.801 מאַרק מיט 83 פעניג; אויף באַהייצונג פאַר אָרעמע 1541 רובעל מיט 53 ק. און 6444 מאַרק מיט 94 פעניג; 1919—איינמאָליגע אונטערשטיצונגען 78950 מ. 50 פ. פעריאָדישע אונטערשטיצונגען 6718 מ. חוצדעם אויף פסח 70370 מ. 64 פ. און אויף באַהייצונג 7788 מ. 75 פעניג. 1920—איינמאָליגע און חודשלעכע אונטערשטיצונגען 156978 מ. 40 פ. חוצדעס איז אַסיגנירט און אויסגעצאָלט געוואָרען געפאַלענע סוחרים 248698 מ. 10 פ. און אויף פסח 156719 מ. 21 פעניג.

# לאָדזשער יודישע געז. דאָבראָטשינאָשטש

אין 1893 יאָר, צוליב דער וואַקסענדיגער נויט צווישען די אָרעמע יודישע וועבער, איז דורך אַ גרופּע לאָדזשער בירגער אונטערגענומען געוואָרען באַמיהונגען באַ דער ג. רוסישער מאכט וועגען דערעפענען אַ יודישע געזעלשאַפט דאָבראָטשינאָשטש, וועלכע זאָל טראָגען הילף די נויטליידענדיגע יודישע וועבער און זייערע פאמיליעס. נאָך לאַנגיאָריגע אָנשטרענגונגען מצד די דעמאָלטיגע חשובע בירגער פון לאָדזש, מיט די ה"ה: י. פּאָזנאַנסקי, יאַקוב הערץ, סאַלאָמאָן לאַנדוי, יאַקוב הירשבערג, מיכאל קאָן, עזרא שיקער, איזידאָר זאַקס, בער וואַקס, סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי, מאָריץ פּרענקעל, עדוואַרד היימאַן, און סטאַניסלאַוו זילבערשטיין אין דער שפּיץ, איז געלונגען דעם סטאַטוט צו לעגאַליזירען.

דעם 14 אָקטאָבער 1899 יאָר האָט אָנגעהויבען צו פירען ר טעטיגקייט די לאָדזשער יודישע געזעלשאַפט דאָבראָטשינאָשטש אין דעם לאָקאַל אויף דער ציגעל גאַס 7, און מיט דער פּאַרוואַלטונג וועלכע איז באַשטאַנען: יש אל פּאָזנאַנסקי—פּרעזעס, סאַלאָמאָן לאַנדוי—וויצע, מיכאל קאָן—סעקרעטאַר, עזרא שיקער, יאַקוב הירשבערג, מאָריץ פּרענקעל, בער וואַקס, מיכאל קיפּער, סטאַניסלאַוו זילבערשטיין, יאַקוב הערץ, איזידאָר זאַקס און מאָריץ היימאַן. קאַנדידאַטען: עדוואַרד היימאַן, מ. א. ווינער, סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי און ישעי' ראָזענבלאַט.

די געז. האָט אָנגעהויבען איר טעטיגקייט דורכ'ן איינאָרדענען אַ ביליגע קיך, וועלכע האָט אַרויסגעגעבען אָרעמע יודען בחנמדיגע מיטאָגער, און 2 מאָל טעגליך טיי מיט אַ שטיקעל ברויט פאַר אַנדערהאַלבען קאָפּיקעס, ווי אויך אַרויסגעגעבען געלט-אונטערשטיצונגען צו 3 רובעל וועכענטליך. די שטאָט איז פּאַרטיילט געוואָרען אויף 5 ראַיאָנען און באַשטימט ראַיאָן-אָפּיעקונעס, וועלכע האָבען געדאַרפט באַקענען די לעבענבאַדינגונגען פון די וועבער וואָס וואָינען אין זייער צוגעטיילטען ראַיאָן.

אין האַלבען נאָוועמבער פון דעם יאָר איז די געז. צוגעטרעטען צו אַנ'אַקציע אַרויסצוגעבען קוילען פאַר דער נישט-פאַרמעגלעכער באַפעלקערונג ווי אויך צו אָרגאַניזירען דאָקטוירישער הילף פאַר די באַלוטער איינוואָינער.

דעם 28 סעפּטעמבער 1900 יאָר האָט אָנגעהויבען איר טעטיגקייט די אָהן-פּראָצענטיגע הלואות-קאַסע.

דעם 6 יאַנואַר 1901 יאָר איז פאָרגעקומען די דערעפענונג פון הויז, (אויף שרעדניע 92) געשאָנקען דער געז. „דאָרבאָטשינאָשטש דורכ'ן פאָרפאַלק גאָלדפעדער, וואָס איז באַשטימט צו באַזאָרגען מיט ביליגע דירות דעם אָרעמסטען טייל פון דער יודישער באַפעלקערונג.

דעם 3 פעברואַר 1901 יאָר האָט אָנגעהויבען צו פונקציאָנירען דער נאַכט-לעגער פּשיטולעק פאַר היימלאָזע מענטשען.

דעם 1 אָקטאָבער 1901 ה ט אָנגעהויבען איר טעטיגקייט די סעקציע צו פלעגען קראַנקע יודען א. נ. „בקור חולים" אין וועלכען קאָמיטעט ס'זענען אריין, די ה"ה: זיגמונט ליכטענפעלד—פּאָרזיצער, עזרא שיקער—וויצע, אויגוסט באַרוך, י. י. בערמאַן, ד"ר מאַקסימיליאַן קאָן, לעאָן פלאַטאָ, ה. ב. פרישבערג, איגנאַץ גלאַס, ה. העלער, נאַטאַן קאַפּעל, ד"ר ע. קראַקאָווסקי, וואָלף נויפעלד, יוליוש ראָזענטאַל און אַדאָלף וואָהל, ווי אויך צוויי פּאַרוואַלטונג-מיטגלידער פון דער ל. י. ג. ד. די ה"ה: סטאַניסלאַוו זילבערשטיין און ב. וואַקס.

אין סעפּטעמבער 1901 האָט באַקומען די ל. י. ג. ד. פון סינאַגאָגען קאָמיטעט דאָס נישט-באַוועגלעכע פאַרמעגען אויף דער זאַכאָדניע 20, וואוהין עס איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען דאָס זיץ-אָרט פון דער פּאַרוואַלטונג און וואו ס'איז אין מאַי 1902 יאָר איינגעאָרדענט געוואָרען אַנ'אַרבעט-הויז.

אין יוני 1902 ווערט געשלאָסען אַנ'אָבמאַך מיט'ן רב פון ציעכאַצינעק, וואוהין די ל. י. ג. ד. האָט שפּעטער געשיקט קראַנקע אויף קוראַציע, צאָלענדיג צו 16 רובעל חודשליך פאַר יעדען באַזונדער.

אין 1903 יאָר איז ליקווידירט געוואָרען דער נאַכטלעגער פּשיטולעק, ווייל דאָרט פלעגען זיך אַריינקריגען נישט געווינטשטע עלעמענטען, און ס'ווערט געגרינדעט דער פּשיטולעק פאַר קאַליקעס און פּאַראַליטיקער, לכתחילה אין 1 זאַל, אָבער אין אָקטאָבער פון ד. י. איז ער גלייך פאַרגרעסערט געוואָרען אויף נאָך צוויי זעלער.

אין אָקטאָבער 1903 יאָר ווערט געשאַפען אַ קאָמיסיע פון 40 מענטשען, וועלכע האָט געדאַרפט זאַמלען שפּענדען לטובת דעם בוי כון א שפּיטאָל פאַר גייסטיג קראַנקע אויף 80 פּאַציענטען. די קאָסטען זענען געווען באַרעכענט ביז 100–120 טויזענט רובעל.

אין 1904 יאָר צוליב דער גרויסער אָנגעקומענער כוואַליע פון אַרבעטלאָזיקייט צווישען די היגע וועבער, באַ וועלכער צנ'ערך פון טויזענט פאַמיליעס זענען געבליבען אָהן מיטלען צום לעבען, איז דורכ'ן „דאָבראָטשינאָשטש" אָרגאַניזירט געוואָרען אַ דרינגענדיגע געלט-אונטערשטיצונג צו 1 רובעל מיט 80 קאָפּ. פאַר אַ באַווייבטען וועבער וועכענטליך, און צו 70 קאָפּ פאַר אַ בחור.

אין 1906 יאָר איז פאַרמאַכט געוואָרען דאָס אַרבעט-הויז, מחמת די פאָנדען פון דער געז. זענען וואָס אַ מאָל אַלץ קלענער געוואָרען, און די אַרבעטלאָזיקייט האָט אויך אויפגעהערט צו הערשען אין שטאָט.

אין אַפּריל 1907 יאָר איז געשאַפען געוואָרען דער צענטראַל-קאָמיטעט אויף צו בויען דאָס שפּיטאָל פאַר גייסטיג קראַנקע אין וועלכען צוזאַמענשטעל ס'זענען אריין פון דער ל. י. געז. דאָבראָטשינאָשטש, די ה"ה: ד. לאַנדוי, איזידאָר קאָן און ד"ר גאָלדבלום. דער קאָמיטעט האָט פּראָיעקטירט אויסצובויען אַ שפּיטאָל אויף 150 פּאַציענטען און באַרעכענט ס'זאָל קאָסטען 300 טויזענט רובעל.

אין 1908 יאָר איז זעלבסטשטענדיג געוואָרען די געז. „בקור חולים".

אין 1910 יאָר איז געקויפט געוואָרען אַ שטח פון 30 מאָרג ערד אין ראַדאָגאָשטש, און דעם 30 אָקטאָבער ד. י. איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער אַקט פון לייגען דעם גרונדשטיין אונטער דער בוי פון שפּיטאָל פאַר גייסטיג קראַנקע, וואו ס'זענען דערנאָך אויסגעמויערט געוואָרען 6 פּאַווילאָנען און געבליבען נישט פאַרענדיגטערהייט

אין 1912 יאָר צוליב דעם גרויסען הערשענדיגען קריזיס אין אונזער שטאָט, בעת וועלכען גאַנצע מחנות פון מענטשען האָבען פאַרלוירען זייער חיונה, און הונדערטער יודישע וועבער משפחות זענען אויסגעגאַנגען פּשוט פון הונגער, דעמאָלט האָט דער דאָ בראָטשינאָשטש אָרגאַניזירט אַ נאָרמאַלע געלט-אונטערשטיצונג, אַרויסגעבענדיג פון 2 ביז 4 רובעל וועכענטליך פאַר אַ פאמיליע. די הילף-אַקציע סיי אין דער פאָרם פון געלט-אונטערשטיצונגען און בחנמדיגע מיטאָגער און ברויט האָט געדויערט

אַנ׳ערך 5 חדשים און אָבגעקאָסט איבער 20 טויזענט רובעל.

מחמת דער קריזיס אין דעם היגען האנדעל און אינדוסטרי איז חאָס ווייטער אלץ געשטיגען, און וועלכער האָט גורם געווען טויזענטער אַרבעטלאָזע פון פארשידענע פאכען און גלויבען-א'ז צום סוף יאָר אָרגאניזירט געוואָרען דורך דער באמיהונג פון דעם לאָדזשער קריסטלעכען דאָבראָטשינאָשטש „אַ בירגער-קאָמיטעט“, אין וועלכען דער יודישער דאָבראָטשינאָשטש האָט גענומען אַ שטארקען אָנטייל אין דער ארבעט.

די טעטיגקייט פון „פאראייניגטען בירגער-קאָמיטעט“ איז באַשטאנען אין קוואַליפיצירען די ארבעטלאָזע, וועלכע קאָנען געניסען פון די נאָרמאלע וועכענטלעכע אונטערשטיצונגען, וואָס זיי פלעגען באקומען פון 1.50 ביז 3 רובעל אויף אַ פאַמיליע, דער קאָמיטעט האָט בשותּפותדיג געזאַמעלט געלטער פאר זיינע צוועקען, אויסגעזוכט ארבעט פאר די אַרבעטלאָזע אין שטאָט ווי אין דאָרף, און אפילו אין אויסלאנד, דערבאַ האָט ער אויסגעפועלט פאר זיינע קאנדידאטען פארשידענע הנחות.

דעם דאָבראָטשינאָשטש איז אויך געלונגען אריבערצושיקען אַ גרופּע פון 60 יודישע וועבער אין די קאַטאָוויצער קוילען-גרובען אויף אַרבעט, אָבער נאָר 11 האָבען געקאָנט אויסהאלטען אין זייערע נייע ארבעט-באדינגונגען, די איבעריגע האבען עמיגרירט איבער דער גאָרער וועלט, און אַטייל איז צוריקגעקומען נאָך לאָדזש.

אין נאָוועמבער 1912 יאָר איז דורך די באמיהונגען פון קאָמיטעט צו פלעגען אָרעמע קימפעטאָרענס און זייער פאָרזיצערען מאטילדא ביעלשאָווסקא, דערעפענט געוואָרען אַ וועכנערען קליניק, אויף דער מיקאָלאַיעווסקע 83, פאר וועלכען צוועק זיי איז געלונגען צונויפזאמלען 10 טויזענט רובעל, און דערפאר איינגעאָרדענט די קליניק, לויט די לעצטע וויסענשאפטלעכע אָנווייזונגען פון דער היינטיגער גינעקאָלאָגיע. די ערשטע צייט האָבען זיך געפונען אין איר 10 בעטלעך.

אין אָקטאָבער 1912 האָט דאָס פּאָר פּאָלק ד״ר קאַראָל און פעליציע פּאָזנאַנסקי געשאָנקען דער געז. 50 טויזענט רובעל אין 5 פראָצ. שטאָטישע ווערט-פּאַפּירען, בכדי אויסצובויען זויף זייער נאָמען אַ פּאָלק-הויז, וואו ס'זאָל זיין: ביליגע קוך, טיי-זאָל, וואַנעס, לייען-זאָל א. א. וו. ס'איז געקויפט געוואָרען אַ ו.לאַץ אויף דער פּאָלנאָצנע 51 פּאַר דער סומע פון 17.698 רובעל מיט 39 קאָפּ. בעת דער מלחמה-צייט זענען אָבער די ווערט-פּאַפּירען דעוואַלואירט געוואָרען.

מחמת עס זענען צוגעקומען אין 1913 יאָר וויכטיגע לעגאַטען און שפּענדען פאר דער געז. איז די טעטיגקייט פארגרעסערט געוואָרען אין די פארשידענע איינריכטונגען בא'ם דאָבראָטשינאָשטש.

הגם ס'איז שוין געווען כמעט ווי באַשטימט, אז דורך דער לאַנגיאָריגער ענערגישער ארבעט פון בוי-קאָמיטעט וועט אין הערבסט 1913 יאָר דאָס שפּיטאָל פאר גייסטיג קראנקע דערעפענען זיינע טויערען, פאר די הונדערטער געטראָפענע פון דעם שרעקלעכען חולאת — דאָך האָט צוליב דעם קריזיס זיך ארויסגעוויזען, אז נישט קוקענדיג אויף דער ביז איצטיגער ברייטוויליגקייט פון דער יודישער באפעלקערונג אין דער אקציע, קאָנען אָבער די ווייטעריגע 150 טויזענט רובעל, וועלכע זענען דורכאויס נויטיג אויף צו ענדיגען די גרויסע אונטערנעמונג, אפילו באַ די גרעסטע אָנשטרענגונגען פון צענטראַל-קאָמיטעט נישט געזאמעלט ווערען — ממילא איז די גאנצע ארבעט אָראָב ביז צו אַ מינימום און געבליבען שטייען.

אין 1913 יאָר איז דורך דער איניציאַטיוו פון דאָבראָטשינאָשטש געשאַפען געוואָרען אַ קאָמיטעט לטובת די באַלוטער און ראַדאָגאָשטשער יודישע איינוואָינער, מיט די ה״ה: יוליוש אַבראַמסאָן און ד״ר איזידאָר בעטע אין דער שפּיץ, וועלכער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט די דאָרטיגע פאַראיינען. דער דאָבראָטשינאָשטש האָט בשעתו אַסיגנירט עטלעכע טויזענט רובעל פאַר דער אַקציע.

דער 1 אויגוסט 1914, וועלכער האָט אזוי בלוטיג איינגעשריבען זיך אין דער וועלט-געשיכטע, האָט אויך גלייך באַ אונז איבערגעלאָזט זיינע קענטיגע סימנים. אין דער גרויסער בהלה וואָס איז פּלוצלינג אויסגעבראָכען אין אונזער שטאָט האָט אלץ גענומען אנטלויפען פון דאנען, ערגעץ וואו אין דער וועלט אריין, אבי אַרויס פון דעם זינדיגען גיהנום: דעם „דאָבראָטשינאָשטש“ האָבען פארלאָזט זיינע בעסטע פירער. חוצדעם האָבען וואָס ווייטער אלץ פארקלענערט זיך די הכנסות און פארגרעסערט די אויסגאבען. דאָך זענען דעמאָלט דער געז. צוהילף געקומען אַ גאנצע ריי קאָמונאלע אָרגאנען ווי אויך אויסלענדישע קאָמיטעטען, וואָס דאָס האָט דערמעגלעכט דעם „דאָבראָטשינאָשטש“ אָנצופירען זיין הילף-ארבעט, צו לינדערען טיילווייז דער גרויסער נויט פון דעם אָרעמסטען טייל פון דער יוד. באפעלקערונג, און גאנצע מחנות מענטשען זענען אָבגעראטעוועט געוואָרען פון זיכערען הונגער-טויט.

צוליב דעם גרויסען שרעקלעכען יקרות וועלכער האָט געהערשט אין שטאָט, איז אין 1916 דערעפענט געוואָרען אַ לעבענס-מיטעל-געוועלב דורכ'ן דאָבראָטשינאָשטש, חאָס האָט פארקויפט זיינע פּראָדוקטען צו מינימאלע פרייזען, די אלע, וועלכע האָבען גענאָסען פון דער אונטערשטיצונג. און אויך אָרגאניזירט אין יענער צייט אַנ'אייגענע בעקעריי, וואָס האָט אויסגעבאקען ברויט פאר זייערטוועגען.

בעת די מלחמה-שלאכטען אונטער לאָדזש זענען באַשעדיגט געוואָרען אַ טייל בנינים פון שפּיטאָל פאר גייסטיג קראנקע אויפ'ן זגערזשער וועג, וועלכע זענען נישט-קוקענדיג אויף די גרויסע שוועריגקייטען, (ווייל די מאטעריאלען און ארבעט-לוין איז דעמאָלט כסדר געשטיגען פון מינוט צו מינוט) דאָך צוריקגעשטעלט געוואָרען צו זייער פריעריגען מצב. נאָר אָבער ווייטער מויערען איז געווען נישט מעגלעך, ס'האָבען פשוט אויסגעפעלט די נויטיגע מאטעריאלען.

די מלחמה וועלכע האָט רואינירט גאנצע קלאסען פון מענטשען, האָט אויך אראָבגעברענגט פון מעמד דעם קליינהענדלער, סוחר און בעל הבית. כדי מיט עפּעס צו העלפען אָט אָ דעם קלאס מענטשען, וועלכער איז געפאלען אַ קרבן פון דער צייט, איז בא'ם דאָבראָטשינאָשטש געשאפען געוואָרען אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט זיי ארויסגעבאָרגט הלוואות. דער קאָמיטעט האָט אָנגעפירט זיין טעטיגקייט עטלעכע יאָר און טויזענטער מענטשען זענען אין יענער צייט אָנגעקומען צו אים, און אלע האָט ער געטראָגען זיין ברידערלעכע הילף.

אין 1921 יאָר איז ליקווידירט געוואָרען די ביליגע קוך.

אין 1924 יאָר האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירען די אָנפּראָצענטיגע ליי-קאַסע.

די איבעריגע איינריכטונגען בא'ם דאָבראָטשינאָשטש, ווי: דער פשיטולעק פאר קאַליקעס און פּאַראַליטיקער, די אָפּט. פון געלט-אונטערשטיצונג, און דאָס הויז א. נ. גאָלדפעדער האָבען די גאנצע צייט אָנגעפירט זייער נאָרמאלע הילף-אַרבעט.

דעם 12 אָקטאָבער 1927 איז איבערגעשריבען געוואָרען דורך אַ רעיענטאלען אַקט אויפ'ן נאָמען פון דער ל. י. ג. ד. פון מ. און ט. זילבערשטיינס יורשים דאָס אומבאַוועגלעכע פאַרמעגען



י. פאָזנאַנסקי
ערשטער פאַרזיצער

## פאַרוואַלטונג:



נאַטאַן קאַפּעל



סט. יאַראַטשינסקי ג"ע
נעוו. פאַרז. 1922-1934



יוזעף מאַניק



אינזש. סט. מאַרגולעס



דיר. דוד גראַף



אדוו. סט. דאַבראַניצקי



לודוויג צוקער



מ. באַטשקאַ
סעקרעטאַר

אויף דער נאַוואַט 58, פון וועלכען איין העלפט פון די הכנסות איז באַשטימט צוצוטיילען אין גלייכע חלקים צווישען די אָרעמע קרובים פון מאַרקוס און טערעזע זילבערשטיין, דער געז. בקור חולים און כטיפענדיום פאַר אַ סטודענט פון דעם וואַרשעווער אָדער לאָדזשער פּאָליטעכניקום.

דער פּשיטולעק פאַר קאַליקעס און פאַראַליטיקער איז אין יולי 1932 יאָר פולשטענדיג איבערגעאַנדערשט געוואָרען: קודם כל האָט ער צו באַקומען נאָך איין זאַל פאַר פרויען, אַזוי, אַז ער באַזיצט זייט דעמאָלט 4 זעלער, (3 פאַר פרויען און 1 פאַר מענער). איצט זענען דאָ אין אים 41 פּענסיאָנערען. דערונטער 31 פרויען און 11 מענער. לויט דער עלטער זענען 3 ביז 25 יאָר, 8 ביז 35 יאָר, 2 ביז 40 יאָר, 2 ביז 45 יאָר, 2 ביז 50 יאָר, 2 ביז 55 יאָר און 23 העכער פון 60 יאָר.

אין 1932 יאָר זענען רעמאָנטירט געוואָרען אין פּשיטולעק די פריערדיגע 2 זעלער פאַר פרויען, און דער איינער פאַר מענער. און אין אַלע זעלער זענען איינגעאָרדענט געוואָרען די נייעסטע עלעקטרישע ליכט-באָמבעס. ס'זענען איינגעקויפט געוואָרען 18 נייע אייזערנע לאָקירטע בעטלעך מיט מאַטראַצען, 20 נאַכט-טישלעך און וועש.

דער פּשיטולעק איז אַרומגעצוימט געוואָרען מיט שטאַכייטען. אַרום פּשיטולעק זענען פאַרפלאַנצט יונגע ביימלעך און בלומען בייטען. אין גאָרטען איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַנ'אַלטאַנע און בענק—וואו די פּענסיאָנערען זיצען און פאַרברענגען זומער-צייט.

זייט 1927 יאָר ווערען באַזאָרגט דורכן מאַגיסטראַט אין פּשיטולעק כסדר פּענסיאָנערען. און אין דעם לעצטען יאָר געפינען זיך 24 אויף זיין חשבון. דער בודזשעט פון פּשיטולעק באַטרעפט 42 טויזענט גילדען יערלעך.

אין 1934 יאָר איז די פאַרוואַלטונג פון דאַבראָטשינאַשטש באַשטאַנען, פון: סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי – פאָרזיצער, גרשון ניימאַן – וויצע, נאַטאַן קאַפּעל, יוזעף מאַניץ, לודוויק צוקער, אינזש. סט. מאַרגולעס, דיר. דוד גראַף, אדוו. סט. דאַבראַניצקי, פּ. גערשאָווסקי, ד"ר פּ. קלאָזענבערג און נ. פּאָזנאַנסקי.

# הומאַניטאַרע געז. מאָנטעפיאָרע בני ברית אין לאָדזש

די ערשטע אָרגאַניזיר-פאַרזאַמלונג פון דער הומאַניטאַרער געזעלשאַפט „מאָנטעפיאָרע בני ברית“ אין לאָדזש איז פאָרגעקומען דעם 19 סעפטעמבער 1926 אין לאָקאַל פון „טאָז“ בײַ אַ צאָל פון 42 מענטשען.

אינסטאַלאַציע-אַקט

דעם 26 סעפטעמבער 1926 איז פאָרגעקומען דער אינסטאַלאַציע-אַקט פון דער לאָזשע, וואָס ס׳האָט אַדורכגעפירט דער פרעזידענט פון דער פוילישער דיסטריקט XIII ד״ר לעאָן אַדער, וועלכער האָט פאַרבעטען אַלס וויצע-פרעזידענט פראָפ. משה שאָר פון וואַרשע, אַלס מענטאָר אַדוואָקאַט ענדעלמאַן פון וואַרשע, און אַלס סעקרעטאַר ד״ר פיליפ לאַגדוי פון קראָקע.

די אַרייַנגעפירטע מיטגלידער צוזאַמען מיט די גרינדער האָבען איינשטימיג אויסגעקליבען דעם באַאמטען-קאָמיטעט: אַלס פרעזעס — אָסקאַר קאָן, וויצע — יוזעף ראָזענבלאַט, פראָטאָקאָל-סעקרעטאַר — אברהם פערעלמאַן, קאַסירער — דוד פאַבריקאַנט, פינאַנץ-סעקרעטאַר — זשוגאָ לעווי.

דערנאָך האָט דער פרעזידענט גאָמיגירט אַלס מענטאָר דעם ד״ר מאַרקוס ברוידע, און דער פרעזידענט אָ. קאָן האָט אַלס מאַרשאַלעק נאָמינירט דעם ד״ר יוזעף זאַקס און אַלס טיר-מאַן דעם ד״ר שמואל יוסף שווייג.

אין טאָג פון דעם אינסטאַלאַציע-אַקט איז אין דער לאָזשע צוזאַמען מיט די גרינדער געווען 54 ברודער, אין משך פון יאָר זענען אָנגענומען געוואָרען 19, אַרויסגעטרעטען זענען 2, געשטאָרבען איז איינער, צום סוף פון ערשטען יאָר האָט די לאָזשע געציילט 70 מיטגלידער.

לויט פראָפעסיעס זענען די מיטגלידער באַשטאַנען: 30 אינדוסטריעלער, 12 דאָקטוירים, 7 סוחרים, 6 אינזשעניערען, 4 דירעקטאָרען פון גימנאַזיעס, 4 דירעקטאָרען פון טעקסטיל-אונטערנעמונגען, 3 אַדוואָקאַטען, 3 דירעקטאָרען פון בענק, 1 פרעדיגער.

1 9 2 7

אין דעם ערשטען יאָר זענען פאָרגעקומען 25 געשלאָסענע זיצונגען, אויף וועלכע ס׳זענען באַהאַנדעלט געוואָרען פאַרשידענע יודישע און דער עיקר ריין אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגען.

אויפ׳ן הומאַניטאַרען געביט איז אַנטשטאַנען אַ פאָנד אויפן נאָמען פון פרעזידענט אָסקאַר קאָן, וועלכער האָט צוליב דעם 30-יאָריגען יובילעאום פון זיין אַרבעט אין דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור“, מנדב געווען 30 טויזענט שווייצאַרישע פראַנק אין 7 פראָצענטיגע אָבליגאַציעס פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור“. די סומע איז פאַרגרעסערט געוואָרען דורך די פאַמיליע-מיטגלידער פון פרעזעס — די פרוי מאַריאַ קאָן, מאַקס קאָן, אינזש. מ. באָסאַק און אינזש. א. ביעלשאָווסקי. ה׳ פריוועס פון דער וואַרשעווער „ברודערשאַפט“ לאָזשע האָט געשאָנקען פאַר דעם צוועק 3000 גילדען און עטלעכע מענטשען וואָס געהערען נישט צו דער לאָזשע האָבען פאַרגרעסערט דעם פאָנד ביז 40 טויזענט שווייצאַרישע פראַנק.

לויט׳ן וואונטש פון פונדאַטאָר ווערען די ציגזען פון דעם קאַפיטאַל צום סוף פון יעדען יאָר צוטייל׳ט אויף 2 גלייכע חלקים. איין העלפט ווערט צוגעגעבען צום גרונט-קאַפיטאַל, די צווייטע העלפט ווייטער ווערט באַנוצט אויף איינצוקויפען מאַשינען פאַר יודישע פאַך-שולען אין פוילען, לויטן איינזעהען פון באַאמטען-קאָמיטעט פון דער לאָזשע.

אין דעם יאָר איז די ערשטע ציגזען-העלפט איינגעטיילט געוואָרען פאַר דעם „אינטערנאַט און פערמע אין העלענוּוועק“, „געז. צו פאַרשפרייטען פאַך-קענטעניש צווישען פרויען „פראַצאַ“ און דער לאָדזשער אָפטיילונג פון דער געז. „אָרט“.

ס׳איז געשאַפען געוואָרען אַ פאָנד לטובת אַ יודאַאיסטען אינסטיטוט אין וואַרשע.

אין זיין 75 יאָריגען געבוירען-טאָג האָט סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי געשאָנקען 7500 גילדען אויף וואָילטעטיגע צוועקען. דאָס געלט איז אין הסכם פון גבען און דורכ׳ן קאָמיטעט פונאַנדערגעטיילט געוואָרען צווישען די היגע וואָילטעטיגע אינסטיטוציעס.

ס׳איז געשאַפען געוואָרען אַ פאָנד פאַר יתומים און אלמנות, וועלכער דאַרף טראָגען הילף פאַר אייגענע מיטגלידער.

אין 1927 יאָר זענען געווען 16 אָפענע פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע ס׳זענען געלייענט געוואָרען רעפעראַטען, ס׳איז פאָרגעקומען 1 קאָנצערט און מיטגלידער-שפּילען.

רעפעראַטען האָבען געהאַלטען: דיר. שאול ריגער (2), דיר. מיכאל בראַנדשטעטער (2), פראָפ. מאיר באַלאַבאַן, פאַוועל ראָזענטאַל (2), דיר. אברהם פערעלמאַן און ד״ר סינגאַלאָווסקי פון בערלין.

1 9 2 8

אויב דאָס ערשטע יאָר פון דער טעטיגקייט אין דער לאָזשע א׳ז אַוועק אונטערן צייכען פון ריין אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, איז אָבער אין צווייטען יאָר די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געלענקט געוואָרען אויף צו שאַפען אַ נ׳אינערלעך צוזאַמענלעבען צווישען די ברידער גופא און אַ מעגלעכקייט פון באַוווסטזיניגער און זעלבסט-דערציהונג אַרבעט. די ערשטע חדשים האָבען געוויזען אַז די לאָזשע פעלט טראַדיציע, און אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון חשובען פרעזעס פון דער פוילישער דיסטריקט XIII ד״ר לעאָן אַדער א׳ז געלונגען די פאַרטייאיש-פאָליטישע צדדים אויסצוגלייכען און צו דערפירען צו אַ גוטען רעזולטאַט. סיי ווי איז דאָס ערשטע האַלבע יאָר אַוועק אויף גאָרנישט. לויט אַ באַשלוס איז די לאָזשע צוגעטרעטען צו פאַרגרעסערען דעם קרייז פון דער טעטיגקייט און צוציהען מיטגלידער פון די שבנות׳דיגע שטעט ווי טאָמאַשאָוו, פאַביאַניץ און זגערוש.

אין משך פון יאָר זענען א׳ן דער לאָזשע געהאַלטען געוואָרען אַ ריי רעפעראַטען פון: פאַוועל ראָזענטאַל (5), ד״ר באָריס פערבער פון וואַרשע, דיר. מיכאל בראַנדשטעטער, אינזש. סטאַניסלאַוו מארגולעס (2), דיר. שאול ריגער (5), ד״ר ש. י. שווייג, ד״ר סינגאַלאָווסקי און ד״ר סאַלאָמאָן מינץ.

די ביבליאָטעק איז באַרייכערט געוואָרען מיט אַ גרויסער צאָל ווערטפולע ביכער, אַממייסטען פון יודאַאיסטישען אינהאַלט.

א׳ן הסכם מיט׳ן באַשלוס פון קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, איז אָנערקענט געוואָרען ד׳ ציגזען-העלפט פון אייזערנעם פאָנד א. ג. פרעז. אָסקאַר קאָן איינצוטיילען אין גלייכע חלקים די דריי אינסטיטוציעס אויף איינצוקויפען מאַשינען: דעם „פרויען-שוץ פאַראיין“, דאָס „יתומים-הויז“

אויף פאָלגאַבגע 38, און דער העברעאישער שול יבנה—פאַר וואַרשטאַטען בא די אינסטיטוציעס.

די 10 יאָריגע פייערונג פון דער פוילישער אומאָבהענגיגקייט האָט די לאָזשע באַערט מיט'ן איינשרייבן זי אין גאָלדענעם בוך פון קרן קימת לישראל, אייגצאָלענדיג 100 דאָלאַר אויף דעם פאָנד.

אין הסכם מיט אַ באשלוס פון דער פאַרוואַלטונג איז דורך די ברי דער מענטאָר ד"ר ברוידע און סאַמועל פויסט, אַדורכגעפירט געוואָרען אַ געלט-זאַמלונג צווישען די מיטגלידער כדי צו דערמעגליכען חלוצים אַוועק-צופאָרען נאָך פאַלעסטינע—און וועלכע האָט געגעבען 3000 גילדען.

אין שייכות מיט דער זילבערנער חתונה-פייערונג האָט מנדב געווען דער ברידער סאַמועל פויסט 12000 גילדען, וועלכע זענען דורך דער פאַר-וואַלטונג און לויט'ן ווילען פון נדבן פונאַנדערגעטיילט געוואָרען. ווייטער זענען איינגעפלאָסען פאַרשידענע סומען לטובת דעם אלמנות און יתומים-פאָנד און פאַר דער ביבליאָטעק.

אין דעם יאָר זענען פאָרגעקומען אַ ריי פאַרזאַמלונגען און זיצונגען אין דער לאָזשע וועגען צענטראַליזירען אַלע וואָילטעטיגע אינסטיטוציעס פון אונזער שטאָט אין איין קערפערשאַפט, מיט'ן אָנטייל פון פאַרבעטענע מענטשען — הגם דאָס איז אַ געזונטער געדאַנק, האָט ער אָבער דאָך ניט געקאָנט רעאַליזירט ווערען.

1929

אין דריטען יאָר פון דער לאָזשע-טעטיגקייט איז געמאַכט געוואָרען די התחלה פאַר דער אַרבעט אויפ'ן געזעלשאַפטלעכען געביט. אין 1929 זענען פאָרגעקומען 41 פאַרזאַמלונגען, דערפון 19 אָפענע און 22 געשלאָסענע.

רעפעראַטען זענען געלייענט געוואָרען אין דעם יאָר דורך די ברידער: פאַוועל ראָזענטאַל, (3) יוליוש לעווענשטיין, פאָדלישעווסקי און י. בוימבערג פון וואַרשע, לעאָן לעוויטע, און ד"ר פיליפ שלייכער פון לעמבערג.

אויף די אָפענע פאַרזאַמלונגען האָבען רעפערירט:

ד"ר ירמי' פרענקעל, ד"ר יוזעף מייער פון וואַרשע, אברהם פערלמאַן, דיר. מיכאל בראַנדשטעטער, ד"ר לעאָן ראַבינאָוויטש, ד"ר א. טאַרטאַקאָווער, ד"ר העגריק היגער פון וואַרשע, ד"ר מאַרקוס ברוידע און פרוי סידא שווייג.

א'ן דעם באַריכט-יאָר 1929 האָט די לאָזשע גענומען אַ באַטייטענדיגען אָנטייל אין דער הילף-אַקציע לטובת די אָרעמע איינוואָינער פון אונזער שטאָט, וועלכע זענען געטראָפען געוואָרען פון דער קעלט. אין דער שפיץ פון דער אַקציע איז געשטאַנען ד"ר מ. ברוידע, און פאַר דעם צוועק האָט די לאָזשע אויס-געגעבען 5000 גילדען. און אין דער אַקציע לטובת די געליטענע אין ארץ-ישראל פון די בלוטיגע געשעהענישען, איז די לאָזשע געווען אָפיצ-יעל פאָרטרעטען אין דעם געשאַפענעם קאָמיטעט. די לאָזשע האָט אויך אָבגעגעבען איר לאָקאַל אויף זיצונגען פאַר פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטען. די לאָזשע האָט אין דעם יאָר אויסגעצאָלט אין דער פאָרם פון סובסידיעס אַ ריי געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס 1400 גילדען און 100 דייטשע מאַרק. כטיפענדיעס פאַר שטודירענדיגער יוגענט 1000 גילדען. חוצדעם האָט די לאָזשע אין דעם יאָר. אַרויסגעשיקט 7000 גילדען אין יודאַאיסטישען אינסטיטוט אַלס איינגעצאָלטע אָבצאָלען פון די ברידער, און ס'איז אָנערקענט גע-וואָרען פונאַנדערצוטיילען פון די ציגזען-העלפט פון אייזערנעם פאָנד פון עקס-פרעזידענט אָסקאַר קאָן, אויף איינצוקויפען מאַשינען,

כדי אויסצובילדען אַ יודישע פאַך-יוגענט:

געז. צו פאַרשפרייטען מלאכה און ערד-אַרבעט צווישען יודען „אָרט"—1.167 גילדען און 20 גראָשען, געז. צו פאַרשפרייטען פאַך-בילדונג צווישען יודישע פרויען „פראַצא" — 1000 גילדען, העברעאישע שול „יבנה" 750 גילדען, און דער לאָדזשער יוד. געז. „פרויען-שוץ" 764 גילדען.

ס'זענען פאָרגעקומען אַ ריי געזעלשאַפטלעכע אָוועגטען, ווי אויך אַ באַנקעט איינגעאָרדענט פאַר די ברידער און זייערע פאַמיליעס, לכבוד דעם אָבטרעטענדיגען פון זיין אַמט אָסקאַר קאָן אַלס פרעזידענט פון דער לאָזשע.

די ביבליאָטעק האָט איינגעקויפט ווייטעריגע ווערק פון די פאָנדען פון דער לאָזשע, און אין לייען-זאַל זענען צוגעקומען עט-לעכע נייע ציישונגען.

1930

די לאָזשע איז אין 1930 יאָר איבערגעטראָגען געוואָרען אין אַ ניי לאָקאַל אַריין, די ערשטע פאַרזאַמלונג וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 2.11 האָט געטראָגען אַ פייערלעכען כאַראַקטער.

די לאָזשע האָט אין איר לאָקאַל אויפגענומען דעם קונסטמאָלער אברהם ניימאַן מיט אַנ'אויסשטעלונג פון זיינע בילדער.

זייער אַ וויכטיג געשעהעניש איז דאָס רעאַליזירען דעם לעגאַט דורכ'ן חשוב'ען ברידער עקספרעזידענט אָסקאַר קאָן, אין זיין בריף פון 20 אָקטאָבער.

דער אָבשריפט פון בריף פון עקספרעזידענט אָסקאַר קאָן:

צו דער חשובער הומאַניטאַרער געז. מאָנטעפיאָרע „בני ברית"

אין דערגענצונג פון אין זיין צייט דורך מיר דעק-לאַרירטען לעגאַט, האָב איך דעם כבוד צו מעלדען, אז כ'פאַרגרעסער דעם ביז צו דער סומע Ł 4000 (פיר טויזענט פונט שטערלינג) און אַלס דעקונג דערויף האָב איך איינגע-לייגט דעם 9 פון ד. ח. אויף די הענט פון די ברידער פרעזעס פאַוועל ראָזענטאַל און יאַקוב פרושיצקי 8 פראָ-צענטיגע אָבליגאַציעס פון דער ווידזעווער מאַנופאַקטור און דהיינו:

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | שטיק | A № | 00360 | 2 | סעריע | 400 | Ł |
| 1 | „ | „ | 00361 | „ | „ | 400 | „ |
| 1 | „ | „ | 00362 | „ | „ | 400 | „ |
| 1 | „ | „ | 00363 | „ | „ | 400 | „ |
| 1 | „ | „ | 00364 | „ | „ | 400 | „ |
| 100 | „ | „ | 2701/2800 | 1 | צו 20 Ł | 2000 | „ |

צוזאַמען 4000 Ł

מיט קופאָנען פון 20/3 1931 יאָר.

אין 1930 יאָר זענען פאָרגעקומען 30 פערזאַמלונגען, דערונטער 12 אָפענע און 18 געשלאָסענע. אויף די פאַרזאַמלונגען זענען געלייענט געוואָרען רעפעראַטען פון: ד"ר פאַלעק, פרעזעס פ. ראָזענטאַל (4), א. גאָלדשטיין, ד"ר מ. וואָלפסאָן, ד"ר י. פרענקעל, ד"ר ל. זילבערשטראָם, פראָפ. מ. באַלאַבאַן, פרוי ה. קלאָק, פרוי סידאַ שווייג און ד"ר ה. היגער.

צוליב דעם הערשענדיגען קריזיס איז די אַרבעט אין דער לאָזשע פאַר געזעלשאַפטלעכער הילף באַטייטענדיג פאַרקלענערט געוואָרען. אין דעם באַריכט-יאָר איז אויסגעצאָלט געוואָרען אַלס סובסידיעס 500 גילדען טיפענדיעס 900 גילדען.

## ערשטע פאַרוואַלטונג



ד״ר מ. ברוידע
מענטאָר



אָסקאַר קאָן
פּרעזעס



א. פערעלמאַן
פּראָט. סעקרעטאַר



דוד פאַבריקאַנט
קאַסירער



זשונאַ לעווי
פינאַנץ-סעקרעטאַר



ד״ר ש. י. שווייג
טיר-מאַן

צום 60 יאָר׳גען יובל פון פאַרדינסטפולען חשוב׳ען ברידער מענטאָר ד״ר מאַרקוס ברוידע, איז געשאַפען געוואָרען אַ פאָנד, מיט אַנ׳אויסצייכענונג פון 300 גילדען יערלעך, וואָס איז באַשטימט פאַר דער וויסענשאַפטלעכער אַרבעט, אָנגעשריבען דורך אַ מיטגליד פון לערערשאַפט, דאָצענטען, אָדער צוהערער קרייז פון יודאַאיסטי׳שען אינסטיטוט אין וואַרשע.

1931

אין 1931 יאָר זענען פאָרגעקומען 19 געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען און אַזויפיל אויך אָפענע. אויף די געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען זענען געהאַלטען געוואָרען רעפעראַטען, פון איגזש. סט. מאַרגולעס (2), און פּרעזעס פ. ראָזענטאַל (2).

אויף די אָפענע פאַרזאַמלונגען זענען געהאַלטען געוואָרען רעפעראַטען, פון ד״ר פ. פרידמאַן, אַליציע יאַקוב לעוויסאָן פון בערלין, ד״ר י. פרענקעל (4) ד״ר א. טאַרטאַקאָווער (2), ש. ריגער, ד״ר פ. פּראַשקער, מ. בראַנדשטעטער (2), א. פערעלמאַן, ד״ר ע. שטיין, ה. טוריב פון בערלין, ד״ר סיגנאַלאָווסקי פון בערלין, און אַ רעפעראַט געהאַלטען אין דער אָפענער לאָזשע פון דיכטער חיים נחמן ביאַליק, בעת זיין ווייזען אין לאָדזש, וועגען דער אַקציע וואָס איז דעמאָלט געפירט געוואָרען לטובת דעם העבּרעאישען בוך.

די לאָזשע האָט חוץ דער אויבענדערמאָנטער טעטיגקייט אונטערשטיצט די צוויי קולטור-וויסענשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, דער יודאַאיסט׳שער אינסטיטוט האָט באַקומען 6545 גילדען, און דער מיעשיענטשניק זשידאָווסקי פאַר 4 פאַיען 2000 גילדען. חוצעם האָבען באַקומען פון דער לאָזשע זייערע אונטערשטיצונגען אַ גאַנצע ריי קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. ס׳מוז אויך דאָ דערמאָנט ווערען דער פאַקט, אַז די לאָזשע איז צוגעשטאַנען צו דער באַשפּייזונג-אַקציע לטובת די שול-קינדער, וועלכע איז אונטערגענומען געוואָרען דורך דער געז. „טאָז״—געשאָנקען 700 גילדען, און דורך דער אָפּפערוויליגקייט פון די דאַמען פון דער לאָזשע און זייער מיטאַרבעט האָט די אַקציע זייער גוט אַנטוויקעלט זיך און אַרומגענומען בין 1000 קינדער.

עס האָבען באַקומען אונטערשטיצונגען אַ ריי געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס 2740 גילדען, סטיפענדיעס 786 גילדען, דעם קאָמיטעט צו באַשפּייזען די קינדער אויף אייבצוקויפען שיך — 650 גילדען.

פון פאַרשידענע פאָנדען בײַ דער לאָזשע האָבען באַקומען אונטערשטיצונגען עטלעכע מיטגלידער.

דאָס לאָקאַל איז אַוועקגעגעבען געוואָרען אַ גאַנצע ריי אינסטיטוציעס אויף פאַרזאַמלונגען.

1932

אין 1932 יאָר זענען פאָרגעקומען 19 געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען און 15 אָפענע. ס׳זענען געלייענט געוואָרען אַ גאַנצע ריי רעפעראַטען אויף די געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען, פון: איגזש. סט. מאַרגולעס (2), מענטאָר פּאַוועל ראָזענטאַל, (4) פּרעזעס ד״ר מ. ברוידע, ש. ריגער און ד״ר ש. י. שווייג.

אויף די אָפענע פאַרזאַמלונגען זענען געלייענט געוואָרען רעפעראַטען, פון: דיר. מ. בראַנדשטעטער (3), פּראָפ. ד״ר ווילהעלם פאַלעק, דיר. א. פערעלמאַן, (3) פרוי סידאַ שווייג, ד״ר ש. ב. פעלדמאַן פון וואַרשע, ב. אייסיראָוויטש, ד״ר י. פרענקעל, ד״ר פעליציע פינעס און יאַקוב ראָטבוים (2).

1) פידעל-קאָנצערט האָט געגעבען אין דער לאָזשע בראָניסלאַוואָ ראָטשטאָט. 2) רעציטאַציע-אָווענט פון עלען גאַרדען, אַרט. פון בערלי׳נער קליין-טעאַטער און ביליצער שטעטישען-טעאַטער. 3) דיסקוסיע-אָווענט וועגען דער פראַגע פון דערציהען די יוגענט, מיט אַריינפיר-ווערטער פון ד״ר ד. העלמאַן און ד״ר ל. זילבערשטראָם.

די לאָזשע האָט ווייטער געפירט אין דעם יאָר איר אונטערשטיצונג־טטיגקייט. דער יודאָאיסטישער אינסטיטוט האָט באַקומען 4000 גילדען. דער מיעשיענטשניק זשידאָווסקי פאַר וועלכען ס'איז איינגעצאָלט געוואָרען צו 1 גילדען חודשלעך פון יעדען ברודער, 1232 גילדען, חוצדעם האָבען באַקומען אונטערשטיצונגען אַ גאַנצע ריי אינסטיטוציעס. די לאָזשע איז צוגעשטאַנען צו דער באַשפּייזונג־אַקציע פון דער שול־יוגענט, וועלכע איז אונטערגענומען געוואָרען דורך „טאָז". באַשטימענדיג פאַר דעם צוועק צו 100 גילדען חודשלעך פאַר 5 חדשים.

ס'איז איינגעאָרדענט געוואָרען אין דעם יאָר אַ פורים־פעסט און אַ חנוכה־פייערונג. ס'איז אויך געפייערט געוואָרען דער 80 יאָריגער יובל פון ברידער, דעם פאַרדינסטפולען פילאַנטראָפּ און געזעלשאַפטלעכען טוער, כטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי. די פייערונג איז געווען זייער אַ געהויבענע, ס'זענען געהאַלטען געוואָרען אַ ריי רעדעס, אין וועלכע ס'איז אויפגעוויזען געוואָרען די גרויסע פאַרדינסטען פון בעל היובל פאַר דער יודישער באַפעלקערונג.

דער קאָמיטעט אויף צו פאַרטיילען די איינקונפטען פון לעגאַט א. ג. עקס פרעז. אָסקאַר קאָן האָט אָבגעהאַלטען צוויי זיצונגען און אין הסכם פון נדבן באַשלאָסען פאַר די ציגזען־העלפט פון 1932 יאָר, צוגלייך מיט דעם איבערגעבליבענעם פון די פאַרגאַנגענע יאָרען, דהייגו פאַר דער סומע 13,350 גילדען מ'ט 71 גראָשען איינצושאַפען 7 פּראָצ. ווערט־פּאַפּירען, פון דער סטאַבּיליזאַציע הלואה, און די סומע 5,300 גילדען איז אָנערקענט געוואָרען אויף איינצוקויפען מאַשינען: געז. „אָרט" 4500 גילדען אויף מעכאַנישע רונד־טריקאָטאַזש מאַשינען, און די האַנטווערק־שול פאַר מיידלעך 800 גילדען אויף אַ ניי־מאַשין.

עס האָבען באַקומען אונטערשטיצונגען אַ ריי געזעלשאַפטען 3000 גילדען, סטיפענדיום א. ג. פרעזעס ד"ר ברוידע 300 ג. קולטורעלע צוועקען 1200 ג. סטיפענדיעס 1025 ג. באַשפּייזונג־אַקציע פון די שול־קינדער דורך טאָז 500 ג.

די פאָנדען בּאַ דער לאָזשע האָבען אויסגעצאָלט פאַרשידענע סומע אַלס אונטערשטיצונגען פאַר אייגענע מיטגלידער.

אין לאָקאַל פון דער לאָזשע האָבען געהאַט אין דעם יאָר זייער בילדער־אויסשטעלונגען עטלעכע יודישע קונסטמאָלער, ווי אויך איז אויעקגעגעבען געוואָרען דאָס לאָקאַל פאַרשידענע געזעלשאַפטען אויף פאַרזאַמלונגען.

1 9 3 3

אין 1933 יאָר זענען פאָרגעקומען 19 געשלאָסענע און 14 אָפענע פאַרזאַמלונגען. די געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען זענען געווען געווידמעט פאַרשידענע אַקטועלע פראַגען און על פי רוב דעם אַנטיסעמיטיזם און דעם גורל פון די יודען אין היטלערלאַנד. ס'איז אויך עטלעכע מאָל באַריהרט געוואָרען דער ענין וועגען טראָגען דרינגענדיגע הילף די דייטשע ברידער אין דער פאָרם פון הלואות, און מכח וועגען שאַפען אַ גרעסערען פאָנד איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון 14 ברידער.

אויף די געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען זענען געהאַלטען געוואָרען רעפעראַטען, פון: ד"ר מ. ברוידע, אינזש. סט. מאַרגולעס, מענטאָר פאַוועל ראָזענטאַל, ד"ר י. פרענקעל (2) און דיר. א. פערעלמאַן.

אויף די אָפענע פאַרזאַמלונגען זענען געהאַלטען געוואָרען רעפעראַטען, פון: עדוואַרד פאָזנאַנסקי, ד"ר רודאָלף בערעס, ד"ר פ. פראשקער (2), ד"ר ז. עלענבערג, ד"ר סט. סימאָן, פרוי אינזש. וו. קלאָזענבערג, ד"ר ה. אָרמיאַן, דיר. א. פערעלמאַן, ד"ר וו. פאָלעק און ד"ר פ. פרידמאַן. ס'איז אויך פאָרגעקומען אַ פאָרלעזונג און רעציטאַציע, א. ג. לאָדזש אין דער פוילישער ליטעראַטור, אויסגעפירט דורך די שילערינס פון 7. קלאַס פון יודישען פרוי'ען גימנאַזיום, און מיט אַנ'אַריינפיר־וואָרט פון מיראַ ליפּנאָווסקאַ.

ס'איז אויך פאָרגעקומען אַ ביבעל און פאָלק־לידער אָוונט אויסגעפירט דורך לעאָן ריאַזאַנצעוו, און איינגעאָרדענט געוואָרען אַנ'אַקאַדעמיע לכבוד דעם 60 יאָריגען יובל פון ח. נ. ביאַליק, רעציטאַציעס אין דער העברעאישער, יודישער, און פוילישער שפּראַך האָט פאָרגעטראָגען ד"ר י. פרענקעל.

די פראַגע וועגען די דייטשע יודען האָט די לאָזשע געווידמעט 5 געשלאָסענע און 2 אָפענע פאַרזאַמלונגען. די געשעהענישען אין דייטשלאַנד האָבען אין אַ גרויסער מאָס אָנגעשטרענגט די חושים פון די היגע ברידער. וויסענדיג, אַז דער גורל פון אַלגעמיינעם וועלט־יודענטום איז ענג פאַרבונדען מיט'ן גורל פון דייטשען יודענטום. די לאָזשע האָט דעריבער גענומען אַ לעבעדיגען אָנטייל דורך אירע דעלעגאַטען אין אַלע באַראַטונגען וואָס זענען פאָרגעקומען מכח דעם ענין, ווי אויך האָט זי אין אַ גרויסער מאָס צוגעהאָלפען טראָגען מאַטעריעלע הילף לטובת די דייטשע פליטים. די לאָזשע אַליין האָט אַסיגנירט פאַר דעם צוועק 425 גילדען, דעם קאָמיטעט צו העלפען די געליטענע דייטשע פליטים האָט די לאָזשע אַרויסגעבארגט אַנ'הלואה אין דער הויך פון 1000 גילדען, חוצדעם האט זי צוזאַמענגענומען 8000 גילדען צווישען די לאָזשע־ברידער פאַר דעם פאָנד בּאַ דעם אויבענדערמאָנטען קאָמיטעט.

די לאָזשע האָט ווייטער געפירט איר אונטערשטיצונג _ ווי

געוו. פאַרוואַלטונגען



אינזש. מ. באָסאַק
פינאַנץ־סעקר.



פעליקס גאָלדשטיין
קאַסירער



סאַמועל פויסט
טיר־מאַן



פ. טשאַמאַנסקי
פינאַנץ־סעקרעט.



ד"ר ד. העלמאַן
פינאַנץ־סעקרעט.



ד"ר א. ניביאַנסקי
טיר־מאַן



אדוו. ה. קרוקאָווסקי
פינאַנץ-סעקרעט.



טאָביאַש פּיקעלני
טיר-מאַן



סט. יאַראָשינסקי
מאַרשאַלעק

אין די פאַרגאַנגענע יאָרען לטובת די צוויי קולטורעל-וויסענשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, דער יודאַיסטישער אינסטיטוט האָט באַקומען 3000 גילדען און פאַר׳ן מיעשיענטשאַיק זשידאָווסקי איז איינגעצאָלט געוואָרען צו 2 גילדען חודשלעך פון יעדען ברידער, צוזאַמען 2017 גילדען, חוצדעם האָבען באַקומען אַ גאַנצע ריי אונטערשטיצונגען פאַרשידענע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. דאָס לאָקאַל איז אָוועקגעגעבען געוואָרען פאַר פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע צוועקען, ווי אויך פאַר בילדער-אויסשטעלונגען פון יודישע קונסטמאָלער. פון די עקספּאָנאַטען האָט די לאָזשע איינגעשאַפט 2 בילדער פאַר 170 גילדען.

אינסטיטוציעס 1450 ג. סטיפּענדיעס 1200 ג. דעם חודש-שריפט פאַר געשיכטע און וויסענשאַפט פון יודענטום—90 ג. אָבצאָל אין 9 אינסטיטוציעס 400 ג. צוזאַמען 3440 גילדען.

די פאָנדען בא דער לאָזשע האָבען אויסגעצאָלט פאַרשידענע גרעסערע און קלענערע סומען אלס אונטערשטיצונגען פאַר אייגענע מיטגלידער.

דער צוזאַמענשטעל פון באַאַמטען-קאָמיטעט, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרען אויפ׳ן יאָר 1934.

עקספּרעזעס—אָסקאַר קאָן, מענטאָר—פּאַוועל ראָזענטאַל, פּרעזעס — ד״ר מ. ברוידע, וויצע—אינוש. סט. מאַרגולעס, פּראָטאָקאָל-סעקרעטאַר —

פ א ר וו א ל ט ו נ ג



אָסקאַר קאָן
עקס-פּרעזעס



פּאַוועל ראָזענטאַל
מענטאָר



ד״ר מ. ברוידע
פּרעזעס



אינזש. סט. מאַרגולעס
וויצע



אינזש. וו. ליפּשיץ
פּראָט.-סעקרעטאַר



לודוויג צוקער
קאַסירער



ד״ר ש. י. שוויג
פינאַנץ-סעקרעטאַר



דוד גראַף
מאַרשאַלעק



צאַן-ד״ר י. האַלפּערן
טיר-מאַן

די לאָזשע איז דאָס יאָר צוגעשטאַנען צו דער באַשפּייזונג-אַקציע פון די שול-קינדער, אָנגעפירט דורך דער געז. טאָז — איינצאָלענדיג פאַר פעברואַר, מערץ און אַפּריל צו 100 גילדען חודשלעך.

פון דעם אייגענפאַלאָסענעם פון לעגאַט א. ג. עקספּ. אָסקאַר קאָן האָט די לאָזשע אין 1933 יאָר אויסגעצאָלט — 4500 גילדען פאַר דער געז „אָרט" אויף איינצוקויפען מעכאַנישע רונד-טריקאָטאַזש מאַשינען, וועלכע זענען דורכ׳ן פּאַרטיילונג-קאָמיטעט דער געז. צוגעפּסקט געוואָרען נאָך אין 1932 יאָר.

די לאָזשע האָט אויסגעצאָלט אונטערשטיצונגען אַ גאַנצע ריי

אינזש. וו. ליפּשיץ, קאַסירער—לודוויג צוקער, פינאַנץ סעקרעטאַר—ד״ר ש. י. שוויג, מאַרשאַלעק—דוד גראַף, טיר-מאַן — צאַן-ד״ר י. האַלפּערן.

די יודאַיסטישע ביבליאָטעק, וועלכע האָט ביכער אין די שפּראַכען פּויליש, דייטש, און העברעאיש איז לויט איר ווערט די איינציגע אין אינזער שטאָט.

די דעלעגאַטען פון דער אָרטיגער הומאַניטאַרער געז. „מאָנטעפיאָרע בני ברית" אין דער פּוילישער דיסטריקט XIII זענען די ה״ה: עקספּר. אָסקאַר קאָן, מענטאָר פּאַוועל ראָזענטאַל, און פּרעזעס ד״ר מ. ברוידע.

די לאָזשע ציילט איצט עטלעכע ניינציג מיטגלידער.

# קולטור-פלעצער און ספאָרט געז.

דאָ ווערט באהאַנדעלט:

**אונזערע יודישע וועלטלעכע שולען**

א) ערשטע יודישע פאָלק־שול
ב) מעדעם־שול
ג) ב. מיכאַלעוויטש שול
ד) אָוונט־שול א. נ. וו. מעדעם
ה) די פאָלק־קינדערהיים
ו) קינדערהיים א. נ. בר. גראָסער
ז) צווייטע קינדערהיים
ח) דאָס שטאָטישע יודישע קינדערהיים
ט) באָראָכאָוו שול
י) קינדערהיים א. נ. י. שורעק
י״א) אינטערנאַט א. נ. ב. באָראָכאָוו
י״ב) פרץ שול

געז. יודישע שולען אין לאָדזש
בית יעקב שולען
תחכמוני
הזמיר
האַרפע
ביבליאָטעק א. נ. ב. באָראָכאָוו
ביבליאָטעק א. נ. בר. גראָסער
יודיש טעאַטער אין לאָדזש — שמואל לודנער
געז. פריינט פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים
געז. פריינט פון יודישען וויסענשאַפטלעכען אינסטיטוט
בר כוכבא
הכח
געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט אין פוילען
לעגיאָן א. נ. ב. יאָסעלעוויטש

# אוּנזערע יוּדישע וועלטלעכע שוּלען

אין ערשטען מלחמה־יאָר, (1915) בעת אין שטאָט האָט געהערשט הוּנגער און נויט, דעמאָלט האָט אַ קליינע גרוּפּע יוּנגע לערער צוזאַמענגענוּמען ערגיץ אין אַשטיבעל אַגרוּפּקעלע קינדער און אָנגעהויבען מיט זיי צוּ לערנען יוּדיש. ס׳זענען אָבער נישט געווען קיין שום מיטלען מיט־וואָס די אַרבעט צוּ פירען, איז באַשלאָסען געוואָרען צוּנויפצוּרוּפען אַ באַראַטוּנג פון פּאַרטיי־טוּער. אויף דער באַראַטוּנג זענען געקוּמען אַנ׳ערך 12—15 מענטשען. נאָך אַדיסקוּסיע איז אויסגעוויילט געוואָרען אַקאָמיסיע, וועלכע זאָל אָנהייבען עפּעס צוּ טוּען. אין דער אייגענער צייט האָט די געזעלשאַפט „האַרפע“ איינגעאָרדענט אַפאָרלעזוּנג וועגען דער פאָלק־שוּל. די קאָמיסיע האָט אָבער באַשטימט אָנצוּהייבען אַברייטע נישט־פּאַרטייאישע אַקציע און גערוּפען אויף סוּכּות 1915 אין קאָנצערט־זאַל אַפאַרזאַמלוּנג. די פאַרזאַמלוּנג, (אגב די ערשטע גרויסע יוּדישע פאַרזאַמלוּנג אין לאָדזש בכלל אין דער מלחמה־צייט) איז אַראָב מיט אַ גרויסען דערפאָלג.

דערווייל האָבען די אַסימיליאַטאָרען מאָביליזירט זייער אַרמיי, און גענוּמען זאַמלען אוּנטערשריפטען אויף אַפּעטיציע, וועלכע פאָדערט איינצוּפירען די פּוילישע אוּנטעררי[c]כט־שפּראַך אין דער יוּדישער שוּל. דאָס האָט אָנגערעגט דעם יוּדישיסטישען לאַגער, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַקאָנטער־פּעטיציע— וואָס פאָדערט איינצוּפירען יוּדיש אַלס למוד־שפּראַך אין דער פאָלק־שוּל. ס׳איז אָבגעדרוּקט געוואָרען אַ טעקסט פוּן דער פּעטיציע, (אין דריי שפּראַכען) און אין פאַרלויף פוּן אַקוּרצער צייט איז געזאַמעלט געוואָרען ביז 30 טויזענט אוּנטערשריפטען.

קיין פּראַקטישע רעזוּלטאַטען, אַ חוּץ דער פּאָפּוּלאַריזירוּנג פוּן דער אידיי פוּן אַ יוּדישער שוּל אין דער מוּטער־שפּראַך, האָט די פּעטיציע נישט געגעבען. די אָקוּפּאַציע־מאַכט האָט איינגעפירט אין די יוּדישע שוּלען צוּערשט דייטש אַלס אוּנטער־ריכט־שפּראַך, שפּעטער — פּויליש.

די קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פוּן טוּער פוּן „בוּנד“ און פּ. צ. און סתם „יוּדישיסטען“, האָט ווייטער געפירט איר אַרבעט. מיט גרויס מי איז איר געלוּנגען צוּ לעגאַליזירען דעם „יוּדישען שוּל־ און פאָלק־בילדוּנג־פאַראיין“.

דער פאַראיין האָט זיך געגרינדעט אין אַפּריל 1916, נאָך אַבּאַראַטוּנג פוּן פאָרשטייער פוּן פּראָפעסיאָנעלע און קוּלטוּרעלע פאַראיינען און אינסטיטוּציעס. די גרינדוּנג־פאַרזאַמלוּנג איז פאָרגעקוּמען מיט׳ן אָנטייל פוּן 1200 מיטגלידער (אין טעאַטער, ציגעל־גאַס 63) און איז געווען אַגראַנדיעזער אויסדרוּק פוּן קאַמף פאַר רעכט פוּן יוּדיש אַלס אוּנטעררי[c]כט־שפּראַך אין דער יוּדישער שוּל. דער שוּל־פאַראיין האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלס הויפּט־אויפגאַבע צוּ זאָרגען וועגען דער יוּדישער שוּל און איז תּיכּף צוּגעטרעטען צוּ דער גרינדוּנג פוּן אַ יוּדישער פאָלק־שוּל.

## ערשטע יוּדישע פאלק־שוּל.

די 1 יוּדישע פאָלק־שוּל האָט זיך געעפענט אין סעפּטעמבער 1916. עס זענען איינגעאָרדענט געוואָרען אין אַשיינעם לאָקאַל אויף דלוּגא 45, 2 קלאַסען, אַפאָרבאַרייטוּנג־קלאַס פאַר 6–7 יאָריגע קינדער און אַ 1 אָבטיילוּנג פאַר 7 – 8 יאָריגע. די שוּל איז געעפענט געוואָרען פאַר יוּנגלעך און מיידלעך (קאָעדוּקאַציע שוּל).

די שוּל האָט זיך אַנטוויקעלט און געוואַקסען פוּן יאָר צוּ יאָר.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| לערן־יאָר | 1916/17 – 2 | אָבטיילוּנגען | מיט | 76 | קינדער |
| „ | 1917/18 – 3 | „ | „ | 115 | „ |
| „ | 1918/19 – 4 | „ | „ | 141 | „ |
| „ | 1919/20 – 5 | „ | „ | 174 | „ |
| „ | 1920/21 – 6 | „ | „ | 215 | „ |

קינדער פוּן אַרבעטער זענען געווען 41,8 פּראָצ. קליינ־הענדלער 35,5 פּראָצ.: בעלי־מלאכות (צווישען זיי בטלעכע קלענערע פאַבריקאַנטען) 24,4 פּראָצ.: פוּן אינטעליגענץ 1. צוזאַמען 215 קינדער.

פוּן דער טאַבעלע קאָנען מיר זיך איבערצייגען, אַז די עלטערען־מאַסע איז געווען אַגאַנץ פאַרשידענאַרטיגע.

אין משך פוּן יעדען יאָר פלעגען פאָרקוּמען ביז 5 עלטערען־פאַרזאַמלוּנגען. בּאַ דער שוּל האָט עקזיסטירט אַגעוויילטער עלטערען־קאָמיטעט, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען אָנטיילצוּנעמען אין לעבען פוּן דער שוּל, און דערעיקר אין די שוּל און דערציהוּנג־פראַגען.

וועלענדיג איינאָרדענען אַבעסערע באַשפּייזוּנג, האָט די שוּל איינגעאָרדענט בּאַ זיך אַנ׳אייגענע קוּך, וואוּ ס׳זענען געקאָכט געוואָרען מיטאָגען במשך פוּן די מלחמה־יאָרען. פּראָדוּקטען האָט זי טיילווייז באַקוּמען פוּן „אַמעריקאַנער קאָמיטעט“. אַ גרויסער סכוּם פּראָדוּקטען איז איינגעקויפט געוואָרען אויף די גאַס־פרייזען גלייך ווי ס׳איז דערהאַלטען געוואָרען די אוּנטערשטי־צוּנג פוּן די „אַמעריקאַנער לאַנדלייט“. דער לאָדזשער מאַגיסטראַט האָט אויך מסכּים געווען צוּ פאַרקויפען אַטייל פּראָדוּקטען לויט קאָנטיגענט־פרייזען. נאָר די פּראָדוּקטען זענען געווען אין אַ קליינעם קוואַנטוּם. נאָך 2 חדשים האָט דער מאַגיסטראַט זיך „געכאַפּט“ און די פּראָדוּקטען אויף ווייטער אינגאַנצען אָבגעזאָגט.

אַ חוּץ די מיטאָגען פוּן קוּכען־קאָמיטעט, פלעגט די שוּל אַרויסגעבען במשך פוּן גאַנצען שוּל־יאָר אַגעהעריגע באַשפּייזוּנג, פוּן וועלכער עס האָבען גענאָסען אַגרויסער טייל מער פאַרוואָר־לאָזטע קינדער. די שוּל פלעגט צוּטיילען מלבּוּשים און שיך, לויט דער מעגלעכקייט.

בּאַ דער שוּל איז געווען טעטיג אַשוּל־ביבליאָטעק פוּן יוּדישע און פּוילישע ביכער.

די שוּל האָט נישט איינמאָל איינגעאָרדענט עפענטלעכע אַרויסטרעטוּנגען פוּן די שוּל־קינדער אין היגע זאַלען און טעאַטערען, ווי אויך אָנטייל גענוּמען אין די גראַנדיעזע קינדער־פאַרוויילוּנגען וואָס דער ש. און פּ. פאַראיין האָט יעדעס יאָר אַדוּרכגעפירט לטובת דער שוּל.

מחמת די שוּל האָט נישט באַקוּמען קיין שום אוּנטערשטיצוּנג פוּן די מלוכה׳שע און קאָמוּנאַלע אָרגאַנען, האָט די שוּל כּסדר געפינען זיך אין אַקריטישען מצב, און די דעפיציטען זענען וואָס אַמאָל אַלץ מער געשטיגען. די שוּל האָט בשעתו באַקוּמען אַנ׳איינמאָליגע אוּנטערשטיצוּנג פוּן די „אַמעריקאַנער לאַנדלייט“ 360.000 מ׳ק, און סוּבּסידיעס פוּן דעם צענטראַלען דינענזאָן־שוּל־קאָמיטעט, וואָס דאָס האָט איר אַצייט דערמעגלעכט אָנצוּפירען די ווייטעריגע שוּל־אַרבעט.

אין שוּל־פאַראיין האָבען שפּעטער אָנגעהויבען זיך רייבוּנגען צווישען די טוּער פוּן בוּנד און פּ. צ., דערהויפּט — אַרוּם דער פראַגע וועגען איינפירען העברעאיש אין פּראָגראַם פוּן דער פאָלק־שוּל. און אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלוּנג פוּן 26 יאַנוּאַר 1918 אין טעאַטער „קאָרסאָ“, איז געקוּמען צוּ אַ שפּאַלטוּנג פוּן שוּל און

פאָלק-בילדונג-פאַראיין. די פּ. צ. האָבּן זיך אינגיכען אַרויסגעצויגען פון פאַראיין און געגרינדעט אַנ׳אייגענע שול, די באָראָכאָוו-שול. די אַזוי גערופענע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ איז בכלל אַוועק פון דער שול-באַוועגונג, און אין דער פאַרוואַלטונג פון שול און פאָלק-בילדונג-פאַראיין זענען געבליבן בלויז בונדיסטען, וועלכע האָבּן מיט אים אָנגעפירט פון דער צייט אָן אַזש ביז צו דער ליקווידאַציע פון פאַראיין.

## מעדעמשול

1922 י. דורך די באַמיהונגען פון ישראל ליכטענשטיין, ח. ל. פּאָזנאַנסקי, שלמה יצחק ראַווין׳ א. אַנד. איז די ערשטע יודישע וועלטלעכע שול און דאָס קינדערהיים אויפ׳ס ניי לעגאַליזירט געוואָרען, און אַספּעציעלע פאַרוואַלטונג האָט ווייטער אָנגעפירט מיט די שול-אינסטיטוציעס.

צום צען יאָריגען יובל (1926) פון דער שול-עקזיסטענץ האָט זי באַקומען דעם נאָמען: „מעדעם שול״.

שבת דעם 30 מאַי 1931 האָט די מעדעם-שול געפייערט דעם 15 יאָריגען יובל, און אין שייכות דערמיט, איז איינגעווייהט געוואָרען די שול-פאָן.

די מעדעם-שול האָט זייט דער עקזיסטענץ-צייט געהאַט 12 אַרויסלאָזען און ס׳האָבּן געענדיגט די שול 120 שילער און שילערענס

די מעדעם-שול האָט איינגעאָרדענט אויסשטעלונגען, אויס-פלוגען, ווי אויך אַדורכגעפירט ליטעראַרישע פרילינג-מאָרגענס פאַר די שול-קינדער.

זייט 1926 י. איז בּאַ דער מעדעם-שול געגרינדעט געוואָרען אַ„פאַרבאַנד פון די געוועזענע שילער פון די מעדעם שולען״.

זייט 1929 י. עקזיסטירט בּאַ דער מעדעם - שול אַקרייז „פריינט פון די מעדעם שולען״, וועלכער פירט אַדורך פון צייט צו צייט פאַרשידענע אַקציעס און טראָגט אריין אַחודשלעכען אָבצאָל לטובת די שולען.

דאָס 1933/34 יאָר איז איינער פון די קריטישסטע שול-יאָרען פאַר׳ן יודיש וועלטלעכען שול-וועזען אין לאָדזש, במילא אויך פאַר דער מעדעם-שול. דער אַלגעמיינער קריזיס, און דאָס שטרייכען די סובסידיע וועלכע זי פלעגט כּסדר באַקומען דורכ׳ן היגען מאַגיסטראַט, (1928 — 21000 גילדען און די לעצטע יאָרען 15000 גילדען יערלעך) האָט דערפירט דערצו אַז די מעדעם-שול געפינט זיך אין זייער אַקריטישען מצב, און נאָר דורך דער שטאַר-קער אָנשטרענגונג פון דער שול-פאַרוואַלטונג מיט דער מיטהילף פון דער לערערשאַפט ווערט זי ווייטער געפירט.

נאָכ׳ן פאַראייניגען די ב. מיכאַלעוויטש-שול צו דער מעדעם-שול באַשטייט זי פון 9 קלאַסען, (די פערטע און פינעפטע פּאַראַלעל קלאַסען) און אין וועלכער ס׳לערענען 336 שילער און שילערענס דערפון 172 יונגלעך און 164 מיידלעך.

## ב. מיכאַלעוויטש שול

אין אָקטאָבער 1928 איז דערעפענט געוואָרען דורכ׳ן מעדעם-קוראַטאָריום אַצווייטע יודישע וועלטלעכע שול מיט דער יודישער אונטעררי‍כט - שפּראַך, א. נ. ביניש מיכאַלעוויטש׳ אויף זגערזשער 42. די ב. מיכאַלעוויטש שול איז לכתחילה באַשטאַנען פון 2 אָבט. מיט 80 קינדער. אין דער שול האָבּן געלערענט כמעט בלויז פראָלעטאַרישע קינדער. די מ. שול איז אין די ווייטעריגע שול-יאָרען פאַרגרעסערט געוואָרען און לעצטענס געהאַט 7 אָבטיילונגען מיט 212 קינדער, דערונטער 123 יונגלעך און 89 מיידלעך.

אין 1934 האָבּן דער ב. מיכאַלעוויטש שול געענדיגט 23 אַביטוריענטן.

די מ. שול פלעגט באַקומען אַסובסידיע פון היגען מאַגיסטראַט, נאָר מחמת אין לעצטען יאָר איז די פּאָזיציע געשטראָכען געוואָרען דורכ׳ן רעגירונג-קאָמיסאַר, און די שול איז אויך געווען אין אַ דעפי-ציט און באַדראָט פון אַנ׳עקסמיסיע, האָט דאָס מעדעם-קוראַטאָריום זי פאַראייניגט (1934) מיט דער מעֶדעם-שול.

## אָוועגט-שול א. נ. וו. מעדעם

אין סעפּטעמבער 1918 י. איז דערעפענט געוואָרען דורכ׳ן קוראַטאָריום אַ יודישע וועלטלעכע אָוועגט-שול מיט דער יודישער למוד-שפּראַך, פאַר אַרבעטער. אין דער אָוועגט-שול איז גרופּענווייז געלערענט געוואָרען: יודיש, פּויליש, מאַטעמאַטיק, פּאָליטישע עקאָנאָמיע׳ א. אַנד. אַסך הונדערטער יודישע אַרבעטער האָבּן אין דער אָוועגט-שול באַקומען זייער פּאַרטבילדונג.

נאָכ׳ן טויט פון וולאַדימיר מעדעם האָט די אָוועגט-שול באַקומען זיין נאָמען.

די אָוועגט-שול א. נ. וו. מעדעם האָט עקזיסטירט ביז׳ן שול-יאָר 1934.

## די פּאָלק-קינדערהיים

די פּאָלק-קינדער-היים איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָר 1916, מיט קליינע מיטלען, דורך פּריוואַטע מענטשען. דער חסרון האָט זיך אָבער אין אָנהויב נישט געלאָזט פילען. עטלעכע מענטשען האָבּן זיך אָבגעגעבען דער אַרבעט מיט פלייס, אַזוי אַז די קליינינקע אינסטיטוציע איז געוואָרען איינס פון די וואַרעמסטע און ליבלעכסטע ווינקעלעך אין אונזער שטאָט; עס איז שטענדיג פריילך און היימיש געווען אין דעם קינדער-נעסט.

אַזוי איז אַדורכגעגאַנגען אַפּאָר יאָר; די אינסטיטוציע האָט אָנגעהויבּן צו ליידען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען דער גאַנצער פעלער, וואָס מיט דער אינסטיטוציע האָבּן אָנגעפירט פּריוואַטע מענטשען ; זיי האָבּן די אַרבעט ביסלעכווייז אָבגעלאָזט, און דאָס האָט זיך געלאָזט פילען אין קינדערהיים. דעמאָלט איז געגרינדעט געוואָרען אַ געזעלשאַפט „קינדער-פריינט״, וועלכע האָט איבערגענומען די קינדערהיים.

די פאַרוואַלטונג איז געווען אַגעמישטע; צוזאַמען מיט אַרבעטער-פאָרשטייער זענען אויך געווען מענטשען, ווייט און פרעמד פון פירען אַפּראָלעטאַרישע קינדערהיים; די פאַרוואַלטונג פון „קינדערפריינט״ איז צוליב דעם געווען נישט אַרבעטפעהיג. דאָס האָט זיך געלאָזט פילען אין קינדערהיים. ווייל בכלל, אַזאַ אינסטיטוציע פאָדערט אַשטענדיגע און שטאַרקע אויפזיכט. דערווייל איז די אינסטיטוציע אויסערליך אויסגעוואַקסען: 2 אָבטיילונגען מיט 80 קינדער.

די אַלטע פאַרוואַלטונג זעהענדיג, אַז זי וועט זיך נישט געבען קיין עצה מיט דער אַרבעט, האָט געווענדט זיך צום שול-פאַראיין וועגען איבערגעבען אים די קינדערהיים. נאָך לענגערע קאָנפערענצען פון ביידע פאַרוואַלטונגען איז אַריבער די אינסטיטוציע צום שול - פאַראיין; דאָס איז פאָרגעקומען דעם 1. יאַנואַר 1921.

גלייך נאָכ׳ן איבערנעמען האָט זיך אָנגעהויבּן די אינטענ-סיווע אַרבעט; עס זענען געשאַפען געוואָרען קודם-כל די אויסערלעכע באַדינגונגען, אָן וועלכע עס איז אוממעגלעך אַגוטע אַרבעט: עס איז אַדורכגעפירט געוואָרען אַגרונטלעכער רעמאָנט, אַריינגעשטעלט געוואָרען פריש מעבעל, (דערהאַלטען פון צ. ב. פון די פראָפ. פאַראיינען, ווי אויך אָבגעקויפט פון אידאַ יאַנאָווסקי׳ס פרעבעל-שול) א. אַז. וו. דער לאָדזשער מאַגיסטראַט האָט באַשטימט

אַסובסידיע, אַנ׳ערך 2000 מ׳ק אַחודש. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ סובסידיע האָט נישט געקאָנט זיין קיין גרעסערע הילף פאַר׳ן קינדערהיים.

די דעפיציטען זענען געדעקט געוואָרען דורך דער איינמאָליגער אונטערשטיצונג פון די „אַמעריקאַנער לאַנדלייט" (120 טויזענט מ׳ק) און „צענטראַלען דינעזאָן-שול-קאָמיטעט" אין וואַרשאָ.

## קינדערהיים א. נ. בר. גראָסער

אין 1922 יאָר איז איבערגעטראָגען געוואָרען דאָס קינדערהיים אין באַלוטער ראַיאָן, אויף לאַגעווניצקע 25, אין לאָקאַל פון בונדישען קאָאָפּעראַטיוו „אונזער באַפרייאונג". אין קינדערהיים א. נ. בר. גראָסער זענען געווען 2 קאָמפּלעטען צו 25 קינדער.

## צווייטע קינדערהיים

אין 2 מאַי 1928 יאָר איז דערעפענט געוואָרען אַקינדערהיים אויף גייערס ראַיאָן, סוואָלסקע 11. דאָס קינדערהיים האָט געהאַט 1 קאָמפּלעט מיט 35 קינדער.

ביידע קינדערהיימען פלעגען באַקומען סובסידיעס פון היגען מאַגיסטראַט, נאָר זייט ס׳איז אָנגעקומען דער רעגירונג-קאָמיסאַר וואָיעוואָדזקי זענען די פּאָזיציעס געשטראָכען געוואָרען, און אפילו אָבגעשאַפט פאַר זיי די באַשפייזונג, וואָס דאָס האָט גורם געווען, אַז ביידע קינדערהיימען זאָלען אין דעם היינטיגען יאָר געשלאָסען ווערען.

## דאָס שטאָטישע יודישע קינדערהיים

דעם 1 פעברואַר 1930 איז דערעפענט געוואָרען דורכ׳ן היגען סאָציאַליסטישען מאַגיסטראַט, לויט דער איניציאַטיוו און באַמיהונגען פון דער בונדישער פראַקציע אין דעמאָלטיגען שטאָט-ראַט, אַשטאָטיש יודיש קינדערהיים מיט יודיש אַלס אונטערריכט-שפראַך, אויף שרודמיעסקע 12, וואו ס׳געפינען זיך ביז איצט 35 קינדער.

## באַראָכאָוו-שול

אין אָנהייב שול-יאָר 1918/19 איז דערעפענט געוואָרען אויף דער שרעדניע 10, (פּאָמאָרסקע) אַ 7 קלאַסיגע יודישע פאָלק-שול מיט דער יודישער למוד - שפראַך, א. נ. פון פ׳צ אַרבעטער-פירער בער באָראָכאָוו. (דאָס איז געווען די ערשטע באָראָכאָוו-שול אין פוילען) די באָראָכאָוו-שול האָט לכתחילה געהאַט נאָר 2 קלאַסען מיט 80 קינדער.

אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג זענען געווען: ש. עדעלמאַן, לייב האָלענדערסקי, לייב מאָקרסקי, א. קאַגאַן א. א.

די באָראָכאָוו-שול איז מיט יעדען שול-יאָר פאַרגרעסערט געוואָרען, אַזוי אַז צולעצט האָט זי שוין געהאַט 7 קלאַסען און ביז 400 שילער.

די קינדער פון דער באָראָכאָוו-שול האָבען זיך רעקרוטירט פון אַרבעטער-קרייזען. הגם דער שכר למוד איז געווען אַ מינימאַלער פלעגען אַ גרויסער טייל קינדער באַקומען אויך הנחות. אָדער זענען אינגאַנצען באַפרייט געוואָרען פון אָבצאָל.

די שול האָט כסדר געליטען פון כראָנישע דעפיציטען. פאַרשטענדלעך, אַז אַמייסטען פלעגט דערביי ליידען די לערער-שאַפט פון דער שול. פון צייט צו צייט האָט די באָראָכאָוו-שול באַקומען אונטערשטיצונגען פון דער יש׳אָ און פון די פ׳צ פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

די שול-לייטונג האָט דאָך נישט געקוקט אויף די מאַטעריעלע שוועריגקייטען פאַרשאַפט פאַר דער ב.-שול פאַרשידענע לערן-מכשירים, דערונטער אַנ׳עפּידיאַסקאָפּ און אַ גרויסע שילער-ביבליאָטעק.

נאָך אַ האַרטנעקיגען קאַמף מצד די פאַרשטייער פון בונד און פועלי ציון אין היגען שטאָט-ראַט, איז אויסגעפועלט געוואָרען אַ ריי סובסידיעס פאַר די יודישע וועלטלעכע שולען. די באָראָכאָוו-שול האָט אַ ריי יאָרען באַקומען צו 1500 גילדען חודשלעך. נאָר זייט יולי 1933 איז די פּאָזיציע געשטראָכען געוואָרען דורך דעם היגען רעגירונג-קאָמיסאַר וואָיעוואָדזקי.

די באָראָכאָוו-שול האָט אין פאַרשידענע צייטען געהאַט געגנונג אויסצושטייען מצד דער היגער שול-מאַכט. אין 1929/30 האָט דער שול-אינספעקטאָר פּאָדולקאָ דוקא געוואָלט באַשווערען די למודים מיט פרעמדע שפראַכען, צונעמען בּאַ דער שול יודיש אַלס למוד-שפראַך, און דעם נאָמען באָראָכאָוו-שול. נאָר, די שול-לייטונג האָט די אַלע פּלענער צונישט געמאַכט. אָבער, אין דער אייגענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען אַנ׳אַנטיסעמיטישע העצע אין היגען „ראָזוואָי" קעגען דער באָראָכאָוו-שול, און אין פועל יוצא זענען דעמאָלט דיסקוואַליפיצירט געוואָרען אַ טייל לערער פון דער דערמאָנטער שול דורכ׳ן שול-קוראַטאָריום, הגם זיי האָבען געהאַט אַלע קוואַליפיקאַציעס.

די באָראָכאָוו-שול האָט אַמאָל געקאָנט נעניסען פון די שטעטישע שול-לאַבאָראַטאָריומס, פאַר כעמיע און פיזיק, נאָר אין יאָר 1933 איז דורכ׳ן אינספעקטאָר דאָבראָוואָלסקי צוגענומען געוואָרען די פּריווילעגיע.

## קינדערהיים א. נ. י. שורעק

אין 1918 איז דורכ׳ן ב.-קוראַטאָריום דערעפענט געוואָרען א. נ. פון היגען יונג-פאַרשטאָרבענעם פ. צ. טוער ישראל שורעק אַקינדערהיים אויף פיראַמאָוויטש 4, וואָס עקזיסטירט זייט דעמאָלט ביז היינט. די קינדערהיים האָט 2 אָבטיילונגען, אין דער ערשטער אָבט. זענען פאַראַן 40 קינדער און אין דער צווייטער 70 קינדער.

די קינדערהיים האָט באַקומען אין יאָר 1928/9 פון דער היגער יודישער קהלה אַנ׳איינמאָליגע אונטערשטיצונג פון 1500 גילדען.

די קינדערהיים האָט די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ באַקומען 240 גילדען חודשלעך פון היגען מאַגיסטראַט. נאָר, בעת ס׳איז אָנגעקומען דער רעגירונג-קאָמיסאַר וואָיעוואָדזקי איז די סובסידיע געשטראָכען געוואָרען. ס׳איז לעצטענס אָבגעשאַפט געוואָרען די באַשפייזונג, וואָס דאָס קינדערהיים פלעגט באַקומען אפילו פון די ענדעקישע מאַגיסטראַטען.

## אינטערנאַט א. נ. ב. באָראָכאָוו

אין 1921 איז דורכ׳ן ב.-קוראַטאָריום דערעפענט געוואָרען אין דאָרף קאָלי אונטער לאָדזש, אַנ׳אַרבעטער-אינטערנאַט א. נ. ב. באָראָכאָוו, פאַר יתומים און פאַרוואָרלאָזטע קינדער. אין אינטערנאַט זענען אויסגעהאַלטען געוואָרען 35 קינדער און ר׳האָט בשעתו געהאַט זייער אַ שטאַרקע אונטערשטיצונג פון היגען „אַמעריקאַנער-קאָמיטעט", אין דער פאָרם פון לעבענמיטעל פראָדוקטען. נאָך דריי יאָר צייט האָט דער אינטערנאַט געמוזט געשלאָסען ווערען, און די קינדער זענען אַריינגעגעבען געוואָרען צו האַנטווערקער און אין דער פאַך-שול נאָך פיעטריקאָוו טריבונאַלסק.

## פרץ-שול

אין 1927 איז דורך דעם ב.-קוראַטאָריום דערעפענט געוואָרען אַ פאָלק-שול א. נ. פרץ-שול, אין באַלוטער ראַיאָן. די פרץ-שול האָט לכתחילה געהאַט נאָר 1 קלאַס מיט 40 קינדער. אָבער, מיט׳ן יעדען נייעם שול-יאָר איז צוגעקומען אַ נייע קלאַס, אַזוי אַז די

פּרץ-שול האָט שוין צולעצט געהאַט 7 קלאַסען, און ס'האָבען דאָרט געלערענט ביז איבער צוויי הונדערט קינדער.

יאָר יערליך פלעגט דאָס באָראָכאָוו-קוראַטאָריום איינאָרדענען קינדער-פאָרשטעלונגען פון אירע שולען, וועלכע זענען תמיד פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין מאַניפעסטאַציעס פאַר'ן וועלטלעכען יודישען שול-וועזען.

אין 1930 יאָר האָט דאָס ב. ק. איינגעאָרדענט אַ שול-אויסשטעלונג. די אייגענע אויסשטעלונג איז איבערגעחזרט געוואָרען אין יש'אָ—וואַרשע און צ.ב.ק.—ווילנע, וואו זי אויסגעצייכענט געוואָרען מיט'ן 2 פּריז.

דאָס באָראָכאָוו קוראַטאָריום פלעגט אָפט קריגען צוגעשיקט געלט פון אַמעריקאַנער אַרבעטער-רינג און אַנדערע אינסטיטוציעס. נאָר זייט די לעצטע יאָרען פון דאָרטיגען קריזיס באַקומט זי שוין גאָרנישט. צוליב דעם איז די לאַגע אין די שולען פון באָראָכאָוו - קוראַטאָריום געוואָרען וואָס אַמאָל שלעכטער, און דאָס האָט אויך גורם געווען וואָס אויפ'ן שול-יאר 1934/35 איז פאַראייניגט געוואָרען די באָראָכאָוו-שול מיט דער פּרץ-שול אין איין שול.

# געז. יודישע שולן אין לאָדזש

די געז. איז אַנטשטאַנען אין 1912 יאָר, דורך דער איניציאַטיוו פון ד'ר מרדכי זאב ברודאָ, דעם פּרעדיגער פון דער לאָדזשער סינאַגאָגע. די גרינדער האָבען געשטעלט זיך פאַר אַ ציל, צו שאַפען אַ מיטעל-שול, אין וועלכער די שילער זאָלען באַקומען אַ חוץ אַלגעמיינער בילדונג, אויך יודאַיסטישע למודים אין דער העברעאישער שפּראַך, לויט אַ ספּעציעל באַאַרבעטען פּראָגראַם.

מחמת די דעמאָלטיגע רוסישע רעגירונג האָט געמאַכט שוועריגקייטען בא'ם לעגאַליזירען דעם סטאַטוט פון דער געז., איז דער-ווייל אַרויסגענומען געוואָרען אַ קאָנצעסיע, אויפ'ן פּריוואַטען נאָמען פון ערשטען וויצע-פּרעזעס פון דער געז. ד'ר דוד בער ראַבינאָוויטש. נאָכ'ן לעגאַליזירען דעם סטאַטוט איז די שול אַריבער אין רשות פון דער געזעלשאַפט.

אין אָנהייב שול-יאָר 1912/13 איז דערעפענט געוואָרען אַ מענער-שול אויף דער מאַגיסטראַצקע גאַס, א. נ. „פּריוואַטער יודישער 8 קלאַסיגער לערענשטאַלט מיט'ן פּראָגראַם פון דער רעגירונג-גימנאַזיע אין לאָדזש". די אונטערריכט-שפּראַך איז געווען רוסיש אויף אַלגעמיינע למודים און העברעאיש אויף יודישע למודים. אין ערשטען יאָר זענען דערעפענט געוואָרען צוויי פּאָרבאַרייטונג-קלאַסען און צוויי גימנאַזיאַל-קלאַסען. אין איטלעכען ווייטעריגען יאָר איז צוגעקומען אַ העכערע קלאַס, אַזוי ביז צו דער אַכטער.

צוליב די מלחמה-געשעהענישען איז די שול אין 1914/15 יאָר נישט געווען טעטיג. אין 1915/16 יאָר איז די שול ווייטער דערעפענט געוואָרען. די דייטשע אָקופּאַנטען האָבען געפאָדערט ס'זאָל איינגעפירט ווערען דייטש אַלס אונטערריכט-שפּראַך. די פאַרוואַלטונג פון דער געז. האָט אַקעגענגעשטעלט זיך דער פאָדערונג און באַשלאָסען איינצופירען פּויליש אַלס אונטערריכט-שפּראַך פאַר די אַלגעמיינע למודים.

אין 1916/17 האָט די פאַרוואַלטונג געגרינדעט די פרויען גימנאַזיע מיט'ן אייגענעם פּראָגראַם, וואָס אין דער מענער-גימנאַזיע.

1918/19 האָט די געז. געשאַפען אַ לערער-סעמינאַר פאַר יודאַיסטישע למודים. בא'ם סעמינאַר זענען דערעפענט געוואָרען דערגענצונג-קורסען פון יודאַיסטישע למודים פאַר לערער, וועלכע זענען באַשעפטיגט אין די לאָדזשער שולען. נאָך 2 יאָר עקזיסטירען איז דער סעמינאַר געשלאָסען געוואָרען, צוליב מאַנגעל אין פּרעקטיקאַנטען. [sic: as printed "פרעק-ווענץ"]

די מענער-גימנאַזיע האָט אַנטוויקעלט זיך אין אַ שנעלען טעמפּאָ, אַזוי אַז צום סוף שול-יאָר 1920/21 האָט זי געציילט 742 תּלמידים אויף 22 קלאַסען. אַ סך קלאַסען האָבען געהאַט פּאַראַלעל-אָבטיילונגען און מאַנכע אַפילו צו צוויי גלייכע אָבט. דעריבער האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסען צוצוטיילען די שול אויף צוויי באַזונדערע מענער-גימנאַזיעס. זייט דעם שול-יאָר 1921/22 עקזיסטירען צוויי באַזונדערע מענער-גימנאַזיעס פון דער געז. די ערשטע אויף מאַגיסטראַצקע 21 און די צווייטע אויף מאַגיסטראַצקע 22.

פון 1919/20 יאָר האָבען אַלע דריי גימנאַזיעס פון דער געז. רעגירונג-רעכט. זייט 1926/27 איז דער ערשטער מענער-גימנאַזיע אָנערקענט געוואָרען די העכסטע רעכט (קאַטעגאָריע אַ).

די גימנאַזיעס פון דער „געז. יודישע מיטעל-שולען אין לאָדזש", האָבען געדינט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע שטעט אין פּוילען, וואו ס'זענען אַנטשטאַנען עטלעכע צענדליג אַזעלכע גימנאַזיעס, וואָס זענען אָנגעשלאָסען אַלע אין אַ פאַרבאַנד, אין דער שפּיץ פון וועלכען עס שטייט ד'ר מ. ברודאָ.

אין אָנהייב 1933/34 האָבען די שולען פון דער געז. אין הסכם פון נייעם שול-געזעץ פאַרוואַנדעלט זיך איטלעכע אין אַ זעקס קלאַסיגער פאָלק-שול און גימנאַזיע. חוצדעם האָט די געז. אין דעם יאָר דערעפענט אַמוסטערהאַפטען קינדער-גאָרטען, אויף שענקעוויטש 26.

אין 1933 יאָר איז די געז. לעגאַליזירט געוואָרען א. נ. „געז יודישע שולען אין לאָדזש".

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ה'ה: ד'ר מ. ברודאָ — פּרעזעס; ד'ר דוד ראַבינאָוויטש און לודוויק צוקער — וויצע-פּרעזעסען; אַדאָלף באַביאַצקי – קאַסירער; שמואל אינזעל-שטיין, יחיאל בנימין אַקאַוויע, שלמה בודזינער, אהרן ביאַלער, פּרוי ב. גוטערמאַן, ד'ר טאַרטאַקאָווער, מרדכי מרחיב, גרשון ניי-מאַן, בעלא ספּעקטאָר, שמואל פויסט, יחיאל פּיקעלני, נחמיה קאָראָטשינסקי, ד'ר בערנאַרד ראָבינזאָן און ד'ר שווייג.

# בית יעקב שולען

די בית יעקב שול איז דערעפענט געוואָרען אין 1924 יאָר, דורך דער אָרטיגער „אגודת ישראל". דאָס איז אַרעליגיעזע שול פאַר מיידלעך, וואו עס ווערט געלערענט למודי קודש און וועלטלעכע בילדונג לויט'ן פּראָגראַם פון אַפאָלק-שול, מיט דער פּוילישער אונטערריכט-שפּראַך אויף אַלגעמיינע למודים און יודיש אויף יודישע למודים, און העברעאיש אַלס באַזונדערער למוד. די בית יעקב שול האָט לכתחילה געהאַט 3 אָבטיילונגען מיט 66 מיידלעך. די שול איז דורך דער צייט פאַרגרעסערט געוואָרען און זי האָט

## קוראַטאָריום


ב. ג. טשאַרנאָלעווסקי
געוו. ק. מיטגליד


רעד. א. ג. פרידענזאָן


דעפ. לייב מינצבערג
פאָרזיצער


נחמן שוואַרץ


יודעל הערץ

איצט 7 אָבט. מיט 400 שילערינס. חוצדעם איז שוין זייט אַריי יאָרען טעטיג אַ האַנדעל-שול פֿאַר מיידלעך, מיט 3 העכערע קלאַסען, ווי אויך אַפּרעבעל-שול.

די היגע בית יעקב שולען האָבען אַרייכע ביבליאָטעק מיט ביכער אין עטלעכע שפּראַכען. די שילערינס באַזיצען אייגענע זעלבסטפאַרוואַלטונגען. אין משך פון דער עקזיסטענץ-צייט האָבען די היגע בית יעקב שולען שוין אַרויסגעגעבען אַנ׳ערך פון 18 לערערינס וועלכע אַמטירען אין פאַרשידענע ב. י. שולען, דערונטער 3 אין דער אָרטיגער שול, ווי אויך אַרויסגעגעבען אַריי פירע־רענס פון די בנות אגודת ישראל.

אַלס דירעקטאָר פון די היגע בית יעקב שולען איז טעטיג דער אָרטאָדאָקסישער שרייבער נטע בערלינער און פינאַנץ-לייטער איז הענעך פרענקעל.

דאָס קוראַטאָריום באַשטייט פון די ה׳ה: דעפּוטאַט לייב מינצבערג—פאָרזיצער, רעד. אליעזר גרשון פרידענזאָן, נחמן שוואַרץ, יודעל הערץ און הענעך קאַנטאָראָוויטש.

# תחכמוני

די שול תחכמוני איז געשאַפען געוואָרען אין 1932 יאָר, לויט׳ן מוסטער פון די מזרחיסטישע שולען אין ארץ ישראל אונטער דעם נאָמען. דאָס איז אַ נאַציאָנאַל-רעליגיעזע שול, וואו ס׳ווערט געלע־רענט למודי קודש און למודי חול. די שול איז פון דער 3-טער מדרגה לויט׳ן נייעם שול-געזעץ. אייגענטלעך, די העכסטע טיפּ פון אַ פאָלק-שול. די תחכמוני-שול איז פאַרבונדען מיט׳ן תחכמוני-קוראַטאָריום אין וואַרשע, וואו די אַבסאָלווענטען באַקומען מאַטורע און היתר הוראה פון וואַרשעווער ראַבינאַט.

געמאַכט גרויסע הנחות.

די שול האט אַ רייכע פוילישע און העברעאישע ביבליאטעק, אַנ׳אייגענעם כאָר און אָרקעסטער, און זי איז אין לעצטען יאָר וויזיטירט געוואָרען דורך דעם פרעזידענט פון מזרחי הרב בראָט און מ׳ליטער-ראַבינער הרב גאָלדשטיין, וועלכע האָבען זייער געלויבט די שול.

די תחכמוני שול האט אין דער ערשטער צייט געהאַט נאָר 40 שילער און איצט דערגרייכט שוין זייער צאָל ביז 150 שילער.

## קוראַטאָריום


וואָלף קויפמאַן


אלעזר בוים
פאָרזיצער


יצחק בערגער


שלמה ליכטענבערג


דוב מאַרעק
לייטער


אלחנן פיליק

די היגע תחכמוני-שול איז געגרינדעט געוואָרען דורך די ה׳ה: דוב מאַרעק, שלמה ליכטענבערג און אלחנן פיליק.

אין משך פון דער עקזיסטענץ-צייט האָט דאָס קוראַטאָריום פון דער תחכמוני-שול פאַר קינדער פון נישט-פאַרמעגלעכע עלטערען

דאָס איצטיגע קוראַטאריום באַשטייט, פון די ה׳ה: אלעזר בוים — פאָרזיצער, יצחק בערגער, שלמה ליכטענבערג, וואָלף קויפמאַן, דוב מאַרעק און אלחנן פיליק.

# הזמיר

## ליטעראַריש-מוזיקאַלישע געזעלשאַפט

אין 1899 יאָר איז אַנטשטאַנען דורך דער איניציאַטיוו פון די ה׳ה: אברהם ניסן שאַפירא, אליעזר מלאָטעק און ד׳ר באָריס ליטווין, רחל קאַפלאַן, אַנ׳אונלעגאַלער מוזיקאַלישער קרייז א. נ. „מכבי״.

אין דער וואָינונג פון אברהם ניסן שאַפירא (פיעטריקאָווער 88), פלעגען פאָרקומען די רעפעטיציעס פון כאָר, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליג יונגעלייט און מיידלעך פון בעל הבתישע קרייזן. די פראָבען זענען פאָרגעקומען רעגעלמעסיג עטלעכע מאָל אין וואָך, אונטער דער פרייוויליגער לייטונג פון דעם ערשטען דיריגענט מרדכי האַרטשטיין; אַזוי איז די אַרבעט געפירט געוואָרען פלייסיג אין משך פון אַ האַלב יאָר צייט.

דער ערשטער עפענטלעכער אַרויסטריט פון „מכבי״ כאָר איז פאָרגעקומען אין דער צייט אויפ׳ן געזאַנג-אָווענט, איינגעאָרדענט דורכ׳ן קרייז אין „וואַרשעווער זאַל״, מיט פרל. וויסטיניעצקאַ אַלס סאָליסטען און אונטער דער לייטונג פון מרדכי האַרטשטיין. דער געזאַנג-אָווענט האָט אַרויסגערופען גרויס צופרידענקייט אין די היגע מוזיקאַלישע קרייזן.

נאָכדעם איז באַשלאָסען געוואָרען אָנצורופען דעם קרייז „הזמיר״.

דערווייל איז צוליב אַ צופאַל איבערגעבליבען אין לאָדזש דער דיריגענט יוסף רומשינסקי, וועלכער איז אַהערגעקומען צופאָרען מיט אַ יודישער טרופּע און געבליבען דאָ שטעקען אין וועג. די איניציאַטאָרען פון „הזמיר״ האָבען זיך דערוויסט דערפון און אַוועק צו אים און פאָרגעלייגט רומשינסקי׳ן ער זאָל איבערנעמען די לייטונג איבער׳ן כאָר פאַר אַ באַשטימטער גאַזשע, אויף וואָס ר׳האָט אויך גלייך מסכים געווען.

אין דער אייגענער צייט האָט אברהם ניסן שאַפירא איבערגעצויגען זיך אין אַ גרעסערער וואָינונג אויף קאַמיענע 2, און דאָ ערשט האָט גענומען שטייגען דער קרייז „הזמיר״ און דער כאָר אונטער דער לייטונג פון יוסף רומשינסקי איז אַלץ מער פּאָפּולער געוואָרען אין אונזער שטאָט. אַגב האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזען זיך דער יונגער רומשינסקי פאַר אַ זעלטענעם אַרבעטזאַמען דיריגענט, וואָס פלעגט נישט מיד ווערען שטודירען מיט׳ן כאָר באַטאָג און באַנאַכט, און אויב האָט ער געפאַקט אַזינגער איז שוין זיין פרייד געווען עד אין לשער.

דעם 2 יולי 1901 איז פאָרגעקומען דער ערשטער קאָנצערט פון „הזמיר״, („יודישער אַמאַטאָרען כאָר״, אַזוי ווערט ער אָנגערופען אין דער דערלויבעניש) מיט אַ געמישטען פּראָגראַם פון חזנישע ווערק און עטלעכע פראַגמענטען פון היידענס שאַפונגען — אין אַמאָליגען היגען „אַפּאָלאָ״ טעאַטער, אונטער דער לייטונג פון יוסף רומשינסקי און באַ׳ם קלאַוויר ד׳ר לודוויק פאַלק.

אין דעם אייגענעם יאָר זענען פאָרגעקומען נאָך צוויי קאָנצערטען, איינער חו״מ סוכות אין זעלינס זאַל און דער צווייטער אין פאָגעלס קאָנצערט-זאַל לטובת די נשרפים פון ברעסט-ליטעווסק און פינסק.

נישט קוקענדיג אויף די פאַרפאָלגען מצד דער ג. רוסישער מאַכט, וואָס האָט נישט דערלויבט קיין צוזאַמענקונפטען פון אַ גרופּע מענטשען אַפילו בחדרי חדרים, איז אויב דער „הזמיר״ („יודישער אַמאַטאָרען כאָר״) האָט אַרויסגעקריגען אַ דערלויבעניש אויף אַ קאָנצערט, איז אויף דעם סמך אים דערלויבט געווען איינצושטודירען די געזאַנג-נומערען צום קאָנצערט. אויף דעם אופן איז טאַקע די אַרבעט געפירט געוואָרען. דערווייל איז די פּאָפּולאַריטעט פון „הזמיר״ געשטיגען ווייט איבער די גרעניצען פון אונזער שטאָט, אַזוי אַז ער איז איינגעלאַדען געוואָרען פון דער וואַרשעווער געז. „אחיעזר״ צו געבען דאָרט אַ קאָנצערט.

אויף פורים, 1902 יאָר איז אַריבערגעפאָרען דער היגער „הזמיר״ כאָר פון 62 מענטשען, אונטער דער לייטונג פון יוסף רומשינסקי נאָך וואַרשע און דאָרט געגעבען אַ קאָנצערט אין שווייצערטאָל. דער היגער „הזמיר״ איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרען סיי מצד דער וואַרשעווער פרעסע און פּובליקום. (אגב איז ווערט צו באַמערקען, אַז דאָס האָט געגעבען די איניציאַטיוו און דערנאָך איז געגרינדעט געוואָרען דער וואַרשעווער „הזמיר״, מיט ד׳ר גרשון לעווין אַלס פרעזעס).

מיטאַמאָל האָט דער דיריגענט יוסף רומשינסקי פאַרלאָזט פוילען, און דער היגער „הזמיר״ איז געבליבען אַ יתום.

סוף 1902 יאָר איז געדונגען געוואָרען אַ לאָקאַל אויף פיעטריקאָווער 18, צוזאַמען מיט דעם ניי-געגרינדעטען שאַך-קלוב, וואָס איז באַשטאַנען פון 2 שטובען, 1 זאַל מיט 3 פענצטער און קאָרידאָר. דאָס לאָקאַל האָט געהערט צום „הזמיר״ 4 טעג אין וואָך. דעמאָלט איז אַנגאַזשירט געוואָרען אַלס דיריגענט נחום פאָדקאַמינער. ס׳זענען ווייטער איינגעאָרדענט געוואָרען עפענטלעכע קאָנצערטען אונטער דער לייטונג פון דיריגענט נחום פאָדקאַמינער.

צוליב דעם וואָס דער „הזמיר״ איז אַריין אין אַ קריטישען מצב, האָט די פאַרוואַלטונג געמוזט אָבשטעלען די טעטיגקייט.

דעמאָלט איז גערופען געוואָרען אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס׳זענען געקומען לערך 27 כאָריסטען. און נאָך לאַנגע וויכוחים איז אַדורכגעפירט געוואָרען אַ באַשטייערונג. נאָכדעם איז געדונגען געוואָרען אַ ניי לאָקאַל אויף פּאָלודניאָווע 20, 3 שטאָק אין צווייטען טויער און ס׳האָט אָנגעהויבען זיך אַ נייע אויפגעלעבטע אַרבעט, אונטער דער לייטונג פון דיריגענט נחום פאָדקאַמינער.

ס׳ווערט דערנאָך אַדורכגעפירט אַ פאַראייניגונג צווישען דעם עקזיסטירענדיגען מענער געזאַנג-פאַראיין „מנעימי הזמירות״ און „הזמיר״, און געוויילט אַ געמישטע פאַרוואַלטונג. ס׳ווערען אַנגאַזשירט צוויי דיריגענטען נחום פאָדקאַמינער און ד. דאַרגוזשאַנסקי, וועלכע פירען דעמאָלט אַדורך אין אייגענעם לאָקאַל, (פּאָלודניאָווע 20, ערשטען שטאָק) אַ גאַנצע ריי קליינע קאָנצערט-אָווענטען, וואָס האָבען געהאַט פאַר אַ ציל צו פאַרשפרייטען מוזיק צווישען די פאָלק-מאַסען.

אין יענער צייט האָט דער דיריגענט נחום פאָדקאַמינער אַדורכגעפירט די פּיאָנערישע אַרבעט, וואָס דער „הזמיר״ האָט אין 1903 יאָר שוין געגעבען די ערשטע סימפאָנישע קאָנצערטען אין אונזער שטאָט, אין „העלענאָוו״ 12 קאָנצערטען, הגם מיט אַ גרויסען מאָראַלישען אָבער אָן אַמאַטעריעלען דערפאָלג.

אין 1904 ווערט צום ערשטען מאָל איינגעאָרדענט אַ דאַווענען אויף ראש השנה, יום כפור און סכות אין לאָקאַל פּאָלודניאָווע 20, מיט חיים חייקעל יאַנאָווסקי אַלס חזן און דעם מענער-כאָר פון „הזמיר״ אונטער דער לייטונג פון ניי-אַנגאַזשירטען דיריגענט זיינוועל זילבערק.

אינטערעסאַנט איז, אַז בעת די חסידים זענען געוואָיר

געוואָרען דערפון, האָבען זיי צוגעשיקט אַ דראָהונג-בריוו, אַז ס'וועט זיך טוען הימעל עפען דיך, אויב די לייטונג פון „הזמיר" וועט נישט צוריקציהען דעם באשלוס פון דאוונען אין די הייליגע ימים נוראים און אַ געוויינלעכען זאַל. נאַר, די פאַרוואַלטונג איז געבליבען בײַ ס'איריגע און האָט איינגעאָרדענט דאָס דאַווענען. אָבער, דעם חזן פלעגט מען מוזען פירען אונטער אַ שמירה צום דאַווענען און פון דאַווענען.

אָרדענט אַ פולשטענדיגע איינריכטונג, וואָס האָט אים אָבגעקאָסט 8 טויזענט רובעל. חוצדעם איינגעשטעלט אַ נאָטען - ביבליאָטעק אין „הזמיר". און ס'איז אַוועק אַנ'אַרבעט אויפ'ן מוזיקאַלישען געביט, וואָס ווייטער אַלץ גרעסער. דער „הזמיר" האָט דורך דער צייט איינגעאָרדענט אַ קאָנקורס אויף העברעאישע לידער, און אַרויסגעגעבען דעם מעריב לר"ה'ש ויום הכפורים און מוסף לר"ה'ש ויום הכפורים פון ניקאָלאַיעווער קאָמפּאָזיטאָר בצלאל ברון,

## די ערשטע


מרדכי האַרטשטיין
ערשטער דיריגענט


ד"ר ל. פאַלק
מיטשעפער און וו. פאָרזיצער


ה. ח. יאַנאָווסקי
מעצענאַט און מוזיקער


מאָזעס פיקעלני
מיטגרינדער

אין 1905 יאָר איז געשאַפען געוואָרען בײַם „הזמיר" אַ דראַמאַטישער קרייז, וועלכער האָט איינרעפּעטירט אַ גאַנצע ריי טעאַטער-שטיק אונטער דער רעזשי פון מארק ארענשטיין און איזידאָר לעווי און זיי געשפילט דערנאָך מיט גרויס דערפאָלג אין ענגלישען זאַל, דאָס דעמאָלטיגע לאָקאַל פון „הזמיר". פון דעם קרייז איז אנטשטאַנען די „דראַמאַטישע קונסט", וועלכע האָט שפּעטער יאָרענלאַנג געוו'רקט אין אונזער שטאָט, געמאַכט אַ ריי אויפפירונגען און אַרויסגעפירט עטלעכע פעהיגע אַמאַטאָרישע קרעפטען אויף דער בינע.

אין דעם יאָר ווערט דער „הזמיר" איינגעלאַדען נאָך טאָמאַשאָוו מאַז., וואוהין ער איז אַריבערגעפאָרען מיט אַנ'אייגענעם כאָר און אָרקעסטער און דאָרט געגעבען אַ קאָנצערט, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ גרויסען דערפאָלג, אַז די שטאָט איז פשוט געגאַנגען האָדאָראָם. מ'האָט דעם היגען „הזמיר" געמאַכט אַ קבלת פנים ווי פאַר אַ מלך, און די „הזמיר"-לייט צוגעטיילט גרויס כבוד. נאָכדעם איז טאַקע דאָרט געגרינדעט געוואָרען דער טאָמאַשאָווער „הזמיר" מיט'ן צאָן-דר' ראָטענבערג אַלס ערשטען פרעזעס, לויט'ן מוסטער פון לאָדזשער „הזמיר").

אין 1906 יאָר איז לעגאַליזירט געוואָרען דער היגער „הזמיר" אַלס ליטעראַריש-מוזיקאַלישע געזעלשאַפט.

אין 1906 יאָר ווערט דורכ'ן „הזמיר" איינגעאָרדענט דער ערשטער גרויסער קאָסטיומענבאַל א. נ. „אַ נאַכט אין שושן הבירה", אונטער דער לייטונג פון ד"ר ל. פאַלק. דער קאָסטיומענבאַל איז אויסגעפאַלען זייער גראַנדיעז און פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גרויסער יומטובדיגער שמחה. דער „הזמיר" האָט אַנגאַזשירט ספּעציעל אַ באַלעט פון 16 דאַמען און כאַראַקטעריזירט צו דעם באַל אַנ'ערך 120 טיפען און מאַסקעס. געסט זענען געווען אויפ'ן קאָסטיומענבאַל 1700 מענטשען. אין יענער צייט האָט דער באַל געמאַכט אַ גרויסען רושם אין אונזער שטאָט, ווייל דאָס איז געווען די ערשטע יודישע אימפּרעזע אין אַזאַ ברייטען פאַר-נעם.

דעמאָלט האָט חיים חייקעל יאַנאָווסקי געדונגען צוויי פאַבריק-זעלער און געלאָזט זיי איבערבויען אַלס לאָקאַל פון „הזמיר", (פּראָמענאַדע 21) אויסגעבויט אַנ'עסטראַדע: און איינגע-

וועלכער איז אַ קורצער צייט געווען (1907) דיריגענט אין „הזמיר", נאָך אים איז אָנגעקומען אַלס דיריגענט אפרים שקלאַר.

אין 1907 יאָר זענען פאָרגעקומען סיסטעמאַטישע פאָרלעזונ-גען, אויף וועלכע ס'האָבען רעפערירט: ד"ר ש. בערענפעלד, ד"ר מאָסענזאָן, ד"ר א. קאַנטאָר, י. ל. פרץ, שלום עליכם, ח. נ. ביאַליק, בעל מחשבות, ראובן בריינין, א. א., וועלכע האָבען צוגעצויגען גרויסע מאַסען פון דער יודישער אינטעליגענץ צו הערען די רעפעראַטען.

אין די ווייטעריגע יאָרען האָבען אָנגעפירט זייער מוזיקאַלישע טעטיגקייט אין היגען „הזמיר" די דיריגענטען: מתתי' בענסמאַן, און לעאָ קאָפּ.

אין 1913 יאָר איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אימפּרעזע אין העלענאָוו, איינגעאָרדענט דורך דעם דייטשען, פוילישען און יודישען דאָבראָטשינגאָשטש, פאַרבונדען מיט אַ גרויסען קאָנצערט, אין וועלכען ס'האָבען אָנטייל גענומען 11 כאָרען. דער „הזמיר" איז דעמאָלט אויפגעטרעטען מיט פראַגמענטען פון די שעפּונג פון היידען, אונטער דער לייטונג פון דיריגענט לעאָ קאָפּ. און די זשורי-קאָמיסיע האָט דערנאָך אָנערקענט דעם ערשטען פריז פאַר'ן היגען „הזמיר", וואָס איז געווען אַ גרויסער טריומף פאַר דעם יודישען געזאַנג-פאַראיין.

צום 10 יאָריגען עקזיסטענץ-יובל פון היגען „הזמיר" (1913) האָט חיים חייקעל יאַנאָווסקי אויפגעפירט צום ערשטען מאָל דאָס אָראַטאָריום „יהודה המכבי" פון הענדעל, וואָס ער האָט ספּעציעל איבערזעצט אויף העברעאיש און אויך אַליין דיריגירט דעם אָוונט. חוצדעם זענען דורך אים אַ גאַנצע ריי אָראַטאָריומס איבערזעצט געוואָרען, וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרען כסדר דורכ'ן היגען „הזמיר".

אין זיין צייט (1906/12) האָט דער „הזמיר" אַדורכגעמאַכט זיין גלאַנץ-פעריאָד. חיים חייקעל יאַנאָווסקי זייענדיג אַ מושלם בכל המעלות, אַ הויך מוזיקאַלישער מענטש און אַ נדבן פון גרויסען שניט, וועלכער האָט זייער פיל אונטערשטיצט יונגע טאַלאַנטען, און דער „הזמיר" איז געווען זיין ילד שעשועים – אין דער צייט ווען ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון היגען „הזמיר" איז אָנגעפירט געוואָרען אַ גרויסע מוזיקאַלישע טעטיגקייט, וואָס האָט

שטאַרק אויפגעהויבן זיין פּרעסטיזש העכער איבער אַלע „הזמירס" אין גאַנץ פּוילן. אין לעצטען יאָר (1912) איז ער אויך געווען אַליין דיריגענט אויף אַלע קאָנצערטען.

אין 1914 יאָר האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסען איינצוואָרדענען די ערשטע ארץ ישראל פּאַנאָראַמע אין אונזער שטאָט, און צו דעם צוועק אויף איר אייגענעם חשבון ספּעציעל אַוועקגעשיקט די מאָלער אַרטור שיק און מאַקס האַנעמאַן, וועלכע זאָלען מאָלען אַ ריי בילדער פון דאָרטיגען לעבען און זיי אַהערברענגען צו אונז. אָבער, די שליחים זענען אַוועקגעפאָרען און געבליבן. דער היגער עולם וואַרט נאָך אויף דער ארץ ישראל פּאַנאָראַמע.

אין 1914 יאָר איז אויפ'ן צוריקוועג פון מאָסקווע נאָך אַמעריקע געבליבן אויף אַ קורצער צייט אין אונזער שטאָט דער דיריגענט זיינוועל זילבערג. דאָס האָט אויסגענוצט די פאַרוואַלטונג און אים איינגעלאַדען אַלס דיריגענט פון „הזמיר", אויף וואָס ער האָט אויך מסכּים געווען. דערווייל איז אויסגעבראָכען די מלחמה און די אָנפירער פון היגען „הזמיר" זענען אַוועק פון לאָדזש, און דער געזאַנג-פאַראיין איז איבערגעבליבן אויף הפקר. דעמאָלט ווערט געשאַפען אַ צייטווייליגע פאַרוואַלטונג און רעאָרגאַניזירט דער כאָר אונטער דער ליטונג פון דיריגענט זיינוועל זילבערג. אין יענער צייט זוערען געגעבען אַ ריי קאָנצערטען פאַר פאַרשידענע וואָילטעטיגע צוועקען. אַזוי איז די אַרבעט געפירט געוואָרען.

אין די מלחמה-יאָרען איז אין היגען „הזמיר" געווען טעטיג אַ לעבענסמיטעל קאָאָפּעראַטיוו, אין דער שפּיץ פון וועלכען ס'זענען געשטאַנען ד. קרעניצקי און י. ליבערמאַן, וועלכער האָט פאַרקויפט ביליגע פּראָדוקטען די מיטגלידער. חוצדעם האָט די גאַנצע צייט פונקציאָנירט אַ טיי-האַלע.

אין 1914/15 ווערט דורך די מיטגלידער פון „הזמיר" געשאַפען דער היגער סימפאָנישער אָרקעסטער, וועלכער האָט דערנאָך יאָרענלאַנג געשפּילט אַ באַטייטענדיגע ראָל אין דער היגער מוזיקאַלישער וועלט. אָבער, דער „הזמיר" האָט אויך געהאַט אַ גרויסען חלק אין זיינע דערפאָלגען, ווייל ער האָט כּסדר מיטגעאַרבעט מיט אים און אָפט אַדורכגעפירט בשותפות'דיגע קאָנצערטען.

געווידמעט דער קאַמעראַלער יודישער מוזיק, און ספּעציעלע קאָנצערטען אויף וועלכע ס'ווערען אויסגעפירט די ווערק פון יואל ענגעל, מילנער און פאַרשידענע אַנדערע יודישע קאָמפּאָזיטאָרען. ס'איז אויך איינגעשטעלט געוואָרען אַ שטרייך-אָרקעסטער, וועלכער האָט רעגעלמעסיג אויסגעפירט גרעסערע יודישע ווערק.

דורך דער פאַרוואַלטונג ווערט אויך אין די יאָרען געמאַכט דער דרייסטער שריט, וואָס עס זענען ספּעציעל אַראָבגעבראַכט געוואָרען פון צייט צו צייט פאַרשידענע באַרימטע דיריגענטען, ווי: ושדזשיסלאַוו בירענבוים, גזשעגאָרזש פיטעלבערג, אָסקאַר פריד, הערמאַן אַבענדראָט, בראָניסלאַוו שולץ א. א., וועלכע האָבען מיט'ן היגען כאָר פון „הזמיר" און ספּעציעלע סאָליסטען אויפגעפירט אַ סך מוזיקאַלישע מייסטערווערק, דערונטער: טראַוויאַטאַ פון ווערדי, פּסאַלמען 42 פון מענדעלסאָן, רעקוויום פון מאָצאַרט, די שעפונג פון היידען, פיר יאָרצייטען פון היידען, אליהו הנביא פון מענדעלסאָן, די ניינטע סימפאָניע פון בעטהאָווען, יציאת מצרים פון הענדעל, וואַלפּורגיע נאַכט פון מענדעלסאָן. חוצדעם זענען אויך גרויסע אויפפירונגען איינשטודירט געוואָרען מיט'ן כאָר דורך אירע שטענדיגע דיריגענטען, וועלכע זענען אָבער תמיד געווען אַ געשעהעניש אין דער היגער מוזיקאַלישער וועלט.

אין 1931 יאָר איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין „הזמיר" בעת וועלכער אַ טייל פון כאָר צוזאַמען מיט'ן דיריגענט ישראל פייוווישעס זענען אַרויסגעטרעטען פון אים און געשאַפען גלייך דעם „שיר כאָר", וואָס עקזיסטירט ביז איצט. אָבער די פאַרוואַלטונג האָט נישט קאַפּיטולירט, און רעאָרגאַניזירט דעם כאָר מיט אַ פרישען דיריגענט הענריק יאַבלאָן, אַנ'אַבסאָלווענט פון דער ווינער קאָנסערוואַטאָריע און דורך אים זענען שפּעטער געמאַכט געוואָרען עטלעכע מוזיקאַלישע אויפפירונגען, דערונטער אויך זיינס אַנ'אָרגינעל ווערק „די העברעאישע ראַפּסאָדיע, וואָס האָט אין די מוזיקאַלישע קרייזען שטאַרק אויסגענומען.

זייט 1933 פירט אָן זיין מוזיקאַלישע אַרבעט אין היגען „הזמיר" דער טשענסטאָכאָווער קאָמפּאָזיטאָר און מוזיקער ישראל זאַקס, וועלכער האָט שוין באַוויזען איינצושטודירען און אויפצופירען

פאַרוואַלטונג



מ. קרישעק



י. ליבערמאַן
קאַסירער



דעפּ. ד"ר י. ראָזענבלאַט
ערען-פּרעזעס



דיר. א. פּערעלמאַן
פּרעזעס



ב. יאַפּע
ערען-מיטגליד



ז. לעווין

נאָך דער מלחמה טרעט דער „הזמיר" אַריין אין זיין נאָרמאַלער פאַזע, ס'ווערט צוריק געוויילט אַ פאַרוואַלטונג און אָנגעפירט אַ ברייטע מוזיקאַלישע טעטיגקייט. און דער עיקר הייבט אָן געפלעגט צו ווערען דאָס יודישע פאָלק-ליד. זייט דעמאָלט ווערען אויף די קאָנצערטען דורכ'ן כאָר פון „הזמיר" געזונגען פאַרשידענע יודישע פאָלק-לידער.

אין יענער צייט ווערען איינגעאָרדענט אַריי אָוונטען

פאַרשידענע קאָמפּאָזיציעס אין יודיש און העברעאיש.

די איצטיגע פאַרוואַלטונג באַשטייט, פון די ה'ה: דיר. אברהם פּערעלמאַן — פּרעזעס; פ. זיידענגאַרט — וויצע; י. ליבערמאַן — קאַסירער; ב. בלומענפעלד — ווירט. אין דער פאַרוואַלטונג: אינזש. י. גליקסמאַן, ב. יאָפּע, מ. קרישעק, ז. לעווין, י. מאָשקאָוויטש און ד'ר מ. ראזענטאַל. קאַנדידאַטען: ג. פישמאַן, ד. גלאָווינסקי, ח. האַלפּערן, ה. רינגאַרט, ח. סעליך און ז. שאָכעט.

# האַרפּע

## מוזיקאַליש-דראַמאַטישע געזעלשאַפט

דורך דער איניציאַטיוו פון חיים׳ל פּראָפעסאָר, (חיים זילבערמינץ, אַ וועבער) איז אין לאָקאַל פון „טעקסטיל-פאַראיין", (ציגעל גאַס 52) פאָרגעקומען די ערשטע באַראַטונג וועגען גרינדען אַ יודישען אַרבעטער-כאָר אין אונזער שטאָט. ס׳האָבען דעמאָלט אָנטייל גענומען אין דער באַראַטונג: דאָס קליינע גרשונעלע, (גרשון ראָזענבערג) אייזיק אָרזשעגאָווסקי, יאַנקעל ליס א. אַנד.

די ערשטע פּראָבען פלעגען פאָרקומען אין פּריוואַט-שטובען און אין „האַנדעל-אָנגעשטעלטען-פאַראיין", (פּאַסאַזש שולץ 2).

1908 איז די „האַרפּע" לעגאַליזירט געוואָרען דורכ׳ן פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר, אַלס אַ מוזיקאַליש-דראַמאַטישע געזעלשאַפט.

דעם 21 מערץ 1908 איז אין לאָקאַל פון „קאָמי-פאַראיין", (דלוגע 45) פאָרגעקומען די גרינדונג-פאַרזאַמלונג פון דער „האַרפּע" — באַ אַ גרויסער צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אַנ׳ערך פון 350 מענטשען, — אונטער׳ן פאָרזיץ פון שמאי ווייסבלום, (קרומקאָפּ).

די ערשטע פאַרוואַלטונג פון „האַרפּע" איז באַשטאַנען: ד׳ר לעווי—פאָרזיצער, פּרוי פרומקין—וויצע, יחיאל זילבערבערג (יחיאל רבי)—סעקרעטאַר, אלחנן האַלפּערן—קאַסירער, חיים זילבערמינץ, משה קאַץ, ראָזאַ לעוויט (פרידע).

דער ערשטער עפענטלעכער אַרויסטריט פון „האַרפּע" אין אונזער שטאָט, איז פאָרגעקומען אין מאַי 1908 אין אַמאָליגען היגען „גרויסען טעאַטער", מיט אַנ׳איינענעם כאָר און אָרקעסטער פון 120 מענטשען, אונטער דער לייטונג פון ל. זעלמאַן. אויף דעם אָווענט איז דורך דער דראַמאַטישער סעקציע אויפגעפירט געוואָרען „מיט׳ן שטראָם" פון ש. אַש. רעזשי זאָרין. (ה. יעדוואַבּ ערשטער אויפטריט אויף דער בינע). דערנאָך האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט י. ל. פּרץ. עס האָט באַגריסט ה. ד. נאָמבערג און ב. וולאַדעק האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט. צום סוף איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער באַנקעט.

סוף זומער פון דעם יאָר איז דורך דער „האַרפּע" צום ערשטען מאָל אויפגעפירט געוואָרען אין גרויסען טעאַטער: „גאָט פון נקמה" פון שלום אַש, אונטער דער רעזשי פון מ. ח. טיטעלמאַן, (מיט ה. יעדוואַבּ אַלס יאַנקעל שאַפּשאָוויטש, און שושנה אַלס מאַנקע — איר ערשטער אויפטריט אויף דער בינע) נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ש. אַש פאָרגעלייענט זיינע אייגענע ווערק.

צום אָנקומען פון מענדעלע מו״ס אין אונזער שטאָט און אין די פייערונגען, וואָס עס זענען דאָ צוגעגרייט געוואָרען לכבוד דעם גרויסען גאַסט, האָט דעמאָלט די „האַרפּע" גענומען אַ באַטייטענדיגען אָנטייל. עס איז געשאַפען געוואָרען אַ קבלת-פּנים קאָמיטעט אין וועלכען ס׳זענען אריין מצד דער געז. „האַרפּע": ד׳ר יצחק תאומים, חיים׳ל פּראָפעסאָר, יאַנקעל ליס, רעד. ישעי׳ אוגער („לאָדזער טאַגעבלאַט") לאַזאַר קאַהאַן און זעלמאַנאָוויטש (דראַמאַטישע קונסט).

אין דער פייערלעכער אַקאַדעמיע וואָס עס איז איינגעאָרדענט געוואָרען לכבוד מענדעלע מו״ס, אין „גרויסען טעאַטער, (1909) איז אויפגעטרעטען דער כאָר פון „האַרפּע" מיט אַ ספּעציעלען הימן (מוזיק פון מתתי׳ בענסמאַן, ווערטער פון אַדוו. משה אַנדרעס) אונטער דער לייטונג פון קאָמפּאָזיטאָר מ. בענסמאַן. ס׳זענען פאָרגעקומען אַ ריי באַגריסונגען פון דעלעגאַטען פון פאַרשידענע היגע פּראָפעסיאָנעלע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. דערנאָך האָט דער גרויסער יודישער שרייבער מענדעלע מו״ס געלייענט אַ פראַגמענט פון זיינס אַ ווערק. און די „דראַמאַטישע קונסט" האָט געשפּילט איין אַקט פון „פּריזיוו", (אונטער דער רעזשי פון מאַרק ארנשטיין). צולעצט זענען פאָרגעשטעלט געוואָרען לעבעדיגע טיפּען און געשטאַלטען פון מענדעלעס ווערק. אַלס געסט האָבען באַגעוואָינט דעם אָווענט יעקב דינעזאָן, דוד פרישמאַן און מאַרק אַרנשטיין. נאָך דער אַקאַדעמיע איז פאָרגעקומען אַ גרויסער באַנקעט אין ענגלישען זאַל (פּאַסאַזש שולץ 2) מיט דער באַטייליגונג פון אַ גרויסען עולם.

דאָס צווייטע לאָקאַל פון דער „האַרפּע" איז געווען אויף קאָנסטאַנטינער 16, איבער׳ן גרויסען טעאַטער.

די „האַרפּע" האָט פאַרנומען זיך מיט קולטורעלער טעטיגקייט, אויסגעהאַלטען אַ כאָר, אַ דראַמאַטישע סעקציע, איינגעאָרדענט ליטעראַרישע פאָרלעזונגען פון די יודישע שרייבער: י. ל. פּרץ, ש. אַש, ז. שניאור, ה. ד. נאָמבערג, אַ. רייזין, ז. י. אנכי א. אַנד. ווי אויך אויף פּאָליטישע טעמעס פון די פּרעלעגענטען: וולאַדעק, באָריס פרומקין, אַבראַמאָוויטש-ריין, ליטוואַק א. אַנד.

בעת שלום עליכם איז קראַנק געוואָרען אין באַראַנאָוויטש, (1910) איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ גרויסער שלום-עליכם אָווענט אין היגען „גרויסען טעאַטער", דורך די געז. „הזמיר", „האַרפּע" און דער „דראַמאַטישער קונסט", וועלכער איז אַראָב מיט דעם גרעסטען דערפאָלג.

אין 1910 האָט די רוסישע זשאַנדאַרמעריע אַרעסטירט די גאַנצע פאַרוואַלטונג פון „האַרפּע" און אויך 80 מיטגלידער. דער לאָקאַל אויף ווידזעווער 10 איז פאַרחתמ׳ט געוואָרען.

נאָך אַ יאָר צייט איז די „האַרפּע" צוריק דערעפענט געוואָרען אין אַ ניי לאָקאַל אויף ציגעל גאַס 60, און אָנגעהויבען איר טעטיגקייט.

צום 60-יאָריגען יובל פון גרויסען דיכטער י. ל. פּרץ, האָט די „האַרפּע" מיט דער „דראַמאַטישער קונסט" אַדורכגעפירט אַ גרויסע פייערלעכקייט אין אונזער שטאָט. אויף דער פייערלעכער אַקאַדעמיע, וואָס איז דעמאָלט איינגעאָרדענט געוואָרען לכבוד דעם גרויסען יובילאַר אין אַמאָליגען היגען „גרויסען טעאַטער", איז דער כאָר פון „האַרפּע" אַרויסגעטרעטען מיט אַ ספּעציעלען הימן, (ווערטער פון נח לוריע. מוזיק פון ל. זעלמאַן). דערנאָך האָט די „דראַמאַטישע קונסט" אויפגעפירט די קאָמעדיע: „אַמאָל איז געווען אַ מלך" פון י. ל. פּרץ, און ס׳זענען פאָרגעקומען באַגריסונגען פון דעלעגאַטען פון פאַרשידענע היגע קולטורעלע און פּראָפעסיאָנעלע אינסטיטוציעס. און דער גרויסער יובילאַר האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט: „ווי אַזוי בין איך געקומען צו יודיש". צום שלוס איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער באַנקעט אין אַמאָליגען היגען „בריסטאָל", מיט׳ן אָנטייל פון אַ גרויסען עולם און אַ סך חשוב׳ע מענטשען.

די „האַרפע“ האָט ווייטער געפירט איר סיסטעמאַטישע אַרבעט. די פאַרוואַלטונג האָט אויך דעמאָלט באַמיט זיך צו דערעפענען אַ ביבליאָטעק, אָבער די לעגאַליזאַציע איז אָבגעזאָגט געוואָרען. בכלל האָט די אַמאָליגע רוסישע פּאָליציי אָפט שיקאַנירט די „האַרפע“. דורכדעם און צוליב מאַטעריעלע סבות איז די „האַרפע“ אויף אַ יאָר צייט געשלאָסען געוואָרען.

אין 1912 ווערט צונויפגערופען אַ גרינדונג-פאַרזאַמלונג אין „האַנטווערקער-קלוב“, (וואָלטשאַנסקע 21) אויף וועלכער ס'ווערט געשאַפען אַן׳איניציאַטיוו-קאָמיסיע, כדי צוריק אויפצולעבען די „האַרפע“, אָבער ס'האָט זיך זיי נישט איינגעגעבען. ווייל, די פּאָליציי האָט נישט דערלאָזט דערצו. דעריבער האָט די „האַרפע“ נישט עקזיסטירט ביז׳ן אויסברוך פון קריג.

בעת לאָדזש ווערט אָקופּירט דורך דער דייטשע אַרמיי, צוליב די שווערע באַדינגונגען פון דער מלחמה-צייט, ווערט דורך דער „האַרפע“ אין איר נייעם לאָקאַל אויף קאַמיענע 22, דערעפענט די ערשטע ביליגע טיי-האַלע און קוך פאַר אַרבעטער, וועלכע האָט עקזיסטירט אַ לענגערע צייט און געהאָלפען דעם אָרעמסטען טייל מענטשען.

אין יענער צייט עפענט די „האַרפע“ אַ לייען-זאַל אויפ׳ן נאָמען פון יונג-פאַרשטאָרבענעם בונדישען טוער בראָניסלאַוו גראָסער. אין 1916 גייט איבער צו דער „האַרפע“ די יודישע ביבליאָטעק פון „ט. ק. אָ.“, די ביבליאָטעק א. ג. פון בראָניסלאַוו גראָסער איז דערנאָך געוואָרען איינע פון די היגע גרויסע יודישע ביבליאָטעקען. איצט געפינט זיך די ביבליאָטעק בײַ דער היגער געזעלשאַפט „קולטור-ליגע“.

אין אָקטאָבער 1915 מאַכט די דייטשע פּאָליציי אַן׳איבערפאַל אויפ׳ן לאָקאַל פון דער „האַרפע“, און אַרעסטירט כמעט די גאַנצע פאַרוואַלטונג, (א. ל. זעלמאַנאָוויטש, י. אַלבאָוו, ניעמצאָוו, א. זינגערמאַן, מ. ווינער, ישעי׳ זאַק א. א.) מ'האַלט זיי אַב עטלעכע חדשים אין טורמע.

די „האַרפע“ ווערט צוריק אויפגעלעבט. דער כאַר באַנייט זיין טעטיגקייט. ס'ווערען איינגעאָרדענט פאַרוויילונג-אָווענטען, פאָרלעזונגען, אַ מיטינג וועגען דער יודישער פאָלק-שול — און די דייטשען וויסענדיג, אַז די „האַרפע“ איז אַן׳עקספּאָזיטור פון נישטלעגאַלען „בונד“, שטערען איר טעטיגקייט מיט אַלע מעגלעכע פּאָליציייאישע מיטלען.

די „האַרפע“ האָט אין די שפּעטעריגע יאָרען געהאַט אויסצושטייען פון רעוויזיעס אין איר לאָקאַל אויף פּאָלודניאָווע 20. בעת דער רעוויזיע אין „האַרפע“ דעם 16 יוני 1920, איז אַרעסטירט געוואָרען דער סעקרעטאַר ש. חפץ, וועלכער ווערט אינטערנירט אין דעמאָלטיגען קאָנצענטראַציע-לאַגער אין דאָמביע, וואו ער שטאַרבט דעם 20 דעצעמבער 1920. אין יולי 1920 קומען פאָר רעוויזיעס בײַ אַלע פאַרוואַלטונג-מיטגלידער פון „האַרפע“, און אַ טייל פון זיי ווערען אויך אַרויסגעשיקט אין דאָמביע.

אין אָנהויב 1921 איז די „האַרפע“, וואָס האָט דעמאָלט געציילט 1362 מיטגלידער, אַנטגילטיג ליקווידירט געוואָרען דורך דעם דעמאָלטיגען רעגירונג-קאָמיסאַר איזשיצקי.

# ביבליאָטעק א. נ. ב. באָראָכאָוו

אין 1914 איז דורך אַ גרופּע לינקע פּועלי-ציון חברים געשאַפען געוואָרען די ביבליאָטעק א. נ. ב. באָראָכאָוו. די ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ קליינע צאָל ביכער אין 4 שפּראַכען: יודיש, פּויליש, רוסיש און דייטש. די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אין לאָקאַל פון דער „אַרבעטער-היים“ (אָלגינסקע 14). שפּעטער איז די ביבליאָטעק זיך צוואַקסען. מיטאַמאָל איז אָנגעקומען אַ שטערונג, און די ביבליאָטעק ווערט צוזאַמען מיט דער „אַרבעטער-היים“ עקסמיטירט און מוז איבעררייסען אויף אַ פּאָר חדשים איר טעטיגקייט. עס ווערט געדונגען אַ פרישע לאָקאַל אויף זאַכאָדניע 63. מחמת דעמאָלט ווערען ווייניג באַנוצט די רוסישע און דייטשע ביכער ווערען זיי ליקווידירט און ס'ווערט מער אַכט געלייגט אויף דער יודישער און פּוילישער אָבטיילונג. די ביבליאָטעק אַנטוויקעלט זיך כסדר. עס קומען צו אַ סך לייענער און דער ביכער-באַשטאַנד פאַרגרעסערט זיך. דער לאָקאַל אויף זאַכאָדניע 63 איז שוין צו קליין און עס ווערט געדונגען דער לאָקאַל אויף אל. קאָשטשושקי 9. וואו עס איז פאַראַן אַ לייען-זאַל פון צייט-שריפטען, אַ ספּעציעלע שטוב אויף א ביכער-לאַגער און א קאַנצעלאַריע פאַר אינערלעכער אַרבעט.

די ביבליאָטעק פאַרמאָגט איצט העכער 11 טויזענט בענדער, אין דער פּוילישער און יודישער שפּראַך. דערפון 55 פּראָצ. יודישע און 45 פּראָצ. פּוילישע ביכער.

די גרעסטע אָבטיילונג איז בעלעטריסטיק 60 פּראָצענט, ווייטער גייט די וויסענשאַפטלעכע אָבטיילונג, און אַן׳אָבטיילונג פון סאָציאַלער וויסענשאַפט. 1933 איז בעגרינדעט געוואָרען א ספּעציעלע קינדער-אָבטיילונג, וועלכע ווערט באַנוצט פון אַ גרויסער צאָל שילער און יוגענט.

די ביבליאָטעק האָט העכער 1500 לייענער, דערפון 61 פּראָצ. אַרבעטער, 17 פּראָצ. אָנגעשטעלטע, 15 פּראָצ. שילער, 5 פּראָצ. פרייע פּראָפעסיעס, און 2 פּראָצ. סתם-מענטשען. דער חודש-אָבצאָל איז אַ מינימאַלער און עס זענען פאַראַן ספּעציעלע הנחות פאַר מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען, שילער און אַרבעטלאָזע.

די ביבליאָטעק האָט באַקומען פון אַמעריקאַנער קאָמיטעט (1919) און פון לאָדזשער מאַגיסטראַט (1923) געשאָנקען גרעסערע טראַנספּאָרטען ביכער.

די ביבליאָטעק-קאָמיסיע אָרדענט איין פון צייט צו צייט פאָרלעזונגען אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס, אויספלוגען פאַר לייענער ווי אויך ביליגע פאָרשטעלונגען, כדי צו דערמעגלעכען דעם ברייטען לייענער-עולם צו באַקענען דאָס טעאַטער.

אין 1929 יאָר האָט די ביבליאָטעק א. נ. ב. באָראָכאָוו אָנטייל גענומען אין אַרבעטער קולטור-קאָנגרעס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, וואו זי איז געווען פאַרטרעטען מיט אַ ריי ציפערען, טאַבעלען און דיאַגראַמען פון דער אייגענער ביבליאָטעק.

# ביבליאָטעק א. נ. ב. גראָסער

די פאַרוואַלטונג פון דער אַמאָליגער „געז. צו פאַרשפּרייטען בילדונג ט.ק.אָ.", וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרען פון אַ גרופּע אַסימילירטע יודישע אינטעליגענטען, האָט אונטער'ן דרוק פון אירע גרויסע יודישע לייענער-מאַסען איינגעשטעלט אין געוויסע לייען-פּונקטען „זשאַרגאָנאָווע" אָבטיילונגען מיט אַ שיינער צאָל יודישע ביכער.

אין די ערשטע יאָרען פון דער וועלט-מלחמה, בעת די צאַרישע מאַכט האָט פאַרלאָזען אונזער שטאָט, דעמאָלט האָט די פאַרוואַלטונג פון ט.ק.אָ. באַשלאָסען צו ליקווידירען אירע „זשאַרגאָנאָווע" אָבטיילונגען און איבערגעבען זיי דער בונדישער קולטור-געזעלשאַפט „האַרפע" אין לאָדזש.

איבערנעמענדיג דעם ביכער-אוצר, קנאַפּע 2500 עקז. דערפון אַ סך אָבגענוצטע ביכער, האָט די פאַרוואַלטונג פון „האַרפע" געשאַפען אַ ספּעציעלער ביבליאָטעק און לייען-זאַל קאָמיסיע, וועלכע איז ענערגיש צוגעטרעטען די ביכער אין אָרדענונג צו ברענגען.

אין 1915 איז געעפענט געוואָרען די ביבליאָטעק א. נ. פון יונג-פאַרשטאָרבענעם אַרבעטער-קעמפער בר. גראָסער, וועלכע איז דערנאָך געוואָרען איינע פון די היגע גרויסע יוד. אַרבעטער-ביבליאָטעקען. זייט דעמאָלט האָט די גראָסער-ביבליאָטעק אין לאָדזש אַדורכגעמאַכט דעם שווערען דערנער-וועג פון אַ יודישער אַרבעטער קולטור-אינסטיטוציע.

אָבער נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען אַנטוויקעלט זיך די גראָסער-ביבליאָטעק כסדר, און דער ביכער-אוצר ווערט וואָס אַמאָל רייכער.

די פאַרוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק אָרדענט איין ליטעראַרישע שמועסען, רעפעראַטען אויף אַקטועלע טעמעס פאַר די לייענער פון דער ביבליאָטעק.

כדי צו פאַרברייטערען דעם לייענער-קרייז איז איינגעשטעלט געוואָרען אַנ'אָבטיילונג אין פּויליש.

די ערשטע פּוילישע ביכער האָט די גראָסער-ביבליאָטעק באַקומען אין דער פאָרם פון אַ מאַגיסטראַט-סובסידיע, וועלכע איז דערגרייכט געוואָרען דורך די ענערגישע באַמיהונגען פון די בונדישע ראַטמענער אין לאָדזשער שטאָט-ראַט.

היינט געפינט זיך די גראָסער-ביבליאָטעק אין אַ שיינעם לאָקאַל, זי פאַרמאָגט 8000 יודישע ביכער, 3000 פּוילישע ביכער, און האָט 1200 לייענער—89 פּראָצ. פון די לייענער זענען אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

# יודיש טעאַטער אין לאָדזש

## פון שמואל לודנער

יודיש טעאַטער האָט געשפּילט אין לאָדזש נאָך אין די אַכציגער יאָרען. ס'זענען אַהערגעקומען פאַרשידענע צוגערייזטע טרופּעס, וועלכע האָבען דאָ געשפּילט אַ קורצע צייט און דערנאָך אַוועקגעפאָרען אין אַנדערע מקומות. דאָס איז געשעהען צוליב פאַרשידענע טעמים. ערשטענס איז דעמאָלט נישט דאָ געווען קיין פּאַסיג לאָקאַל פאַר יודיש טעאַטער. מען האָט געמוזט אָנקומען צו געוויסע בעלי-הבתים פון די זעלער, וועלכע האָבען צו יענער צייט נישט גערן פאַרדונגען פאַר יודיש טעאַטער, ווייל זיי האָבען אויף דעם געקוקט מיט ביטול. צווייטענס האָט די דעמאָלטיגע רוסישע מאַכט געמאַכט כלערליי שוועריגקייטען צו שפּילען יודיש טעאַטער. מיט מי און מאַטערניש האָבען די דעמאָלטיגע טרופּעס קוים אויסגעפּועלט בּאַ דער רוסישער מאַכט אַ דערלויבעניש אויף איניגע וואָכען צו שפּילען „יודיש-דייטש טעאַטער", דערנאָך האָבען זיי געמוזט די שטאָט פאַרלאָזען און זוכען זיך אַן-אַנדער מקום. אַזויערנאָך האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגען אַ סטאַביל טעאַטער אין לאָדזש.

אין די ניינציגער יאָרען איז געקומען אין לאָדזש אַ טרופּע אין „צירק", אויפ'ן „גרינעם מאַרק". די טרופּע „די בראָדער" האָבען געשפּילט מייסטענס גאָלדפאַדענס היסטאָרישען רעפּערטואַר. די הויפּט-פּיעסען זענען דעמאָלט געווען: „בר-כוכבא", „שולמית", „קוני לעמעל" און „באָבע יאַכנע". די טרופּע האָט געמאַכט גלענצענדע געשעפטען. נאָר זיי האָבען געמוזט איבעררייסען דאָס שפּילען און אַוועק פון לאָדזש, ווייל די מאַכט האָט זיי באין אופן ווייטער נישט געוואָלט געבען קיין דערלויבעניש.

יודיש טעאַטער האָט אַמאָל געשפּילט אין „אַרקאַדיע", בּאַ זעלינען, (קאָנסטאַנטינער גאַס 16, אין פראָנט) אויך אָבער נישט לאַנג, ווייל, דערנאָך איז דער זאַל פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ חתונה-זאַל.

אַ יודישע טרופּע האָט געשפּילט אין גערטענדעל, אויפ'ן הויף קאָנסטאַנטינער 16, אונטער דער דירעקציע פון אברהם יצחק קאַמינסקי און הערמאַן בערמאַן. געשפּילט האָט מען שוין אַ ביסעל אַ מאָדערנעם רעפּערטואַר: „אוריאל אַקאָסטא" פון גוצקאָוו, „דאָראַ, דער מיליאָנער אַלס בעטלער" פון שליפּערשטיין, „זשידאָווקאַ" פון לערנער. נאָך אַ קורצער צייט האָבען זיך ביידע שותפים צוקריגט און ס'זענען געוואָרען צוויי דירעקציעס. הערמאַן בערמאַן איז איבערגעגאַנגען אין לאָקאַל פון „ווינער זאַל", ווסכאָדניע 18 (היינט פּילסודסקי). און אונטער זיין דירעקציע מיט זיין פרוי מרים טרילינג בראש געשפּילט טעאַטער. דער רעפּערטואַר איז באַשטאַנען: „עקידת יצחק", „שעפּסל חכם", „שלמה המלכ'ס משפּט". געמאַכט האָט ער קאָלאָסאַלע געשעפטען. נאָר ער האָט אויך געמוזט איבעררייסען דאָס שפּילען, ווייל, מען האָט אים מער נישט דערלויבט ווייטער דאָ צו פאַרבלייבען.

אַ שטיקעל צייט איז לאָדזש געבליבען אָן אַ יודיש טעאַטער. אָבער אַפּאָר חדשים שפּעטער האָבען ווידער דאָ אָנגעהויבען צו שפּילען צוויי יודישע טרופּעס. איינע אין זומער-טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון אברהם יצחק קאַמינסקי, די צווייטע טרופּע אין פּאַרק „העלענעהאָף", אין צוגעמאַכטען טעאַטער, אונטער דער דירעקציע פון ווייספעלד. ביידע טרופּעס האָבען צווישען זיך קאָנקורירט. די הויפּט-פּיעסע איז דעמאָלט געווען „דוד אין דער וויסטע" פון הערש עפּעלבערג" און „די אייזערנע פרוי". ביידע טעאַטערען האָבען אַפּישירט די זעלבע פּיעסען און דער עולם האָט נישט געוויסט וואוהין צו גייען. נאָר מען איז בעסער געגאַנגען אין טעאַטער. (קאָנסטאַנטינער 16

ווייל ס'איז אין דער שטאָט. דער סוף איז געווען אַז דירעקטאָר ווייספעלד האָט געמוזט רעזיגנירען פון זיין טעאַטער אין „העלענעהאָף", און ס'איז געבליבען איינער אַליין דער דירעקטאָר אברהם יצחק קאַמינסקי. האָט עס אָבער דעם דירעקטאָר ווייספעלד פאַרדראָסען, און ס'האָבען אָנגעהויבען זיך מסירות. ביז דער סוף איז געווען, אַז מען האָט קאַמינסקין אויך פאַרווערט צו שפּילען יודיש טעאַטער און ער האָט געמוזט פאַרלאָזען לאָדזש. דעמאָלט איז בכלל פאַרווערט געווען צו שפּילען אַפּאָר יאָר יודיש טעאַטער אין לאָדזש.

נאָך אַן איבעררייס פון 4 יאָר האָט זיך באַוויזען אַן אַפּיש אין גאַס, וואו עס ווערט געמאָלדען וועגען פיר געציילטע יודישע פאָרשטעלונגען אין טעאַטער „וויקטאָריע", פּיעטריקאָווער 67, (היינט „קאַסינאָ"). קיין דירעקציע איז נישט געווען אויפ'ן אַפּיש אָנגעוויזען. די טרופּע, ווי איך האָב מיך אינפאָרמירט, איז באַשטאַנען פון אייניגע פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרען און פון דילעטאַנטען. ווער עס האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אויף די פאָרשטעלונגען איז נאָך געבליבען ביז היינט אַ סוד. אַנאָנסירט איז געווען: די ערשטע פאָרשטעלונג „שולמית"—שבת, „מישקע-מאָשקע" — זונטיג, „דאָראַ, מיליאָנער אַלס בעטלער" — מאָנטיג, צום צווייטען מאָל „שולמית" — דינסטיג. די בילעטען זענען אויספאַרקויפט געוואָרען מיט דריי טעג פריער. אין זאַל האָבען מענטשען געהאָנגען ממש אין דער לופטען. די פאָרשטעלונג האָט אָנגעהויבען 11 אַ זייגער באַנאַכט. אָבער מער ווי דער העלפט פון עולם זענען אַנטוישט געוואָרען, צוליב דער שלעכטער אָרדענונג וואָס האָט געהערשט אין טעאַטער, און נאָך ערגערען שפּילען אויף דער בינע. דער סוף איז געווען אַז מער ווי צו דער איינער פאָרשטעלונג איז מען נישט געקומען זעהען. די טרופּע האָט געזאָלט שפּילען פיר פאָרשטעלונגען און זיי האָבען מער נישט געשפּילט ווי צוויי, און אויף דער צווייטער פאָרשטעלונג איז שוין קיינער נישט געקומען. די מאַכט האָט דערנאָך נישט דערלויבט דאָ אַ צייט צו שפּילען קיין יודיש טעאַטער.

דעמאָלט האָט דירעקטאָר הערמאַן בערמאַן זיך אַזאַ עצה געגעבען. ער האָט געגרינדעט אַ „יודיש־דייטשען קוואַרטעט" מיט זיין פרוי מאַניע בערמאַן און זיינע 2 זיהן בראש און יעדען פרייטיג צונאַכט האָבען זיי געשפּילט יודישע איינאַקטערס—אין וואַריעטע-טעאַטער „אַפּאָלאָ", באַם דירעקטאָר קראָנען—נאָך די וואַריעטע-נומערען.

1902 האָט באַוויזען זיך אין גאַס אַן אַפּיש אויף רוסיש און פּויליש—יודיש האָט מען צו יענער צייט נישט געטאָרט דרוקען, אַז עס איז אָנגעקומען אין לאָדזש אַ יודיש-דייטשע טרופּע אונטער דער דירעקציע פון יעקב וואַסילעוויטש ספּיוואַקאָווסקי און אונטער דער רעזשי פון אברהם פישזאָן. געקומען זענען זיי אויף אַ גאַנצען סעזאָן. אַזוי איז געווען אָנגעזאָגט אויף די אַפּישען. האָט מען זיך געחידושט ווי קומט עס, וואָס אַ יודישע טרופּע זאָל מעלדען, אַז זיי שפּילען אַ גאַנצען סעזאָן. זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען: מען האָט געשמועסט אַז ספּיוואַקאָווסקי איז געשמדט, דערפאַר האָט ער באַקומען די דערלויבעניש צו שפּילען. די טרופּע האָט אָנגעהויבען צו שפּילען אין ניי-אויפגעבויטען „גרויסען טעאַטער", אויף קאָנסטאַנטינער 16. די טרופּע איז באַשטאַנען פון די בעסטע כּוחות, וואָס דאָס יודישע טעאַטער האָט אין יענער צייט פאַרמאָגט. מיט אַ גרויסען כאָר פון מענער און דאַמען, מיט אַן אָרקעסטער פון 10 מאַן. אַ טרופּע וואָס האָט זיך נישט געהאַט צו שעמען פאַר די שענסטע טרופּעס פון די אייראָפּעאישע טעאַטערען. די אָרדענונג איז געווען אַ מוסטערהאַפטע. צום ערשטען מאָל זייט מען האָט אין לאָדזש געשפּילט יודיש טעאַטער, האָט מען אָנגעהויבען צו שפּילען 8.30 פּינקטלעך. עס האָבען געמעגט זיין אין זאַל אַפילו צען מענטשען. דאָך איז די טרופּע די ערשטע צייט שוואַך באַזוכט געוואָרען. דערנאָך האָט דער עולם אָנגעהויבען מאַסענוויין צו שטראָמען אין דעם נייעם טעאַטער. די ערשטע פאָרשטעלונג איז געגאַנגען „שולמית". איבעראַשט איז דער עולם געוואָרען פון דער פּיעסע. מען האָט נאָך אין לאָדזש נישט געזעהען אַזאַ יודישע פאָרשטעלונג. די טרופּע איז באַשטאַנען פון פרויען: וויערא זאַסלאַווסקאַ, בראַגינסקאַ, קרויזע-מילער, אסתר נעראָסלאַווסקאַ, ספּעקטאָר. (פרוי זאַנדבערג) מענער: יעקב ספּיוואַקאָווסקי, אברהם פישזאָן, סעם אדלער, יעקב ליבערט, יצחק בליפעלד, יוליוס אַדלער, שלמה קרויזע, יצחק זאַנדבערג, ריבאַלסקי, אַרקאַ. מענער-כאָר: יאַפּטשיק, געליאַדע, זשעליאַזע, שאַפּירא, קאַלינסקי-שנאַבעל, טאָראָנטשיק (ברייטער אברהם). דאַמען-כאָר: עמיליע שטאַנג (שפּעטער פרוי אַדלער), סאָניאַ ליבערט, ברעסטער, פרוי כינעץ, קושטשינסקאַ. מיט דער צייט איז פון גאַנצען כאָר געוואָרען אַקטיאָרען און אַרטיסטקעס. דיריגענט כינעץ. סופליאָר גערשוני: געהילף-רעזשיסער סלוצקער. טעאַטער-שניידער שיקער. די הויפּט-פּיעסען זענען געווען: „אַלעקסאַנדער קרוינפּרינץ", „בעליזאַר, (אשה רעה)" „גבור חיל", „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאָ", „רבי יאָזעלמאַן", „לא תחמוד", „שלמה המלכ'ס משפּט", „אבן עזרא", „בת שבע". די פאָרשטעלונגען זענען אַדורך דעם גאַנצען סעזאָן מיט דעם גרעסטען מאָראַלישען און מאַטעריעלען דערפאָלג. מישאַ פישזאָן — דער זיהן פון אברהם פישזאָן — האָט זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט די טעאַטער־פּאַרוקען. אין 1903 האָט ספּיוואַקאָווסקי צוקריגט זיך מיט פישזאָנען און ספּיוואַקאָווסקי האָט רעזיגנירט פון לאָדזש. דעם צווייטען סעזאָן האָט די זעלבע טרופּע אָנגעהויבען אונטער דער דירעקציע פון אברהם פישזאָן, און אונטער דער רעזשי פון סעם אַדלער פון אַמעריקע. סעם אדלער איז דעמאָלט געקומען נישט לאַנג צופאָרען מיט אַן אַמעריקאַנער נייעם רעפּערטואַר. די טרופּע איז באַשטאַנען פון די זעלבע כּוחות, נאָר מיט די צוגעקומענע פרישע קרעפטען, ווי יעקב גוזיק, אַבאַ קאָמפּאַניעץ, הערשעל ווייסמאַן, באַרסקאַ. סופליאָר הערמאַן פישער. די הויפּט-פּיעסען זענען געווען: „חורבן ירושלים", „דער איד-יאָט", „שלמה מילנער", „טאַשען-גנבים". (קאַרמאַני וואָרי) „רבי יאָזעלמאַן". די טרופּע האָט געהאַט דעם גרעסטען דערפאָלג. אין מיטען סעזאָן האָט אַבאַ קאָמפּאַניעץ צוגענומען עטלעכע מיטגלידער פון דער טרופּע און איז געוואָרען אַליין דירעקטאָר. ער איז אַוועקגעפאָרען אין קאַליש און אָנגעהויבען צו שפּילען יודיש טעאַטער אין גאָרטען באַ וויפּישטשיק. די טרופּע פון אברהם פישזאָן און סעם אַדלער האָט אויסגעהאַלטען דעם סעזאָן. דער סעזאָן האָט זיך געענדיגט. איז אַוועק אַ שטיקעל צייט און לאָדזש איז נעבליבען אָן יודיש טעאַטער.

אין 1904 האָט זיך ווידער באַוויזען אַן אַפּיש פון אַ נייער טרופּע אונטער דער דירעקציע פון יצחק זאַנדבערג, און געשעפטפירער איסר בעזמאַן. לכתחלה האָט דער עולם געהאַט ווייניג צוטרויען צו דער דירעקציע פון זאַנדבערג, נאָר אַז מען האָט געזעהען פון וואָס פאַר אַ כּוחות זיין טרופּע באַשטייט, האָט דער עולם אָנגעהויבען צו באַקומען צוטרויען צום נייעם יודישען טעאַטער, און דאָס טעאַטער האָט אָנגעהויבען צו מאַכען גלענצענדע געשעפטען. די טרופּע פון זאַנדבערג האָט געשפּילט אין לאָדזש אָן איבעררייס, פון 1904 ביז צום אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה. אויסער אין די הייסע זומער-חדשים האָט דאָס טעאַטער

צוליב דעם האָט דאָס טעאַטער „אַקוואַריום" נאָך עטלעכע וואָכן שפּילען נישט געקאָנט אויסהאַלטען די קאָנקורענץ און ס'האָט זיך געמוזט פאַרמאַכען. די טרופּע האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער פּראָווינץ. אַזוי־ערנאָך איז ווידער געבליבען די איינציגע טרופּע אין לאָדזש זאַנדבערג אין „גרויסען טעאַטער". פון צייט צו צייט האָבען אַמאַטאָרען אויפגעפירט פאַרשידענע פּיעסען אין „גרויסען טעאַטער".

ענדליך איז דער באַוויסטער געשעפט־פירער נתּוּם ליפּאָווסקי אין 1912 אַראָבגעקומען מיט אַ טרופּע נאָך לאָדזש, וועלכע האָט פריער געשפּילט אין רוסלאַנד, אונטער דער דירעקציע פון יוליוס אַדלער. ליפּאָווסקי האָט געוויסט, אַז יוליוס אַדלער איז אַ ליבלינג אין לאָדזש און ער קאָן געמען סבאָרען. ליפּאָווסקי האָט געדונגען דעם „צירק" (אויף שטאַרקס מאַרק) און אים איבערגעאַרבעט אויף צו קאָנען שפּילען טעאַטער. די טרופּע איז באַשטאַנען פון די כּוחות: יוליוס אַדלער, עמיליע אַדלער, נחום ליפּאָווסקי, אסתּר זשעליאַזאָ, מאַקס בולמאַן, ליכטענשטיין, נאַטאַנזאָן, ווייסהאָף, חאַראַז, זשיטקאָווסקי, ראָבינסקי, כּאַש, רודאָלף זאַסלאַווסקי, יעקב זאַנגער, י. ל. בוים־וואָל, פּראַניע זאַסלאַווסקאַ, משה זילבערקאַסטען. די ערשטע פּיעסע איז געווען דער „אַנטיסעמיט" פון בערנשטיין. ווייטער איז געגאַנגען אַ געמישטער רעפּערטואַר פון מאָדערנע אָפּערעטען און דראַמען. די הויפּט־פּיעסע איז געווען די נייע איבערזעצונג פון דייטש „ראָבערט און בערטראַם", וועלכע איז געגאַנגען עטלעכע וואָכן באַ אויספאַרקויפטע הייזער און „שיר השירים" איז געווען אַ שלאַגער־פּיעסע. אינצווישען איז געקומען אויף גאַסט־שפּילען דער באַקאַנטער לאָנדאָנער פּאַט־קאָמיק יאָזעף שערמאַן. ער האָט אויפגעפירט די לוסטיגע אָפּערעטע „דער לוסטיגער פויגעל" פון נאַגער. דאָס טעאַטער איז יעדען טאָג געווען אויספאַרקויפט. דער עולם האָט מאַסענווייז געשטראָמט אין דער געביידע פון צירק צו זעהען יוליוס אדלערס טרופּע. שפּעטער האָט אויפגעפירט יאָזעף שערמאַן די אָפּערעטע „די ווייבערישע מלוכה", און די פּיעסע איז ווידער אַוועק עטלעכע וואָכן באַ אויספאַרקויפטע הייזער. חוץ דעם האָט דער גוט־באַקאַנטער אַרטיסט רודאָלף זאַסלאַווסקי צו זיין בענעפיס אין דער „צירק־געביידע" אויפגעפירט אין יודיש שעקספּירס „האַמלעט". דערנאָך ווייטעריגע שלאַגער־פּיעסען: „ישיבה־בחור", „געבראָכענע הערצער" און שטענדיג איז געווען אויספאַרקויפט אין דעם „צירק".

דעם צווייטען סעזאָן האָט יוליוס אַדלער צוזאַמען מיט הערמאַן שעראַדזקי אָבגעדינגען דאָס דעמאָלטיגע וואַריעטע־טעאַטער „סקאַלאַ" אויף ציגעל גאַס 18, (היינט שרודמיעסקע 15). אין 1913 האָט אָנגעהויבען די נייע טרופּע צו שפּילען אונטער דער דירעקציע פון יוליוס אדלער און הערמאַן שעראדזקי. די טרופּע איז באַשטאַנען פון די כּוחות: יוליוס אדלער, עמיליע אַדלער, הערמאַן שעראַדזקי, זינא גאָלדשטיין, בלייכמאַן, פרוי בלייכמאַן, משה ליפּמאַן, מאַניע ליפּמאַן, פּאול ברייטמאַן, וויערא קאַניעווסקאַ, נתן דראַנאָוו, נאַדינא דראַנאָוו, יעקב זאַנגער, יערמאָלינא ווייסמאַן, אַניוטאַ ווינאָקור, יוליוס ראַקאָוו. דיריגענט ווינאָקור, געשעפט־פירער כיימאָוויטש. דער סעזאָן איז אָנגעהויבען געוואָרען מיט „שיר השירים". די הויפּט־פּיעסע איז געווען „ציגיינער־באַראָן", וועלכע איז געגאַנגען עטלעכע וואָכן באַ אויספאַרקויפטע הייזער. ווייטער זענען געשפּילט געוואָרען די פּיעסען: „האַמלעט", „די רויבער", „טרילבי", „קין", „דער מייסטער", „מאַריאַ סטואַרט", „די שאַנסאָנעטע", „פּעריקאָלאַ", „די אַמעריקאַנערן". איינמאָל באַ אַ פאַרקויפטער פאָרשטעלונג איז אָנגעקומען זשאַנדאַרמעריע און אַרעסטירט דעם דעמאָלטיגען געשעפט־פירער שמואל קופּערמאַן. ער איז אָבגעזעסען אַ מעת לעת אין אויספאָרשונג־אַמט און מ'האָט אים באַפרייט. די טרופּע האָט ווייטער געשפּילט און געמאַכט די גלענצענדסטע געשעפטען. אינצווישען איז צוגעקומען אין דער טרופּע די קופּלעטען־זינגערין פּעפּי ליטמאַן. אדלער האָט געשאַפען ספּעציעל פאַר איר פּיעסען: „איציקעל וויל חתונה האָבען", „מומע גנענדעל", „דער פריילעכער בחור". יעדע נאַכט איז געווען כּמעט אויספאַרקויפט. ס'איז אויך צוגעקומען אין דער טרופּע: הערמאַן בערמאַן, מאַקס ברין, שקלאַרוש. די טרופּע האָט געשפּילט ביז מאַי 1914. יוני איז די גאַנצע טרופּע אַוועק אויף גאַסט־שפּילען אין וואַרשע. דערווייל האָט אויסגעבראָכען די מלחמה. דאָס טעאַטער „סקאַלא" איז געבליבען ליידיג. יצחק זאַנדבערג איז אויך געווען אין וואַרשע און האָט נישט געקאָנט צוריקקומען. דערצו איז דאָס „גרויסע טעאַטער" רעקווירירט געוואָרען פאַר אַ מיליטער־שפּיטאָל. לאָדזש איז געבליבען אַ שטיקעל צייט אָן אַ יודיש טעאַטער.

עטלעכע אַקטיאָרען פון גרויסען טעאַטער האָבען דעמאָלט אָנגעהויבען שפּילען יודיש טעאַטער אין „טעאַטער אוראַניאַ", ציגעל גאַס 34, (היינט קינאָ „טשאַרי"). די טרופּע איז באַשטאַנען: מיכאַלעסקאַ, מ. חאַראַז, הערשקאָוויטש שלמה, לאַשקאָווסקאַ רעגינע, לעדערמאַן ד, וויינבערג סאָניע, וויינבערג שמואל, פאָדערמאַן ח. די פאָרשטעלונגען האָבען אָנגעהויבען זיך 6 אַ זייגער פאַרנאַכט און געמוזט ענדיגען 8.30, ווייל לענגער ווי ביז 9 אַ זייגער האָט מען נישט געטאָרט גייען אין גאַס אָן אַ דערלויבעניש.

דערווייל איז צוריק געקומען פון וואַרשע יוליוס אַדלער און הערמאַן שעראַדזקי און אין 1915 אויפגעעפענט דאָס „סקאַלא טעאַטער". די דירעקציע האָט אַנגעהויבען צו שפּילען מיט אַ קליין פּערסאָנאַל. מיט די קרעפטען וועלכע האָבען זיך געפינען אין לאָדזש: הערש יעדוואַב, יוליוס ראַקאָוו, שבתי איצקאָוויטש, לאַשא איצקאָוויטש, שלמה הערשקאָוויטש, לייב נירענבערג, פּאַטראָני קופּערמאַן, לאָלא פאַטראָני, אייזענשטאַרק, גיטל זאַריצקאַ, שושנה. געשפּילט איז געוואָרען צו שפּאָט ביליגע פּרייזען. די הויפּט־פּיעסע איז געווען „לאָדזש אין קריג", פון צבי כּהנ'ס ראָמאַן, (געדרוקט אין לאָדזער טאַגעבלאַט) דראַמאַטיזירט דורך סעם לודנער. די טרופּע האָט געשפּילט ביז 1916—1917.

אין יאָר 1915, נאָכ'ן טויט פון דירעקטאָר יצחק זאַנדבערג, האָט אָנגעהויבען צו שפּילען אַ טרופּע אין „גרויסען טעאַטער", אונטער דער דירעקציע פון פרוי יוליע זאַנדבערג און משה דוד וואַקסמאַן. געשפּילט איז געוואָרען דער רעפּערטואַר: „גזרות פון פּאָרטוגאַל", „מאָנאַ וואַנאַ", „מענדעל בייליס", „בערעק יאָסעלעוויטש", „טאַמטען", (דער אַנדערער) „דער שמעלץ־טאָפּ", „דער הימלאָזער רעוואָלוציאָנער", „בערטשיק אין אַמעריקע", „די גלאָקען פון סיביר", „הינטער מויערן", „קאַפּיטאַן דרייפוס", „די היימאַט", „די שבועה באַ דער ספר תּורה", „ריגאָלעטאָ", „דער יודישער דאָן־קישאָט".

1917 האָט מ. ד. וואַקסמאַן און יוליע זאַנדבערג זיך פאַראייניגט מיט דער דירעקציע יוליוס אַדלער און הערמאַן שעראַדזקי, און אָנגעהויבען צו שפּילען אין „גרויסען טעאַטער". די הויפּט־פּיעסע איז געווען „די טשאַרדאַש־פירשטין" פון קאַלמאַן, וועלכע איז געגאַנגען עטלעכע חדשים באַ אויספאַרקויפטע הייזער.

אין „סקאַלאַ־טעאַטער" האָט אונטער דער דירעקציע פון שמואל קופּערמאַן געשפּילט מיניאַטור־טעאַטער מיט הערש יעדוואַב, סאַלאָמאָן קוסטין, שלמה קוטנער, און אידאַ ערוועסט בראש.

ביידע טרופּעס האָבען געמאַכט גוטע געשעפטען.

אין 1918 איז ווידער די דירעקציע אַדלער־שעראַדזקי

באַשטאַנען פון: סאָניע וויינבערג, בוימאַן רעגינע, טופּמאַן מרים, אַריעל דוד, בלאַט אַברהם, לודנער שמואל, דראַנאָוו מרדכי, טופּמאַן יהושע, צווייליך ישעיה. דיריגענט: דוד בייגעלמאַן. ער האָט געמאַכט אַ פּרווו צו פאַרבלייבן אַלס דירעקטאָר אין לאָדזש אָבער עס האָט אים נישט איינגעגעבן זיך און ער האָט געמוזט רעזיגנירען פון זיין פּלאַן.

אין דער צייט האָט איבערגענומען דוד צעלמייסטער ביידע לאָדזשער יודישע טעאַטערן, דעם „פילהאַרמאָניע“ זאַל און דאָס „קאַמעראַל טעאַטער“, אַל. 1 מאַי 2.

אין „קאַמעראַל טעאַטער“ האָט דערעפענט דעם ווינטער-סעזאָן מיט זיינע גאַסטשפּילען אייזיק סאַמבערג און געשפּילט מיט דעם אַנסאַמבעל: בערטאַ זאַסלאַווסקאַ, לוריע פרידע, אַמזעל געניע, זיסעלע גירל, י. שיגאַרין, דוד שערמאַן, א. וואָלפשטאַט, חיים בראָקאַרוש, י. טופּמאַן, פּ. האָניגבוים, אַריעל דוד און שמואל לודנער. דער טאַלענטפולער אַרטיסט א. סאַמבערג איז אויפגעטרעטען אין דעם רעפּערטואַר: „אַ פּראָקוראָר, אַ גנב“, „דער פאָלק-מענטש“, „גאָט פון נקמה“, „דער פאַרשאָלטענער“.

אונטער דער דירעקציע האָט שפּעטער אין „קאַמעראַל-טעאָטער“ געשפּילט די „ווילנער טרופּע“, דינה האַלפּערן און סעם בראָנעצקי, בערטאַ זאַסלאַווסקאַ מיט לעאָן געטליכערמאַן. די טרופּעס האָבען געשפּילט קורצע טערמינען.

אין „פילהאַרמאָניע“ ווייטער אונטער דער דירעקציע פון דוד צעלמייסטער און איסר בעזמאַן האָבען אין דער צייט געשפּילט פאַרשידענע גאַסטראָלערען, וועלכע זענען אויפגעטרעטען אין אַ ריי אָפּערעטען און מעלאָדראַמעס: מיכאָל קליין, דזשעק רעכטצייט און יוכבד זילבערג, געניע שליט, גאַסי און אייב קאַרפּ, רעגינע צוקער און קאַרל צימבאַליסט.

אין „פאָלק-טעאַטער“, (זגערזשער 17) האָט דעמאָלט געשפּילט אַ פאַראייניגטע טרופּע אונטער דער דירעקציע פון גאָלד-שטיין און ווינער און אויפגעפירט עטלעכע אַלטע פּיעסען.

אין 1932 י. ווערט נאָך אַ גרונטלעכן רעמאָנט דערעפענט דאָס „סקאַלאַ-טעאַטער“ דורך אַ יודישער טרופּע, (אָנפ. ב. אָס) וואָס איז באַשטאַנען פון די כחות: ש. לאַנדוי, ל. שריפּטזעצער, י. סטרוגאַטש, ח. בוזגאַן, ש. בלאַכער, נ. מעלניק, ק. סעגאַלאָוויטש, מאַלי פּיקוס, באַרסקא פישער, ר. שילער, ד. ראָזענבלום, און מיט דער אַמעריקאַנער גאַסטשפּילערן בערטאַ גערסטען אין דער שפּיץ. די טרופּע האָט געשפּילט עטלעכע חדשים און אויפגעפירט אַ ריי שטיק, דערונטער געגעבען אַ פּאָר אויפפירונגען אונטער דער רעזשי פון מאַרק אַרנשטיין. די ערשטע אויפפירונג איז געווען די מעלאָדראַמע: „איך וויל אַ קינד“, ווייטער „ראַספּוטין“, „די פרוי וועגן וועלכע מ׳רעדט“, „מירעלע אפרת“ און „מאַדאַם איקס“. צולעצט האָט די טרופּע אַליין, אָהן דער גאַסטשפּילערן, אויפגעפירט „די קייטען“ פון ה. לייוויק.

מיט דער טרופּע האָט אויך דערנאָך געשפּילט די אַמאָליגע דייטשע שפּילערן מאַגדאַ קאַרמען, וועלכע איז אויפגעטרעטען אין „לאָענגרין“.

אין „פילהאַרמאָניע“ שפּילט אין דעם יאָר מרים קאָראַלאָוואַ און קאַמבאַראָוו טעפּנער, וועלכע טרעטען אויף אין „מלכּה׳לע סאָלדאַט“, „בעקערס טעכטערל“, און אַנדערע אָפּערעטען מיט גרויס דערפאָלג. דערנאָך האָט געשפּילט דינה האַלפּערן און סעם בראָנעצקי, אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונט טורקאָוו, און נאָך זיי איז געקומען די „זיגלער-טרופּע“ מיט דעם צוזאַמענשטעל: סעווילאַ פּאַסטאָר, ר. זיגלער, מ. פּאַסטאָר, ע. זיגלער, ע. זילבער, נאַכבאַר און מ. האַלם, וועלכע זענען דאָ אויפגעטרעטען אין אַ ריי אָפּערעטען און מעלאָדראַמעס מיט זייער אַ גרויסען מאָראַלישען דערפאָלג. מיט דער טרופּע האָט אויך געשפּילט עטלעכע גאַסטשפּילען בעני אַדלער פון אַמעריקע. דערנאָך האָט גאַסטראָלירט מאָריס לאַמפּע און משה ליפּמאַן מיט אַ טרופּע.

סוף זומער-סעזאָן 1932 שפּילט אין היגען „פּוילישען טעאַטער“ די „ווילנער טרופּע“, (אָנפ. מ. מזאָה) און פירט אויף עטלעכע נייע שטיק: „פּרנסה“ פון ח. גאָטעספעלד, „אָרעמע מלוכה“ פון ה. לייוויק, און „1 מיליאָן צרות“ פון וו. קאַטאַיעוו.

אין „סקאַלאַ“ גאַסטראָלירט דעמאָלט מישאַ און לוסי גערמאַן אין די פּיעסען „מאַמע און שוויגער“, „מאַן, ווייב און געליבטע“, וועלכע ווערען געשפּילט וואָכענלאַנג בּאַ אויספאַרקויפטע הייזער. שפּעטער איז געקומען מיכאָל מיכאַלעסקאָ און אויפגעטרעטען אין זיין שלאַגער: „דער לעצטער טאַנץ“ און געהאַט אַ גרויסען דערפאָלג. אין דעם טעאַטער קומט דערנאָך דער באַרימטער יודישער אַרטיסט ד״ר פּאַול באַראַטאָוו, וועלכער איז אויפגעטרעטען אין „פּאָטער“ פון א. סטרינדבערג, „הינקעמאַן“ פון ע. טאָלער, „דוד גאָלדער“, „מאָשקעלע חזיר“, „דער פרעמדער“, מיט זייער אַ גרויסען אַרטיסטישען און מאַטעריעלען דערפאָלג. ווייטער שפּילט דאָס וואַרשעווער יודישע מיניאַטור-טעאַטער „די יודישע באַנדע“, מיט דעם צוזאַמענשטעל: ה. גראָסבערג, ר. גאַזעל, ל. פּאָלמאַן, ז. קאַץ, ד. לעדערמאַן, מ. אָפּענהיים, י. נאָזשיק. „די יודישע באַנדע“ האָט געגעבען עטלעכע פּראָגראַמען בּאַ אַ שטורמישען דערפאָלג. אין דעם טעאַטער האָט אָנגעהויבען צו שפּילען די „פּאַקט טרופּע“ מיט אברהם מאָרעווסקי, אַלעקס שטיין, זיגמונט טורקאָוו, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, געניע שליט בראש. רעפּערטואַר: „דער דאָרף-יונג“, „פאַרקויפטע נשמות“, „ד״ר לעווי“, „טאָג און נאַכט“, און „דער קריזיס“. צולעצט איז איבערגעגעבען געוואָרען דאָס „סקאַלאַ-טעאַטער“ פאַר׳ן פּוילישען „שטאָטישען טעאַטער“.

אין „קאַמעראַל-טעאַטער“ האָט אינצווישען געשפּילט די „ווילנער טרופּע“ (אָנפ. מ. מזאָה) מיט דעם צוזאַמענשטעל: מ. אָרלעסקאַ, ד. ראָזענבלום, ד. שאַפּיראָ, ח. בוזגאַן, י. מאַנסדאָרף, י. קורלענדער, פּאָטאַשינסקי און מעלניק. די טרופּע האָט אויפגעפירט דעם „בונט אין אויסבעסערונג-הויז“ און „מאַן, ווייב און רעוואָלוציע“, מיט אַ גרויסען דערפאָלג. דערנאָך איז אַהערגעקומען אין דעם טעאַטער יאָנאַס טורקאָוו מיט אַ טרופּע און חיים סאַנדלער מיט אַ טרופּע.

דעם סעזאָן 1932—33 האָט אין „פילהאַרמאָניע“ געשפּילט רעגינע צוקער מיט הערמאַן פעניגשטיין, וועלכע זענען אויפגעטרעטען אין די אָפּערעטען: „דער זיסער בחור“, „טאַטענס זוהנדעל“, „אַ האַרץ פון אַ גנב“, „געקויפטער חתן“, א. אַנד. דערנאָך איז דאָרט אויפגעטרעטען מיכאָל מיכאַלעסקאָ, און ס׳האָט אויך גאַסטראָלירט בן-ציון וויטלער אין אַ פּאָר מעלאָדראַמעס.

אין 1934, נאָך אַ גרונטלעכען רעמאָנט פון דער טעאַטער-געביידע אויף ציגעל-גאַס 27, נעמט איבער דירעקטאָר דוד צעלמייסטער דאָס איצטיגע „ראָזמאַיטאָשטשי“-טעאַטער, אַנגאַזשירט צוערשט אַ פּוילישער קאָמעדיע, וועלכע שפּילט בלויז דריי וואָכען, שפּעטער ברענגט ער אַראָב דעם „אַראַראַט“, וואָס שפּילט אַ קורצע צייט בּאַ זייער גוטע געשעפטען. דערנאָך שטעלט ער צוזאַמען אַ טרופּע. פון: רייזער אַניוטאַ, יאַקובאָוויטש לאָלאַ, ראָטמאַן מאָשקאַ, נאַטאַן נעמי, נאַטאַן איזאַ, רובינא דאָראַ, נאַטאַן שמחה, לעמבערגער גרשון, שאַדאָווסקי מרדכי, וויינבערג קאַראָל, פישער יעקב, ספּיוואַק דוד, צווייליך ישעיה, זעלמאַן לעאָן און מיט פּסחקע בורשטין אַלס גאַסטראָלער אין דער פּיעסע „אַ חתונה אין שטעטעל“, וועלכער איז אויך דאָ אויפגעטרעטען אין דעם „גאַסען-זינגער“ מיט אַ גרויסען דערפאָלג. ווייטער האָט געשפּילט אַלעקסאַנדער גראַנאַך אין דער פּיעסע „די געלע לאַטע“, וועלכע

איז געגאַנגען וואָכענלאַנג  באַ אויספאַרקויפטע הייזער. ס׳קומט מיכאָל מיכאַלעסקאָ און טרעט אויף אין די פּיעסען „דער לעצטער טאַנץ״, „דעם טאַטענס ניגון״, „ווילדע יוגענט״, „ווען איך בין רייך,״ „סינאָריטאַ״ מיט דעם אַנסאַמבעל: נאַטאַליאַ ליפּמאַן, עני ליטאָן, פאַניאַ רובינאַ, לובאָראַווסקאַ לאה, לובאָראַווסקאַ רוזשע, קוטנער שלמה, ליפמאַן משה, באָזשיק מאַקס, הילסבערג מרדכי, האַמבורגער דוד, הערשקאָוויטש שלמה, סטרוגאַטש יוסף, לעמבערגער גרשון, אַנאַ לעווין, רוזשע סאַנדלער, גוטמאַן קלמן, לודנער שמואל, צוויליך ישעיה, זעלמאַן לעאָן. שפּעטער קומט דער דייטש-יודישער אַקטיאָר קורט-קאַטש אויף גאַסטשפּילען און פירט אויף די פּיעסען „סערזשאַנט גרישאַ״, „דער ים-רייזענדער״, „מאַנדאַרין וואָ״. ס׳קומט אויף גאַסטשפּילען רעגינע צוקער מיט קאַרל צימבאַליסט, וועלכער פירט אויף די אָפּערעטען: „קאָמעדיאַנטקע״, „דעם טאַטענס זונדעל״, „איציקעל שאָלטיק״. „דאָס חזנדל״. צולעצט באַנייט דער דייטש-יודישער אַקטיאָר אַלעקסאַנדער גראַנאַך זיינע גאַסטשפּילען, הויבט אָן מיט דער „געלער לאַטע״, דערנאָך אַנאָנסירט ער די פּיעסע פון אַלתר קאציזנע „שלום שווארצבאַרט״, וועלכע די מאַכט דערלויבט נישט, אָבער נאָך עטלעכע אינטערווענצען ווערט די פּיעסע דערלויבט און ווערט געשפּילט אונטער׳ן טיטול: „וועלט-געוויסען״ באַ גוטע געשעפטען. ווייטעריגער רעפּערטואַר: „שיילאָק״, „גאָט פון נקמה״. רעגינע צוקער גייט איבער אין „פאָלק-טעאַטער״, זגערזשער 17. וואו זי שפּילט מיט אַנ׳אַנסאַמבעל: באַלבירסקי הערש, רייכענבערג נתן, פּאָליאַנסקי חיים, לעווקאָוויטש לייב, נייהויז וואָלף, בייגעלמאַן דוד, בלומשטיין שמשון, צימבאַליסט קאַרל, אַריעל הערש. בעזמאַן סאָניע, בעזמאַן רייקע, ראָזענצווייג רעגינע, ראָזענבערג לובע, פאָדערמאַן חנה. אין טעאַטער „פילהאַרמאָניע״ שפּילט דעמאָלט חיים סאַנדלער, חנה לעווין, יעקב פישער, יצחק קרעלמאַן. רובין, דזשעני שמולעוויטש, היימי לעווין. ראַזאַ ראַיסאַ, געשפּילט האָבען זיי „די ערלעכע גנבים״ מיט דערפאָלג.

# געז. פריינט פון העברעאישע אוניווערזיטעט אין ירושלים

די געז. האָט אָנגעהויבען איר אַרבעט אין אַפּריל 1925 מיט אַ גרויסער פּראָפּאַגאַנדע וואָך — „די וואָך פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים״. אין משך פון עטלעכע וואָכען האָבען זיך פאַרשריבען ביז 1000 פריינט פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט.

אַלס ערשטער פאָרזיצער פון דער געז. איז אויסגעוויילט געוואָרען דיר. מיכאָל בראַנדשטעטער. צו דער ערשטער פאַרוואַלטונג האָבען געהערט: דיר. אַלעקסאַנדראָוויטש, ד״ר ז. עלענבערג, ד״ר י. פרענקעל, דיר. ד. גראַף, לאַוניק א. יאָעל, ד״ר מ. וואָלפסאָן און מאַגיסטער ז. שטרויך.

אין די ערשטע יאָרען האָט די געז. באַוויזען צונויפזאַמלען 1600 ביכער, וועלכע זענען דורך דער פאַרמיטלונג פון דער וואַרשעווער צענטראַלע איבערגעשיקט געוואָרען אין דער ביבליאָטעק פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים. פון די ווערטפולע ביכער זענען ווערט דערמאָנט צו ווערען דער געשאַנק פון ק. מאָקרסקי 141 ביכער, (ביבעל-קריטיק, אָריענטאַליסטיק) און דער געשאַנק פון נ״ע ד״ר י. שמחוני 225 בענדער, (יודאַיסטיק, היסטאָריע, אָריענטאַליסטיק און ביבעל-קריטיק).

צוזאַמען מיט דער ביכער און געלט-אַקציע איז געפירט געוואָרען אַ ברייטע אינפאָרמאַציע-פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט ספּעציעל אין די ערשטע יאָרען פון דער עקזיסטענץ פון אוניווערזיטעט געהאַט אַ גרויסען באַטייט. צווישען אַנדערע איז אין ווינטער 1926 אויסגענוצט געוואָרען די דעמאָלטיגע פּאַלעסטינישע וואַנדער-אויסשטעלונג, אין וועלכער ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרען אַ ספּעציעלער קיאָסק, וועלכער האָט מיט זיין אויסזעהען פאָרגעשטעלט די געביידע פון העברעאישען אוניווערזיטעט און אין וועלכען קיאָסק ס׳איז אַריינגעשטעלט געוואָרען דער גאַנצער דעמאָלטיגער ליטעראַריש-וויסענשאַפטלעכער באַזיץ פון דער הויך-שול אין ירושלים. די אוניווערזיטעט-שריפטן, (קרית ספר) און די ידיעות פון יודאַיסטישען אינסטיטוט, א. אַנד.

די געז. ציילט 318 דעקלאַרירטע מיטגלידער.

די עקזעקוטיווע באַשטייט פון די ה״ה: ד״ר מיכאָל בראַנדשטעטער — פּרעזעס, מרדכי מרחיב און אַדוו. זיגמונט שטרויך — וויצע פּרעזעסן, דיר. א. פראַנקפורט — קאַסירער, מאַגיסטער מאַקס גייזלער — סעקרעטאַר. דיר. ד״ר ז. עלענבערג, אינזש.

פאַרוואַלטונג:


דיר. י. בערענשטיין


מגר. ל. שטעקעל


אדוו. ז. שטרויך
וויצע


ד״ר מ. בראַנדשטעטער
פּרעזעס


י. אַקאַחיע


פ. שלאַגמאַן

מאַריאַן קלאָזענבערג, שולמית מאָקרסקי, עסטערע סעצעמסקי, אַדאָלף באַביאַצקי. די פאַרוואַלטונג: יחיאל אַקאָוויע, אדוו. י. בערקאָוויטש, יעקב בערענשטיין, אַדוו. ס. בערענשטיין, דיר. דוד גראַף, ד״ר נ. גאָלדבלום, אדוו. ש. פעלדמאַן, וואָלף האַלבערשטאַט, ה. קעמפינסקי, ד״ר פ. קלאָזענבערג, אַדוו. ב. קאָרנבליט. אדוו. ה. לאַנדוי, אינזש. ש. מאַרקוס, מאַגיסטער ל. שטעקעל, פ. שלאַגמאַן, ד״ר ש. י. שווייג, מ. רעזניק, און דוד זלאָטניצקי. רעווידיר-קאָמיסיע: מ. קאַראָ, מ. לימאָן און ח. שווירגאָלט.

# געז. פריינט פון יודישען וויסענשאַפטלעכען אינסטיטוט

סוף 1929 י. דורך דער איניציאַטיוו פון דעם נישט-לאַנג פאַרשטאָרבענעם רעד. לאַזאַר פוקס, י. שולמאַן און ד״ר מ. שוואַלבע, איז אין לאָקאַל פון „טאָז״ (פיעטר. 99) פאָרגעקומען די גרינדונג-פאַרזאַמלונג פון דעם לאָדזשער „יוואָ״-אָפּטייל. אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויסגעוויילט געוואָרען אַ קאָמיטעט אין דעם צוזאַמענשטעל: יצחק קאַצענעלסאָן, ל. פוקס, ד״ר ש.ווישעוויאַנסקי, אַדוו. י. ווייצמאַן, ד״ר י. הערשפינקעל, י. שולמאַן, ד״ר מ. שוואַלבע, א. פרידריך, אַדוו. א. צימערמאַן, א. אַנד.

דער קאָמיטעט איז גלייך צוגעטרעטען צו דער אַרבעט.

ס׳זענען איינגעשטעלט געוואָרען אַ גאַנצע ריי זאַמעל-קרייזען, וועלכע האָבען געהאַט פאַר אַ ציל צו זאַמלען פאַרשידענע מאַטעריאַלען: כּתב ידי׳ן, ביכער און עקספּאָנאַטען. דערנאָך זענען זיי פון דאַנען אַוועקגעשיקט געוואָרען אין דער צענטראַלע נאָך ווילנע.

אין דעצעמבער 1930 י. איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ פּראָפּאַגאַנדע-חודש פאַר דעם יודישען וויסענשאַפטלעכען אינסטיטוט, און דעמאָלט זענען אין פאַרשידענע היגע קולטורעלע אינסטיטוציעס, ווי אויך אין ביידע יודישע טעאַטערען, געהאַלטען געוואָרען רעפעראַטען וועגען „יוואָ״ און זיין גרויסער באַטייט פאַר דער גאַנצער יודישער קולטור-וועלט.

דורך די באַמיהונגען פון דער היגער פאַרוואַלטונג איז געלונגען אויסצופועלען פאַר׳ן „יוואָ״ עטלעכע סובסידיעס פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש און פון היגען סאָציאַליסטישען מאַגיסטראַט.

אין די יאָרען 35—33—1931 זענען אַדורכגעפירט געוואָרען גרעסערע געלט-זאַמעל-אַקציעס לטובת דעם „יוואָ״, אין אונזער שטאָט, מיט דער באַטייליגונג פון די ה׳ה: פאַלק האַלפערן און רעד. ז. רייזין, וועלכע האָבען דאָ איינקאַסירט 16 טויזענט גילדען פאַר׳ן דאָרטיגען אינסטיטוט.

נאָכ׳ן טויט פון יונג-פאַרשטאָרבענעם קולטור-טוער, זשורנאַליסט און פאָרזיצער פון דעם היגען „יוואָ״ אָפּטייל, רעד. לאַזאַר פוקס, איז איינגעאָרדענט געוואָרען אין „ראָזמאַי-טאָשטשי״ טעאַטער, (צו די שלושים) אַ טרויער-אַקאַדעמיע, לכּבוד זיין אָנדענק.

די היגע פריינט פון „יוואָ״ האָבען אָבגעקויפט אַ בילד „צוויי זעלנער״ פון יאַנקעל אַדלער. (איניציאַטיוו פון קולטור-טוער ק. קאַבאַקער) און עס איבערגעשיקט אין דער צענטראַלע אין ווילנע.

אויפ׳ן וועלט-צוזאַמענפאָר (1935) פון „יודישען וויסענשאַפטלעכען אינסטיטוט״ אין ווילנע, איז דער לאָדזשער אָבטייל געווען פאַרטרעטען דורך 5 דעלעגאַטען,

בא דעם היגען אָבטייל זענען איינגעשטעלט געוואָרען עטלעכע סעקציעס.

דער היגער אָבטייל ציילט קרוב צוויי הונדערט מיטגלידער.

די פאַרוואַלטונג אויפ׳ן 1936 י. באַשטייט פון די ה׳ה: לייזער לעווין—פאָרזיצער, ד״ר י. הערשפינקעל און י. שולמאַן—וויצעס, א. פרידריך—סעקרעטאַר, א. סאָלאָוויטש—קאַסירער, ד״ר פ. פרידמאַן, אדוו. י. ווייצמאַן, ד״ר מ. שוואַלבע, ש. צימערמאַן, י. זעלקאָוויטש, מ. לאָנדאָן, ה. בלומשטיין, ד״ר י. שלאָסער און פרוי בריש. רעווידיר-קאָמיסיע: ד״ר י. קאַצענבאָגען, סעקר. פ. נאַדעל און י. אָקנאָ.

# בר כּוֹכבא

## טורן און ספּאָרט-פאַראיין

אויפ׳ן 4-טען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל איז געוואָרפען געוואָרען די לאָזונג פון שאַפען א מוסקול-יודענטום, און די יודיש - נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט האָט דעם רוף אויפגענומען; ביסלעכווייז הויבען אָן באַווייזען זיך די ערשטע פיאָנערען פון דער יודישער קערפערלעכער אַנטוויקלונג אין מערב-אייראָפּאַ, און עס דויערט נישט לאַנג דרינגט די באַוועגונג אַריין נאָך פוילען.

אין דעצעמבער 1910 איז דורך דער איניציאַטיוו פון די ה׳ה: ס. שטיינמאַן און מ. שענבערג אין טאָמאַשאָוו פאָרגעקומען די גרינדונג פון ערשטען יודישען טורן-פאַראיין אין פוילען. און אויך איז אויסגעבויט געוואָרען דאָרט אַנ׳אייגענע טורן - האַלע. אָבער, דאָס האָט נישט געפונען קיין ווייטערען אָבקלאַנג — נאָר ס׳איז געבליבען אַ לאָקאַלע דערשיינונג—מיט וועלכער טאָמאַשאָוו האָט שטאָלצירט.

ערשט מיט דער גרינדונג פון יודישען טורן און ספּאָרט-פאַראיין אין לאָדזש—הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע פאַר דער יודישער פיזישער רענעסאַנס-באַוועגונג אין פוילען און אַ נייע עראַ פאַר דעם יודישען טורן-וועזען אין אונזער שטאָט.

אין יאָר 1912 איז דורך דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע יונגעלייט געגרינדעט געוואָרן דער לאָדזשער יודישער טורן-און ספּאָרט-פאַראיין. עס האָבן אויך מיטגעהאָלפן עטלעכע באַקאַנטע יודיש-נאַציאָנאַלע כּלל-טוער מיט'ן פאַרשטאָרבענעם סעקרעטאַר פון דער יודישער גמינע א. שוואַרצמאַן בראש. ס'איז געלונגען צו באַקומען באַם דעמאָלטיגען גובערנאַטאָר אַ לעגאַליזאַציע, אויף צו גרינדען אין לאָדזש, קורסען פאַר גימנאַסטיק און ספּאָרט פאַר פּוליאָריגע מיטגלידער.

די איניציאַטיוו-קאָמיסיע פון די ה'ה: ד'ר מ. זילבערשטראָם, משה גראַווע, יעקב סטריקאָווסקי, ב. סענדער, א. מאָרגענשטערן, ל. זילבערשטראָם, מ. פראַקטער, און אַנדערע האָבן צוזאַמענגערופען אויף דעם 20 סעפּטעמבער 1912 אין לאָקאַל פון יודישען האַנטווערקער-קלוב. (וואָלטשאַנסקע 23) די ערשטע אָפיציעלע גרינדונג-פאַרזאַמלונג פון יודישען טורן און ספּאָרט-פאַראיין אין לאָדזש.

צו דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג איז געקומען אַ גרויסער עולם און וועלכע איז פאָרגעקומען אונטער דעם פאָרזיץ פון ד'ר לודוויג פאַלק.

די פאַרזאַמלונג האָט באַשטימט די ריכטליניען פאַר דער צוקונפטיגער טעטיגקייט און עס איז אויסגעקליבען געוואָרן אַ צייטווייליגע פאַרוואַלטונג מיט ד'ר פאַלק בראש.

באַ זייער שווערע באַדינגונגען איז אויסגעקומען די פאַרוואַלטונג אָנצוהויבען די טעטיגקייט. די ערשטע צייט איז אָבגעדינגען געוואָרן דאָס לאָקאַל פון די פרייוויליגע פייערלעשער אויף שענקעוויטש 54 אויף 4 מאָל אין דער וואָך און די טורן-לעקציעס האָבן זיך אָנגעהויבען אונטער דער לייטונג פון טורן-לערער ש. עדעלשיין.

נישט וויניג שוועריגקייטען האָט די אויסגעקליבענע פאַרוואַלטונג געהאַט אויסצושטייען מצד דער רוסישער אָכראַנע, וועלכע האָט געהאַט אויפ'ן „אויג" דעם יודישען טורן-פאַראיין און אירע אָנפירער; און פון דער צווייטער זייט האָבן די דעמאָלטיגע אַנטיסעמיטען אין זייער צייטונג „ראָזוואָי" כּסדר געהעצט און געשריבען וואו מדאַרף דאָנאָסען אויף די מכּלומרשטע יודישע זעלנער וועלכע ווערען אויסמושטרירט אין יודישען טורן-פאַראיין, צוליב דעם זענען די רעוויזיעס מצד דער אָכראַנע אין טורן-פאַראיין און באַ די פאַרוואַלטונג-מיטגלידער געווען אַנ'אָפּטע דערשיינונג.

נישט-קוקענדיג אויף די אַלע שוועריגקייטען האָט זיך דער פאַראיין אַנטוויקעלט מיט אַ שנעלען טעמפּאָ. די רייען פון די טורנער זענען געוואָרן פאַרטאָפּעלט און פאַרדרייפאַכט, מיט יעדען טאָג האָט די מיטגלידער - צאָל פאַרגרעסערט זיך און דאָס לאָקאַל איז געוואָרן קליין אַריינצונעמען אַלע אַקטיווע מיטגלידער.

אין יאָר 1913 איז די פאַרוואַלטונג געלונגען צו דינגען אַ ניי גרעסער לאָקאַל אויף פּאָמאָרסקע 46 אין יאַראָטשינסקיס תּלמוד תּורה. עס איז אויך גלייך פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און עס איז אויסגעקליבען געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג אין דעם צוזאַמענשטעל: ד'ר ל. פאַלק—פאָרזיצער, א. ל. לאַפּ — וויצע, ד'ר מ. זילבערשטראָם און א. מאָרגענשטערן—קאַסירער, א. לוריע און יעקב סטריקאָווסקי — סעקרעטאַרען, מ. פראַקטער—עקאָנאָם, ד. סימאָן — טורנוואַרט.

אין דעם יאָר זענען באַם פאַראיין געגרינדעט געוואָרן די פוסבאַל-סעקציע, ראָווערען-סעקציע, לייכט-אַטלעטיק און טוריסטען-סעקציעס, וועלכע האָבן זיך זייער שיין אַנטוויקעלט.

דער יודישער טורן און ספּאָרט פאַראיין איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט אָרגאַניזירט די שול-יוגענט, לויט'ן מוסטער פון די יוגענט-אָרגאַניזאַציעס „ווייס-בלוי" אין דייטשלאַנד און דאָס איז געווען דער אָנהויב פון דער השומר-באַוועגונג אין פּוילען.

די אָרגאַניזאַטאָרען פון דער שול-יוגענט אין היגען „בר כּוכבא" זענען דעמאָלט געווען די ה'ה: דוד ראָזענבערג און בערנאַרד סענדער.

אין יאָר 1913 האָבן די טורן-גרופּען, מענער און פרויען, דאָס ערשטע מאָל דעמאָנסטרירט פאַר דער עפענטלעכקייט אויפ'ן ספּאָרט-פּלאַץ פון העלענאָוו-פּאַרק — געזעלשאַפט אין פרייאיבונגען. די איבונגען האָבן געהאַט אַ גרויסען בייפאַל.

דעם 1 פעברואר 1914 איז אין לאָדזשער „גרויסען טעאַטער" פאָרגעקומען דער ערשטער טורן-פעסט פון די יודישע טורן און ספּאָרט-פאַראיינען אין פּוילען.

אין דעם יום-טוב האָבן זיך אַקטיוו באַטייליגט די טורן אָבטיילונגען פון די יודישע טורן-פאַראיינען פון טאָמאַשאָוו, לאָדזש, זגערזש, בענדין און די וולאָצלאַווקער טורן-שול פון ה' דייטשער.

אויף דעם טורן-פעסט איז דאָס ערשטע מאָל אויפגעטרעטען די מוסטער-מאַנשאַפט פון לאָדזשער טורן-פאַראיין, וואָס איז באַשטאַנען פון די ה'ה: ד. סימאָן, הענריק קאָן, צבי זיידע, י. אָקסענבערג, ישראל זיירע, י. לענטשיצקי און י. גוטערבוים, וועלכע האָבן אויסגעפירט פליכט-איבונגען אויף טורן-מכשירים.

אויך די פרויען-אָבטיילונגען האָבן געהאַט אַ גרויסען דערפאָלג.

מיט דעם מלחמה-אויסברוך אין יאָר 1914 האָט זיך די גאַנצע אַרבעט פון פאַראיין אין גאַנצען כּמעט אָבגעשטעלט. אַ גרויסער טייל פון די מיטגלידער זענען גערופען געוואָרן אין זאַפּאַס און דאָס האָט נישטמעגלעך געמאַכט צו פירען וועלכע ס'איז טעטיגקייט.

בעת ס'איז געשאַפען געוואָרן אין אונזער שטאָט די יודישע „טעלעפאָן-מיליץ" האָבן זיך גלייך 120 לאָדזשער יודישע טורנער געשטעלט אויפ'ן רוף און אונטערן גרעסטען פייער פון דער קאַנאָנאַדע אָבגעהיטען די טעלעפאָנען—כּדי דער יודישער באַפעלקערונג זאָל נישט דראָהען אַרויסגעשיקט צו ווערען 50 קילאָמעטער הינטער'ן פראָנט.

אין דעצעמבער 1914, נאָך אַ האַלב יאָריגער הפסקה, האָט אַ גרופּע מיטגלידער פון לאָדזשער יודישען טורן - און ספּאָרט-פאַראיין, אָבגעהאַלטען אַ ענגע בעראַטונג, און ס'איז באַשלאָסען געוואָרן צו באַנייען די טעטיגקייט פון פאַראיין.

די לייטונג האָבן דעמאָלט איבערגענומען די ה'ה: ד'ר ל. פּריבולסקי, א. ל. לאַפּ, ל. קאַרפּאָווסקי, י. סטאָלינסקי, י. סטריקאָווסקי, משה גערשטיין, יוסף אָקסענבערג.

די צייטווייליגע פאַרוואַלטונג איז נישט בכּח געווען צו אַנגאַזשירען אַ געצאָלטען טורן-לערער. דורך דער אָפּפערוויליגקייט פון דעמאָלטיגען פאָרטורנער ה' יוסף אָקסענבערג איז געלונגען מיט אייגענע כּוחות צוזאַמענשטעלען עטלעכע טורן-אָבטיילונגען. די דעמאָלטיגע פּרל. ש. איינים האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער דאַמען-טורן-אָבטיילונג. ס'האָט זיך צוריק אָנגעהויבען אַ פיבערהאַפטע טעטיגקייט.

דער צייטווייליגער פאַרוואַלטונג איז געלונגען צו איבערטראָגען זיך אין אַ נייעם גרויסען לאָקאַל אויף זאַקאָנטנע 82 (לאָקאַל פון דייטשען טורן און ספּאָרט-פאַראיין) און עס הויבט זיך אָן פאַר'ן יודישען טורן-פאַראיין אַ נייע ערא. דער צופלוס פון מיטגלידער ווערט פאַרגרעסערט. די אָבטיילונגען ווערען געדיכטער און געדיכטער, אַזוי, אַז די אייגענע אינסטרוקטאָרען זענען שוין צו שוואַך צו לייטען מיט די אָבטיילונגען, ס'ווערט אַנגאַזשירט דער דעמאָלטיגער באַקאַנטער דייטשער אינסטרוקטאָר

ה׳ בויטלער, וועלכער האָט מיט דער מיטהילף פון דער אָרגאַניזירטער פאָרטורנער-גרופּע אָנגעפירט מיט די אָבטיילונגען. באַם טורן-פאַראיין ווערט געשאַפען אַ פאַרוויילונג-סעקציע, וועלכע האָט צוויי מאָל וועכענטלעך איינגעאָרדענט אויפ׳ן פלאַץ באַם טורן-לאָקאַל ספּאָרטלעכע און אַנדערע פאַרוויילונגען. ס׳זענען יעדען שבת איינגעאָרדענט געוואָרען ליטעראַריש-מוזיקאַליש-ספּאָרטלעכע פאַרוויילונגען. ס׳איז געגרינדעט געוואָרען אין טורן-פאַראיין אַ קינדער-אָבטיילונג: קליינטשיקע יונגעלעך און מיי-

רעזולטאַט איז געשאַפען געוואָרען דער צענטראַל-פאַרבאַנד פון די יודישע טורנפאַראיינען אין פוילען.

אויף דער קאָנפערענץ וועלכע האָט געדויערט 2 טעג, איז נאָך אגרויסער דיסקוסיע באַשלאָסען געוואָרען, אַז אין די יודישע טורנפאַראיינען זאָל זיין די העברעישע קאָמאנדע-שפּראַך.

אין 1918 איז דורכ׳ן צענטראַל-פאַרבאַנד פון די יודישע טורן-פאַראיינען אין פוילען אָרגאַניזירט געוואָרען אַ יודישע

## ג. אַקטיווע טוער


י. סטריקאָווסקי
מיטגרינדער


ד״ר ל. פאַלק
ערשטער פאָרזיצער


ד. ראָזענבערג


ל. קארפאָווסקי


ד״ר א. פריבולסקי
ג. פאָרזיצער


רעד. י. אונגער


י. גראָווע


א. אָקסענבערג


ד״ר מ. ראָזען
ג. פאָרזיצער

דעלעך אין עלטער פון 4—5 יאָר פלעגען האָבען אַ פליכט צו קומען טורנען אין לאָקאַל צוויי מאָל וועכענטלעך. נישט באַ איין עלטערען טורנער האָט געקוואָלען דאָס האַרץ, צוקוקענדיג ווי עס טורנען די קליינינקע קינדערלעך, מאַרשירענדיג שטאָלץ און פעסט.

די פאַרוואַלטונג פון היגען יודישען טורן-און ספּאָרט-פאַראיין איז געווען דעמאָלט די ערשטע, וועלכע האָט אויף דער יודישער גאַס געוואָרפען די לאָזונג פון פיזישער רענעסאַנס. זי האָט זיך געווענדט דעמאָלט מיט אַנ׳אפּעל צו דער היגער יודישער קהלה, וועגען איינפירען אין די יודישע חדרים און שולען, וועלכע שטייען אונטער איר רשות טורן-איבונגען, שטעלענדיג איר צו דינסט אייגענע אומזיסטע אינסטרוקטאָרען.

אויפן צוזאַמענפלי פון אַ ריי יודישע טורנפאַראיינען אין פלאָצק, (1916) איז דורך די דעלעגאַטען אָנגענומען געוואָרען דער באַשלוס, וועגען דער צענטראַליזאַציע פון דער יודישער טורן-באַוועגונג — און דעם פלאַן צו רעאַליזירען האָבען געקריגען די לאָדזשער דעלעגאַטען: י. סטריקאָוווסקי און ל. קאַרפּאָווסקי. די פאָרקאָנפערענצען מכח דעם ענין זענען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין וולאָצלאַוועק. און אין סוף 1916 י. איז אין היגען „הזמיר״ פאַרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די יודישע טורן און ספּאָרט-פאַראיינען אין פוילען, און אַלס

אַלימפּיאַדע אין היגען „העלענאָוו״. ס׳האָבען אָנטיילגענומען טורנער פון אַלע יודישע טורן-פאַראיינען אין פוילען, בערך פון עטלעכע הונדערט מענטשען. חוץ דער גרויסער גאָרטענפאַרוויילונג זענען פאָרגעקומען טורן און לייכט-אַטלעטיק איבונגען, ווי אויך אַ צוועלף-קאַמף, בעת וועלכען ס׳האָבען באַקומען לאָרבערקרענץ אין דער העכסטער קלאַס, דעם 1 פּריז, ה׳ ווינער פון בענדין און דעם 2 פּריז, ה׳ זיידע. אין דער ערשטער קלאַס האָבען באַקומען אויסצייכענונגען, דעם 1 פּריז, ה׳ העלמאַן, דעם 2 פּריז ה׳ טאַרקאָ, דעם 3 פּריז ה׳ גראָסמאָן פון סאָסנאָוויץ און דעם 4 פּריז, ה׳ י. אָקסענבערג.

אין 1924 איז פאָרגעקומען די פאַראייניגונג פון „בר כוכבא״ מיט די לאָדזשער פוסבאַל-מאַנשאַפט „אַמאַטאָרען״. און אין 1927 מיט דעם יודישען ספּאָרט-קלוב „הכח״ און עס איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג פון די ה׳ה: ד״ר ל. פריבולסקי, א. קאָן, ד״ר קרויש, קאַרפּאָווסקי, גראַווע, לובאַשיצקי, סעגאַל.

די פאַראייניגונג אויף וועלכע מ׳האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען האָט זיך אין דער פּראַקטיק אַרויסגעוויזען אַלס אַ טויט-געבוירען באַשעפעניש. נאָך אַ קורצער צייט האָט זי אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט „בר כוכבא״ שוין עטלעכע מאָל איבערגעלעבט פאַרשידענע קריזיסען. עס האָט שוין

געהאַלטען אַזוי ווייט, אַז די אָנפירער פון „בר כוכבא“ האָבען אין גאַנצען רעזיגנירט פון דער מעגלעכקייט צו דערהאַלטען דעם ערשטען יודישען טורן-פאַראיין אין לאָדזש באַם לעבען. עס האָבען זיך אָבער שטענדיג געפונען אַ פּאָר ענערגישע מענטשען וועלכע האָבען דערפירט צו אַ טעטיגקייט אין פאַראיין.

דעם 4 מאַי 1930, צום 20 יאָריגען יובל פון טורן-און ספּאָרט-פאַראיין „בר כוכבא“, איז באַ אַ גרויסער פייערלעכקייט איינגעווייט געוואָרען אַ פאַראיינפאָן, געשאָנקען א. ג. פון מ. א. אָקסענבערג.

צום סוף פון 1934, דורך דער אינטערווענץ פון דער לאָדזשער עקזעקוטיווע פון וועלט-פאַרבאַנד „מכבי“, איז געלונגען צוזאַמענצורופען אַנ׳אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון „בר-כוכבא“ און עס איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג פון באַקאַנטע היגע ספּאָרט-טוער. „בר כוכבא“ האָט אויפגעלעבט. די פאַרוואַלטונג האָט באַוויזען, אַז דער ערשטער יודישער טורן-פאַראיין אין לאָדזש קאָן ווייטער דינען אלס מוסטער פאַר די יודישע טורן-פאַראיינען אין גאַנץ פוילען.

אין 1934 איז באַ׳ם טורן-און ספּאָרט-פאַראיין „בר כוכבא“ דערעפענט געוואָרען אַ לייען-זאַל א. נ. פון ד״ר א. פריבולסקי.

דער יעצטיגער צוזאַמענשטעל פון דער פאַרוואַלטונג: א. מאָרגענשטערן, מ. פלאַטוי און ל. שטערן — וויצע פּאָרזיצערס; א. סעגאַל און ה. זיידע — טעכנישע לייטונג; פ. ראָזענמאַן — סעקרעטאַר; פ. לענטשיצקי — אימפּרעזע-רעפערענט.

### פּרעזידיום:


פ. לענטשיצקי


ל. שטערן


א. מאָרגענשטערן


מ. פלאַטוי


א. סעגאַל

# הכּח

„הכח“ איז אין אָנהויב געווען אַ שילער־פוסבאַל־דרוזשינע. ערשט דורך די באַמיהונגען פון די ה׳ה ד״ר י. קרויש, ד״ר קאַנטאָר, ד״ר ראַוויטש, און ד״ר סלאָבאָדסקי איז אין 1922 י. לעגאַליזירט געוואָרען דער ספּאָרט-קלוב „הכח“, ווי אויך אָנגענומען געוואָרען דורכ׳ן „ל. ז. אָ. פ. נ.“ אַלס ערשטער פאָרזיצער איז אויסגעוויילט געוואָרען ד״ר יוליוש קרויש.

די פוסבאַל-דרוזשינע „הכח“ האָט נאָך פאַרביטערטע פינאַל-קאַמפען (1924) דערגרייכט דעם מייסטער-טיטעל פון דער „צ“ קלאַס. אין 1927 י. ווערט „הכח“ פאַררעכענט אין דעם רעגיסטער פון די היגע „אַ“ קלובען.

אין 1930 י. איז באַם ספּאָרט-קלוב אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ריי סעקציעס: לייכט-אַטלעטישע, גימנאַסטישע, פינג-פאָנג, ראָד-פאָרען, ווי אויך אַנדערע ספּאָרט-שפּילען.

אין 1930 האָט דער היגער „הכח“ געפייערט מיט גרויס פאַראַד זיין 10-יאָריגען יובל אויפ׳ן ספּאָרט-געביט, וועלכער האָט דאָ געדויערט עטלעכע טעג און איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מאַניפעסטאַציע פאַר׳ן יודישען ספּאָרט-וועזען.

אין 1931 י. האָט די פוסבאַל־דרוזשינע דערצילט דעם וויצע-מייסטער-טיטעל פון דער שטאָט לאָדזש.

זייט 1932 י. איז טעטיג אַ באָקסער-סעקציע, וועלכע האָט שוין אַרויסגעגעבען פון אירע רייען דעם לאָדזשער מייסטער אין דער פעדער-וואָג, (גאָטפריד), און אַ ריי שפּילער, (וודאָ-

### פאַרוואַלטונג:


י ראַפּאַפּאָרט
קאַסירער


מגר. א. שטערן
וויצע


ד״ר י. קרויש
ערן-פאָרזיצער


ד״ר מ. קאַנטאָר
פאָרזיצער


אינזש. ה. לעווינסאָן
וויצע

חינסקי, וואַלפיש, גאָטפריד, ביאַליסטאָק) האָבען אָנטייל גענומען אין דער „לאָדזשער רעפרעזענטאַנץ״. די סעקציע פאַרנעמט אַ בכבוד אָרט צווישען די לאָדזשער קלובען.

אין 1932 י. האָט די סעקציע טיש-טעניס דערצילט דעם לאָדזשער מייסטער-טיטעל, און אין דעם יאָר האָט די ראָד-פאָר סעקציע דערגרייכט אויפ'ן אַלפוילישען מייסטערשאַפט-ראַיד נאָך לאָדזש—דאָס ערשטע אָרט.

אין 1933 י. איז אַנטשטאַנען אַ האָקיי-סעקציע.

דער „הכח״ קלוב ציילט 650 מיטגלידער, דערפון 400 אקטיווע מיטגלידער.

דער צוזאַמענשטעל פון דער פאַרוואַלטונג באַשטייט:

ד'ר מ. קאַנטאָר—פרעזעס, אינזש. ה. לעווינסאָן, ה. שווייצער און מגר. א. שטערן—וויצע-פרעזעסען, ה. דאַווידאָ-וויטש און י. אייזענבערג—סעקרעטאַרען, י. ראַפּעפּאָרט און י. קאַלינסקי—קאַסירערס, ה. סלוזשעווסקי—ווירט, רעפערענט פון נישט-דירעקטע הכנסות—ח. פּאַקין, אַדוו. י. גאָלדבערג און אַדוו. א. ראָזענהאָלץ.

# יודישע געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט איז פוילען

די ערשטע אָרגאַניזיר-פאַרזאַמלונג פון דעם היגען אָבטייל פון דער „יוד. געז. פאַר לאַנדקענטעניש״, איז פאָרגעקומען דעם 5 דעצעמבער 1929 י. אין לאָקאַל פון „טאָז״ (פּיעטריקאָווער 99) אויף וועלכער עס איז געווײלט געוואָרען אַ פאַרוואַל-טונג אין דעם צוזאמענשטעל: ד״ר א. גוטמאַן — פרעזעס, פראָפ. הורוויץ און פרל. מגר. פאַבריקאַנט — וויצעס, ראַבינאָוויטש און מ. מאַרקוזע — סעקרעטאַרען, פרל. ברוינער — ווירט, אינזש. חיינבערג, פראָפ. סעגאַל און פרל. קראָנמאַן. רעווידיר-קאָמיסיע: פרוי אינזש. לעבענהאַפּט, ה. גאָלדוואַג זון פרל. ראַפאַלס.

דעם 4 יאַנואַר 1930 י. איז לעגאַליזירט געוואָרען דער היגער אָבטייל פון דער געז. די ערשטע צייט איז די אַרבעט באַשטאַנען אין ווערבירען מיטגלידער, ווי אויך איז געמאַכט גע-וואָרען אַ'התחלה פאַר אַ ביבליאָטעק און לייען-זאַל.

אין דעם ערשטען יאָר איז אַדורכגעפירט געוואָרען אַ קליינע צאָל אויספלוגען אין אַ ריי שטעטישע איינריכטונגען און פאַבריקען.

היות ווי אין צווייטען יאָר איז די צאָל מיטגלידער שטאַרק געשטיגען, האָט די פאַרוואַלטונג איינגעשטעלט אַ סי-סטעם אין דער אַרבעט: די אויספלוגען פלעגען פאָרקומען נאָר-מאָל יעדען שבת און זונטאָג. פון צייט צו צייט זענען געלייענט געוואָרען רעפעראַטען אויף אַלגעמיינע טעמעס און פון טוריסט-טישען געביט. ס'האָבען אויך געפירט זייער נאָרמאַלער אַרבעט אַ ריי סעקציעס.

אין 1932-33 זענען פאָרגעקומען 127 אויספלוגען, דערפון אַריי אויף אַ ווייטערען שטח, 40 טוריסטישע אין 29 אין געזעל-שאַפטלעכע אינסטיטוציעס, 22 אין אינדוסטריעלע אונטערנעמונ-גען און 31 אויף אויסשטעלונגען און מוזעאומס. בסך הכל האָבען אָנטיילגענומען 3621 אָנטיילנעמער.

די קולטור-סעקציע האָט אין די יאָרען איינגעאָרדענט 45 רעפעראַטען, אין דער יודישער און פוילישער שפראַך, חוצדעם רעפעראַטען געווידמעט דער פראָפּאַגאַנדע פון דער עספעראַנטאָ שפראַך. ס'איז אין 1932 פאָרגעקומען אַנ'אָוענט געווידמעט דעם „יודישען וויסענשאַפטלעכען אינסטיטוט״ אין ווילנע, מיט'ן אָנטייל פון פאָלק האַלפערן, און אויך איז אַדורכגעפירט געוואָרען אַ באַשטייערונג צווישען די מיטגלידער לטובת דעם „יוואָ״. די צאָל צוהערער אויף אַלע רעפעראַטען איז געווען 2800 מענ-טשען.

ס'זענען איינגעאָרדענט געוואָרען אין לאָקאַל פון דער געז. אַ ריי אַרטיסטישע, ליטעראַרישע און רעציטאַציע-אָוונטען, וועלכע האָבען זייער שטאַרק אויסגענומען. דער עספעראַנטאָ-קורס וועלכער איז אין משך פון 1932-33 געווען טעטיג האָט געהאַט עטלעכע צענדליג צוהערער און 40 פאָרטראָגען. חוצדעם האָט דער „עספעראַנטאָ-קרייז״ וועלכער איז אַנטשטאַנען באַ דער געז. מיט'ן ציל צו קולטיווירען די אינטערנאַציאָנאַלע שפראַך, איינגעאָרדענט במשך פון דער באַריכט-צייט 16 אָווענטען.

אין 1933 י. איז דורך די באַמיהונגען פון דער געז. אין דער אָרטיגער טעגלעכער יודישער צייטונג „נייער פאָלקסבלאַט״, איינגעפירט געוואָרען אַ סיסטעמאַטישע וועכענטלעכע ביילאַגע „פאַר טוריסטיק און לאַנדקענטשאַפט״, וועלכע האָט בשעתו פאַרעפענטלעכט אַ ריי אַרבעטען פון אָט דעם געביט.

די קאָלאָניע אין קאַרוויע באַ'ם באַלטישען ים, וועלכע איז צום ערשטען מאָל אָרגאַניזירט געוואָרען אין משך פון זומער-צייט 1932 י. דורך דער געז. האָבען באַזוכט 205 מענ-טשען, דערפון 80 מענער, 121 פרויען און 4 קינדער. אין דער

פ ר וו א ל ט ו נ ג :


מ. זיידע
ג. וו. פאָרזיצער


ג. וועלנער


ד'ר פּ. פרידמאַן
פאָרזיצער


ד'ר י. שלאָסער


ד״ר. א. לעקיך
ג. פאָרזיצער

צייט זענען אַדורכגעפירט געוואָרען עטלעכע צענדליג נעגטערע און 13 ווייטערע אויספלוגען נאָך העל, קאַשובישער שווייץ, דאַנציג, צאָפּאָט און אָליוואַ. די דורכשניטלעכע פרעקווענץ האָט אויסגעמאַכט 15 אָנטיילנעמער אויף די אויספלוגען.

נאָך דעם געלונגענעם עקספּערימענט איז אין די יאָרען 1933-34 ווייטער איינגעאָרדענט געוואָרען זומער-צייט די אָברוי-קאָלאָני'עס אין קאַרוויע באַ'ם באַלטישען ים, וועלכע האָט אין דער צייט אויפגענומען ביז 600 עקסקורסאַנטען. די לייטער פון דער טוריסטישער אָבט. באַ דער „געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט", האָבען אַדורכגעפירט מיט די קאָלאָניסטען עטלעכע צענדליג אויספלוגען אין דער שכנותדיגער געגענט אַרום, ווי אויך זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אָוונטען מיט אַ געמישטען פּראָגראַם.

חוצדעם איז געווען טעטיג אַ וויקענד-קאָלאָניע אין גלאָוונע, צום ערשטען מאָל זומער-צייט 1933, וועלכע האָט אַרויסגעוויזען זיך פאַר זייער נוצלעך פאַר דעם שטאָטישען עלעמענט וואָס האָט נישט די מעגלעכקייט אויסצונוצען לענגערע אורלויבען, ווי אויך פאַר אַ גוט מיטעל צו פּראָפּאַגירען טוריסטיק און לאַנד-קענטשאַפט צווישען די יודישע קרייזען. די וויקענד-קאָלאָני'ע האָבען באַזוכט 120 קאָלאָניסטען, און ס'זענען איינגעאָרדענט געוואָרען אַ ריי אויספלוגען און טוריסטישע שפּאַצירען אין דער אַרומ'גער געגענט. דורך די קאָלאָניסטען איז אַדורכגעפירט געוואָרען אויפ'ן לאַנד פאַרשידענע מוזיקאַליש-וואָקאַלישע און קעסטעל-אָוונטען, וואָס האָבען שטאַרק אויסגענומען.

די לעצטע יאָרען פירט די געז אָן אַ נאָרמאַלער אַרבעט.

די פאַרוואַלטונג אויפ'ן 1936 י. באַשטייט פון די ה'ה: ד'ר פ. פרידמאַן—פּאָרזיצער, מ. פעדער—וויצע, ק. גלאָגאָווסקי—סעקרעטאַר, ש. ראָזענמאַן—קאַסירער, ה. גרינפעלד—ווירט, דיר. א. לעקיך, ג. וועלנער, ד'ר י. שלאָסער, זילבערשטיין פּראָפ. בערטאַ פרידמאַן, און פּראָפ. האַלינאַ שלאַם, פאַרטרעטער: גאָרפינקעל.

# לעגיאָן א. נ. פון ב. יאָסעלעוויטש

די ערשטע אָרגאַניזיר-פאַרזאַמלונג פון דער היגער יוגענט-אָרגאַניזאַציע א. נ. פון פּולק. בערעק יאָסעלעוויטש, (דורך דער איניציאַטיוו פון די רעזערוו-אָפיצירען צבי מייזלער און לייב בלוישטיין) איז פאָרגעקומען דעם 25 י'ני 1930 אין לאָקאַל פון „רייזענדער-פאַראיין", באַ דער אָנוועזענהייט פון אַ פאָרשטייער פון דער מיליטער-מאַכט.

די קאָמענדע פון לעגיאָן מיט'ן רעזערוו-פּאָרוטשניק צבי מייזלער בראש האָט אַנטוויקעלט אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע, און עס איז געלונגען אָנצוהויבען די אַרבעט דעם 1. סעפּטעמבער 1930.

די אויפגאַבען פון לעגיאָן זענען צ. אַ. פרעציזירט געוואָרען: פיזישע דערציהונג, גימנאַסטיק, ספּאָרט, שיסען, מיליטערישע אויסבילדונג לויט'ן פּראָגראַם פון קריג-מיניסטעריום.

די אַנטשטייהונג פון לעגיאָן האָט אין אָנהויב אָנגעטראָפען אויף אַ קאַלטקייט מצד אַ גרויסען טייל פון דער יודישער געזעלשאַפט, מיט דער צייט אָבער איז דער לעגיאָן געוואָרען וואָס אַמאָל אַלץ פּאָפּולערער אויף דער יודישער גאַס.

אין ערשטען אַרבעט-יאָר פון 1-9.1930 ביז'ן 30.6.1931, האָבען געענדיגט דעם קורס 38 בחורים; אין צווייטען יאָר. פון 1-9.1931 ביז'ן 30-6.1932 58 בחורים; אין דריטען יאָר פון 1-9.1932 ביז'ן 30.6.1933 96 מאַן. די לאָדזשער קאָמענדע האָט אָרגאַניזירט אויך אָבטיילונגען פון לעגיאָן אין טאָמאַשאָוו-מאַז., לאָוויטש, טשענסטאָכאָוו, קוטנע, לענטשיץ, גראַבאָוו און ראַדאָמסק. עס איז אויך געמאַכט געוואָרען דער פּרווו צו שאַפען אַנ'אָבטייל פון לעגיאָן אין גדיניע.

די מיטגלידער פון לעגיאָן געניסען פון הנחות באַם שפּעטעריגען מיליטער-דינסט.

דער לעגיאָן דערציט בחורים פון 15—16 יאָר אָן.

די דערציהער און אינסטרוקטאָרען פון לעגיאָן זענען יודען רעזערוו-אָפיצירען און רעזערוו-אונטעראָפיצירען פון פּוילישען מיליטער, די אינסטרוקטאָרען זענען נאָמינירט פון קאָמענדאַנט פון לעגיאָן, מיט'ן הסכם פון דער מיליטער-מאַכט.

דעם 5 און 6 מאַי 1934 צום 125 יאָריגען יאָרצייט פון פּולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטשעס טויט, האָט דער לעגיאָן אַדורכגעפירט פייערונגען, וועלכע האָבען געטראָגען אַ ריין מיליטערישען כאַראַקטער.

## אַ ק ט י ו ו ע ט ו ע ר:



דיר. ע. שטילער
קאַסירער



יוליוש לעווענשטיין
ערשטער פּרעזעס



צבי מייזלער
קאָמענדאַנט

# סוחרים פֿאַראײנען

דאָ ווערט באַהאַנדעלט:

פאַבריקאַנטען און סוחרים פאַראיין

מאַנופאַקטור-סוחרים פאַראיין

סוחרים און אינדוסטריעלער פאַראיין

צענטראַלער סוחרים און אינדוסטריעלער פאַראיין

סוחרים פאַראיין אויף דער שטאָט לאָדזש

סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין

צענטראַלער קליינהענדלער פאַראיין

פאַראיין פון דער שטרימף-אינדוסטרי

א) באַנק פון דער שטרימף-אינדוסטרי

סוחרים פאַראיין פון רוישטאָפען און טעקסטיל האַלב-פאַבריקאַטען

קאָלאָניאַל-הענדלער פאַראיין

סוחרים פאַראיין פון דער לעבענמיטעל בראַנזשע

דעטאַליסטען און קליינהענדלער פאַראיין

ערשטער יודישער קליינהענדלער פאַראיין

# סוחרים פאַראייגען

אין 1910 יאָר איז דורך אַ גרופּע סוחרים בּראש מיט די ה׳ה: י. כאַזין, י. י. בּערמאַן, יערושי סאָלאָווייטשיק, געמאַכט גע־וואָרען די התחלה צו אָרגאַניזירען דעם „ערשטען היגען יודישען סוחרים פאַראיין״, בּאַ דער „בּאַנק פון קעגענזייטיגער הילף״, (פּיעטריקאָווער 6). אין דער ערשטער צייט האָט דער פאַראיין אָנגעפירט אַ ריין אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבּעט. דערנאָך, ווען די מיטגלידער-צאָל איז גרעסער געוואָרען, יוערט געדונגען אַ שטוב בּאַם „האַנטווערקער-קלוב״, (זאַוואַדזקע 5) און ס׳הייבּט אָן פאַר-בּרייטערט ווערען די טעטיגקייט פון פאַראיין.

## פאַבּריקאַנטען און סוחרים פאַראיין

אין 1912 יאָר יוערט געדונגען אַ ניי לאָקאַל, פון 6 שטובּען (פּיעטר. 99) און נאָך אַ בּאַשלוס פון אַ פאַרזאַמלונג, ווערט גע־ענדערט דער נאָמען, אויף: „פאַבּריקאַנטען און סוחרים פאַראיין״.

בּאַם „,פאַבּריקאַנטען און סוחרים פאַראיין״ ווערען דעמאָלט געגרינדעט פאַרשידענע סעקציעס: די טיכער-סעקציע, וועלכע האָט בּאַלד געשטעלט זיך פאַר אַנ׳אויפגאַבּע, איינצושטעלען אַנ׳איינהייטלעכען פּרייז אין דער בּראַנזשע — און כּדי די אַקציע אַדורכצופירען האָט די סעקציע צוגעצויגען 12 גרויסע פאַבּ־ריקאַנטען, וועלכע האָבּען געמוזט דעפּאָנירען איטלעכער צו 500 רובּעל, אַז זיי וואַרפען זיך אונטער די בּאַשלוסען פון פאַראיין, און אַזוי אַרום איז די אַקציע טאַקע געלונגען.

ס׳איז אויך געגרינדעט געוואָרען אַ גאַנצע ריי פאַר־שירענע סעקציעס: קאָנפעקציע, פּלוש, וועלכע האָבּען געאַרבּעט אין דער ריכטונג.

אין יענער צייט איז איינגעשטעלט געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט קאָנטראָלירען די אָנקומענדיגע סוחרים: אויבּ צווישען זיי אין געווען איינער, וועלכער האָט אינצווישען בּאַנקראָטירט, האָט דער פאַראיין בּאַמיט זיך, אַז ער זאָל אַזוי לייכט דאָ קיין קרעדיט מער נישט קריגען. דאָס האָט געהאַט זיין גוטע ווירקונג.

דער „פאַבּריקאַנטען און סוחרים פאַראיין״ האָט געפירט אַזוי זיין טעטיגקייט בּיז׳ן אויסבּרוך פון קריג.

בּעת די דייטשען האָבּען פאַרנומען לאָדזש איז אין לאָקאַל פון „פאַבּריקאַנטען און סוחרים פאַראיין״ געשאַפען געוואָרען אַ קוואַרטיר-אַמט פאַר מיליטער, וועלכער איז דאָ פאַרבּליבּען בּיז זיי האָבּען אַרויסמאַרשירט פון אונזער שטאָט.

די פאַרוואַלטונג האָט דעמאָלט געגרינדעט אַ שפּיטאָל פאַר פאַרוואונדעטע זעלנער, וואו ס׳האָבּען געפונען זיך 30 בּעטלעך, אונטער דער לייטונג פון ד׳ר סאָלאָווייטשיק.

ס׳איז געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, מיט לואי בּאַנאַש — פּרעזעס, פּרוי בּראָמבּערג, גליקסמאַן, דיר. לעווינסקי, י. בּערסאָן, א. א.

1916 ווערט איבּערגעטראָגען דער פאַראיין, אויף מאָניושקי 5. 1917 איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג, בּעת וועלכער די סוחרים זענען אַרויסגעטרעטען פון פאַראיין און די פאַבּ־ריקאַנטען האָבּען דעמאָלט געשאַפען דעם „קראַיאָווי זוויאָנזעק״.

## מאַנופאַקטור-סוחרים פאַראיין

1918 ווערט געגרינדעט דורך די סוחרים דער „מאַנופאַקטור־סוחרים פאַראיין״, פּאָלודניאָווע 20, בּאַ אַ צאָל פון 87 מיט־גלידער.

די גרינדער זענען געווען: סאַלאָ פריילעך, דוד בּאָדזוע־כאָווסקי, אַדאָלף פוקס, שמואל רייכמאַן, ס. מ. בּאָרענשטיין, פּנחס ניימאַן, בּנימין גוטער, מ. פעפערמאַן, יצחק זאַלץ, אשר סטראָקאָווסקי, ב. רונדשטיין, ה. כוואַט, יודקע ווינער, א. וויינשטאַט, יחיאל פישמאַן, און מאיר שלענטשינסקי.

ס׳איז אויסגעקליבּען געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג, בּראש מיט די ה׳ה: אַדאָלף פוקס—פּרעזעס, סאַלאָ פריילעך—וויצע פּרעז, דוד בּאָדזעכאָווסקי—סעקרעטאַר, און ס. מ. בּאָרענשטיין—קאַסירער.

אין דער מלחמה-צייט זענען ס׳רוב פון די היגע פאַבּריקען שטייען געבּליבּען און פון גרעסטען טייל פאַבּריקען זענען רעק־ווירירט געוואָרען די מאַשינען. נאָך דער מלחמה האָבּען די פאַבּריקאַנטען נישט געהאַט די מעגלעכקייט מיט וואָס צו לאָזען די פאַבּריקען אין גאַנג. דעריבּער איז די ערשטע אַרבּעט פון דעם „מאַנופאַקטור-סוחרים פאַראיין״ געווען צו העלפען אויפצולעבּען די היגע אינדוסטריע. ס׳זענען גערופען געוואָרען אין לאָקאַל פון פאַראיין אַ גאַנצע ריי קאָנפערענצען, מכּח דעם ענין, און צולעצט איז געקומען צו אַ הסכּם צווישען די סוחרים און פאַבּריקאַנטען: אַז די סוחרים זאָלען געבּען די קאַפּיטאַלען און דערפאַר בּאַקומען די פאַרטרעטונגען — און אַ סך פאַבּריקען זענען דעמאָלט אויף אַזאַ אופן געלאָזט געוואָרען אין גאַנג.

בּעת ס׳איז אָנטשטאַנען דער „אַמט צו קעמפען מיט דער ליכוועי״, איז צווישען די היגע יודישע סוחרים אויסגעבּראָכען אַ מהומה, צוליבּ דעם האָט דער „מאַנופאַקטור-סוחרים פאַראיין״ אונטערגענומען אַנ׳אַקציע, אויפצוקלערען דעם ענין בּאַ דער מאַכט.

בּעת דער בּאָלשעוויסטישער אינוואַזיע איז דורכ׳ן „מאַ־נופאַקטור-סוחרים פאַראיין״, געשאַפען געוואָרען אַ שפּיטאָל פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען זעלנער, איינגעאָרדענט אין צוויי פּאַוויל־אָנען, אויף 100 בּעטלעך, (אין רודאַ-פּאַבּיאַניץ) וואו די מלחמה-געליטענע האָבּען בּאַקומען אַ זאָרגפעלטיגע השגחה. דאָס שפּיטאָל האָט עקזיסטירט אַנ׳ערך 8 חדשים און ס׳איז אויסגע־האַלטען געוואָרען אויפ׳ן חשבּון פון פאַראיין, בּאַ דער אָנפירונג פון אַ ספּעציעל געשאַפענעם קאָמיטעט. פון די ה׳ה: נאַטשעלניק ד׳ר אַלבּין גראַבּאָווסקי—פּרעזעס, אַדאָלף פוקס—וויצע, סאַלאָ פריילעך, פעליקס קאָן, יהודה לייבּ ווערדיגער, אינזש. ה. קעמפּנער, אַ גלח-פּראַלאַט א. א.

אין שפּיטאָל פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען זעלנער זענען אויפגענומען געוואָרען און די גאַנצע צייט געווען טעטיג אַ גרויסע צאָל יודישע אַקאַדעמיקערינס אַלס בּאַרמהאַרציגע שוועסטערס. צולעצט האָבּען זיי בּאַקומען בּאַשייניגונגען פאַר זייער אָפּפערוויליגער אַרבּעט לטובת דער מלוכה — דאָס האָט זיי דערמעגלעכט ווייטער צו קאָנען ענדיגען זייער שטודיום.

בּכדי צום פאַראיין זאָלען קאָנען געהערען אויך סוחרים פון אַנדערע בּראַנזשעס, איז נאָך אַ בּאַשלוס געענדערט געוואָרען דער סטאַטוט פון פאַראיין.

## סוחרים און אינדוסטריעלער פאַראיין (פּיעטר. 10)

דער סוחרים און א. פאַראיין האָט אַדורכגעפירט פאַרשידענע אינטערווענצען אין די געהעריגע קרייזען, (אַפילו ווען דער „ליכווע-אַמט״ האָט רעקווירירט גאַנצע וואַגאָנען מיט סחורות) און על פּי רוב איז אים געלונגען צוריקצובּאַקומען די צוגענומענע סחורות.

דערנאָך האָט דער פאַראיין אויסגעפועלט און בּאַקומען די רעכט מצד „דעם אַמט צו קעמפען מיט דער ליכווע״ אַליין

פעסטצושטעלען די פרייזן אויף די צענגיקעס, צו שטעמפּלען די מוסטער-פּראָבען — דאָס האָט דעמאָלט אַריינגעברענגט גרויסע פאַרלייכטערונגען פאַר די היגע יודישע סוחרים.

בעת ס'איז פאַרעפענטלעכט געוואָרען דער פּראָיעקט וועגען „דאַנינאַ"-שטייער, האָט דער פאַראיין דעלעגירט זיינע פאָרשטייער אין יעדען פינאַנץ-אַמט, וועלכע האָבען אָנטייל גענומען בײַ דער אויסמעסטונג פון שטייער. און ווען די סוחרים האָבען געקריגען די „נאָקאַזען" איז דער פאַראיין כסדר געווען פאַרנומען מיט „רעקורסען" שרייבען, מכּח דעם ענין, צו דער מאַכט.

דער פאַראיין האָט געהאַט זיינע פאַרטרעטער אין דער „אַפּעלאַציע-קאָמיסיע", בײַ דער היגער „פינאַנץ-קאַמער".

אין 1921 י. האָט אַ גרופּע היגע יודישע קאַפּיטאַליסטען געפּלאַנט צו דערעפענען אַ באַנק. ס'איז געלונגען דעם „סוחרים און אינדוסטריעלער פאַראיין" צונויפצורופען זיי אויף אַ בשותּפותדיגער קאָנפערענץ צו זיך אין לאָקאַל אַריין, (פּיעטר. 10) כּדי אַרומצורעדען מכּח דעם ענין. צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען 36 חשובע בירגער, מיט די ה'ה: אָשר קאָן, באָריס עטינגאָן, ד'ר קאַראָל פּאָזנאַנסקי, ירחמיאל ליפּשיץ, יוליוש ביעלשאָווסקי, יאַקוב הערץ, נפתּלי בוקעט, ישעיה ראָזענבלאַט, סאַלאָמאָן סאַבעט, הענריק פוקס, אברהם מאיר קאַפּלאַן, אַלבערט יאַראָטשינסקי, חיים אַברהם טרונק—אין דער שפּיץ. אויף דער ערשטער קאָנפערענץ איז באַשלאָסען געוואָרען צו דערעפענען אַ דעפּאָזיטען-באַנק. צו דער צווייטער קאָנפערענץ איז אויך פאַרבעטען געוואָרען דער דעמאָלטיגער סיים-דעפּוטאַט ד'ר. י. ראָזענבלאַט, צו וועלכען די פאַרזאַמעלטע האָבען זיך געוואָנדען, אַז ער זאָל מיטהעלפען אויסצופועלען אין די געהעריגע קרייזען אַ קאָנצעסיע אויף אַזאַ באַנק. שפּעטער איז אַוועקגעפאָרען פון דאַנען אַ דעלעגאַציע מיט אַ מעמאָריאַל צום פינאַנץ-מיניסטער סט. גראַבסקי, און נאָך אַ גוטער שטעלונג מצד דעם פינאַנץ-מיניסטעריום צו די פּאָסטולאַטען פון היגען סוחרטום, אין די קאָנצעסיע אַרויסגעגעבען געוואָרען. דער גרונט-קאַפּיטאַל פון דער באַנק איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אויף 50 טויזענט מאַרק, דערפון האָט געמוזט איינגעצאָלט ווערען 8 טויזענט מאַרק אין דער מלוכה-באַנק, וועלכע ס'איז דעמאָלט נישט מעגלעך געווען צו שאַפען. ערשט צוויי טעג פאַר'ן פאַרפאַל-צייט האָט אָשר קאָן גוטוויליג אַרויסגעבאָרגט דאָס געלט — און די באַנק האָט געקאָנט אָנהייבען צו ווערען טעטיג. ס'איז געדונגען געוואָרען דאָס לאָקאַל אויף פּיעטריקאָווער 5, און די „דעפּאָזיטען-באַנק" האָט אָנגעהויבען איר טעטיגקייט. אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג איז אויסגעוויילט געוואָרען אַן אויטאָנאָמע פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט איבערגענומען די אויפזיכט איבער דער באַנק. אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג און אין אויפזיכטס-ראַט זענען געווען פאַרטרעטען פאָרשטייער פון „סוחרים און אינדוסטריעלער פאַראיין", (פּיעטר. 10).

בעת ס'איז פאַרעפענטלעכט געוואָרען דער פּראָיעקט וועגען „פאַ־מעגען-שטייער", האָט דער פאַראיין געקריגען די רעכט מצד די מאַכט-אָרגאַנען, אַליין אויסצומעסטען די הויך פון דעם שטייער וואָס איטלעכער דאַרף צאָלען. ס'איז דעמאָלט געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע מיט סאַלאָ פרייליך בראש. שפּעטער איז געקומען צו סקאַנדאַלען מצד די אייגענע מיטגלידער, וועלכע האָבען חושד געווען די קאָמיסיע-מיטגלידער אין אייגענע פניות, באַם באַשטימען דעם שטייער. אינצווישען איז אָבער די קאָרפּאַנטי-רעגירונג אַראָפּ אין דעמיסיע, און די דעצידירענדיגע אָרגאַנען אין דעם ענין זענען געוואָרען די פינאַנץ-אַמטען. ערשט האָבען די סוחרים איינגעזעהען דעם גרויסען אונטערשיד. פון אַמאָל ביז היינט.

מיט'ן אַנגאַזשירען פון אַדוו. שווייצער אַלס יוריסט, האָט פאַרגרעסערט זיך די פאַראיינטעטיגקייט.

אין 1923 י. איז נאָך אַ באַשלוס געענדערט געוואָרען דער פאַראייננאָמען, אויף:

# צענטראַלער סוחרים און אינדוסטריעלער פאַראיין

צום „צענטראַלען סוחרים און אינדוסטריעלער-פאַראיין" האָבען לכתחלה געהערט הורטאָווניקעס און פאַבריקאַנטען, אַנ'ערך פון 6000 מיטגלידער. אין יענער צייט האָט דער פאַראיין אָנגעפירט אַנ'אינטענסיווער אַרבעט אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט.

אין 1923 איז באַם פאַראיין געשאַפען געוואָרען אין אייגענעם לאָקאַל, (פּיעטר. 10) אַ קאָאָפּעראַטיווע באַנק, לטובת די מיטגלידער. צום סוף יאָר איז די באַנק ליקווידירט געוואָרען.

אין 1924 י. איז אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין קאָנצערט-זאַל געקומען צו אַ שפּאַלטונג, בעת וועלכער די הורטאָווניקעס זענען אַרויסגעטרעטען פון פאַראיין, און געגרינדעט דעם „סוחרים פאַראיין", (פּיעטריקאָווער 73).

אין 1926 י. איז געקומען צו אַ צווייטער שפּאַלטונג, בעת וועלכער די האַלב-הורטאָווניקעס און גרעסערע דעטאַליסטען זענען אַרויסגעטרעטען פון פאַראיין, און געגרינדעט דעם „סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין", (פּיעטריקאָווער 90).

דער „צענטראַלער סוחרים און אינדוסטריעלער פאַראיין" האָט במשך פון זיין עקזיסטענץ-צייט אויסגעאַרבעט פאַרשידענע מעמאָריאַלען, וועלכע זענען פאָרגעשטעלט געוואָרען אין די געהעריגע רעגירונג-ספערען, און וואָס האָבען געהאַט על פּי רוב זיין ווירקונג; דער פאַראיין האָט גערופען פון צייט צו צייט קאָנפערענצען און פאַרזאַמלונגען, כּדי אויפצוקלערען דעם יודישען סוחר, הן אין פראַגען פון אַלגעמיינעם, אָדער, ריין-יודישען, ווי אויך געזעלשאַפטלעכען כאַראַקטער; דער פאַראיין האָט שטענדיג באַמיט זיך צו פאַרטיידיגען די פּאָסטולאַטען און פאָדערונגען פון יודישען סוחרים-קלאַס בכלל, און דעם יודישען סוחר בפרט.

צום „צענטראַלען סוחרים און אינדוסטריעלער פאַראיין" זענען אָנגעשלאָסען אַ גאַנצע ריי סעקציעס, וועלכע פירען אָן אַ נאָרמאַלער אַרבעט.

באַ'ם פאַראיין איז טעטיג „דער קרעדיט-שוץ", קעגען ביזוויליגע בעלי חובות און באַנקראָטניקעס, ווי אויך איז איינגעשטעלט געוואָרען אַ גמילת חסדים-קאַסע פאַר נישט-פאַרמעגלעכע מיטגלידער.

דער „צענטראַלער סוחרים און אינדוסטריעלער פאַראיין" ציילט איבער 500 מיטגלידער.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ה'ה: איגנאַץ יאַשונסקי—פּרעזעס, י. הירשבערג און י. מאַרגולעס—וויצע-פּרעזעסען,

## פרעזידיום:



יוזעף הירשבערג
וויצע



איגנאַץ יאַשונסקי
פרעזעס



יוזעף מארגוליעס
וויצע



ס. אלטמאַן
ווירט



הענריק אַקאַוויע
סעקרעטאַר



לעאָן מאַזור
קאַסירער

## פאַרוואַלטונג:



י. ל. באָרקאָווסקי



א. שטיינשניידער



י. דעגענשטיין



י. שטערן



ד. שטאַל



אינזש. ג. פראַשקער



ג. ביסטער



א. פוטערמאַן

העגריק אַקאַוויע—סעקרעטאַר, לעאָן מאַזור—קאַסירער, ס. אַלט-מאַן—ווירט. אין דער פאַרוואַלטונג: מ. ס. בראָנאָווסקי, א. כימאָ-וויטש, י. דעגענשטיין, מאַקס נאָרדאָן, י. ל. באָרקאָווסקי, א. שטיינשניידער און יעקב שטערן. פאַרטרעטער: ג. ביסטער.

דוד שטאַל, איגנאַץ פוטערמאַן, מ. ברייטבאַרט און אינזש. ג. פראַשקער. רעווידיר-קאָמיסיע: אַ. דושאַלאָשינסקי, ע. פאָרמאַ, א. פרידמאַן, ג. קאָראָטשינסקי, ס. ראָזענבלום און י. ראָזענבוים. דירעקטאָר: ה. שוואַרצמאַן.

# סוחרים פאַראיין אויף דער שטאָט לאָדזש

די ערשטע אָרגאַניזיר - פאַרזאַמלונג וועגן גרינדען אַ ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל רעפּרעזענטירען דאָס לאָדזשער סוחרטום, איז פאָרגעקומען דעם 25 מערץ 1925, באַ אַ צאָל פון 72 גרינדער.

אויף דער פאַרזאמלונג איז אויסגעוויילט געוואָרען אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל צוגרייטען די ווייטעריגע אַרבעט.

די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאמלונג איז פאָרגעקומען דעם 20 מאַי 1925, באַ דער צאָל פון 84 מיטגלידער, אויף וועלכער ס'איז אויסגעוויילט געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג אין דעם צוזאַמענשטעל: דאַניעל בערקאָוויטש, מענדעל באָרענשטיין, באָריס עיטינגאָן, אַדאָלף פוקס, יאַקוב הערץ, יוליוש לעווענשטיין, דאַוויד נאָווינסקי, מאָריץ פערלע, אינזש. גרשון פראַשקער, אַדאַם ריזענבערג, ד״ר יוזעף זאַקס און יוזעף שלאַם. אין דער שפּיץ פון דער פאַרוואַלטונג זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרען די ה״ה: באָריס עיטינגאָן—פרעזעס, ד״ר יוזעף זאַקס און דאַוויד נאָווינסקי—וויצע-פרעזעסען.

פ ר ע ז י ד י ו ם :


ד״ר יוזעף זאַקס
וויצע


באָריס עיטינגאָן
פרעזעס


דאַוויד נאָווינסקי
וויצע

די ערשטע אַרבעט איז געווען צו פאַראייניגען די ווירטשאַפטלעכע קרייזען מיט דער ניי-געגרינדעטער אינסטיטוציע און צו געפונען פאַרשטענדעניש באַ דער מאַכט און די קאָמונאַלע אָרגאַנען, פאַר די צילען און אויפגאַבען פון דעם סוחרים פאַראיין.

דער פאַראיין אָנפירענדיג אַן׳אינטענסיווע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט צווישען זיינע מיטגלידער, האָט איינגעשטעלט אַ גאַנצע ריי סעקציעס פון פאַרשידענע צווייגען פון האַנדעל, און וועלכע האָבען אַנטוויקעלט אַ טעטיגקייט, מיט׳ן ציל צו שיצען די אייגענע האַנדעל-אינטערעסען.

דער סוחרים פאַראיין האָט אַ סך פאַרנומען זיך מיט די שטייער-פראַגען, וועלכע זענען אַ פּועל-יוצא פון דער נישט-גערעכטער שטייער-אויסמעסטונג, (דער האַנדעל און אינדוסטרי צאָלט 32 פּראָצ. פון אַלע רעגירונג-הצטרכות׳ן און דער אגראַר 7 פּראָצ.). מכח די שטייער-ענינים זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ גאַנצע ריי קאָנפערענצען מיט די געהעריגע רעגירונג-אינסטאַנצען און אויסגעאַרבעט געוואָרען פאַרשידענע מעמאָריאַלען, וועלכע האָבען אַלזייטיג באַלויכטען און אויפגעוויזען די שעדלעכקייט פון דעם סיסטעם, וואָס פאַראַליזירט דעם גאַנצען האַנדעל און געפאָדערט, אַז די שטייערען זאָלען אויסגעמאָסטען ווערען אויף אַ ראַציאָנעלען אופן. דורך די באַמיהונגען פון סוחרים פאַראיין איז געלונגען אויסצופועלען, אַז ס'זאָלען רעווידירט ווערען פאַרשידענע באַשלוסען אין די שטייער-ענינים, ווי אויך איז מיטגעהאָלפען געוואָרען אין קאַמף, אַז ס'זאָל פאַרקלענערט ווערען דער אינדוסטרי-שטייער און הכנסה-שטייער, און ס'זאָל איינגעפירט ווערען פאַרשידענע פאַרלייכטערונגען און נייע רעפאָרמען אויף אָט דעם געביט.

איינע פון די הויפּט-יסודות פון היגען סוחרים פאַראיין איז געווען, אַז די פאַרשידענע סעקציעס, וועלכע זענען אין אים אָנגעשלאָסען און אַרבעטען אויטאָנאָם, זאָלען אין גאַנץ וויכטיגע פראַגען, מיט פאַראייניגטע כּוחות, אונטערנעמען אַקציעס, כּדי צו שיצען זייערע באַדראָטע האַנדעל-פּאָזיציעס—אויף דעם וועג איז אַ סך דערגרייכט געוואָרען. באַ׳ם סוחרים פאַראיין זענען טעטיג די סעקציעס:

## הורט-סעקציע פון דער מאַנופאַקטור- און וואָל-בראַנזשע

די סעקציע פאַראייניגט אַלע גרויסע הורט-סוחרים פון די בראַנזשעס; די טעטיגקייט פון דער סעקציע איז געגאַנגען אין דער ריכטונג איינצושטעלען נאָרמאַלע באַציהונגען צווישען צושטעלער און אָבנעמער. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען די פאַרקויף-באַדינגונגען, דורך אַ רעגולאַמין, וועלכער איז מתחייב דעם הורט-סוחר לגבי זיין אָבנעמער. די סעקציע האָט אויך גענומען איר שטעלונג צו אַ גאַנצער ריי וויכטיגע פראַגען, ווי: דאָס פעלען פון דיסקאָנטען-קרעדיט, דאָס פאַרעלטערטע האַנדעל-געזעץ וועגען שיצען די רעכט פון גלויביגער, ווי אויך די שלעכטע שטייערען-פּאָליטיק.

## דעטאַליסטען-סעקציע פון דער טעקסטיל-בראַנזשע

די סעקציע שטייט אויף דער וואַך צו שיצען די בראַנזשע-אינטערעסען פון אירע מיטגלידער הן אין די שטייער-פראַגען ווי אויך אין אַלגעמיינע ענינים, וועלכע זענען פאַרבונדען מיט דער עקזיסטענץ פון די סוחרים-דעטאַליסטען. די סעקציע האָט אָנגעפירט אַ שאַרפע אַקציע קעגען דער נישט-ערלעכער קאָנקורענץ ווי אויך אַקעגענגעשטעלט זיך דאָס שאַפען פון די פאַבריק-געשעפטען.

## גאַרן-סעקציע

די סעקציע האָט פאַרנומען זיך מיט׳ן פעסטשטעלען די פאַרקויף-באַדינגונגען צווישען דעם שפּינער און דעם גאַרן-הענדלער, ווי אויך געשאַפט אַ צוזאַמענאַרבעט צווישען די מיט-

גלידער און אויסעלימינירט די נישט-ערלעכע קאָנקורענץ. די סעקציע האָט אָנגענומען אַ דעצידירענדיגע שטעלונג און אָנגעפירט אַ קאַמף מיט'ן אַנאָנימען האַנדעל פון דער בראַנזשע.

## סעקציע פון כעמישע אונטערנעמונגען

די סעקציע פאַראייניגט די וויכטיגסטע אונטערנעמונגען פון דער כעמישער בראַנזשע. די סעקציע האָט פאַרנומען זיך מיט אַלע אַקטועלע פראַגען פון דער בראַנזשע, און דער עיקר מיט'ן נאָרמירען די פאַרקויף-באַדינגונגען פון די כעמישע אַרטיקלען, וועלכע פאַרפליכטען באַ'ם פאַרקויף.

## האַנדעל-פאָרשטייער-סעקציע

די סעקציע פאַראייניגט די פאָרשטייער פון די אָנגעזעהענסטע אויסלענדישע האַנדעל-הייזער, וועלכע שטעלען צו רוישטאָפען און האַלב-רוי-שטאָפען דער טעקסטיל-אינדוסטרי. די סעקציע האָט כסדר באַהאַנדעלט דעם שלעכטען מצב אין וועלכען ס'האָבען געפונען זיך די האַנדעל-פאָרשטייער, וועלכע האָבען געליטען היזקות נישט בלויז פון עקאָנאָמישען קריזיס, נאָר צוליב דעם כסדרדיגען פאַרגרעסערען זיך פון די באַשרענקונגען און אַריינפיר-באַגרעניצונגען. אַ סך אויפמערקזאַמקייט האָט די סעקציע אויך געשאָנקען די פראַגע פון דעם אָנטייל פון די האַנדעל-פאָרשטייער אין עקספאָרט. ס'איז אויסגעפועלט געוואָרען בנוגע די אויסלענדישע האַנדעל-פאָרשטייער, וועלכע באַזיצען קאָנסיגנאַציע-לאַגערען פון וואָל, אָבפאַל-וואָלענעם, באַנוועל און אָבפאַל-באַנוועלנעם, אַז זיי זאָלען צאָלען הכנסה-שטייער נאָר פון דער פראָוויזיע. די פאָרשטייער פון דער סעקציע האָבען גענומען אַנ'אַקטיווען אָנטייל אין די צוזאַמענפאָרען פון דער „פעדעראַציע פון האַנדעל-פאָרשטייער-פאַראיינען פון דער פוילישער רעפובליק".

## קאָלאָניאַל-בראַנזשע-סעקציע

די רעגלאַמענטאַציע אויפ'ן אַריינפיר פון אַרטיקלען, וועלכע ווערען אימפאָרטירט פון אויסלאַנד האָט אָבגערופען זיך פאַטאַל אויף דער פרוכטען-בראַנזשע, ווי אויך דער הויכער אַריינפיר צאָל-אָבצאָל האָט דערפירט, אַז די אומזאַצען זענען פאַרקלענערט געוואָרען ביז אַ מינימום. די סעקציע האָט אָנגעפירט אַ קאַמף מיט דער איבעריגער רעגלאַמענטאַציע און באַמיט זיך, אַז דער אַריינפיר-צאָל-אָבצאָל זאָל פאַרקלענערט ווערען, וואָס איז אויך טיילווייז רעאַליזירט געוואָרען.

## עקספּעדיטאָרען-סעקציע

די סעקציע האָט אינטערווענירט באַ דער געהעריגער מאַכט אין באַן-ענינים, וועגען רעגולירען דעם פאַרקער פון לאָדונגען און מכח דאָס אויסנוצען גאַנצע וואַגאָנען פון איבערשיקונגען. די סעקציע איז אַרויסגעטרעטען צו דער מאַכט וועגען פאַרקלענערען דעם אינדוסטרי-שטייער לויט דעם אומזאַץ פון דער עקספּעדיציע-אונטערנעמונג.

## סעקציע פון האָלץ-סוחרים.

די סעקציע איז אַנטשטאַנען מיט'ן ציל געזונט צו מאַכען די באַציהונגען אין דער האָלץ-בוי-בראַנזשע, דורכ'ן באַקעמפען די יחידים וואָס פירען אַ נישט-לעגאַלען האַנדעל, ווי אויך דער נישט-ערלעכער קאָנקורענץ. די סעקציע האָט פאַרנומען זיך מיט'ן שיצען דעם קרעדיט דורך נישט דערטיילען קיין קרעדיט די אָבנעמער, וועלכע האָבען נישט דערפילט זייערע התחייבות'ן, ווי אויך נאָרמירט די פאַרקויף-באַדינגונגען. די סעצקיע איז אַרויסגעטרעטען קעגען די נישט-גערעכטע אויסמעסטונגען פון די שטייערען און סאָציאַלע פאַרזיכערונגען.

## סעקציע פון באַנוועל-לוין-אַפּרעטורען.

די סעקציע האָט אינטערווענירט אין פאַרשידענע סכסוכים וואָס זענען אַנטשטאַנען באַ פרייזען-אונטערשידען, צווישען די לוינער און פאַבריקאַנטען: די סעקציע האָט אויך באַמיט זיך צו ווירקען, אַז אַלע לוין-אַפּרעטערצרס זאָלען איינפירען נאָרמאַלע ביכער, בכדי צו פאַרמיידען דער נישט-ערלעכער קאָנקורענץ אין דער בראַנזשע.

## זייף-סעקציע.

די סעקציע אַרויסגייענדיג פון דער הנחה, אַז דאָס באַלאַסטען מיט שטייערען רופט זיך שלעכט אָב אויף דער קאָנסומציע, מאַכענדיג טייער דעם פראָדוקט — האָט באַמיט זיך צו פאַרקלענערען דעם אינדוסטרי-שטייער ווי אויך צו פאַרקלענערען די סטאַווקע פון דער מיטעלער-הכנסה פאַר דער זייף-אויסאַרבעטונג. די סעקציע האָט אויך אינטערווענירט וועגען פאַרקלענערען דעם איבערפיר-פרייז פון זייף אויף די באַנען דורך פאַרקלענערען דעם באַן-טאַריף. די סעקציע האָט באַמיט זיך צוליב'ן כאַאָס פון די פרייזען, צו נאָרמירען די פאַרקויף באַדינגונגען.

## סעקציע פון ראַדיאָטעכנישע אונטערנעמונגען.

די סעקציע האָט פאַר אַ ציל, צו באַהערשען דעם כאַאָס וואָס איז געשאַפען געוואָרען אויפ'ן האַנדעל-מאַרק מיט די אַרטיקלען, ווי אויך דאָס נאָרמירען פון די פאַרקויף-באַדינגונגען דורכ'ן פעסטשטעלען צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון דער אינדוסטרי איינהייטלעכע פרייזען. די סעקציע האָט אויך אויסגעאַרבעט די באַדינגונגען פאַר דער צוזאַמענאַרבעט מיט די אַקוויזיטאָרען.

## קרעדיט-שוץ.

דער „קרעדיט-שוץ" אָבטייל שיצט די קרעדיט-געבער קעגען באַנקראָטירטע און בייזוויליגע בעלי חובות, דער אָבטייל האָט חוץ אינדיווידועלע אינטערווענצען אויך אָרגאַניזירט אַ גאַנצע ריי קאָלעקטיווע אַקציעס. דער עיקר קעגען בייזוויליגע בעלי חובות וועלכע האָבען אָבגעשטעלט זייערע צאָלונגען. חוצדעם האָט דער „קרעדיט-שוץ" אָבטייל געשטרעבט איינצופירען וואָס אַברייטערען רעכטלעכען קרעדיט-שוץ, דורך דעם כסדר'דיגען פאָדערען די אוניפיקאַציע פון האַנדעל-געזעץ.

## קעגענזייטיגע הילף-קאַסע.

אַנ'אויסדרוק פון סאָלידאַרישקייט פון די פאַראיינמיטגלידער איז די „קעגענזייטיגע הילף-קאַסע" אויפ'ן פאַל פון טויט, וועלכע קאַסירט איין צו 20 גילדען פון אירע מיטגלידער, באַ יעדען טויט פאַל פון אַ מיטגליד. די קאַסע האָט געבראַכט פאָזיטיווער הילף דער פאַריתומטער פאַמיליע. אין דער עקזיסטענץ-צייט האָט די קאַסע אויסגעצאָלט 23 פאַמיליעס — 85 טויזענט 700 גילדען. אין אַסך פאַלען, ספּעציעל אין דער קריזיס-צייט, איז דאָס געווען די איינציגע ירושה נאָכ'ן פאַרשטאָרבענעם און טיילמאָל האָט מען פון די פאָנדען גענומען מיטלען צו דעקען די קאָסטען פון באַגרעבעניש.

## ליי-קאַסע

וועלענדיג צוהילף קומען די מיטגלידער וועלכע געפונען

## פאַרוואַלטונג:



ל. מאָקרסקי
סעקרעטאַר



יוליוש לעווסטיין
פּרעזעס



יאַקוב הערץ
וויצע



ה. מאַלאַכאָווסקי



ד״ר ש. ווישעוויאַנסקי



א. קאָן



ד. בערקאָוויטש



ל. פעלדבערג



ד״ר. מ. היימאַן



ח. ל. ליפּנאָווסקי

זיך אין אַ קריטישען מצב, איז בּאַם „סוחרים פאַראיין" געשאַפען געוואָרען אַ לייִ־קאַסע. ס'איז אַרויסגעבאָרגט געוואָרען 34 מיטגלידער — 14 טויזענט 898 גילדען און 34 גראָשען. די הלואה האָט אָפט דערמעגליכט ווייטער צו פירען דעם מסחר, צו באַצאָלען די שטייערן, דירה־געלט, אָדער, אָבגעראַטעוועט פון אַנ'עקסמיסיע.

### סטיפּענדיעס.

אין אַ גוטער צייט, בעת ס'איז געווען פאָנדען און אונטערשטיצונגען פון די מיטגלידער, האָט דער ס. פאַראיין באַשטימט אַ גאַנצער רייִ סטיפּענדיעס פאַר דער שטודירענדיגער יוגענט. ס'איז אַרויסגעגעבען געוואָרען 4 טויזענט, 595 גילדען און 2 גראָשען אויף סטיפּענדיעס.

### אָרגאַן.

זייט דעם 1 סעפּטעמבער 1926 דערשיינט אַנ'אָרגאַן, א. נ. „סוחרישע שטים" אונטער דער רעדאַקציע פון מ. קאָלטאָנסקי, אַרויסגעגעבען פון „סוחרים פאַראיין".

בּאַם ס. פאַראיין עקזיסטירט אַ.קלוב, אין וועלכען ס'זענען אייִנגעאָרדענט געוואָרען פאָרלעזונגען, אַקאַדעמיעס; ס'אין געשאַפען געוואָרען אַ ביבליאָטעק און לייען־זאַל.

דער סוחרים פאַראיין האָט זיינע 7 פאָרשטייער אין דער היגער „האנדעל און אינדוסטרי קאַמער", אין היגען „האַנדעלגעריכט" 7 ריכטער, און אין דער אַפּעלאַציע־קאָמיסיע בּאַ דער לאָדזשער פינאַנץ־קאַמער 4 מיטגלידער.

די פאַרוואַלטונג פון סוחרים־פאַראיין אויפ'ן 1935—36 י. באַשטייט פון די ה'ה: יוליוש לעווסטיין — פּרעזעס, מיעטשיסלאַוו הערץ און יאַקוב הערץ—וויצע־פּרעזעסען. אין דער פאַרוואַלטונג: ל. מאָקרסקי, ד'ר ז. שינאַגעל, א. וויינשטיין, ד. בערקאָוויטש, ל. קאָראַל, א. קאָן, ק. מאָניץ, ה. מאַלאַכאָווסקי, א. ריגלער, מ. זאַקס, ד. ווישעוויאַנסקי, ד'ר ש. ווישעוויאַנסקי, און ד'ר ז. וואַרשאַווסקי. פאַרטרעטער: ס. בלומבערג, ל. פעלדבערג, ס. האָפמאַן, ח. ליפּנאָווסקי, ע. אָבערלענדער, ז. ראַפּעפּאָרט, מ. טעמפּעלהאָף און מ. ווייִלאַנד.

דירעקטאָר: מ. היימאַן.

דער סוחרים־פאַראיין ציילט 374 מיטגלידער.

# סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין

דער „סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין” איז געגרינדעט געוואָרען אין 1926, דורך יודישע און קריסטלעכע סוחרים. די ערשטע פאַרוואַלטונגען זענען געווען געמישטע, פון יודען און קריסטען. נאָך אַ ריי יאָרען איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג און די קריסטען זענען אַרויסגעטרעטען פון אים — און דער „סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין”, (פּיעטריקאָווער 90) איז געבליבען אַ ריין יודישער.

נאָך דער גרינדונג פון „סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין” איז די צאָל פון זיינע מיטגלידער געווען אַ קליינער. די ערשטע צייט איז די אַרבעט געווען אַ ריין אָרגאַניזאַציאָנעלע. ביסלעכווייז איז איינגעשטעלט געוואָרען עטלעכע סעקציעס, ווי: שפּריט און וויינהאַנדעל-סעקציע, גאַלאַנטערי-סעקציע און מאַנופאַקטור-סעקציע — וועלכע האָבען גענומען אָנפירען אַ טעטיגקייט, איטלעכע אין איר בראַנזשע.

אין 1931 יאָר טרעט אַריין אַ שטאַרקע אויפלעבונג אין היגען „סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין”, מחמת ס'האָבען אָנגעשלאָסען זיך אַ גאַנצע ריי נייע סעקציעס, וועלכע זענען דעמאָלט אַרויסגעטרעטען פון היגען עקזיסטירענדיגען „צענטראַלען סוחרים פאַראיין”, (פּיעטריקאָווער 10) און אַריבער אין „סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין”, (פּיעטר. 90). דורכדעם האָט זיין טעטיגקייט-קרייז שטאַרק פאַרגרעסערט זיך.

דער ס. ד. פ. באַזיצט איצט אויסער די אויבענדערמאָנטע סעקציעס, אויך די פּאַפּיר-סעקציע, אייזען און פאַרבען-סעקציע, ביבליאָטעק-באַזיצער-סעקציע, קאַפּעלוש-סוחרים-סעקציע, אַלט-אייזען-סעקציע, טאַבאַק-הענדלער-סעקציע, עלעקטרישע מכשירים און ראַדיאָ'ס-סעקציע, ראַטעס-געבער-סעקציע און גאַסטראָנאָמי סעקציע.

דער „סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין”, (פּיעטר. 90) האָט אין משך פון זיין עקזיסטענץ-צייט אויסגעאַרבעט פאַרשידענע מעמאָריאַלען וועלכע זענען פאָרגעשטעלט געוואָרען אין די מאָסגעבענדיגע רעגירונג-קרייזען, מכח די אָנגעווייטאָגסטע לעבענפראַגען וואָס זענען נוגע דעם יודישען סוחרים-קלאַס, ווי אויך זענען פון צייט צו צייט גערופען געוואָרען פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצען, כדי צו פאַרבעסערען די לאַגע פון יודישען סוחר-דעטאַליסט.

באַ'ם ס. ד. פאַראיין עקזיסטירט אַ קלוב.

דער „סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין” ציילט זעקסהונדערט מיטגלידער.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ה'ה: מ. דאָבזשינסקי — פּרעזעס, ל. טרייסטמאַן און אינזש. סט. גליקסמאַן — וויצע-פּרעז., פּ. ווינדמאַן — סעקרעטאַר, ה. ציעשעלסקי — קאַסירער, וו. צוקער און י. ליכטענשטיין —ווירט-לייט. פאַרוואַלטונג-מיטגלידער: ר. גראַבאָוויעצקי, י. ע. כענטשינסקי, ל. זיסקינד, י. ניימאַן, ה. וועקסלער, א. ראָזענבוים, מ. לעווקאָוויטש, סט. קאָן. ל. פרידלאַנד, נ. הימעלפאַרב און י. קאָלאָדני. פאַרטרעטער: מ. סענדעראָוויטש, י. פּאַמיליער, מ. זילבערבערג, ח. דערעש, מ. קאַפּעלושניק, י. פראַנק, ל. העניג, ח. ווייס און י. ראַפּאַלאָוויטש. רעווידיר-קאָמיסיע: י. אָסטראָווסקי, מ. גאָלדבלום, ל. טיבער, א. בערגער, ז. גאָלדבערג און ה. ראַפּון.

דירעקטאָר: מ. פריילין.

פאַרוואַלטונג:



וו. צוקער
ווירט



פּ. ווינדמאַן
סעקרעטאַר



מ. דאָבזשינסקי
פּרעזעס



ל. טרייסטמאַן
וויצע



י. ליכטענשטיין
ווירט



י. אָסטראָווסקי



עקיבא כענטשינסקי



ל. זיסקינד

# צענטראַלער קלײנהענדלער פאַראײן

אין 1919 איז דורך דער איניציאַטיוו פון ה׳ מ. פראַנקענ-טאַל, גערופען געוואָרען פאַרשידענע קלײנהענדלער-גרופען אין לאָקאַל פון דער אָרטיגער יודישער פאָלקיסטישער אָרגאַניזאַציע, (פיעטריקאָווער 25) מיט׳ן ציל זײ צו אָרגאַניזירען. (אַגב זענען די קלײנהענדלער אין אונזער שטאָט נאָך ביז דעמאָלט כמעט נישט געווען אָרגאַניזירט) ס׳זענען אײנגעשטעלט געוואָרען עטלעכע סעקציעס, ווי: שאַכער, קלײן-פיש הענדלער, א. א. וועלכע האָבען גענומען אָנפירען אַ טעטיגקײט. אין משך פון ערשטען יאָר איז צוגעקומען אַ גאַנצע רײ נײע סעקציעס.

אין 1921 איז אין לאָקאַל פון „שנײדער-מײסטער פאַראײן", (פיעטר. 20) פאָרגעקומען די גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון דעם לאָדז-שער אָבטײל פון וואַרשעווער „צענטראַל-פאַרבאַנד פון קלײנ-הענדלער".

די ערשטע לײטונג איז באַשטאַנען, פון דער פאַרוואַלטונג: מ. אוניקאָווסקי—פרעזעס, מ. קירשבוים—וויצע, י. אָבערזשאַנעק—סעקרעטאַר, ש. מאָרדכאַיעוויטש, ה. קאַלב, מ. לאַסמאַן, ש. בער-לינסקי, מ. סאָראָקאַ און ד. פאַוולאָווסקי. פון ראַט: מ. פראַנקענ-טאַל—פרעזעס, ד״ר י. הערשפינקעל—סעקרעטאַר, ש. לײבאָוויטש, מ. אײכענבוים, י. זענדעל, ז. דזשובאַק, ה. שילעוויטש, וו. דזשאַ-לאָשינסקי, ד. טענענבוים, ד. העניג און יוסף ראָזענפאַרב. י. ד. טענענבוים.

אין דער צײט איז דער „צענטראַלער קלײנהענדלער-פאַראײן" אַריבערגעצויגען אין לאָקאַל אויף זאַוואַדזקע 5, וואו ר׳האָט גענומען אָנפירען אַ ברײט-פאַרצווײגטע אַרבעט צווישען די היגע קלײנהענדלער.

אין 1930 ציהט אַריבער דער „צענטראַלער קלײנהענדלער פאַראײן" אויף פּאָמאָרסקע 15, וואו זײט דעמאָלט איז ער שטאַרק אויסגעוואַקסען און פירט אַ נאָרמאַלער אַרבעט.

צום „צענטראַלען קלײנהענדלער פאַראײן", (פּאָמאָרסקע 15) זענען אַנגעשלאָסען אַ גאַנצע רײ סעקציעס.

דער היגער „צענטראַלער קלײנהענדלער פאַראײן" האָט זײנע אָבטײלונגען אין לענטשיץ, פּאַביאַניץ, און אין לאָדזש אויף נײ-זאַרזשעווסקע 10, („קלײנהענדלער-עקספּאָזיטור").

דער „צענטראַלער קלײנהענדלער פאַראײן" האָט במשך פון זײן עקזיסטענץ-צײט אויסגעאַרבעט פאַרשידענע מעמאָריאַלען, וועגען די אָנגעווײטאָגסטע פראַגען פון קלײנהענדלערטום און וועלכע זענען פאָרגעשטעלט געוואָרען אין די געהעריגע רעגי-רונג-קרײזען. האָט גערופען קאָנפערענצען און פאַרזאַמלונגען, כּדי אויפצוקלערען דעם יודישען קלײנהענדלער וועגען איטלעכער געשאַפענער לאַגע, וואָס איז נוגע זײנע לעבען-אינטערעסען.

## פ א ר וו אַ ל ט ו נ ג:



שלום סעגאל
וויצע



אדוו. י. ווײצמאַן
ערען-פרעזעס



לײב פײס
וויצע



שלמה גרונדמאַן



משה גאָלדקינד



משה אײזיק
סעקרעטאַר



יעקב לענקאָווסקי
פרעז.—קאָנפּעקצ. סעקצ.

אַ צײט שפּעטער איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגען צענט-ראַליזירען די קלײנהענדלער אין לאָדזש און וואָיעוואָדשאַפט.

סוף 1924 איז דער היגער „צענטראַלער קלײנהענדלער-פאַראײן" לעגאַליזירט געוואָרען דורך דער מאַכט. אויף דעם סטאַטוט פיגורירען די נעמען פון די גרינדער: מ. אוניקאָווסקי, ל. קאַהאַן, ש. וויערניק, ש. דײטעלצווײג, מ. קירשבוים און

פאַר די נישט-פאַרמעגלעכע מיטגלידער ווערט דורכ׳ן „צענטראַלען קלײנהענדלער פאַראײן", אײנגעאָרדענט יאָר-יערלעך אַ קוילען, פסח און פּאַטענטען-אַקציע, פון וועלכע עס נוצען אַנ׳-ערך 250 מיטגלידער.

באַ׳ם צ. ק. פ. איז טעטיג אַ גמילת חסדים קאַסע.

דער צ. ק. פאַראײן צײלט 1291 מיטגלידער.

# פאַראיין פון דער שטרימף-אינדוסטרי

דעם 10 מאַי 1919 איז אַנטשטאַנען, דורך דער איניציאַטיוו פון אַ קליינער גרופּע מיט יעקב קאַהאַן בראש, דער „שטרימף - פאַבריקאַנטען פאַראיין אויף דער שטאָט לאָדזש און אומגעגענט”.

די גרינדער זענען געווען: יעקב קאַהאַן, סאַמועל הערמאַן, הערץ גרינבערג, משה ראָזענפעלד, דוד וואָלמאַן, מאיר דאַנציגער, אלעזר ברוין, רודאָלף שולץ, אַדאָלף קאָבש און אַדאָלף גריליך.

דער פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרען דורך יודישע און דייטשע פאַבריקאַנטען.

אין יענער צייט האָט די גאַנצע בראַנזשע נאָך געפונען זיך כמעט אין די ווינקעלעך און די פאַראיין-טעטיגקייט איז געווען זייער אַ באַשרענקטע. דער פאַראיין האָט פאַרנומען זיך: מיט רעגולירען די באַציהונגען צווישען די פאַבריקאַנטען און אַרבעטער, ווי אויך איז דער איינקויף פון רוימאַטעריאַלען אַדורכגעפירט געוואָרען דורכ'ן פאַראיין.

חוצדעם האָט אַ קליינע פאַבריקאַנטען-גרופּע באַם פאַראיין געשלאָסען דעמאָלט צווישען זיך אַ קעגענזייטיגען התחייבות-אָבמאַך — וואָס איינער האָט גאַראַנטירט פאַר'ן צווייטענס קרעדיטפעהיגקייטען. דורך דעם אָבמאַך האָט די פאַבריקאַנטען-גרופּע באַקומען ביליגע קרעדיטען אין אַ ריי היגע בענק.

בעת'ן פויליש-דייטשען צאָל-קריג, ווען ס'איז פאַרוואַרט געוואָרען אַריינצופירען אין לאַנד אַריין דייטשע אַרטיקלען — איז אַריינגעטרעטען אַ שטאַרקע אויפלעבונג אין דער היגער זאָקען-אינדוסטרי: ס'ווערען דעמאָלט דאָ אויפגעשטעלט די ערשטע קאָטאָן-

מ י ט ג ר י נ ד ע ר :



אדאָלף קאָבש



יעקב קאַהאַן
ערשטער פּרעזעס



משה ראָזענפעלד

פ אַ ר װ אַ ל ט ו נ ג :



אָסקאַר קאַהאַן
סעקרעטאַר



פּאַוועל מאַרגולעס
וויצע



משה זיידענוואָרם
פּרעזעס



אדאָלף קאָבש
וויצע



ראַטט. יאָאַכים זילבערשפּיץ
קאַסירער



הערש וואַנטיק



יחיאל פּאַפּאָווסקי



יעקב פרידלאַנד



אָטאָן האַג

מאַשינען, וועלכע האָבען גענומען באַרייכערען די פּראָדוקציע מיט די פיינסטע קוואַליטעטען סחורה: אין יענער צייט האָט דער פאַראיין אָפט אינטערוועניערט אין די געהעריגע קרייזען וועגען אריינפיר-באַשיינונגען אויף מאַשינען און אויסגעפועלט פאַרלייכטערונגען אין פאַרשידענע צאָל-ענינים.

דער פאַראיין איז שפּעטער געשטיגען, זיין מיטגלידערצאָל איז געוואַקסען און ער האָט גענומען גרופּירען אַרום זיך די אָנגעזעהענסטע פאָרשטייער פון דער אינדוסטרי.

דער פאַראיין האָט במשך פון זיין עקזיסטענץ געראופען פון צייט צו צייט קאָנפערענצען און פאַרזאַמלונגען וועגען פאַרשידענע בראַנזשע-ענינים, ווי אויך אַרויסגעטרעטען מיט מעמאָריאַלען אין די געהעריגע רעגירונג-ספערען און אַדורכגעפירט אינטערווענצען אין די קרייזען לטובת זיינע מיטגלידער. דער פאַראיין האָט אויך אַ סך פאַרנומען זיך מיט אַרבעטער-פראַגען, וואָס האָבען געהאַט פאַר אַ ציל, צו נאָרמירען די באַציהונגען צווישען דעם אינדוסטריעלער און אַרבעטער.

דער פאַראיין האָט 1 ראַטמאַן אין דער היגער „האַנדעל און אינדוסטרי-קאַמער", 1 האַנדעל-ריכטער און עטלעכע ריכטער אין אַרבעטער-געריכט.

1937 האָט דער פאַראיין באַקומען פון האַנדעל און אינדוסטרי מיניסטעריום באַשטעטיגט דעם נייעם סטאַטוט, אונטערן נאָמען: „פאַראיין פון דער שטרימף - אינדוסטרי אין דער פוילישער רעפּובליק.

די פאַרוואַלטונג אויפ'ן 1937/8 י. באַשטייט פון די ה'ה: משה זיידענוואָרם — פּרעזעס, פּאַוועל מאַרגולעס און אַדאָלף קעבש — וויצע פּרעזעסען, אָסקאַר קאָהאַן — סעקרעטאַר, יאָאַכים זילבערשפּיץ — קאַסירער. אין דער פאַרוואַלטונג: יעקב פרידלאַנד, יחיאל פּאָפּאָווסקי, הערש וואַנטיק און אָטאָן האַז.

# באַנק פון דער שטרימף-אינדוסטרי

דורך דער איניציאַטיוו פון אַ גרופּע פאַבריקאַנטען איז אונטערגענומען געוואָרען אַן אַקציע צו שאַפען אַן אייגענע באַנק באַם פאַראיין. אין 1935 איז דערפענט געוואָרען די קאָאָפּעראַטיווע „באַנק פון דער שטרימף-אינדוסטרי" מיט אַ פּאַי-קאַפּיטאַל פון באַשטייט פון די ה'ה: הערש פּראָפּעסאָרסקי — פּרעזעס, יאָאַכים זילבערשפּיץ און יעקב פרידלאַנד — פאַרטרעטער.

דער אויפזיכט-ראַט באַשטייט פון די ה'ה: פּאַוועל מאַרגולעס — פּרעזעס, יחיאל פּאָפּאָווסקי — וויצע, הערש וואַנטיק,

באַנק-פאָרשטייער:



ראַטמ. יאָאַכים זילבערשפּיץ
וויצע



הערש פּראָפּעסאָרסקי
פּרעז. פון פאַרוו.



פּאַוועל מאַרגולעס
פּרעז. פון ראַט



יעקב פרידלאַנד
וויצע



יחיאל פּאָפּאָווסקי
וויצע



איגנאַץ קאַדישעוויטש
דירעקטאָר



אדוו. טאַדעאוש קלינגער
קאָנסולטאַנט

16 טויזענט גילדען (יעדער פּאַי צו 500 גילדען). די קאָאָפּ. „באַנק פון דער שטרימף-אינדוסטרי" פירט אַדורך פאַרשידענע באַנק אָפּעראַציעס פאַר זיינע מיטגלידער און באַזיצט אין 1937 58 פּאַי-מיטגלידער און אַ פּאַי-קאַפּיטאַל פון 75 טויזענט גילדען.

די פאַרוואַלטונג פון דער „באַנק פון דער שטרימף-אינדוסטרי" בנימין לייב יאָסקאָוויטש און לעאָן פליוטאַ.

זייט סוף 1923 איז דירעקטאָר פון פאַראיין ה' איגנאַץ קאַדישעוויטש און זייט דער גרינדונג פלעגט ער אויך דעם אַמט אַלס דירעקטאָר פון דער קאָאָפּעראַטיווער „באַנק פון דער שטרימף-אינדוסטרי.

# סוחרים פאַראיין פון רוישטאָפען און טעקסטיל האַלב־פאַבריקאַטען

דער „פאראיין פון אָבפאַל־הענדלער און שמאַטעס" איז אייגענ־טלעך געגרינדעט געוואָרען דעם 7 דעצעמבער 1920, נאָר צוליב זיין שוואַכער טעטיגקייט האָט ער נאָך עטלעכע יאָר וועגעטירען אויפגע־הערט צו עקזיסטירען.

ערשט דורך דער איניציאַטיוו פון אַ גרופע סוחרים איז דעם 8 דעצעמבער 1927 פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון „האַנטווערקער קלוב" (פאַלודניאָווע 4) די פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'איז באַשלאָ־סען געוואָרען צו שאַפען דעם „סוחרים פאַראיין פון רוישטאָפען און טעקסטיל האַלב־פאַבריקאַטען" אין אונזער שטאָט.

ערשטע פאַרוואַלטונג:



מענדעל באַנקער



אהרן אַפט



מענדעל יודקאָוויטש

די גרינדער זענען געווען די ה'ה: בנימין טאָכטערמאַן, טעאָפיל קאָן, אהרן אַפט, שלמה פראָגעל און אברהם אַפּאָליאָן.

דעם 29 מערץ 1928 איז דורך דער היגער וואָיעוואָדישער מאַכט לעגאַליזירט געוואָרען דער סטאַטוט פון „סוחרים פאַראיין פון רוישטאָפען און טעקסטיל האַלב־פאַבריקאַטען".

די ערשטע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון די ה'ה: שלמה פראָגעל, מענדעל יודקאָוויטש, ל. לעווקאָווסקי, פעליקס שוויעטשקי, אהרן אַפט, בנימין טאָכטערמאַן, טעאָפיל קאָן, משה בלומאָוויטש, א. אַפּאָליאַן. קאַנדידאַטען: י. פּאָוואָדאָווסקי, מ. א. לעווינסאָן, הערש האַבער, מענדעל באַנקער, חיים עקשטיין. רעווידיר קאָמיסיע: מ. עלבוים, נ. איזראַעלסקי, ז. ביטערמאַן.

דעם 6 מאַי 1928 איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפע־נונג פון לאָקאַל אויף מאָניושקי 5, וואו דער פאַראיין האָט זייט דעמאָלט אָנגעפירט אַ נ'אַרבעט אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט: האָט



סאַלאָמאָן שעפס
סעקרעטאַר



נאַטאַן ריבאַ
פרעזעס



יוזעף בירענצווייג
וו. פרעזעס



מענדעל באַנקער
קאַסירער

באַקעמפט די נישט ערלעכע קאָנקורענץ צווישען זיינע מיטגלידער, ווי אויך אים פאַרטיידיגט אין די געהעריגע קרייזען און אויס־געגליכען פאַרשידענע סכסוכים, וואָס זענען אַנטשטאַנען צווישען פאַבריקאַנטען און מיטגלידער.

זייט 1928 איז בא'ם פאַראיין טעטיג אַ געזעלשאַפטלעכער קלוב פאַר מיטגלידער און געסט.

1928 איז באַם פאַראיין געגרינדעט געוואָרען אַ קאָאָפּעראַ־טיווע באַנק, וועלכע האָט אָבער נאָך עטלעכע יאָר אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

נאָך די טרויעריגע געשעהענישען אין היטלער־לאַנד איז בא'ם פאַראיין געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלער קאָנטראָל־קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאַט פאַר זיין אויפגאַבע, אָבצוהיטען, אַז די יודישע סוחרים פון רוימאַטעריאַלען און טעקסטיל האַלב־פאַבריקאַטען זאָלען נישט אימפּאָרטירען קיין סחורות פון דייטשלאַנד. דער קאָמיטעט האָט בשעתו אָנגעפירט אַנוצלעכער אַרבעט.

דער „סוחרים פאַראיין פון רוישטאָפען און טעקסטיל האַלב־פאַבריקאַטען" (6 שערפּיען 4) האָט זיינע בראַנזשען־זאַכקענער אין דער היגער „האַנדעל און אינדוסטרי קאַמער" און אין די שטייער־אַמטען, ווי אויך האַנדעל־ריכטער אין היגען פרידענ־געריכט.

דער פאַראיין גרופּירט אַרום זיך בלויז סוחרים פון דער רוישטאָפען און טעקסטיל האַלב־פאַבריקאַטען בראַנזשע און ער ציילט 220 מיטגלידער.

די פאַרוואַלטונג אויפ'ן 1937/8 יאָר באַשטייט פון די ה'ה: נאַטאַן ריבאַ — פרעזעס, יוזעף בירענצווייג — וויצע, סאַלאָמאָן שעפס — סעקרעטאַר, מענדעל באַנקער — קאַסירער, יאַקוב ליפסמאַן. קאַנדידאַטען: משה גינזבורג און איזאַק קאַרנאַייסקי.

# קאָלאָניאַל-הענדלער פאַראיין

אין אָנהייב פון דער מלחמה פלעגען אָפט קאָנפיסקירט ווערען סחורות באַ די היגע יודישע קאָלאָניאַל-הענדלער — און מ'האָט זיי געיאָגט און געפלאָגט עד לחרמה. (ווייל, ס'איז געווען פאַרווערט צו האַנדלען מיט לעבענמיטעל-פראָדוקטען).

דורך דער איניציאַטיוו פון אַ קליינער גרופע קאָלאָניאַל-סוחרים איז דעמאָלט אונטערגענומען געוואָרען, צו שאַפען אַ הורט-קאָאָפעראַטיוו פון שפייז-פראָדוקטען, בכדי אויפצולעבען דעם אָבגעשטאָרבענעם האַנדעל פון דער קאָלאָניאַל-בראַנזשע. נאָך דער צושטימונג פון „פּראָוויאַנטירונג-אַמט" באַם לאָדזשער „בירגער-קאָמיטעט", איז צונויפגערופען געוואָרען אין ענגלישען זאַל (פּאַסאַזש-שולץ 2) אין 1915 די גרינדונג-פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט צוגעצויגען אַ גרויסע קאָלאָניאַל-הענדלער מאַסע און אויף וועלכער ס'איז געשאַפען געוואָרען דער איינקויף-קאָמיטעט, ווי אויך די פינאַנצען פון דעם קאָאָפעראַטיוו.

דעם 25 מאַי 1915 איז דורך דער דייטשער אָקופּאַציע-מאַכט לעגאַליזירט געוואָרען דער היגער „קאָלאָניאַל-הענדלער פאַראיין" (דער ערשטער פון דער בראַנזשע אין גאַנץ פוילען) באַ וועלכען עס האָט געגומען פונקציאָנירען ד. 10 יוני ד. י. דער „הורט-קאָאָפעראַטיוו".

דער „הורט-קאָאָפּ." האָט לכתחילה באַקומען פון „פּראָוויאַנטירונג-אַמט" צוגעטיילט די קאָנטיגענט-אַרטיקלען: מעל, צוקער, נאַפט, זאַלץ. שפּעטער האָט דער קאָאָפעראַטיוו איינגעקויפט אַרטיקלען וועלכע זענען דעמאָלט נישט געווען רעגלאַמענטירט: זייף, ליכט, צוקאָריע, טיי, צוקערלעך און מאַרמאַלאַד.

אין יענער צייט זענען אין שטאָט די פרייזען פון פראָדוקטען כסדר געשטיגען, כל-זמן אָבער אין קאָאָפעראַטיוו האָט זיך געפונען אויף לאַגער פראָדוקטען זענען זיי פונאַנדערגעטיילט געוואָרען צווישען די שפייז-הענדלער אויף די אַלטע פרייזען — אַזוי אַרום, האָבען די סוחרים געקאָנט פריי האַנדלען.

דער קאָאָפעראַטיוו האָט זיך שנעל פאַרגרעסערט און ער האָט באַקומען צו פאַרקויפען וואָס אַמאָל אַלץ אַנדערע אַרטיקלען. ס'איז אויך דעמאָלט באַשטימט געוואָרען פאַר'ן קאָאָפּ. פון טאַבאַק-מאָנאָפּאָל אַ סכום פאַפּיראָסען אויף פונאַנדערצוטיילען צווישען זיינע מיטגלידער.

דער קאָאָפעראַטיוו האָט עקזיסטירט ביז 1921 יאָר.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט דער היגער „קאָלאָניאַל-הענדלער פאַראיין" דערליידיגט פאַרשידענע בקשות פון זיינע מיטגלידער צו דער מאַכט: וועגען רייזע-באַשייניגונגען אויף איינצוקויפען נויטיגע אַרטיקלען און מכח אַנדערע ענינים.

בעת ס'איז אַנטשטאַנען דער „ליכווע-אַמט", איז דעם ק. ה. פאַראיין נאָך גרויסע אינטערווענצען געלונגען צו רעגולירען די באַציהונגען פון זיינע מיטגלידער מיט'ן „אַמט"; איינצושטעלען געוויסע און איינהייטלעכע צענניקעס. דער פאַראיין האָט אויך אָנגעפירט אַ גרויסע אַרבעט (26—1922) בימי מיכאַלסקיס „דאַנינאַ" און גראַבסקי'ס „עגלה".

אין דער צייט איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דעם פאַראיין, בעת וועלכע אַ גרעסערע צאָל מיטגלידער זענען אַרויסגעטרעטען פון אים—וואָס האָט גורם געווען, אַז זיין טעטיגקייט איז כמעט ווי אָבגעשטאָרבען. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען און קאָנפערענצען איז לסוף אין 29 דעצעמבער 1927 געקומען צו אַן אויסגלייך און די אַרויסגעטרעטענע זענען צוריק אַריין אין „קאָלאָניאַל-הענדלער פאַראיין".

1928 איז באַ'ם „קאָלאָניאַל-הענדלער פאַראיין" דערעפענט געוואָרען אַ קאָאָפעראַטיווע באַנק, וועלכע איז אָבער נאָך צוויי יאָר געשלאָסען געוואָרען.

דער ק. ה. פאַראיין האָט אין 34–1927 אַרויסגעגעבען 325 הלוואות אויף פאַטענטען פאַר נישט-פאַרמעגלעכע מיטגלידער.



ה. גאָטליעב
וו. פרעזעס



אדוו. א. צימערמאַן
ערען פרעזעס



וו. אוליגאַחער
פרעזעס



י. ראָזענצווייג
פאַרוו. מיטגל.

# סוחרים פאַראיין פון לעבענמיטעל בראַנזשע

דער היגער „פרוכט און געמיזע הענדלער פאַראיין" איז געגרינדעט געוואָרען דעם 16 אַפּריל 1918.

אין יענער צייט האָט די דייטשע אָקופּאַציע-מאַכט שוין געהאַט אַרויסגעגעבען דעם פאַרבאָט צו האַנדלען מיט אַרטיקלען פונ'ם ערשטען געברויך, ווי: קאַרטאָפעל, ברויט, א. א. וו. (דאָס האָט מען געקאָנט באַקומען נאָר אויף ספּעציעלע קאַרטען, וועלכע איטלעכע פאַמיליע האָט געקריגען פאַר אירע מיטגלידער.

דער ניי-געגרינדעטער „פרוכט און געמיזע הענדלער פאַראיין" האָט באַלד געווענדט זיך צום היגען מאַגיסטראַט און צו די געהעריגע מאַכט-אָרגאַנען מיט אַ פאָרשלאַג, אַז דער פאַראיין זאָל באַקומען אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אויף אַ קאַרטאָפעל-פאַרקויף — וואָס ס'איז אים אויך דערטיילט געוואָרען; דורכדעם האָט אַ טייל פון דער היגער אָרעמער יודישער באַפעלקערונג געהאַט די מעגלעכקייט איינצושאַפען זיך דעם

פּראָדוקט, וואָס איז פריער אָנגעקומען מיט טויט-אַנגסטען און ס'איז אַ ביסעל געלינדערט געוואָרען די נויט וועלכע האָט געהערשט אין דעם אָרעמען יודישען קוואַרטאַל. שפּעטער האָט דער פאַראיין אויך אונטערגענומען פאַרשידענע אַקציעס בנוגע אַנדערע אַרטיקלען פון דער בראַנזשע, בכדי אויסצובעסערן די פאַרצווייפעלטע עקאָנאָמישע לאַגע פון זיינע מיטגלידער.

צוליב די סכסוכים וואָס זענען אַנטשטאַנען בעת די מלחמה-געשעפטען, צווישען די מיטגלידער און אַנדערע סוחרים, פאַראיינטעטיגקייט. ס'זענען אַריינגעטרעטען דעמאָלט אין פאַראיין סוחרים אויך פון אַנדערע בראַנזשעס און ס'ווערען בײַ אים געשאַפען אַ פּאָר סעקציעס: פון דער קאָלאָניאַל און לעבענס-מיטעל - בראַנזשע, פרוכטען-בראַנזשע און גרינצייג-הענדלער.

1931 איז דורך דער מאַכט באַשטעטיגט געוואָרען דער נייער סטאַטוט און דער פאַראיינסנאָמען ווערט געענדערט, אויף: „סוחרים פאַראיין פון דער לעבענמיטעל בראַנזשע אויף דער שטאָט לאָדזש און וואָיעוואָדשאַפט".



ש. יאבראָוו
לייטער



אדאָלף שטרויך
פרעזעס



חיים אברהם איוואנקאָוויצער
וו. פרעזעס

אין באַ'ם פאַראיין דעמאָלט איינגעשטעלט געוואָרען אַ פאַראיינס-געריכט, וועלכער האָט די ענינים דערלעדיגט אויף אַ פרידלעכען אופן. און זייער אָפט האָט ער די סוחרים געריכט אין שווערע קאָמפּליצירטע ענינים אָנשטאָט דאָס געריכט.

דער פאַראיין האָט אין די שפּעטעריגע יאָרען איבערגעלעבט פאַרשידענע קריזיסען.

אין 1930 איז אַריינגעטרעטען אַן אויפלעבונג אין דער נאָך אַ ריי קאָנפערענצן וואָס זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען צווישען די דעלעגאַטען פון יודישען טראַנספּאָרט פאַראיין און די פאַראיינפאָרשטייער, איז פעסטגעשטעלט געוואָרען די אַרבעט-צייט פון די אָנגעשטעלטע בײַ די סוחרים פון דער קאָלאָניאַל און לעבענמיטעל-בראַנזשע.

דער „סוחרים פאַראיין פון דער לעבענמיטעל בראַנזשע", (ניע גאַס 8) ציילט אַנ'ערך פירהונדערט מיטגלידער.

# דעטאַליסטען און קליינהענדלער פאַראיין

אין 1936 האָט אַ גרופּע סוחרים אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען דעם סוחרים פאַראיין אין אַלטשטאָטישען ראַיאָן. עס איז אויסגעוויילט געוואָרען אַ צייטווייליגע קאָמיסיע פון די ה"ה: ש. רושעזשינסקי — פּרעזעס, מ. מינץ — וויצע און אַלס לאָדזשער אָבטייל, בײַ אַ צאָל פון 69 מיטגלידער. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרען: פּ. כאַרי—פּרעזעס, ש. רזשעזשינסקי און מ. מינץ — וויצע-פּרעזעסען, ד. שטערענפעלד — סעקרעטאַר, פּ. כארענזשאָווסקי—קאַסירער און אַ פאַרוואַלטונג.



ד. שטערענפעלד
לייטער



ראַסם. פּ. כארי
פרעזעס



ש. רושעזשינסקי
וו. פרעזעס

ביוראָ-לייטער—ד. שטערענפעלד.

נאָך גרויסע באַמיהונגען איז געלונגען צו באַקומען אַן אָבטייל פון דעם וואַרשאָווער „צענטראַלען דעטאַליסטען און קליינהענדלער-פאַרבאַנד אין פוילען".

דעם 21-טען יוני 1936 איז פאָרגעקומען אין אייגענעם לאָקאַל (לימאַנאָווסקי גאַס 26) די גרינדונג-פאַרזאמלונג פון דעם באַ'ם „דעטאַליסטען און קליינהענדלער פאַראיין" (לימאַנאָווסקי 26) זענען אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ריי סעקציעס.

זייט דעם 1 יאַנואַר 1937 געפינט זיך דער לאָקאַל פון פאַראיין אויפ'ן אַלטען מאַרק 10.

דער פאַראיין ציילט 460 מיטגלידער.

# ווארשעווער יודישער קליינהענדלער פאראיין

דורך דער איניציאַטיוו פון די ה׳ה: משה זאַרזשעווסקי, יוסעל מאַרקעוויטש און הענעך בריסטאָווסקי, איז אין 1918 פאַרגעקומען אין בית התפלה (קאָשטשעלנע 6) די גרינדונג-פאַרזאַמלונג פון „פאַראיין פון האַלע-סוחרים״, מיט׳ן ציל צו שאַפן אַ לעבענמיטעל-קאָאָפּעראַטיוו.

אין יענער צייט איז אַנטשטאַנען דער „ליכווע אַמט״ און מ׳האָט גענומען רודפ׳ן די קליינהענדלער.

דער „פאַראיין פון האַלע-סוחרים״ האָט דעמאָלט אַדורכגעפירט פאַרשידענע אינטערווענצן אין „אַמט״ פאַר זיינע האַלע-סוחרים, ווי אויך זיי באַזאָרגט מיט „צעגניקצס״.

אַ צייט שפּעטער איז דערשינען די באַרימטע „דאַנינע״ און מ׳האָט גענומען באַלאַסטען די האַלע-סוחרים מיט דעם שטייער, לויט דער צווייטער קאַטעגאָריע פּאַטענטען.

אין אָנהייב 1921 איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען דער פאַראיין און ס׳זענען צוגעצויגען געוואָרען צו אים די סוחרים פון אַלע האַלעס און מאַרק-שטייער.

ס׳איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרען אַ נייער סטאַטוט, א. נ.: „קליינהענדלער פאַראיין פון האַלעס און מערק״.

ס׳איז ענערגיש צוגעטרעטען צו דער אַרבעט די אָרגאַניזיר-פאַרוואַלטונג פון די ה׳ה: לייבוש ראָזענבערג, יצחק פייוועל בוכהאַלטער, חיים מענדעל ווינער, משה אהרן מילגראָם, פייוויש ווייסמאַן און יעקב וואָלף פּיעטריקאָווסקי. דער פאַראיין האָט וועגען דעם „דאַנינע״ שטייער אינטערווענירט באַ׳ם פינאַנץ-מיניסטער מיכאַלסקי און אויסגעפועלט דעמאָלט באַ אים, אַז פאַר האַלע-סוחרים איז דער שטייער פאַרקלענערט געוואָרען ביז אַ מינימום און די סוחרים פון פערטער קאַטעגאָריע זענען פון דער „דאַנינע״ אינגאַנצען באַפרייט געוואָרען.

דער פאַראיין האָט שפּעטער אויך אויסגעפועלט, אַז די האַלע-סוחרים זאָלען שוין נישט דאַרפען אויסקויפען קיין צווייטע קאַטעגאָריע פּאַטענטען.

דער „קליינהענדלער פאַראיין פון האַלעס און מערק״ האָט אָנגעפירט אַ גרויסע אַקציע בימי גראַבסקי׳ס „עגלה״.

זייט ס׳זענען אַריינגעפירט געוואָרען אין לעבען די דריי שטייערן: פון אומזאַץ, פאַרמעגען און הכנסה - שטייער — האָט דער פאַראיין געהאַט זיינע פאַרטרעטער אין די פאַרשידענע שאַץ-קאָמיסיעס.

דורך דער איניציאַטיוו פון „קליינהענדלער פאַראיין פון האַלעס און מערק״ (אָגראָדאָווע 10) איז אין 1926 אַנטשטאַנען די „קאָאָפּ. קליינהענדלער באַנק״, (וועלכע האָט זיך אויך צוערשט געפונען אין לאָקאַל פון פאַראיין). אין 1927 איז די באַנק אַריבער אין איר איצטיגען לאָקאַל אויף אָגראָדאָווע 2. די באַנק איז זייט דעמאָלט שטאַרק אויסגעוואַקסען. די „קאָאָפּ. קרעדיט באַנק״ איז איצט די איינציגע יודישע קליינהענדלער באַנק אין אַלט-שטאַטישען ראַיאָן.

אין 1931 איז געענדערט געוואָרען דער סטאַטוט, א. נ.: „ווארשעווער יודישער קליינהענדלער פאַראיין״ אין לאָדזש.

זייט 1935 זענען באַם „ווארשעווער קליינהענדלער פאַראיין״ אָרגאַניזירט געוואָרען פאַרשידענע סעקציעס, וועלכע פירען אָן אַ זעלבסטשטענדיגער אַרבעט. ס׳זענען טעטיג די סעקציעס: מאַנופאַקטור, גאַלאַנטעריע, וועש, טריקאָטאַזש, שוך, לעדער, פּאַפּיר און שרייב-מאַטעריאַלען, געשיר, אייזען, פאַרבען, גאַרן.

דער פאַראיין פירט אַדורך יאָר-יערלעך אַנ׳אַקציע, פון וועלכע עס באַקומען אַנ׳ערך 50 נישט-פאַרמעגלעכע סוחרים-מיטגלידער (באַ דער מיטהילף פון דער היגער יודישער קהלה) שטיצע אויף אויסצוקויפען פּאַטענטען.

דער פאַראיין האָט במשך פון זיין עקזיסטענץ אַדורכגעפירט אינטערווענצען אין פאַרשידענע שטייער - ענינים, ווי אויך אָנגעפירט אַ קאַמף קעגען דער נישט-ערלעכער קאָנקורענץ צווישען די קליינהענדלער.

דער פאַראיין האָט זיינע פאָרשטייער אין דער היגער „האַנדעל און אינדוסטרי-קאַמער״ און אין דער יודישער קהלה.

דער „ווארשעווער יודישער קליינהענדלער פאַראיין״ (אָגראָדאָווע 10) ציילט דעקלאַרירטע איבער 3000 מיטגלידער.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ה׳ה: לייבוש ראָזענבערג — פרעזעס, גרשון וואָלמאַן און משה בענדעל — וויצע פרעזעסן, חיים ניצקי, חיים ווייץ, ברוך שלאַדקאָווסקי, י. מ. האַלפּערן, פייוויש ווייסמאַן, אברהם וויינבוים. רעווידיר-קאָמיסיע: חיים מענדעל ווינער, משה גרינשטיין, דוד ליטמאַן.

זייט 1922 איז טעטיג אַלס ביוראָ-לייטער פון פאַראיין ה׳ דוד ראָזענבערג.

## פ. פ אָ ר ש ט יי ע ר:



לייבוש ראָזענבערג
פרעזעס



ראַטמ. גרשון וואָלמאַן
וויצע

# האַנטווערקער אָרגאַניזאַציעס

דאָ ווערט באַהאַנדעלט:

אָרט — געז. צו פאַרשפרייטען מלאכה און ערד-אַרבעט צווישען יודען

האַנטווערק-שול פאַר מיידלעך

געז. צו פאַרשפרייטען מעכאַנישע וועבעריי צווישען יודען

יודען אין דער האַנטווערקער-קאַמער

בלעכער און דעקער צעך

בעקער צעך

מאַלער און לאַקירער צעך

טישלער, שניצער און דרעקסלער צעך

שלאָסער, מעשענגיסער, קופערשמידער און בראָנזירער צעך

שניידער צעך

פריזירער צעך

יווועלירער, זייגערמאַכער און גראַווירער צעך

שוסטער צעך

היטעלמאַכער צעך

קאַפעלושמאַכער צעך

טישלער צעך

קאָרפּאָראַציע פון גראַפישער אינדוסטרי

צענטראַלער יודישער האַנטווערקער און קליינאינדוסטרי פאַרבאַנד

האַנטווערקער-עקספּאָזיטור

# לערן־וואַרשטאַטען

# אָ ר ט

## געז. צו פאַרשפּרייטען מלאכה און ערד - אַרבעט צווישען יודען

אין סעפּטעמבער 1921 יאָר האָט די בערלינער צענטראַלע באַאויפטראַגט אונזער בן-עיר יעקב קאַצענבאָגען צו אָרגאַניזירען די "אָרט"-געז. אין לאָדזש און אין דער סביבה. אויף דער אָרגאַניזיר-פאַרזאַמלונג, וועלכע איז דעמאָלט פאָרגעקומען האָבען אָנטייל גענומען פאַרטרעטער פון אַלע שיכטען און ריכטונגען פון אונזער שטאָט. די איניציאַטאָרען קאָנענדיג גוט דעם ווירטשאַפטלעכען כאַראַקטער פון אונזער שטאָט, האָבען איינגעזעהען, אַז די הויפּט-אַרבעט דאַרף זיין אינדוסטריאַליזאַציע, ד. ה. מאַסענהאַפטע צוגרייטונג פון קוואַליפיצירטע אַרבעטער; אין דעם ערשטען יאָר זענען געגרינדעט געוואָרען די "סוויטער-שטריקעריי", און די "הילף-אַרבעט פאַר דער שטריקעריי", ווי אויך די "מעכאַנישע וועבעריי"—ווייטער איז געגרינדעט געוואָרען די "קאָרב-פלעכטעריי", ספּעציעל פאַר אַ גרופּע אָרטאָדאָקסישער יוגענט, וועלכע האָבען דעמאָלט פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל זיי אויסלערנען אַ הויז-אַרבעט. לכתחלה זענען די לערן-וואַרשטאַטען געווען ווייניג באַזוכט, דערנאָך זענען די שילער-גרופּען אויף זיי שטאַרק געשטיגען. אַזוי איז די אַרבעט אויף די איינריכטונגען געפירט געוואָרען אין די ווייטעריגע יאָרען גאַנץ נאָרמאַל. מיט איין אויסנאַם, וואָס אין 1924 איז ליקווידירט געוואָרען די "קאָרב-פלעכטעריי", ווייל ס'האָבען פשוט געפעלט אינסטרוקטאָרען פאַר אָט דעם לערן-געביט.



י. קאַצענבאָגען

באַפולמעכטיגטע ר

### מאַשינען

בעת "אָרט" איז געגרינדעט געוואָרען אין אונזער שטאָט האָבען די אָרעמסטע פון די האַנטווערקער נישט געהאט קיין מאַשינען. די "אָרט" צענטראַלע האָט אונטערגענומען אַן אַקציע צו באַזאָרגען אויף די לייכסטע באַדינגונגען די נויטיגסטע מאַשינען און מכשירים. די פאַרוואַלטונג פון היגען "אָרט" קאָנענדיג דעם מאַנגעל אין מאַשינען בא'ם יודישען האַנטווערקער אין אונזער שטאָט, האָט אַ גרויסען טייל פון די מאַשינען וועלכע זענען דאָרט איינגעקויפט געוואָרען, באַצויגען קיין לאָדזש און כמעט ווי בחנם זיי דאָ פונאַנדערגעטיילט צווישען די אָרעמסטע האַנטווערקער.

### יודישע פרוי

אין משך פון דער אַרבעט האָט אַרויסגעוויזען זיך, אַז אויך די יודישע פרוי מוז אַריינגעצויגען ווערען אין ווירטשאַפטלעכען לעבען, כדי מיטצוהעלפען דעם מאַן אין זיין שווערען קאַמף. אין די יאָרען 1925—26 זענען געגרינדעט געוואָרען עטלעכע לערן-וואַרשטאַטען פאַר פרויען, "וועש-נייעריי" און "הוט-פוצעריי", ווי אויך "מאַשין-האַפט" און "האַנט-שטיקעריי", וועלכע זענען באַלד געוואָרען זייער פּאָפּולער, און אויף אַזאַ אופן איז איינגעשטעלט געוואָרען, אַ ריי אַרבעט-געביטען פאַר דער יודישער פרוי.

### צושניידער-קורסען

אין יענער צייט האָט זיך געווענדט אין "אָרט" אַ גרופּע שניידער-אַרבעטער מיט דער בקשה, מ'זאָל זיי אויסלערנען דאָס צושניידען. זיי האָבען דערקלערט, אַז זייענדיג גוטע בעלי מלאכות קאָנען זיי דאָך נישט צושניידען און דעריבער קאָנען זיי נישט ווערען זעלבסטשטענדיג. "אָרט" האָט באַקומען אַ ספּעציעלע קאָנצעסיע פון בילדונג-מיניסטעריום, און איינגעאָרדענט צושניידער-קורסען, וועלכע עקזיסטירען ביז'ן היינטיגען טאָג.

אין 1926 יאָר זענען אויך געעפענט געוואָרען צוויי נייע לערן-אַנשטאַלטען: "שלאָסעריי" אָבט. פאַר מענער און "מאַניקור-קורס פאַר פרויען.

### רעאָרגאַניזאַציע

די וואַרשטאַטען זענען געווען צוואָרפען אין פאַרשידענע טיילען פון שטאָט, און די לאָקאַלען גופא זענען געווען אין זייער

אַ שלעכטען צושטאַנד, אַנטיהיגיעניש און ענג, — איז דעריבער די ערשטע און וויכטיגסטע אויפגאַבע געווען צו געפונען אַ פּאַסענדיג לאָקאַל, וואו די וואַרשטאַטען זאָלען קאָנצענטרירט ווערען.

אין מערץ 1927 יאָר האָט איינגעגעבען זיך צו געפונען אַ לאָקאַל מיט אַ סך ליכט און לופט, פון 12 שטובען און איין גרויס פאַבריק-לאָקאַל. נאָך גרויסע אַנשטרענגונגען איז דאָס לאָקאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין זייער אַ רויען און פאַר-נאַכלעסיגטען מצב, רעמאָנטירט און צוגעפּאַסט געוואָרען פאַר פּראָפעסיאָנעלע לערן-וואַרשטאַטען.

מ'האָט אויך געדאַרפט פאַרגרעסערען די שטענדיגע הכנסות, כדי צו דערפירען צו אַ מינימום דעפיציט דעם לויפענדיגען בודזשעט. צוליב דעם צוועק האָט די פאַרוואַלטונג אונטערגענומען אַ ווערבירונג-אַקציע, צווישען די פאַרמעגלעכע שיכטען פון דער יודישער באַפעלקערונג — וואָס איז אַ ביסעל געלונגען. אויסער דעם איז אונטערגענומען געוואָרען אַנ'אַקציע צו פּאָפּו-לאַריזירען די „אָרט“-אידיי פאַר דער ברייטער יודישער עפענט-לעכקייט דורך פאָרלעזונגען און אימפּרעזען, און מען האָט אויך געוואונען פאַר „אָרט“ די קאָמונאַלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

עס איז געלונגען צו באַקומען פון לאָדזשער מאַגיסטראַט אַ סובסידיע אויפ'ן בודזשעט-יאָר 1927-28 אין דער הויך פון 2000 גילדען און אויפ'ן בודזשעט-יאָר 1928-29 אַ סובסידיע פון 5000 גילדען.

אויך די יודישע גמינע אין לאָדזש האָט באַשטימט אַ סובסידיע פון 1000 גילדען אויפ'ן בודזשעט-יאָר 1926-27 און 6000 גילדען אויפ'ן בודזשעט-יאָר 1927-28.

מיט דער „אָרט“-טעטיגקייט האָבען אויך פאַראינטערעסירט זיך די אָרטיגע הומאַניטאַרע געזעלשאַפט „בני ברית“, דער סוחרים-פאַרבאַנד, פּיעטריקאָווער 73, און די דירעקציע פון דער טראַמוויי-געזעלשאַפט, — וועלכע האָבען באַשטימט פאַר דער געזעל-שאַפט איינמאָליגע סובסידיעס.

דאָס האָט שטאַרק פאַרקלענערט דעם כסדר וואַקסענדיגען דעפיציט.

אויסער דעם האָט מען געדאַרפט פאַרגרעסערען דעם באַ-שטאַנד פון די מאַשינען און וואַרשטאַטען, וואָס זאָלען געבען די מעגלעכקייט, אַז די שילער זאָלען קריגען די געהעריגע פאַכ-מענישע קוואַליפיקאַציעס, צוגעפּאַסט פאַר דער מאָדערנער אינדו-סטריעלער אַנטוויקלונג פון אונזער שטאָט.

די אַקציע האָט געגעבען גלענצענדיגע רעזולטאַטען. עס זענען קאָמפּלעטירט געוואָרען אַלטע און איינגעאָרדענט גע-וואָרען נייע אינדוסטריעלע לערן-וואַרשטאַטען מיט דער הילף פון די מאַשינען, וועלכע „אָרט“ האָט באַקומען.

## מעכאַנישע זאָקען=אַרבעט

אין שייכות דערמיט וואָס אין לאָדזש האָט זיך אָנגע-הויבען שטאַרק צו אַנטוויקלען די זאָקען-אינדוסטריע, זענען אין 1927 יאָר, געגרינדעט געוואָרען צוויי לערן - וואַרשטאַטען פאַר מעכאַנישער זאָקען-אַרבעט, רונד- און קאָטאָן זאָקען; אַ ספּעציעלע באַטייט האָט די לעצטע אָבטיילונג, ווייל דער צווייג איז ביז דעמאָלט געווען באַזעצט פון נישט יוד. אַרב. און אויף אַנ'אָרגאַניזירטען אופן זענען יודען נישט צוגעלאָזט געוואָרען צו דעם פאַך. ערשט נאָכדעם ווי ס'איז אונטערגענומען געוואָרען אַ ספּעציעלע אַקציע טיילווייז צו באַשעפטיגען די שילער פון „אָ ר ט“, איז געבראָכען געוואָרען דאָס עקשנות פון די נישט-יודישע אַרבע-טער.

דער קורס פאַר מעכאַנישער רונד - זאָקען - אַרבעט, איז וויכטיג פאַר די טויזענטער האַנט-זאָקען-אַרבעטער, וועלכע זענען געצוואונגען צוליב דער אונטערגייענדיגער האַנט-זאָקען-בראַנזשע, איבערצוגייען אויף מעכאַנישער אַרבעט און דערמיט זיכערען זייער עקזיסטענץ.

## מיטגרינדער:



צאָן-ד"ר יעקב שלום ראָטענבערג
געב. 8 יאַנואַר 1885
געש. 3 סעפּטעמבער 1933
אַקטיווער מיטגליד



אהרן שערשעוואָווסקי
געב. 5 אָקטאָבער 1870
געש. 14 אויגוסט 1926
פּרעזידיום און פאַרוו. מיטגליד
אַפּיעקון פון דער מעכ. וועבעריי



אינזש. אליהו ווילנער
געב. 23 יוני 1883
געש. 19 מאַי 1929
ערשטער צייטווייליגער פאָרזיצער
פּרעזידיום און פאַרוו. מיטגליד

## מעכאַנישע וועבעריי

נישט ווייניגער וויכטיג איז די מעכאַנישע וועבעריי פון „אָרט“, וואָס איז אין 1927 יאָר רעאָרגאַניזירט געוואָרען. עס זענען איינגעקויפט געוואָרען נייע מעכאַנישע וועב-שטולען, זייד-שטול, זשאַקאַרד-שטול, אויף וועלכע די האַנטוועבער האָבען די מעגלעכקייט זיך צו לערענען און אָנצוקומען אין די טעקסטיל-פאַבריקען.

באַ די אינדוסטריעלע ל ע ר ן-וו אַ ר ש ט אַ ט ע ן עקזיס-

טירען ספּעציעלע אָבטיילונגען פאַר מעכאַנישער הילף-אַרבעט, ווי: קעטלען, שפּולען, טרייבען און אַ ריי אַנדערע הילף-אַרבעטען, ספּעציעל פאַר פרויען.

## סוויטער און הענטשקע-שטריקעריי

חוצדעם איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען די סוויטער-שטריקעריי דערמיט, וואָס עס האָט איינגעגעבען זיך צו באַקומען אַ ריי מוסטער מאַשינען, און צו פאַרברייטערען דעם למוד מיט צייכענען און מאַשין-לער.

דער גרעסטער טייל פון די סוויטער - אַרבעטער, אין וועלכע עס נויטיגט זיך דאָס שטריקער-פאַך אין לאָדזש און אויף דער פּראָווינץ—באַקומט זיין פאַך-בילדונג אין „אָרט".

אין מערץ 1928 יאָר איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ קורס פאַר הענטשקע-שטריקעריי, ספּעציעל פאַר פרויען.

אַ טייל פון זיי פירט אייגענע וואַרשטאַטן.



אינזש. ש. לעבענהאַפט

פאָרז. פון דער אָרג. פאַרזאַמלונג



ד'ר ג. קרויס

ערשטער פאָרזיצער



הישניאַק

לאַנגיאָריגער פאַרוו. מיטגל.

סוף 1927 יאָר איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ קורס פאַר שטאָפּעריי און נאָפּעריי.

אויך די וועש-נייעריי, וואָס האָט געהאַט ווייניג מאַשינען איז דערגענצט געוואָרען מיט נייע און ספּעציאַל-מאַשינען, ס'איז פאַרברייטערט געוואָרען דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער למוד, צוגעפּאַסט צום פּראָגראַם פון אַזאַ לערן-וואַרשטאַט.

## דערגענצונג - קורסען

עס איז איבעריג צו באַטאָנען די וויכטיגקייט פון פאַך-דערגענצונג-בילדונג פאַר יודישע האַנטווערקער. פאַר אַ סך האַנט-ווערקער, איז עס פּשוט אַ לעבענפראַגע.

אין 1926 איז געגרינדעט געוואָרען דער ערשטער מענער-צושניידער-קורס.

ביז'ן 1932 יאָר זענען אַדורכגעפירט געוואָרען 11 קורסען, אויף וועלכע עס האָבען געענדיגט 1415 שילער.

אין אָקטאָבער 1928 יאָר איז איינגעאָדענט געוואָרען דער ערשטער קורס פאַר דאַמען-צושניידעריי.

אין יאַנואַר 1928 יאָר איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ דערגענצונג-קורס פאַר פריזירער, אויף וועלכען עס ווערט גע-לערענט אָנדולאַציע און טרעסע-אַרבעט.

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די „אָרט" שילער באַווייזט ווי וויכטיג די וואַרשטאַטען זענען פאַר דער עקאָנאָמישער אומ-שיכטונג פון דער יודישער באַפעלקערונג, וועלכע געבען די מעגלעכקייט, אַז די איבערפליסיגע עלעמענטען פון קליין-האַנדעל, זאָלען קאָנען איבערגייען צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

נישט אַלע שילער אָבער זענען בכח מאַטעריעל דורכצו-האַלטען די לערן-צייט, ספּעציעל די האַנטווערער, וועלכע רייסען איבער די למודים פאַר'ן ענדיגען דעם קורס.

די קורסען פון לאָדזשער „אָרט" האָבען געהאַט עטלעכע באַזוכען פון פאָרשטייער פון די פּראָפעסיאָנעלע רעגירונגס-שולען, וועלכע האָבען אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

## פּאָפּולאַריזירען די „אָרט"-אידיי

כדי צו פּאָפּולאַריזירען די „אָרט" - אידיי, זענען אין 1927 יאָר איינגעאָרדענט געוואָרען עטלעכע עפענטלעכע אַרויסטרע-טונגען.

צוויי רעפעראַטען פון ד'ר סינגאַלאָווסקי אין סוחרים-פאַרבאַנד, פּיעטריקאָווער 73. דריי רעפעראַטען אין דער הומאַ-ניטאַרער געז. „בני ברית": צוויי פון ד'ר סינגאַלאָווסקי און 2 פון אינזש. ישעי׳. מאַרגולעס.

אַן עפענטלעכער מיטינג אין זאַל פילהאַרמאָניע, מיט דער באַטייליגונג פון ד'ר סינגאַלאָווסקי און ד'ר ש. אייגער און אַריי אַרויסטרעטונגען, קאָנפערענצען און פאַרזאַמלונגען אין די פּראָ-פעסיאָנעלע האַנטווערקער אָרגאַניזאַציעס, מיט דער באַטייליגונג פון די פאַרוואַלטונג-מיטגלידער.

צוליב פּראָפּאַגאַנדע און מאַטעריעלע צוועקען, איז פונאַנ-דערגעשיקט געוואָרען 30.000 „אָרט"-צעגעלקעס.

אין רעזולטאַט פון די אונטערנעמונגען איז די צאָל מיט-גלידער שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרען.

אין 1929 יאָר איז געגרינדעט געוואָרען אַ נייער לערן-וואַרשטאַט „פרויען-שניידעריי", וועלכער עקזיסטירט ביז'ן היינטי-גען טאָג און געהער צו די געציילטע פרויען-פאַכען וואָס האָבען דערפאָלג איבער דער גאַרער וועלט.

## קריזיס

דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס, וועלכער האָט שטאַרק גע-טראָפען דער היגער יודישער באַפעלקערונג, האָט אַרויסגערופען אַ פאַרשטאַרקטע פרעקווענץ אויף די לערן-וואַרשטאַטען פון „אָרט" און אַ נויטווענדיגקייט צו גרינדען נייע, ווי אויך אָבגענומען די מעגלעכקייט צו זאַמלען פאַר די אויבענדערמאָנטע צוועקען גרעסערע סומען אין אונזער שטאָט, ווייל, די גאַס איז פאַראָרעמט געוואָרען.

די היגע „אָרט" - פאַרוו. איז אויסגעקומען צו קעמפען מיט גרויסע שוועריגקייטען, כדי איינצוהאַלטען די עקזיסטירענדיגע לערן-

וואַרשטאַטען און זיי אָוועקצושטעלען אויף אַ געהעריגער הויך, דורך קאָמפּלעטירען די וואַרשטאַטען מיט נייע מאַשינען, פאַרגרעסערען דעם אינסטרוקטאָרען-פּערסאָנאַל, און דערגענצען אַנטשפּרעכנדע למודים און פאַכצייכענונגען.

## פאַר האַנטווערקער

אויפ'ן געביט פון דער טעטיגקייט פאַר די האַנטווערקער איז געשאַפען געוואָרען אַ קאָנטאַקט צווישען „אָרט” און דער האַנטווערקער-קאַמער, — צוליב דעם איז די בילדונג-קאָמיסיע פון דער קאַמער קאָמפּלעטירט געוואָרען מיט מיטגלידער פון דער יודישער אינטעליגענץ; עס האָט אויך איינגעגעבען זיך צו קאָנסאָלידירען די יודישע ראַטמענער אין דער האַנטווערקער-קאַמער; עס איז דערפירט געוואָרען צו אַ דערנענטערונג פון די צעשפּליטערטע יודישע האַנטווערקער - אָרגאַניזאַציעס אין אונזער שטאָט.

די וועררבירונג-אַקציע, וועלכע איז דעמאָלט אַדורכגעפירט געוואָרען, האָט געגעבען דעם רעזולטאַט, דאָס עס זענען ווערבירט געוואָרען נייע 164 מיטגלידער מיט אַ יערלעכען באַטראַג פון עטלעכע טויזענט גילדען.

אויסערדעם איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ גרויסע זאַמעלאַקציע, וואָס האָט געגעבען אַ גרעסערען באַטראַג.

ס'איז אין 1928 יאָר געמאַכט געוואָרען אַ פּריוו צו עפענען אַ קורס פאַר שטוב-מאַליאַרזשעס, כדי זיי אויסצולערנען פאַרבענשטעלען, צייכענען, אָבער ר'האָט געמוזט גלייך ליקווידירט ווערען. ס'האָבען געפעלט שילער אויף דעם קורס.

## ווילנער פאָנד

כדי צו באַערען דעם אָנדענק פון פאַרשטאַרבענעם אינזש. ווילנער, דעם ערשטען פאָרזיצער און לאַנגיאָריגען פּרעזידיום-מיטגליד פון לאָדזשער „אָרט”, איז דעם 11 מאַי 1930, איינגעאָרדענט געוואָרען אַ טרויער-אַקאַדעמיע, און ס'איז געשאַפען געוואָרען בײַ „אָרט” אַ סטיפּענדיע-פאָנד אויף זיין נאָמען.

## לוינוועבער-קאָאָפּעראַטיוו

כדי אַנטקעגענצוקומען דעם שווער - געטראָפענעם יודישען לוינוועבער האָט די היגע „אָרט” געז. באַמיט זיך, און דורך דער פאַרמיטלונג פון דער צענטראַל פאַרוואַלטונג פון „אָרט” אין בערלין איז איר געלונגען צו באַקומען, אַ סומע פון 5000 דאָלאַר פון דער „געצייג קאָמפּיין” אין אַמעריקא, אויף איינצוקויפען דעם ערשטען טראַנספּאָרט מעכאַנישע שטולען פאַר אַ גרופּע היגע יודישע האַנטוועבער. נאָכדעם ווי ס'זענען איינגעקויפט געוואָרען די נויטיגע מעכאַנישע שטולען, הילפס-מאַשינען און מ'האָט געדינגען אַ געפאַסטו לאָקאַל, איז אָרגאַניזירט געוואָרען דער ערשטער יודישער לוינוועבער קאָאָפּעראַטיוו אין אונזער שטאָט. די פייערלעכע דערעפענונג פון קאָאָפּ. „פּראָגרעס” איז פאָרגעקומען דעם 29 מאַי 1929 יאָר.

דער ערשטער מעכאַנישער לוינוועבער-קאָאָפּ. „פּראָגרעס” האָט 22 קאָרט-שטולען מיט די נויטיגע הילפס-מאַשינען. דאָס איז געווען דער ערשטער פּריוו אַריבערצופירען האַנטוועבער אויף מעכאַנישע שטולען און ער איז זייער געלונגען, ווייל די יודישע וועבער האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר קוואַליפיצירטע בעלי מלאכות אויף מעכאַנישע שטולען. דער קאָאָפּעראַטיוו אַנטוויקעלט זיך זייער גוט און ביז 40 יודישע משפחות האָבען באַשיידען פּרנסה. דאָס באַווייזט, אַז אויף אַ ראַציאָנעל - ווירטשאַפטלעכען אופן קענען איינגעאָרדענט ווערען ספּעציעלע קאָאָפּעראַציע - אונטערנעמונגען מיט געהעריגען דערפאָלג.

## אָוונט-קורסען

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן צעכען-געזעץ האָט „אָרט” אין מאַי 1930, אָרגאַניזירט ספּעציעלע אָוונט-קורסען פאַר האַנטווערקער פון אַלע פאַכען, אויף וועלכע ס'איז געלערענט געוואָרען: פּוילישע שפּראַך, ווירטשאַפטלעכע און געוויינלעכע געאָגראַפיע, עלעמענטאַרע מאַטעמאַטיק און געאָמעטריע, סאָציאַלע געזעצגעבונג, און אַנדערע ידיעות, וואָס זענען נויטיג געווען די האַנטווערקער צו וויסען און וועלכע האָבען אים אין אַ גרויסער מאָס מיטגעהאָלפען צו באַלייגען די געהעריגע עקזאַמענעס.

## לערן-וואַרשטאַטען

אין די לערן - וואַרשטאַטען באַקומען פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, נישט נאָר לאָדזשער, נאָר אויך האָבען ביז איצט געלערענט אויף זיי שילער פון 122 שטעט און שטעטלעך פון גאַנצען לאַנד.

דאָס באַווייזט, אַז נישט קוקענדיג דערויף וואָס דער גרעסטער טייל פון די מענטשען האָבען שוין פריער געפּרוּווט זייער מזל אויף פאַרשידענע געביטען, און איינגעזעהען אַז דאָס איז נישט פאַר זיי קיין עקזיסטענץ-זאַך, האָבען זיי דעמאָלט באַשלאָסען אויסצולערנען אַ פאַך, כדי צו האָבען אַ געזיכערטע פּרנסה.

נאָכדעם ווי די שילער פאַרענדיגען די קורסען באַמיהען זיי זיך צו באַקומען באַשעפטיגונג אין זייער פאַך. די אַנקעטע, וועלכע איז געהאַט אַדורכגעפירט געוואָרען האָט באַוויזען, אַז דער גרעסטער טייל איז געווען באַשעפטיגט אין דעם פאַך וואָס ער האָט דערלערענט. אַ טייל האָט עמיגרירט אין פאַרשידענע לענדער, וואו דאָס אויסגעלערנטע פאַך האָט אים געהאָלפען איינצואָרדנען זיך אין דעם נייעם לאַנד.

## סך-הכל

פאַר דער עקזיסטענץ - צייט האָבען געווענדט זיך אין היגען „אָרט” אויסצולערנען אַ פאַך 9000 מענטשען, פון וועלכע ס'זענען צוליב דוחק אין פּלאַץ נאָר אָנגענומען געוואָרען 4.700 (מענער און פרויען, אין עלטער פון 15 ביז 60 יאָר) 60 פּראָצ. פון זיי שטאַמען פון סוחרישען קלאַס. כאַראַקטעריסטיש איז דער פּרט, אַז בלויז 40 פּראָצ. זענען געווען אין עלטער פון 20 יאָר און 60 פּראָצענט העכער פון 20 יאָר.

יערלעך ענדיגען ביז 400 שילער די קורסען.

## בודזשעטען

די אַנטוויקלונג פון דער „אָרט” טעטיגקייט אין אונזער שטאָט, וועלען אַמבעסטען באַווייזען די בודזשעטען פון די יאָרען 1923·22 — צו 20 טויזענט גילדען; 1924 — 25 טויזענט גילדען; 1925—37 טויזענט גילדען; 1926 — 41 טויזענט גילדען; 1927 — 65 טויזענט גילדען; 1928—98 טויזענט גילדען; 1929 — 102 טויזענט גילדען; 1930 — 158 טויזענט גילדען.

די היגע „אָרט” פאַרוואַלטונג האָט איינגעפונען פאַר

דורכאויס נויטיג, אַז צוליב דעם וואַקסענדיגען קריזיס מוז פאַרקלענערט ווערען דער בודזשעט, אָבער ס׳טאָר נישט פאַרשמעלערט ווערען די טעטיגקייט. ס׳איז דעריבער ראַציאָנאַליזירט געוואָרען די גאַנצע אינערלעכע ווירטשאַפט. און דער בודזשעט איז איצט פאַרקלענערט אויף 40 פראָצ.

די הכנסות שטעלען צונויף זיך פון מיטגליד-אָבצאָל 20 פראָצ. פון בודזש.; סובסידיע פון דער „אָרט" צענט. 10 פראָצ; סובסידיע פון מאַגיסט. 5 פראָצ.; סובסידיע פון דער גמ׳נע, אינדוסטרי-און האַנדעל-קאַמער, בני ברית און אַנד. 5 פראָצ.; שכר-למוד 20 פראָצ.; צוזאַמען 60 פראָצ. די איבעריגע 40 פראָצ. איז אַ כסדרדיגער דעפיציט וועלכער מוז געזאַמעלט ווערען דורך דער פאַרוואַלטונג פון דער היגער „אָרט" געזעל-שאַפט.

## נייע קורסען

אין דער לעצטער צייט איז זייער אַקטועל געוואָרען דאָס צוגרייטען קוואַליפיצירטע אַרבעטער פאַר דער ראַדיאָ-אינדוסטרי און אויך פאַר דעם שאָפערען פאַך. צוליב דער גרויסער אנטוויקלונג פון דעם אויטאָ אַלס טראַנספּאָרט מיטעל. דער ערשטער לערן-וואַרשטאַט פאַר ראַדיאָ מאָנטערען, וועלכער איז אין 1931 איינ-געאָרדענט געוואָרען, באַווייזט די נויטווענדיגקייט פון אַנ׳אַרבעט

## פרעזידיום:



ד׳ר ש. וויסעוויאַנסקי

פאָרזיצער



דיר. ס. פוי. ט

וויצע



דיר. א. לעקיך

וויצע



דיר. י. סאָלאָמי

קאַסירער



ש. קאַץ

סעקרעטאַר



ד׳ר ש. אייגער



אינזש. י. מאַרגולעס

# פאַרוואַלטונג.



י. ראַטנער



א. פרומקין



אסתר בענדער



ד״ר ג. לאַנדוי



ד. קאַנעל



ק. לעווענסאָן



י. מ. וועקסלער



אינזש. ז. מענקעס

ערן-קאָנסולטאַנט



א. פרידריך

פאַרוואַלטער



אינזש. ב. לעווענסאָן

ערן-פאַרוואַלטער

אויף דעם געביט. אויך די פראגע פון שאפען אַ קאָנטיגענט געשולטע יודישע שאָפערס איז זייער אַקטועל. די התחלה אויף דעם געביט איז שוין געמאכט געוואָרען.

אין 1932 יאָר איז געגרינדעט געוואָרען אַ נייער לערן-וואַרשטאַט פאַר פרויען, „גאָרטעט-אַרבעט", און ווי ס'ווייזט די פראַקטיק געהער עס צו די בעסטע פאַכען, וואָס גיט די מעג-לעכקייט איינצואָרדענען זיך איבעראַל.

אין 1933 יאָר איז מיט די מאַטעריעלע מיטלען פון דער היגער הומאַניטאַרער געז. „בני ברית" איינגעקויפט געוואָרען מאַשינען, וועלכע האָבען דערמעגלעכט צו עפענען היי-יאָר אַ נייעם לערן-וואַרשטאַט פאַר „מעכאַנישע רונד-טריקאָטאַזש" אַרבעט.

## לייטונג

די היגע „אָרט" געזעלשאַפט ווערט אָנגעפירט פון: פאָרזי-צער — ד״ר ש. ווישעוויאַנסקי. וויצע-פרעזעסען — ס. פויסט און דיר. א. לעקין. סעקרעטאַר — ש. קאַץ. פאַרוואַלטונג-מיטגלידער: ד״ר ש. אייגער, י. מ. וועקסלער, אינזש. ישעי׳ מאַר-גוליעס, ד״ר י. קאַצענבאָגען, פרוי אסתר בענדער, א. פרומקין, ד״ר ג. לאַנדוי, דיר. י. סאָלאָוויי, י. ראַטנער, ד. קאַנעל און ק. לעווענסאָן.

זייט 1 דעצעמבער 1922 איז טעטיג אַברהם פרידריך אַלס פאַרוואַלטער פון דער היגער „אָרט" געזעלשאַפט, וועלכער פאַר-נעמט דעם פאָסטען ביז׳ן היינטיגען טאָג.

די היגע „אָרט" געזעלשאַפט האָט 82 פארשידענע מאַשינען אין ווערט פון 120 טויזענט גילדען.

# האַנטווערק־שול פאַר מיידלעך

אין 1895 יאָר איז דורך די ה״ה: ד״ר י. זאַקס, יעקב הימעלפאַרב, ד״ר שטערלינג, ד״ר מ. זילבערשטראָם, ד״ר האַנ־דעלסמאַן און ד״ר ליקערניק געשאַפען געוואָרען א שול פאַר אָרעמע מיידלעך, ווי אויך זענען איינגעאָרדענט געוואָרען קור־סען צו דערלערנען נייען און צושניידען. די שול האָט געהאַט צוויי אָבטיילונגען און ס׳האָבען דאָרט געלערנט ביז 120 קינ־דער. זיי פלעגען אויך באַקומען פרישטיק און באַקליידונג. די אונטעריכט־שפראַך איז אָפיציעל געווען רוסיש אָבער בשתיקה איז באַנוצט געוואָרען פויליש. אויף די קורסען וועלכע זענען אָנגעפירט געוואָרען פון ספּעציעלע לערערנס האָבען דעמאָלט געלערנט ביז 80 מיידלעך. די הכנסות זענען באַשטאַנען פון מיטגליד־אָבצאָל, שפענדען און פון פאַרוויילונגען.

1903 איז געבילדעט געוואָרען אַ דאַמען־קאָמיטעט, פון: ערנעסטינאַ לאַנדוי, ע. קיפּער, פראַנציסקא קראַוויעץ, יוזעפאַ זאַקס, פרוי ד״ר שטערלינג, און ה. באַרטשינסקא, וועלכער האָט געשאַפען מאַטעריעלע מיטלען כדי אויסצוהאַלטען די אינסטי־טוציע.

בעת די מלחמה יאָרען, ווען אין שטאָט האָט געהערשט אַ גרויסע נויט, איז איינגעפירט געוואָרען אַז די קינדער באַ־קומען אויך צו עסען מיטאָגען. דער בירגער־קאָמיטעט האָט דעמאָלט געגעבען אַ ספּעציעלע סובסידיע פאַר דער שול.

בעת די דייטשע אָקופּאַנטען זענען דאָ געווען באַ אונז, האָבען זיי דעמאָלט קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז די אונטעריכט־שפראַך אין דער שול זאָל געענדערט ווערען אויף דייטש אָדער זשאַרגאָן. די פאַרוואַלטונג האָט אָנשטאָט דאָס אויסצופירען איז זי געפאַלען אויף אַ המצאה און איינגעאָרדענט אַ פראָ־גימנאַזיום פון 4 קלאַסען מיט דער פּוילישער למוד־שפראַך, אין וועלכער ס׳האָבען דערנאָך געלערנט ביז 400 קינדער. און די פריערדיגע שול איז אינגאַנצען ליקווידירט גע־וואָרען.

בעת אַז פּוילען איז שוין געוואָרען אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה, איז די פאַרוו. אַרויסגעטרעטען מיט אַ פּעטיציע צו דער געהעריגער מאַכט, אַז מ׳זאָל פאַרמלוכה־שען די שול און די לערערנס זאָלען איבערגעטראָגען ווערען אויף מלוכה׳שע פּענ־סיעס. די בקשה איז מצד דער מאַכט דערפילט געוואָרען און די שול איז אַריבערגעגאַנגען צו דער שטאָט.

1919 זענען רעאָרגאַניזירט געוואָרען די אַמאָליגע „קורסען״ און ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרען „אַ האַנטווערק־שול פאַר מיידלעך״, וועלכע האָט 3 אָבטיילונגען און ס׳ווערט געלערנט נייען, צושניידען און האַנט־שטיקעריי. אין דער ערשטער צייט האָבען אין איר געלערנט ביז 60 מיידלעך, אָבער, וואָס ווייטער איז זי געוואָרען אַלץ מער פּאָפּולער און איצט לערענען שוין ביז 120 מיידלעך אין דער האַנטווערק־שול.

די שול האָט 12 מאַשינען.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט, פון: ד״ר ב. האַנדעלסמאַן — פּאָרזיצער. פרוי ה. באַרטשינסקי — וויצע. מ. גאָלדבלום — סעקרעטאַר. פאַרוו. מיטגלידער: ע. דאַנציגער, רעגינאַ האַנט־ווורצעל, ה. רוטשטיין, ז. ווילענסקי, העלענאַ זאַקס און אינזש. ישעי׳ מאַרגולעס.

# געז. צו פאַרשפּרייטען מעכאַנישע וועבעריי צווישען יודען

אין 1928 יאָר איז דורכ׳ן פאָרשטייער פון „דזשוינט״ ה׳ י. גיטערמאַן געקומען די איניציאַטיוו, אַז באַ׳ם היגען רעטונג־קאָמיטעט, שענקעוויטש 3־5 זאָל געשאַפען ווערען די „יודישע וועבעריי״, כדי צו געבען די מעגלעכקייט די יודישע האַנטוועבער איבערצוגייען אויף קראַפט־שטולען; וויל, די האַנט־וועבעריי אַלס פאַך גייט אונטער און די יודישע בעלי מלאכות בלייבען אָן פּרנסות.

ס׳איז געשאַפען געוואָרען אַ קאָמיסיע מיט ה׳ ב. וואַקס בראש, וועלכע האָט געדאַרפט דעם פּלאַן צו רעאַליזירען. נאָך גרויסע באַמיהונגען איז געפאַכט געוואָרען אַ צוגעפּאַסט פאַבריק־לאָקאַל, מיט 26 קראַפט־שטולען, און דאָרט איז צייטווייליג איינגעאָרדענט געוואָרען די „יודישע וועבעריי״ אין אונזער שטאָט.

דער עקספּערימענט איז געלונגען. די ערשטע גרופּע וועל־כע האָט געענדיגט די „מעכאַנישע וועבעריי״ און באַקומען אַר־בעט אין די היגע פאַבריקען, האָבען באַוויזען, אַז זיי זענען קוואַליפיצירטע יודישע בעלי מלאכות.

שפּעטער איז דערהאַלטען געוואָרען פון „דזשוינט״ אַ גרע־סערע געלט־סומע, מ׳האָט איינגעקויפט 36 ברייטע שטולען מיט אַלע נויטיגע הילפס־מאַשינען, און ס׳איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ פולשטענדיגע „יוד. מעכאַנישע וועבעריי״.

אין דער אייגענער צייט האָט דער סענאַטאָר ש. בודזינער אויסגעבאָרגט פאַר דער „מעכ. וועבעריי״ 20 שמאָלע־שטולען און דורכדעם איז זי פאַרגרעסערט געוואָרען און האָט 56 קראַפט־שטולען.

דער קורס אויף דער „מעכ. וועבעריי״ געדויערט עטלעכע חדשים. דורך דער עקזיסטענץ־צייט האָבען געענדיגט ביז 300 שילער און די אַנקעטע וועלכע איז אַדורכגעפירט געוואָרען האָט באַוויזען, אַז ס׳איז נישט פאַראַן צווישען זיי קיין איין אַרבעטסלאָזער.

די „מעכ. יודישע וועבעריי״ האָט געדאַרפט געפונען אַ וואַרימע אונטערשטיצונג מצד די היגע גרויסע יודישע פאַב־ריקאַנטען וועלכע זאָלען זי פאַרוואַרפען מיט אַרבעט, ווי אויך

## פּרעזידיום :



ב. וואַקס
פּאָרזיצער



דיר י. פּרושיצקי
קאַסירער



ד"ר ה. קיפּער
וויצע



אינזש. א. ביעלשאָווסקי
וויצע



י. שולמאַן
סעקרעטאַר

## פאַרוואַלטונג.



ק. לעווענסאָן



דיר. י. ווײלאַנד



ש. האָכענבערג



ד. קאַנעל

זיי איבערצייגען אַז קוואַליפיצירטע יודישע בעלי מלאכות זענען אין דעם פּרט נישט ערגער ווי די נישט-יודישע... איז פּונקט פאַרקערט, ס'רוב פון זיי אַנטלויפען ווייטער פון יודישען בעל מלאכה און ווילען אים אפילו נישט קאָנען. און אויב די „מעכ. יודישע וועבעריי" האָט דערוואָרבען אַ קליינעם קרייז יודישע פאַבריקאַנטען, איז'ס דוקא דער נישט גבירישער עלעמענט, נאָר דעם קליינעם פאַבריקאַנט — און דערווייל איז ער דער איינציגער וועלכער גיט דאָ צום אַרבעטען און איז אויך שטענדיג צופרידען פון די פאַרטיגע סחורות וואָס ער באַקומט פון דער פאַבריק געליפערט.

די „מעכ. וועבעריי" האָט אַגאַנצע ריי יודישע פאַבריקאַנטען וועלכע געבען אויף לוין צום אַרבעטען, נאָר אַזוי ווי ס'ווערט נישט געאַרבעט אויף דער פאַבריק אין שבת איז דאָס גורם אַז די סחורה ווערט ווייניגער פאַרטיג, דעריבער פאַרדינט זי נישט אויף די הצטרכות'ן, נאָר אַרבעט כסדר מיט אַ דעפיציט, וועלכער ווערט געדעקט דורך מיטגליד-אַבצאָל און פון שפּענדען.

זייט נאָוועמבער 1931 איז די „מעכ. וועבעריי" דורכ'ן „דזשוינט" לעגאַליזירט געוואָרען אַ"ס זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע. א. נ. „געז. צו פאַרשפּרייטען מעכאַנישע וועבעריי צווישען יודען".

אויף דער פאַבריק אַרבעטען איצט 36 וועבער.

דער צוזאַמענשטעל פון קאָמיטעט, איז: ב וואַקס — פּאָרזיצער; ד"ר ה. קיפּער און אינזש. א. ביעלשאָווסקי — וויצע פּאָרזיצערס; פּרוי ט. קוסטאַוו און י. שולמאַן — סעקרעטאַרען; דיר. י. פּרושיצקי — קאַסירער. פאַרוו. מיטגלידער: ק. לעווענסאָן, ש. האָכענבערג, דיר. י. ווײלאַנד און ד. קאַנעל.

# יודען אין דער האַנטווערקער-קאַמער

אין מאַי 1929 זענען פאָרגעקומען די וואַלען צום ראַט פון דער ערשטער לאָדזשער האַנטווערקער-קאַמער. אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 30 אויסגעוויילטע ראַטמענער האָבן יודען געדאַרפט באַקומען, לויט אַנ'אָבמאַך, פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט 10 מאַנדאַטען, דערפון 1 וויצע-פּרעזידענט און 1 מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאַמער. מחמת איין יודישער מאַנדאַט איז פאַרלוירען געגאַנגען אויף דער פּראָווינץ, איז אַריינגעפירט געוואָרען 9 יודישע ראַטמענער אין דער היגער האַנטווערקער-קאַמער. צוליב דער צוריסענקייט פון די היגע יודישע האַנטווערקער צענטראַלעס איז אויך פאַרלוירען געגאַנגען דער יודישער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאַמער.

אין דער ערשטער קאַדענץ (1929—34) פון דער לאָדזשער האַנטווערקער-קאַמער זענען געווען די יודישע ראַטמענער: ב. קאַזימיערסקי — וויצע-פּרעזידענט, ישעי' סענדאָווסקי, י. ז. מאָשענבערג, י. שוואַרצבערג, ל. כאַרמאַץ, מ. פשיגורסקי, מ. גאָלדבערג, ל. אָדערבערג און ש. נ. קאַליסקי.

ס'איז דעמאָלט געשאַפען געוואָרען אַ „קאָלאָ" פון די יודישע ראַטמענער אין דער ה. קאַמער (מיט ה' ב. קאַזימיערסקי אַלס פּרעזעס און י. שוואַרצבערג—סעקרעטאַר) וועלכע האָבן דאָרט געבילדעט אַ געשלאָסענע יודישע רעפּרעזענטאַנץ, און שטענדיג אַרויסגעטרעטען איניג אין אַלע האַנטווערקער ענינים. און נישט איינמאָל איז די יודישע ראַטמענער אויסגעקומען צו פירען אַ פאַרביטערטען קאַמף קעגען אַנטיסעמיטישע אָנגריפען אין דער קאַמער, ווי אויך מוטיג אַרויסצוטרעטען קעגען גזירות און רדיפות, וואָס האָבן זיך כסדר געגאָסען שיטען ווי אַ האָגעל, אויף די יודישע בעלי מלאכות. די יודישע רעפּרעזענטאַנץ איז געלונגען אַריינצופירען פאַרלייכטערונגען און אויפקלערונגען אין אַ סך שווערע קאָמפּליצירטע האַנטווערקער-ענינים, ווי אויך מבטל צו מאַכען אַ טייל פאַראָרדענונגען וואָס האָבן געצילט אונטערצוגראָבען די עקזיסטענץ פון דעם יודישען בעל מלאכה בכלל.

די יודישע ראַטמענער איז געלונגען אַריינצופירען יודישע



ג. ראַטמ. י. שוואַרצבערג



ג. ראַטמ. ישעי' סענדאָווסקי ג. פאַרוו. מיטגל.



ראַטמ. מ. ח. סענדעראָוויטש פאַרוו. מיטגל.



ראַטמ. א. האַנעמאַן



ראַטמ. ה. קאָלסקי



ראַטמ. י. שיינפעלד

מיטגלידער אין די עקזאַמען-קאָמיסיעס און אין אַ גאַנצע ריי פאַכען זענען אויך דעמאָלט געווען יודישע פאָרזיצערס פון די קאָמיסיעס. דורך זיי איז אויסגעפועלט געוואָרען ספּעציעלע הנחה-עקזאַמענס פאַר אָרעמע יודישע בעלי מלאכות, פון וועלכע עס האָבן אין יענער צייט געזאָסען אַ סך הונדערטער האַנטווערקער און באַקומען מייסטער-דיפּלאָמען.

1931 איז אַריין אין דער פאַרוואַלטונג פון דער האַנטווערקער-קאַמער דער ראַטמאַן ה' ישעי' סענדאָווסקי, וועלכער איז מצד דער פאַרוואַלטונג געוויילט געוואָרען אין דער קוואַליפיקאַציע-קאָמיסיע, אַלס דעלעגאַט אין אַלע עקזאַמען-קאָמיסיעס באַ דער ה. קאַמער. די קוואַליפיקאַציע-עקזאַמענס זענען פאָרגעקומען אין אַ זייער גוטער אַטמאָספערע, אויף אַ ליבעראַלען אופן און אַסך הונדערטער יודישע האַנטווערקער האָבן באַקומען האַנטווערקער-קאַרטען.

אין דער צווייטער קאַדענץ פון דער לאָדזשער האַנטווערקער-קאַמער (1934) איז אַריינגעפירט געוואָרען 8 יודישע ראַטמענער, (אויף דער אַלג. צאָל 25) דערפון זענען 5 אויסגעוויילט און 3 נאָמינירט געוואָרען. די יודען האָבן פאַרשפּילט דעם מאַנדאַט פון דעם וויצע-פּרעזידענט פון דער קאַמער און נאָר באַקומען 1 מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג. ס'איז אויך פאַרלוירען געגאַנגען דער לאָדזשער יודישער דעלעגאַט אין „פאַרבאַנד פון די האַנטווערקער-קאַמערען" אין וואַרשע.

די יודישע ראַטמענער וועלכע זענען אויסגעוויילט געוואָרען אין דער ה. קאַמער זענען די ה'ה: א. האַנעמאַן, ד. דיאַמענט, ה. קאָלסקי, ב. קאַזימיערסקי, מ. סענדעראָוויטש און נאָמינירט געוואָרען די ה'ה: א. פּיאַלקאָ, אינזש. א. האַרטגלאַס און י. שיינפעלד.

אין דער פאַרוואַלטונג פון דער האַנטווערקער-קאַמער מצד די יודישע ראַטמענער איז אויסגעוויילט געוואָרען ה' איזידאָר פּיאַלקאָ.

די יודישע ראַטמענער האָבן אין די לעצטע יאָרען געמוזט פירען אַ העפטיגען קאַמף — אין דער קאַמער — קעגען דעם אַטאַק אויף צו פאַרשמעלערען די רעכט פון די יודישע בעלי מלאכות און דעם ווילען אויסצועלימינירען אַ גאַנצע ריי פאַכען פון יודישע הענט.

די יוד. ראַטמ. האָבן צו דער פּראָיעקטירטער נאָוועליזאַציע צום צעכען-געזעץ געמאַכט זייערע אויסבעסערונגען און אין אַ געהעריג-באַאַרבעטען מעמאָריאַל איבערגעשיקט אים אין האַנדעל און אינדוסטרי מיניסטעריום.

די יודישע ראַטמ. אין דער ה. קאַמער האָבן אויסגעפועלט אַ גאַנצע ריי הנחות באַ'ם לעגאַליזירען יודישע האַנטווערקער-וואַרשטאַטען און עקזאַמענס, ווי אויך איז דורך זייערע באַמיהונגען געלונגען צו באַקומען ביליגע קרעדיטען פאַר יודישע האַנטווערקער, פון וועלכע עס האָבן אין דער צייט גענאָסען אַ סך יודישע בעלי מלאכות.

אין 1937 איז געשטאָרבען דער פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון דער האַנטווערקער-קאַמער ה' א. פּיאַלקאָ און אויף זיין אָרט איז דאָרט אַריין ה' מ. ח. סענדעראָוויטש.

# צעכעז

## בלעכער און דעקער-צעך

די „בלעכער חברה פון אַלטשטאָט", איז אַנטשטאַנען אין די אַכציגער יאָרען, דורך די בעלי-מלאכות: לייבעל שליאָמאָוויטש, (וויערישאָווער) פישעל יאָסקאָוויטש, הערשעל שעפּנער, (שיקעווער) ישראָלקע און יוסף לייב בלאַכמאַן, יוסף לילאָווסקי, אהרן און משה פּאָמעראַנץ, מאַכעל שוויענטאָוויטש און אַנדערע. די חברה איז באַשטאַנען פון אַ 40 בעלי מלאכות, זיי האָבען געהאַט אַן אייגען מנין, דאָרט פלעגען זיי צונויפקומען זיך אַמאָל אין דער וואָך. בײַ דער חברה האָט עקזיסטירט אַ „גמילת-חסדים-קאַסע", מיט אַ קאַפּיטאַל פון עטלעכע הונדערט רובעל, וואָס האָט יעדען אַרויסגעבאָרגט אין אַן אומגליק פאַל ביז 25 רובעל, אָהן פּראָצענט. די קאָסע איז געווען טעטיג אַ גאַנצע ריי פון יאָרען און געהאָלפען די אָרעמע בעלי מלאכות. חוצדעם פלעגען אַרויסגעשיקט ווערען משמורים צו קראַנקע, דורך דער „משמרת החולים", בײַ דער חברה. די גבאים זענען געווען די אָנפירער פון דער גאַנצער אַרבעט ווי אויך דער רואה חשבון.

אין 1897 יאָר, איז אין „ווילקע" געעפענט געוואָרען, אַ צווייטע „בלעכער חברה", וועלכע האָט געציילט 30 בעלי מלאכות, און אויך געהאַט אַנ'אייגען מנין צום דאַווענען. זי האָט געשריבען אַ ספר תורה. די חברה האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט דער אַלטשטעטישער בלעכער-חברה.

דעם 5 יאַנואַר, 1907, איז געגרינדעט געוואָרען דער „בלעכער מייסטער פּאַראיין" אין אונזער שטאָט, דורך די ה"ה: אברהם קאַראַ, חיים מענדעל יאָסקאָוויטש, נאַטאַן קעמפּנער און די קריסטען: גאַאַל, קאַראָל רימאַן און עקערט. אויף דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג האָבען אָנטיילגענומען יודען און קריסטען איבער 100 מאַן. די ערשטע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון יודען און קריסטען. ס'איז אָבער אונמעגלעך געווען, אַז זי זאָל קאָנען אָנפירען וועלכע ס'איז טעטיגקייט. אַזוי האָט עס געדויערט אַ לענגערע צייט. דער פאַראיין האָט אַלץ נישט אַרויסגעוויזען קיין סימן פון לעבען. נאָך עטלעכע יאָר איז ער צולעצט אויפגעלעזט געוואָרען.

שפּעטער ווערט געשאַפען בײַם היגען האַנטווערקער קלוב, אַ בלעכער-מייסטער-סעקציע, וואָס ציילט שוין 60 מיטגלידער. ס'ווערט דורך איר אונטערגענומען אַנ'אַקציע, צו שאַפען אַ קאָאָפּעראַטיוו פון רוי-מאַטעריאַלען, ווי אויך צו עפענען אַנ'אַרטעל, וועלכער זאָל צונעמען די אַלע אויסאַרבעטונגען פון די יודישע בלעכער-מייסטער. דערוועגען איז אַראָבגעקומען פון פעטערבורג אַ דעלעגאַט פון יקא, ה' סעגאַל, און ער האָט דאָ אָבגעהאַלטען אַ גאַנצע ריי קאָנפערענצען, נאָר צוליב דעם אויסברוך פון קריג איז ער נישט צושטאַנד געקומען.

אין 1919, ווערט צוריק באַנייט די טעטיגקייט פון פאַראיין, ער ציילט דעמאָלט 80 בעלי מלאכות. ס'ווערט געשאַפען אַ גרויסער קעגנזייטיגער קאָאָפּעראַטיוו פון רוי-מאַטעריאַלען, א.נ. „פאַל-בלעך", מיט אַ קאַפּיטאַל פון 20.000 גילדען פאַי-געלדער, וועלכער האָט געמאַכט אַנ'אומזאַץ פון 60.000 גילדען אַ חודש. אַזוי האָט ער אָנגעפירט זיין טעטיגקייט אין משך פון 2 יאָר. מיטאַמאָל איז איינגעטרעטען אַ קריזיס, מיט זיינע אייגענע מיטלען האָט ער שוין נישט געקאָנט עקזיסטירען, איז איבערגעבליבען די איינציגע האָפענונג, אַז דער רעוויזיאָנס-פאַרבאַנד וועט קומען צוהילף אָט דער וויכטיגער אינסטיטוציע. (אגב האָט ער געהאַט באַשטעטיגט אַ געוויסע סומע, נאָר צוליב דיפּלאָמאַטישע טעמים האָט ער אַלץ געשלעפּט מיט'ן אויסצאָלען.) צולעצט איז גאָר פון אים געקומען אַנ'אָבזאָג און דאָס האָט גורם געווען, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל געשלאָסען ווערען.

דעם 27/2. 1927, ווערט אין אייגענעם לאָקאַל פון פאַראיין, געפייערט דער 20 יאָריגער יובילעאום פון זיין עקזיסטענץ. ס'ווערט אויך אַנטהילט דער פאַראיין-פאָן.

ווען ס'ווערט אַרויסגעגעבען דאָס צעכען-געזעץ, ווערט אונטערגענומען שריט מצד אַ גרויסע גרופּע בעלי מלאכות, (וועלכע זענען אַרויסגעטרעטען פון פאַראיין, און געפירט אַ לענגערע צייט אַ באַזונדערע טעטיגקייט) צו לעגאַליזירען אַ צעך, דורך זייערע באַמיהונגען ווערט ער לסוף געעפענט.

די גרינדער זענען געווען: נ. קעמפּנער, ל. באַרמאַץ, מ. סענדעראָוויטש, ל. רזשעזשניצקי, ש. פרידמאַן, ש. קודליק, חיים יאָסקאָוויטש, ש. אושעראָוויטש, מ. טשאָשניאַק, און אַ. מ. יאָסקאָוויטש.

די פייערלעכע דערעפענונג פון ערשטען „בלעכער און דעקער-צעך" אין אונזער שטאָט, איז פאָרגעקומען אין מאַי, 1928, אין לאָקאַל פונ'ם פאָלק-קלוב. ס'האָבען זיך דעקלאַרירט 60 מיטגלידער דער וואַלען-אויסגאַנג איז געווען, אַלס ערשטער צעך-עלטסטער — ש. אושעראָוויטש, אַלס אונטערעלטסטע — ש. קודליק, י. דעסוי, און ס'איז געוויילט געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג.

גלייכצייטיג האָט דער צווייטער צד, אונטערגענומען אַנ'אַקציע, צו לעגאַליזירען אַ פרישען בלעכער-מייסטער-צעך. די גרינדער זיינע זענען געווען, די ה"ה: א. רובינאוויטש, ש. לענטשנער, י. בייגצלמאַן, און א. געצעל.

דעם 11-טען מאַי, 1929, קומט פאָר די פייערלעכע דערעפענונג פון צווייטען בלעכער-צעך, אין האַנטווערקער קלוב, בײַ אַ צאָל פון 70 דעקלאַרירטע בעלי מלאכות. ס'ווערט אויסגעוויילט אַלס צעך-עלטסטער — אַבא רובינאָוויטש, אונטערעלטסטע — א. גאָלדקראַנץ, נ. מיענדזשיצקי, א. געצעל. און אַ פאַרוואַלטונג.

שפּעטער האָבען זיך אָנגעהויבען אונטערהאַנדלונגען פון ביידע צדדים, נאָך אַ ריי קאָנפערענצען, וועלכע האָבען געדויערט חדשים-לאַנג, איז לסוף געקומען צו אַ פאַראייניגונג.

צוליב דעם זענען פאָרגעקומען פרישע וואַלען פון דער צעך-לייטונג, דעם 21 נאָוועמבער, 1931. אַלס צעך-עלטסטער איז געוויילט געוואָרען — מ. סענדעראָוויטש, אונטערעלטסטע — א. רובינאָוויטש, ה. לענטשיצקי. אין דער פאַרוואַלטונג: נ. מיענדזשיצקי, י. בייגעלמאַן, א. געצעל, ז. זילבערבערג, ש. אושעראָוויטש און י. ש. גראסמאַן.

אין דער האַנטווערקער-קאַמער זענען פאָרגעקומען עקזאַמענעס ס'האָבען אויסגעהאַלטען 60 יודישע בלעכער-מייסטער און באַקומען דיפּלאָמען. ס'איז אויך פריער אויסגעפועלט געוואָרען פאַר זיי גרויסע הנחות.

דער צעך ציילט איצטער 130 צעך-מיטגלידער.


ג. מיענדזשיצקי
פארוואלטונג-מיטגליד


ש. אושעראָוויטש
פאַרוואַלטונג-מיטגליד.


מ. סענדעראָוויטש
צעך-עלטסטער


א. רוביגאָוויטש
אונטערעלטסטער


ח. מ. יאָסקאָוויטש
גרינדער


א. געצעל
פארוואלטונג-מיטגליד.

# בעקער-צעך

חברה „הכנסת אורחים״, איז געגרינדעט געוואָרען, זאת חנוכה תרמ״ג. יע״ער אורח האָט באַקומען צוויי מאָל עסען טעג-לעך און 2 נעכט צו שלאָפען אין אַנ׳אכסניה. ס׳זענען געווען 3 גבאים. איינער האָט אַרויסגעגעבען די צעטלען, 1 איז געווען קאַסירער און 1 איינצוקאַסירען די געלטער. אַלס די ערשטע גבאים און נדבנים זענען אין פנקס פאַרשריבען: הרב הגאון מו״ה ר׳ אלי׳ חיים מייזעל, ר׳ חיים שלמה האַלטריכט, ר׳ שמואל סופר דראַכמאַן, ר׳ שמואל יחזקאל גאָרסקי, ר׳ אלי׳ בער מרדכי, ר׳ יצחק יעדיגער, ר׳ משה בר׳ צבי סגל, ר׳ פישל לידויער און דער ראש על משמרת הגבאים – וואָס האָט די ערשטע יאָרען אָנגע-פירט מיט איר אַרבעט–ר׳ אלי בר׳ מרדכי בערמאַן. שפּעטער איז געשריבען געוואָרען אַ ספר-תורה און געהאַט אַנ׳אייגען מנין צום דאַוונען, דאָרט פלעגען די בעקערס זיך צונויפקומען און גערעדט מכח געשעפט, וועגען פּאָליטיק, און אַנדערע זאַכען...

ס׳האָבען גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו, עטלעכע בעקערס, צו לעגאַליזירען אַ זעלבסטשטענדיגען פאַראיין. אַ דאַנק. די באַמיהונגען און אָנשטרענגונגען, פון די ה״ה: יצחק אַליצקי, פנחס ושעמ-בינסקי, רפאל קליין און פנחס ראָזענצווייג, איז דעם 17/7 1907 יאָר, פאָרגעקומען די גרינדונג-פאַרזאַמלונג פון יודישען בעקער-מייסטער-פאַראיין, אין אונזער שטאָט. (אַגב געהער ער צו די ערשטע יודישע האַנטווערקער-פאַראיינען אין לאָדזש) צו דער זאַרזאַמלונג אין ענגלישען זאַל זענען געקומען, אַנ׳ערך 120 בעלי-מלאכות. ער האָט געשטעלט זיך פאַר אַ ציל: צו פאַרבעסערען די עקאָנאָ-מישע לאַגע פון זיינע מיטגלידער, ווי אויך איינצושטילען די אָפטע סכסוכים צווישען די יודישע אַרבעטער און די בעקער-מייסטער.

אין 1911 יאָר, האָט דער יודישער בעקער-מייסטער-פאַראיין אָנגעשלאָסען זיך, אין היגען פּוילישען בעקער-צעך, און דאָרט געשאפען אַ באַזונדערע יודישע אָבטיילונג. די פייערלעכע דערעפע-נונג האָט באַגעוואוינט דער געוועזענער שטאָט-פּרעזידענט פיאַנט-קאָווסקי, און פאָרשטייער פון דער רוסישער מאַכט.

דער צעך האָט אַרויסגעגעבען 30 דיפּלאָמען פאַר יודישע בעקער-מייסטער. אָבער, צוליב אַ כסירה באַ דער מאַכט, איז אין 1913 צוריקגעצויגען געוואָרען די לעגאַליזאַציע, און די אָבטיי-לונג איז פאַרמאַכט געוואָרען. דער מאָטיוו איז געווען, אַז יודען איז נישט דערלויבט צו האָבען באַזונדערע צעכען.

נאָכ׳ן ליקווידירען פון צעך, האָט דער יודישער בעקער-מייסטער-פאַראיין, גענומען ווייטער פירען זיין טעטיגקייט, ווי פריער.

אין 1922 יאָר, איז געפייערט געוואָרען דער 15-יאָריגער יובילעאום, מיט אַנ-אַקאַדעמיע אין פילהאַרמאָניע-זאַל, צו וועל-כער ס׳זענען ספּעציעל געקומען צופאָרען אַ גאַנצע ריי דעלעגאַטען און אָנגעזעהענע יודישע כלל-טוער. ס׳איז אַנטהילט געוואָרען דער פאַריין-פאָן.

שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין פאַראיין, בעת וועלכע אַ גרעסערע גרופּע איז אַרויסגעטרעטען, און אפילו אַ געוויסע צייט געהאַט אַ באַזונדער לאָקאַל. נאָר דאָך דורך גרויסע אָנ-שטרענגונגען און אונטערהאַנדלונגען, איז געלונגען צום סוף 1927, צו פאַראייניגען אַלע אין איין גרויסע קערפּערשאַפט.

דעם 1-טען יולי, 1928 יאָר, איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו לעגאַליזירען אַ צעך.

די איניציאַטיוו האָבען איבערגענומען אַ קליינע גרופּע, פון 11 מענטשען, און דורך זיי איז ער נאָך גרויסע באַמיהונגען געגרינדעט געוואָרען.

אויפ׳ן סטאַטוט פיגורירען די נעמען פון די אונטערגעשרי-בענע: אַל. וו. פינגערהוט, ר. קליין, א. פּוטאַיעווסקי, י. ברוד-ניעווסקי, אל. לוקין, מ. יעלין, וו. י, וויינבערג, ב. שקלאַרזש, י. קירשבוים, מ. ש. קופּערמינץ, און ע. זעליגמאַן.

די פייערלעכע דערעפנונג פון יוד. בעקער-צעך אין אונזער שטאָט, איז דעם 8.1, 1929 יאָר, מיט גרויס פייערלעכקייט אדורכ-געפירט געוואָרען. ס׳האָבען זיך דעקלאַרירט 60 בעקער-מייסטער. די וואַלען האָבען געגעבען דעם אויסגאַנג, אַלס ערשטער צעך-עלטסטער – ש. ל. ראָטענבערג, און אַלס אונטער-עלטסטע – א. וו. פינגערהוט, מ. פּאָזנאַנסקי, און אַ פאַרוואַלטונג.

די ערשטע צייט איז געלייגט געוואָרען פיל אַכט אויף צו-ציהען די יודישע בעקער-מייסטער, זיי זאָלען זיך פאַרשרייבען אַלס מיטגלידער אין צעך, און פאַקטיש איז עס געלונגען צו דער-גרייכען. בקרוב ציילט ער שוין 90 צעך-מיטגלידער. ס׳איז אויך אָנגעפירט געוואָרען אַ טעטיגקייט אויפ׳ן ריין-עקאָנאָמישען געביט.

אָבער, צוליב פאַרשידענע סבות קומען פאָר פרישע וואַלען דעם 27.8, 1930, ס׳ווערט געוויילט אַ נייע צעך-לייטונג. אַלס צעך-עלטסטער – מ. פּאָזנאַנסקי און אַלס אונטערעלטסטע – אַל. וו. פינגערהוט, ש. ל. ראָטענבערג און אַ פאַר-וואַלטונג.

די צעך-לייטונג האָט אָבער אַנ׳ערגער מזל ווי די ערשטע. דער צעך-עלטסטער פירט די גאַנצע אַרבעט אויף זיין אייגענער האַנט. עס ווערט געשאַפען אַנ׳אָפּאָזיציע און לסוף נייטען זיי אים אַז ער זאָל דימיסיאָנירען.

אין מאי, 1930, קומען פאָר ווידעראַמאָל וואַלען, אין היגען בעקער-צעך. ס׳ווערט געוויילט אַלס צעך-עלטסטער – ב. שקלאַרזש

און אַלס אונטערעלטסטע — ש. ל. ראָטענבערג און א. פּוד-לאָווסקי. אין דער פאַרוואַלטונג: מ. יעלין, פּ. בורשטין, א. ווילנער, כּ. רובין, מ. י. זיידמאַן, י. קאַראַש, פּ. גאָלדבערג, און י. ברודניעווסקי.

די צעך-לייטונג האָט שוין אַדורכגעפירט אַ ריי אַקציעס אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט, און וועלכע זענען טיילווייז געקרוינט געוואָרען מיט דערפאָלג. לעצטענס, בעת דעם גרויסען אַרבעטער-שטרייק וואָס איז דאָ פאָרגעקומען, און האָט גצדויערט עטלעכע וואָכען, איז דאָך געלונגען די צעך-לייטונג — נישט קוקענדיג אויף די צוויי פיינטלעכע לאַגערען וואָס'האָבען זיך געשאָפען, און די שווערע פאָדערונגען וועלכע זענען פון די אַרבעטער אַרויסגעשטעלט געוואָרען — צו געפינען אַ פאַרשטענדעניש פון די ביידע צדדים און צו ליקווידירען דעם שטרייק.

לעצטענס זענען פאָרגעקומען אין צעך דערגענצונג-וואַלען, אויפ'ן אָרט פון די אַרויסטרעטענדיגע האָבען זוכה בגורל געוועזן— י. קירשבוים, ק. צווייליך און וו. י. וויינבערג.

דער צעך ציילט איצט 130 מיטגלידער.

---


כּ. רובין
פאַרוואַלטונג-מיטגליד


מ. ש. קופּערמינץ
גרינדער


ש. ל. ראָטענבערג
אונטערעלטסטער


ב. שקלאַרזש
צעך-עלטסטער


א. פּודלאָווסקי
אונטערעלטסטער


וו י. וויינבערג
פאַרוואַלטונג-מיטגליד


ר. קינרוס


י. קירשבוים
פאַרוואַלטונג-מיטגליד


ק. צווייליך
פאַרוואַלטונג-מיטגליד


פּ. ראָזענצווייג
גרינדער


א. ווילנער
פאַרוואַלטונג-מיטגליד

# מאַלער און לאַקירער-צעך

די חברה מאַליאַרזשעס פון „ווילקע", איז אַנטשטאַנען אין די 80-גער יאָרען, דורך אַ גרופּע בעלי מלאכות, ווי: י. ווינקלער, ש. בעזיצקי, י. פּוטערהענדלער, יענקעל באַלוטער, ש. זשאַבע, י. ריזע, ח. נ. זאַלצבערג און אַנד. זיי האָבען געהאַט אַנ'אייגען מנין צום דאַווענען. דאָרט פלעגען זיי זיך צוזאַמענקומען, און פירען אַריין פילאַנטראָפּישע טעטיגקייט. בּאַ דער חברה האָט עקזיסטירט אַ גמילת חסדים קאַסע, וואָס האָט אַרויסגעהאָלפען געפאַלענע מאַליאַרזשעס, און זיי אַרויסגעבאָרגט ביז 25 רובעל, אָהן פּראָצענט. דער קאַפּיטאַל זיינער איז געוועזן לערך 400 רובעל, אַזוי האָט זי אָנגעפירט איר טעטיגקייט ביז די ניינציגער יאָרען.

שפּעטער פאַרגרעסערט זיך די חברה, און דינגט אַ נייַ לאָקאַל, און הייבט אָן צו פאַרנעמען זיך שוין מיט פאַך פראַגען, אויסצוגלייכען סכסוכים, און אז איינער זאָל נישט צונעמען דעם אַנדערען די אַרבעט, ווי אויך איינצושטעלען גוטע באַציונגען צווישען די מאַליאַרזשעס.

אין 1905, ווען עס איז אויסגעבראָכען די גרויסע שטרייק-כוואַליע, ווערען אין איר דערליידיגט אַלע קאָנפליקטען צווישען די שטרייקענדיגע געזעלען, און די מייסטערס, אויף אַ גוטוויליגען אופן.

אין 1911, ווען עס ווערט געגרינדעט דער היגער האַנטווערקער קלוב, ווערט דאָרט באַלד געשאָפען די ערשטע מאַלער-סעקציע, וועלכע ציילט שוין דעמאָלט איבער 80 מיטגלידער. זיי האָבען געהאַט אייגענע פאָרשטייער אין ראַט פון האַנטווערקער-קלוב. די ערשטע צייט ווערט געפירט אַ ריין אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט. ס'איז באַנייט געוואָרען די טעטיגקייט פון דער גמילת חסדים קאַסע. אַ גרויסע אַקציע איז אַדורכגעפירט געוואָרען באַם ווערבירען נייע מיטגלידער. אַזוי האָט די סעקציע געפירט איר באַשיידענע טעטיגקייט, ביז דעם אויסברוך פון קריג.

אין 1916, ווערט געגרינדעט דער מאַלער-מייסטער פאַראיין, אין אונזער שטאָט. דורך די ה"ה: א. קאָנענבערג, מ. שילעוויטש, נ. רוזשאַנסקי, מ. ליבערמאַן, י. קראַנענבערג, י. מ. לעווקאָוויטש, ש. וויעטשניק ז. פרידמאַן, און י. פּוטערהענדלער. אויף די גרינדונג פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין האַנטווערקער קלוב, זענען געוועזן איבער 180 מאַליאַרזשעס. דער פאַראיין האָט אָנגעפירט

זיין טעטיגקייט אויפ׳ן ריין עקאנאמישען געביט.

אין 1916, איז אנשטאנען דער געדאנק, צו גרינדען אן קאאפעראטיוו פון רוי-מאטעריאלען. אין דעם יאר ווערט ער טאקע געשאפען, בא א צאל פון 120 פאי-מיטגלידער, מיט אן קאפיטאל פון 600 מארק. ער האט עקזיסטירט אין משך פון 6 יאר, און דורך דער צייט געבערענגט נוצען די מאליארזשעס צוליב מאנגעל אין געלט-מיטלען איז דער קאאפעראטיוו ליקווידירט געווארען.

דעם 20-טען מאי, 1929, איז פארגעקומען אין בערלינער זאל, די פייערלעכע דערעפענונג פון מאלער און לאקירער-צעך. ס׳האבען זיך דעק׳ארירט 120 מיטגלידער. די וואלען האבען געגעבען דעם אויסגאנג. אלס ערשטער צעך-עלטסטער איז געוויילט געווארען — פ. שווארצבארד, אונטערעלטסטע — מ. ליבערמאן און ש. צינצינאטאס. חוצדעם א פארוואלטונג.

אין מערץ, 1930 ווערט דורך דער צעך-לייטונג, געעפענט א פארקויף-שטעל, פון טאפעטען און פארבען, די מיטגלידער פלענען באקומען די ארטיקלען צו ביליגע פרייזען. נאך א יאר צייט איז זי צוליב דעם שווערען קריזיס געשלאסען געווארען.

צוליב דעם אבער, וואס די געוויילטע פארוואלטונג האט נישט געקענט אנפירען קיין פאזיטיווע טעטיגקייט, לטובת די מיטגלידער, זענען פארגעקומען נאך א יאר פרישע וואלען; ס׳זענען געוויילט געווארען אלס צעך-עלטסטער — מ. ליבערמאן, אונטערעלטסטע — י. מ. קליגער, ש. מ. ווארשאווסקי און מ. אפאטשינסקי. אין דער פארוואלטונג: ש. וויעטשניק, א. זילבערשטיין, יחיאל ברענזעל, י. זילבערבערג, י. אלעקסאנדראוויטש, ל. קאשע. און י. ל. מילכטייג.

דורך דער צייט זענען עקזאמענירט געווארען 35 מאליארזשעס, און באקומען מייסטער-דיפלאמען. עס איז אויך פאר זיי אויסגעפועלט געווארען גרויסע הנחות.

דער צעך ציילט יעצט 90 מיטגלידער, און 20 לערניונגלען.

---



י. מ. קליגער

אונטערעלטסטער



מ. ליבערמאן

צעך-עלטסטער



ש. וויעטשניק

גרינדער

# טישלער, שניצער און דרעקסלער-צעך

די „חברה חורשי-עצים", איז געגרינדעט געווארען זאת חנוכה תרנ"ה, 1894 יאר, דורך דער איניציאטיוו פון די ה"ה: ישעיה שלמה גאלדבערג, חיים הערש וויינטער, אל. קוילענברענער, ישראל פאלאנסקי, מענדעל טערקעלטויב און יצחק הערשקאוויטש. די חברה האט פארנומען זיך מיט פילאנטראפישע זאכען, און בקור-חולים: צו א קראנקען מיטגליד פלעגען געשיקט ווערען משמורים, וואס האבען גענעכטיגט בא אים, ווי אויך באדינט אין דער צייט פון זיין קרענק.

די חברה האט געהאט אן אייגענע שוהל.

אין 1908 יאר האבען די ה"ה: מ. מ. קרול, י. סאלאמאנאוויטש, ע. דינאבורסקי, מ. זילבערבערג, מ. ד. הערשקאוויטש, ש. בורשטין, לעגאליזירט סטאטוטען און געגרינדעט דעם טישלער-מייסטער-פאראיין אין אונזער שטאט, בא א צאל פון 130 מיטגלידער. שפעטער מיט עטלעכע יאר, 1911, האט דער פאראיין מיטגעהאלפען צו דער גרינדונג פון היגען האנטווערקער-קלוב.

אין 1918 יאר, צו דעם 10-יאריגען יובילעאום ווערט דורך דעם טישלער-מייסטער-פאראיין, געעפענט, א קאאפעראטיוו פון רוי-מאטעריאלען, וועלכער האט געפירט א ברייטע טעטיגקייט און עקזיסטירט צוויי יאר, נאר צוליב דער דעוואלואציע פון די פוילישע מארקען איז ער ליקווידירט געווארען.

אין דער שפיץ פון קאאפעראטיוו איז געשטאנען, ה׳ פלאט.

אין 1923 יאר, האבען אנגעהויבען זיך גרויסע שטרייקן פון די ארבעטער, אין פאראיין-לאקאל זענען פארגעקומען כסדר אונטערהאנדלונגען, אבער די פארוואלטונג האט זיך שטענדיג באמיהט צו קומען צו א פארשטענדיגונג און אויסצוגלייכען די סכסוכים אויף א גוטוויליגען אופן.

אין 1925 יאר, איז פארגעקומען א שפאלטונג אין פאראיין, און א טייל מיטגלידער זענען איבערגעגאנגען אויף זאוואדזקע 5. אין 1927 יאר, איז צוריק פארגעקומען א פאראייניגונג, אבער זי האט לאנג נישט אנגעהאלטען. אין 1928, איז ווידער פארגעקומען א צווייטע שפאלטונג און א גרויסע גרופע טישלער-מייסטער זענען ארויסגעטרעטען פון אים.

אין 1928 איז געפייערט געווארען דער 20-יאריגער יובילעאום פון פאראיין. מ׳האט אנטהילט דעם פאראיין-פאן

אין 1929 יאר, איז דורך די ה"ה: ל. כאלמסקי, גאלאבאוויטש, ווייסבראט, מ. טערקעלטויב ב. זאוואדזקי, אשעראוויטש, זלאטקאווסקי, לעגאליזירט געווארען די סטאטוט-ן פון טישלער-שניצער און דרעקסלער-צעך. דעם 29-טען דעצעמבער 1929, איז פארגעקומען די פייערלעכע דערעפנונג. ס׳האבען זיך דעקלארירט 140 מיטגלידער. ס׳זענען געוויילט געווארען אלס צעך עלטסטער — מ. ד. הערשקאוויטש, אלס אונטערעלטסטער - ל. כאלמסקי, י. מ. ווייסבראט, ש. בורשטין. אין דער פארוואלטונג: ד. גאלדמאן, מ. קאפלאוויטש, י. מ. קאנטאר, ש. שווארצאווסקי,

לובּניצקי, גוּטמאַן און ווייסער.

די צעך-ליטונג האָט אדורכגעפירט אן אקציע, צו פאראייניגען די בוי-טישלער, בעטען-מאכער, ווייסע-קרעדענצען-מאכער, און איינצושטעלען צווישען זיי אן איינהייטלעכען פרייז. עטלעכע חדשים האָט אָנגעהאַלטען דאָס אחדות, אבער לסוף איז זי צוליב׳ן שווערען קריזיס געבראָכען געוואָרען.

אין 1930, ווערט דורך דער איניציאַטיוו פון צעך, געשאפען אנ׳אלגעמיינע פארקויף-שטעל, א. נ. „סטיל" פון פארטיג מעבעל, וואָס עקזיסטירט ביז היינט.

אין דער היגער האנטווערקער-קאמער זענען עקזאמינירט געוואָרען 75 יודישע טישלער-מייסטער, און באקומען דיפלאָמען.

איצטער האָט די צעך-ליטונג לעגאליזירט א גמילת-חסדים קאסע, וועלכע וועט בקרוב אָנהייבען צו פונקציאָנירען.

---



ל. כאלמסקי
אונטערעלטסטער



מ. ד. הערשקאָוויטש
צעך-עלטסטער



י. מ. ווייסבראט
אונטערעלטסטער



ש. בורשטין
אונטערעלטסטער

# שלאָסער, מעשענגיסער, קופערשמידער און בראַנזירער-צעך

אין 1900 יאָר, איז אין אונזער שטאָט אַנטשטאַנען א אונלעגאַלער פאַראיין, א.נ. „דגל בצלאל", פון אַלע היגע יודישע טעכנישע האַנטווערקער, ווי: שלאָסער, בלעכער, גראַווירער א.א. דעמאָלט האָבען צו אים געהערט, אַנ׳ערך 20 יודישע שלאָסער-מייסטער. אייגענטלעך, האָט מען דאָרט בלויז פאַרנומען זיך מיט פאָליטיק, און נישט מער. אַזוי האָט עס טאַקע געדויערט א ריי פון יאָרען.

אין 1911, ווערט געגרינדעט דער היגער האַנטווערקער-קלוב, און אַרום אים נעמען זיך גרופּירען די יודישע האַנטווערקער. עס טרעטען דאָרט באַלד ארײַן א הייפעל שלאָסער, מעשענגיסער, קופערשמידער, בראָנזירער און קאָוואלעס, אַנ׳ערך 40 בעלי-מלאָכות. די ערשטע צייט פלעגען זיי אָנטייל נעמען נאָר אין דער אלגעמיינער ארבעט, אַזוי איז עס געווען ביז׳ן אויסברוך פון קריג. שפּעטער ווערט געעפענט בא׳ם קלוב, א „שלאָסער-קאָאָפּעראַטיוו", פון ביליגע רוי-מאטעריאַלען, וועלכע די מיטגלידער האָבען באַקומען צום קאָסטען-פּרייז. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר האָט ער עקזיסטירט, נאָר צוליב ריין-מאטעריעלע סיבות איז ער לסוף ליקווידירט געוואָרען.

אין 1917 יאָר, ווערט דורך דער איניציאַטיוו פון א גרופּע בעלי-מלאכות געשאַפען בא׳ם קלוב, א זעלבסטשטענדיקע „מעטאַל-סעקציע", וועלכע האָט שוין געציילט 60 מיטגלידער, און אָנגעפירט א טעטיגקייט אויפ׳ן ריין-עקאָנאָמישען געביט.

אין משך פון דער צייט, זענען אין דער שפּיץ פון איר ארבעט געשטאַנען די ה"ה: משה לאַסמאן, י. פוטערמאן, פ. מאָטיל, און א. זילבערבערג.

אין 1926, האָט די „מעטאל-סעקציע", אנטהילט א פאריין-פאָן. ס׳איז אויך פאָרגעקומען א פייערונג.

ס׳ווערען אונטערגענומען שריט צו לעגאַליזירען אַ צעך, און נאָך גרויסע באַמיהונגען ווערט ער געגרינדעט דורך די ה"ה: פ. מאָטיל, א. זילבערבערג, מ. ריזשיק, ש. פוטערמאַן, י. קיוואק, א. בערקענוואלד, ח. לעווקאָוויטש, און ה. קאָזשוך.

דעם 10 מאי, 1930 יאָר, קומט פאָר אין האַנטווערקער-קלוב, די פייערלעכע דערעפענונג פון צעך. ס׳האָבען זיך דעקלאַרירט 104 בעלי-מלאָכות, פון די בראַנזשעס: שלאָסער, מעשענגיסער, קופערשמידער און בראָנזירער. די וואַלען האָבען געגעבען דעם אויסגאַנג. אַלס ערשטער צעך-עלטסטער — מ. ריזשיק, אונטערעלטסטע — פ. מאָטיל, מ, עדעלשטיין, מ. טאַבאַקמאַן. אין דער פארוואַלטונג: א. זילבערבערג, ח. לעווקאָוויטש, ה. זילבערשטיין, א. בערקענוואלד, ב. וואָראָבייטשיק, י. י. קאָפּעל. אין דער רעווידיר-קאָמיסיע: א. וויאָנזאָווסקי, מ. לאַסמאַן, ה. פראָגעל.

ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרען א עקזאַמיניר-קאָמיסיע, פון: פ. מאָטיל, א. זילבערבערג, און י. פוטערמאן, פאַר וועלכע ס׳האָבען באַלייגט די עקזאַמענעס ביז 30 בעלי-מלאכות, און באקומען מייסטער-דיפלאָמען. ס׳איז אויך אויסגעפועלט געוואָרען פאַר זיי פריער גרויסע הנחות.

דעם 10 מאי, 1931 יאָר, זענען פאָרגעקומען דערגענצונגוואַלען. או פ׳ן אָרט פון די ארויסטרעטענדיגע האָבען זוכה-בגורל געווען: ה. זילבערשטיין, ב. וואָראָבייטשיק, און ב. גרונדשטיין.

דער צעך ציילט איצטער 117 צעך-מיטגלידער און 50 לערן-יונגלעך.



ח. לעווקאָוויטש
סעקרעטאר



פ. מאטיל
אונטערעלטסטער



מ. ריזשיק
צעך-עלטסטער



מ. עדעלשטיין
אונטערעלטסטער



מ. טאבאקמאן
אונטערעלטסטער

# שניידער-צעך

אין 1907 יאָר, איז דורך דער איניציאַטיוו, פון די ה"ה: מ. צאַריסקי, י. שלאָמאָוויטש, ז. שוואַרצבערג און מ. פעכוואָסער, געגרינדעט געוואָרען די „חברה חייטים", מיט אַן אייגענער שוהל. נאָר, די מתפללים פלעגען דערבאַ פאַרנעמען זיך מיט פילאַנטראָפּישע זאַכען, און געהאַט דאָרט אַנ׳אָהן-פּראָצענטיגע הלוואות-קאַסע, וואו יעדער איינער מיטגליד האָט געקריגען אַרויסגעבאָרגט ביז 50 רובעל, שפּעטער אָבצוצאָלען צו איין רובעל אַ וואָך.

באַ דער חברה איז געווען טעטיג „מעדיצינישע הילף", וואו איטלעכער האָט באַקומען אַ דאָקטאָר פאַר 40 קאָפּיקעס, און אַ פעלדשער פאַר 20 קאָפּיקעס — די רעשט פלעגט געדעקט ווערען פון דער שוהל-קאַסע.

בעת דער מלחמה, אין 1914, איז באַ דער חברה געעפענט געוואָרען, אַ „קאָאָפּעראַטיוו פון לעבענסמיטעל און שניידער-צודאַטען", וועלכער האָט אָנגעפירט אַ פּראָדוקטיווע טעטיגקייט. צוליב דעם, וואָס די מיטגלידער האָבען אַלץ כסדר פאַרגרעסערט זיך, און וויל באַ אַ טייל איז אַנטשטאַנען אַ פאָדערונג, אַז ס׳דאַרף געפירט ווערען נאָר אַ ריין-פּראָפעסיאָנעלע טעטיגקייט, ווי אויך, אַז די שוהל דאַרף אָבגעטיילט ווערען פון דער חברה, — צו דעם צוועק, כדי קלאָר צו מאַכען די לאַגע, איז גערופען געוואָרען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין האַנטווערקער-קלוב, און ס׳איז באַשלאָסען געוואָרען, צו שאַפען אַ „שניידער-מייסטער-סעקציע", באַם דערמאָנטען קלוב.

אין דער שפּיץ פון דער סעקציע זענען געשטאַנען, די ה"ה: ב. קאַזימיערסקי, א. געלאַסען, א. גלאָטמאַן, פ. הערשקאָוויטש, ק. קויפמאַן, אָפּאַטשינסקי, בעסער און ברודזיצקי.

שפּעטער, איז נאָך אַ פאַרשטענדיגונג פון חברה חייטים און דער שניידער-מייסטער-סעקציע, געגרינדעט געוואָרען אין 1916 יאָר, דער „פאַראייניגטער יודישער פּראָפעסיאָנעלער שניידער-מייסטער-פאַראיין", אין אונזער שטאָט. ס׳זענען דאָרט פון צייט צו צייט, איינגעאָרדענט געוואָרען פאָרלעזונגען, וואָס פלעגען באַהאַנדלען ריין פּראָפעסיאָנעלע פראַגען. צום פאַראיין האָבען דעמאָלט געהערט דריי סעקציעס: מענער-באַשטעלט, דאַמען-באַשטעלט און מאַגאַזין-שניידער, און אָנגעפירט אַ ברייטע טעטיגקייט, אויפ׳ן עקאָנאָמישען געביט.

דערווייל איז געשאַפען געוואָרען, אַ קאָאָפּעראַטיוו, באַם דערמאָנטען פאַריין, און גלייך איז די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט אָבגעשטעלט געוואָרען. אַזוי האָט עס געדויערט צוויי יאָר צייט.

נאָך דער ליקווידאַציע פון קאָאָפּעראַטיוו, הייבען זיך אָן די גרויסע שטרייקען צווישען די אַרבעטער. אין פאַראיין-לאָקאַל זענען כסדר געפירט געוואָרען אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַר שטייער פון די אַרבעטער. אָבער, שטענדיג האָט די פאַרוואַלטונג באַמיט זיך צו קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג. אַ דאַנק דעם, איז געלונגען צו קומען צו הילף די מיטגלידער.

ווען די גרויסע שטייער-לאַסטען האָבען גענומען דריקען די שניידער-מייסטער, איז אין שייכות דערמיט, אַדורכגעפירט געוואָרען אַ גאַנצע ריי אינטערווענצען, באַ די געהעריגע מאַכט-אָרגאַנען, און אויסגעפועלט געוואָרען פאַר זיי גרויסע פאַרלייכטערונגען.

מיטאַמאָל איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג, די מאַגאַזין-שניידער האָבען גענומען אַרויסשטעלען אַ ריי פאָדערונגען, וואָס האָבען נישט געקענט נאָכגעגעבען ווערען מצד דער פאַרוואַלטונג, און לסוף איז די גאַנצע מאַגאַזין-שניידער-סעקציע אַרויסגעטרעטען פון פאַראיין.

דעם 19 מאַי, 1928 יאָר, איז דורך דער איניציאַטיוו, פון די ה"ה: ב. קאַזימיערסקי, מ. צאַריסקי, א. געלאַסען, און א. גלאָטמאַן, פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון: שניידער-צעך. אויף דער גרינדונג פאַרזאַמלונג זענען די ה"ה א. גלאָטמאַן און מ. צאַריסקי, פאַר זייערע גרויסע פאַרדינסטען לטובת דעם יודישען האַנטווערקערטום, אויסגעוויילט געוואָרען אַלס ערען-מיטגלידער פון צעך. די וואַלען האָבען געגעבען דעם אויסגאַנג: אַלס ערשטער צעך עלטסטער — א. געלאַסען, און אַלס אונטערעלטסטע—א. גלאָטמאַן, מ. צאַריסקי, י. בעסער, און אַ פאַרוואַלטונג.

די צעך-פאַרוואַלטונג האָט אַדורכגעפירט די האַנטווערקער-עקזאַמענעס פאַר אירע מיטגלידער, אין פאַראיין-לאָקאַל, און 150 יודישע שניידער האָבען באַקומען מייסטער-דיפּלאָמען. חוצדעם איז אויך פריער אויסגעפועלט געוואָרען פאַר זיי גרויסע הנחות, און אומבאַמיטעלטע זענען אינגאַנצען באַפרייט געוואָרען.

דעם 12 יאַנואַר, 1932, זענען פאָרגעקומען פרישע וואַלען אין היגען שניידער-צעך. ס׳זענען געוויילט געוואָרען, אַלס צעך-עלטסטער — א. געלאַסען, אונטער-עלטסטע — א. גלאָטמאַן, מ. צאַריסקי און מ. גורט. אין דער פאַרוואַלטונג: ב. קאַזימיערסקי, י. בעסער, א. מאַרדקעוויטש, וו. ראָזענבלאָט, מ. הערשקאָוויטש, ל. בעקער, א. לעווקאָוויטש, מאַריע מייערטשיק, און שרה גרינבלאַט.

דער צעך ציילט איצטער ביז 400 פאַרשריבענע מיטגלידער און 50 לערן יונגען.



ב. קאזימירסקי
גרינדער



א. גלאטמאן
אונטערעלטסטער



א. נעלאסען
צעך־עלטסטער



מ. צאריסקי
אונטערעלטסטער



מ. גורט
אונטערעלטסטער



א. מארדקעוויטש
פארוואלטונגס־מיטגליד



מ. הערשקאוויטש
סעקרעטאר

# פריזיער=צעך

אין 1911 יאָר, איז באַם היגען האַנטווערקער-קלוב, געגרינדעט געוואָרען, די ערשטע יודישע פריזיער-סעקציע, דורך די ה"ה: ה. ברויער, ל. קראָקויער, ג. פישער, י. גיפס און י. ווייך, די אָרגאַניזאַטאָרען האָבן איינגעשטעלט אַ ווערבירונג-קאָמיסיע, וועלכע האָט געשטעלט זיך די אויפגאַבע צוצוציהען אַלע יודישע פריזיער-מייסטער צו דער סעקציע. דאָס איז זיי געלונגען און זי האָט שוין געציילט 44 מיטגלידער. די סעקציע איז געווען טעטיג ביז'ן קריג און דערנאָך איז זי ליקווידירט געוואָרען.

אין 1918, נעמט איבער די איניציאַטיוו אַ יונגע גרופּע און ס'ווערט אָרגאַניזירט באַם האַנטווערקער-קלוב, דער יודישער פראָפעסיאָנעלער פריזיער-מייסטער-פאַראיין, אין אונזער שטאָט.

אין משך פון גאַנצע ניין יאָר האָט ער אָנגעפירט זיין נאָרמאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, ביז'ן סוף 1927 יאָר.

אין דער שפּיץ פון אים זענען געשטאַנען, די ה"ה: גרונוואלד, פראַגע און ראַדאָשיצקי.

ווען עס ווערט אַרויסגעגעבן דאָס צעכען-געזעץ, און טראָץ דעם, וואָס דער יודישער פריזיער-מייסטער האָט געהאַט אַ פרייען צוטריט צו דעם היגען עקזיסטירענדיגען געמישטען פריזיער-צעך, קריסטען און יודען, האָבן דאָך עטלעכע איניציאַטאָרען באַמיט זיך צו לעגאַליזירען דעם היגען יודישען פריזיער-צעך.

דעם 17 נאָוועמבער, 1929, קומט פאָר די פייערלעכע דערעפענונג פון יודישען פריזיער-צעך, אין לאָקאַל פון צענטראַלען האַנטווערקער פאַרבאַנד, פּאָלודניאָווע 4. ס'האָבן זיך דעקלאַרירט 76 בעלי מלאכות. די וואַלען האָבן געגעבן דעם אויסגאַנג. ס'ווערט געוויילט אַלס ערשטער עלטסטער פון צעך — אברהם באָק, אַלס אונטערעלטסטע – הערמאַן קאָלסקי, יוסף פראַגע, און יעקב קאָפּעלאָוויטש, ס'איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג.

די געוויילטע פאַרוואַלטונג נעמט איבער די ליטונג און טרעט צו ענערגיש צו דער אַרבעט, אָבער באַלד טרעפט זי אָן גרויסע שוועריגקייטען מצד די מיטגלידער גופא. צוליב דעם וואָס ס'הויבען זיך אָן אַרומרייסעניש און מחלוקות, איז די פאַרוואַלטונג געצווינגען צו לייגען די מאַנדאַטען.

נאָך אַ האַלב יאָר קומען פאָר פרישע וואַלען פון אַ נייער ליטונג, און ס'ווערט געוויילט אַלס צעך עלטסטער — הערש קאָלסקי, וויצע—יוסף פראַגע, לייב ראָטמאַן, און יעקב קאָפּעלאָוויטש.

אין 1930 יאָר, זענען פאָרגעקומען אין דער היגער האַנטווערקער-קאַמער, די עקזאַמענס פון די יודישע פריזיער-מייסטער. ס'האָבן אויסגעהאַלטען 30 מייסטער און געקריגען דיפּלאָמען. ס'איז אויך לכתחילה אויסגעפּועלט געוואָרען פאַר זיי גרויסע הנחות. שפּעטער זענען אַדורכגעפירט געוואָרען אַזעלכע עקזאַמענעס אין פּיעטריקאָוו און אין קאַליש. אין 1931, האָבען ווייטער אויסגעהאַלטען 30 יודישע פריזיער-מייסטער, און באַקומען דיפּלאָמען.

אין דער עקזאַמינער-קאָמיסיע, האָבען זיך באַטייליגט: ראַטמאַן ראָליק, היימאַן ברויער, ס. שוואַרץ און די גאַנצע צעך פאַרוואַלטונג.

צוליב דעם אָבער, וואָס דער צעך-עלטסטער האָט זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע, האָט אויך די פאַרוואַלטונג געלייגט די מאַנדאַטען. ס'קומען דאַריבער פאָר פרישע וואַלען און ס'ווערט געוויילט אַלס צעך-עלטסטער—יוסף פראַגע, וויצע—יצחק ראַדאָשיצקי, יצחק רייזמאַן. אין דער פאַרוואַלטונג: א. דירעקטאָר, י. בענעדיק, מ. בלומשטיין, ד. וואָלקאָוויטש, א. מאָשקאָוויטש, ח. סאַלאָמאָנטשיק, ב. יודקעוויטש, א. שניידער און מ. פּיליכאָווסקי.

אין צעך זענען איצטער פאַרשריבען 200 צעך-מיטגלידער און 132 לער-יונגען.



י. רייזמאן
אונטערעלטסטער



י. פראגע
צעך-עלטסטער



י. ראדאשיצקי
אונטערעלטסטער



י. בענעדיק
קאסירער

# יוּוועלירער. זייגערמאכער און גראווירער=צעך

אין 1914 יאָר, איז געגרינדעט געוואָרען דער פאַראיין א.ג. „מלאכת זהב״, וועלכער האָט אַרומגענומען די פאַכען, יוּוועלירער, זייגערמאַכער און גראַווירער, אַנ׳ערך 150 בעלי מלאכות. מיט אַ צייט שפּעטער האָבען אָנגעשלאָסען זיך אויך אין אים, אַלע סוחרים און הענדלער פון די בראַנזשעס. אין משך פון דער צייט, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז זיי זענען אויסען צו שיקאַנירען די בעלי מלאכות, און ווילען גאָר פשוט איבערנעמען די מאכט, איז טאַקע דורך זיי געשאַפען געוואָרען זייער אַנ׳ערנסטע לאַגע, און עס האָט געדראָהט, אז דער פאַראיין זאָל אינגאַנצען שוין ליקווידירט ווערען. נאָר, גראָד דעמאָלט זענען פאָרגעקומען וואַלען, און ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרען א נייע פאַרוואַלטונג, מיט ה׳ פיאַלקא בראש. אַ דאַנק זיי איז געלונגען דעם פאַראיין צוריק אויפצולעבען, און אָנצופירען אַ טעטיגקייט, ווי אויך צו פאַרטיידיגען זיינע בעלי מלאכות אין אַלע געהעריגע אינסטאַנצען.

אין 1927 יאָר, ווען דאָס צעכען-געזעץ איז אַריין אין קראַפט, און די יוּדישע האַנטווערקער פאַראיינען האָבען אָנגעהויבען אייבערצוגייען אויף צעכען, איז אונטערגענומען געוואָרען שריט צו גרינדען אַ צעך. נאָר, אפילו דאָ האָט געמוזט געפירט ווערען אַ שווערער קאַמף, מיט די אַזויגערופענע סוחרים, און צום סוף איז געלונגען עטלעכע האַנטווערקער אים צו לעגאַליזירען.

דעם 8 מערץ פון 1930 יאָר, איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפנונג פון צעך, דורך די גרינדער, ה״ה: פ. שטיפט חיים יאָסקאָוויטש, ה. עדעליסט, ל. יאָסקאָוויטש, מ. פרינץ, א. טעמפעלהאָף, און ה. גורפינקעל.

די וואַלען האָבען געגעבען דעם אויסגאַנג: אַלס ערשטער צעך-עלטסטער איז געוויילט געוואָרען — פ. שטיפט און אַלס אונטער-עלטסטע – מ. קאָרענבלום און ז. פינקעלשטיין. ס׳איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג.

נאָך אַ קורצער טעטיגקייט פון דער פאַרוואַלטונג, זענען באַשטימט געוואָרען נייע וואַלען. אַ גרופּע בעלי מלאכות האָט זיך באַמיהט אַדורכצופירען אַזעלכע, וועלכע קאָנען אָנפירען אַ פּאָזיטיווע ארבעט.

דער צוזאַמענשטעל פון דער איצטיגער געוויילטער לייטונג, איז: עלטסטער פון צעך – פיאַלקא, אונטער-עלטסטע – ח. יאָסקאָוויטש און י. אייזענבערג, אין דער פאַרוואַלטונג, די ה״ה: עדעליסט, טעמפעלהאָף, גליקסמאַן, קאָן, קאַץ, ל. יאָסקאָוויטש, ראַטשימאַראַ, און וו. קאָן.

בּאַ די עקזאַמענעס אין דער היגער האַנטווערקער-קאַמער, וועלכע זענען פאָרגעקומען, האָבען אויסגעהאַלטען 25 צעך-מיטלידער און באַקומען דיפּלאָמען.

דער צעך ציילט איצטער 130 מיטגלידער.



י. אייזענבערג
אונטערעלטסטער



י. פיאלקא
צעך-עלטסטער



ח. יאסקאוויטש
אונטערעלטסטער



ה. עדעליסט
פארוואלטונג-מיטגליד

# שוּסטער=צעך

דער שוסטער-מייסטער-פאַראיין, איז געגרינדעט געוואָרען אין 1916 יאָר דורך די איניציאַטאָרען: משה זוסמאַן, חיים לעסקי, שמואל מאַכטינגער, שמעון ציטרין, מאָטעל קליינמאַן און שמואל באָרענשטיין. נאָך דריי חדשים האָט ער שוין געציילט, אַנ׳ערך פון 270 מיטגלידער, די ערשטע צייט איז געווען די ארבעט אַ באַשרענקטע, זי האָט אויסגעדריקט זיך אין באַזאָרגען פאַרשידע

נע קהלישע-זאַכען, אינטערוועגצען, א. ד. גל. שפּעטער איז גע-שאַפען געוואָרען אויף פאַי-יסודות, „אַ קאָאָפּעראַטיוו פון ביליגע שוסטער - צודאַטען”. ווייל אָבער, עס האָבען אויסגע-פעלט געלט-מיטלען, כדי צו קאָנען אָנפירען אַ געמיינזאַמע אַקציע, האָט ער געמוזט נאָך עטלעכע חדשים צייט ליקווידירט ווערען.

דאָס אייגענע איז געווען מיט'ן „לעדער קאָאָפּעראַטיוו”, וועלכער איז שפּעטער געעפענט געוואָרען, ער האָט אויך לסוף נישט געקאָנט עקזיסטירען.

אין יענער צייט איז איינגעשטעלט געוואָרען א „מעדיצינישע הילף”, מיט ביליגע דאָקטוירים, וואו די מיטגלידער האָבען געקאָנט ווענדען זיך אין אַ פאַל פון קראַנק ווערען, אָדער, זייערע פאַמיליעס. די איינריכטונג האָט א לענגערע צייט עקזיסטירט, און איז געווען זייער נוצלעך פאַר די אָרעמע שוסטער, אָבער זי איז דערנאָך אָבגעשטעלט געוואָרען.

אין 1926 יאָר האָט דער פאַראיין געפייערט זיין 10 יאָריגען יובילעאום, אין היגען ענגלישען זאַל, וואָס איז אַדורך זייער יום-טוב'דיג. ס'איז דעמאָלט אנטהילט געוואָרען דער פאַראיין-פאָן.

אין 1927 יאָר, איז דורך אַ קליינע גרופּע איינגעאָרדענט געוואָרען אַ „הילף-קאַסע”, וועלכע האָבען אַליין באַשטייערט זיך

פון די ה״ה: יוסף געלבארט, יאָקעל שומאכער, פערלע, קראוויעץ, היימאן, איז ער נאָך גרויסע באמיהונגען געגרינדעט געוואָרען.

דעם 20.11 1928 יאָר, איז פאָרגעקומען אין אייגענעם לאָקאל די פייערלעכע דערעפענונג פון שוסטער-צעך אין אונזער שטאָט. (אגב איז ער געווען דער ערשטער יודישער צעך אין גאנץ פוילען.) ס'האָבען דעקלאַרירט זיך 250 צעך-מיטגלידער, ס'זענען געוויילט געוואָרען, אַלס ערשטער צעך-עלטסטער — יוסף געל-באַרט, אונטערעלטסטע — יעקב שומאַכער, שלמה סיוואַצקי און אַ פאַרוואַלטונג.

די לעצטע צייט איז באַנייט געוואָרען די „מעדיצינישע הילף”, וועלכע פונקציאָנירט איצט נאָרמאַל. חוצדעם איז גע-שאַפען געוואָרען אַ „יורידישע אָבטיילונג”.

דער צעך האָט אַדורכגעפירט אַ גאַנצע ריי אַקציעס אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט.

דעם 14.11 1931 יאָר, זענען פאָרגעקומען דערגענצונגס-וואַלען אין צעך. אויפ'ן אָרט פון די אַרויסטרעטענדיגע האָבען זוכה בגורל געווען, אלס אונטערעלטסטע — חיים לעסקי, זישע בימקע און שלמה סיוואַצקי. אין דער פאַרוואַלטונג: י. באָק,



יוסף געלבארט

צעך-עלטסטער



חיים לעסקי

אונטערעלטסטער

לטובת איר און איז צונויפגעשטעלט געוואָרען פון אָרעמע גראָשענס. נאָך אַ יאָר צייט איז זי פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ „גמילת חסדים קאַסע”, וואָס גיט אַרויס אָן פּראָצענטיגע הלוואות זיינע מיטגלידער, פון 50 ביז 100 גילדען. זי ציילט שוין איצט 100 מיטגלידער און פארמאָגט 3000 גילדען אייגען קאַפּיטאַל. די הכנסות שטעלען זיך צונויף פון פארשידענע אונ-טערנעמונגען, פאַרוויילונגען, פאַנטען-לאָטעריעס, א, ד. גל. זי פירט אָן אַנ'אויטאָנאָמע ארבעט, מיט אנ'אייגענע פארוואלטונג, וואָס באַשטייט פון די ה״ה: פרעזעס — זישע בימקע, וויצע — כיימאָוויטש, און שמחה קאָקאָשקע. סעקרעטאר — א. צוקער.

בעת ס'איז ארויס דאָס צעכען-געזעץ, ווערט אונטערגענו-מען שריט צו לעגאליזירען דעם צעך. דורך דער איניציאטיוו,

מ. העלער, פ. פייערשטיין, א. רינדבערג, מ. אָשיאַק, ש. שטיין, ל. י. וואַגע, ח. בוימאַן און ש. דאַנציגער.

אין דער האַנטווערקער-קאַמער האָט די צעך-פאַרוואַלטונג אַדורכגעפירט אַ גאַנצע ריי הנחות לטובת זיינע מיטגלידער, אין שייכות מיט די עקזאַמענעס, וועלכע זיי האָבען דאָרט באַלייגט און 30 יודישע שוסטער-מייסטער זענען דיפּלאָמירט געוואָרען.

אין מערץ 1932 איז באַם צעך דערעפענט געוואָרען,— לויט דער איניציאָטיוו פון די ה'ה: י. געלבארט, י. באָק און י. וויינבערג — אַ ביבליאָטעק א. נ. פון „י. ל. פרץ”, וועלכע ציילט שוין איצט ביז 300 בענדער אין דער יודישער שפּראַך.

דער צעך ציילט איצט ביז 330 מיטגלידער.

# היטעלמאכער-צעך

חברה „כובע ישועה” איז געגרינדעט געוואָרען אין 1898 יאָר, דורך די ה'ה: ש. נ. קאליסקי, מ. א. שטיין, ש. ברוין, ה. פענזעל, פ. אייזנער, — זי האָט געהאט אַ גמילת חסדים-קאַסע, וועלכע האָט אַרויסגעבאָרגט ביז 25 רובעל, אָן פּראָצענט.

שפּעטער האָט די חברה געשריבען אַ ספר תורה און געמאַכט א סיום.

אין 1901 איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'זענען אַרומגערעדט געוואָרען פאַרשידענע פאַך-פראַגען; דער-נאָך איז אויפ'ן פאָרשלאָג פון הרב אלי' חיים מייזעל זצ״ל אָנגע-

נומען געהאָרען, צו ענדערען דעם נאָמען פון דער חברה, אויף — „פועלי צדק“.

די חברה האָט ווייטער געפירט איר טעטיגקייט.

אין 1906 יאָר איז דורך די ה'ה: ש. קאַליסקי, ש. ראַפּאָפּאָרט, ש. קריגער, מ. פּרעכנער, ז. באַרוך, אונטערגענומען געוואָרען אַנ'אַקציע צו לעגאַליזירען אַ היטעלמאַכער פאַראיין. אין דעם יאָר איז ער געשאַפען געוואָרען בײַ אַ צאָל פון 61 בעלי מלאכות. ס'איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס פּרעזעס — ראַפּאָפּאָרט, וויצע — קאַליסקי, סעקרעטאַר — קריגער.

דער היטעלמאַכער־פאַראיין האָט אָנגעפירט זיין טעטיגקייט אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט און נאָך אַ יאָר צייט איז ער פונאַנדערגעפאַלען.

אין 1907 יאָר איז געגרינדעט געוואָרען אַנ'ארטעל בײַם פאַראיין פון אַכט מיטגלידער מיט אייגענע מאַשינען, זיי האָבען אָבער נישט געקריגען קיין אַרבעט און צולעצט האָט ער אויפגעהערט צו עקזיסטירען.

אין פאַך איז געווען זייער אַ גוטע. די היטעלמאַכער האָבען געהאַט פאָדריאַדען פאַר'ן מיליטער.

אזוי איז די אַרבעט געגאַנגען ביז דער פאַראיין האָט אָנגעשלאָסען זיך אין דער האַנטווערקער־צענטראַלע פּאָלודניאָווע 4.

דעמאָלט האָבען די היטעלמאַכער, קירזשנער און קאפּעלושמאַכער אָבגעטיילט זיך אין באַזונדערע סעקציעס, אָבער בײַ געזעלשאַפטלעכע פראַגען האָבען זיי פאַראייניגט זיך. אַלע האָבען געהאַט זייערע פאָרשטייער אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון קלוב.

שפּעטער האָבען צו דער היטעלמאַכער סעקציע אָנגעשלאָסען זיך אַ גרעסערע גרופּע כאַלופּניקעס, אין דער שפּיץ פון זיי איז געשטאַנען באַרטמאַן. אין 1927 יאָר איז דורך דער סעקציע געשאַפען געוואָרען אַ פּראָדוקציר קאָאָפּעראַטיוו אויף דער נאָוואָמיעסקע 19.

צוליב דעם קריזיס אין לאַנד האָט דער קאָאָפּעראַטיוו נישט געקאָנט עקזיסטירען און איז אויפגעלעזט געוואָרען.



אבא מידלאַרוש

פאַרוו. מיטגליד



מ. ראַוויצקי

אונטערעלטסטער



אלי' באַרטמאַן

אונטערעלטסטער

אין 1910 יאָר ווערט צוריקאויפגעלעבט דער פאַראיין.

די טעטיגקייט איז דעמאָלט באַשטאַנען, דאָס די מיטגלידער זאָלען נישט קאַליע מאַכען זיך די פּרייזען און אז איין מייסטער זאָל נישט צו נעמען דעם צווייטענס אַרבעטער.

מיט'ן אויסברוך פון דער מלחמה האָט דער פאַראיין אויפגעהערט צו זיין טעטיג.

אין 1916 יאָר הייבט דער פאַראיין אָן ווידער זיין טעטיגקייט אויף דער שרעדניע 13, בײַם בעקער־פאַראיין. ס'זענען דעמאָלט אַדורכגעפירט געוואָרען עטלעכע שטרייקען. די לאַגע

דעם 1 פעברואַר 1931 יאָר איז דורך די גרינדער ש. קאַליסקי, מ. ראַוויצקי, אלי' באַרטמאַן, אבא מידלאַרוש, געגרינדעט געוואָרען אַ היטעלמאַכער־צעך. ס'זענען פאַרשריבען 65 מיטגלידער. דער צעך פירט אָן אַ ברייטע טעטיגקייט. ס'זענען דורך דער צייט פאָרגעקומען 15 עקזאַמענעס און די מיטגלידער האָבען באַקומען מייסטער־דיפּלאָמען.

די צעך־לייטונג באַשטייט, פון: צעך־עלטסטער — ש. קאַליסקי, אונטערעלטסטע — משה ראַוויצקי, אלי' באַרטמאַן און בערעל באָק. אין דער פאַרוואַלטונג — אבא מידלאַרוש און אברהם גאָלדבערג.

# קאַפּעלושמאַכער־צעך

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען כמעט אַלע פאַבריקען און ווערקשטעלען האָבען געמוזט אָבשטעלען די אַרבעט צוליב'ן מאַנגעל אין רוי־מאַטעריאַלען און קוילען, האָט דער האַנטווערקער איבערגעלעבט אַ אויסערגעווײנלעך שווערען קריזיס.

באַזונדער שווער איז געווען די לאַגע פון די קאַפּעלושמאַכער, וייל כמעט אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען צו דער אַרבעט זענען געווען אונטערן „מלוכה־באַשלאַג“, אַזוי אַז די מייסטערס האָבען זיך געפונען אין אַ לאַגע אָן אויסוועג. עס האָט זיי געדראָט אַ פולשטענדיגער אונטערגאַנג.

דאָס האָט טאַקע געברענגט דערצו, אז אַ סך קאַפּעלושמאַכער־מייסטער האָבען געמוזט אַוועקלייגען דאָס פאַך און נעמען זיך צו דעם צו וואָס איינער האָט נאָר געקאָנט.

דעמאָלט איז בײַ אַ גרופּע קאַפּעלוש־מאַכער־מייסטער אַנטשטאַנען דער געדאַנק צו גרינדען אַ פאַראיין.

אין 10 יאַנואַר 1916 איז בײַ אַ צאָל פון 15 קאַפּעלושמאַכער, אונטערן פאָרזיץ פון ה' ס. באַרוך פאָרגעקומען די גרינדונג־פאַרזאַמלונג פון קאַפּעלוש־מאַכער־פאַראיין אין לאָדזש.

דער פאַראיין האָט באַלד אָנגעהויבען אַ טעטיגקייט לטובת



מ. קאפעלושניק

אונטערעלטסטער



א. לאסקער

צעך-עלטסטער



ב. לאסקער

פארוו. מיטגליד



ס. באַרוך

מיטגרינדער

זיינע מיטגלידער און האָט אין פארלויף פון א קורצער צייט באקומען פון דער מאַכט די נויטיגע מאטעריאלען פאַר'ן פאַך ווי אויך קוילען, וועלכע ער האָט פארקויפט די מיטגלידער צו ביליגע פרייזען און דערמיט זיי געגעבען די מעגלעכקייט צו אַרבעטען.

בעת דער „גראבשטשיזנע", ווען אויפ'ן האַנטווערקער האָט זיך אַ שיט געטוען אַ האָגעל פון פאַרשידענע שטייערען, האָט דער פאַראיין, כדי צו האָבען די מעגלעכקייט צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון זיינע מיטגלידער זיך פאַראייניגט מיט די קרובה'שע פאַכען און געזאָרגט דערפאַר, אַז ער זאָל זיין פאַרטרעטען אין אַלע שטייער-אַמטען.

נאָך אַ פאָר יאָר האָט דער פאַראיין, צוליב פאַרשידענע סבות אָבגעטיילט זיך פון די אַנדערע פאַכען און אָנגעהויבען אַליין פירען אַ טעטיגקייט, האָט אַדורכגעפירט אַנ'אקציע קעגען דער קאָנקורענץ, שאַפענדיג אַנ'איינהייטלעכען אַרבעט-פרייז אין דער דאַמען און מענער-בראַנזשע.

דעם 30 דעצעמבער 1930 איז אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' שוואַרצבערג פאָרגעקומען אַ מיטגלידער פאַרזאמלונג, אויף וועלכער ס'איז באַשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ צעך.

די פייערלעכע דערעפענונג פון קאַפעלושמאַכער-מייסטער-צעך איז פאָרגעקומען דעם 25.8 .1931 אין צענטראַלען האנטווערקער פאַרבאַנד (פאָלוד. 4). בא א צאָל פון 50 בעלי מלאָכות און מאָדיסטקעס.

ס'זענען אויסגעוויילט געוואָרען: עלטסטער—אברהם לאסקער. אונטערעלטסטע—מ. קאפעלושניק, מ. שווארץ און באשע מארקעוויטש. פארוואלטונג: ב. לאסקער, ש. שווארצבערג און י. שפערלינג.

# טישלער-צעך

אַ גרופע יודישע טישלער-מייסטער, וועלכע זיינען אַרויסגעטרעטען פון עקזיסטירענדיגען טישלער-צעך, ווייל ער האָט נישט פאַרטיידיגט זייערע עקאַנאָמישע אינטערעסען, האָבען באַשלאָסען צו שאַפען א צווייטען טישלער-צעך. די איניציאַטאָרען האָבען אויסגעפועלט אַ לעגאַליזאַציע בא דער געהעריגער מאכט, און דורך די באַמיהונגען פון די ה"ה: הערש לעווקאָוויטש, משה מאַיאַק, וואלף שמעדרע, מיכאל וואָלפאָוויטש, יעקב אָסטראָוויטש, און הערצקע האַקמאַן, איז געלונגען צו עפענען דעם צעך.

די פייערלעכע דערעפענונג פון טישלער-מייסטער-צעך איז פאָרגעקומען דעם 25 מאי, 1930 יאָר, אין בערלינער זאַל. ס'האָבען זיך דעקלאַרירט אַנ'ערך 89 טישלער-מייסטער. די וואַלען האָבען געגעבען דעם אויסגאַנג. אלס ערשטער צעך-עלטסטער איז געוויילט געוואָרען — ה' הערש לעווקאָוויטש און אַלס אונטערעלטסטע — וואָלף שמעדרע, משה מאַיאַק און מיכאל וואָלפאָוויטש.

די פאַרוואַלטונג: יעקב שוואַרץ, יעקב אָסטראָוויטש, משה ווייסער, שמואל בלאַנק, יחיאל קאָלסקי, אַברהם יוסף וויזענפעלד, יוסף ראַדזשינסקי און הערש מילער.

אין דער ערשטער לגיע איז אונטערגענומען געוואָרען אַנ'אַלגעמיינע אַקציע, צו פאַראייניגען די ווייסע קרעדענצען מאכער, אַז זיי זאָלען זיך נישט שעדיגען אין דער קאָנקורענץ. און עטלעכע חדשים האָט פאַקטיש געהאַט איינגעגעבן זיך צו



מיכאל וואָלפאָוויטש
אונטערעלטסטער



הערש לעווקאָוויטש
צעך-עלטסטער



וואָלף שמעררע
אונטערעלטסטער



יעקב אָסטראָוויטש
פארוו. מיטגליד

שאַפען אַנ'איינהייטלעכען פראָנט, אין דער בראַנזשע איז געווען אַחדות. נאָר צוליב'ן הערשענדיגען קריזיס, איז ער לסוף גע-בראָכען געוואָרען.

זייט 1931 איז באַ'ם צעך טעטיג אַ גמילת-חסדים-קאַסע פאַר די צעך-מיטגלידער, וואו איטלעכער איינער באַקומט אַ אָן-פּראָצענטיגע הלואה, אין דער הויך פון 50 גילדען.

בנוגע די האַנטווערקער-עקזאַמענעס, איז אויסגעפועלט גע-וואָרען דורך דער פאַרוואַלטונג אַ גאַנצע ריי הנחות, ווי אויך איז פאַר די אָרעמע מיטגלידער דערהאַלטען געוואָרען אַ סובסידיע פון דער יודישער קהלה, כדי זיי זאָלען קאָנען איינצאָלען דעם מינימום פון זייער אָבצאָל. ס'האָבען אויסגע-האַלטען די עקזאַמענעס, עטלעכע צוואַנציג יודישע טישלער מייסטער מיט דיפּלאָמען.

דער צעך האָט אָנגעפירט אַ ריי אַקציעס אויפ'ן עקאָנאָ-מישען געביט.

איצטער ציילט דער צעך הונדערט זעכציג יודישע בעלי-מלאכות.

# קאָרפּאָראַציע פון גראַפישער אינדוסטרי

אין 1916 יאָר איז געגרינדעט געוואָרען די יודישע דרוי-קער-סעקציע באַם היגען האַנטווערקער-קלוב (פּאָלוד. 4) דורך די ה"ה: מענדעל האַמפּורסקי, משה שטשעטשינסקי, משה שייניאַק און אַנד. באַ אַ צאָל פון 22 מיטגלידער. די אַרבעט איז דעמאָלט געפירט געוואָרען אויפ'ן עקאָנאָמישען געביט, צו פאַר-בעסערען די לאַגע אין פאַך און צו באַקעמפען די קאָנקורענץ צווישען די דרוקער גופא.

שפּעטער איז געשאַפען געוואָרען אַ קאָאָפּעראַטיוו, אין קליינעם פאָרמאַט, וואו די מיטגלידער האָבען באַקומען צו ביליגע פרייזען פאַרב. פאַרשידענע טעכנישע אַרטיקלען, אָבער נאָך אַ האַלב יאָר עקזיסטירען האָט ער געמוזט צוליב'ן קריזיס אין גראַפישען פאַך געשלאָסען ווערען.

אין יענער צייט איז איינגעפירט געוואָרען אַ שוואַרצע ליסטע פאַר שלעכטע קונים, ווי אויך האָט נאָרמאַל פונקציאָ-נירט אַ שידס-געריכט, וואָס האָט באַטראַכט די סכסוכים, וועלכע זענען אַנטשטאַנען צווישען די קונים און די מיטגלידער.

בעת די ערשטע סיים און סענאַט-וואַלען אין דער פּוי-לישער רעפּובליק, איז איינגעשטעלט געוואָרען באַ דער דרוקער-סעקציע דער ערשטער אַרטעל — וואו ס'איז אָנגענומען גע-וואָרען די גאַנצע וואַל-אַרבעט. די אַלגעמיינע פאַרטיילונג-שטעל, וועלכע איז געווען טעטיג, האָט די ארבעט צוטיילט אויף אַ פּראָפּאָרציאָנעלען אופן צווישען די מיטגלידער. די סעקציע האָט אַראָבגענומען 10 פּראָצענט פון דער איינקאַסאָ. און פּאַק-טיש האָט דעמאָלט נישט געהערשט קיין קאָנקורענץ צווישען די דרוקער. נאָך די וואַלען איז דער אַרטעל אויפגעלעזט גע-וואָרען.

אין די שפּעטעריגע יאָרען האָט די דרוקער-סעקציע אַרויסגעוויזען אַ שוואַכע טעטיגקייט, צוליב דעם שטילשטאַנד אין פאַך.

אין 1928 יאָר איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניגונג צווישען



מרדכי מיימאָן
מיטגרינדער



יחיאל ראַפּאָפּאָרט
אונטערעלטסטער



משה שייניאַק
אונטערעלטסטער



נ. ציטער
פּאַרוו.-מיטגליד



ש. בראָמבערג
פּאַרוו. מיטגליד



ע. רזוניק
פּאַרוו. מיטגליד

די דרוקער, שאַכטעל-מאַכער און בוכבינדער-סעקציעס, וועלכע האָבן אָנגעפירט אויפן עקאָנאָמישן געביט א סאָלידאַרישע אַרבעט. דעמאָלט איז מיט גרויס פּייערלעכקייט אַנטהילט געוואָרען דער בשותפותדיגער פאָן. אַבער, נאָך א יאָר צייט זענען די סעקציעס צוריק פונאַנדערגעפאַלען.

בעת ס׳איז פאַרעפענטלעכט געוואָרען דאָס צעכנגעזעץ, איז צונויפגערופען געוואָרען אַ מיטגלידער-פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס׳איז אָנגענומען געוואָרען אַ שטעלונג, צו באַמיהען זיך אין די מאָסגעבענדיגע קרייזן, אז דאָס דרוקער-פאַך זאָל נישט אַרונטערפאַלען דעם האַנדעל און אינדוסטרי-אַמט—און אין פועל יוצא זאָל געשאַפען ווערען אַ צעך.

ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרען אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט דאָס אַדורכפירען און אויך שאַפען דעם סטאַטוט.

דעם 2 יאַנואַר 1932 איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דער קאָרפּאָראַציע פון דער גראַפישער אינדוסטרי, אין רעסטאָראַן פון קאַראַ (זאַוואַדזקע 4) באַ אַ צאָל פון 53 פאַרשריבענע מיטגלידער און אין דער אָנוועזענהייט פון פאָרשטייער פון די קאָמונאַלע אָרגאַנען, פרעסע און פון דער האַנטווערקער-קאַמער. די וואַלען האָבן געגעבען דעם אויסגאַנג, אַלס ערשטער עלטסטער איז געוויילט געוואָרען — אברהם רונדשטיין; אַלס אונטערעלטסטע — משה שייניאַק, יחיאל ראַפּאָפּאָרט און ז. שאַלדאַיעווסקי. אין דער פאַרוואַלטונג: נ. ציטער, לעאָן אָסטראָווסקי, ע. רעזניק, י. פעליקס, און ש. בראָמבערג.

די פאַרוואַלטונג האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אַ יאָר צייט.

דעם 2 יאַנואַר 1933 זענען פאָרגעקומען פרישע וואַלען און ס׳זענען אויסגעקליבען געוואָרען: אַלס עלטסטער — א. רונדשטיין; אַלס אונטערעלטסטע — מ. שייניאַק, י. ראַפּאָפּאָרט און ל. מ. סטריקאָווסקי. אין דער פאַרוואַלטונג: נ. ציטער, ע. רעזניק, ש. בראָמבערג, ווייסקאָפּ און ווייַן.

די קאָרפּאָראַציע ציילט 55 מיטגלידער.

# צענטראַלער יודישער האַנטווערקער און קליינאינדוסטרי פאַרבאַנד (פּאָלוד. 4)

אין סוף פון 1910 יאָר, איז דעריהאַלטען געוואָרען אַ קאָמוניקאַט פון דער „חברה צו פאַרשפרייטען ערד-אַרבעט און מלאכה צווישען יודען", אין וועלכען ס׳ווערט געגעבען צוויסען, אַז עס גרייט זיך אין פעטערבורג אַ׳ן אַלגעמיינער האַנטווערקער-צוזאַמענפאָר. צוליב דעם אָבער, וואָס דעמאָלט איז נאָך אין אונזער שטאָט נישט געווען קיין האַנטווערקער אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט ריין-ווירטשאַפטלעכע פראַגען. דעריבער איז פאַרשטענדלעך אַז די ידיעה האָט ארויסגערופען גרויס אינטערעס אין די היגע האַנטווערקער-קרייזען. אין יאַנואַר 1911 יאָר זענען פאָרגעקומען עטלעכע פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע ס׳האָבן אָנטייל גענומען פאָרשטייער פון אַלע פאַכען, אַ׳עריך 50 מאַן און ס׳איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס דעלעגאַט פון די היגע פאַראיינען, דער בלעכער-מייסטער אברהם קאַראַ; אין נאָמען פון

# מיטגרינדער:



אינזש. יאַן קירשרויט
ערשטער פּאָרזיצער



אברהם קאַראַ
ערשטער וויצע-פּרעזעס

דער האַנטווערק-שול איז געפּאָרען אלס דעלעגאַט אינזש. יאַן קירשרויט — אויפ׳ן צונאמענפּאָר האָבּען די לאָדזשער דעלעגאטען פּאראייניגט זיך מיט די איבעריגע אַלפּויילישע יודישע פּאָר-שטייער און אויסגעפּועלט באַ דער דאָרטיגער מאַכט פאַרשידענע הנחות, דערונטער אויך צו קאָנען ארבּעטען אין די וואַרשטאטען אין זונטאָג.

אין מערץ איז צוריקגעקומען די דעלעגאציע פון פּעטער-בּורג און גלייך צוגעטרעטען ענערגיש צו אָרגאַניזירען באַ אונז אין שטאָט די ערשטע האנטווערקער אָרגאניזאציע. נאָך גרויסע באמיהונגען איז זיי געלונגען צו לעגאַליזירען די סטאטוטען פון היגען האַנטווערקער קלוב.

אין 7 מאי 1911 יאָר איז פאָרגעקומען די ערשטע גרינדונג-פּאַרזאַמלונג. ס׳זענען דעמאָלט אויסגעוויילט געוואָרען אינזש. י. קירשרויט—פּרעזעס. א. קארא—וויצע. אין דער פּארוואלטונג: ש. ברויער, ב. קאזימירסקי, מ. נוסבוים, פּ. שטיפט ל. ליפשיץ, ב. פרומקין, ס. שטורמא, וו. מארקוספעלד, א. רונדשטיין, מ. גוטענטאג. רעווידיר-קאָמיסיע: ש. גוטענטאג, מ. ליקערמאן און ג. פּראשקער. די פּארוואלטונג איז באלד צוגעטרעטען ענערגיש צוציהען אלע יודישע האנטווערקער פון אונזער שטאָט, אז זיי זאָלען זיך פארשרייבען אלס מיטגלידער. אין דעם ערשטען יאָר איז געפירט געוואָרען א ריין אָרגאניזאציאָנעלע ארבּעט. דער ערשטער עפענטלעכער ארויסטריט פון קלוב איז געווען אין פעברואר פון דעם יאָר—דער אָנטייל אין דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג, צוזאַמען מיט דער רעסורסע, אויף וועלכער ס׳זענען אויסגע-שטעלט געוואָרען די עקספּאָנאַטען פון די מיטגלידער. דער קלוב וועלענדיג טראָגען הילף זיינע מיטגלידער איז צוגעטרע-טען צו גרינדען אַ גמילת חסדים קאסע. סוף 1911 איז זי גע-עפענט געווארען.

צוליב׳ן טויט פון פּאָרזיצער אינזש. יאַן קירשרויט, אין אויגוסט 1912 איז אָבגעשוואַכט געוואָרען די טעטיגקייט, ווייל ס׳האָט געפעלט די פּערזענלעכקייט וועלכע זאָל אָנפירען מיט דער גאַנצער אַרבּעט. נישט קוקענדיג דערויף, איז איינגע-שטעלט געוואָרען אַ קאָנסולטאַציע ביוראָ, ווי אויך איז אָנגעפירט געוואָרען אַנ׳אַרבּעט אויפ׳ן קולטורעלען געביט. ס׳איז געשאַפען געוואָרען אַ לייען זאַל און ביבליאָטעק. ס׳זענען איינגעאָרדענט געוואָרען פאָרלעזונגען אויף טעכנישע און ליטעראַרישע טע-מעס.

אין דעם יאָר האָט דער קלוב אָנטייל גענומען אויף דער קיעווער אויסשטעלונג און ס׳זענען אויך אדורכגעפירט געוואָרען אריי אויספלוגען דאָרטאַהין.

דער צווייטער פּרווו איז געווען דאָס שאַפען פון ערשטען בּלעכער קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער האָט געזאָלט דינען אלס מוסטער פאַר אַלע האַנטווערקער, אַז זיי זאָלען עס נאָכטוען.

אַנ׳אויפלעבונג אין דער טעטיגקייט איז ערשט אַריינגעטרע-טען אין 1914. נאָכדעם ווי ס׳איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע אויף דער אַלגעמיינער פאָרזאַמלונג, צו רעווידירען דעם סטאַ-טוט פון קלוב און אים צוצופּאסען צו די באַדינגונגען פון דער נייער צייט.

פון מערץ ביז יולי ד. י. זענען גערופען געוואָרען אַ גאַנצע ריי פאַך-פּאָרזאמלונגען אין קלוב און אין פועל יוצא איז געלונגען צו אָרגאַניזירען באַזונדערע סעקציעס פון: שניי-דער, מאָלער, בלעכער, טישלער, היטלמאַכער, שמוקלער, גלע-זער,—וועלכע האָבּען דערנאָך גענומען אָנפירען אַנ׳ארבּעט.

בעת די יובל-פייערונגען, וועלכע זענען דאָ איינגעאָרדענט געוואָרען פאַר שלום עליכם׳ען און דוד פרישמאַנע׳ן, האָט דער קלוב גענומען אָנטייל. דער באַנקעט פאַר דוד פרישמאַן איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון קלוב.

דער מלחמה-אויסברוך אין 1914 יאָר, האָט א תל געמאַכט פון אַלע אָנגעהויבענע ארבּעטען און וועלכע האָבּען צוגעזאָגט צו זיין אַזוי פרוכטבאַר. דער גרויסער פאַניק וועלכער האָט געהערשט צווישען דער באַפעלקערונג, אין די ערשטע מלחמה-יאָרען, און די פולשטענדיגע סטאַגנאַציע אין דעם היגען האַנ-דעל און אין דער אינדוסטרי, האָט געגויט—אַז ס׳זאָל אונטער-גענומען ווערען אַ הילפאַקציע פאַר די האַנטווערקער. ס׳איז געשאַפען געוואָרען באַ׳ם קלוב אַ „ביליגע טיי-האַלע“, וועלכע האָט ארויסגעגעבען טיי און ברויט אויך פאַר נישט מיטגלידער. די „טיי-האַלע“ איז גלייך געוואָרען זייער פאָפּולער און זי האָט געדויערט, מיט אַנ׳איבערייס פון 6 וואָכען, ביז יוני 1915.

אין לאָקאַל פון קלוב איז איינגעאָרדענט געוואָרען אַ לאַ-זאַרעט פון רויטען קרייץ, וועלכער איז געווען טעטיג פון אָק-טאָבער ביז דעם 6 דעצעמבער 1914.

צוליב דעם גרויסען יקרות, וועלכער האָט געהערשט אין שטאָט און די שווערקייט צו קריגען לעבענמיטעל, איז באַם קלוב דעמאָלט געשאַפען געוואָרען אויף פאַי-יסודות „אַ לעבענ-מיטעל קאָאָפּעראַטיוו“, וועלכער האָט פאַרקויפט ביליגע פּראָ-דוקטען אויך פאַר נישט מיטגלידער. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט עקזיסטירט ביז יולי 1915 יאָר. נאָכ׳ן ליקווידירען פון קאָאָ-פּעראַטיוו איז פאַר די מיטגלידער אויסגעבאַקען געוואָרען ברויט און נאָך אַ קורצער צייט האָט עס דערגרייכט ביז 1600 פונט טעגלעך. אין אָקטאָבער פון 1915 איז ווייטער באַנייט געוואָרען די טעטינקייט פון קאָאָפּעראַטיוו אין דער פאָרם, וואָס עס איז געשאַפען געוואָרען אַ לעבענמיטעל קאָמיסיע, וועלכע האָט אָנ-

געפירט איר אַרבעט אונטער דער קאָנטראָל פון דער פּאַ־וואַל־טונג. דער אומזאַץ איז געווען 800 רובעל חודשלעך. די איינ־ריכטונג האָט עקזיסטירט ביז אפריל 1915.

בעת ס׳איז באַם היגען „הויפּט־בירגער קאָמיטעט״ גע־שאַפען געוואָרען אַ „יורידישע סעקציע״ זענען אויך מצד דעם קלוב אַריין עטלעכע פאָרשטייער אין דער „יורידישער אויס־גלייך־קאָמיסיע״, וועלכע האָט דעמאָלט איינגעגלייכט אַ סך סכסוכים, וואָס זענען אַנטשטאַנען צווישען יוד. אַרבעטער און האַנטווערקער, ווי אויך צווישען די מייסטערס גופא.

אין אַפּריל 1915 איז דורך דער פאַרוואַלטונג געשאפען געוואָרען טעכנישע קורסען באַם קלוב. דער אַפּעל, וועלכער איז געווען פריער אָבגעדרוקט אין דער אָרטיגער יודישער פּרעסע, וועגען דעם באַטייט פון פאַך־קורסען פאַר דעם יודישען האַנטווערקער, האָט געפונען אַ שארפען אָבקלאַנג. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבען פאַרשריבען זיך אויף די קורסען זייער אַ גרויסע צאָל יודישע מייסטערס און געזעלען. מ׳האָט אָבער נאָר געקאָנט צופרידענשטעלען, צוליב ריין לאָקאלע און טעכ־נישע סבות, עטלעכע פאַכען — וואָס האָבען אַ שייכות מיט דער בוי־באַוועגונג. די פאַך־קורסען באַם קלוב פאַר׳ן יודישען האַנט־ווערקער זענען געשאפען געוואָרען מיט אייגענע כחות, אָן מאַטעריעלער אונטערשטיצונג פון דער געזעלשאפט, אָדער פון די קאָמונאַלע אָרגאַנען. די ווענדונג צו דער שול־סעקציע און צום הויפּט־בירגער קאָמ. וועגען סובסידירען די פאַך־קורסען, האָבען קיין שום פּאָזיטיווע נישט געגעבען. און אַזוי זענען זיי, צוליב מאַטעריעלע סבות, נאָך אַ יאָר צייט אָבגעשטעלט געוואָרען. די רעפערענטען אויף די קורסען זענען געווען מיטגלידער פון קלוב, אינזשיניערען און קוואַליפיצירטע מייסטערס.

איבערן זומער 1915 האָט באַ׳ם קלוב פונקציאָנירט אַ „פאַרמיטלונג־ביוראָ פאַר אַרבעט״, וועלכע האָט צוליב דער שלעכטער באַציהונג מצד דעם „הויפּט־בירגער קאָמיטעט״ געמוזט אָבשטעלען איר טעטיגקייט. דאָך האָט זי אַ הייפּעל מיטגלידער באַוואָרגט מיט אַרבעט.

אין יענער צייט איז דער קלוב אַרויסגעטרעטען צו די פאַרשידענע סעקציעס פון היגען „הויפּט־בירגער קאָמיטעט״ מיט אַ גאַנצער ריי מעמאָריאַלען אין פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטען, וועלכע האָבען אָבער תמיד איגנאָרירט די גערעכטע פאָדערונגען פון די יודישע האַנטווערקער. צוליב דעם איז אָנגענומען גע־וואָרען אַ שארפער פּראָטעסט, קעגען דעם „הויפּט־בירגער קאָ־מיטעט״, אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג אין 1915 יאָר. צום ערשטען מאָל איז אויך אויף דער פאַרזאַמלונג געוויילט געוואָרען אַ פּראָפעסיאָנעלער ראַט פון פאָרשטייער פון אַלע פאַכען.

אין 1916 האָט אָנגעהויבען צוריק זיין טעטיגקייט דער „הילפס־פאָנד״ באַ׳ם קלוב, אַרויסגעבענדיג אונטערשטיצונגען אויף קורץ און לאַנגטערמיניגע וועקסלען.

צום 125 יאָריגען יובל פון דער פּוילישער קאָנסטיטוציע פון 3 מאַי, האָבען אין דער אַלגעמיינער דעמאָנסטראַציע, וועלכע איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין אונזער שטאָט אויך אָנטייל גענומען דעלעגאַציעס פון יודישען האַנטווערקער־קלאַס, מיט פענער און יודישע אויפשריפטען, וועלכע האָבען געפלאַטערט הויך און פריי איבער אַלעמענס קעפּ, אָנזאָגענדיג, אַז דער יודישער האַנטווערקער איז אַ גלייכער מיטגליד אין דער אַלגע־מיינער געזעלשאפט.

אין די נאָך מלחמה־יאָרען איז אין קלוב אָנגעפירט געוואָרען אַ נאָרמאַלע אַרבעט, הן אויפ׳ן אָרגאַניזאַציאָנעלען ווי אויפ׳ן עקאָנאָמישען געביט.

דער קלוב האָט דורך דער צייט אָנטייל גענומען אין פאַר־שידענע וואַל־קאָמפּאַניעס און אַדורכגעפירט זיינע פאָרשטייער אין דער היגער האַנטווערקער־קאַמער, שטאָט־ראַט, ווי אויך געהאַט זיין פאָרשטייער אין דער יודישער קהלה. אין יענע צייטען פלעגען אָפט נישט געווינשטע עלעמענטען אַריינטראגען פּאָליטישע רייסערייען און מחלוקות צווישען די האַנטווערקער גופא, וואָס האָבען גורם געווען צו עטלעכע שפּאַלטונגען אין קלוב, בעת וועלכע ס׳זענען אַרויסגעטרעטען גרעסערע מיטגלידער־גרופען פון קלוב און אַוועק פון זיינע רייען. די פאַרטייאישקייט האָט דערפירט צו דער פאַרקלענערונג פון האַנטווערקער קלוב און ס׳איז אויך געפאַלען זיין פּרעסטיזש.

דער קלוב האָט גערופען אין פאַרשידענע צייטען צוזאַמענ־פאָרען און קאָנפערענצען, אויף וועלכע ס׳איז באַטראַכט געוואָרען די לאַגע פון יודישען בעל מלאכה, און אָנגענומען געוואָרען אַ ריי רעזאָלוציעס ווי אַזוי זיין מצב צו פאַרבעסערען.

אין 1926 האָט דער קלוב געפייערט זיין 15 יאָריגען יובל פון דער עקזיסטענץ־טעטיגקייט.

בעת ס׳איז פאַרפענטלעכט געוואָרען דאָס צעכענגעזעץ, האָבען אַ גאַנצע ריי פאַכען, וועלכע זענען אָנגעשלאָסען אין קלוב — אַדורכגעפירט די געהעריגע לעגאַליזאַציעס און געשאַפען צעכען און קאָרפּאָראַציעס, וועלכע פירען אָן אין קלוב זייט דעמאָלט זייער טעטיגקייט ביז דער לעצטער צייט.

דעם 19 נאָוועמבער 1933 איז אין לאָקאַל פון צענטר. יוד. האַנטווערקער און קליינאינדוסטרי־פאַרבאַנד (פּאָלוד. 4) פאַר־

## פרעזידיום:


מ. ליבערמאַן
וויצע


מ. פיין
וויצע


ד״ר י. קרויס
פּאָרזיצער


ב. פרווינט
וויצע



ש. שוואַרצאָוזקי
עקאָנאָם



י. לובלינסקי
סעקרעטאר



ראטמ. ש. סענדאָויסקי
קאסירער

## פארוואַלטונג:



אַדוו. ז. שטרויך



ב. קאַזימיערסקי



פ״נס ר. האַפמאַן



ראַטמ. ל. אדערבערג



י. רעדלוס
ביוראָ־שעף



א. בוים
פאָרז. פון ראַט

געקומען די אַלגעמיינע מיטגלידער-פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'איז אויך צולעצט געווײלט געוואָרען אַ נייע לייטונג.

אויף דער קאָנסטיטואירענדיגער זיצונג זענען די אַמטען פאַרטיילט געוואָרען אויף דעם אופן: פרעזעס — ד״ר י. קרויש, וויצע-פרעזעסען: מ. פיין, מ. ליבערמאַן און ב. פרוינט. סעקרעטאַרען: א. גאַלעווסקי און י. לובלינסקי. עקאָנאָמען: ש. שוואַרצאָווסקי און ה. לעווקאָוויטש. קאַסירער ראַטמאַן ש. סענדאָווסקי. אין דער פאַרוואַלטונג די ה״ה: ראַטמאַן ז. פזשיגורסקי, פרנס ר. האַפמאַן, וו .פרעזידענט ב. קאַזימיערסקי, א. יאַקובאָוויטש, א. לאַסקער, א. רונדשטיין, גערשאַנאָוויטש, ראַטמאַן י. שוואַרצבערג, ראַטמאַן ל. אַדערבערג, פ. מאַטיל, א. באַרטמאַן, פינקעלשטיין, אַדוו. ז. שטרויך, אַדוו. י. אַפּט. אַלס פאָרזיצער פון ראַט א. בוים. רעוויזיר-קאָמיסיע: פאָזנאנסקי, בליגער, שייניאַק, א. האַנעמאַן, י. ב. לעווקאָוויטש. שידס-געריכט: א. רידער, מ. לעווקאָוויטש, א. קליינמאַן, ש. נייפעלד, א. זילבערבערג, פינקעלשטיין, מ. הערשקאָוויטש, י. בער, מ. ריזשיק, מ. פראַגאַ, י. זעלמאַנאָוויטש, מ. מיזעס, מ. שוואַרץ, ה. גראַבאָוויעצקי, מ. שייניאַק און זילבערבערג.

# געזונטהייט-שוץ

דאָ ווערט באַהאַנדעלט:

טאָז (1922–32) ד״ר מ. שוואַלבע

לינת הצדק

לינת החולים

מחזיקי חולים

לינת משמורים

נותן לחם

מלביש ערומים

# געזונטהייט-שוץ

# טאָז

## 1922—1932

פון ד"ר מ. שוואַלבע

דעם 5 יאַנואַר 1922 איז פאָרגעקימען די גרינדונג-פאַר-זאַמלונג פון „טאָז" אין אונזער שטאָט. ס'האָבען אָנטייל גענומען אַ קליינע גרופּע לאָדושער דאָקטוירים, אין צאָל פון 14 מענטשען. עס זענען ברייט אַרומגערעדט געוואָרען די ציִלען און אויפגאַבען. אַ קורצע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרען וועגען דער אַרבעט פון דער געזעלשאַפט: פאַרשפּרייטען היגיענע צווישען די ברייטע יודישע מאַסען און אָרגאַניזירען סאַניטאַר-היגיענישע אינסטיטוציעס.

ס'איז אויסגעווילט געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג, אין דעם צו-זאַמענשטעל: ד"ר גאָלדמאַן, ד"ר פאַלק, ד"ר קלאָזענבערג, אינזש. לעבענהאַפּט, ד"ר אל. מאַרגאָליס, ד"ר ל. פינקוס, ד"ר מ. זילבער-שטראָם, ד"ר מ. וואָלפזאָן און י. שוואַרצמאַן.

די פאַרוואַלטונג איז צוגעטרעטען צו דער אַרבעט.

דאָס ערשטע יאָר איז די אַרבעט געגאַנגען אין דריי ריכ-טונגען: פּראָפּאַגאַנדע פון היגיענע, זומער-קאָלאָניעס, און קאַמף קעגען פּאַוווס (פאַרך).

עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ סעקציע פאַר פּראָפּאַגאַנדע פון היגיענע. די סעקציע האָט באַוויזען צו גרופּירען אַרום זיך אַ גרופּע דאָקטוירים, און איינגעאָרדענט פאָרלעזונגען וועגען היגיענע, געזעל-שאַפטלעכער מעדיצין, קראַנקהייטען א. א. וו. די סעקציע האָט זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט דער רעדאַקציע „פאָלקס-געזונט" אין ווילנא, מיטגעהאָלפען איר סיי מאַטעריעל, סיי דורך מיטאַרבעט, צוגעשטעלט ארטיקלען. א. א. וו.

דעם 12 מאַי, 1922 איז געשלאָסען געוואָרען אַ אָבמאַך צווישען „טאָז" און דער פאַר-מלחמהדיגער „געזעל-שאַפט פאַר זומער-קאָלאָניעס", וועלכע האָט אין דער צייט פון קריג אָבגעשטעלט איר טעטיגקייט. זי האָט איבערגעגעבען „טאָז" די פּאַוויליאָנען, וועלכע זענען געווען פולשטענדיג רואינירט: די געביידעס האָבען געמוזט רעמאָנטירט ווערען, ס'האָבען גע-פעהלט די נויטיגסטע מכשירים, געפעס, בעטלעך, מאַטראַצען. די פאַרוואַלטונג האָט זיך ענערגיש גענומען צום אָרגאַניזירען די קאָ-לאָניעס און שוין דעם ערשטען זומער זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען 270 קינדער. גלייכצייטיג האָט „טאָז" איבערגענומען די לייטונג פון דעם רענטגען-קאַבינעט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען דורך דעם „דושוינט" אין לאָדוש. דער רענטגען-קאַבינעט האָט געהאַט די אויפגאַבע, דעם קאַמף קעגען פאַרך צווישען דער יודישער באַפעלקערונג אין לאָדוש און אין דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט.

די ערשטע צוויי יאָר זענען אַוועק אויף צו אָרגאַניזירען און אויספירען די דערמאָנטע אויפגאַבען. אַזוי ווי אָבער אין אַלגע-מיין זיי זענען נישט געווען באַקאַנט אין דער עפענטלעכקייט, האָט די פאַרוואַלטונג געמוזט פיל מי אוועקגעבען כדי זיי צו פּאָפּולאַריזירען צווישען דער ברייטער יודישער באַפעלקערונג און דער אינטעליגענץ. צו דעם צוועק זענען איינגעאָרדענט גע-וואָרען דיסקוסיע-אָווענטען אין פאַרשידענע געזעלשאַפטען און אינסטיטוציעס. די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און דאָס שאַפען נייע אינסטיטוציעס איז געגאַנגען בהדרגה'דיג, שטופּענווייז, ווייל אָפט אָבהענגיג פון די פינאַנץ-מעגלעכקייטען און אויך פון לאָקאַלע אומשטענדען. יעדעס יאָר זענען געשאַפען געוואָרען נייע אינ-סטיטוציעס, נייע געביטען פון אַרבעט. איצטער נעמט אַרום די געזעלשאַפט אַ ריי פון אינסטיטוציעס, וועלכע זענען טיף אַריינגע-דרונגען אין אַלע שיכטען פון דער יודישער באַפעלקערונג אין אונזער שטאָט. „טאָז" נעמט אַרום די מעדיציניש-היגיענישע השגחה איבער דער מוטער און זויג-קינד, איבער דעם קינד אין פאַר-שול-עלטער און אין שול-עלטער, דעם קאַמף קעגען דעם פאַרך צווישען דער אָרעמער באַפעלקערונג, פּראָפּאַגאַנדע פון היגיענע, וויסענשאַפטלעכע אַרבעט אויפ'ן געביט פון געזעלשאַפטלעכער מעדיצין בא יודען. אין „טאָז" זענען טעטיג אַ גאַנצע ריי סעקציעס.

## די באַראַטונגס-שטעל פאַר שוואַנגער-פרויען.

די השגחה איבער זויג-קינדער הויבט זיך אָן פון דעם מאָמענט, ווען דאָס קינד נעמט זיך אַנטוויקלען אין דער מוטערס שויס.

די צוקונפטיגע מוטער און יעצטיגע שוואַנגער-פרוי באַקומט אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך אויפצופירען, כדי דאָס קינד זאָל קומען אויף דער וועלט אַ געזונטס. די באַראַטונגס-שטעל איז טעטיג פון 1927 יאָר. אין משך פון דער צייט זענען אָנגענומען געוואָרען:

| יאָר | צאָל באַראַטונגען | צאָל שוואַנגער-פרויען |
|---|---|---|
| 1927 | 280 | 148 |
| 1928 | 333 | 205 |
| 1929 | 453 | 256 |
| 1930 | 715 | 338 |
| 1931 | 779 | 408 |
| | 2560 | 1355 |

1355 שוואַנגער-פרויען, וועלכע זענען 2560 מאָל — ד. ה. דורכשניטלעך יעדע פרוי, אין דער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט האָט געהאַט די מעגלעכקייט, מינדעסטענס צוויי מאָל זיך צו באַראַטען מיט דעם דאָקטאָר וועגען איר געזונט-צושטאַנד און וועגען דעם גורל פון דעם קינד.

אין דער באַראַטונגס-שטעל נעמען אָן אַקושער-דאָקטוירים, ספּעציאַליסטען פון פרויען-קראַנקהייטען. זיי אונטערזוכען די שוואַנגער-פרוי און האָבען אַ חוב צו זאָגען, צי עס דראָט איר

עפּעס אַ געפאַר באַם געבורט, און צי מוז דאָס פאַרקומען אין קליניק אָדער קאָן זיין אין דער היים. באַ אונבאַמיטעלטע מאַכט די באַראַטונג-שטעל באַמיהונגען, אַז די שוואַנגער-פרוי זאָל אָנקומען אין קליניק. אַלע היגע קליניקעס לייגען פיל אַכט אויף דעם צייגניש, וואָס ווערט אין נויטבאַדערפטיגע פאַלן אַרויסגעגעבן פון די דאָקטוירים פון דער באַראַטונג-שטעל. דערצו העלפט מיט אַ סך דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט פון די דאָקטוירים, וועלכע זענען טעטיג אין דער באַראַטונג-שטעל און גלייכצייטיג אויך אין די קליניקעס. פיל אַכט ווערט געלייגט אויף די פאַרשידענע פאַראורטיילען, וואָס זענען פאַרשפּרייט צווישען די יודישע שוואַנגער-פרויען: עס ווערט זייער העפטיג באַקעמפט די אונבאַגרינדעטע מורא פאַר גייען אין די קליניקעס און אויך וועגען די מכלומרשטע עצות פון פאַרשידענע באָבעס. ס'ווערט באַקעמפט די פאַרנאַכלעסיגקייט פון די יידישע פרויען, וועלכע ווענדען זיך צו דער מעדיצינישער השגחה אין לעצטען מאָמענט, ווען די מחלה האָט זיך שוין אַנטוויקעלט און דער קאַמף מיט איר איז פאַרשווערט.

## די באַראַטונג-שטעלען פאַר מוטערס.

בעת דאָס קינד א'ז געבוירען געוואָרען, גייט דאָס איבער אונטער דער השגחה פון די קינדער-דאָקטוירים, וועלכע נעמען אָן אין די באַראַטונג-שטעלען פאַר מוטערס. דער פרינציפּ איז דאָ דערזעלבער, וואָס אין דער באַראַטונג-שטעל פאַר שוואַנגער-פרויען. דאָס קינד ווערט אונטערזוכט פון דעם קינדער-דאָקטאָר, וועלכער גיט דער מוטער אָנווייזונגען, ווי אַזוי זי דאַרף זיך אומגייען מיט דעם קינד, כדי אויסצומיידען פאַרשידענע קראַנקהייטען. די באַראַטונג-שטעלען זענען שולען פאַר מוטערס, וואו די מוטערס לערנען זיך פון דאָקטאָר און ספּעציעל געשולטע פלעגערינס, ווי אַזוי מען דאַרף דערציהען אַ געזונט קינד, עס צו דערנערען, אומגייען, באָדען, וויקלען א. א. וו. די באַראַטונג-שטעל איז אויך אַנ'אָרט, וואו עס ווערט געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע, פאַר דעם אַליין-זייגען די קינדער. אין די באַראַטונג-שטעלען ווערט די מוטער אויפגעקלערט וועגען אירע פליכטען לגבי דעם קינד, און דאָרט ווערט דערטיילט דער אונבאַמיטעלטער מוטער הילף, כדי צו קאָנען דערפילען אירע פליכטען צום קינד. יעדעס קינד ווערט באַ דער אונטערזוכונג געוואויגען און געמאָסטען, און די מוטער ווערט באַלד אינפאָרמירט, ווי אַזוי עס דאַרף זיין די וואָג און מאָס פון אַ נאָרמאַל געזונט קינד, און ווי גרויס עס זענען די אָפּווייכונגען, און וואָס צו טוען כדי דאָס אויסצובעסערען. די השגחה און דער איינפלוס פון דער באַראַטונג-שטעל אויף דער מוטער, ווערט פאַרטיפט דורך דעם, וואָס ספּעציעל-געשולטע אין קינדער-פלעגע, (פּוערי-קולטור) היגיעניסטענס, באַזוכען די מוטערס אין זייערע וואוינונגען, כדי דאָרט צו ווירקען אין די באַדינגונגען, אין וועלכער די מוטער געפינט זיך. דאָרט אין דער וואוינונג פון דער מוטער און אָפט אין אַנ'ענג שטיבעל, וואו ס'וואוינען 8–10 מענטשען, אָדער גאָר אין די קעלערס—ווערט געפירט פּראַקטיש די לעקציע פון ריכטיגען באָדען, ווינדלען, בעטען א. א. וו. דאָ טרעפט אָן די היגיעניסטענס אויף אַ אונגעהויערע צאָל פאַרשידענע זאַבאָבאָנעס. פאָראורטיילען, ווירקונגען פון דער אַרומיגער משפּחה. אין יעדער באַראַטונג-שטעל ווערט אַרויסגעגעבען פרישע מילך פאַר די קינדער, פאַרשידענע מילך-מישונגען, לויט דעם פאָרשריפט פון דאָקטאָר. אין יעדער באַראַטונג-שטעל איז טעטיג אַ קוואַרץ לאַמפּ, אַזוי, אַז יעדע מוטער האָט די מעגלעכקייט צו באַשטראַלען דאָס קינד.

אַזעלכע באַראַטונג-שטעלען זענען יעצט דאָ צוויי: איינע אויף נאַוואָמיעיסקע 3, און די צווייטע אין באַלוט אויף פל. קאַש טשעלני 4.

די טאַבעלע באַווייזט די טעטיגקייט פון די באַראַטונג-שטעלען:

| | פאַרשריבענע קינדער | אונטערזוכונגען | באַזוכן |
|---|---|---|---|
| 1924 | 106 | 390 | — |
| 1925 | 329 | 1.959 | 485 |
| 1926 | 661 | 3,552 | 1.444 |
| 1927 | 1037 | 8.735 | 5.143 |
| 1928 | 880 | 8.532 | 3.919 |
| 1929 | 728 | 7.140 | 3.213 |
| 1930 | 856 | 8.535 | 2 949 |
| 1931 | 783 | 7.783 | 2.482 |
| | 5.380 | 46.676 | 19.635 |

כדי אָפּצוגעבן זיך אַ דין וחשבון, וואָס פאַר אַ באַטייט דאָס האָט פאַר אונזער שטאָט, אויף וויפיל די באַראַטונג-שטעלען איבען אויס זייער איינפלוס אויף דער היגער יודישער באַפעלקערונג, געבען מיר דאָ אַ פאַרגלייך-טאַבעלע, אין וועלכער פון איין זייט וועלען מיר ווייזען די צאָל קינדער, וועלכע געפינען זיך אונטער דער מעדיצינישער השגחה פון „טאָז", אין דער צווייטער זייט די צאָל געבורטען אין אונזער שטאָט:

| | צאָל קינדער אין „טאָז" | צאָל געבורטען | % |
|---|---|---|---|
| 1924 | 106 | 2707 | 4% |
| 1925 | 326 | 3012 | 10,8% |
| 1926 | 661 | 2546 | 15% |
| 1927 | 1037 | 1816 | 57% |
| 1928 | 880 | 2084 | 42,2% |
| 1929 | 728 | 3471 | 21,0% |
| 1930 | 856 | 3650 | 24,0% |

דערפון איז צו זעהען, אַז ביז אַ העלפט ניי-געבוירענע קינדער, וועלכע זענען פאַרעגיסטרירט אין לאָדזש, קומען אונטער דער מעדיצינישער השגחה פון „טאָז". אמת, אַז די צאָל געבורטען, וואָס עס זענען אָנגעגעבען, איז נישט קיין גענויע, ווייל די יודישע באַפעלקערונג היט נישט אָפּ דעם חוב פון איינמעלדען ניי-געבוירענע קינדער, און די ריכטיגע צאָל געבורטען איז פיל גרעסער, אָבער דאָך איז די ווירקונג פון דער „טאָז" אַרבעט זייער גרויס.

די קינדער בלייבען אין דער באַראַטונג-שטעל ביז 2 יאָר. דערנאָך ווערען זיי אויסגעשריבען און ווערען פאַרלוירען פון דעם דאָקטאָרס אויג, ביז זיי קומען אין דער שול.

## אויפזיכט איבער היימלאָזע קינדער.

קינדער-יתומים, און קינדער-פאַרלאָזטע פון זייערע עלטערן בלייבען אויך אויף ווייטער אונטער דער השגחה פון „טאָז".

ס'איז אַ עלעמענטאַרע פליכט פון דער שטאָט-פאַרוואַלטונג און דער קהלה צו זאָרגען וועגען די יתומים און קינדער, וועלכע זענען פאַרלאָזט פון די עלטערען. דער מאַגיסטראַט אין לאָדזש גיט אָוועק אַזעלכע קינדער אין עלטער פון 2 ביז 7 יאָר אויף דערציהונג אין פריוואַטע הענט, פאַר אַ אָבצאָל. אַ לענגערע צייט האָט דער מאַגיסטראַט אַליין געפירט די קאָנטראָל איבער די קינדער. אָבער, ווען די צאָל יודישע קינדער איז געוואָרען גרעסער, האָט לויט אַנ'אָבמאַך מיט'ן מאַגיסטראַט, „טאָז" איבערגענומען די השגחה. די ערשטע צייט האָבען אויך די אויפ

גאָבע דערפילט די אויבענרערמאָנטע באַראַטונג-שטעלען. אָבער, ווען די צאָל קינדער איז געוואַקסען, האָט די פאַרוואַלטונג פון „טאָז" געשאַפען אַ ספּעציעלע באַראַטונג-שטעל, אַנגאַזשירט אַ דאָקטאָר און היגיענישטען, וועלכע האָבען איבערגענומען די השגחה איבער די אומגליקליכע קינדער. יעדע פרוי, וועלכע נעמט אַ קינד צו זיך אויף דערציהונג, איז מחויב זיך אונטערצוואַרפען אונטער דער השגחה פון „טאָז", און פאָלגען אַלע אָנווייזונגען. די היגיענישטען באַזוכט גאַנץ אָפט די קינדער. אונטער דער השגחה און קאָנטראָל פון דער באַראַטונג-שטעל געפינען זיך 59 קינדער: פון זיי 12 האַלב-יתומים, 34 אונטערגעוואָרפענע, 11 נישט-געזעצלעכע, 1 פון זייער אָרעמע עלטערען, 1 פון עלטערען וואָס ווינען נישט צווישען זיך.

די קינדער האָבען זייער היים געפינען בײַ 45 משפחות: 34 משפחות האָבען גענומען צו זיך צו איין פרעמד קינד און 12 משפחות האָבען בײַ זיך צו 2 פרעמדע קינדער. דער מאַגיסטראַט צאָלט פאַר דעם אויסהאַלטען און דערציהען דאָס קינד. עס זענען דאָ פאַרשידענע סיבות, וואָס באַוועגען צו נעמען צו זיך קינדער. 45 משפחות טראַקטירען עס אַלס אַ נעבען-פאַרדינסט. 13 משפחות זענען קינדערלאָז און האָבען גענומען די קינדער, כּדי צו אַדאָפּטירען זיי אין דער צוקונפט. מיר האָבען פאַלען, אַז דאָס פרעמדע קינד האָט געהאָלפען דער אומגליקלעכער קינדערלאָזער מוטער אויפצוהאַלטען די משפחה, וואָס האָלט זיך בײַ'ם צופאַלען. פרויען האָבען אונז דערציילט, אַז פון דער צייט, ווען זיי האָבען אַרײַנגענומען דאָס קינד צו זיך אַהיים, האָט דער מאַן אָנגעהויבען פאַרברענגען מער צייט אין דערהיים: אין אַ צווייטען פאַל ווידער, בײַ אַ אָרטאָדאָקסישער רעליגיעזער משפחה, וואו עס זענען דאָ נאָר טעכטער, האָט דער פאָטער אַ רעליגיעזער יוד, גענומען אַ קינד, אַ יונגעל, כּדי אויפצוהאָדעווען פאַר זיך אַ קדיש.

אין 1931 יאָר האָט דער דאָקטאָר דערטיילט 681 באַראַטונגען. די היגיענישטען האָט געמאַכט 767 באַזוכען.

## היים פאַר זייג=קינדער.

דער זייגלינג-היים איז געגרינדעט געוואָרען אין 1927 יאָר אין אמאָליגען לאָקאַל פון „טאָז", אויף אַנדרזשעיאַ גאַס 1. דער אַנשטאַלט האָט געהאַט 4 קליינע שטיבעלעך, און אַרײַנגענומען נאָר 16 קינדער. דאָ האָט ער געפונען זיך נישט קיין גאַנצע דריי יאָר. נאָכדעם איז געלונגען צו באַקומען פון דער לאָדזשער יודישער קהלה אַ הסכּם, אויף אײַנצואָרדנען דעם זייגלינג-היים אין איר אייגען הויז אויף פּולנאָצנאַ 39. די צאָל בעטלעך איז גלייך פאַרגרעסערט געוואָרען אויף 30 און מ'קאָן נאָך אַפילו זיי פאַרטאָפּלען. אין נײַעם לאָקאַל געפינט זיך אַ אייגענע וועשעריי, מילך-קיך, אַ אייגענער גאָרטען, וואו די קינדער קענען וועראַנדירען, וואוינונגען פאַר דעם פּערסאָנאַל א. א. וו. צווישען דער פאַרוואַלטונג פון „טאָז" און פון דער קהלה, איז דערגרייכט געוואָרען דער אָבמאַך: די קהלה באַשטימט פאַר דעם אַנשטאַלט אַ געזיכערטע סובּווענץ, פאַרפליכטעט זיך צו צאָלען פאַר די קינדער, וועלכע געפונען זיך אין דעם אַנשטאַלט אויף איר חשבון. אַזוי־ערנאָך איז פאַרזיכערט געוואָרען די פינאַנציעלע לאַגע פון דעם אַנשטאַלט, האָט איצטער די מעגלעכקייט אויף ווייטערע אַנטוויקלונג און טראָגט דעם נאָמען: „היים פאַר זייג-קינדער פון דער לאָדזשער יודישער קהלה, געגרינדעט און אָנגעפירט דורך „טאָז".

זייט דער גרינדונג פון זייגלינג-היים ביז 1/1 1932, האָבען אין אַנשטאַלט געפונען זייער היים 100 קינדער דערפון יתומים 31 אונטערגעוואָרפענע 33 מיט עלטערן 36

דאָס רוב עלטערן זענען זייער אָרעמע אָרעמע קראַנקע, (אויף טובערקולאָז, נערווען-קראַנקהייטען) אַזוי אַז זיי קאָנען נישט אַליין דערציהען די קינדער.

די קינדער געפינען זיך אין אַנשטאַלט ביז 2 יאָר. שפּעטער ווערען זיי צוריקגעקערט די עלטערן, אָדער איבערגעגעבען אין אַ אַנדערע אַנשטאַלט, אָדער צו פּריוואַטע מענטשען אויף דערציהונג, און בלייבען ווייטער אונטער דער אויפזיכט פון „טאָז".

## שול=היגיענע.

פאַר יודישע שול-קינדער פון 7 ביז 14 יאָר האָט „טאָז", אײַנגעפירט די שול-היגיענע: מעדיצינישע השגחה איבער'ן קינד אין שול און סאַניטאַרע אויפזיכט פון שול-לאָקאַל. ס'איז אַ באַוויסטע זאַך דאָס די גרויסע צאָל פון יודישע פּריוואַטע און געזעלשאַפטלעכע שולען, תלמוד-תורות און חדרים געניסען נישט פון דער שטעטישער שול-היגיענע. דעריבער איז פאַרשטענדלעך וואָס גראָד די יודישע שולען געפונען זיך אין די ערגסטע לאָקאַלען, אין ענגע שטובען, פאַרמאָגען נישט די נייטיגסטע באַקוועמלעכקייטען א. א. וו.

די פאַרוואַלטונג פון „טאָז" האָט לכתחילה בעת זי איז צוגעטרעטען אָרגאַניזירען די שול-היגיענע, אָנגעטראָפען אויף שוועריגקייטען, מצד די אינהאַבער פון די שולען און די פאַרוואַלטונגען פון די חדרים. דער גרעסטער צאָל פון די אָרטאָדאָקסישע חדרים האָט אין אָנהייב נישט געוואָלט צולאָזען דעם שול-דאָקטאָר פון מורא, נישט צו פאַרוועלטלעכן די חדרים. מיט די אַנדערע אינהאַבער פון די שולען האָבען זיך געשאַפען אַ סך סכסוכים, סיי וועגען ריינהאַלטען די קלאַסען, לופטערען גימנאַסטישע איבונגען. וועגען די צאָל קינדער אין די קלאַסען, די צאָל שעהן פאַר לימודים, אָפרו-צייט, א. א. וו.

די שול-היגיענע אַרבעט איז אין אָנהייב געווען טעטיג אין 30 שולען, האָט שפּעטער אָבער געמוזט אין אַ ריי שולען איבערגעריסען ווערען. הײַנט ווערט די שול-היגיענע געפירט אין 12 שולען מיט 1500 קינדער: אין 4 פאָלקס-שולען, וואָס געהערען צו דער יודישער שול-אָרגאַניזאַציע אין 4 געזעלשאַפטלעכע חדרים און 4 פּריוואַטע שולען. מיט דער שול-היגיענע פירט אָן אַ שול-דאָקטאָר און אַ שול-היגיעניסט. דער שול-דאָקטאָר באַזוכט די שול רעגעלמעסיק איינמאָל אין חודש און טיילמאָל מער, דער היגיעניסט זאָרגט פאַר דער אויבערפלעכלעכער ריינקייט פון די קינדער, באָדען, שערען א. א. וו.

די טאַבעלע באַווייזט די טעטיגקייט פון דער שול-היגיענע

| | אונטערזוכונגען | געבאָדען | געשוירען | קראַנקע קינדער | פאָרלעזונגען וועגן היגיענע |
|---|---|---|---|---|---|
| 1926 | 4169 | 3335 | | 352 | 75 |
| 1927 | 4123 | 4419 | 109 | 1179 | 45 |
| 1928 | 5252 | 1417 | 458 | 1386 | 48 |
| 1929 | 1981 | 1244 | 393 | 802 | 38 |
| 1930 | 1646 | 3038 | 904 | 464 | 31 |
| 1931 | 1944 | 3452 | 1.115 | 830 | 25 |

## שול=אַמבולאַטאָריע.

בעת דער שול-דאָקטאָר אונטערזוכענדיג די קינדער שטעלט פעסט אַז דאָס קינד איז קראַנק אויף אַנאַנשטעקענדיגע קראַנקהייט און טאָר זיך נישט געפינען אין קלאַס צווישען די קינדער, ווי צום בײַשפּיל: אויף טובערקולאָז, טראַכאָמע פון די אויגען, פּאַרך פון די קאָפּ-האָר א. א. וו. אָדער דאָס קינד איז באַדראָהט פון טובערקולאָז, און דאַרף זיך געפינען אונטער שטענדיגער מעדיצינישער קאָנטראָל, שיקט דער ד"ר זיי איבער אין אַנדערע

אינסטיטוציעס. קינדער וואָס זענען קראַנק אויף טראַכאָמע, ווערן איבערגעשיקט אין דער שטעטישער סטאַציע צו באַקעמפן טראַכאָם און פאַר קינדער אָפּגעשוואַכטע, נישט דערנערטע, באַדראָטע פון טובערקולאָז, האָט די פאַרוואַלטונג פון טאָז געשאַפן אין 1928 יאָר אַ שול-אַמבולאַטאָריע.

די טאַבעלע באַווייזט די טעטיקייט פון דער שול-אַמבולאַטאָריע.

| | אָנגענומען קינדער | איבערחזרטע אונטערזוכונגען |
|---|---|---|
| 1928 | 1026 | 1236 |
| 1929 | 917 | 349 |
| 1930 | 727 | 1473 |
| 1931 | 508 | 1399 |

## דענטיסטישער קאַבינעט.

פאַר קינדער בײַ וועלכע דער שול-דאָקטאָר שטעלט פעסט שלעכטע ציין, וואָס פאָדערן אַ ספּעציעלע באַהאַנדלונג, איז אין 1927 יאָר געשאַפן געוואָרן אַ דענטיסטישער קאַבינעט.

די טאַבעלע באַווייזט די טעטיקייט פון דענטיסטישן קאַבינעט.

| | געהיילט | עקסטראַקציעס | פּלאָמבירט | נערוּוען אַנטצינדונג | פאַרשידענע |
|---|---|---|---|---|---|
| 1927 | 641 | 294 | 296 | 426 | 372 |
| 1928 | 860 | 464 | 475 | 915 | 1024 |
| 1929 | 697 | 379 | 324 | 715 | 745 |
| 1930 | 876 | 535 | 444 | 904 | 1412 |
| 1931 | 748 | 448 | 426 | 838 | 1420 |

## רענטגען-קאַבינעט.

קינדער וואָס זענען קראַנק אויף פּאַרכס אָדער הויט-עקזעמע, וועלכע פאָדערט רענטגען-באַשטראַלונגען, ווערן איבערגעשיקט אין אַ ספּעציעלן רענטגען-קאַבינעט, וואָס געפינט זיך אין לאָקאַל פון פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָט דער אַמעריקאַנער „דזשוינט" געגרינדעט דעם רענטגען-קאַבינעט און געשאַפן דעם רענטגען-אַפּאַראַט. „טאָז" האָט איבערגענומען דעם קאַבינעט בעת „דזשוינט" האָט זיך ליקווידירט און פירט אָן מיט דער אַרבעט ביזן הײַנטיקן טאָג. דער הויפּטציל פון קאַבינעט איז צו באַקעמפן פּאַרכס, (פאַווס) אָבער עס ווערן געהיילט אויך אַנדערע הויט-קראַנקהייטן, צו וועלכע מען מוז אָנווענדן רענטגען-שטראַלן. דער קאַבינעט היילט קינדער און דערוואַקסענע.

די טאַבעלע ווײַזט די טעטיקייט פון רענטגען-קאַבינעט.

| | פאַווס | קינדער | דערוואַקסענע | לאָדזשער | פּראָווינצער |
|---|---|---|---|---|---|
| 1922-1925 | 1470 | | | | |
| 1926 | 234 | 128 | 106 | 66 | 168 |
| 1927 | 217 | 128 | 89 | 68 | 149 |
| 1928 | 211 | 147 | 64 | 62 | 149 |
| 1929 | 220 | 169 | 51 | 54 | 166 |
| 1930 | 163 | 143 | 20 | 68 | 95 |
| 1931 | 146 | 128 | 18 | 65 | 81 |

*) אַנדערע הויט-קראַנקהייטן

1926—128, 1927—38, 1928—29, 1929—34, 1930 —

## זומער-קאָלאָניעס פאַר שול-קינדער.

די זומער-קאָלאָניע אין קשישטאָפּקאַ, נעבן ווישנאָווע-גורא, האָט „טאָז" איבערגענומען אין 1922 יאָר. די קאָלאָניעס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין אַ שלעכטן צושטאַנד. די פאַרוואַלטונג האָט איבערגענומען צו רעסטאַווירן די קאָלאָניעס. יעדעס יאָר ווערט געמאַכט אַ טייל אינוועסטיציעס. אין די ערשטע יאָרן זענען אײַנגעקויפט געוואָרן בעטלעך, יעצט פאַרמאָגט די קאָלאָניע 210 בעטלעך, פאַר יעדן קינד באַזונדער. דער גאַנצער שטח ערד איז אַרומגעצוימט געוואָרן. צום ברונעם איז צוגעשטעלט געוואָרן אַ נאַפט-מאָטאָר. ס'זענען צוגעבויט געוואָרן ספּעציעלע שטובן. איין פּאַוויליאָן פאַרמאָגט 22 וואַשבעקנס און דער צווייטער 15 וואַשבעקנס מיט לויפנדיק וואַסער. די ווערענדעס זענען איבערגעבויט און אַ סך פאַרגרעסערט געוואָרן. דאָס גאַנצע שטיק ערד איז איבערגעאַקערט געוואָרן און דערויף אײַנגעזעצט צענדליקער ביימער, וואָס שטעלן איצט פאָר אַ פרוכטיקע זוניקע זלעע. אין דער קאָלאָניע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלער איזאָלאַציע-פּאַוויליאָן מיט 10 בעטלעך פאַר קינדער וואָס ווערן קראַנק.

די טאַבעלע ווײַזט די טעטיקייט פון דער זומער-קאָלאָניע אין „טאָז".

| | | |
|---|---|---|
| 1922 — | 270 | קינדער |
| 1923 — | 588 | „ |
| 1924 — | 666 | „ |
| 1925 — | 780 | „ |
| 1926 — | 868 | „ |
| 1927 — | 813 | „ |
| 1928 — | 819 | „ |
| 1929 — | 854 | „ |
| 1930 — | 834 | „ |
| 1931 — | 844 | „ |
| צוזאַמען | 7276 | |

יעדעס קינד איז אויף דער קאָלאָניע 28—29 טעג, באַקומט 5 מאָל טעגלעך דערנערונג, אויך וועש און קליידונג; געפינט זיך אונטערן אויפזיכט פון דאָקטאָר און פון אַ קוואַליפיצירטער היגיעניסטין. עס ווערט געשטרעבט אײַנצופלאַנצן אין די קינדער ריין זיך האַלטן, ציין אין מויל וואַשן; עס ווערן די קינדער צוגעוווינט צו קאָלעקטיווען סאָציאַלן לעבן, יעדן קינד ווערט דערמעגלעכט פרײַע באַוועגונגען, נישט געשטערט אין דער אומגאַנג-שפּראַך, געזאַנג, רעליגיעזע געוווינהייטן. קינדער פון פרײַע וועלטלעכע שולן טרעפן זיך צוזאַמען מיט קינדער וואָס דערציִען זיך אין תּלמוד-תּורות און עס ווערן אויסגעמיטן צוזאַמענשטויסן. פאַר דעם רוב קינדער בלײַבן די זומער-קאָלאָניעס די טײַערסטע און ליכטיקסטע דערינערונגען אויפן גאַנצן לעבן. אַלס באַווײַז קאָנען דינען די גרויסע צאָל רירנדיקע ביז טרערן בריוו פון די קינדער, וואָס געפינען זיך אין אַרכיוו פון דער „טאָז"-קאַנצעלאַריע און אויך אין יעדער שול.

## קאַמף קעגן שקאַרלאַטין.

אַ שווערע עפּידעמיע פון שקאַרלאַטין האָבן מיר אין פוילן דורכגעמאַכט אין 1927 יאָר. דער קאַמף איז דעמאָלט געגאַנגען דורך ספּעציעלע אײַנשפּריצונגען מיט פּראָפילאַקטישע צוועקן. „טאָז" האָט אין גאַנצן לאַנד איבערגענומען אויף זיך די איניציאַטיוו פון אַדורכפירן די אימפונגען בײַם יידישן קינד. אין לאָדזש זענען געגרינדעט געוואָרן 3 סטאַציעס צום אימפן, אין די שולן האָט דער שול-דאָקטאָר אַדורכגעפירט די אימפונגען און אַלע קינדער זענען געאימפט געוואָרן. אַחוץ דעם זענען אַדורכגעפירט געוואָרן אימפונגען אין די יידישע שולן פון פּאַביאַניץ און בזשעזשין.

## באשפייזונג-אַקציע.

אין 1925 יאָר בעת דונגער און נויט האָט גענומען הערשען אין אונזער קרײַז, האָבען איבער 1000 קינדער באַקומען אין די שולען פריסטיק: אַ גלאָז מילך און זעמעל. אין שול-יאָר 1931/32 ווערט אויך אַדורכגעפירט אין לאָדזש אַ גרויסע באַשפייזונג-אַקציע. איבער 2500 קינדער באַקומען טעגלעך אין שול פריסטיק, וואָס באַשטייט פון מילך און זעמעל. אין די באַראַטונג-שטעלען ווערט אַרויסגעגעבען פאַר די קינדער מילך-מישונגען און אַנדערע פּרעפּאַראַטען, וואָס זענען נויטיג פאַר זייג-קינדער.

## ציעכאַצינעק און אָטוואָצק.

פאַר קינדער וואָס נייטיגען זיך אין ספּעציעלער קוראַציע, זומער אין באָד ציעכאַצינעק אָדער אין אָטוואָצק, דינט די געזעלשאַפט אַלס אַ פאַרמיטלער צווישען זיי און די קרובישע אינסטיטוציעס וואָס פירען קאָלאָניעס אין די דערמאָנטע שטעט. דורך „טאָז" אין לאָדזש זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען אַנ'ערך 250 קינדער נאָך ציעכאַצינעק און 500 קינדער נאָך אָטוואָצק.

## קוואַרץ-באַשטראַלונגען.

אין יעדער באַראַטונג-שטעל געפינט זיך אַ קוואַרץ-לאָמפּ. די לאָדזשער אָבטיילונג פון „טאָז" פאַרמאָגט 6 קוואַרץ-לאָמפּען. אין 1928, 29, 30, 31 יאָר זענען באַשטראַלט געוואָרען 3352 קינדער.

## פיזישע דערציהונג.

אין 1924 זענען בא „טאָז" געגרינדעט געוואָרען די ערשטע ספּאָרט-און גימנאַסטישע גרופּען. 6 יאָר זענען די גרופּען טעטיג געווען. די אַרבעטער-יוגענט האָט געהאַט אין „טאָז" דאָס אָרט וואו זיי האָבען געקענט איבען. 7–8 גרופּען צו 50–60 מאַן אין אַ גרופּע, האָבען 2–3 מאָל אין וואָך געמאַכט זייערע גימנאַסטישע איבונגען און יעדעס יאָר אויך איינגעאָרדענט עפענטלעכע ספּאָרט-שפּילען. אין 1930 איז „טאָז" געווען געצווינגען אָבצוגעבען דעם לאָקאַל, וואו ס'האָט זיך געפונען דער גימנאַסטישער זאַל, און די גרופּען זענען ליקווידירט געוואָרען. שפּעטער האָבען זיך געשאַפען פון די „טאָז"-ער ספּאָרט-גרופּען צוויי גרויסע גימנאַסטישע מאַנשאַפטען: „מאָרגענשטערן און שטערן". די איצטיגע אינסטרוקטאָרען האָבען אָבער זייערע ערשטע טריט געשטעלט אין לאָדזשער „טאָז", דאָ זיך געשולט, געזאַמעלט און ווען זיי זענען אויסגעוואַקסען, האָבען זיי שוין געקענט זעלבסטשטענדיג ווערען.

## פאַרלעזונגען

דירעקטע פּראָפּאַגאַנדע פון היגיענע ווערט געפירט דורך פאַרלעזונגען, וואָס ווערען פון צייט צו צייט איינגעאָרדענט אויף פאַרשידענע טעמעס, און האָבען אַ שייכות מיט די געזונטהייט-פּראָבלעמען און היגיענע-פראַגען. אין 1925, 26, 27, 28, 29, 30, 31 יאָר זענען פאָרגעקומען אַנ'ערך 200 פאַרלעזונגען.

## סך הכל

כדי אַדורכצופירען די גאַנצע אַרבעט זענען נייטיק גאַנץ גרויסע געלט סומען דער בודזשעט פון „טאָז" איז אַ גרויסער און זייער קאָמפּליצירטער. די הכנסות זענען פאַרשידענאַרטיגע און דע-קען זיך אין יעדען יאָר אַנדערש. כדי צו קריגען אַ באַגריף וועגען די הכנסות פון „טאָז", האָבען מיר צוזאַמענגעשטעלט אַ טאַבעלע פון לעצטען יאָר.

אין בודזשעט-יאָר פון 1/IV 1930 ביז 1/IV 1931 זענען געווען די הכנסות:

| | | |
|---|---|---|
| מיטגליד-אָבצאָל | 9.811.– | 5,02 פראָצ. |
| נדבות | (11.306.65 | 14.06 פר. |
| אונטערנעמונגען | (15.412.46 | |
| סובווענצען: | | |
| פון דער רעגירונג | 5 000.– | 2,6 פראָצ. |
| פון מאַגיסטראַט (אסיגנירט 6.000) | 4,210,– | 2,1 „ |
| פון דער יודישער קהלה | 2.000.– | 1.02 „ |
| פון דער צענטראַלע | 26.287.50 | 13.5 „ |
| איינקונפט פון אָבצאָל פון די וועלכע זענען געהיילט געוואָרען | 53.833.13 | 28,0 „ |
| איינקונפט פון מאַגי-סטראַט און גמינע | 60.095.82 | 31,1 „ |
| פאַרשיידענע (פאַרקויפט אַ טייל אינווענטאַר) א.א. | 5.017.10 | 2,6 „ |
| | 192.973.06 | 100 „ |

פון דער טאַבעלע זעהען מיר אַז די הכנסות זענען איינגעפלאָסען:

1) פון דער לאָדזשער יודישער באַפעלקערונג וואָס געניסט פון „טאָז" דעקט 28 – 27 פראָצ. פון די הכנסות.

2) דער לאָדזשער מאַגיסטראַט און די יודישע קהלה צאָלט, פאַר די וואָס זי שיקט אין „טאָז", דערהויפּט פאַר די קינדער און זייגלינג-היים 30 – 25 פראָצ. ד. ה. צוזאַמען פליסט איין 50 פראָצ. און 50 פראָצ. מוזען געשאַפען ווערען.

3) די לאָדזשער געזעלשאַפט צאָלט איין אין פאָרם פון מיטגליד-אָבצאָל און איינמאָליגע איינקונפטען, נדבות און אונטערנעמונגען 25–20 פראָצ. און

4) סובווענצען מאַכען אויס 25–20 פראָצ.

די לעצטע יאָרען פאַרקלענערן זיך די נדבות, סובווענצען פון דער רעגירונג און מאַגיסטראַט.

דאָס איז דער צייכען פון דער שלעכטער צייט וועלכע מיר לע-בען איבער, דאָס איז דער רעזולטאַט פון דעם שווערען עקאָנאָמישען קריזיס, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געטראָפען דאָס גאַנצע לאַנד.

די אַלגעמיינע שווערע לאַגע האַלט איין די איניציאַטיוו פון דער געזעלשאַפט, לאָזט זי נישט אַנטוויקלען און צווינגט אַלע כּוחות אָנצושטרענגען אויף צו דערהאַלטען די געשאַפענע אינסטיטוציעס אויף דער געהעריגער הויך. אַזוי אַז וועגען נייע געביטען פון אַרבעט קען שוין קיין רייד נישט זיין.

דער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט זענען די מיטגלי-דער. לאָדזשער „טאָז" ציילט מיטגלידער.

דער פאָרזיצער פון דער ערשטער פאַרוואַלטונג איז געווען ד"ר א. גאָלדמאַן, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אמט ביז 1929 יאָר. ווען ד"ר גאָלדמאַן האָט פאַרלאָזען לאָדזש איז געוויילט געוואָרען אַלס פאָרזיצער ד"ר ש. י. שווייג, וועלכער פאַרנעמט ביז היינט דעם אמט. וויצע-פאָרזיצערס – ד"ר ל. שיפּמאַן און אינזש. ש. לעבענהאַפּט, סעקרעטאַר–ד"ר מ. וואָלפזאָן, קאַסירער–קאַראָל קאַבאַקער, פּרעזידיום-מיטגלידער, די ה"ה: ס. אַמזעל פּראָפ. ג. וויינרייך און לייטער פון דער היגער אָבטיילונג ד"ר מ. שוואַלבע.

די פאַרשיידענע צווייגען זענען פאַרטיילט צווישען די פאַר-וואַלטונג-מיטגלידער אין דעם אופן. אינזש. ש. לעבענהאַפּט און פּראָפ. ג. וויינרייך פירען פון 1922 יאָר די זומער-קאָלאָניעס. פּראָפ.

זיך צוזאַמען פון מיטגליד־בייטראַג, פאַדוויילונגען, שפענדען, און אַ קליי־נער טייל פון סובסידיעס: פון דער יודישער קהלה 1200 גילדען און פון היגען מאַגיסטראַט 4250 גילדען יערליך.

איצטער אַ קורצער סך־הכל, ווי ס'האָט אויסגעזעהען אין דעם יאָר דאָס אַלגעמיינע בילד אין פאקטישע ציפערען: די נאַכט־פּאָגאָטאָוויע איז אַלזרמירט געוואָרען און דערטיילט הילף אין 4289 פאלען (געווייגלעכע) און אין 52 אַקושער־פאלען. עס זענען איבערגעפירט געוואָרען באנאכט אין די שפיטעלער 66 און באַטאָג 171 מענטשן. פון דער פרעמד זענען איבערגע־פירט געוואָרען באַנאַכט און באַטאָג 73 מענטשן. עס זענען אַויסגעבאָרגט געוואָרען פאַר קראַנקע 847 פארשידענע מכשירים. די משמורים האָבען גע־וואַכט און באַדינט 101 חולאים. דער פיזיקאַליש־טעראַפּישער קאַבינעט האָט געהיילט: מיט קוואַרץ־לאָמפּען 363, מיט דיאַטעמיע 142 און עלעקטרישע בעדער 30 מענטשען.

די קאָנטראָלערען זענען געווען באַ דער ארבעט 210, עלטסטע די־זשורנעס 274 און יונגע דיזשורנעס 817 מאָל.

די הכנסות אין דעם יאָר זענען געווען: 50,931 גילדען מיט 70



מ. ראבינאָוויטש
אפטייקער



יצחק נאדעל
ערען סעקרעטאר



יעקב שטערן
פּאָרזיצער



א. שטיינשניידער
וויצע



י. א. גראָסגלייט
פונדאטאָר



ש. לעווי
פארוו. מיטגל.



אייזיק גראָסבערג
פארוו. מיטגליד



לייב זיידמאַן
קאסירער



ה. אוליגאָווער
רעוויז.

## דאָמען־קאָמיטעט



פ. גלאַטער
קאָמיס. מיטגל.



אסתר נאדעל
ערען סעקרעטארען



אסתר בענדער
פּאָרזיצערין



ה. פוטערהענדלער
וויצע



ה. שטיינשניידער
קאָמיס. מיטגל.

גראָשען און די הוצאות 48.106 גילדען מיט 37 גר.

דעם 15 נאָוועמבער 1931 איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמ־לונג פון די מיטגלידער, אויף וועלכער עס זענען געווילט געוואָרען און די פאַרוואַלטונג באַשטייט איצט לויט דעם צוזאַמענשטעל: פאָרזיצער—יעקב שטערן, וויצע—א. שטיינשניידער און י. וואָלף, סעקרעטאר פון דער פארוואַלטונג — יצחק נאדעל. אין דער פארוואַלטונג—פרוי אסתר בענדער, הערצקע וואָלף, ד"ר צ. סארנע, אייזיק גראָסבערג, מ. גאָרדאָן, לייב זיידמאַן, ש. לעווי, לייבוש ראָזענבערג, ג. גאָלזאך, און ג. קאָפּטשאָווסקא. קאנדידאַטען: מ. שייבע ב. ליפּשיץ, י. באָדזעכאָווסקי און ה. בריטשקאָווסקי.

די נאַכט־פּאָגאָטאָוויע־קאָמיסיע באַשטייט פון די ה"ה: א. גראָסבערג—פּאָרזיצער, מ. ראַבינאָוויטש,—וויצע, ג. גאָלדאַך, י. טאַפּלאָוויטש, וו. טרויבע, ב. ליפּשיץ און ל. זיידמאַן.

דער דאַמען־קאָמיטעט באַשטייט פון די פרויען: אסתר בענדער—פּאָר־זיצערין, ה. פוטערהענדלער—וויצע, אסתר נאַדעל—ערען־סעקרעטאַרען פ. מינצבערג, ה. שטיינשניידער, פ. זיידמאַן, פ. גלאטער, צ. סקאָסאָווסקא, ל. אויערבאַך, ד"ר גווירץ, גאָרדאָן, ל. לעווי און ה. ווייגריב.

# לינת החולים

„לינת החולים" איז אייגענטלעך אַנטשטאַנען אין 1909 יאָר. דורך דער איניציאַטיוו פון 20 אָנגעזעהענע בעלי-בתים פון אונזער שטאָט. זיי האָבן אין שלאָמאָוויטש שוהל אויף ווסכאָדניע 43 געלייגט דאָרט דעם גרונדשטיין פאַר דער אינסטיטוציע.

אין יענער צייט האָט נישט עקזיסטירט דאָ קיין שום אינ-סטיטוציע וואָס זאָל טראָגן מעדיצינישע הילף די טויזענטער אָרעמע לייט, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט העלפן אין זייער גרויסער נויט–דאַריבער טאַקע איז די גרינדונג פון אַזאַ אינסטי-טוציע זייער וואַרעם איבעראַל אויפגענומען געוואָרן. דאָך איז אויסגעקומען צו אַרבעטן די ערשטע אַנדערהאַלבן יאָר אין די ערגסטע באַדינגונגען, ווייל די לעגאַליזאַציע האָט די מאַכט אָפּ-געזאָגט... די איניציאַטאָרן האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט און געדונגען אויף פּאָלודניאָווע 17 צוויי שטובן, מכלומרשט אויף אַ שטיבעל צו דאַוונען, און צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. די טעטיגקייט איז באַשטאַנען אין צושטעלן בחנם'דיגע דאָקטוי-רים, מעדיצינען פאַר אָרעמע קראַנקע, מ'פלעגט אויך שיקן משמורים צו קראַנקע. נאָך עטלעכע יאָר האָט מען איינגעזעהען, אַז ס'איז נישט מעגלעך ווייטער צו אַרבעטן אין אַזאַ קליינעם מאַסשטאַב. ס'איז גערופן געוואָרן אַן'אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, און אויך איינגעלאַדען הרב ר' אליהו חיים מייזעל ז"ל, וועלכער האָט זיך פאַרשריבן אַלס מיטגליד פון „לינת החולים". ס'זענען געקומען אַ סך אָנגעזעהענע בעלי-בתים פון דער שטאָט, און מ'האָט אויסגעוויילט אַ קאָמיטעט מיט ה' שמואל הערשבערג ז"ל אַלס פּאָרזיצער.

אַ דאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון דער פאַרוואַלטונג איז געלונגען צו לעגאַליזירן די הילפס-אינסטיטוציע „לינת



י. ל. ווערדיגער
מיטגרינדער



לייב שפּירא
עקאָנאָם



א. פּערלמאַן
פּאָרזיצער



ש. הערשבערג
געוו. פּאָרזיצער



י. דענגענשטיין
וויצע



לייב יפה
מיטגרינדער



שמואל האָכענבערג
פּאַרוו. מיטגליד



יעקב כהן
פּאַרוו. מיטגליד



ל. שקורניק
פּאַרוו. מיטגליד



ל. כוואַט
פּאַרוו. מיטגליד



מ. יאָכימאָוויטש
פּאַרוו. מיטגליד

החולים", דורך די גרינדער, ה"ה: ש. הערשבערג, חיים גאַלעיוסקי, בערל זייבערט, לייב יפה, דוד מאָרגענשטערן, דוד העכט, פּרץ ראָטענבערג, יהודה לייב ווערדיגער, איטשע וואַלד, יעקב טענענ-בוים, ד"ר יאַן גינזבורג.

דעם 15 יאַנואַר 1902 האָט אָנגעהויבן זיך די נייע טע-טיגקייט, מ'האָט געדונגען אַ ניי-לאָקאַל פון 5 שטובן אויף שרעדניע גאַס 2, און עס זענען געשאַפן געוואָרן 4 אָפּטיי-לונגען: 1. בחנמ'דיגע דאָקטוירים-וויזיטן אין דער שטאָט. 2. בחנמדיגע וויזיטן בּאַ די דאָקטוירים אין שטוב. 3. משמורים-אָפּטיילונג און 4. פלעגע אָפּטיילונג. די אַרבעט איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. יעדע נאַכט האָט אַ צווייטער מיטגליד געמוזט דזשורירן אין זיין אָפּ-טיילונג. נאָך 2 יאָר איז דער לאָקאַל געוואָרן שוין צו ענג און מ'איז פון דאָרט איבער אויף ציגעל-גאַס 52 אין אַ וואוינונג פון 7 שטובן. אין יאָר 1906 האָט „לינת החולים" איינגעאָרדנט אַ חינוך הספר, אין וועלכן ס'האָבן דעמאָלט אָנטייל גענומען אַ ריזיג גרויסע צאָל געסט איבער 2000 מענטשן.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער טעטיגקייט, איז מען געקומען צום געדאַנק, אַז „לינת החולים", מוז דורכאויס האָבן אַן'אייגענעם בנין. דורך גרויסער מי און אָנשטרענגונג פון ה' ש. הערשבערג און דער פאַרוואַלטונג איז אין 1908 געקויפט געוואָרן אַ אייגען הויז, אויף פּאָלודניאָווע 19. מ'האָט געעפנט אַן'אַמבולאַטאָריום, אַן'אייגענע אַפּטייק, און אַ קליניק פאַר אָרעמע קינפּעטאָרענס. חוץ דעם איז אין הויז געעפנט געוואָרן אַ שוהל צו דאַוונען און אויך געשאַפן געוואָרן 2 זייער וויכטיגע אָפּטיילונגען: אַ גמילת-חסדים קאַסע, וואָס האָט אַרויסגעבאָרגט ביז 50 רובל, אָפּצוצאָלן אָהן ציגזן, און אַ פאַרזיכערונג-קאַסע וואָס האָט אויסגעצאָלט ביז 500 רובל דער פאַמיליע, בעת דער ברויטגעבער איז געשטאָרבן. אַ יאָר שפּעטער איז איינגעפירט געוואָרן צו שיקן צו קראַנקע פרויען פלעגערינס – צו דעם צוועק זענען אָנגאַזשירט געוואָרן פרויען אין דער אָפּטיילונג.

די אַלע אָפּטיילונגען האָבן זייער אינטענסיוו געאַרבעט און זיך אַנטוויקלט, ביז עס איז אויסגעבראָכן די וועלט-קריג אין 1914 יאָר.

„לינת החולים״ איז דעמאָלט פאַרוואַנדעלט געוואָרן אין אַ לאַזאַרעט פאַר רוסישע פאַרוואונדעטע. די מאַכט האָט געצוווּנגען אויסצוהאַלטן דאָס שפּיטאָל אויף אייגענע קאָסטן און די פאַרוואַלטונג-מיטגלידער זענען באַשטימט געוואָרן אַלס סאַניטאַרן און מיטגלידער פון רויטן קרייץ.

נאָך דער עוואַקואַציע איז דאָס הויז אויפגעפרישט און רעמאָנטירט געוואָרן ס׳איז צוריק געעפענט געוואָרן דער קליניק פאַר אָרעמע קימפּעטאָרנס, די אַפּטייק און אַמבולאַטאָריום, וועלכע פונקציאָנירן זייט דעמאָלט נאָרמאַל ביז׳ן הייטיגן טאָג.

1924 איז איבערגעבויט געוואָרן דאָס פראָנט-הויז אויף אַ 3-שטאָקיגען בנין, וואו דער קליניק פאַרנעמט 28 שטובען מיט 50 בעטען פאַר די קימפּעטאָרנס, 12 קאַבינעטען פאַרנעמט דער אַמבולאַטאָריום פאַר קומענדיגע אָרעמע קראַנקע. דאָרט געפינט זיך אויך די אַפּטייק.

אין 34–1932 איז צוגעבויט געוואָרן אַ 3 און 4 שטאָק צו דער הויף-אַפּיצינע, דאָרט געפינט זיך: דער קליניק אין עטלעכע שטובען, אַן׳אייגענע וועשעריי און טריקען-שטוב.

דער וועכנערין-קליניק נעמט אויף אין משך פון יאָר ביז פיפצענהונדערט קימפּעטאָרנס, און דער אַמבולאַטאָריום און די אַפּטייק דערטיילט אַ סך הונדערטער קראַנקע—וועכנטלעך —דאָקטוירישער און מעדיצינישער הילף.

# מחזיקי חולים

דער פאַראיין „מחזיקי חולים״ איז געגרינדעט געוואָרן דעם 1 פעברואַר 1925, דורך אַ גרופּע בעלי הבתים פון שייבלער׳ס ראַיאָן. אין אַנהויב איז די אַרבעט געפירט געוואָרן אין לאָקאַל פון בית התפלה גלוונע 57.

די ערשטע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען: י. ד. אייזענבערג—פּרעזעס, בנימין קאָן – וויצע, בונם פּיעטריקאָווסקי — סעקרעטאַר, הערש בענדעט שאָך, הענעך לעווי, משה פעלטע, איטשע מאיר שטערלינג, דוד לעווקאָוויטש, נתן פּערסיץ, אשר זעליג ראַפּוך, העשעל באָרענשטיין, אשר געפנער און יעקב שווידערסקי.

אין דעם ערשטען יאָר איז דערטיילט געוואָרן דאָקטוירים-הילף — 2685 מענטשען, מעדיצינען — 2760, אַרויסגעבאָרגט כלים פאַר קראַנקע—998, משמורים—33 מענטשען.

אין 1926 איז דער פאַראיין אַריבער אין לאָקאַל אויף קילינסקי 120, וואו ער האָט ווייטער אַנטוויקעלט אַ הילף-טעטיגקייט צווישען די דאָרטיגע קראַנקע יורען פון יענעם ראַיאָן—און די מיטגלידער-צאָל האָט שטאַרק פאַ־גרעסערט זיך.

1930 איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פרויען-סעקציע, וועלכע פאַרטיילט זייט דעמאָלט נאַהרונג, געלט-אינטערשטיצונגען פאַר אָרעמע קראַנקע, אלמנות און יתומים.

דעם 1 פעברואַר 1931 האָט אָנגעהויבען צו פונקציאָנירן באַם פאַראיין אַן׳אַמבולאַטאָריום פאַר נישט-פאַרמעגלעכע קראַנקע, אויף קילינסקי 120.

חוץ דער אַלגעמיינער הילף-טעטיגקייט איז אין דעם יאָר אויך אַדורכגעפירט געוואָרן אַ קוילען-אַקציע.

אין 1932 האָט ה׳ שמואל און פרוי צירעל יוטע הובעל געשאָנקען אַ טייל פון דעם הויז אויף דאָווּבאָרטשיקאָוו 28 —צום אָנדענק פון זייער יונג-פאַרשטאָרבענער טאָכטער בלומע פרענקעל — 5 שטובען און קאָרידאָר. און דעם טייל אָבגעשריבען היפּאָטעקאַריש אַלס אייגענטום פון דער אינסטיטוציע „מחזיקי חולים״.

1933 איז איינגעאָרדענט געוואָרן באַם פאַראיין אַ בית התפלה: בית שמואל.

דעם 1 פע רואַר 1935 איז „מחזיקי חולים״ אַריבערגעצויגען אין אייגענעם לאָקאַל דאָווּבאָרטשיקאָוו 28, וואו עס איז טעטיג אויך דער אַמבולאַטאָריום.

במשך פון יאָר 1936 איז געגעבען געוואָרן: דאָקטוירים-הילף – 3364 מענטשען, בחנמ׳דיגע דאָקטוירים פאַר אָרעמע קראַנקע – 1141, בחנמ׳דיגע מעדיצינען 1143, הנחה מעדיצינען — 4491, אַרויסגעבאָרגט כלים פאַר קראַנקע – 844, נאַהרונג און געלט - אונטערשטיצונג — 1698, קוילען — 110, מילך — 244, משמורים — 116, יורידישע הילף — 50, צוזאַמען — 13201 מענטשען.

1936 איז געשאַפען געוואָרן באַם פאַראיין און אָנגעהויבען זיין טעטיגקייט אַ פיזיקאַלישער קאַבינעט מיט אַ קוואַרץ לאָמפּ.

פ. פּאָרשטייער



נתן פּערסיץ
ערען-מיטגליד



שמואל שטרויסמאַן
פּרעזעס



שמואל הובעל
פונדאַטאָר

# לינת משמורים

די געז. „לינת משמורים“ איז געגרינדעט געוואָרען אין 1932 אין בית התפ״ה אויף זשעלאָנע 26.

„לינת משמורים“ האָט די ערשטע יאָרען געשיקט משמורים צו קראַנקע, געגעבען דאָקטוירישע, און מעדיציניש‏ע הילף, ווי אויך אַרויסגעבאָרגט כלים פאַר קראַנקע.

„לינת משמורים“ האָט דעמאָלט אָנגעפירט איר אַרבעט אין ראַיאָן פון גרינעם מאַרק.

צוליב סאַניטאַרע טעמים איז דעם 10 יאַנואַר 1935 דאָס לאָקאַל פון אַמבולאַטאָריום, באַ דער געז. „לינת משמורים“. זייט דעמאָלט פירט די געז. איר ווייטעריגער אַרבעט און טראָגט הילף אַ גרויסען טייל קראַנקע פון דער היגער אָרעמער יודישער באַפעלקערונג.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ה׳ה: בנימין שער — פרעזעס, יעקב ברוין און בערל האַמערמעש — וויצע׳ס, רפאל גינזבערג — סעקרעטאַר, פישעל קריזע — קאַסירער, אין דער פאַרוואַלטונג: אַלעקסאַנדער טשאַמיינסקי, משה בודזינער, מאיר

פ אַ ר וו אַ ל ט ו נ ג:



רפאל גינזבערג
סעקרעטאַר



בערעל האמערמעש
וויצע



בנימין שער
פרעזעס



יעקב ברוין
וויצע



פישעל קריזע
קאַסירער



דוד איזשביצקי
רעוו.



משה בודזינער



אלעקסאנדער טשאמיינסקי



סאַנע ליפסמאַן



ראַטמ. א. האַנעמאַן

פון דער געז. פאַרחתמט געוואָרען פון דער היגער וואָיעוואָדישער מאַכם. דורך דער ענערגישער אינטערווענץ מצד אַ גרופּע מיט-גלידער ווערט דאָס לאָקאַל אין סוף פון 1935 יאָר צוריק דערעפענט.

דעם 22 מערץ 1936 איז פאָרגעקומען די דערעפענונג פון נייעם לאָקאַל (פּילסודסקי 21) און די פייערלעכע איינווייהונג שמולעוויטש, וואָלף קיפּמאַן, יעקב כעלמינסקי, סאַנע ליפסמאַן. קאַנדידאַטען: חיים טודלאָווסקי, מלך פאָזנער, ישראל פרידלאַנד, בעריש דאָבזשינסקי. רעוו. קאָמ.: דוד איזשביצקי, ישראל קאַר-מיאָל, שלמה דולאַ. קאַנדידאַטען: יחיאל מאיר טייטעלבוים, עמנואל ליפסמאַן.

# נותן לחם

אין 1926 י. איז—דורך די ה׳ה: שמואל פּטאַשניק, וואָלף מילגראָם, משה פּאַנטעל, זקן מאָרדכאָיעוויטש, בער מילגראָם און מענדעל ראָזענפעלד—געגרינדעט געוואָרען די הילפ-געזעל-שאַפט „נותן לחם“.

די ערשטע צייט איז אַרויסגעגעבען געוואָרען (אין שטיבעל אויף פּלאַץ קאָשטשעלנע 6) פאַר 30—20 מענטשען —אָוענט-ברויטען—פון ברויט מיט הערינג און טיי.

סוף יאָר איז „נותן לחם“ אַריבערגעטראָגען געוואָרען אויף וואָלבאָרסקע 34 (א׳יך אין אַ שטיבעל) וואו ס׳זענען שוין איינגעפירט געוואָרען געקאָכטע אָוונטברויטען, פאַר 80—70 מענטשען טעגלעך. אַ יאָר שפּעטער ווערען ס׳קאָסירט די אָוענט-ברויטען און ס׳הייבען אָן אַרויסגעגעבען צו ווערען מיטאָגען, פון זופּ און ברויט. און 2 — 3 מאָל א׳ן דער וואָך אויך מיט פלייש.

אין 1928 י. איז די געזעלשאפט אריבער אין לאקאל אויף סאלנע 14, וואס איז איבערגעבויט און רעמאנטירט געווארען. און זייט דעמאלט הויבט אן די טעטיגקייט שטארק פארגרעסערט צו ווערען.

פון דער קוך וואס איז טעטיג בא דער געז. „נותן לחם" (סאלנע 14) געניסען זייער א סך הונדערטער ארעמע בכבודע יודישע פאמיליעס טעגלעך.

די פארוואלטונג פון „נותן לחם" האט אויך אדורכגעפירט עטלעכע גרויסע הילף, קוילען און פסח-אקציעס, וועלכע האבען געטראגען ממשותדיגע הילף טויזענטער ארעמע באדערפטיגע יודישע פאמיליעס.

## אינטעליגענטען-קוך

די „אינטעליגענטען-קוך", ארגאניזירט דורך דער געז. „נותן לחם" (צוערשט: לעגיאנווו 10א) איז טעטיג פונ׳ם 30 אפריל 1933. פון דער קוך איז זייט דער צייט ארויסגעגעבען געווארען 196.368 מיטאגען פאר ארבעטלאזע יודישע אינטעליגענטען.

## הילף פאר שול-קינדער

די לייטונגען פון עטלעכע פאלק-שולען אין לארוש, האבען זיך געוואנדען צו דער פארוו. פון „נותן לחם", וועגען ארויסגעבען מיטאגען פאר זייערע ארעמע שול-קינדער, וועלכע באקומען נישט אין די היימען קיין לעפעל ווארעם געקעכץ. די פארוו. איז אנטקעגען געקומען די פאדערונג. אין דער צייט פון יאנואר 1933 ביז סוף 1936 איז ארויסגעגעבען געווארען 18.443 מיטאגען לטובת די פאלק-שולען.

## ווארעם-שטוב

זייט יאנואר 1933 איז בא דער געז. „נותן לחם" טעטיג די ווארעם-שטוב, וועלכע ווערט אנגעפירט דורך דעם „יוגענט-קרייז" פון דער געז., אין לאקאל פון דער „אינטעליגענטען-קוך" (צוערשט שרודמיעסקע 20). יעדען טאג טרעפען זיך צוזאמען ביז 120 ארעמע קינדער, וועלכע מאכען דארט די לעקציעס אין א ריינעם ליכטיגען זאל, אונטער דער אנפירערשאפט פון דערציהערישע און פעדאגאגישע קרעפטען. נאך א פאר שעה פארברענגען באקומען די קינדער אזענט-ברויט. אין משך פון 1933 ביז 1936 זענען ארויסגעגעבען געווארען 31,250 אזענט-ברויטען פאר 495 קינדער, אויפ׳ן חשבון פון דער געזעלשאפט.

פאר די קינדער, וואס באזוכען די ווארעם-שטוב, ווערען פון צייט צו צייט איינגעאָרדענט קינדער-פארוויילונגען מיט ספעציעלע פראגראמען, אויסגעפירט על פי רוב דורך די קינדער אליין. פארענדיגט ווערען די פארוויילונגען מיט א סעודה.

## מעדיצינישער הילף.

פון דער מעדיצינישער הילף בא „נותן לחם" האבען אין משך פון 34—1931, געניאסען, 1684 באדערפטיגע.

## גמילת חסדים-קאסע.

די גמילת-חסדים-קאסע בא דער געז. „נותן לחם", האט ארויסגעגעבען אין 1933-36 ביז 100 הלואות, פארשידענע בעלי מלאכות און קליינהענדלער, וועלכע האבען זיך געפונען אין פינאנציעלע שוועריגקייטען. אויף א סומע פון 9748 גילדען:

## זומער-קאלאניעס

די שווערע און נישט-היגיענישע באדינגונגען, אין וועלכע עס לעבען די ארעמע יודישע קינדער, וועלכע ווערען ממש א גאנץ יאר דערשטיקט אין די קעלערן, אדער דאך-שטובלעך און האבען נישט וואו פרייער אבצוטעמען אין א ריינער אטמאספערע—האט אנגערעגט די געז. „נותן לחם" צו ארגאניזירען זומער-קאלאניעס פאר די ארעמע קינדער.

דעם 27 מאי 1933 איז אבגעקויפט געווארען א פלאץ אין קאלי, נעבען „אוזדראוויסקא", פון 2680 קוואדראט-מעטער מיט א ווילע, געביידעס און א קליין וועלדעל. נאכ׳ן אדורכפירען דעם געהעריגען רעמאנט און איינקויפען דעם נויטיגען אינווענטאר, זענען אין חודש יוני 1933 ארגאניזירט געווארען די ערשטע זומער-קאלאניעס פאר הונדערט קינדער, (יונגלעך און מיידלעך). אויף דער קאלאניע פארברענגען די קינדער א חודש צייט, געניסען פון פרישער לופט אונטער א דאקטורישער און דערציהערישער אויפזיכט און באקומען גוטע באקעסטיגונג.

## אמבולאטאריום.

אין דעצעמבער 1934 איז דורך דער געז. „נותן לחם" דערעפענט געווארען אן אמבולאטאריום, אויף ניי-זארושעווסקי 10, וואו די חולאים באקומען ביליגע דאקטורישע הילף אויפ׳ן אַרט, ווי אויך ביליגע מעדיצינען. ס׳ווערען ארויסגעשיקט דאקטוירים אין דרינגענדיגע פאלען צו חולאים איף דער שטאט.

זייט דער דערעפנונג פון אמבולאטאריום ביז 31 דעצעמבער 1936 איז דערטיילט געוואָרען 4,346 מענטשען הילף אויפ׳ן אָרט, 183 וויזיטען אין דער שטאט, 378 ליכט-באשטראלונגען, 478 איינשפריצונגען און 162 אנאליזען.

## פארוואלטונג:


אברהם רובין


ד״ר י. פינקעל
לייטער פון אמבולאט.


צאן ד״ר ס. דרייהארן
ערשטער פרעזעס


פ־אוו. מ. באלבערישסקי
פרעזעס


וו. קאנסול מאקס קאן
וו. פרעזעס


יוליוס לעווענשטיין

# מלביש ערומים

אין 29 אויגוסט 1912 איז דורכ'ן פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר לעגאַליזירט געוואָרן די „געז. צו העלפען אָרעמע יודישע קינדער: מלביש ערומים".

אויף דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג איז פלוצלינג אָנגעקומען פּאָליציי מיט אַ באַפעהל צוריקצוציהען די לעגאַליזאַציע, מחמת די אונטערגעשריבענע גרינדער אויפ'ן סטאַטוט זענען נאָך מינדיאָריגע. ערשט קוים ס'האָבען זיך געפונען אַ פּאָר חשובע מענטשען, וועלכע האָבען גענומען אויף זיך די אחריות פאַר די פירונג פון דער „געז. מלביש ערומים" — און די גרינדונג־פאַרזאַמלונג איז צושטאַנד געקומען.

די ערשטע פאַרוואַלטונג אין באַשטאַנען פון די ה'ה: י. מ. אַלפּערן — פּרעזעס, מ. ח. רומקאָווסקי — וויצע, יהושע שטיינבערג — סעקרעטאַר, הלל מינקינאָוו, מאַקס ראָזענטאַל, מאַנדעלבוים, ב. דערעש, לייזער לעשטשינסקי, יצחק שווידערסקי, עליאַש קרעל.

די ערשטע צייט איז אַדורכגעפירט געוואָרען אַ סחורות־זאַמעל־אַקציע, צווישען אַ טייל פון די היגע פירמען. אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז פאָרגעקומען די ערשטע עפענטלעכע באַקליידונג פון „מלביש ערומים" פאַר 100 אָרעמע יודישע יונגלעך, פון 7 ביז 12 יאָר. מחמת די קינדער האָבען זיך רעקרוטירט פון דעם אָרעמסטען עלעמענט, זענען זיי צוערשט אָפּגעוואַשען געוואָרען אין באָד אריין, ווי אויך געשוירען געוואָרען, דערנאָך זענען די יונגלעך באַקליידט און באַשיקט געוואָרען אין נייע זאַכען. אַזעלכע באַקליידונג־פייערונגען האָט „מלביש ערומים" אין די ווייטעריגע



יהושע שטיינבערג
ערען־פּרעזעס



ברוך דערעש
מיטגרינדער



ש. מ. ענגלאַרד



ר. גינזבערג
וויצע



י. רייטבערגער
פּרעזעס



א. רובין
וויצע



א. סענדער
סעקרעטאַר



י. בערנהיים
פּרעז. — פ. געריכט

יאָרען אַדורכגעפירט עטלעכע מאָל אין יעדען יאָר צו 100 יונגלעך אַ פּאַרטיע.

„מלביש ערומים" האָט איינגעאָרדענט חוץ די סחורות זאַמעל־אַקציעס אויך פון צייט צו צייט קינאָ און טעאַטער־פאָרשטעלונגען, בכדי צו שאַפען די נויטיגע געלט־פאָנדען אויף די באַקליידונגען.

נאָכ'ן אויסברעכן פון דער וועלט־מלחמה האָט „מלביש ערומים" אַדורכגעפירט פאַר די קאַלישער געליטענע גרעסערע הילף־אַקציעס, פאַרטיילענדיג פאַר די רואינירטע מענטשען פון דער דייטשער קאַלישער באָמבאַרדירונג מלבושים און קליידער. אַ סך הונדערטער פאַמיליעס האָבען דעמאָלט גענאָסען פון די „מלביש ערומים" הילף־אַקציעס.

אין די מלחמה־יאָרען איז בײַ „מלביש ערומים" געווען טעטיג אַ לעבענסמיטעל „קאָאָפּעראַטיוו", וועלכער האָט חוץ ביליגע פּראָדוקטען אויך פאַרטיילט ביליג ברויט און חלות אויף שבת — וועלכע זענען דעמאָלט געווען בעת דער היגער דייטשער אָקופּאַציע זייער שווער צו באַקומען.

אין דער מלחמה־צייט האָט „מלביש ערומים" אַדורכגעפירט כמעט אַלע דריי חדשים פאַר 100 אָרעמע יונגלעך באַקליידונגען.

אין 1928 איז דערעפענט געוואָרען בײַ „מלביש ערומים" אַ בית־התפלה, וואו ס'ווערט זייט דעמאָלט אַ גאַנץ יאָר געדאַווענט.

דעם 14 דעצעמבער 1933 איז לעגאַליזירט געוואָרען דער נייער סטאַטוט פון דעם „פאַראיין צו העלפען יודישע אָרעמלייט, יתומים און קינדער: מלביש ערומים".

„מלביש ערומים" פירט לויט זיין אַלטער טראַדיציע אַדורך צוויי מאָל אין יאָר באַקליידונגען צו 250 אַ פּאַרטיע (יונגלעך מיידלעך און עלטערע מענטשען).

זייט 1934 פונקציאָנירט בײַ'ם פאַראיין „מלביש ערומים" אַנ'אַמבולאַטאָריום פאַר קומענדיגע קראַנקע, ווי אויך ווערען אַרויס־געשיקט דאָקטוירים צו חולאים אין די שטובען אריין.

אין 1936 האט דער אַמבולאַטאָריום אַרויסגעגעבן דאָקטוי־רישע הילף — 3298 און אַנאַליזען — 956 קראַנקע.

יורידישע הילף איז דערטיילט געוואָרען — 98 מיטגלידער.

דער פאַראיין „מלביש ערומים" ציילט ביז 450 מיטגלידער.

# סאָציאַלע הילף

דאָ ווערט באַהאַנדעלט:

ה. און מ. קאָנשטאַט׳ס ,,מושב זקנים״

חברה מחסה לזקנים

עזרת אלמים

העלענוווּעק

לאָדזשער יור. געז. שוץ איבער יתומים

א) יתומים הויז

ב) ראָזאַלינאַ

געז. שוץ איבער יתומים און קינדער פון רעזערוויסטען

תלמוד תורה א. נ. הה׳ג אלי׳ חיים מייזעל

תלמוד תורה: שומרי הדת

געז. תלמוד תורה

געז. צו פאַרשפרייטען בילדונג און טעכניש וויסען צווישען די יודען אין לאָדזש

מחזיקי הדת

תומכי תמימים (ישיבת חב״ד)

# סאציאַלע-הילף

## חברה מחסה לזקנים

### ה. און מ. קאָנשטאַט׳ס „מושב זקנים"

די גרינדונג-זיצונג פון היגען מושב-זקנים איז פאָרגעקומען דעם 23 יוני 1892.

אין דער זיצונג האָבען זיך באַטייליגט: הערמאַן קאָנשטאַט פרעזעס) און ישראל קלמן פאָזנאַנסקי, ישעיה ראָזענבלאַט, אדאָלף דאָבראָניצקי, סאַלאָמאָן באַרטשינסקי, מאַקסימיליאַן גאָלדפעדער, איזאַק הערץ, נאַטאַן קאָפעל, זיגמונט ליכטענפעלד, יאַקוב זאַקס, אַרנאָלד שטילער.

די ערשטע זיצונג האָט זיך פאַרנומען מיטן פאָרמעלען פאָר-לייענען דעם סטאַטוט, וואָס איז באַשטעטיגט געוואָרען דורכן דעמאָל-טיגען רוסישען אינערן-מיניסטער און כדי צוטרעטען צו פראַקטישער אַרבעט, האָט די פאַרוואַלטונג באַשלאָסען אָנצונעמען די ערשטע 17 זקנים און זקנות.

די אויסשליסלעכע באַזיצער (דאָס הויז אויף פּאָמאַרסקע 54 האָט קאָנשטאַט אַליין געקויפט), פירער און אויסהאַלטער פון מושב-זקנים זענען געווען הערמאַן קאָנשטאַט און זיין פרוי מינא; די איבריגע זענען געווען זייערע פרייוויליגע מיטהעלפער.

בעת הערמאַן קאָנשטאַט׳ס לעבען האָט דאָס מושב-זקנים דורכגעמאַכט די ערשטע סטאַדיע פון אַנטוויקלונג, אונטער דער אַפּיטרופּסות און אויסשליסלעכער אויסהאַלטונג פון די אייזעלע גרינדער. דאָס איז געווען אַ צייט פון פעסט-איינגעשטעלטער נאָרמאַלער אַרבעט, געשטיצט אויף דער קעשענע פון אַ יחיד.

לויט זיין צוואה האָט הערמאַן קאָנשטאַט איבערגעלאָזט זיין גאַנץ פאַרמעגען פון 2 מיליאָן רובל אויף וואוילטעטיגע אינסטי-טוציעס. האָט אויך פאַרשריבען, אַז פון די צינזען פון זיין פאַר-מעגען זאָל געבויט ווערען, אַ גרויס שפּיטאָל פאַר יודישע קינדער און שאַפען יודישע שולען. דאָס שפּיטאָל איז אויסגעבויט געוואָרען אין ראַדאָגאָשטש.

אַ ספּעציעלען לעגאַט פון 30.000 רובל האָט ער באַשטימט פאַרן זקנים-הויז, וואָס זאָל אויסגעהאַלטען ווערען פון פּראָצענט פון דער סומע 15000 רובל יערלעך.

מעגלעך, אַז הערמאַן קאָנשטאַט האָט געחלומט צו פאַרוואַנד-לען די אינסטיטוציע פאַר זקנים-פאַרזאָרגונג אין לאָדזש, אין אַ גרויסער היים פאַר אַלטע. די צייט האָט אָבער געטוען איר צו-שטערונג-אַרבעט. ווייל, שוין אונטער דער פירונג פון מינא קאָנשטאַט האָט דאָס זקנים-הויז אָנגעהויבען צו ליידען פון מאַ-טעריעלער דחקות. דער בלוטיגער קריג, האָט צושטערט א גרויסען טייל איינריכטונגען פון זקנים-הויז און געווירקט צו דער פאַר-קלענערונג פון די צאָל בעטען, ווי אויך די פאַרזאָרגונג פון די אַלטע לייט האָט נישט וויינ‍יג געליטען.

דער טויט פון מינא קאָנשטאַט, איז געווען אַ שטאַרקער



הערמאַן קאָנשטאַט



מינא קאָנשטאַט

קלאַפּ פאַרן מושב-זקנים. דאָס איז אַ דאַטום, מיט וועלכען עס ווערט אָבגעשלאָסען די ערשטע תקופה פון מושב-זקנים, וואָס איז שפּעטער דורכגעגאַנגען פאַרשידענע גלגולים, ביז עס איז דערפירט געוואָרען צו זיין איצטיגער מדרגה.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט באַ אַ גרופּע מענטשען פון אונזער שטאָט, דערוועקט זיך דער געדאַנק: צו שאַפען אַ נייעם מושב-זקנים, כדי צוגעבען הילף די עלטערע אָבגעקומענע יודישע סוחרים און בעלי-מלאכות. ווייל, ס׳איז געווען לייכט צו באַמער-קען ווי יודען, וואָס זענען פאַרן קריג געווען גרויסע בעלי-פרנסה, געפירט געשעפטען און געגעבען ברייטע נדבות, האָט זיי די מלחמה דערפירט צו ליידען הונגער און נויט.

דאָס האָט באַוואויגען די ה"ה: ב. ב. גליקסמאַן, מ. פרעכנער און הענריק ווינאַוועך, צונויפצו-רופען די ערשטע זיצונג, מיט׳ן צוועק צו אָרגאַניזירען אַנ׳אינסטי-טוציע פאַר זקנים-פאַרזאָרגונג אין לאָדזש.

דאָס נייע זקנים-הויז, וואָס איז שפּעטער געגרינדעט גע-וואָרען, דורך דער איניציאַטיוו, פון די ה"ה ב. ב. גליקסמאַן, הענריק ווינאַוועך און מענדעל פרעכנער האָט באַקומען דעם נאָמען: „בית מחסה לזקנים" — צו אים האָבען געהערט 200 מיטגלידער און עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אַ קאַפּיטאַל פון 17000 דייט-שע מאַרק. אָבער, די פּאַקטישע טעטיגקייט לטובת די זקנים האָט נישט געקאָנט אָנגעפירט ווערען, מחמת מאַנגעל אין אַ הויז און נויטיגען אינווענטאַר, דעריבער האָט דער גאַנצער פּלאַן נישט געקאָנט רעאַליזירט ווערען.

ס׳איז געשאַפען געוואָרען אַזאַ משונה׳דיגע לאַגע, אַז צוויי קרובה׳שע אינסטיטוציעס: קאָנשטאַט׳ס „מושב-זקנים״ און דאָס „בית מחסה לזקנים״ האָבען זיך געראַנגעלט; דאָס „מושב-זקנים״ האָט געזונקען, וועגעטירט, און דאָס „בית מחסה לזקנים״ האָט נישט געקאָנט געשאַפען ווערען.

די נויט האָט אָבער נישט געלאָזט רוהען די איניציאַטאָרען פון דער באַנייטער זקנים-אינסטיטוציע. די גרויסע אָרעמקייט האָט געמאָנט אַ לעזונג, דער געשאַפענער מצב פון ביידע אינסטיטוציעס האָט געבראַכט דערצו, אַז די גרינדער פון נייעם „בית מחסה לזקנים״, צוזאַמען מיט׳ן לייטער פון „מושב-זקנים״ און אַ ריי חשוב׳ע בירגער פון לאָדזש, האָבען באַשלאָסען צונויפצוגיסען ביידע געזעלשאַפטען און אַזוי-אַרום אַריינגעבען אַ נייעם רוח-חיים דער היגער יודישער אינסטיטוציע פאַר זקנים-פאַרזאָרגונג.

## חברה מחסה לזקנים

דעם 1 יאַנואַר 1919 זענען פאַראייניגט געוואָרען די ביידע אינסטיטוציעס דאָס „מושב-זקנים״ און „בית מחסה לזקנים״ אין איין גרויסע קערפערשאַפט, און געקריגען דעם אַלגעמיינעם נאָמען חברה „מחסה לזקנים״.

די נייע געזעלשאַפט „מחסה לזקנים״ איז באַלד צוגעטרעטען צו פּראַקטישער טעטיגקייט. ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרען אַ צייטווייליגע פאַרוואַלטונג פון דער פעראייניגטער אינסטיטוציע.

צו דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון חברה „מחסה-לזקנים״ אין לאָדזש, האָבען געהערט די פרויען: סטאַניסלאַווא דאָבראַניצקאַ, באַלבינא פאָזנאַנסקא, בערטא נאַטאַנבלוט, די ה״ה: ד״ר ע. קראַקאָווסקי, העבריק ווייס, יאַקוב בראַמס, אַלעקסאַנדער בראַמס, א. דאנציגער, נ. נאָוואַר, פ. שיפער, ב. ב. גליקסמאַן, יאָסל גראַווע, מענדעל פרעכנער, אהרן לובראַניצקי, ווילהעלם רייכער, א. שלעסער, מ. שמולעוויטש, ה. ל. גרינשפאַן, יודעל גראָמאַן, וו. ראָזענבערג.

אין יאָר 1922, נאָכ׳ן באַשטעטיגען דעם סטאַטוט, איז געוויילט געוואָרען די ערשטע קאַדענץ-פאַרוואַלטונג. זייט דעמאָלט ווערט יעדעס יאָר געוויילט אַ נייע פאַרוואַלטונג, פון „חברה מחסה לזקנים״.

אַ גענוי אויספירלעך בילד פון דער אַלגעמיינער טעטיגקייט פון „חברה מחסה לזקנים״, וועט קאָנען געגעבען ווערען דורך סטאַטיסטישע ציפערען, זייט דער באַנייאונג פון דער אינסטיטוציע ביז׳ן היינטיגען טאָג.

דעם 1 יאַנואַר 1919 האָט די „חברה מחסה לזקנים״ געציילט 22 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1920—41 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1921—43 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1922—45 פענסיאָנערען; דעם 1 יאנואַר 1923—47 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1924—56 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1925—67 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1926—69 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1927—70 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1928—81 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1929—140 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1930 — 157 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1931 — 157 פענסיאָנערען; דעם 1 יאַנואַר 1932 — 162 פענסיאָנערען.

די אָנגעגעבענע ציפערען נויטיגען זיך נישט אין אויפקלערונגען. מ׳זעהט, אַז מיט יעדען יאָר שטייגט די צאָל פון די זקנים און זקנות, און עס ווערט פאַרגרעסערט דער קרייז פון די איבערגעגעבענע מענטשען, וועלכע ווידמען זיך דער וויכטיגער אויפגאַבע כדי צו פאַרלייכטערען דעם גורל פון די אָרעמע און בכבוד׳ע אַלטע יודען און יודענעס.

עס איז כדאי צוצוגעבען, אַז דער יונגסטער פון די מענער, וואָס ווערען אויפגעהאַלטען אין דער אינסטיטוציע, איז אַלט 65 יאָר, די יונגסטע פון די פרויען—55 יאָר; דער עלטסטער פון די מענער איז אַלט 105 יאָר, די עלטסטע פון די פרויען—90 יאָר.

די „חברה מחסה לזקנים״ איז אין משך פון איר עקזיסטענץ באַרייכערט געוואָרען נישט בלויז מיט פענסיאָנערען. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער כסדר׳דיגער וואוקס פון דער צאָל זקנים האָט געפאָדערט די אונבעדינגטע פאַרגרעסערונג פון די לאָקאַלען און דאָס צופאַסען די איינריכטונגען צו די באַדערפענישען. אין משך פון דער צייט איז אויסגעבויט געוואָרען דער דריטער שטאָק פון אַלטען בנין אויף פאָמאָרסקא 54. דורך דער אינוועסטיציע איז מעגלעך געווען אַריינצונעמען נייע 22 פענסיאָנערען.

ספעציעל איז אַוועקגעגעבען געוואָרען זייער פיל ענערגיע און אָנשטרענגונגען אין די לעצטע יאָרען, און עס איז רעאַליזירט געוואָרען דער פּלאַן פון פאַרברייטערן די אינסטיטוציע דורכ׳ן אויסבויען דעם נייעם פרעכטיגען 4 שטאָקיגען פאַווילאָן וואָס נעמט אַריין פרישע 100 זקנים און זקנות.

די נייע געביידע פון „חברה מחסה לזקנים״, איז דער לעצטער אויסדרוק פון דער מאָדערנסטער בוי-טעכניק, מיט צענטראַל-בעהייצונג, איינריכטונגען און באַקוועמלעכקייטען, וואָס פאָדערען זיך פאַר אַזאַ בנין. די שיינע געביידע, וואָס איז אגב, פון לויטער אייזען און בעטאָן האָט געקאָסט דער פאַרוואַלטונג 250.000 גילדען, זי האָט דערויף באַקומען אַ רעגירונגהלואה פון 68000 גילדען.

די רעשט סומע איז צונויפגעשטעלט געוואָרען דורך דער איבערגעבענקייט פון עטלעכע פאַרוואַלטונג-מיטגלידער און באַזונדערס דורך דעם זייער חשוב׳ען פרעזעס ב. ב. גליקסמאַן, וועלכער האָט דורך זיין אָנזעהען אין דער לאָדזשער געזעלשאַפט באַוואוינגען די רייכע יודען צו געבען געלט פאַר דעם איידעלען צוועק.

## דאָס לעבען פון די זקנים און זקנות.

דער בודזשעט פון „חברה מחסה לזקנים״ באַטרעפט פון 15 ביז 18 טויזענט גילדען חודש׳לעך. דאָ ווערען די זקנים און זקנות פאַרזאָרגט מיט פולע אויסהאַלטונג, וועש, בעטגעוואַנט, טיילווייז אויך באַקליידונג.

אויך די גייסטיגע הצטרכות׳ן ווערען נישט פאַרנאַכלעסיגט, די זקנים האָבען זיך זייער שוהל, אַן אייגענעם בית-המדרש, אַ תלמודישע ביבליאָטעק, יעדען טאָג פרישע צייטונגען, זומער אויך אַ גאָרטען וואו די פענסיאָנערען קאָנען פאַרברענגען אויף פרישע לופט.

די אַלטע יודען זיצען אַ גאַנצען טאָג אין בית-המדרש, זאָגען תהלים, לערנען, לייענען, דערציילען זיך מעשות; די זקנות ווידער אין די שייטלען און אין די טשעפּיקעס קומען זיך צונויף אין די שטיבען גרופענווייז שמועסען, דערציילען זיך וועגען די פאַרגאַנגענע צייטען, די יונגערע פון די יודענעס העלפען טיילווייז צו אין דערווירטשאַפט, צוליב צייט-פאַרטרייב.

דאָס זקנים-הויז איז נישט קיין אָבגעגרעניצטע היים פאַר די אַלטע לייט. זיי האָבען די מעגליכקייט צוגייען און צוקומען וואוהין זיי ווילען נאָר. זיי שטייען אין באַרירונג מיט זייערע קרובים, פריינט און באַקאַנטע אין שטאָט, צו וועלכע זיי האָבען די מעגלעכקייט צוגייען און אויך די קרובים האָבען די מעגלעכקייט צוקומען צו זיי 3 מאָל אין וואָך.

די זקנים און זקנות וואוינען אין זייער-ריינע גרויסע שטובען

מיט פולע איינריכטונגען, עלעקטריש ליכט, אפילו מיט בלומענ-טעפ עס איז פשוט אַ נחת צוזעהען, ווי אַזוי די אַלטע מענטשען פאַרברענגען אין זייערע באַקוועמע היימען און לעבען אַ זאָרגלאָז לעבען, אויסגעפולט מיט ברכות און תפילות.

פאראן אין זקנים-הויז העכער צוויי צענדליג אַלטע טאָר-פעלקער, וואָס האָבען אויפגעגעבען זייערע פריוואַטע היימען און זענען אַריבער מיט זייער לעצטען „האָב און גוטס" אין זקנים הויז אַריין, וואו זיי פיהלען זיך איבערגליקלעך.

דער סדר פונ'ם טאָג אין דער אינסטיטוציע איז:

7 פרי וועקט מען די זקנים און זקנות דורך אַ גלאָק סיג-נאַל. נאָכ'ן אָפוואַשען זיך קומען זיי אין עס-זאַל אַריין טרינקען טיי. דערנאָך שטעלען זיך די מענער דאַווענען. פאַר 9 איז פרי-שטיק. נאָכ'ן אָנבייסען גייען די זקנים זאָגען תהילים לערנען, שמועסען, די זקנות זענען דעמאָלט אויך פריי, קומען זיך צונויף פלוידערען. 1 אַ זייגער איז מיטאָג. אַלע קומען זיך ווידער צוזאַ-מען אין עס-זאַל און עסען דאָס געשמאַקע מאָלצייט. 7 אַ זייגער איז אָוועגט-ברויט: שפעטער צוויי פרייע שעה'ן און 9 אַ זייגער לייגען זיך די זקנים און זקנות אויסרוען אויף איבער נאַכט.

די אַלגעמיינע היגיענע אונטערליגט דער השגחה פון דאָק-טאָר פריד באַ דער הויפט-מיטווירקונג פון אַ גוט-אָרגאַניזירטען דאַמען-קאָמיטעט, וועלכער איז אַ גרויסער צושטייער צו דער שווערער אָבער אָנגעלעגטער אַרבעט לטובת דער מוסטערהאַפטער אַנשטאַלט.

די ערשטע יאָרען האָט די חברה געהאַט הכנסות בלויז

# פאַרוואַלטונג:


ה. ווייס


ב. ב. גליקסמאן


זיגפריד לאנדוי


קלמן לעווענטאן


נטע הערשענבערג


יוסף זשורקאָווסקי


יעקב כהן


שלמה טאַבאַלסקי


יודעל גראַמאן


שלמה וואָלף קאַן


שלמה האָלצמאַן


מרדכי יוזעפאָוויטש


האָכענבערג ש,


לאַנדאָ י.

פון מיטגליד-ביטראַג און שפענדען. אין די לעצטע יאָרען האָלט אויס דער מאַגיסטראַט 20 בעטלעך יערלעך, וואוּאהין ער שיקט כסדר זיינע פענסיאָנערען פון דער קהלה באַקומט די אינסטיטוציע אַ סובסידיע 5.500 גילדען יערלעך.

געוויס זענען די הכנסות צו קארג, כדי אַזאַ גרויסער אַפּאַ-ראַט זאָל קאָנען פונקציאָנירען רעגעלמעסיג. איז אָבער אַ גליק, וואָס דער „עמוד הימיני און פטיש החזק" פון די פינאַנסען פון דער אינסטיטוציע, איז, ווי שוין באַוויסט, דער חשובער פרעזעס ה' ב. ב. גליקסמאַן, באַ דער זאָרגפולער מיטהילף פון דער גאַנצער פאַרוואלטונג.

היינט ציילט די „חברה מחסה לזקנים" 1500 מיטגלידער, וועלכע צאָלען זייער שוואַך, פונדעסטוועגען באַטרעפט פון זיי די חודש'לעכע איינקונפט פון 1500 ביז 2000 גילדען.

אין דעם לעצטען יאָר איז אויפגעשמעלט און פארענדיגט

געוואָרען די נייע דריישטאָקיגע לינקע אָפיצינע, וואס וועט אריינ-נעמען ביז 50 פענסיאָנערען. דער 1 און 2 שטאָק זענען וואָינשטו-בען און דער גאנצער דריטער שטאָק איז באשטימט פאר קראנקע, מיט ספעציעלע שטובען פאר ד' פלעגערענס.

אין די קעלערס פון דעם נייעם בנין ווערט איבערגעטראָגען די קיך פון דער געזעלשאפט.

דורך דער צייט זייט די חברה עקזיס-ירט, האָבען שוין אויך דאָ א גאנצע ריי פאָר פעלקער חתונה געהאט, אבער דער גרעסטער טייל זענען דאס געוועָן חונים, וואס על פי דין טאָרען זיי נישט זיין אָהן א ווייב.

הוצדעם זענען פאָרגעקומען פריוואַטע חתונות, וואס די פאמיליע גליקסמאן האט געמאכט אין די זאַלען פון דער חברה, כדי משמח צו זיין די זקנים און זקנות.

היי-יאָר, צום זיבעציג יאָריגען יובל פון פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע און איינער פון אירע מיטבויער, ב. ב. גליקסמאן איז אויף זיין נאמען געעפענט געוואָרען, א גרויסער עס-זאַל פאר פרויען, אין דעם נייעם בנין.

דאס פרעזידיום באשטייט, פון: ב. ב. גליקסמאן — פאָרזיצער, העניק ווייס און זיגפריד לאנדוי — וויצע'ס. אהרן לובראַניעצקי — סעקרעטאָר.

אין דער פאַרוואַלטונג: מיכאל פלאַטוי, יוסף זשורקאָווסקי, שלמה האָלצמאַן, יודעל גראָמאַן, נטע הערשענבערג, מרדכי יוזעפאָוויטש, שלמה וואָלף קאָן, בנימין קראָנמאַן, יעקב כהן, קלמן לעווענטאַן, בערטא נאַטאָנבלוט, אברהם איטשע סאַלאָמאָ-נאָוויטש, און שלמה טאבאלסקי.

קאַנדידאַטען: ווילהעלם רייכער, שמואל האָכענבערג, אדוו. ל. רובין, יעקב לאנדוי און נחום מזאה. רעווידיר - קאָמיסיע: א. באָרענ-שטיין, וו. האלבערשטאַט, און ה. ווינאווער, קאַנדידאַטן: א. דאנציגער און ש. פיזשיצקי.

אין דאַמען-קאָמיטעט, וואָס ארבעט זייער פיל פאר דער אינסטיטוציע „חברה מחסה לזקנים” זענען פארטרעטען, די פרויען: גליקסמאַן, בושאַזאַ, כאַנאַכאָוויטש, ציטראָן, פלאַטוי, רביצין פרידעל, פרענקעל, גראָמאַן, יוזעפאָוויטש, יאַסקאָוויטש, קאָן, קאַנטאָראָוויטש, ליפשיץ, נאַטאָנבלוט, סאַלאָמאָנאָוויטש, וויינמאַן, ווייסמאַן, ווארטסקא, וארזשעווסקא, זילבערשאַץ, גוטערמאַן.

מ'טאָר נישט פארגעסען, צו דערמאָנען די איידעלע טאַט פון די היגע יודישע פליישער, פישער, געמיזע און פרוכטען-הענדלער, וועלכע גיבען מיט א ברייטער האַנט אומזיסט זייערע פראָדוקטען פאר דער קיך פון „חברה מחסה לזקנים”.

---

# עזרת אלמים

„עזרת אלמים” איז געגרינדעט געוואָרען, אין 31 אָקטאָבער 1909, דורך די ה"ה: ב. ל. שטארקמאן, א. י. פשעדעצקי, י. מ. ווייגריטער, י. י. גאלדבערג און מ. וויינשטיין, — די איניציאַטאָרען האָבען זיך געשטעלט פאר אנ'אויפגאבע צו עפענען אַ טויב-שטומע שול פאר אָרעמע קינדער.

1910 ווערט געעפענט די שול, אין לאָקאַל אויף זאוואדזקע 19, בא עטלעכע צוואַנציק שול-קינדער. ווייל, ס'האָבען אויסגעפעלט צו יענער צייט רוטינירטע פעדאגאָגישע קרעפטען, האָט די פארוואלטונג געמוזט אראָב-ברענגען לערער-קרעפטען פון וואַרשע, דעם דירעקטאָר פון דער שול ה' י. ליכטענשטיין און די קריסטען פרוי' מאַסלאָווסקא. די שול-קינדער האָבען גע-קריגען באַשפייזונג און קליידונג. די געזעלשאפט האָט צו יענער צייט גע-ציילט ביז 300 מיטגלידער וועלכע האָבען זיך באשטייערט לטובת דער שול

די טויבשטומע שול האָט געפירט איר נאָרמאַלע ארבעט ביז 1914 און זי האָט שוין געציילט 40 קינדער. מיט'ן אויסברוך פון קריג ווערט די שול געשלאָסען אויף א יאָר צייט, נאָכדעם ווערט זי צוריק געעפענט.

14 אַפּריל 1919 ווערט געעפענט בא דער דערמאָנטער געזעלשאפט, אנ'איגטערנאַט, פאר די טויבשטומע שול-קינדער, אויף 14 בעטלעך, וואו זיי


ש. שוויענטאָסלאווסקי
וויצע


ב. ב. גליקסמאָן
פאָרזיצער


מ. ראָזענבלום
וויצע


ד"ר אלבערט מאזור
פארוו. מיטגליד


ה. גאָלטשמיט
פארוו. מיטגליד


ש. טאבאלסקי
פארוו. מיטגליד


ב. האָכענבערג
פארוו. מיטגליד


ב. ל. שטארקמאן
פארוו. מיטגליד

באקומען די דערציהונג אונטער א ספעציעלער אויפזיכט און פולשטענדיקע אויסהאלטונג. אין משך פון דער צייט האָט זיך איינגעגעבן צו פארגרע־סערן דעם אינטערנאַט אזוי, אז איצטער באזיצט ער שוין ביז 20 בעטלעך פאר טויב־שטומע קינדער.

אין דער טויב־שטומע־שול ווערן די קינדער געלערנט: לייענען, שרייבן, רעדן, ווי אויך רעכענען, גימנאַסטיק, צייכענען, פארשידענע האַנט־ארבעטען און דאווענען. פאר די קינדער פון 13 יאָר אָן באמיט זיך די פאר־וואלטונג צו באזאָרגען זיי אין פארשידענע וואַרשטאטען, כדי די קינדער זאָלען זיך קאָנען אויסלערנען אַמלאכה, צו וואָס זיי זענען נאָר באַרופען און זיי זאָלען נישט פאלען צו לאַסט דער געזעלשאפט.

בּאַ דער חברה עקזיסטירט אַנ׳אייגענע שוהל, אין וועלכער ס׳ווערט כסדר געדאַווענט און די הכנסות וואָס פליסען איין, גייען לטובת דער גע־זעלשאַפט.

צוליב דעם כסדרדיגען אויספעלען פון געלט - מיטלען, כדי אויסצו־האלטען די טויבשטומע־שול און אינטערנאַט, איז די פארוואלטונג פון דער געזעלשאפט „עזרת אלמים״ ארויסגעטרעטען מיט א פעטיציע דעם 16.10 1923, צום אינספעקטאָר פון דער שול־מאכט אויף דער שטאָט לאָדוש און צו דער בילדונג און קולטור־אבטיילונג פון דער שטאָט לאָדוש, — וועגען פאר־מלוכה׳שען די שול אויפ׳ן סמך פון דזש. אוסט. פון דער פוילישער רעפובליק פון 17 פעברואר 1922. אויפ׳ן אויבענדערמאָנטען בריוו האָט די שול - מאכט פון 3 דעצעמבער 1929 אונטער׳ן נומער 320,29 פון דער שטאָט לאָדוש, געגעבן צו וויסען די פארוואלטונג—אז זי אָנערקענט נישט פאר וויכטיג, ס׳זאָלען אויסגעהאלטען ווערען דורך דער מלוכה צוויי שולען פאר טויבשטומע אויפ׳ן שטח פון דער שטאָט לאָדוש, צוליב ריין פינאַנציעלע טעמים,

אַקעגען־זשע איז אין הסכם מיט דער שול־אינספעקציע פראָפאָנירט זי, צו באזאָרגען אונזערע קינדער אין דער עקזיסטירענדיגער עפענטלעכער־שול נר׳ 97, אבער צוליב דעם וואָס דער לייטער פון דער שול איז א גלח, פארשטענדלעך האָט די פארוואלטונג אויף דעם פאָרשלאג נישט געקאָנט איינגייען.

אויפ׳ן רעקורס, קעגען דעם פאָרשלאַג פון דער שול־מאכט, האָט די פארוואלטונג באקומען אַ תשובה פון לאָדזשער קריי׳ז־שול קוראַטאָריום, פון 9 יולי 1930, אונטער׳ן נומער 17571.30, אז דאָס קוראַטאָריום געפינט נישט איין קיין שום גרונט ארויסצוטרעטען צום מיניסטעריום מיט א פאָר־שלאָג, וועגען פאַרמלוכה׳שען די טויב־שטומע־שול וועלכע ווערט אויסגע־האלטען דורך דער געזעלשאפט פאר קינדער פון יודישען גלויבען.

היי־יאָר, צום 70־יאָריגען יובל פון פאָרזיצער ב. ב. גליקסמאַן, וועלכער האָט גרויסע פאַרדינסטען פאַר דער אינסטיטוציע, א׳ז געשאַפען גע־וואָרען אַ ביבליאָטעק אויף זיין נאָמען, פאַר די טויב־שטומע קינדער.

די הכנסות שטעלען זיך צונויף פון מיטגליד־אָבצאָל, שפענדען און פארשידענע פארוויילונגען, וואָס ווערען פון צייט צו צייט איינגעאָרדענט, חוצדעם באקומט די אינסטיטוציע סובסידיעס פון היגען מאגיסטראט 2 טויזענט גילדען און פון דער יודישער קהלה טויזענט גילדען יערלעך. דאָס אויסהאל־טען פון אינטערנאט און דער טויבשטומע־שול באטרעפט ביז 40 טויזענט גילדען יערלעך.

דער צוזאמענשטעל פון דער איצט׳יגער טעט׳יגער פארוואלטינג: פרע־זעס — ב. ב. גליקסמאן, וויצע־פרעזעסען — ש. שוויענטאָסלאַווסקי און מ. ראָזענבלום. אין דער פארוואלטונג: בנימין לייב שטאַרקמאַן, א. גאָלדמאַן, ה. גאָלטשמיט, ה. ווייס, ש. טאָבאָלסקי, ש. יאקובאָוויטש, ל. סאַלאָמאָנטשיק, ב. האָכענבערג, ד״ר אַלבערט מאַזור.

# העלענוּווּעק

די אַנטשטייהונג פון העלענוּוועק איז אייגענטלעך ענג פארבונדען מיט׳ן אמאָליגען „יתומים הויז״ פאָמאָרסקע 91. אין די שפעטעריגע יאָרען איז די פערמע אַדורכגעגאנגען, פארשי־דענע עטאַפען און גלגולים, ביז זי איז דערפירט געוואָרען צו דער איצטיגער מדרגה.

אזוי איז געווען דער אָנהייב.

אין נאָוועמבער 1923, האָט ה׳ זעליג גאָמאָלינסקי געשאָנ־קען צוויי פלעצער אין דער געגענט פון העלענוּוועק, פאַר׳ן אויבענרערמאָנטען יתומים הויז, מיט׳ן באַדינג, אז אין משך פון 3 יאָר מוז דערויף אויפגעשטעלט ווערען א געביידע.

דאָס האָט באוואָיגען צונויפצורופען א זיצונג און אָנצו־נעמען א באשלוס מכח דעם ענין. אין דער זיצונג האָבען אָנטייל גענומען: פ. גערשאָווסקי, ל. איצעקסאָן, מ. ח. רומקאָווסקי, ש. רייכמאן, י. איזראָעליט. ל. אוריסאָן און ל. ליפשיץ. גלייכצייטיג איז אדורכגעפירט געוואָרען צווישען די אויבענדערמאָנטע הער׳ן א באַשטייערונג און ס׳איז צונויפגעשטעלט געוואָרען א סומע פון 600 דאָלאַר— מיט דעם געלט, ווי אויך מיט׳ן רעזערוו־קאַפיטאָל וואָס איז געלעגען אין דער קאסע, איז מען דערנאָך צוגעטרעטען קויפען דאָס ערשטע הייזעל, וואָס איז געשטאנען הארט נעבען די געשאָנקענע פלעצער.

אין פורים 1924 איז דאָס הייזעל געקויפט געוואָרען פאר 1600 דאָלאַר.

אזוי ווי ס׳איז נישט געווען צו באצאָלען דאָס גאנצע געלט פאר׳ן געקויפטען הייזעל, האָט ארויסגעבאָרגט צו דעם צוועק, דער פארוואלטונג־מיטגליד לייב אוריסאָן 800 דאָלאַר.

דעם ערשטען זומער זענען ארויסגעשיקט געוואָרען אויפ׳ן דאָרף אנ׳ערך 70 קינדער, וועלכע זענען דאָרט פארבליבען וואָינען און האָבען באקומען דאָ זייער גאנצען אויסהאַלט.

מיטאָמאָל איז אַנטשטאַנען א געדאנק, אז אויף דעם באָדען זאָל געבילדעט ווערען אנ׳אינטערנאַט און פערמע פאר יודישע קינדער, וואו זיי זאָלען זיך דערלערנען לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעט און דערצויגען ווערען אויף דער פרייער נאַטור. די איני־ציאַטאָרען דערפון מיט ה׳ מ. ח. רומקאָווסקי בראש, האָבען אָבער אַנגעטראָפען אויף שטארקע קעגנער. עטלעכע האָבען מסכים געווען צו זייער פראָיעקט, לסוף איז פאָרבליבען: אז די קינדער ווערען נישט צוריקגעשיקט אין שטאָט אריין און זיי האָבען שוין איבערגעווינטערט אין דאָרף.

אין נאָוועמבער 1923 איז געשטאָרבען דער פאָרזיצער פון לאָדזשער שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט, יוסף אוריסאָן ז״ל און בא א גרופע זיינע נאָענטע חברים איז באשלאָסען געווארען צו פאראייביגען זיין נאָמען, מיט׳ן אויסבויען פון ערשטען הויז „בית יוסף״ אויף דער נחלה. ס׳איז געבילדעט געוואָרען א ספעצ־יעלער קאָמיטעט און צוקאָאָפּטירט געוואָרען צו אים די ה״ה: מ. סאַפיר, י. ד. מאַנדעלצווייג און נאָך אנדערע—וועלכע זענען צוגע־טראָטען דעם פלאַן צו רעאַליזירען.

ארום סוכות 1924 איז פארטיג געוואָרען דער „בית יוסף״, אנ׳איינשטאָקיגער בנין מיט ווערַאנדעס. שפעטער זענען אין דעם הויז איינגעאָרדענט געוואָרען: די שול, שפילזאלען און די וואַרשטאַטען.

אין 1924 יאָר האָט דער היגער גרויסאינדוסטריעלער יצחק אייזיק גראָסלייט געשאָנקען 7 מאָרגעס לאַנד פאַר׳ן אינטערנאַט, אין ווערט פון 3000 דאָלאַר.

אויף דער גענעראַל פאַרזאַמלונג וואָס איז פאָרגעקומען אין 1925 יאָר, האָבען אַ טייל פון די פאַרוואַלטונג - מיטגלידער געפאָדערט, אז מ׳זאָל ענדערען דעם סטאַטוט פון דער אינסטיטוציע, אָנווייזענדיק דערויף אז זי מוז קריגען אן׳אַלגעמיין געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער, וועלכע זאָל טראָגען סאָציאַלע הילף פאר אלע קינדער און נישט בלויז פאר יתומים. ס׳איז צולעצט אָנגענומען געוואָרען, צו ענדערען דעם נאָמען, אויף־אינטערנאַט און פערמע פאר יודישע קינדער: העלענוּוועק.

דעם 7 יולי 1926 האָט געשאָנקען ה׳ זעליג גאָמאָלינסקי 1 פלאַץ, פאַר׳ן אינטערנאַט.

אין 1926 יאָר, צום 25 יאָריגען יובילײ פון זייער חתונה. פייערונג האָט דאָס פּאָרפּאָלק, פנחס און חנה גערשאָווסקי מנדב געווען, א גרויסען דריי שטאָקיגען בנין פאר דער אינסטיטוציע. דאָ געפינען זיך: וואָינונגען פאר 120 קינדער מיט זייערע דערציהער, פּרעבעל-זאַל, אלגעמיינע עסשטוב פאר איבער צווייהונדערט קינדער און א גרויסער זאַל מיט א בינע אויף פאָרוויילונגען און פאָרשטעלונגען.

אין דער אייגענער צייט איז געקויפט געוואָרען דורך די פונדאַטאָרען, פנחס און חנה גערשאָווסקי, א הייזעל פאר׳ן אינטערנאַט פון א פּאַרטער מיט 1 שטאָק און גאָרטען, ספּעציעל פאַר׳ן קליינוואַרג, פון 2 ביז 4 יאָר. איצטער געפינען זיך דאָ 40 קינדער.

דעם 26 נאָוועמבער 1927 זענען געקויפט געוואָרען 3 פּלעצער.

אין 1927 יאָר איז איבערגעבויט געוואָרען דאָס ערשטע הייזעל, וואָס דער אינטערנאַט האָט געהאַט לכתחילה געקויפט און דורך די פונדאַטאָרען פייטעל און לעאָניע לאַנדוי, איז אויפגעשטעלט געוואָען א הויז פון א פּאַרטער מיט 1 שטאָק. דאָ געפינען זיך וואָינונגען פאַר די יונגסטע פערציג קינדער; דער דענטיסטישער קאַבינעט וועלכער איז איינגעאָרדענט געוואָרען דורך דער פרוי העלענע ליפשיץ, און זי פירט אליין אָן מיט׳ן קאַבינעט; דאָ איז אויך די שוה״ צום דאַווענען מיט צוויי ספרי תורה׳ס, אויפ׳ן נאָמען פון די מנדבים, דאָס פאָרפּאָלק פויסט פון פּאַביאַניץ.

אין 1928 יאָר זענען פאָרגעקומען די פייערלעכע חנוכת הבית׳ן פון די הייזער, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרען דורך די פונדאַטאָרען: פנחס און חנה גערשאָווסקי, פייטעל און לעאָניע לאַנדוי און אין דעם טאָג זענען זיי איבערגעגעבען געוואָרען אין רשות פונ׳ם אינטערנאַט צום באַנוצען.

## פּרעזידיום:


ערען-פּאַרזיצער
יצחק אייזיק בראַסלייט


וויצע
שמואל רייכמאַן


פּאַרזיצער
מרדכי חיים רומקאָווסקי


וויצע
לייב אוריסאָן


קוראַטאָר
פנחס גערשאָווסקי


בעל־הבית
פייטעל, י. לאַנדוי


סעקרעטאַר
חנוך פריימאַן


ג. מזאה


י. פיקעלני


קאַסירער
משה סאַפיר


יחיאל פּאָפּאָווסקי


ח. לאַזינסקי


מ. אַ. קאַצענעלבויגען

## פאַרוואַלטונג:


י. איזראַעליט


משה זילבערשטראָם ע"ה


מ. בראַנדשטעטער


א. פּיאַסקאָווסקי


ד. ל. מאַנדעלצווייג


ד. ראַבינאָוויטש


ג. גלאַטער


נ. פּינטשעווסקי


ד. דיאַמענט


שמואל לעוו


מרדכי מארכעוו


זעליג גאָמאָלינסקי

## דאַמען־קאָמיטעט:


מ. פּרושנאָווסקי


ג. וואַסערמאַן


ה. פּיאַסקאָווסקי


ל. לאַנדוי


ר. רייכמאַן


ח. בערשאָווסקי


ע. יאַשונסקי


פּ. פּייערטאַג


ר. טאַוויאָוו


ב. שטילערמאַן

## די דערציהונג פון די קינדער

האָט אָנגעטראָפען אויף אַ ריי שוועריקייטען, די קינדער זענען געווען פון פאַרשידענעם עלטער און האָבען אין שטאָט געלערענט אין פאַרשידענע שולען. זיי האָבען איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון דער שטאָט. ס'האָט געמוזט דויערן א 4–5 יאָר, ביז די עלטערע קינדער האָבען זיך אין אינטערנאַט אויסגעלערענט א מלאכה — מייסטענס שלאָסערײַ און דערנאָך זיי איינגעאָרדענט אין שטאָט.

העלענוווּעק, האָט ערשט מיט 1–2 יאָר צוריק אָנגעהויבען צו ווערען, דער אייגענאַרטיגער אינטערנאַט און די פערמע.

היינט זענען דאָ די קינדער איינהייטלעך אין זייער עלטער און דערציהונג, זיי האָבען א צוגעפּאַסטען טיפּ שול, צוגעפּאַסטע דערציהונג. די עלטערע קינדער וועלכע זענען שוין ארויס פון אינטערנאַט, האָבען זיך אין שטאָט דערשלאָגען צו א „תכלית".

די קינדער אין אינטערנאַט ווערען דערצויגען אין ליבע צו זייער באשעפטיגונג. העלענוּוועק שאַפט ערד-ארבעטער און בעלי-מלאכות. די קינדער גרייטען זיך צו אין לעבען אריין אלס

## פיזישע אַרבעטער מיט אַ געוויסען אינטעלעקטועלען באַגאַזש.

בעת די זומער-ארבעטען גיט העלענוּוועק די מעגלעכקייט פאר א גרופּע חלוצים, אדורכצומאכען זייער הכשרה, און פאר די לעצטע 2 יאָר האָבען גרופּען חלוצים, פאר זייער אָבפאָרען קיין ארץ-ישראל, פארפולקאָמט זייער הכשרה אין העלענוּוועק.

אין העלענוּוועק לערענען זיך די קינדער נישט נאָר אין שול, זיי לערענען זיך לעבען. כמעט אלץ ווערט געטוען דורך די קינדער און די שטרעבונג פון דער פאַרוואַלטונג איז, צו פאַר-ווירקלעכען דעם פרינציפּ פון אַליינאויסהאַלטונג.

די פאַרוואַלטונג פון העלענוּוועק האָט זיך געשטעלט פאר א באַוויסטזיניגען ציל צו דערגרייכען אזא שטופּע, אז די אינס-טיטוציע זאָל פאַרלירען דעם פילאַנטראָפּישען כאַראַקטער און ס'זאָל נאָר איינגעהאַלטען ווערען בלויז איר געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער.

ס'האָט א געוואַלדיגען דערציהערישען באַטייט פאר'ן קינד ווען עס ווייסט, אז ער אליין, לערענענדיג זיך, ארבעט און האַלט אויס זיין אינסטיטוציע. ס'האָט א וויכטיגען ווירטשאַפטלעכען באַ-טייט, ווען עס געלינגט די אינסטיטוציע אַוועקצושטעלען אזוי, אז זי זאָל נישט זיין אָנגעוויזען אויף קיין נדבות און מתנות, נאָר זאָל שאַפען פאר זיך

## הכנסה-מיטלען פון אייגענע קוואלען.

באַ'ם היינטיגען טאָג איז שוין דערפירט אזוי ווייט, אז דאָס ברויט פון די אייגענע פעלדער, וואָס ווערט אראָבגענומען לאַנגט אויף דריי חדשים אין יאָר; פארשידענע גרינסען, געמיזען, פרוכטען א. אַנד. אויף א האַלב יאָר; מילכווארג, האָניג א. אז. וו. אויף א גאַנץ יאָר; עופות א. אַנד. אויף אלע ימים-טובים און פייערונגען.

כדי צו דערפירען די אינסטיטוציע צום צושטאַנד פון אליין אויסהאלטען זיך, דאַרף מען פאר איר שאַפען נאָך א סכום ערד באָדען אויף צו באַארבעטען, כדי צו האָבען גענוג אייגען ברויט און ירקות, אויף א גאַנץ יאָר. אָבער, איינצושאַפען דעם באָדען איז נויטיג געלט.

אָבער, מיט'ן בלויזען עסען איז נאָך נישט אלץ דערליידיגט: ס'איז נאָך געבליבען די פראַגע, פונוואַנען צו נעמען די נויטיגע מיטלען, אויף צו דעקען די אלע זייטיגע הוצאות, (שול, קליידונג, א. א. וו.) דעמאָלט איז אַנטשטאַנען א געדאנק, צו שאַפען אין העלענוּוועק א בלומען-צוכט. יודען זענען גאנץ שטאַרקע פאַר-ברויכער פון פלאַנצונגען און בלומען. העלענוּוועק איז א פּאַסיגע יודישע אינסטיטוציע, וואָס פאַרמאָגט דעם געהעריגען באָדען און מעגלעכקייטען אויף צו מאכען די התחלה, אז די בלומען-צוכט זאָל באַקומען פאַרוועגדונג צווישען די ברייטע יודישע קרייזען און דורכדעם שאַפען א וויכטיגען הכנסה-קוואַל פאר דעם בו-דזשעט און אזוי ארום צו פאַרענדיגען דעם

## פלאַן פון אַליינאויסהאַלטונג.

כדי אויפצובויען די אָראַנזשעריע, מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען, איז נויטיג געווען א גרויסער קאַפּיטאַל, וועלכען ס'איז באַ די היינטיגע שווערע צייטען נישט לייכט צו באַקומען. אָבער, די געזונטע אידיי האָט אויך דאָס מאָל געפונען אנ'אָב-קלאַנג. ס'האָבען אָבגערופען זיך עטלעכע נדבנים, וואָס האָבען פארשטאַנען די פּראַקטישקייט און צוועקמעסיגקייט פונ'ם דעם פּראָיעקט און זיי זענען צוגעטרעטען אויסצובויען די אָראַנזשעריע-געביידע.

## די אָראַנזשעריע א. נ. אברהם און הדסה פּיאַסקאָווסקי.

דעם 19 יוני 1932, איז אין דעם אינטערנאַט און פערמע העלענוּוועק פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון דער האַלב-אָראַנזשעריע, וועלכע איז אויסגעבויט געוואָרען דורכ'ן היגען נדבן, דעם אינדוסטריעלער אברהם און הדסה פּיאַסקאָווסקי.

די האַלב-אָראַנזשעריע באַשטייט פון 3 אָבטיילונגען און ס'וואַקסען דאָרט אין איר: פּאָמידאָרען, געמיזען און בלומען.

די צווייטע האַלב-אָראַנזשעריע, אויך פון 3 אָבטיילונגען ווערט שוין איצט אויסגעפאַרטיגט, דורך אנדערע נדבנים און בקרוב וועט זי איבערגעגעבען ווערען אין רשות פון דעם אינ-טערנאַט. העלענוּוועק הייבט אָן צו פאַרווירקלעכען איר חלום פון אליינאויסהאַלטונג. ווייל, די אָראַנזשעריע דאַרף פון דעם פאַרקויף דעקען א גרויסען טייל פון דעם בודזשעט.

## סך-הכל

העלענוּוועק פאַרנעמט אַ שטח פון 12 און אַ האַלבען מאָרג ערד. האָט אייגענע קוה, פערד און עופות. די האָניג-צוכט באַשטייט פון 12 בינען-שטאָקען. האָט אַנ'אייגענע שלאָסעריי, בעקעריי און אַ שוסטער-וואַרשטאַט, ווי אויך אַנ'אייגענע עלעק-טרישע סטאַציע, וואָס באַלייכט די גאַנצע פערמע.

אין העלענוּוועק ווערען דערצויגען ביז 120 קינדער, וועלכע באַקומען דאָ זייער גאַנצען אויסהאַלט.

## דער בודזשעט

באַטרעפט ביז 100 טויזענט גילדען יערלעך און שטעלט זיך צונויף פון מיטגליד-בייטראַג, שפענדען און לעגאַטען.

דאָס פּרעזידיום באַשטייט, פון: קוראַטאָר — פּנחס גער-שאָווסקי, ערען-פּאָרזיצער — יצחק אייזיק גראָסלייט, פּאָרזיצער — מרדכי חיים רומקאָווסקי, 1 וויצע — לייב אוריסאָן, 2 וויצע — שמואל רייכמאַן, סעקרעטאַר — חנוך פריימאַן, זיין פאַרטרעטער — יחיאל פּאָפּאָווסקי, קאַסירער — משה סאַפּיר, געהילף-קאַסירער — ה. לאָזינסקי, בעל הבית — פּייטעל י. לאַנדוי, קאָנטראָלער — מ. א. קאַצענעלבויגען, ס'געהערען אויך — נ. מזאָה און י. פּיקעלני.

אין דער פאַרוואַלטונג: מ. בראַנדשטעטער, א. פּיאַסקאָווסקי, ד. ראַבינאָוויטש, י. איזראַעליט, י. ד. מאַנדעלצווייג, ג. גלאַטער, א. שפּילקאַ, וו. האַלבערשטאַט, נ. פּינטשעווסקי, און די דאַמען: ח. גערשאָווסקי, ל. לאַנדוי, ה. ליפשיץ, ר. רייכמאַן, ב. שטילערמאַן, ר. טאַוויאָוו און ג. וואַסערמאַן.

קאַנדידאַטען: ד. דיאַמענט, א. שיין, מ. זילבערשטראָם און דאַמען: א. ראָזענטאַל, מ. פּרושינאָווסקי, פּ. פּייערטאַג און ע. יאַשונסקי.

רעווידיר - קאָמיסיע: שמואל לעוו, מרדכי מארכעוו, וו. ראָטקאָפּ, א. שאַפּיראָ און זעליג גאָמאָלינסקי.

# לאָדזשער יודישע געז. שוץ איבער יתומים

## יתומים-הויז.

די „לאָדזשער יודישע געז. שוץ איבער יתומים" האָט אָנגעהויבען איהר הומאַניטאַרע טעטיגקייט אין 1908 יאָר, און האָט געהאַט אונטער איהר השגחה יתומים אויף דער שטאָט. זיי זענען אַוועקגעגעבען געוואָרען צו קרובים אָדער צו פרעמדע מענטשען אויפ'ן חשבון פון דער געזעלשאַפט.

אין דעצעמבער פון דעם יאָר איז צונויפגערופען געוואָרען די גרינדונג-פאַרזאמלונג, אויף וועלכער עס איז אויסגעוויילט געוואָרען די פאַרוואַלטונג, אין דעם צוזאמענשטעל: ד'ר סט. גוטענטאַג—פרעזעס, נ'ע פרוי יהודית פייל—וויצע פרעזעס, פרוי אָפּענהיים—קאַסירער, פרוי ביבערגאַל—סעקרעטאַר. אין דער פאַרוואַלטונג: פרוי פערל און ד'ר טשאַרנאזעיל.

אין קורצען איז אָבער די פאַרוואַלטונג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער אַרבעט-געביט פון דער געזעלשאַפט איז צו קליין, דעריבער איז באַשלאָסען געוואָרען צו פאַרגרעסערן די אַרבעט. אין 1909 יאָר איז געדונגען געוואָרען אַנ'אייגען לאָקאַל אויף טראַמווײ-גאַס 15, וואָס איז באַשטאַנען פון 4 שטובען מיט אַ קוך און באָד-שטוב.

דעם 2 סעפּטעמבער 1909 איז פאָרגעקומען די דערעפענונג פון דעם יתומים-הויז פאַר מיידלעך. אין אָנהייב זענען אָנגענומען געוואָרען 12 מיידלעך, (קיילעכדיגע יתומים) אין עלטער פון 6 ביז 7 יאָר, (ווייל די פאָנדען האָבען נישט דערלויבט אויף מער). צום סוף יאָר איז אין דעם יתומים-הויז שוין געווען 25 מיידלעך. דאָס גאַנצע פערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון 1 ווירטין און קעכין.

דער צוּוואוקס פון קינדער איז אַלץ מער געשטיגען און נישט קאָנענדיג זיי שוין אַריינגעמען צוליב די ענגקייט פון



עליזא קיפער

לאָקאַל, האָט די געזעלשאַפט געשאַפען אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאַט פאַר זיין חוב צו שיצען די האַלב-יתומים, וועלכע זענען נישט אָנגענומען געוואָרען אי'ן אינטערנאַט. גלייכצייטיג האָט דער קאָמיטעט געגעבען די מעגלעכקייט די מיידלעך, אַז זיי זאָלען לערנען אין דער ספּעצ'עלער צו דעם צוועק אויסגעהאַלטענער שול פון פרוי טיקטשינער אויף פאָלודניאָווע גאַס, וואו די קינדער האָבען אויך באַקומען: פרישטיק, מיטאָג, קליידונג, לערער- און דאָקטאָרישער הילף. די געזעלשאַפט האָט אַנטוויקעלט אַזאַ לעבעדיגע טעטיגקייט, אַז נאָך צוויי יאָר צייט, אין 1911 יאָר איז זי צוגעטרעטען פאַרגרעסערן

דאָס לאָקאַל און אָבגעדונגען דעם ערשטען שטאָק – געבענדיג אָרט פאַר 52 יתומים. בעת די גאַנצע טעטיגקייט פון דער געז. איז געווען קאָנצענטרירט אין דעם יתומים-הויז אויף דער טראַמווײ-גאַס 15, איז דורך דעם קאָמיטעט, וועלכער האָט געהאַט אונטער זיין השגחה די האַלב-יתומים אויף דער שטאָט, געשאַפען געוואָרען אַ באַזונדערע זעלבסטשטענדיגע אינסטיטוציע, וועלכע האָט געקריגען דעם נאָמען: „ניעדאָלאַ דזשעטשיענטשאַ".

צום סוף פון 1911 יאָר האָט אַריינגעצויגען אין דעם אייגענעם הויז טראַמווײ-גאַס 15, אויפ'ן דריטען שטאָק, א וואוילטעטיגע אינסטיטוציע, א. נ. „פּושיטולעק דליאַ אָשעראָצאָניך דזשעטשי", אַ היים פאַר פאַריתומטע קינדער, (ביידע געשלעכטער) וועלכע האָט שוין עקזיסטירט פון 1901 יאָר אויף דער שרעדניע גאַס 55, (איצט פּאָמאָרסקע) א. נ. „פּושיטולעק דליאַ ניעמאָוולאָנט", אין וועלכער עס זענען אויסגעהאַלטען געוואָרען 70 קינדער. אין דער שפּיץ פון דער אינסטיטוציע איז געשטאַנען פרוי עליזאַ קיפער.

בעת ס'האָבען אין איין הויז זיך געפונען צוויי קרובהשע געזעלשאַפטען מיט גלייכע צילען און אויפגאַבען, האָט מען אָנגעהויבען באַמיהען זיך די ביידע געזעלשאַפטען צו פאַראייניגען—מצד דעם „יתומים-הויז" איז געווען דער פּרעזעס ד'ר גוטענטאַג און מצד דעם „פּושיטולעק" די דעלעגירטע מיטגלידערין פרוי זאָפיאַ הירשבערג; אגב איז עס דורך דער באַמיהונג פון פרוי זאָפיאַ הירשבערג פאַראייניגט געוואָרען. אין 1912 יאָר איז פאָרגעקומען די פאַראייניגונג פון ביידע געזעלשאַפטען מיט אַ צאָל פון 160 יתומים. ס'איז גלייך געענדערט געוואָרען דער פּונקט פון סטאַטוט בנוגע די צאָל

פאַרוו. מיטגלידער, און וועלכע איז אויך פאַרגרעסערט געוואָרען פון 9 אויף 18 מיטגלידער און 7 קאַנדידאַטען.

דעמאָלט האָבען נ'ע זאָפיאַ און הענריק הירשבערג באַשלאָסען אויסצובויען אויף אייגענע קאָסטען אַ יתומים-הויז, וואָס זאָל בלייבען אונטער דער השגחה פון „לאָדזשער יודישער געזעלשאַפט שוץ איבער יתומים". זיי האָבען געקויפט אַ פּלאַץ וועלכער גרעניצט מיט'ן פּאַרק „העלענאָוו", פאַר דער סומע פון 35 טויזענט רובעל, און אויף דעם פּלאַץ האָבען זיי אויפגעשטעלט אויסשליסלעך מיט זייערע אייגענע קאָסטען, אַ גרויסע געביידע פאַר 250 טויזענט רובעל, וועלכע איז אייגעאָרדענט

לויט דער נייעסטער מאָדערנסטער טעכניק און פאָרשריפטען פון דער היגיענע. און דאָס אונבאַוועגלעכע גוט צוזאַמען מיט'ן פלאַץ איבערגעשריבען אַלס אייגענטום פון דער „לאָדזשער



הענריק הירשבערג

יודישער געזעלשאַפט שוץ איבער יתומים". דורך דעם איז די געז. געוואָרען די באַזיצערין פון איינער פון די שענסטע און גרעסטע יתומים־הייזער אין לאַנד.

דאָס איז איינער פון אַ סך באַווייזען, אַז די טעטיגקייט פון דער געז. האָט דערוואָרבען אין אַ קורצער צייט די סימפּאַטיע און אָנערקענונג פון דער געזעלשאַפט. וועלענדיג באַערן דעם אָנדענק פון די מנדבים, האָט די געז. געוואָלט אויפהענגען געהעריגע אויפשריפטען פאַר זייערע פאַרדינסטען. אָבער די איידעלע נדבנים, נישט וועלענדיג אַז דער טאַט זייערער, וועלכער איז געווען דיקטירט נאָר פון דעם הייסען ווילען צו קומען צו הילף די אומגליקלעכע יתומים, אַז ער זאָל גאָר ווערען אַ מקור פאַר לויב־געזאַנגען — זענען געווען אַזוי ווייט באַשיידען און האָבען דערויף נישט איינגעוויליגט; דערקלערענדיג, אַז פאַר זיי איז די גרעסטע צופרידענשטעלונג די זיכערקייט, אַז פון די יתומים וועלכע זיי האָבען פאַרזיכערט אַ דירה, שוץ און מעגלעכקייט פאַר אַנטוויקלען זיך, וועלען אויסוואַקסען פעהיגע און נוצלעכע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. ערשט אין 1926 יאָר, אין אַ פּאָר יאָר נאָכ'ן טויט פון די מנדבים איז אין פאָדערהויז פון יתומים־הויז (פּאָלנאָצנע 38) איינגעמויערט געוואָרען אַ טאַפעל מיט דער אויפשריפט: „דורך דעם בירגערלעכען וואָילטאַט ב'ע הענריק און זאָפיאַ דאָס פּאָר־פּאָלק הירשבערג איז דאָס הויז אויפגעשטעלט געוואָרען אין 1913 יאָר און לויט'ן ווילען פון די מנדבים באַשטימט פאַר אַ יתומים־הויז. די פאַרוואַלטונג פון דער לאָדזשער יודישער געז. שוץ איבער יתומים".

אין סוף פון 1913 יאָר איז דאָס יתומים־הויז אַריינגעצויגען אין דער נייער געביידע (פּאָלנאָצנע 38) און די פייערלעכע דערעפענונג איז פאָרגעקומען דעם 19 אַפּריל 1914 יאָר.

אין דעם יאָר ברעכט אויס די וועלט־מלחמה. און אין דעצעמבער 1914 האָט אָנגעהויבען זיך אַ גרויסע שלאַכט אונטער לאָדזש, אין צפון־זייט פון אונזער שטאָט, אַזוי אַז דאָס יתומים־הויז האָט געפונען זיך אויפ'ן רוקען פון דער שלאַכט־ליניע. די סיטואַציע איז געוואָרען אַלץ געפערלעכער, ברויט האָט מען געמוזט צופירען אין יתומים־הויז באַנאַכט אונטער אַ שמירה. ווען די שראַפּנעלען האָבען אָנגעהויבען פאַלען 100 טריט פון יתומים־הויז, זענען די קינדער איבערטראַנספּאָרטירט געוואָרען אויף מיקאָלאַיעווסקי 3־5 (איצט שענקעוויטש). דאָס לעבען אין דער אינסטיטוציע איז געווען נישט רעגעלמעסיג, דאָס פעהלען פון מאַטעריעלע מיטלען האָט געלאָזט גוט פיהלען זיך. ערשט אין 1915 יאָר איז דאָס י. ה. צוריקגעקערט אין דער געביידע פּאָלנאָצנע 38. טראָץ די זייער שווערער לאַגע אין וועלכער די געז. האָט געפונען זיך, איז דאָך דאָס יתומים־הויז



זאָפיאַ הירשבערג

נישט ליקווידירט געוואָרען און די געז. האָט ווייטער דערפילט איר אויפגאַבע.

דאָס יתומים־הויז איז אַ דריי שטאָקיגער בנין, וואָס באַשטייט פון 35 שטובען צו 3 און 5 פענצטער. זייער ברייטע ליכטיגע קאָרידאָרען, די שטובען געפונען זיך אויף איין זייט. אַ גרויסע עס־שטוב פאַר 200 קינדער, שלאָפשטובען, שול־זאַלען, שטובען פאַר'ן פערסאָנאַל, זיצונג־זאַל, שוהל, קאַנצעלאַריע, ביי־שטוב, שפּיזשאַרניע, קיך, מעכאַנישע וועשעריי, באָד־שטובען, וועלכע האָבען טושען און וואַנעס אויף יעדען שטאָק. אַנ'־איזאָלאַציע אָבטיילונג, וואָס באַשטייט פון דריי שטובען, קיך, וואַנעס און אַ באַזונדער טרעפּען־גאַנג.

די קינדער אין יתומים־הויז זענען איינגעטיילט אין גרופען. אַזוי למשל, בעת אין אינטערנאַט זענען אין סוף פון 1913 יאָר געווען בלויז מיידלעך אין עלטער פון 6 ביז 10 יאָר, זענען זיי פונאַנדערגעטיילט געוואָרען אין צוויי גרופען: פאָר־שול און שול־גרופּע. מיט'ן אַריינציהען אין הויז אויף פּאָלנאָצנע 38 איז געווען 120—175 יונגלעך און מיידלעך אין פאַרשידענעם עלטער, איז די צוטיילונג געווען גאָר אַנ'אַנדערע: צו דער גרופּע קליינע קינדער האָט מען געדאַרפט אַ ניאַניע; ווייטער אַ פּרעבעל־גרופּע, אַ שול־יוגענט גרופּע, אויך עלטערע — ס'רוב 15, 16, 17 יאָריגע, וועלכע האָבען געלערענט זיך פאַרשידענע מלאכות: נייען און שטיקערייען ווי אויך קויבער־פלעכטעריי און שטריקעריי־אויסאַרבעטונגען. יונגלעך האָבען געאַרבעט בא שוסטעריי, ס'זענען אָבער געווען זייער ווייניג בעלנים אויף דעם פאַך. דער „שטיקעריי וואַרשטאַט" איז געשאָנקען דורך דער פאַמיליע, כדי צו פאַראייביגען דעם אָנדענק, פון ב'ע העלענא און מאַקסימיליאַן ליכטענשטיין.

די קינדער שטייען אויף האַלב 7 אַזייגער פרי. מיט די יונגלעך דאַווענט אַ ספּעציעלער מלמד, וועלכער קומט דעמאָלט צו זיי. נאָכ'ן פרישטיק גייט אַ טייל קינדער אין דער שול אָדער צו דער אַרבעט. די קינדער אין פאָרשול עלטער שפּילען זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער פרעבעל־לערערין, פון נאָכשולעלטער זענען פאַרנומען אין דער וועש נייעריי און בא הויז־ווירטשאַפט. אַרום 2 אַז. איז דאָס אַלגעמיינע מיטאָג. נאָך מיטאָג מאַכען די קינדער די לעקציעס, לערענען זיך העברעאיש און רעליגיע, 2 מאָל אין דער וואָך געזאַנג און גימנאַסטיק. אַרום 7 אַז. איז אָווענטברויט און שפּעטער גייען די קינדער רוהען. אין די יום טוב טעג שפּילען זיך די קינדער אין געזעלשאַפטלעכע שפּילען, הערען שמועסען וועגען היגיענע און

נאטור, לייענען ביכלעך פון זייער אייגענער ב׳בליאָטעק, אָרדע־נען איין כאָראל־געזאנגען, אמאטאָרען טעאטער א. ד. גל. באם יתומים־הויז איז פאראן א גאָרטען פון גרינצייג, וואו די קינדער פארזעצן ביימען און פלעגען זיי אליין.

אין דער שוהל זענען פאַראַן צוויי ספרי תורות: איינע האָט מנדב געווען דאָס פאָ־פאָלק העגריק און זאָפּיאַ הירש־בערג נ״ע און די צווייטע — דער פאַרשטאָרבענער אליעזר מאגאַזאניק.

אין שוהל ווערט געדאַווענט אַ גאנץ יאָר.

זייט דער עקזיסטענץ־צייט זענען אין יתומים־הויז אָנגע־נומען געוואָרען 452 קינדער, דערפון מיידלעך 265 יונגלעך 178

די אויסבילדונג פון די קינדער איז אָנבעלאַנגט אין זייערע פעהיגקייטען און חשק צום לערנען. געוויינלעך ענדיגען דאָ מיטעל־פעהיגע קינדער אַ פאָלקשול און זיי ווערען נאָכדעם דערצויגען צו דערלערנען אַ פאַך. פעהיגערע קינדער וועלכע ווייזען אַרויס חשק צום לערנען, ווערט געגעבען די מעגלעכ־קייט צו פאַרפולקאָמען זייער בילדונג און זיי ווערען איבערגע־וויזען אין אַ מיטעל־שול, אויף ספעציעלע קורסען, אין אַ סעמי־נאַר אָדער אין אַ פאַך־שול.

די קינדער וואָס גייען אַרויס פון יתומים־הויז פארדינען דורכשניטלעך פון 15—20 גילדען וועכענטלעך. אין אָנהייב פאַר־דינען זיי ווייניגער אָדער באַקומען פאַר זייער אַרבעט באַ־

## פאַרדינסטפולע מיטגלידער:



באָריס עיטינגאָן



העלענאַ פיקעלני

דאָס יתומים־הויז וואָס איז אייגענטלעך באַשטימט נאָר דורכאויס פאַר יתומים, האָט אויך אין אויסנאַם־פאַל אָנגענומען נישט קיין יתומים, בעת דער שווערער מלחמה־צייט.

אין יתומים־הויז ווערען אָנגענומען קינדער פון 4 ביז 8 יאָר. אין אויסנאַם־פאַלען זענען אויפגענומען געוואָרען אויך עלטערע קינדער.

אין יתומים־הויז פאַרבלייבען די קינדער ביז זיי ענדיגען די שול, דערלערנען אַ פאַך, אָדער זייענדיג צוגעגרייט צו וועלכע ס׳איז באַשעפטיגונג, וואָס גיט זיי די מעגלעכקייט צו פאַרדינען.

דאָס יתומים־הויז פאַרלאָזען די קינדער ס׳רוב אין דער עלטער פון 12 ביז 17 יאָר. די קינדער רעקרוטירען זיך על פי רוב פון אַרבעטער־קרייזען, אזעלכע זענען דאָ פאַראַן 72 פּראָצענט. קינדער פון קליינהענדלער זענען פאראַן 21 פּראָצ. די איבעריגע 7 פּראָצ. זענען שוין קינדער פון לערערס, פעלדשערס, מוזיקער און פון אָנגעשטעלטע.

שפּייזונג און וואָינונג. אין אַזעלכע פאַלען טוט די פאַרוואַלטונג פון דער „לאָדזשער יודישער געז. שוץ איבער יתומים" אַרויס־העלפען זייערע דערצויגלינגער אזוי לאַנג, ביז זייערע פאַרדינסטען קלעקען אויף אַ זעלבסטשטענדיג אויסהאַלטען. יעדעס קינד באַקומט דעמאָלט אַן איינמאָליגע אונטערשטיצונג, אין דער פאָרם פון וועש, אַנצוג און שיך. און לויט דער גרויס פון זיין לוין אויך אַ וואָינונג און מיטאָגער.

אין יתומים־הויז האָבען אין דער לעצטער צייט פאַר־קלענערט זיך די הכנסות ווי אויך דער מיטגלידער־צאָל און דאָס האָט זייער אַ שלעכטע ווירקונג אויפ׳ן לעבען פון דער אינסטיטוציע. און די הויפּט־שולד דערפאַר פאַלט אויף דער היגער יודישער געזעלשאַפט, וועלכע קומט נישט אַנטקעגען די אָנפירערשאַפט פון יתומים־הויז אין דער איצטיגער שווערער קריטישער צייט.

אין יתומים־הויז ווערט איצט אויסגעהאַלטען ביז הונדערט יתומים.

# ראָזאַלינאַ.

זייער אַ וויכטיגער מאָמענט אין דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט איז געווען דאָס קריגען געשאָנקען דעם סאַנאַ־טאָריום „ראָזאַלינאַ" אין קאַלי, וועלכער איז באַשטימט געוואָרען פאַר די קינדער פון יתומים־הויז פאָלגאָצנע 38 און דער עיקר פאַר שוואכע קינדער און לונגען־קראַנקע. דעם 12 אויגוסט 1923 יאָר איז פאָרגעקומען דער פייערלעכער גרונדשטיין לייגען אויפ׳ן פּלאַץ, וועלכען ס׳האָט מנדב געווען ב. ליטווין. און שוין

דעם 27 יולי 1924 איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון סאַנאַטאָריום „ראָזאַלינא", וועלכען ס׳האָט מנדב געווען ג. ניידא, אויפ׳ן נאָמען פון זיין פארשטאָרבענער פרוי ראָזאַליאַ. די געביידע פון דער סאַנאַטאַריע וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען, ווי אויך די פולשטענדיגע איינריכטונג האָט געדעקט דער נדבן ג. ניידאַ.



ראָזאליא ניידא

די סאַנאַטאָריע „ראָזאַלינאַ" איז אַן אייז שטאָקיגער בנין פון 9 שטובען, איינגעאָרדענט לויט דער נייעסטער טעכניק און היגיענע. און אין הסכם פון רעיענטאַלען אַקט פון די מנדבים, געהער עס אַלס אייגענטום פון דער „לאָדזשער יודישער געזעלשאַפט שוץ איבער יתומים". אָנגעפירט ווערט זי דורך דער אייגענער פאַרוואַלטונג פון יתומים-הויז. די סאַנאַטאָריע איז

## פאַרוואַלטונג:



ד"ר ס. גוטענטאַג
פאָרזיצער



ב. ליטווין
וויצע



יוזעף בוקעט
I קאַסירער



איזאַק ליפשיץ
II קאַסירער



פרעזעס ג. ניידא
פונדאַטאָר



אינזש. ישעי' מאַרגולעס
עקאָנאָם



טאַביאַש פיקעלני
פאַרוו. מיטגל.



אנאַטאָל פרומקין
פאַרוו. מיטגל.

טעטיג אַ גאַנץ יאָר, געטיילט אויף 10 סעזאָנען, צו 4 וואָכן יעדער. אין דעם סאַנאַטאָריום ווערן אויפגענומען יעדן סעזאָן 25 קינדער, און לויט דעם באשלוס פון דער פאַרוואַלטונג קאָנען דאָרט פאַרבלייבן נישט בלוין קינדער פון יתומים-הויז, (פאָלנאָצנע 38) נאָר אויך פון קרובה׳שע אינסטיטוציעס און יתומים-קינדער פון דער שטאָט.

דאָס סאַנאַטאָריום ליגט אין אַ טרוקענער געגענט. די „לאָדזשער יודישע געז. שוץ איבער יתומים״, אַרויסגייענדיג פון דער הנחה, אַז יעדעס קינד פין יתומים-הויז דאַרף פאַרברענגען עטלעכע וואָכן פון יאָר אין בעסערע געזונטערע באַדינגונגען, האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקען אין סאַנאַטאָריום כמעט אַלע קינדער אויף אַ 4 וואָכענדיגען אויפהאַלט. שוואַכע אָדער קראַנקע קינדער קאָנען, לויט אַ באשלוס פון דאָקטאָר, אַרויסגעשיקט ווערן אויף צוויי און אַפילו מער סעזאָנען. די קינדער זענען אַ גאַנצען טאָג אויף דער פרישער לופט, באַנוצען זון-בעדער און וועראַנדירען, דערצו שטייען זיי אונטער דער אויפזיכט פון זייער דערציערען און פלעגערען, ווי אויך אונטער דער אָבסערוואַציע פון אַ דאָקטאָר. זיי קערען אום צוריק אין שטאָט מיט נייע פרישע כוחות און מיט אַ גוטען געזונטצושטאַנד. אין סאַנאַטאָריום באַקומען די קינדער 5 מאָל עסען טעגלעך.

די קאָסטען פון אויסהאַלטען אַ קינד אין סאַנאַטאָריום טעגלעך באַטרעפט 2.50 גילדען, די קאָסטען פון באַשפּייזונג פון אַ קינד אין סאַנאַטאריום טעגלעך באַטרעפט 1.45 גילדען.

יתומים זייער אָרעמע פון דער שטאָט צאָלען גאָרנישט פאַר׳ן אויסהאַלטען. אַביסעל רייכערע און קינדער פון אַנדערע יתומים-הייזער צאָלען צו 10 גילדען חודשלעך, — בעת ווען אויסהאַלטען פון אַ קינד אין סאַנאַטאָריום חודשלעך באַטרעפען 75 גילדען.

אין סאַנאַטאָריום זענען אויפגענומען געוואָרען ביז היינט 960 קינדער, דערפון זענען אין דער צאָל געווען 500 יתומים פון קרובהשע אינסטיטוציעס און פון שטאָט.

אין 1927 יאָר איז איבערגעארבעט געוואָרען דער אויבערשטער טייל אויף אַ גרויסע שלאָף-שטוב, אַזוי אַז איצט קאָן דאָס סאַנאַטאָריום אַריינעמען 35 קינדער.

אין לעצטען יאָר איז דאָס סאַנאַטאָריום „ראָזאַלינאַ״ אָפען געווען, צוליב מאַנגעל אין געלט-מיטלען, נאָר אין דריי זומער-חדשים.

זייט דער גרינדונג פון דער געזעלשאַפט ביז היינט, איז טעטיג, אַלס פאָרזיצער—ד״ר סטאַניסלאַוו גוטענטאַג; זיין פרוי עסטערא גוטענטאַג, האָט אַ סך מיטגעהאָלפען צו דער אַנטוויקלונג פון דעם יתומים-הויז. ווייטער איז זייער טעטיג פרוי וויינרייך, וועלכע שאַפט איין שוין יאָרענלאַנג אַלץ פאַר די קינדער פון דער שטאָט. פרוי לעדער פירט אָן מיט דער ווירטשאַפט אין דער אינסטיטוציע. אינזש. ישעי׳ מאַרגולעס האָט געהאָלפען ראַציאָנאַליזירען דעם בודזשעט פון דער געזעלשאַפט.

דאָס „יתומים-הויז״ און „ראָזאַלינאַ״ ווערט אָנגעפירט דורך ד״ר סטאַניסלאַוו גוטענטאַג—פאָרזיצער, ב. ליטווין—וויצע, פרוי ד״ר ה. פאַפּיערני—סעקרעטאַרען, יוזעף בוקעט—1 קאַסירער, איזאַק ליפשיץ—2 קאַסירער, דיר. דוד גראַף, פרעזעס ג. ניידאַ, אינזש. ישעי׳ מאַרגולעס, מ. פישער, פרוי לעדער, עסטערא גוטענטאַג, סאַלאָמעאַ וויינרייך, סטעפאַ אָפּענהיים, פראַנציסקאַ קראַוויעץ, בעלאַ ווישעוויאַנסקא, ג. קאָקאָטעק, ד״ר אַדאַם מאַשליאנקא, טאָביאַש פיקעלני, אַנאַטאָל פרומקין, מאָנטאַג, רעוו. קאָמיסיע: דיר. פערעלשטיין. מאַקס ווישעוויאַנסקי. לואי באַנאַש.

# געז. שוץ איבער יתומים און קינדער פון רעזערוויסטען

אין דעם מלחמה-יאָר (1915) איז אַנטשטאַנען די „געז. דרינגענדיגע הילף פאַר יודישע קינדער״ דורך די גרינדערענס, פרויען: א. מאָניק, ר. כמיעלעווסקי, ע. ווייס, מאַטילדא ביעלשאָווסקי, העלענא ניימאַן, ד״ר ר. שומאַכער און שטיינהאַרט, די געז. פלעגט דעמאָלט צונויפזאַמלען אָרעמע גאסען-קינדער און זיי באַזאָרגען מיט אַ באָד און מלבושים.

דערנאָך איז דורך דער געזעלשאַפט געשאַפען געוואָרען „אַ ביכע-הילף״ פאַר אונטערגעוואָרפענע קינדער, (זאַכאָדניא 20 וואו ס׳זענען אין יענער צייט אַריינגענומען געוואָרען ביז 20 יתומים) וועלכע האָבען דאָרט באַקומען אַ קורצען אויפהאַלט.

1917 איז געשאַפען געוואָרען „אַנ׳אינטערנאַט פאַר יתומים און קינדער פון רעזערוויסטען״, וואו זיי האָבען באַקומען באַשפּייזונג, קליידונג און זייער גאַנצען אויסהאַלט. די געזעלשאַפט האָט אויך באַמיט זיך אַז די קינדער פון יתומים-הויז זאָלען באַקומען שול און דערציהונג. און אַזוי איז די אַרבעט געפירט געוואָרען און די צאָל קינדער איז אַלץ כסדר געשטיגען, דאָס האָט געדויערט ביז׳ן 1927 יאָר. אין דעם יאָר ציהט דאָס „יתומים-הויז״ אַריין אין אַ ניי לאָקאַל אויף פּולנאָצנע 39.

מיט׳ן ענדערען די לאָקאַלע באַדינגונגען זענען אַנטשטאַנען נייע מעגליכקייטען פאַר אַ ברייטער אַרבעט לטובת דעם יתומים-הויז.

אין 1928 יאָר איז אין יתומים-הויז געווען 48 קינדער, 32 מיידלעך און 16 יונגלעך; 12 קינדער זענען געווען באַשעפטיגט בא פאַרשידענע אַרבעטען. מיידלעך אַלס קראַנקען-שוועסטער אין וועכנערען קליניק און אין שפּיטעלער. און יונגלעך אַלס שלאָסער און עלעקטראָטעכניקער.

אין דעצעמבער 1928 ווערט דורך דער איניציאַטיוו פון ניי-אַנגאַזשירטען לייטער און אַ גרופּע פריינט פון יתומים-הויז, אונטערגענומען אַנ׳אַקציע לטובת דער ביבליאָטעק, וועלכע איז אַנב דעמאָלט באַשטאַנען פון אַ צוויי דריי צענדלינג ביכער, און ס׳געלונגט זי שטאַרק צו פאַרגרעסערען. אין מערץ 1929 איז שוין פאַראַן איבער 250 ביכער אין דער ביבליאָטעק. דאָס פאַרשטענדניש פאַר׳ן בוך איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג און די קינדער אַליין פלעגען אָפּט איינאָרדענען פאַנטען-לאָטעריעס לטובת דער ביבליאָטעק, וועלכע איז אויך כסדר געשטיגען אין דער צאָל, אַזוי, אַז באַ׳ם היינטיגען טאָג ציילט זי איבער 900 ביכער. מיט דער ביבליאָטעק פירט אָן אַ קאָמיסיע פון 5 קינדער.

בכדי צו פאַרזיכערן דעם יתומים-הויז אַ געזונטען מאַטעריעלען באָדען און ס'זאָל נישט זיין אָנגעוויזען אויף דעם פילאַנטראָפּישען לחם - חסד, האָט דער פּאַרוואַלטער אַדורכגעפירט אַ ריי אינטערווענצען אין דער אָבטיילונג פון סאָציאַלער שוץ באַ'ם מאַגיסטראַט, און עס איז געלינגען אויסצופועלען נאָך עטלעכע וויזיטאַציעס מצד די מאַכט-פאָרשטייער: לאָווניק פורטאַל, נאַטשעלניק וויסלאָווסקי און אינספּעקטאָר פּרוי פּוטערניצקי, אַז עס זאָלען די יודישע היימלאָזע קינדער איינגעאָרדענט ווערען אין דעם יתומים-הויז אויפ'ן חשבון פון מאַגיסטראַט. זייט 1929 יאָר ווערען זיי כסדר איבערגעשיקט אין דעם יתומים-הויז, דורכדעם איז געזיכערט געוואָרען דער מאָרגען און ס'קאָן אָנפירען אַ פּאָזיטיווע אַרבעט לטובת די קינדער.

זייט 1930 דערשיינט רעגעלמעסיג אַלע וואָך אַ וואַנט-צייטונג, צוזאַמענגעשטעלט און אַרויסגעגעבען דורך די קינדער מיט אַ פאַרשידענאַרטיגען מאַטעריאַל. די וואַנט-צייטונג טראָגט דאָס קעפּעל „פון אונזער לעבען" און זי ציילט שוין 175 נומערען. אַלע וואַנט-צייטונגען ווערען אויף א זאָרגפולען אופן אויפגעהיט. די וואַנט-צייטונג האָט אַ רעדאַקציע-קאָמיסיע מיט אַ צייכנער וועלכער באַצירט די וואָכענשריפט.

אויף דער באַדערונג פון אַ קינדער-גרופּע פון יתומים-הויז, האָט דער לייטער פאַרשטענדיגט זיך מיט דער „געז. קולטורעלע הילף פאַר קינדער" און עס איז געלינגען צו באַקומען פון דער געזעלשאַפט אַ טישלער-ווערקשטעל מיט אַ גרויסער צאָל טישלער און שניץ-מכשירים. אין יאַנואַר 1931 שטייט שוין אַ גרופּע פון 10 יונגלעך אין די שעהן פון 5—7 נאָך די לעקציעס אין טישלער-ווערקשטעל און אַרבעטען אונטער דער אויפזיכט פון אַ ספּעציעלען טישלער-אינסטרוקטאָר, פאַר וועלכען די דערמאָנטע געזעלשאַפט האָט געצאָלט.

אין 1932 האָבען די קינדער געהאַט אַנ'אויסשטעלונג, אויף וועלכער עס זענען געווען רעפּרעזענטירט ביז 400 עקספּ.: פון דער טישלער און שניצער-אָבטיילונג אַנ'ערך 250, פון דער בוכבינדעריי 50, קילימען און האַנט-אַרבעטען 20, שלאָסער אַרבעטען 10, צייכענונגען און דיאַגראַמען אַ 100 עקספּאָנאַטען. וועגען דער ערשטער אויסשטעלונג פון די קינדער אין יתומים-הויז האָט וואַרעם אָבגערופען זיך דאָס וואָכענצייטונגעל די „קינדער רעפּובליק" נומער 13 און 150, אַ ביילאַגע פון דער היגער פּוילישער צייטונג „רעפּובליקא".

אין דער אייגענער צייט ווערט אויך געמאַכט דער ערשטער פּריוו איינצואָרדענען אַ בוכבינדעריי.

די בוכבינדעריי, וועלכע איז צוערשט אָנגעפירט געוואָרען דורך אַ אינסטרוקטאָר האָט אַרויסגעוויזען זיך פאַר זייער נוצלעך. אין מערץ 1932 האָט שוין די בוכבינדעריי געגעבען הכנסה. נאָך אַ האַלב יאָר האָבען 2 יונגלעך אַזוי ווייט באַהערשט דאָס פאַך אַז זיי קאָנען שוין אַרבעטען זעלבסטשטענדיג. זייט מערץ 1933 לעבט די בוכבינדעריי פון זעלבסטאויסהאַלטונג. האָט פון ריוח איינגעקויפט אַ גרויסע פּרעס-מאַשין און אַנדערע מכשירים. ביז 1934 האָט די בוכבינדעריי אַ עווידענץ פון כמעט 2000 אויסגעפירטע אַרבעטען. די בוכבינדעריי האָט באַקומען אַרבעט פון דער גימנאַזיע, (פּאָמאָרסקע 105) סאָציאַלער שוץ באַ דער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט, דורך וועלכער זי באַקומט אויך אַ סיסטעמאַטישע חודשלעכע סובווענץ, פון אַ ריי היגע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, און פון העכערע באַאמטע פון מאַגיסטראַט און יודישע גמינע, וועכנערען קליניק, (שטערלינג גאַס 13) געז. „טאָז", י. ג. פּ. ל. און פון אַ ריי לאָדזשער גימנאַזיעס און פאָלק-שולען.

היינט ציילט דאָס יתומים-הויז 85 קינדער, דערונטער 57 יונגלעך און 28 מיידלעך אין עלטער פון 3 ביז 18 יאָר. די קינדער לערנען זיך אין פאַרשידענע שולען, אָנהייבענדיג פון פּרעבעל ביז מיטעל און האַנטווערקער-שולען—דערנאָך גייען זיי איבער צו פּראַקטישער אַרבעט און פאַרבלייבען אין זייער סביבה, ביז זיי קאָנען זיך אויסהאַלטען פון די אייגענע פאַרדינסטען. אין פרייע שעה'ן פון אַרבעט קומען זיי צו גאַסט צו זייער „פאַמיליע", ווי בא לייטען אַ קינד נאָך דער חתונה צו זיין טאַטע-מאַמע. די צאָל קינדער פון 1928 האַלט אין איין וואַקסען, אין אָנהייב 1928 איז געווען 16 יונגלעך 32 מיידלעך, צום סוף יאָר 1928 32 יונגלעך 41 מיידלעך. אין דעם יאָר האָט דאָס יתומים-הויז באַקומען אַ גרופּע קינדער פון הירשבערג'ס יתומים-הויז, ווייל דאָרט איז אַדורכגעפירט געוואָרען אַ גרויסער רעמאָנט. די קינדער זענען פאַרבליבען כמעט אַנדערהאַלבען יאָר. די קינדער פון מאַגיסטראַט זענען אַהערגעקומען פון דער קינדער-פּאָגאָטאָוויע, (שענקיעוויטש 47), פון די שטעטישע דערציהונג-הייזער, וועלכע שטייען אונטער דער אויפזיכט פון נאָנעס, און אויך פונ'ם פינדעלהויז אויף דער קאָפּערניק און קאַראָלעווסקע גאַס זענען געבערענגט געוואָרען יודישע קינדער, אויסער דעם האָט דאָס יתומים-הויז באַקומען קינדער גלייך פון גאַס. שווער איז געווען די קינדער גלייך פון קלויסטער-דערציהונג צוצופּאַסען צו די נייע פרייע באַדינגונגען און דערציהונג-פאָרמען.

די קינדער אָרדענען איין סיסטעמאַטישע פאָרשטעלונגען אויף וועלכע עס קומען שטענדיג קינדער פון אַנדערע שולען, דעלעגאַציעס פון יתומים-הייזער, יודישע און קריסטלעכע, און פאָרשטייער פון דער מאַכט.

דורך דער צייט איז פון אַמאָליגען קליינוואַרג אויסגעוואַקסען אַ גרופּע מיידלעך וועלכע פאַרנעמען זייער פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטען אין פאַרשידענע אָבטיילונגען פון פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל און אין וועכנערין קליניק, (אויף ד"ר שטערלינג גאַס 13) אַנדערע ווייטער אין אָנגעזעהענע געזעלשאַפטען, ווי: „טעכניקא" אַלס געשעפטס-פירערען, אין דער „צפון געזעלשאַפט פאַר טראַנספּאָרט" אַלס גענעראַל טעלעפאָניסטען, יונגלעך אַלס עלעקטראָטעכניקער מיט ספּעציעלע פאַך-שולען, אויך האָט זיך אין לעצטען יאָר אַ בחור אויסגעלערענט גאַלוואַנירען, צייכענען אויף זילבער, וואָס איז נאָך דערוויל אַ נייע בראַנזשע.

זייט מאַי 1928 איז דער לייטער פון „יתומים הויז", דוד נייהויז, וועלכער פירט אָן מיט דער אינסטיטוציע ביז'ן היינטיגען טאָג.

דאָס יתומים-הויז געהער צו דער געזעלשאַפט שוץ איבער יתומים און קינדער פון רעזערוויסטען.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון פּרוי ה. ניימאַן — פּרעזעסן, מ. ביעלשאָווסקא — וויצע-פּרעזעסן, ע. ווייס — סעקרעטאַרען, נ. פּאָזנאַנסקא — קאַסירערן. פאַרוואַלטונג-מיטגלידער: אינזש. שטיינהאַרט, פּרוי ר. אַבראַמסאָן און ר. בריש.

# תלמוד תורה א. נ. הרב הגאון אלי׳ חיים מייזל זצ״ל

די תלמוד תורה של הרב הגאון ר׳ אלי׳ חיים מייזעל זצ״ל איז געגרינדעט געוואָרען דורכ׳ן לאָדזשער רב אין יאָר תרל״ג, (1873) און איז בחיו אָנגעפירט געוואָרען דורך אים אליין. דער אינסטיטוציע האָט הרב מייזעל זצ״ל זיך געווידמעט מיט מסירת נפש, מיט לייב און לעבען. דעם רב מייזעל זצ״ל זענען צוהילף געקומען בשעתו אין דער וויכטיגער ארבעט די חשובסטע יודען פון אונזער שטאָט.

פארן קריג האָבען אין דער ת״ת געלערענט און ס׳זענען פארזאָרגט געוואָרען ביז 800 קינדער און יתומים.

די אָרעמסטע קינדער אין עלטער פון 6 ביז 14 יאָר באַקומען אין רב׳ס ת״ת א יודישע רעליגיעזע און וועלטלעכע דערציהונג.

דער סדר פון ארבעט און דערציהונג אין דער ת״ת, איז.

די אויסבילדונג פון די קינדער איז געטיילט אויף צוויי פראָגראם-טיילען: פון האלב 9 פרי ביז 2 נאָכמיטאָג, ווערט מיט די קינדער געלערענט לויטער לימודי קודש, פון אלף-בית ביז גמרא-ותוספות. פאר די רעליגיעזע למודים זענען פאראן 8 מחלקות מיט 8 מלמדים, וואָס אין זייער שפיץ שטייט דער מנהל ברוך הירש מיעלניק, וועלכער לערענט מיט די קינדער פון דער 8-טער מחלקה אויך העברעאיש און יודיש.

פון 2 ביז 3 ווערט די קינדער ארויסגעגעבען אומזיסטע מיטאָגען, וואָס ווערען צוגעגרייט אין דער אייגענער קוך, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך א ספעציעלען דאמען-קאָמיטעט. בראש פון דעם דאמען-קאָמיטעט שטייען: די רבי׳צין לאה סענאל, זאָפיא גינזבורג, רוושע עפשטיין, (קאסירערין) פרוי קראסוצקא און אנד. די איבערגעגעבענע ארבעט פונ׳ם דאמען-קאָמיטעט איז א גרויסער צושטייער צו די אלגעמיינע לייסטונגען פון דער וויכטיגער אינסטיטוציע.

נאָכ׳ן מיטאָג, פון 3 ביז 7 אָוונט באקומען די קינדער פון דער ת״ת זייער וועלטלעכע אויסבילדונג, אונטער דער אָנפירונג פון באקאנטען פעדאַגאָג ה׳ דניאל מאגאליף, וועלכער האָט באַוויזען אָוועקצושטעלען די שול בא דער ת״ת אויף א מוסטער-מדרגה. די שילער פון דער שול ווערען נאָכ׳ן פארענדיגען אויפגענומען אין אנדערע שולען.

בנוגע דער דערציהונג וואָלטען אסך ת״ת׳ס און פאָלקשולען געמעגט אראָבנעמען א מוסטער פון דער אינסטיטוציע.

דורך דער פארוואלטונג און דער טעטיגער מיטווירקונג פונ׳ם דאמען-קאָמיטעט, איז די ת״ת אימשטאנד אין די שווערסטע צייטען צו באקליידען און באשיכען די אָרעמע קינדער און יתומים. דער ג׳ פרעזעס ראַטמ. יחיאל יצחק בערמאן ז״ל האָט אויסגעפועלט באם מאגיסטראט מילך מיט זעמעל פאר 100 קינדער, וואָס די קינדער האָבען טעגלעך באקומען אין משך פון גאנצע 6 יאָר, ביז 1929. אין דעם יאָר 1931/32 האָט ווייטער די היגע געז. „טאָז״ אדווכגעפירט א באַשפייזונג אקציע לטובת די קינדער פון דער ת״ת. „טאָז״ האָט יעדען טאָג געגעבען צועסען ביז 100 קינדער, זעמעל מיט מילך, ווי אויך ספעציעלע פרישטיגער פאר 200 קינדער. אין דעם יאָר 1932/33 איז דורך דער געזעלשאַפט געגעבען געוואָרען זעמעל מיט מילך פאר 100 קינדער טעגלעך, ווי אויך 50 מיטאָגער טעגלעך.

זייט 12 יאָר ווערען 60 אָדער 80 קינדער יערלעך ארויסגעשיקט אין די זומער-קאָלאָניעס פון „טאָז״, ווי אויך אין דער סאַנאַטאָריע „ראָזאלינא״. די קאָלאָניעס קאָסטען דער ת״ת פון 1000 ביז 1500 גילדען יערלעך.

די געז. „טאָז״ פאַרדינט אנערקענונג פאר איר מעדיצינישער הילף, וואָס זי גיט דער ת״ת דורך איר פאַרטרעטער דר. פ. קאַטאַק און היגיעניסט ליפשיץ.

די לייטונג שטרעבט אז פון די קינדער, וואָס וועלען ארויס פון דעם אנשטאלט, זאָלען להבא קאָנען ווערען (אויב זיי וועלען האָבען א נויגונג דערצו) גייסטיגע מענטשען בא יודען, שוין היינט צו טאָג זענען פיל תלמידים פון רב׳ס ת״ת די בעסטע וואויל-לערנער אין די פארשידענע ישיבות פון לאָדזש, ווי „בית אברהם״ „תורת חסד און „מתיבתא״ אין ווארשא א. א.

בעת דעם קריג איז די ת״ת און די קיך געווען די גאנצע צייט טעטיג. דאָס איז געשעהען נאָר צוליב דער איבערגעבענקייט פון עטלעכע מענטשען, וועלכע האָבען זיך געווידמעט דער פיינער אינסטיטוציע. באַזונדערס דער ג. ראטמאן יחיאל יצחק בערמאן ז״ל וועלכער האָט רעפרעזענטירט און אָנגעפירט מיט איר אלס פרעזעס ז״יט דעם אויסברוך פון קריג, (ביז דער מלחמה איז געווען פרעזעס ר׳ פנחס ליכטענבערג ז״ל). ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען.

דער פארשטאָרבענער יחיאל יצחק בערמאן ז״ל האָט אין משך פון 20 יאָר צייט געאַרבעט פאר דעם ת״ת מיט דער גרעסטער מסירת הנפש, באַטאָג און באַנאַכט, געשאַפען פאר איר געלט און געזאָרגט דערפאָר, אז זי זאָל שטייען אויף א געהעריגער גייסטיגער און מאָראַלישער הויך–אויף וועלכער מדרגה זי געפינט זיך איצט.

צום גוטען דארף אויך דערמאָנט ווערען דער באקאנטער און אָנגעזעהענער לאָדזשער פאבריקאנט ה׳ צמח פאַדאָוויטש, וועלכער האָט מעגלעך געמאַכט צו קויפען פאר דער ת״ת א האלב הויז אויף שוו. יאקובא 10, אזוי אז די אינסטיטוציע האָט איצט צוויי אייגענע געביידעס, אויף שוו. יאקיבא 6 און 10. דער ה׳ פאַדאָוויטש שיקט אויך ווייטעריגע נדבות פאר דער ת״ת פון א״י וואו ער פארברענגט לעצטענס.

אין דער ת״ת לערענען איצט ביז 400 קינדער.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ה״ה:

הרב ר׳ משה מנחם סגל, הרב ר׳ אליעזר יצחק מייזל, איסר באָסעוויטש, יצחק באָרענשטיין, אשר ענגעל צאָזמער, חיים מענדעל ווינער, נחמן יונאָוויטש, מענדעל קראסוצקי, בער שוואַרץ, ישראל הענעך ליטמאַן, ישראל בערמאַן און ישראל סאכאראָוו.

קאַנדידאַטען: משה אבא עפשטיין, זושא הענדעליש, ש. שערעשעווסקי, א. בערקאל, ש. האָכענבערג, צ. הירשענבערג, פנחס מאַנדעלבוים, ב. ליכטענבערג, מ. הערשקאָרן, מ. י. וואָלאָוועלסקי, א. בערמאַן און ג. ל. קרעניצער. רעווידיר-קאָמיסיע: ה. פייל, ד. ל. מאנדעלצווייג און ש. וואַרחיווקער. קאַנדידאַטען: י. קאבאקאָוו און ש. א. ראבינאָוויטש.

# תלמוד תורה: שומרי הדת

## (אויף גייערס ראיאן)

די תלמוד-תורה איז געגרינדעט געוואָרען אין 1916 יאָר, דורך די ה"ה מ. פלאָצקער, יעקב ראָזענבלום, מענדעל נאָוואק, מאכעל ראָטהאָלץ, הענעך ביאַלאָסטאָצקי, שלמה פרידמאַן, זינדעל שטודען און פנחס פרידמאַן. דעמאָלט האָבען אין דער ת'ת געלערענט ביז 60 אָרעמע קינדער און באַקומען דאָרט זייער אויסהאַלט. די הכנסות זענען באַשטאַנען פון שפענדען, וואָס פּאַרשידענע מענטשען האָבען פאַר איר געשאָנקען.

אין 1918 דערגרייכט שוין די צאָל קינדער וואָס לערענען אין דער ת'ת ביז 160.

אין 1924 יאָר האָט דער נדבן יעקב שטיין ז"ל געשאָנקען פאַר דער ת'ת אַ פאַבריק-געביידע מיט אַ שיינעם גאָרטען, וואָס דאָס האָט באַוואָגען די פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט'ן פּרעזעס מאיר פלאָצקער צוצוטרעטען צו אַן-ענערגישער אַקציע, אַז די ת'ת זאָל באַקומען אַן'אייגענעם בנין.

אין יענער צייט איז אַדורכגעפירט געוואָרען אַ באַשטייערונג לטובת דעם בוי-פאָנד פון דער ת'ת און עס האָבען זיך מתחייב געווען, די פליישער און קישקע-הענדלער פון יענער געגענט צוגעבען פון יעדער געשאָכטענער בהמה צו 30 גראָשען. דאָס האָט דערנאָך איינגעבראַכט 400 גילדען אַ חודש. אין משך פון די יאָרען 1925—1928 איז איינקאַסירט געוואָרען פון די פליישער און קישקע-הענדלער פאַר דעם צוועק, 15 טויזענט גילדען, דאָס צווישען דער יודישער באַפעלקערונג, דורך וועלכער ס'איז צונויפגעשטעלט געוואָרען די סומע פון 100 טויזענט גילדען. גלייך איז די פאַרוואַלטונג צוגעטרעטען רעאַליזירען דעם פּלאַן.

אין 1928 יאָר איז איבערגעבויט געוואָרען די פאַבריק-געביידע, וועלכע ס'האָט געשאָנקען יעקב שטיין ז"ל און ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויף דעם פּלאַץ אַ דריי שטאָקיגער בנין פאַר דער תלמוד תורה. שפּעטער איז אויך דאָרט אויסגעבויט געוואָרען אַן'אייגענער בנין פאַר דער שוהל „באר מרים", וועלכע געפינט זיך היינט דאָרט.

די תלמוד תורה „שומרי הדת" האָט זיך זייט דעמאָלט זייער שטאַרק פאַרגרעסערט און איצט לערענען שוין אין איר ביז 250 אָרעמע קינדער, וואו זיי באַקומען יודישע און וועלטלעכע למודים.

די תלמוד-תורה האָט אַמאָל באַקומען אַ סובסידיע פון דער יודישער קהלה 1800 גילדען יערלעך אָבער אין די לעצטע יאָרען איז זי פאַרקלענערט געוואָרען ביז 800 גילדען יערלעך.

דאָס פּרעזידיום באַשטייט פון די ה'ה: מאיר פלאָצקער— פּרעזעס; פיליפ יאַשונסקי און לייבוש איילענבערג—וויצעס; הענריק שטיין און סאַלאָמאָן אַלטמאַן—פּרעזידיום-מיטגלידער. אין דער פאַרוואַלטונג די ה'ה: יצחק בערגער, וויקטאָר קינסטלער, זעליג קליין, יאָאַכים לאַנדסבערגער, משה גאָלדהירש, ד"ר י. קרויש,



יעקב שטיין נ"ע
פוּנדאַטאָר



מאיר פלאָצקער
פּאָרזיצער



פיליפ יאַשונסקי
וויצע



שמואל מאיר גאַלעווסקי נ"ע
מיטגרינדער



יצחק בערגער
פאַרוו. מיטגל.



הענריק שטיין
פּרעז. מיטגל.



וויקטאָר קינסטלער
פאַרוו. מיטגל.



בענדעט גאַלעווסקי
פאַ־וו. מיטגל.

איז באמת אַן'איידעלער טאַט, וועלכער פאַרדינט דערמאָנט צו ווערען.

חוצזעם האָט דעמאָלט די פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט'ן פּרעזעס מ. פלאָצקער בראש, אַדורכגעפירט אַ גרויסע געלט-זאַמלונג פנחס פרידמאַן, זינדעל שטודען, שלמה פרידמאַן, בענדיט גאַלעווסקי זיסקינד גאָזשדזשיק, שלמה נתן דורקעוויטש, משה ליגאָרסקי און יוסף ראָזען. קאַנדידאַטען: יקיר קאָמפּעל, יוסף אליעזר פלאַם, שעיה זשולטאַק, לייזער בושעזשינסקי און מענדעל ליפשיץ.

# געז. תּלמוד תּורה

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער סינאַגאָגע. (פּראָמענאַדע-גאַס) פון דעם 24 מערץ 1888 יאָר, איז באַשלאָסען געוואָרען: אַז פון די איינגעפלאָסענע שפּענדען לטובת דער דעמאָלטיגער עקזיסטירענדיגער רעליגיעזער שול „תּלמוד תּורה", אונטער'ן נומער 336, צו קויפען פאַר איר אַ הויז.

די הויפּט-גרינדער פון דער געז. „תּלמוד תּורה" זענען געווען: ישראל קלמנס פּאָזנאַנסקי, זיגמונט יאַראָטשינסקי און מאָריץ פרענקעל.

פולם באַשלאָסען: אויעקצושענקען דאָס נישט-באַוועגלעכע פאַרמעגען אויף זאַכאָדניע 36—20 דעם „דאָבראָטשיננאָשטש", מיט'ן באַדינג, אַז ער מוז צאָלען לצמיתות 3000 רובעל יערלעך פאַר דער „תּלמוד תּורה". די ערשטע צייט זאָל דער חוב פון 3000 רובעל געדעקט ווערען יערלעך דער שטאָטישער „קרעדיט-געז.", כּדי צו אַמאָרטיזירען די סומע, וואָס איר קומט בּאַ דער געז. „תּלמוד תּורה".

דער פּראָיעקט פון בויען דורך די יאַראָטשינסקיס דאָס הויז אויף פּאָמאָרסקע 48-46, איז פאַרבונדען מיט אַנ'אַנדערע

ה ו י פּ ט - ג ר י נ ד ע ר :



זיגמונט יאַראָטשינסקי



ישראל פּאָזנאַנסקי



מאָריץ פרענקעל

דעם 26 מערץ ד. י. איז געקויפט געוואָרען דאָס הויז אויף זאַכאָדניע 36—20, וואוהין ס'איז אריבערגעטראָגען געוואָרען די רעליגיעזע שול „תּלמוד תּורה", אין דריי-שטאָקיגען בנין, (אין וועלכען ס'געפינט זיך איצטער דער „פּריוט פאַר קאַליקעס און פּאַראַליטיקער" באַם „דאָבראָטשינגאָשטש"). אַ פּאָר יאָר שפּעטער זענען באַ דער „תּלמוד תּורה" געשאַפען געוואָרען צוויי האַנטווערק-וואַרשטאַטען, טישלעריי און בערשטענבינדעריי. אָבער, אַזוי ווי ס'איז געווען ווייניג בעלנים אויסצולערנען זיך דאָס בערשטענבינדעריי פאַך, און זייער צאָל איז אויך געוואָרען וואָס אַמאָל אַלץ קלענער, איז צום סוף דער וואַרשטאַט געשלאָסען געוואָרען. דערנאָך איז דערעפענט געוואָרען אַ שלאָסעריי-וואַרשטאַט.

די ערשטע פאַרוואַלטונג פון דער „געז. תּלמוד תּורה" פון יאָר 1898 איז באַשטאַנען פון די ה'ה: מאָריץ פרענקעל—פּרעזעס; בערנאַרד דאָבראַניצקי, זיגמונט יאַראָטשינסקי, און איגנאַץ פּאָזנאַנסקי — וויצע פּרעזעסען; מיטגלידער: מיכאל קאָן, קאַרל ווײַלע, יאַקוב הערץ, סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי, יוזעף ראָזענבלאַט, ד"ר ישראל יעלסקי, ארנאָלד שטילער, בער וואַקס, מ. קיפּער, אַלעקסאַנדער וואַלפיש, סט. לאַנדוי, איגנאַץ בערסאָן, און איזאַק הערץ.

צוליב דעם, וואָס בערטע און זיגמונט דאָס פּאָרפּאָלק יאַראָטשינסקי האָבען געמאָלדען, אַז זיי זענען מנדב אויפצושטעלען אַ הויז אויפ'ן פּלאַץ פּאָמאָרסקע 48-46, פאַר דער רעליגיעזער שול „תּלמוד תּורה", איז דעם 28 מאַי 1901 פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון דער סינאַגאָגע, אויף וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרען דער באַשלוס: מחמת די לאָדזשער יוד. געז. „דאָבראָטשינגאָשטש" האָט נישט קיין אייגען לאָקאַל פאַר זיך און איז געצווינגען צו דינגען פרעמדע לאָקאַלען פאַר אירע אינסטיטוציעס, דעריבער ווערט בהסכם

געשיכטע 1) בעת ישראל קלמנס פּאָזנאַנסקי האָט אויסגעבויט דאָס שפּיטאָל אויף טאַרגאָווע, (איצטער שטערלינג גאַס) איז דאָס געווען פאַר דער שטאָט לאָדוש אַ געשעהעניש. דעמאָלט האָט געבילדעט זיך אַ גרופּע פון די 20 חשובסטע היגע יודישע בירגער און זיי זענען אַוועק צו אים מיט דער ווענדונג: אַלס אָנערקענונג און דאַנקבאַרקייט פאַר דער גרויסער וואָילטאַט, וואָס ער, פּאָזנאַנסקי, האָט געשאָנקען דער שטאָט אַזאַ וויכטיגע אינסטיטוציע, גיט די גרופּע אים אַ מתּנה 2 פּלעצער, וועלכע ער זאָל פאַרווענדען אויף אַ נויטיגען צוועק. דאַרויף האָט פּאָזנאַנסקי געענטפערט, ער קאָן זיי דערהאַלטען מיט אַ תּנאי, אַז אויף איין פּלאַץ זאָל אויפגעשטעלט ווערען אַ יודישע האַנטווערק-שול, (דאָס האָט געדינט אַלס איניציאַטיוו פאַר זיגמונט יאַראָטשינסקי'ן מכּח דער שול) און אַז דער צווייטער פּלאַץ זאָל צוגעגעבען ווערען צום שפּיטאָל. און אַזוי איז עס טאַקע געשעהען.

דעם 10 נאָוועמבער 1901 האָט די „תּלמוד תּורה" אַריבערגעצויגען זיך אין נייעם 2-שטאָקיגען בנין אויף פּאָמאָרסקע 48-46, וואָס ס'האָט מנדב געווען און אויפגעשטעלט דאָס פּאָרפּאָלק זיגמונט און בערטע יאַראָטשינסקי צו זייער גאָלדענער חתונה.

ווען ס'האָבען זיך אָנגעהויבען די איינשרייבונגען אין דער תּלמוד תּורה און אויף די קורסען פון די האַנטווערק-וואַרשטאַטען, איז דער הויף פון פּאָמאָרסקע 48-46 ממש כּסדר באַלאַגערט געווען פון הונדערטער מענטשען, וועלכע האָבען געוואָלט אָנגענומען ווערען. אָבער, אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט האָט זוכה געווען צו דעם.

מחמת דאָס לאָקאַל איז געוואָרען צו ענג, האָט די פאַר-

1) איבערגעגעבען פון סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי.

מ. פּ.

וואַלטונג באַמיט זיך מכּח אַ געלט-שטיצע, בכדי צו קאָנען צו-טרעטען בויען. ס'איז דער לייטונג געלונגען צו באַקומען 12000 רובעל פון דער געז. יק"א, און פאַר דער סומע איז אין 1904 יאָר אויפגעשטעלט געוואָרען דער נייער בנין, אויפ'ן הויף.

ה' סאַמועל לאַנדוי האָט מנדב געווען 12000 רובעל, פאַר וועלכער ס'איז אויפגעשטעלט און פערטיג געוואָרען (1913) דער שכנות'דיגער בנין, אויפ'ן הויף.

1907 איז די „תּלמוד תּורה" מיט די „האַנטווערק - וואַר-שטאַטען" פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שול, און ס'איז באַ-שטימט געוואָרען אַלס דירעקטאָר אינזש. יאַן קירשראָט. ס'ווערט דעמאָלט באַ דער שול איינגעשטעלט אַ וועבעריי-אָבטיילונג.

דאָס פּאָרפּאָלק ד. און ר. פּרוסאַק האָט געשאָנקען פאַר דער שול אַ מוזיי.

1908 איז געשלאָסען געוואָרען די טישלעריי-אָבטיילונג און ס'פאַרבלייבען די שלאָסעריי און וועבעריי-אָבטיילונגען, וועלכע זענען טעטיג געווען באַ דער שול ביז'ן אויסברוך פון דער מלחמה.

נאָכ'ן טויט פון ה' מאָריץ פּרענקעל, האָט זיין ווייב געשאָנקען 20000 רובל פאַר דער „געזעלשאַפט תּלמוד תּורה", און די פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסען צוצוטרעטען בויען אַ נייעם 3-טען שכנותדיגען שול-בנין, אויפ'ן הויף. אָבער, אינצווישען איז אויסגעבראָכען די מלחמה, וועלכע האָט צונישט געמאַכט דעם גאַנצען פּלאַן.

מיט'ן מלחמה-אויסברוך איז אָבגעשטעלט געוואָרען די שול-טעטיגקייט. ס'איז איינגעאָרדענט געוואָרען אין די שול-בנינים אַ מיליטעריש שפּיטאָל, וואָס איז דאָ פאַרבליבען איבער דער גאַנצער מלחמה-צייט. חוץ מזה איז אין די קעלערס, דורך דער שטאָט - פאַרוואַלטונג איינגעאָרדענט געוואָרען, אַנ'-אומזיסטע קוך פאַר דער נויטליידענדיגער באַפעלקערונג.

ערשט אין 1921 איז די שול צוריק אַריינגעטרעטען אין אַ נאָרמאַלער פאַזע. אין יענער צייט ווערען אונטערגענומען מצד דער לייטונג באַמיהונגען, אַז די האַנטווערק - שול זאָל געענדערט ווערען אויף אַ געווערב-שול, אויף וואָס ס'איז אויך געלונגען באַ דער מאַכט צו באַקומען די דערלויבעניש. די „געווערב-שול" האָט גענומען זייט דעמאָלט שטייגען, ס'זענען פאַרפולט געוואָרען די שילער-גרופּען און ס'זענען שטאַרק פאַר-גרעסערט געוואָרען וואָס אַמאָל אַלץ מער די למודים אין דער שול.

דעם 24 פעברואַר 1927 איז לעגאַליזירט געוואָרען דורך דער מאַכט די

## „געז. צו פאַרשפּרייטען בילדונג און טעכניש וויסען צווישען די יודען אין לאָדזש"

וועלכע האָט איבערגענומען אין איר רשות דאָס פאַרמעגען פון דער פריהעריגער „געז. תּלמוד תּורה".

די געווערב-שול באַזיצט: מעכאַנישער אָבטייל, (מאַשינען-בוי), עלעקטראָ-טעכנישער און וועבעריי-אָבטיילונגען. די שול בילדעט מייסטערס און טעכניקער פאַר דער מעטאַל, עלעקטרישער און טעקסטיל-אינדוסטריע. אין דער שול ווערט געלערענט האַלב טעאָרעטישע און האַלב פּראַקטישע למודים. ס ווערט אויך געלע-רענט: פּויליש, מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע, רעכטוויסענשאַפט, געאָגראַפיע, האַנדעל-וויסענשאַפט, בוכהאַלטעריע, קאַלקולאַציע און האַנדעל-קאָרעספּאָנדענץ.

אויפ'ן ערשטען קורס ווערען אָנגענומען קאַנדידאַטען פון 14 ביז 18 יאָר, צושטעלענדיג אַ צייגעניש פון 7 קלאַסיגער פאָלק-שול, אָדער, וועלכע באַלייגען אַנ'עקזאַמען.

די „געז. צו פאַרשפּרייטען בילדונג און טעכניש וויסען צווישען די יודען אין לאָדזש" האָט אַמאָל באַקומען סובווענצען פון לאָדזשער מאַגיסטראַט, מיניסטעריום פאַר רעליגיע און פון מיניסטעריום פון געזעלשאַפטלעכער שוץ, געז. י. ד. צ., האַנדעל און אינדוסטרי-קאַמער און יודישער קהלה.

צוליב' הערשענדיגען קריזיס זענען די לעצטע יאָרען די סובווענצען פאַרקלענערט געוואָרען ביז צו דער העלפט.

אין דער געווערב-שול לערענען אַנ'ערך 220 שילער און דערפון געניסען אַ 30 פּראָצענט פון הנחות.

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ה'ה: נפתּלי בוקעט – פּרעזעס, סאַלאָ דאַנציגער – וויצע, אַדוו. זיגמונט מענקעס – סעקרעטאַר, ווו. קאָנסול מאַקס קאָן – קאַסירער, אינזש. מאַרצעלי אַבראַמסאָן, דאַניעל בערקאָוויטש, ווילהעלם לובאַווסקי, י. ל. מינצבערג, אינזש. איזאַק שטיינהאַרט, מיעטשיסלאַוו ראָזענבלאַט, י. בערלינערבלוי, נחמן שוואַרץ, קאַראָל רייזפעלד און אינזש. ה. פאַבריקאַנט. רעווידיר קאָמיסיע: ב. גינצבערג, ל. עפּשטיין און ב. פּערעלשטיין.

## פאַרוואַלטונג:


קאַראָל רייזפעלד
פאַרוו. מיטגל.


אַדוו. זיגמונט מענקעס
סעקרעטאַר


נפתּלי בוקעט
פּרעזעס


סאַלאָ דאַנציגער
וויצע


ווו. קאָנסול מאַקס קאָן
קאַסירער


דעפּ. י. ל. מינצבערג
פאַרוו. מיטגל.

# מחזיקי הדת

אין 1899 י. האָבן אַ פּאָר היגע חשובע מענטשען גע־שאַפען אין עטלעכע שטיבלעך אין בתי מדרשים שעורים פאַר דערוואַקסענע בחורים, וואו ס'פלעגן לערנען מיט זיי אַ פּאָר שעה יעדען טאָג ספּעציעלע מלמדים. אזוי זענען יאָרן־לאַנג די שעורים געפירט געוואָרען. די פאַרמעגלעכערע בחורים פלעגען צאָלען שכר־לימוד און די רעשט איז געזאַמעלט געוואָרען פון יחידים לטובת די שעורים. די ערשטע, וואָס האָבן בשעתו אַ סך אויפגעטוען און האָבן פאַרדינט דערמאָנט צו ווערען, זענען: מאיר בונים נייהויז, יוסף הערצקע נאַטאַנסאָן, י. מ. גוטער, אַבאַ טרויבע.

אין 1912 י. איז נאָך גרויסע באַמיהונגען לעגאַליזירט גע־וואָרען די ישיבה „מחזיקי הדת", דורך דער ג. רוסישער מאַכט. אויפ'ן סטאַטוט פיגורירען די נעמען פון די גרינדער: ישראל בוימבערג, שלמה יאַקובאָוויטש, מאיר בונם נייהויז און לייבוש ווייכסעלפיש.

דעמאָלט איז געדונגען געוואָרען דאָס ערשטע לאָקאַל אויף סאָלנע 7 און די ישיבה „מחזיקי הדת" האָט אָנגעהויבען אַריינצונעמען וואָס אַמאָל אַלץ מער בחורים. אַזוי איז געפירט געוואָרען די ישיבה ביז'ן אויסברוך פון דער מלחמה.

די ערשטע מלחמה־יאָרען איז די ישיבה געווען פאַרמאַכט. דערנאָך ווערט זי דורך דער ענערגישער אַרבעט פון אהרן יוסף וואָידיסלאַווסקי צוריק אויפגעשטעלט כמקדם. אין יענער צייט האָבן געלערנט אין „מחזיקי הדת" ביז 150 גרויסע בחורים.

אין 1923 י. ווען ס'איז איינגעפירט געוואָרען דער אַלגע־מיינער שול־צוואַנג אין לאַנד, ווערט „מחזיקי הדת" שטאַרק פאַרגרעסערט, ווייל, חוץ דער ישיבה איז געשאַפען געוואָרען אַ חדר פאַר קלענערע יונגלעך, וואו ס'ווערען געלערנט למודי קודש און למודי חול, איינגעטיילט אין 10 כתות. די בחורים, וועלכע גייען אַרויס פון „מחזיקי הדת", ענדיגען 7 אָפּטיילונגען פון דער אַלגעמיינער פאָלק־שול און קאָנען לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות, און ווערען אָנגענומען אין דער מתיבתא אין וואַרשע, און ישיבת חכמי לובלין.

דער מנהל פון למודי קודש אין זייט 1919 י. ר' שמואל דאַווידאָוויטש און לייטער פון וועלטלעכע למודים ה' מיכאל גינזבורג.

אין 1929 י. האָבן די ה'ה: אברהם דוד אייזנער און שלום ביאַלער אַדורכגעפירט אַ גרויסע זאַמעל־אַקציע לטובת „מחזיקי הדת". דערנאָך געלאָזט פולשטענדיג רעמאָנטירען דאָס לאָקאַל, אַריינשטעלענדיג נייע פענצטער, פּאָדלאָגעס, אויוועגס, וואָס האָט אָבגעקאָסט אַנ'ערך 40 טויזענט גילדען און דערבאַ האָבן זיי געגעבען אַ סך פון זייער אייגענער טאַש.

דער בודזשעט פון „מחזיקי הדת" מאַכט אויס 70 טויזענט גילדען יערלעך, וועלכער שטעלט זיך צונויף פון מיטגליד־אָפּ־צאָל, סובסידיעס, לעגאַטען און גרעסערע באַשטייערונגען.

„מחזיקי הדת" איז איינע פון די עלטסטע תלמוד תורות אין אונזער שטאָט, וואו ס'לערנען איצט ביז 500 תלמידים. די טעטיגע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ה'ה:

יהושע באָראָווסקי—פּרעזעס, יוסף גרילאַק—וויצע, שלמה אייבעשיץ — סעקרעטאַר, שלמה קאָרזשעץ — קאַסירער, אַבאַ טרויבע, אַהרן יוסף וואָידיסלאַווסקי, אַברהם דוד אייזנער, אלי' קרישעק, איטשע אַלטמאַן, בונם לעווין, בונם אַלבעק, בונם גורמאַן, בערעל גאָדעל טשאַרנאָלעווסקי, וואָלף ראָזענשטיין, יצחק מאיר גוטער, יעקב מאַראָקאָ, מאָטעל ליפשיץ, שלום ביאַלער, שבתי בוזין, שלמה גרינבערג און שמואל בער גיסקע.

פּאַרוואַלטונג:



יוסף הערצקע נאַטאַנסאָן



שלום ביאַלער



אהרן יוסף וואָידיסלאַווסקי



גאָדעל טשאַרנאָלעווסקי



מאָטעל ליפשיץ



בונם גורמאַן

# תומכי תמימים
## ישיבת חב״ד

אין 1929 איז דורך דער איניציאַטיוו פון די ברידער ה׳ה: בער יצחק און יהושע יעקב שניאורסאָן געגרינדעט געוואָרען אַ ישיבת חב״ד, אונטער׳ן נאָמען „תומכי-תמימים״ ליובאַוויטש, אויף פּאָלודניאָווע 25, לויט׳ן מוסטער פון די עקזיס-טירענדיגע ישיבות תומכי-תמימים אין פוילען און אין אויסלאַנד, אונטער דער נשיאות פון ליובאַוויטשער רבי שליט״א. אין דער

הלמוד ווי: גפ״ת, פלפול, הוראה דורך רמי״ם גדולי תורה, ווערט אויך געלערענט דער למוד החסידות חב״ד. יעדער תלמוד ווערט באַזאָרגט אין דער ישיבה מיט אַלע זיינע הצטרכות׳ן, כדי דער תלמיד זאָל נישט ווערען געשטערט און פאַרפולקומען זיך אין למוד הנגלה והחסידות און נישט דאַרפען אָנצוקומען צו פרעמדע טישען.



ליובאַוויטשער רבי שליט״א
דער נשיא פון די ישיבות
„תומכי תמימים״

ישיבה זענען אַריינגענומען געוואָרען קרוב 100 תלמידים, וועל-כע זענען אויסגעהאַלטען געוואָרען מיט אַלע הצטרכות׳ן: עסען,

די פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ה׳ה: ערען-פּרעזעס הרה״ג ש. ז. שניאורסאָן שליט״א, מיכאל יוסף בערנשטיין —

### פאַרוואַלטונג



זלמן מאיר גוטמאַן
מנהל רוחני



יהושע. שניאורסאָן
סעקרעטאַר



אַ. שטיינשניידער
וויצע



הרב ש. ז. שניאורסאָן
ערען פרעזעס



בער שניאורסאָן
וויצע



ש. נ. פרומעס
פאַרוו. מיטגל.

שלאָפען, קליידונג. די אָרעמע תלמידים האָבען דאָ געפונען זייער היים צו קאָנען לערנען בכנוחה.

אין 1933 האָט דער עסקן ה׳ אַברהם אלחנן שטיינ-שניידער געשאָנקען דער ישיבה אַ לאָקאַל פון 7 שטובען אויף פּאָמאָרסקע 41אַ, איינגעאָרדנעט לויט די לעצטע פאָדערונגען פון היגיענע, מיט באָד-צימער און צענטראַל-באַהייצונג.

דער פּראָגראַם פון ישיבה איז אַ חוצדעם אַלגעמיינעם סדר

פרעזעס, אַברהם אלחנן שטיינשניידער און בער יצחק שניאור-סאָן וויצע-פרעזעסען, זלמן מאיר גוטמאַן—מנהל רוחני, יעקב יהושע שניאורסאָן — גענעראַל סעקרעטאַר, שלמה האָלצמאַן — לייטער פון דער ווירטשאַפט, זאב סלאַווין — קאַסירער. פאַר-וואַלטונג-מיטגלידער: שמואל נחום פרומעס, און זאב בערגער.

# ביאָגראַפּישע מאַטעריאַלן

[Biografies]

# ביאָגראַפיעס

# א.

## אוגער ישעיהו



געבוירען דעם 15/8, 1873, אין האָראָשקי, וואָלין. באַ אַ יחוסדיגער פאַמיליע, וואָס שטאַמט פון ר׳ עקיבא אייגער.

באַ זיינע עלטערן האָבען פאַרקערט: מענדעלע מוכר ספרים, בינשטאָק, צווייפעל, קולישער און אַנדערע פערזענלעכקייטען. דערצויגען געוואָרען אין זשיטאָמיר. געענדיגט אַ מאָסקווער גימנאַזיע. אַלס 13-יאָריגער שילער פאַרעפענטלעכט שוין זיינע אַרבעטען אין צעדערבוים׳ס „פאָלקסבלאַט", אין „המליץ" און קאַנטאָר׳ס „היום". באַזוכט די הויכשולען פון קעניגסבערג (פילאָלאָגיע) און שאַרלאָטענבורג (טעכנאָלאָגיע). בעת׳ן גירוש אין 1892 ווערען זיינע עלטערן אַרויסגעטריבען. 1894 אַהערגעקומען נאָך לאָדזש. זייט 1897 שטענדיגער מיטאַרבעטער אין הערצעל׳ס „די וועלט", דעמאָלט געשריבען זיינע טעאַטער-איבערזיכטען אין „נאָוואָסטי", (ביילאַגע) און אין „דייטשער טאַגעבלאַט". דערנאָך געווען קאָרעספאָנדענט פון דער „פראַנקפורטער צייטונג". זיין יודישע זשורנאַליסטישע טעטיגקייט צוריק אָנגעהויבען, אין פעטערבורגער „פריינט", 1903, שפעטער מיטגעאַרבעט אין „דאָס לעבען" וואַרשע, „דעם מאָג" פעטערבורג, סאָקאָלאָוו׳ס „טעלעגראַף", „די טעאַטער - וועלט".

1905 טרעט ער אַריין אַלס מיטרעדאַקטאָר פון דער היגער דייטשער „נייע לאָדזשער צייטונג", וואו דורך אים קריגט די צייטונג אַ פאָזיטיווע באַציהונג צום יודישען לעבען. 1907 געגרינדעט צוזאַמען מיט אבא קאַסמאַן און אַרויסגעגעבען די ערשטע היגע טעגלעכע יודישע צייטונג „לאָדזשער נאַכריכטען", און האָט אַדורכגעפירט די פיאָנערישע אַרבעט פון שאַפען אַנ׳עפענטלעכע יודישע מיינונג. 1907 צוליב אַ ריי פאַרפאָלגונגען, ווערט ער איינגעזעצט אין תפיסה. נאָך אַ קורצער צייט—באַפרייט. רעדאַגירט ווייטער די דערמאָנטע צייטונג, אָבער נאָך 7 חדשים ווערט זי פאַרמאַכט. אין דעם יאָר ווערט דורך אים געגרינדעט, צוזאַמען מיט׳ן פאַרשטאָרבענעם עמנואל האַמבורסקי, און אַרויסגעגעבען די היגע טעגלעכע צייטונג „לאָדזשער טאַגעבלאַט", וואו ער איז רעדאַקטאָר און שרייבט אַרטיקלען, אַ ריי צייטונג-ראָמאַנען, היסטאָרישע דערציילונגען, הומאָרעסקעס. אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה פאַר נעגאַטיווער שטעלונג צו דער דייטשער פאָליטיק אויסגעשטאַנען רדיפות פון די דייטשע אָקופאַנטען, וועלכע האָבען אָבגעשטעלט די צייטונג אויף אַ יאָר צייט. וועגען דעם האָבען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען בשעתו אַריינגעטראָגען אַן׳אינטערפעלאַציע אין דייטשען רייכסטאַג. 1915-16—פאַרזיצער פון היגען האַנטווערקער-קלוב. 1915-17 לעקטאָר איבער יודישער ליטעראַטור, שפראַך און נאַציאָנאַלע פראַגען אין היגען „בית-עם", אויך געהאַלטען רעפעראַטען אויף דער פראָווינץ. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרען פון דער יודישער טורן-באַוועגונג אין פוילען, פאָרזיצער פון דער ערשטער יודישער טורן-קאָנפערענץ אין לאָדזש, 1916, וויצע-פרעזעס פונ׳ם „פאַרבאַנד פון די יודישע טורן-פאַראיינען אין פוילען", רעדאַקטאָר פון דעם צענטראַל-אָרגאַן „דער יודישער טורנער". 1917-20 ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט. 1917-18 רעדאַקטאָר פון די ציוניסטישע זאַמעלביכער „בלוי-ווייס", פאַרעפענטלעכט אַ ביאָגראַפישע שטודיע „יחיאל טשלענאָוו", „די בני ציון"—מאָסקווע, און אויטאָמאַנסיפאַציע פון ד״ר פינסקער. 1916 האָט דאָ יוליוס אַדלער אויפגעפירט זיין „קאַפיטאַן דרייפוס" (11 מאָל) מיט גרויס דערפאָלג. 1920 באַזוכט אַמעריקע, אַרויסגעגעבען אין טשיקאַגאָ, (עטלעכע נומערן) אַנ׳אילוסטרירטן זשורנאַל „די יודישע ביזנעס-וועלט". שפעטער מיטאַרבעטער פון „מאָרגען-זשורנאַל" און „אַמעריקאַנער". 1922 צוריקגעקומען אַהער און איז זייט דעמאָלט דער מזרח-קאָרעספאָנדענט פון „מאָרגען-זשורנאַל". חוצדעם זענען דערשינען אין באַזונדערע אויסגאַבען צוויי נומערן פון „אַ פאָלקס-ביבליאָטעק", 1909, און די הומאָריסטישע סקיצען „מגלת דאַטשע" 1914. זיינע הומאָריסטישע איינאַקטערס „דער אַסימיליאַטאָר און דער רעזערוויסט", זענען אויפגעפירט געוואָרען אויף דער פוילישער פראָווינץ, דורכ׳ן אַרטיסט ס. קוסטין. געווען פאָרזיצער פון היגען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען-פאַראיין, פון „הזמיר" און פאָרזיצער פון דער יודישער סעקציע באַ׳ם זשורנאַליסטען-סינדיקאַט. איצט פריזידיום-מיטגליד פון שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט, ווי אויך פון רעטונג-קאָמיטעט. פון זיינע אַרטיקלען האָט אַרויסגערופען גרויס אויפזעהען: „נעבעך, יודיש!" (אין דער יובילעאום-ביילאַגע נ. 17, פון „פריינט", 1912). נאָך נישט פאַרעפענטלעכט אַ שטודיע וועגען רעמבראַנדט׳ן און אַנ׳אַרבעט וועגען דעם מאָדערנעם טעאַטער.

## אולינאָווער וואָלף



געבוירען דעם 1893, אין אַ היגער חסידישער סוחרישער פאַמיליע. דער מאַן פון דער יודישער שרייבערין מרים אולינאָווער.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין „לינת הצדק", האָט אַנטייל גענומען אין דער „משמורים-סעקציע", און אין דער „נאַכט-פאָגאָטאָוויע". בעת דער מלחמה מיטגעאַרבעט אין דאַמאָלסדיגען „לאָדזער יודישען הילף-פאַראיין, אין „רויטען קרייץ" און אין „עזרה". זייט עטלעכע יאָר טעטיג אין קאָלאָניאַל-הענדלער-פאַראיין", און פאַרנעמט דעם אַמט אַלס פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע. גלייכצייטיג געווען מיטגרינדער פון דער „קאָאָפּעראַטיוובאַנק", און שטייט אין דער שפיץ פון איר. חוצדעם געהער ער אַלס מיטגליד פון די שאַצונג-קאָמיסיעס אין פינאַנץ-אַמט, ווי אויך אין דער יודישער קהלה. אין „לינת הצדק" איז ער איינער פון די עלטסטע מיטגלידער, וואו ער אַרבעט כסדר פון די ערשטע יאָרען, ביז׳ן היינטיגען טאָג.

## אָפּאַטאָווסקי סאַלאָ



געבוירען דעם 15. יאַנואַר, 1879, אין קוטנע, באַ אַ רייכער פאַמיליע. געלערנט פריער אין בית-המדרש, שפעטער געווען אַ תלמיד פון ר׳ יהושע׳לע קוטנער. געענדיגט דעם לערער-סעמינאַריום אין ליפּנע. באַזוכט אויך דעם ראַבינער-סעמינאַריום פון ד״ר

הילדעסהיימער אין בערלין. ווערענדיג אַ יתום און אָן מיטלען צום לעבען, ציהט ער אַ צייט חיונה פון געבען לעקציעס. פאָרט אַוועק נאָך אַמעריקע, און ווערט אינספעקטאָר אין דער פאַרזיכערונג-געזעלשאַפט: „ניו-יאָרק". איינמאָל אַנטייל גענומען אין קאָנקורס, וואָס די געזעלשאַפט האָט איינגעאָרדענט, און באַקומען דעם ערשטען פריז. זייענדיג דאָרט ווערט ער אַריינגעפירט אין קרייז פון יעקב גאָרדאָן, פּראָפעסאָר הורוויטש, יעקב פּ. אַדלער און מאגולעסקאָ, מיט וועלכע ער האָט גוט באַפריינדעט זיך, און אַ צייט געלעבט צווישען זיי. זייט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבען צו אינטערעסירען זיך מיט קונסט, און ס'זענען פאַראַן איצטער גאַנץ באַקאַנטע קינסטלער, זיינע פריינט, וואָס האָבען אים אַ סך צו פאַרדאַנקען.

ס. אָ. קומט אָן נאָך לאָדזש און ווערט דירעקטאָר פון דער היגער געזעלשאַפט „סאַלאַמאַנדראַ". בעת דירעקטאָר יצחק זאַנדבערג האָט אָנגעפירט מיט'ן היגען יודישען טעאַטער, איז ער געווען זיין איבערגעגעבענער פריינט און מיטהעלפער. דורך זיין איניציאַטיוו, זענען אַראָבגעבראַכט געוואָרען אַהער פון אַמעריקע זיגמונט פיינמאַן און דוד קעסלער, וועלכע האָבען דעמאָלט אַריינגעבראַכט אַנ'אויפלעבונג אין היגען יודישען טעאַטער. פלעגט אַמאָל איינער אַליין, באַצאָלען פאַר דער גאַנצער פאָרשטעלונג, און הייסען שפּילען. אָבער דאָס האָט ער געטון נישט לשם רעקלאַמע-צוועקען, נאָר כדי צי פאַרמיידען, אַז אויף דעם אָוונט זאָל דאָס טעאַטער געשלאָסען ווערען.

די ערשטע צייט געווען איינער פון די געציילטע, וואָס האָבען געשאָנקען זייער אויפמערקזאַמקייט יוליאַן טובימען, און זיין ערשטער באַנד לידער: „דאָס לויערן אויף גאָט", האָט ער טאַקע אַרויסגעגעבען.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען אַרטור שיק האָט נאָך דעמאָלט געוואוינט באַ אונז אין שטאָט, פּשוט אין די ערגסטע באַדינגונגען און פון קיינעם נישט געזעהען,—פלעגט ער כסדר אים באַזוכען אין זיין אַטעליע, קויפען שטענדיג בילדער און באַשטעלען אַנדערע, פאַר גאַנץ הויכע פּרייזען, און אַזוי אַרום דערמעגלעכט דעם דאַמאָלסדיגען יונגען קינסטלער ווייטער צו אַרבעטען... דאָס איז אַ שטילער יודישער מעצענאַט.

בעת דער מלחמה האָט ער דאָ געעפענט זיין אייגענע באַנק, (בענעדיקטע 1), וועלכע איז געווען טעטיג אַ ריי פון יאָרען. זייט 1925 איז ער דירעקטאָר פון דער היגער פאַרזיכערונג-געזעלשאַפט „פּזשישלאָשטש", ווי אויך מיטגליד אין דער הויפּט-פאַרוואַלטונג באַ דער אַקציען-געזעלשאַפט.

1932 האָט ער געפייערט זיין 30-יאָריגען יובל פון דער טעטיגקייט אויפ'ן אַסעקוראַנץ-געביט. באַ דער געלעגענהייט האָט די אָרטיגע פרעסע געווידמעט וועגען אים אַ ריי וואַרעמע אַרטיקלען.

## ב.

# בייגעלמאַן דוד.



געבוירען דעם 6. אַפּריל, 1888, אין אַסטראָוויעץ, באַ אַ בעל-הבית'ער פאַמיליע. געלערענט אין חדר, דערנאָך אין דער ישיבה. אַלס 14-יאָריג יונגעל אַבגעגעבען געוואָרען צו אַ קלעזמער אויף דער לער, אָבער נאָך עטלעכע חדשים האָט יענער גאָר געוויינען אויף דער לאָטעריע, און אויפגעהערט צו פאַרנעמען זיך מיט זיין פריהעריגער באַשעפטיגונג. דערווייל ציהען אַריבער זיינע עלטערן נאָך סאָסנאָוויעץ, דאָ נעמט ער לעקציעס באַ'ם פּראָפעסאָר קוגעל, אין פידעל, טעאָריע און האַרמאָניע. מיט אַ סך יאָר שפּעטער ווען ער האָט שוין געשפּילט אין אָרקעסטער פון היגען „אַפּאָלאָ"-טעאַטער, איז גראָד דעמאָלט געווען דאָרט דיריגענט ריכאַרד אַנטאָניוס, פּראָפעסאָר פון בערלינער קאָנסערוואַטאָריום, יענער דערזעהט זיינע פעהיגקייטען און נעמט אים אונטער זיין אויפזיכט—ווערט אונטעריכט דורך אים. 1906-7 טרעט ער שוין דאָ אויף אַלס ערשטער פידלער אין אָרקעסטער פון יודישער טעאַטער, באַ זאַנדבערג'ן. דערנאַך אַרומגעפאָרען מיט אַנ'איטאַליענישער אָפּער. זיין ערשטער דעביוט אַלס דיריגענט איז געווען אין אַמאָליגען „סקאַלאַ", בעת דירעקטאָר קאַסטעליאַנאָ האָט דאָרט געהאַלטען אַ וואַריעטע-טעאַטער. אין די ווייטעריגע יאָרען איז ער טעטיג אַלס דיריגענט פון היגען יודישען טעאַטער, באַ יוליוס אַדלער'ן. דעמאָלט אָנגעהויבען צו שרייבען אייגענע טעקסטען מיט מוזיק, וועלכע ווערען דאָרט אויך כסדר אויסגעפירט מיט גרויס דערפאָלג. ווערט אַנגאַזשירט אַלס דיריגענט פון דער דאַמאָלסדיגער דייטשער אָפּערעטע, באַ וואַסערמאַנ'ען, וואו ער פאַרנעמט דעם פּאָסטען עטלעכע סעזאָן. דערנאָך האָט ער געאַרבעט אַלס פידלער אָדער, אַלס דיריגענט אין די פאַרשידענע טעאַטערס. 1926 אַנגאַזשירט געוואָרען נאָך אַפריקאַ אין דאָרטיגען יודישען טעאַטער. באַזוכט דעמאָלט בראַזיליען, אַרגענטינע, פאַראַגוויי, אוראַגוויי און פאַריזש. נאָך אַנדערהאַלבען יאָר צוריקגעקומען נאַך לאָדזש. 1928 הייבט ער אָן מיטצואַרבעטען אין היגען רעווי-טעאַטער „אררט", וואו אין משך פון עטלעכע יאָר שרייבט ער כסדר צו אַלע פּראָגראַמען זיין מוזיק, וואָס דורך איר האָט ער אָפּטמאָל באַוויזען אַ סך מחדש צו זיין אויפ'ן געביט פון לייכטער מוזיק, און געקריגען אָנערקענונג מצד דער קריטיק ווי פון פובליקום. 1930 פאַרבעטען נאָך ריגע אין דאָרטיגען יודישען „מעוטים-טעאַטער", וואו אַלס דיריגענט פאַרבליבען אַ יאָר צייט. גלייכצייטיג אויך געשריבען זיין אייגענע מוזיק צו אַ גאַנצע ריי יודישע טעאַטער-שטיק, וועלכע זענען דאָרט אויפגעפירט געוואָרען, ווי: „דער גולם" פון ה. לייוויק, „פרנסה" פון ח. גאָטעספעלד, אויך איבערגעאַרבעט די מוזיק צום „טויבען" פון דוד בערגעלסאָן. צוריקקומענדיג ווייטער גענומען אַרבעטען אין היגען „אררט", וואו ער האָט שוין ביז איצט געשאַפען זיין מוזיק צו 13 גאַנצע פּראָגראַמען, און האָט גרויסע פאַרדינסטען פאַר אָט דעם אייגענאַרטיגען רעווי-טעאַטער.

חוצדעם האָט ער געשריבען זיין מוזיק צו די יודישע טעאַטער-שטיק: „מסעות בנימין השלישי" פון מענדעלע מוכר ספרים און צו „נאַכט-שאָטענס פון מ. פראַנקענטאַל.

אין דרוק זענען דערשינען זיינע אייגענע טעקסטען מיט נאָטען: „יודיש יונגעלע". „אַ מאַמעניו", „פריילין מיידעל", „קוים מיט צרות". אין פוילישען: „W spelunce" און אין רוסישען: „Всѣ танцуют".

דוד בייגעלמאַנ'ס קאָמפּאָזיציעס צייכענען זיך באַזונדער אויס מיט זייער מעלאָדישקייט, פאָלקסטימלעכקייט — און אַ סך פון זיי ווערען דעריבער געזונגען פון ברייטען יודישען עולם.

## ביסטער גרונם



געבוירען דעם 25. מערץ, 1900, אין סאָכאַטשאָוו, באַ אַ בעל־הבית׳עשער פאַמיליע.

געלערענט אין חדר, אויך באַ פריוואַט־לערער. צו 13 יאָר אַנגעקומען נאָך לאָדזש, וואו ער טרעט אַריין אויף אַ פאָסטען און אַרבעט אַלס אַנגעשטעלטער ביז 1923. אין דעם יאָר עפענט ער מיט אַ שותּף אַן׳אייגען שטרימף־געשעפט, א. פ, „י. שאַפיר און ג. ביסטער". נאָך אַ קורצער צייט איז עס אָבער ליקווידירט געוואָרען. 1924 ווערט דורך די ביידע דערמאָנטע שותּפים געגרינדעט דאָ אַ מעכאַנישע שטרימף־פאַבריק, און נעמען אויסאַרבעטען אויף רונד־מאַשינען זייער אייגענע סחורה. 1928 קויפען זיי קאָטאָן־מאַשינען; גלייכצייטיג זענען זיי געווען פון די ערשטע, וואָס האָבען מיטגעהאָלפען צו דער אַקציע, איבערצושיכטען יודישע בעלי־מלאכות אין דער קאָטאָן־בראַנזשע. איצט באַשעפטיגען זיי אין דער פאַבריק 90 פראָצענט יודישע אַרבעטער.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, אין 1918. געווען מיטגרינדער פון אַמאָליגען קינדער־היים „עזרת ילדים", (זגערזשער 40). די ערשטע יאָרען מיטגעאַרבעט דאָרט אַקטיוו אין דער פאַרוואַלטונג. דערנאָך געווען טעטיג אין ספּאָרט־קלוב „הכח". איצט איז ער פאַרוואַלטונג־מיטגליד אין צענטראַלען סוחרים־פאַראיין, (פיעטריק. 10) אויך לאַנגיאָריגער מיטגליד אין שידס־געריכט באַ׳ם דערמאָנטען פאַראיין. מיטגליד אין די שאַצונג־קאָמיסיע באַ׳ם פינאַנץ־אַמט. לעצטענס אויסגעוויילט געוואָרען: אַלס וויצע־פאָרזיצער פון „בית יתומים", (זגערזשער 40), פאָרזיצער פון היגען ספּאָרט־קלוב „מכבי", אויך דער לייטער פון דער פוסבאָל־מאַנשאַפט.

## בעזמאַן איסר



געבוירען דעם 1867, אין בערדיטשעוו, באַ אַ רייכער בעל־הבית׳ישער פאַמיליע.

(דער פאָטער זיינער משה האָט געהאַט דאָרט עטלעכע הייזער און געפירט קאָמיסיאָנגעשעפטען. געהאַלטען אויך אין פאַכט דאָס טעאַטער „עלדאָראַדאָ", און דעם „צירק"). געלערנט אין דער שטעטישער רעגירונג־שול און געענדיגט 5 קלאַסען. אַלס 18 יאָריגער בחור אַוועק נאָך אַמעריקע אויף אַ לוסט־רייזע; אַ צייט שפּעטער אויך דאָרט געווען נאָך עטלעכע מאָל. צו 26 יאָר געעפענט אין זיין געבוירען־שטאָט אַ „געווענט־שניט", (סחורות קראָם) אין יענער צייט איז דאָרט אַראָבגעקומען אַ יודישע טרופּע און נישט געהאַט דעם באַגאַזש אויסצוקויפען, באָרגט זיי אויס דאָס געלט, דערנאָך האָט ער געשלאָסען מיט דער טרופּע אַן׳אָבמאַך, און צוגעטרעטען אַלס מיטבאַטייליגטער אין איר. די דירעקציע איז דעמאָלט באַשטאַנען פון בערנשטיין און א. בעזמאַן.

צו דער טרופּע האָבען געהערט, מענער: ווייסמאַן, פישעלעוויטש, בראָנשטיין, אָבעלמאַן, זשאָרוש, און פרויען: מאַלווינאַ באָריסאָוואַ, (פרימאַדאָנאַ), בראָנשטיין און פישעלעוויטש. שפּעטער זענען צוגעקומען שפּיוואַקאָווסקי און אויך קרויזע (איצט אין אַמעריקאַ). זי האָט גאַסטראָלירט עטלעכע יאָר אין טשערניגאָווער, פּאָלטאַווער, קיעווער גובערניעס, און געמאַכט גרויסע געשעפטען.

שפּעטער איז ער אָנגעקומען נאָך אָדעס צו אברהם יצחק קאַמינסקי׳ן אַלס געשעפט־פירער. נאָך אַ יאָר צייט איז ער פון דאָרט צוזאַמען מיט דער טרופּע אַוועק נאָך וואַרשע אין „באַגאַטעלאַ"־טעאַטער, וואו זי האָט געשפּילט אַ סעזאָן צייט.

דערווייל ווערט ער אַרויסגערופען נאָך לאָדזש, וואו ער קומט גלייך אַריבער צוזאַמען מיט יצחק זאַנדבערג (דעמאָלט געשפּילט אַלס אַרטיסט אין וואַרשעווער מוראַנאָווער טעאַטער) און זיי ביידע דינגען דאָס אַמאָליגע היגע „גרויסע טעאַטער", פאַר אַ יודיש טעאַטער.

זייט דעמאָלט האָבען זיי ביידע דערמיט אָנגעפירט, ביז׳ן אויסברוך פון קריג.

דאָס היגע יודישע טעאַטער פון דער צייט האָט אַ רוהמפולע פאַרגאַנגענהייט און געהערט צו די גלאַנץ־עפּאָכען פון יודישען טעאַטער־לעבען בכלל אין פוילען. — ס׳זענען דאָרט אויפגעטרעטען גרויסע יודישע שוישפּילער און געמאַכט געוואָרען אַ סך נייע ערענסטע אויפפירונגען.—ס׳איז מער ווי זיכער, אַז איסר בעזמאַן האָט אויך אַ סך מיטגעהאָלפען אויפצושטעלען עס אויף זיין הויכער מדרגה.

אין 1914 איז ער אַוועק נאָך אָדעס, שטעלט זיך דאָרט צוזאַמען אַ טרופּע און נעמט אָנפירען מיט׳ן דאָרטיגען יודישען טעאַטער. צוערשט האָט עס געשפּילט אין „נייעם טעאַטער" אויף דער יודישער גאַס, דערנאָך אין רוסישען טעאַטער אויף דער גריכישער גאַס. ס׳האָבען דעמאָלט געשפּילט באַ אים: קלאַראַ יאָנג, פּעפּי ליטמאַן, סאָניע אַריעל, (אין דעם יאָר האָט ער מיט איר חתונה געהאַט), י. א. סאַמבערג מיט דער גאָטליב, דראַנאָוו און זיין פרוי, זילבערבערג מיט דער דאַלסקאַ, אליעזר זשעלאַזאָ און די יונגע בירענבוים (איצט אין אַמעריקאַ), אַדאָלף בערמאַן מיט דער טרילינג, גאָרטעלעוויטש, יעקב לערמאַן, ליאָוקע ברוין, (איצט אין רוסלאַנד), וואָלקענשטיין און זיין פרוי, קאַנאַפּאָוו און לעבעדיעוו, אויך אַ כאָר פון 12 דאַמען און 8 מענער, אונטער דער רעזשי פון בועז יונגוויץ. די גאַנצע טרופּע האָט באַקומען גאַזשע. דאָס איז געווען אַ יודיש אָפּערעטען־טעאַטער, וואָס האָט דאָרט געשפּילט גאַנצע צוויי יאָר און געמאַכט גאָלדענע געשעפטען.

פון דאָרט איז די טרופּע אַוועקגעפאָרען נאָך קיעוו, (בעת קערענסקי׳ס צייטען) וואו זי איז פאַרבליבען אַ סעזאָן. דערנאָך נאָך קרעמענטשוג—צולעצט האָט זי געשפּילט אין מינסק אַנדערהאַלבען יאָר. אויף די אַלע ערטער איז די יודישע טרופּע אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס באַגייסטערונג, און די רוחים זענען געווען גאַנץ באַטייטענדיגע.

1919 צוריקגעקומען נאָך לאָדזש, און צוזאַמען מיט א. ג. קאָמפּאַניעעצ׳ן איבערגענומען דאָס גרויסע טעאַטער, דערווייל איז עס גאָר אָבגעבערענט געוואָרען. ווערט צייטווייליג געשעפט־פירער אין היגען יודישען „סקאַלאַ"־טעאַטער (באַ קופּערמאַנ׳ען). ווען אונזער שטאָט איז געבליבען אָן אַ יודיש טעאַטער, דעמאָלט נעמט ער זוכען כלערליי עצות און מעגלעכקייטען ביז צולעצט איז אים געלונגען צו שאַפען די נייע „פלאַצובקע", דעם „פילהאַרמאָניע"־זאַל און עס צוגעפּאַסט פאַר אַ טעאַטער. זייט דעמאָלט פירט ער ווייטער אָן מיט אים. דורך דער צייט האָט ער מיטגעמאַכט די אַלע לעצטע שווערע נסיונות און ראַנגעלנישען פון היגען יודישען טעאַטער. שוין 40 יאָר, אַז איסר בעזמאַן, איז אַרייגעטרעטען און אַרבעט, פירט אָן מיט׳ן יודישען טעאַטער, ביז היינט. אָפטמאָל פאַרוואָרפען געוואָרען אין די מרחקים, אָבגעריכט גלות צוזאַמען מיט אים, געליטען און מיטגעמאַכט

זיינע פריידען — פֿאַרבונדען זיין לעבען מיט'ן גורל פון יודישען טעאַטער.

## בענדער אסתר



געבוירען דעם 17/7, 1892, אין שעפּס, באַ אַ רייכער פאַמיליע. גע־ענדיגט אַ מי־טעל־שול אין פלאָצק.

איר געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנ־געהויבען, אין כאַרקאָוו, בעת'ן קריג טראָגט זי דאָרט הילף די „בּיעזשענ־צעס". זי קומט אָן נאָך לאָדזש און באַ־זעצט זיך דאָ מיט איר פאַמיליע. שפּע־טער האָט זי מיטגעאַרבעט אין „הרצליה", „יתומים־הויז פאַר קינדער פון רעזער־וויסטען". זייט אַ ריי יאָרען אַנטוויקעלט זי אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין „לינת הצדק", וואו זי האָט אַ סך באַגעטראָ־גען דורך איר פּאָזיטיווער אַרבעט און גרויסער מאַטעריעלער הילף, וואָס זי שאַפט שטענדיג פאַר דער אינסטיטוציע. חוצדעם איז זי פאַרוואַלטונג־מיטגלי־דערין אין „אָרט", ווי אויך פּאָרזיצערין פון דער קאָמיסיע „פאַר נישט־דירעקטע הכנסות", באַ דער געזעלשאַפט. לעצ־טענס אויסגעוויילט געוואָרען אַלס קוראַ־טאָרען פון עטלעכע אָבטיילונגען באַ „אָרט".

## בערמאַן אַדאָלף



געבוירען דעם 15. יאַנואַר, 1876, אין טוקום, נעבען ריגע, באַ אַ יחוסדיגער רייכער פאַ־מיליע.

באַזוכט דאָרט די רעגירונג־שול, שוין אַלס שילער האָט ער נישט אַרויסגעווי־זען קיין התמדה צום לערנען, דערפאַר אָבער איז ער געווען דער בעסטער צייכענער אין קלאַס, אַלע שילער פלע־גען אים פשוט מקנא זיין, און די לע־רער זענען אַריין אין התפעלות פון זיינע אַרבעטען, ווי אויך באַווינדערט זיינע גרויסע פעהיגקייטען אויף דעם געביט. ער ענדיגט די שול. דערוויל איז געשעהען באַ זיי אין שטוב אַנ'־אומגליק, בעת אַ שרפה זענען זיינע עלטערען שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרען, און ער איז גענויט צו פאַרדינען אויפ'ן שטיקעל ברויט. ווערט אַ בעל־מלאכה, באַלד וואַרפט ער זיך איבער צו אַ צווייט פאַך; צולעצט געוואָרען אַ שילדען־מאָ־לער. אַזוי האָט ער אָבגעלעבט אין דחקות און נויט, ביז 25 יאָר. מיטאַמאָל האָט זיך דאָרט געפונען עפּעס אַ פרוי, אַ קריסטען, וואָס פלעגט אים ליפערען כסדר פאַרשידענע אַרבעטען, ווי: גאָלט־שטיקערייען, פענער, און איינמאָל גע־בּרענגט אַ האַנטוך צו מאָלען פאַר'ן צאַר ניקאָליי II. אָבגעשפּאָרט אַנ'ערך 100 רובעל, איז ער אַוועק נאָך מינכען, וואו שפּעטער אַריינגעטרעטען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. ווידער הייבען זיך אָן פאַר אים הונגער־יאָרען, לעבט אין די ערג־סטע באַדינגונגען. פלעגט אָפט דאָרט צונויפזאַמלען די ברעקעלעך פון ברויט, וואָס די שילער האָבען געברענגט צום צייכענען. און דאָס אויפעסען. איינמאָל האָט אָבער דאָס באַמערקט אַ חבר'טע, זי איז שטיל אַרויס פון שול, דערנאָך צוריקגעקומען און אים דערלאַנגט אַ גאָלט־שטיק פון 20 מאַרק. פון דעמאָלט אָן האָט זי אים שטענדיג אונטערשטיצט. נישט קענענדיג שוין כמעט מער אַרי־בּערטראָגען זיינע עניום און יסורים, אַנטלויפט ער נאָך פאַריזש. דרייט זיך דאָרט אַרום אָן אַ פּרוטה אין דער טאַש, און הייבט אָן אין „לוור" צו קאָ־פּירען די בילדער פון די אַלטע מייס־טער. דאָס גיט אים שנעל די מעגלעכ־קייט גוט צו לעבען, ווי אויך ווייטער צו קאָנען שטודירען. נאָכ'ן אָבזיין דאָרט 4 יאָר, פאָרט ער אַוועק אויף אַ שטודיע־רייזע, וואָס דויערט 15 חדשים און באַזוכט: באַרצעלאָנאַ, מאַרסייל, דעם אינזעל מאַיאָרקאַ, אַלושיר, אַזש ביז סאַכאַראַ. דורך דער צייט געזאַמעלט שטודיען און בילדער, אַנ'ערך 200 שטיק.

בעת דעם קריג־אויסברוך עמיגרירט נאָך פוילען, דעמאָלט אָנגעהויבען אַ סך צו מאָלען פון יודישען לעבען, פאַר־קויפט אַזעלכע קליינע בילדער אין דער צאָל פון 2000 שטיק, אפילו אין די גרעסטע אַריסטאָקראַטישע הייזער, ווי: פירשט פאָן רייז, גענעראַל־קאָנסול קע־לער, גראַף מאַקענזען, און קייזער ווילהעלם.

ווען די דייטשען האָבען איינגענומען לאָוויטש, האָט דער גענעראַל־פעלדמאַר־שאַל פאָן מאַקענזען באַשטעלט באַ אים אַנ'אָנדענק־בילד, אַ טיפּישע לאָוויטשער פּאָרטרעט, און שפּעטער עס אַוועקגעשיקט דעם קייזער ווילהעלם.

ווען עס איז פאַרעפענטלעכט געוואָ־רען די באַלפור־דעקלעראַציע, דערפילט דער קינסטלער אין זיך אַ נאַציאָנאַלען דראַנג, און עמיגרירט נאָך פאַלעסטינע, כדי צו פאַרבלייבען, פאַרבראַכט דאָרט 4 יאָר, שאַפענדיג טיפּען און בילדער פון אָרטיגען לעבען—די טרויעריגע גע־שעהענישען, וואָס זענען דאָרט אויסגע־בראָכען, וועלכע ער האָט אַליין איבער־געלעבט, נויטען אים דאָס לאַנד צו פאַר־לאָזען. ווייל, דאָס שאַפען דאָרט איז איצטער פאַרבונדען מיט לעבענסגעפאַר.

קומט אָן נאָך פאַריזש, און באַזעצט זיך צייטווייליג דאָ. שפּעטער באַזוכט דייטשלאַנד. אין 1928 יאָר, אויסגע־שטעלט זיינע בילדער אין דעם נאַציאָ־נאַלען האַמבורגער מוזיי. די גאַנצע דייטשע אָרטיגע פּרעסע האָט אים גע־ווידמעט באַגייסטערטע אַרטיקלען, און באַצייכענט אַלס מייסטער פון פאַרבען, פול מיט זון, און האָט אַ כאַראַקטעריס־טישע צייכענונג.

לעצטענס ווילט ער אין פוילען, וואו אין אַ גאַנצע ריי שטעט געהאַט זיינע בילדער־אויסשטעלונגען, וועלכע זענען סיי מצד דער קריטיק און פּובליקום זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרען. פון דאַ־נען קלויבט ער זיך איצטער נאָך אַמע־ריקע, און רעכענט אויסצושטעלען זיינע ווערק.

## בערמאַן יחיאל יצחק



געבוירען אַנ־ערך 1852, אין אַ היגער יחוסדיגער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער ר' פישעל, אַ בזשעזשינער, האָט געצויגען זיין יחוס פון רש"י. געווען איינער פון די טיכ־טיגסטע קאָמיסיאָנערען באַם פאַרשפּריי־טען לאָדזשער סחורות אין רוסלאַנד) באַ־קומען אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציהונג. צו 16 יאָר אַריין אין פאָטערס גע־שעפט. צו 18 יאָר חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם אָנגעזעהענעם היגען גביר וואַרשאַווסקי. צו 20 יאָר איז ער זעלבסטשטענדיג געוואָרען. האַנדעלט אַלס קאָמיסיאָנער איבער וואָלין און ליטע. אויפ'ן 27־טען לעבען־יאָר גרינדעט ער אַ געשעפט אין וויטעבסק, וואו ער פאַרשפּרייט די היגע מאַנופאַקטור־סחורות איבער אוקראַינע און צענטראַל־רוסלאַנד. צו 42 יאָר באַ־זעצט ער זיך דאָ באַ אונז אין שטאָט

גרינדעט אַ מעכאַנישע וועבעריי, און פירט די פאַבריק ביז׳ן אויסברוך פון קריג.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, העכער 40 יאָר צוריק. אין 1894, ווען דאָ האָט געהערשט די כאָלערע-עפּידעמיע, איז אונטערגענומען געוואָרען אַ הילף-אַקציע דורך הרב מייזעל זצ״ל, ווערט אים דעמאָלט איבערגעגעבען דער אַמט פונ׳ם הויפּט-אויפזעהער איבער אַלע שטאָט-באַצירקען. צוזאַמען מיט הרב מייזעל זצ״ל האָט ער געטראָגען הילף די קראַנקע, מיט מסירת-נפש, באַטאָג און באַנאַכט, פאַרנאַכלעסיגענדיג זיין געשעפט. שפּעטער איז ער דער מיטגרינדער פון די וויכטיגע אינסטיטוציעס ווי „תלמוד-תורה" של הרב מייזעל זצ״ל, „בקור חולים", „אוזדראָוויסקאָ", „קעגענזייטיגע קרעדיט-געזעלשאַפט", לאָדזשער בערזע, „דאָבראָטשינאָשטש". פאַבריקאַנטען- און סוחרים-פאַראיין (1913), זילבערשטיינ׳ס יתומים-הויז, „חסד של אמת" א. אנד. יאָרענלאַנג האָט ער געלייסטעט פיל פאַר די אינסטיטוציעס; 1914, בעת דער באָמבאַרדירונג פון לאָדזש, האָט ער אונטערגענומען פאַר די באַלוטער היימלאָזע אַ הילפס-אַקציע. אין יענער צייט אָפּט איינגעשטעלט זיין לעבען און געגאַנגען אונטער׳ן האָגעל פון שראַפּנעלען, העלפען יודישע נויטבאַדערפטיגע דאַכלאָזע. בעת עס איז געשאַפען געוואָרען די בירגער-מיליץ, ווערט ער פון די לאָדזשער עסקנים אויסגעקליבען אַלס ריכטער; 1917 געוויילט אַלס ראַטמאַן; זייט דעמאָלט שוין אין פירטען שטאָט-ראַט טעטיג אַלס ראַט-מיטגליד. גלייכצייטיג נעמט ער אַן׳אַקטיווען אָנטייל אין דער געזונטהייט-אָבטיילונג, ווי אויך אין דער סאָציאַלער הילף באַם מאַגיטראַט.

מיטגרינדער פון היגען רעטונג-קאָמיטעט און אַרבעט דאָרט אין דער פאַרוואַלטונג ביז היינט.

זייט 17 יאָר האָט ער גענומען אויף זיך די מיסיע, צו באַזאָרגען מיט כשר עסען (אויף פסח און סוכות) יודישע אַרעסטאַנטען פון מיליטערישע און ציוויל-טורמעס, זעלנער אין די קאָשאַרען, ווי אויך קראַנקע אין אַלע שפּיטעלער — און פירט אַליין אַדורך יאָר-יערליך די אַקציע. חוצדעם אינטערווענירט ער שטענדיג פאַר מענטשען אין פאַרצווייפעלטער נויט; טראָגט אַליין ברויט און באַהייצונג פאַר פרירענדיגע, הונגעריגע; זאָרגט פאַר מילך און צוקער פאַר קינדער. דערפאַר האָט ער זיך דערוואָרבען די טיפסטע סימפּאַטיע באַ אַלע שיכטען פון דער היגער באַפעלקערונג, ווי אויך אין די מלוכה׳שע קרייזען, וואו ער איז אַן׳אָפטער יוצא ונכנס מיט זיינע אינטערווענציען. איז ער געשעצט אַלס ערלעכער יודישער כלל-טוער, און איידעלער מענטש.

יחיאל יצחק בערמאַן איז אַ זעלטענער טיפּ פון די אַמאָליגע יודען — מיט אַ וואַרעם יודיש האַרץ, און אַ שטאַרק רחמנות-געפיהל פאַר יעדען ליידענדיגען יוד.

## בערמאַן לייב



געבוירען דעם 4 יאַנואַר, 1887, אין קאַרלין, פּינסק. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין דער פּינסקער תלמוד תורה, עסענדיג מיטאָגען אין מושב זקנים. אַ צייט געלעבט באַ׳ם פאָטער אין וואַרשע. 1909—12 געדינט אין מיליטער, אַלס רעזערוויסט איינגעצויגען געוואַרען בעת דער וועלט-מלחמה. 1916 באַפרייט אין מינסק, 1919 געקומען נאָך לאַדזש, וואו ער באַשעפטיגט זיך מיט קאַליגראַפיע. — זייט 1904 געדרוקט שירים אין פעטערבורגער „טאָג", „יודישער צוקונפט", „טעלעגראַף", „ראָמאַנצייטונג", אין מינסקער זאַמעלבוך „לעבענס-פונקען" אונטער דער רעדאַקציע פון חיים קליאָנסקי, א. אַנד. דערהויפּט אָבער מיטגעאַרבעט אין די היגע צייטונגען „מאָרגענבלאַט", „פאָלקסבלאַט"; „מאָמענט", „פאַרווערטס" און צולעצט אין „טאַגעבלאַט", אויך אין פאַרשידענע וויצבלעטער, ווי: „פרייער פויגעל", „דער מחבל", „דער תכשיט", „דער גרויסער קונדס", וואו פאַרעפענטלעכט הומאָריסטישע לידלעך א. פ. גראַף קאַלי; 1931 שטענדיגער מיטאַרבעטער אין „לאַדזשער טאַגעבלאַט", און דרוקט וועכענטלעך הומאָריסטישע פעליעטאָנען, אויך רעדאַקטאָר פון „חוזק". אין בוכפאָרם איז דערשינען זיינס אַ לידער-זאַמלונג: „געלעכטער און טרערען" (לאַדזש, 1920) שרייבט הומאָריסטישע קינדער-לידער.

## בראָדערזאָן משה



געבוירען דעם 23 נאָוועמבער 1890, אין מאָסקווע, באַ אַ בעל-הבית-עשער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער מאיר, אַליין אַ שקלאָווער, איז געווען אַן׳אייניקעל פון גוטען יוד ר׳ איצעלע ראַסקין) נאָכ׳ן גירוש מאָסקווע האָט די פאַמיליע באַזעצט זיך אין לאָדזש. ב. איז דערצויגען געוואָרען באַ׳ם זיידען ר׳ שמואל לייב טוראָוו אין נעסוויזש, ווייסרוסלאַנד, וואו פון 4 ביז 9 יאָר געלערנט אין חדרים; געקומען נאָך לאָדזש און באַזוכט די אָרטיגע האַנדעלשול, שפּעטער געווען אַ בוכהאַלטער. די מלחמה-יאָרען און רעוואָלוציע מיטגעמאַכט אין מאָסקווע. 1918 צוריקגעקומען דאָ אַהער. זיין ערשטער דעביוט אין דער יודישער ליטעראַטור איז געווען מיט אַ זאַמלונג לידער: „שוואַרצע פליטערלעך" (לאָדזש, 1913) וואָס האָט אַרויסגערופען אַ גינסטיגע אָבשאַצונג פון א. רייזען אין זיין פאַריזשער „נייעם זשורנאַל". זייט דעמאָלט פאַרעפענטלעכט זייער פיל שירים און פּאָעמען, וואָס זענען דאָס רוב צונויפגעזאַמעלט און דערשינען אין באַזונדערע אויסגאַבען. טוי— הונדערט טאַנקעס. (מאָסקווע, תרע״ט) „פּערל אויפ׳ן ברוק". מיט צייכענונגען פון יוסף העכט. (לאָדזש, 1920) „שוואַרץ שבת—עקספּרעסיען. מיט קוביסטישע צייכענונגען ב—ס און יעקב אַדלער. (1921) „באַגייסטערונג" (1920) „איבערגאַנג"—צייט-ליד ער. מיט האָלצשניטען פון מאַרק שוואַרץ. (לאָדזש, 1921) מיטגרינדער פון דעם מאָסקווער קונסט-קרייז „שמיר", (קרייז פאַר יודישער נאַציאָנאַלער עסטעטיק) גרינדער פון היגען קרייז „יונג-אידיש" און רעדאַקטאָר פון די זאַמעלהעפטען אונטער דעם טיטעל, (6 נומערען, 1919), וועלכע האָבען געשפּילט אַ ראָל אַלס מאַניפעסטאַציע פון די יונגע יודישע קינסטלער אין פוילען נאָך דער מלחמה. אין פאַרלאַג „יונג אידיש" 1920-21 אַרויסגעגעבען אַ ריי עקספּרעסיאָניסטישע דראַמאָלעטען: „אַ חתונה׳קע", (פאָרשטעלונג) „שניי-טאַנץ", (גראָטעסק-פאָרשטעלונג) „צונגענלונגען", (מאַריאָנעטען-שפּיל) „מלכה שבא", (דראַמאַטישע פּאָעמע) „תחית המתים", (מיסטעריע) „דער

רויטער רייטער", (פאַרשטעלונג, 1921) „מאַנדראַגאָרן", (בראשית-פאַרשטעלונג, רינגען VII—IX א. אַנד. 1922 געשאַפען אַ יודיש-מאַריאָנעטען-טעאַטער: „חד גדיא", צוזאַמען מיט י. מ. ניימאַן, סקולפטאָר יצחק ברוינער און מוזיקער הענעך קאָן—וואָס האָט דעמאָלט געהאַט גרויס דערפאָלג אין וואַרשע, לאָדזש און ווילנע. 1924 אָנגעשריבען דעם טעקסט פון דער ביבלישער אָפּער „בת שבע", מוזיק פון הענעך קאַן (אויפגעפירט אין וואַרשע, אין דעם יאָר) איבערזעצט אַ בלאָק'ס באַרימטע פּאָעמע „צוועלף", און קאַלמאַנ'ס אָפּערעטע „באַיאַדעראַ"; געשריבען אַרטיקלען, פעליעטאָנען. הומאָריסטישע לידלעך אין די היגע צייטונגען, דערהויפט אין „נייעם פאָלקסבלאַט", וואו ער איז איינער פון די הויפט-מיטאַרבעטער, „ליטעראַרישע בלעטער", „מאָמענט" א. אַנד. חוצדעם זענען דערשינען זיינע קינדער-זאַכען אין בוכפאָרם: „שיחת חולין"—אַ פּראָגער לעגענדע. געצייכענט פון א. ליסיצקי (מאָסקווע, 1917) אין סופרים-כתב. „תמר'ל"—אַ באָבע-מעשה'לע. געצייכענט יוסף טשייקאָוו. „אַלדאָס גוטס"—מעשה'לעך · פאַר קינדער. אילוסטרירט דורך אַרטור שיק (וואַרשע, 1922) „לעבעדיג און פריילעך", „זאַלבאַדריט", „חי געלעבט", „גאָטס בראימלאַך", „האָפּשיק-טשאַק" (אילוסטרירט פון ג. קאָספּאַרי, ע. קוטצער. (וואַרשע, 1924) נאָך נישט פאַרעפענטלעכט עטלעכע בענדער לידער און האָט אין כתב-יד אַ סך דראַמאָלעטען, וועלכע זענען גרייט צום דרוק, 1927 גרינדער פון היגען רעווי-טעאַטער „אררט", וואו ער איז דער קינסטלערישער לייטער. האָט דורך דער צייט געשריבען זייער פיל נומערען צו אַלע ביז-איצטיגע פּראָגראַמען, (כמעט 90 פּראָצענט צו איטלעכען פון זיי), וועלכע זענען תמיד אויפגענומען געוואָרען וואַרעם סיי פון פובליקום און סיי מצד דער קריטיק. אַ דאַנק אים ווערט געפלעגט דער בעסערער געשמאַק און דערהאַלטען דער פיינער טאָן פון אָט דעם אייגנאַרטיגען רעווי-טעאַטער.

משה בראָדערזאָן איז איינער פון די שענסטע פאָרם-דיכטער. ווירטואָז פון גראַם און ריטם. זיין שפּראַך-עשירות איז אָפּט אָריגינעל פאַרפאָלקסטימלעכט און געלונגען העברעאיזירט. מייסטער פון יודישען קינדער-ליד און קינדער-מעשה'לע, רייך אין מוזיק, בילד און שפּראַך. אין זיינע דראַמאָלעטען האָט ער געפּרוּווט דראַמאַטיזירען אידייען, מיט אַ באַזונדערער ליבע באַנוצענדיג זיך מיט די אַבסטראַקציעס פון גאָט און טייוועל.

## ✓ ברוינער יצחק מאיר



געבוירען דעם 1889, אין אַ היגער יחוסדיגער רייכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער יעקב איז געווען גוטבאַזיצער פון סמאַרדזעוו) געלערענט אין חדר, שפּעטער אין דער אָזאָרקאָ'ער ישיבה, ביז נאָך דער בר-מצוה. גע'שמט אַלס עילוי, פאַרברענגענדיג אין פאָטערס גוט, נעמט אויף אים שטאַרק ווירקען די נאַטור, — הייבט אָן צייכענען. טרעט אַריין אין דער היגער צייכען-שול פון קאַצענבאַגען, נאָך אַלס לאַנגגעקליידטער בחור. גלייכצייטיג באַמיהט זיך אָנצוקומען אין דער זגערזשער האַנדעל-שול, אָבער ר'איז דורכגעפאַלען. דערנאָך אָנגענומען געוואָרען אין יודעלעוויטש מיטעל-שול, וואו ער האָט געלערנט ביז דער 7 קלאַס. מיטאַמאָל דערוואַכט אין אים אַ שטאַרקער דראַנג צו מאָלעריי און מוזיק, איבער וועלכע ר'האָט אויך גענומען אַליין שטאַרק אַרבעטען. דערפיהלענדיג אָבער שטערונגען מצד די עלטערען, אַנטלויפט ער נאָך בערלין. אין 1908 אַריינגעטרעטען דאָרט אין קאָנסערוואַטאָריום, גלייכצייטיג אויך אַבסאָלווירט אין דער קונסט-אַקאַדעמיע, וואו ער שטודירט עטלעכע יאָר. די פרייע צייט האָט ער אָבגעגעבען מער פאַר שפּילען. 1912 צוריקגעקומען נאָך פוילען. דעמאָלט ווערט ער אונטער'ן פּראָטעקטאָראַט פון דער באַראָנעסע היינצעל, רעקאָמענדירט, צו קאַזשימיערזש נאַטאַנסאָן און די גרעפין מאַריע קאַלאָננאַ וואַלעווסקאַ—דורך זיי ווערט אויך איינגעאָרדענט זיין ערשטע בילדער-אויסשטעלונג אין דער וואַרשעווער זאַכענטאַ, צוזאַמען מיט'ן גרויסען פוילישען מאָלער אויזשען זאַק. די קריטיק רופט זיך באַגייסטערט אָב וועגען אים. האַלינאַ זאַשווייטשיצקאַ שרייבט, אַז ער ברענגט אַריין אַ נייעם טאָן אין דער מאָלעריי. דעמאַלט ווערט ער אַריינגעפירט אין אַ אַסימילאַטאָרישען קרייז, וואו ר'האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר. צווישען זיינע פריינט זענען געווען פירשט לובאָמירסקי, דער גרויסער אָדעלמענטש אָדיניעץ, דער דירעקטאַר פון זאַכענטאַ קריוואָלט און אַ גאַנצע ריי מאָלער. דערנאָך האָט ער אויסגעשטעלט זיינע בילדער, צוזאַמען מיט לעאָפּאָלד פיליכאָווסקי אין לאַדזש. בעת וועלכע ר'ווערט אויך גוט אויפגענומען, סיי מצד דער קריטיק ווי פון פּיבליקום.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט ער דאָ געהאַט זיין גרויסע בילדער-אויסשטעלונג. אין יענער צייט ווערען דורך אים געמאָלט: דער גראַף פאָן סיערשטאַף, וועלכען מ'האָט גערופען דער דייטשער ראָקפעלער, דעם עקסעלענץ פאַן וואָיערשט, פּראַנץ פאָן בילאָוו, ווי אויך דעם עסטרייכישען פירשט פאַן באַדאַשקיי.

1916 געעפענט דאָ אַנ'אַנטיקען-געשעפט, צוזאַמען מיט'ן מוזיקער הענעך קאָן וואָס ווערט ליקווידירט נאָך אַ יאָר צייט.

1917 שטעלט ער אויס זיינע אַרבעטען אין ניו-יאָרק, דערוועגען האָט געשריבען דער באַקאַנטער קריטיקער טאַפּעל.

אין דעם יאָר ווערט דורך אים געשאַפען די גרופּע „יונג יודיש", אין זייער צייטשריפט, וואָס ווערט דעמאָלט אַרויסגעגעבען, האָט ער פּראָפּאַגירט וועמען די נויטווענדיגטייט פון קליינקונסט באַ יודען.

1920 ווערט דורך אים געשאַפען דאָס ערשטע יודישע מאַריאָנעטען-טעאַטער: „חד גדיא", מיט וועלכען ער האָט באַרייזט גאַנץ פוילען און געפייערט טריומפען. די קריטיק האָט געשריבען באַגייסטערטע אַרטיקלען.

געהאַט זיינע בילדער-אויסשטעלונגען, אין ביאַליסטאָק און ווילנע, פון דער מאָדערנער עקספּרעסיאָניסטישער ריכטונג, זיי האָבען אָבער נישט געפונען קיין פאַרשטענדעניש. גלייכצייטיג געהאַלטען אויך אַ ריי רעפעראַטען וועגען יודישען טעאַטער. דורך זיין איניציאַטיוו איז געשאַפען געוואָרען דאָס קליינקונסט-טעאַטער: „אַזאַזעל" אין וואַרשע.

וואַרפט זיך איבער צו דער דעקאָראַטיווער מאָלעריי, אַרבעט אין וואַרשעווער יודישען טעאַטער, דערנאָך אויך אין פוילישען „קווי פּראָ קוואָ".

1924 גרינדעט ער דעם היגען „סטאַרט", צוזאַמען מיט אַ נייע גרופּע מאָלער, וועלכע האָבען אויך געמאַכט אַ ריי רעפּרעזענטאַציע-אויסשטעלונגען. די געזעלשאַפט האָט דאָ געווירקט עטלעכע יאָר.

1926 אָנטייל גענומען אין דער גרויסער קראָקעווער בילדער-אויסשטעלונג, צוזאַמען מיט 100 פּוילישע מאָלער. באַטייליגט זיך אויך אויף נאָך אַ ריי

אויסשטעלונגען.

דער קינסטלער באַזוצט זיך דערנאָך אין וואַרשע, וואו ער אַרבעט איבער דער אוטעליטאַרע קונסט: וואנט־מאָלערייען, פראָיעקטען צו מעבעל, פלאַקאַטען, ווי אויך איבער דער דעקאָראַטיווער און קאַנסטריאוקטיווער קונסט — נאָך עטלעכע יאַר פלייסיגער אַרבעט אויף די געביטען האָט ער באַוויזען אַ סך מחדש צו זיין.

פון ברוינער'ס ווערק זענען פון דער קריטיק אָנערקענט געוואַרען, על פי רוב די זאַכען, וואָס באַהאַנדלען חסידיש־פאָלקטימלעכע מאָטיוון. פון זיי ווערען באַזונדערס אויסגעטיילט: „שלוש סעודות", „קריאת שמע", ווי אויך דאָס אַלגעמיינע בילד: „דער וואַסער־טרעגער".

ג.

## גלאַטמאַן אהרן



געבוירען דעם 7. אויגוסט, 1881, אין סטאַשעוו, באַ אַ בעל־הבית'־עשער פאַמיליע. געלערענט אין חדר.

אַלט זייענדיג 12 יאַר אַריבער אין דער לער צו אַ שניידער, נאָכדעם געאַרבעט לאַנגע יאָרען אַלס אַרבעטער באַ פאַרשידענע היגע מייסטערס, צולעצט געווען שוין ווערקפירער. 1905 געעפענט דאָ זיין אייגענעם ווערקשטעל, און ער פירט אים ביז'ן היינטיגען טאָג — שמ'ט אַלס גוטער שניידער־מייסטער.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, אין די היגע אַרבעטער־קרייזען, וואו אין משך פון עטלעכע יאַר האָט ער גענומען אַנ'אַקטיווען אָנטייל. דערנאָך מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. געווען מיטגרינדער פון היגען האַנטווערקער־קלוב, און אַנטוויקעלט די ערשטע יאָרען אַ שטאַרקע טעטיגקייט — געהערט צו דער פאַרוואַלטונג. מיטגעהאָלפען צו אָרגאַניזירען די „שניידער־מייסטער־סעקציע" באַ'ם דערמאָנטען קלוב. 1916 מיטגרינדער פון היגען יודישען שניידער־מייסטער־פאַראיין, ווערט אויסגעקליבען אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג, און אין די שפּעטעריגע יאָרען איז ער געווען פאָרזיצער פון אָט דער אינסטיטוציע. געווען דעלעגאַט אויף אַלע יודישע האַנטווערקער־צוזאַמענפאָרען; לאַנג־יאָריגער מיטגליד פון צ.ק. באַ'ם האַנטווערקער־פאַרבאַנד אין פוילען. מיטגרינדער פון שניידער־צעך, און אויף דער ערשטער גרינדונג־פאַרזאַמלונג אויסגעוויילט געוואַרען אַלס ערען־מיטגליד, זייט דעמאַלט איז ער די גאַנצע צייט אונטערעלטסטער פון צעך. לאַנג־יאָריגער מיטגליד פון דער שאַצונג־קאַמיסיע באַ'ם פינאַנץ־אַמט. זייט 1919 איז ער אַנ'אַקטיווער חבר אין דער אָרטיגער פאָלקיסטישער אָרגאַניזאַציע, דורך דער צייט שוין א סך מאָל געהערט צום פאַרטיי־ראַט, ווי אויך דעלעגירט געוואָרען אויף פאַרשידענע צוזאַמענפאָרען. געווען מיטגליד פון האַנטווערקער־ראַט, (זאַוואַדזקע 5) און מיטגליד פון לוינוועבער־קאָאָפּעראַטיוו „פּראָגרעס".

באַ דער לעצטער וואַל־קאָמפּאַניע אויסגעוויילט, מצד די האַנטווערקער, אַלס פרנס פון דער יודישער קהלה.

## גלאַטער גרשון



געבוירען דעם 12. פעברואַר, 1886, אין אַ היגער בעל־הבית'עשער פאַמיליע, געענדיגט פאָזנאַנסקי'ס שול פון 4 קלאַסען. דערנאָך אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען, באַ דער פירמע מענדעל פרעכנער, וואו ער האָט געאַרבעט די גאַנצע צייט ביז ר'איז זעלבסטשטענדיג געוואָרען. 1920 געעפענט זיין אייגען געשעפט פון פוטערוואַרג. שפּעטער האָט ער מיט אַ שותף אויפגעשטעלט אַנ'אייגענע צוריכטעריי און אַ פוטער־פאַרבעריי אין ביליץ, וואָס קאַנקורירט מיט דער פּראָדוקציע פון דייטשען מאַרק און ליפערט די אַרטיקלען ביליגער פאַר'ן אַלגעמיינעם פּוילישען מאַרק. — געווען איינער פון די פּיאָנערען, וועלכער האָט דאָ אַהערגעבראַכט דאָס פוטערוואַרג דירעקט פון די ערשטע קוועלען, פלעגט שטענדיג באַזוכען פאַרשידענע לענדער, אָבער זייט די לעצטע יאָרען פאָרט ער כסדר נאָך קאַנאַדע און אַמעריקע, פון וואַנען מיר באַקומען, דורך זיין פאַרמיטלונג די לעצטע נייקייטען פון דער בראַנזשע. ג. ג. איז שוין 33 יאָר טעטיג אַלס פאַכמאַן, און ווערט איצט פאַררעכענט אַלס איינער פון די גרויסע פוטערהענדלער אין אונזער שטאָט.

גרשון גלאַטער אינטערעסירט זיך מיט'ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. האָט מיטגעאַרבעט אַלס פאַרוואַלטונג־מיטגליד אין דער פוטער־סעקציע באַ'ם צענטר. סוחרים־פאַראיין (פּיעטריקאָווער 10), ווי אויך אין דער דעטיילליסטען־סעקציע באַ'ם סוחרים־פאַראיין, (פּיעטריקאָווער 73). געהער איצט צו דער פאַרוואַלטונג פון אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער: „העלענוועק". לעצטענס אויסגעוויילט געוואָרען אַלס וויצע־פאָרזיצער פון דער „פאַראייניגטער פוטער־סעקציע", באַ'ם צענטר. סוחרים־פאַראיין, (פּיעטריקאָווער 10).

## גליקסמאַן ברוך בענדעט



געבוירען דעם ב' אייר 1862, אין אַ זגערזשער גאָר פרומער פאַמיליע. איראייניקעל פון לאסקער גאון, ר' ברוך בענדעט ז"ל, מחבר פון אַ סך ספרים. (דער פאַטער זיינער אברהם הערש איז געווען דער פּיאָנער פון דער היגער קאַמגאַרן־אינדוסטריע) געלערענט אין חדר, אָבער ר'האָט נישט אַרויסגעוויזען דערבאַ קיין התמדה. אין 1877 ציהען אַ־יבער זיינע עלטערען נאָך לאָדזש. אַלס 14־יאָריג יונגעל אַוועק צו אַ וועבער, כדי אויסצולערנען די מלאכה. אינדערהיים ווערט מען דערוויל געוואָיר דערפון, ס'ברעכט אויס אַ סקאַנדאַל. (די עלטערען האָבען אים גאָר געוואָלט מאַכען פאַר אַ וואָיל־לערנער) שפּעטער האָט ער גענומען או־טעריכט באַ אַ דייטשען מייסטער דעם קורס פון וועבעריי. דער בחור אַרבעט כסדר אונטער דעם וועב־שטול זייער פלייסיג; ווערט מייסטער און צייכענער. הייבט אָן צו פאַרדינען געלט, דערנאָך עפענט ער אינדערהיים אַ פאַבריקעל פון מוסטער־צייכענעריי און קאַרטען־שלעגעריי. קריגט אַ נאָמען אַלס גוטער פאַכמאַן, מ'פאַרוואַרפט אים מיט אַרבעט. צו 21 יאַר חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון קאַוואַלער גביר, און באַקאַנטען משכיל אברהם דאָבזשינסקי. הייבט אָן צו פאַבריצירען אַנצוג־שטאָפען, די געשעפטען זענען גוט אַוועק, אָבער נאָך אַ צייט האָט ער אויפגעהערט צו אַרבעטען. איצט נעמט ער מיט אַ שותף פאַבריצירען גאַנץ נייע אַרטיקלען, ביסלעכווייז ווערען זיי שטאַרק פּאָפּולער, צולעצט

אָבער האָט ער גאָר אַבגעהאַקט פון שותפות. די פריהעריגע פאַבריקאַציע אַליין גענומען פירען ווייטער, און גייט למעלה ולמעלה. 1901 אָבגעקויפט זיין איצטיגע גרויסע פאַבריק, און נעמט זי טרייבען לויט'ן ברייטען מאַסשטאַב, וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער, ביז ער דערפירט דערצו, דאָס זיינע אַרטיקלען ווערען שוין באַקאַנט איבער די גרענעצען פון פוילען. די אַקציען-געזעלשאַפט אַרבעט אויס: טישדעקען, בעטדעקען, דריליך, אינלעט, און מעבעל-שטאָף. (גאָבעלין-אויסאַרבעטונגען).ב. ב. גליקסמאַן ווערט איצט פאַררעכנט אַלס איינער פון די גרויס-אינדוסטריעלער אין אונזער שטאָט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, נאָך מיט קנאַפע דרייסיג יאָר צוריק, איז דעמאָלט טעטיג אַ ריי פון יאָרען אין „לינת החולים", שפעטער אַ סך מיטגעאַרבעט אין דער „ערשטער יודישער ליי- און שפאָר-קאַסע", אַלס מיטגליד אין אויפזיכט-ראַט. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע ווערט דורך זיין איניציאַטיוו דאָ געשאַפען דער „בית מחסה לזקנים", וואָס ווערט אין 1919 פאַראייניגט מיט'ן אַמאָליגען „מושב זקנים" אין איין גרויסע קערפערשאַפט. זייט דעמאָלט נעמט ער אַנטוויקלען אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין דער איצטיגער „חברה מחסה לזקנים", וועלכע איז אַ דאַנק אים אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ הויכער מדרגה, און איז איצט איינע פון די שענסטע און נוצלעכסטע אינסטיטוציעס אין אונזער שטאָט. דורך זיין מיטהילף איז אויפגעשטעלט דער נייער פאַוויליאָן, פאַר 100 זקנים און זקנות און אויך אויסגעבויט געוואָרען דער דריטער שטאָק פון אַלטען בנין, אויף פאָמאָרסקע 54, וואָס דאָס האָט דערמעגלעכט אַריינצונעמען נייע 22 פענסיאָנערען — אָבער דאָס אַלץ איז געשעהען נאָר דורך זיין אונערמידלעכער אַרבעט, גרויסער ענערגיע און שטאַרקען ווילען, וואָס ער אַלס פאָרזיצער לענקט דאָרט מיט'ן גאַנצען אַפאַראַט. חוצדעם איז ער וויצע-פאָרזיצער אין היגען „בקור חולים" ווי אויך פאָרזיצער פון אינטערנאַט און טויב-שטומעשול „עזרת אלמים". פאַר די ביידע אינסטיטוציעס האָט ער אַ סך באַגעטראָגען זיין פאָזיטיווער אַרבעט און גרויסער מסירת-נפש'דיגער איבערגעבענקייט, מיט וועלכע ער דינט בכלל שוין זייט עטלעכע צענדלינג יאָר דער היגער יודישער געזעלשאַפטלעכקייט.

ברוך בענדעט גליקסמאַן, איז גע-

קרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען: „דער פאָטער פון די שנאָרער"—ער איז באַ אונז דער איינציגער אויפ'ן פילאַנטראָפישען געביט, וואָס „שנאָרען" איז זיין פאַך, און „כלל-טוערײ" זיין באַרוף—שטענדיג טוט ער זיין אַרבעט לא על מנת לקבל פרס...

## גערשאָווסקי פנחס



געבוירען דעם נאָוועמבער, 1876, אין סקידעל, באַ אַ בעל-הבית'עשער פאַמיליע. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין דער ישיבה. געענדיגט אַ פאָלקשול. צו 14 יאָר געקומען נאָך לאָדזש און קומט דאָ אָן אויף אַ פאָסטען, שפעטער אויך געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער באַ פאַרשידענע פירמעס. 1904 הייבט ער אָן צו פאַבריצירען דאַמען-קליידערשטאָף. די פאַבריקאַציע איז אין פאַרלויף פון דער צייט אַלץ כסדר פאַרגרעסערט געוואָרען—באַזיצט איצט 150 אייגענע שטול און באַשעפטיגט 200 אַרבעטער. פ. גערשאָווסקי ווערט איצט פאַררעכנט אַלס איינער פון די גרויס-אינדוסטריעלער אין אונזער שטאָט.

דעם 27. אָקטאָבער, 1931, האָט דאָס פאָר-פאָלק פנחס און חנה גערשאָווסקי געפייערט זייער 30-יאָריגען יובל פון דער חתונה.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין „מושב זקנים". מיטגעאַרבעט אַקטיוו אין אַמאָליגען „בית יתומים" (פאָמאָרסקע 91) און געהערט צו דער פאַרוואַלטונג. מיטגרינדער פון אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער: „העלענוועק" — מנדר געווען פאַר איר אַ גרויסען דריי-שטאָקיגען בנין, מיט צענטראַל-באַהייצונג, דאָרט געפינען זיך וואוינונגען פאַר 120 קינדער און זייערע דערציהער. פרעבעל-זאַל, אַלגעמיינער עס-זאַל פאַר איבער 200 קינדער; אַ גרויסער זאַל פאַר פאַרוויילונגען. אַנ'ערך 300.000 גילדען האָט עס אים שוין אָבגעקאָסט, אָבער ער גיט אַלץ ווייטער מיט דער ברייטער האַנט—איז דער מעצענאַט פון דער אינסטיטוציע, ווי אויך איר קוראַטאָר. חוצדעם האָט ער אויפגעשטעלט אין סקידעל, אַ תרבות-שול, אויף זיינע אייגענע קאָסטען, וועלכע ווערט ווייטער דורך אים כסדר אונטערשטיצט; אויך מנדר געוועזן דאָרט אַ בית-המדרש. איצט איז ער פאַרוואַלטונג-מיטגליד אין דער געזעלשאַפט פון העברעאישע-מיטעלשולען אין פוילען. פרעזעס פון דער סוחרים- און פאַבריקאַנטען-באַנק (ציגעל-גאַס 3) און מיטגליד פון דער בני-ברית-לאָזשע.

פ. ג. איז אַ נדבן פון איידעלען שניט, און אַ שיינע פיגור אין דער היגער פילאַנטראָפישער געזעלשאַפטלעכקייט.

## גראָמאַן יודעל



געבוירען דעם 15. אָקטאָבער, 1876, אין לענטשיץ, באַ אַ בעל-הבית'ישער פאַמיליע. געלערנט אין חדר, אויך אינדערהיים באַ מלמדים. דערנאָך אַריינגעטרעטען צום פאָטער אין געשעפט. צו 22 יאָר חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון יוסף ליפשיץ—אַ שוועסטער פון פאַרשטאָרבענעם היגען גרויס-אינדוסטריעלער ירחמיאל ליפשיץ. געהאַט דאָ אַ פאַרבען-געשעפט, נאָר מיט'ן קריג-אויסברוך עס אַליין ליקווידירט. איצט איז ער פאַרטרעטער פון פירמעס אין דער בראַנזשע.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, בעת די מלחמה-יאָרען, אין „לינת אורחים", האָט אָנטייל גענומען דאָ באַ'ם פאַרטיילען ביליג ברויט און קאַרטאָפעל צווישען דער אָרעמער היגער יודישער באַפעלקערונג. דערנאָך מיטגעאַרבעט אין היגען „מלביש ערומים", וואו דורך זיין איניציאַטיוו איז געשאַפען געוואָרען אַ „פרויען-סעקציע", וועלכע באַקליידט פון דעמאָלט אָן, שוין זייט יאָרענלאַנג, ביז 300 אָרעמע מעדלעך; איז טעטיג די גאַנצע צייט אין דער אינסטיטוציע.

1916 האָט ער באַ דער „תלמוד-תורה ד'אַלטשטאָט", (בזשעזשינער 23) געגרינדעט די „שעורי ערב", וואו עס לערנען היינט ביז 400 אָרעמע קינדער. מיטגרינדער פון „בית מחסה לזקנים", אַרבעט דאָ אַקטיוו ביז דער לעצטער צייט. מיטגרינדער פון דער „משמורים-סעקציע" באַ „לינת הצדק", האָט אויך געהערט אַ ריי מיט יאָרען אַלס מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג. מיטגעאַרבעט אין „חסד של אמת". איצט פירט ער אָן שוין זייט יאָרענלאַנג אַ טעטיגקייט אין דער „ראַדאָשיצער ישיבה", (פאָדזשעטשנע 12).

## ✓ גראָסלייט יצחק אייזיק



געבוירען דעם 1873 אין בריסק, בײַ אַ יוחסדיגער פאַמיליע. דער זיידע, פון פאָטערס צד, איז געווען דער באַוויסטער אַנטיפּאָלער רב, ר׳ פנחס מיכאל, וועלכער האָט אמאָל געשמט מיט זיין גרויס למדנות, חכמה און זעלטענע מידות טובות. דער צווייטער זיידע פון דער מוטערס צד, איז געווען דער מחבר פון „אור הצבי״, ר׳ הירש ברלס, אַ יוד אַ מופלג, אַ בקי אין ש״ס און פוסקים, האָט ער פונדעסטוועגען נישט געוואָלט אָננעמען דאָס בריסקער רבנות און אַליין געפירט דאָרט גרויסע מסחרים.

דער יונגער יצחק אייזיק, אַנ׳אייניקעל פון אַזעלכע גרויסע לומדים, האָט שוין פון דער יוגענט אַרויסגעוויזען זעלטענע פעהיגקייטען. צו 8 יאָר האָבען פאַרפעלט פאַר אים מלמדים; שפּעטער האָט זיין זיידע, דער אַנטיפּאָלער רב, צוויי יאָר אַליין געלערענט מיט אים. צו 11 יאָר איז ער אוועק קיין וואָלאָזשין, און שוין צו 13 יאָר האָט דער „בריסקער עילוי״ — אַזוי האָט מען אים גערופען — באַקומען היתר הוראה פון בריסקער רב, ר׳ חיים סאָלאָווייטשיק און פון וואָלאָזשינער רב, ר׳ נפתלי צבי בערלין. די עלטערען האָבען אים געוואָלט מאַכען פאַר אַ רב, אָבער דעם יונגען עילוי האָט גאַר געצויגען צום מסחר, צוריקקומענדיג פון וואָלאָזשין איז ער אַריינגעטרעטען אין פאָטערס געשעפט, און גלייך אויך דאָ ארויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען.

אין 1896 יאָר קומט ער אָן נאָך לאָדזש, דאָ האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר׳ זכריהו הערמאַן, דער מיטשותף פון דער גרויסער פירמע: שטילערמאַן און הערמאַן. האָבענדיג אַביסעל געלט גרינדעט ער אַ קאָמיסיאָנהויז, אונטער זיין אייגענער פירמע און הייבט אָן צו אַרבעטען אויף אייגענער רעכענונג דירעקט מיט די האַנדעלהייזער קאַרל שייבלער און קינדלער—און מאַכט די ערשטע צייט גאַנץ שיינע אומזאַצען.

י. א. ג. איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט געגעבען די איניציאַטיוו דער פירמע שייבלער: די פאַרטרעטונגען איינצוטיילען אויף ראַיאָנען און אַליין טאַקע איבערגענומען די פאַרטרעטונג פון ליטווישען ראַיאָן און אים גוט באַאַרבעט.

אין 1905 יאָר האָט ער איבערגענומען די פאַרטרעטונג פון „טשענסטאָכאָוויען״ און דער גאַנצער פאַרקויף פון די פאַבריק-אויסאַרבעטונגען זענען געגאַנגען דורך אים.

די פירמע י. א. גראָסלייט האָט פאַר׳ן קריג שוין געהערט צו די גרעסטע האַנדעל-הייזער אין לאָדזש, וואָס האָט געמאַכט אַ סך מיליאָנען אומזאַץ יערלעך און געוואַקסען ויאָס אַמאָל גרעסער.

פאַר דער היגער אינדוסטרי האָט די פירמע געהאַט גרויסע פאַרדינסטען ערשט נאָכן קריג.

די לאָדזשער אינדוסטרי איז דעמאָלט געווען צובראָכען און רואינירט, אפילו די גרויס-אינדוסטריעלער האָט געפעלט באַטריב-קאַפּיטאַל. אין דער צייט איז ער געקומען מיט זיינע קאַפּיטאַלען און געהאָלפען אַ סך פירמען צוריק זיך אויפצושטעלען. ער האָט אַ ריי פירמען פינאַנסירט און געגעבען קרעדיטען אויף דער שפּעטער פאַרטיג געוואָרענע סחורות—און אַזוי-אַרום מיטגעהאָלפען צוריק אויפצולעבען די היגע טעקסטיל-אינדוסטרי.

סוף 1924 האָט די פירמע ווידער אויפגעטון אַ גרויסע זאַך פאַר דער אינדוסטרי. די אקציען-געזעלשאפט „זאַוויערטשע״, האָט איבערגעלעבט אַ שווערען פינאַנציעלען קריזיס און נישט געקאָנט לאָזען אין גאנג אירע פאַבריקען, וועלכע זענען אַ האַלב יאָר געשטאַנען. י. א. גראָסלייט האָט אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו שאפען אַ געהעריגען קאַפּיטאַל אין אויסלאַנד. אים איז אויך געלונגען צוזאַמענשטעלען אַ גרופּע פון גרויסע ווינער באַנקירען אויף צו פינאַנסירען די פירמע „זאַוויערטשע״. אַ דאַנק י. א. גראָסלייט, זענען די פאַבריקען פון „זאַוויערטשע״, ווידער געלאָזט געוואָרען אין באַטריב און 7000 אַרבעטער האָבען צוריקבאַקומען אַרבעט. סוף 1924 איז די פירמע י. א. גראָסלייט געוואָרען אַנ׳אַקציען-געזעלשאַפט.

י. א. גראָסלייט אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט. האָט מנדב געווען פאַר דעם אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער „העלענעוועק״ 7 מאָרגענס ערד, וואו ס׳וואַקסט זיך איצט פונאַנדער די גרויסע וויכטיגע אינסטיטוציע: פאַר זיינע ספּעציעלע פאַרדינסטען, איז ער אויסגעקליבען געוואָרען, אַלס ערען פּרעזיצער און לאָזט זיך בכלל קאָסטען זייער גרויסע געלט-סומען פאַר דער אינסטיטוציע. צו זיין 35-יאָריגען יובל פון דער חתונה-פייערונג און געשעפטגרינדונג, האָט ער מנדב געווען פאַר „לינת-הצדק״ אַנ׳אויטאָ, וואָס איז געבויט געוואָרען אין זיין אייגענער פאַבריק אין דאַנציג. דער סאַניטאַר-וואָגען איז איינגעאָרדענט, לויט דער נייעסטער טעכניק און שטייגט אריבער מיט זיין פיינקייט און עלאַסטישקייט, אַלע וועגען פון דעם סיסטעם.

ער פלעגט דעם אַמט פון וויצע-פּרעזיצער פון דער באַנק פּיעטריקאָווער 39, באם הויז-באַזיצער-פאַראיין.

י. א. גראָסלייט איז אַ וואַרעמער יוד, אַ גרויסער בעל-צדקה און האַלט באַזונדער פון מתן-בסתר.

---

ד.

## ✓ דיאַמענט דוד



געבוירען דעם 27.2 1884 אין שיעראַדז, בײַ אַ בעל הבית-ישער פאַמיליע. געענדיגט אַ מיטעל-שול. אַלס 17-יאָריגער בחור געקומען נאָך לאָדזש, און אַריינגעטרעטען אַלס לערניונגעל אין דער פאַבריק פון ס.דישקין וואו ר׳האָט שפּעטער דורך לאַנגע יאָרען דערלערנט דאָס פאַך פון געררוי כערטע פליישען. לעצטענס פאַרנומען דעם פּאָסטען אַלס מייסטער. 1914 געעפענט אַנ׳אייגענע פאַבריק, צוערשט אין אַ קליינעם פאָרמאַט, ביסלעכווייז זי אלץ פאַרגרעסערט און דערפירט צו איר איצטיגער מדרגה. דוד דיאַמענט באַזיצט פיר פיליעס אין פאַרשידענע טיילען פון דער שטאָט; די פאַבריק איז איינגעאָרדענט מיט די נייעסטע מאָדערנע מכשירים און באַשעפטיגט עטלעכע צענדליג יודישע אַרבעטער.

ד. ד. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען, איז געווען מיטגרינדער פון אַמאָליגען „עזרת ילדים״ (זגערזשער 40), מיטגעאַרבעט דעמאָלט אין דער פאַרוואַלטונג, דערנאָך אויך אין דעם „יתומים-הויז״ אויף בזשעזשי

נער 11. באַ׳ם שטעלען דאָס ערשטע הויז אין „העלענוּוועק״, מנדב געווען דאָרט אַ שטוּב. ער געהער צוּ דער פאַרוואַלטוּנג פון אינטערנאַט און פערמע פאַר יוּדישע קינדער: „העלע-נוּוועק״ — און גיט טעגלעך צוּ עסען מיטאָגען ביז 20 קינדער, וואָס קומען דאָ אַהער לערנען אין שוּל. חוּצדעם אוּנטערשטיצט ער בסתר אַ סך היגע אינסטיטוּציעס.

ה.

## האָכענבערג שמוּאל



געבוירען כ׳ תמוּז 1881 אין אַ ה׳גער בעל הבתישער פאַ-מיליע. (דער פאָטער זיינער אברהם לייב איז געווען אַ פיאָנער פון דער היגער באַנוועל אינדוּסטריע) גע-לערענט אין חדר, דערנאָך אין דער ישיבה, אויך בּאַ פּריוואַט-לערער. שפע-טער אַריבּער אין פאָטערס געשעפט, וואוּ ער האָט זיך באַקענט מיט דער טעקסטיל-אינדוּסטריע. צוּ 20 יאָר חתוּנה געהאַט. 1904 געגרינדעט צוּזאַמען מיט אַ שוּתף די פירמע: „לעווי און האָכענ-בערג״—וועלכע האָט די ערשטע צײ״ט אַרויסגעגעבען אויסצוּאַרבעטען אירע קאַמגאַרען (הערן-שטאָף) און שעוויאָט-סחורות אויף לוין. 1908 געקויפט 40 אייגענע שטוּל און אַוועקגעשטעלט אַ מעכאַנישע וועבעריי אין זדוּנסקע-וואָליע; 1924 געקויפט אַן׳אייגענעם בנין און אויך פאַרגרעסערט די צאָל שטוּלען אויף 75; די וועבעריי און צווירנעריי באַשעפטיגט 75 בעלי-מלאכות.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, 1922, אין „לינת החוּלים״, זייט דעמאָלט געהער ער צוּ דער פאַרוואַלטוּנג און אַרבעט אַקטיוו ביז׳ן היינטיגען טאָג. 1926 מיטגרינדער פון היגען „רעטוּנג-קאָמיטעט״ האָט מיטגע-האָלפען שאַפען די ערשטע געלט-מיטלען און די גאַנצע צייט איז ער שטאַרק טעטיג אין דער אינסטיטוּציע חוּצדעם איז ער פאַרוואַלטוּנג-מיט-גליד אין „בית מחסה לזקנים״, אין דער „תלמוּד-תוֹרה״ של הרב אלי׳ חיים מייזעל ז״ל. 1928 מיט-גרינדער פון דער „יוּדישער וועבעריי״ באַם היגען רעטוּנג-קאָמיטעט, און זייט דעמאָלט איז ער פון די אַקטיווסטע טוּער. נישט איינמאָל איז ער אַרויס אין קאַמף קעגען די יוּדישע פאַבריקאַנטען פאַר זייער שלעכטער באַציהוּנג צום יוּדישען אַרבעטער און תמיד אים הייס פאַרטיידיגט — די יוּד: וועבעריי ווידמעט ער זיין פרייע צייט און ענערגי ש. ה האָט אין דער אַנטוויקלוּנג פון דער וויכטיגער אינסטיטוּציע גרויסע פאַר-דינסטען.

## האַלבערשטאַט וואָלף



געבוירען ג׳ מרחשון תרל״ד אין בזשעזשין, בּאַ אַ יחוסדיגער פאַמיליע וואָס ציהט דעם שלשלת היוחסין ביז הגאון ר׳ צבי הירש אשכנזי, וועלכער איז געווען דער אב״ד פון ביאַלע, שפעטער אין האלבערשטאט און אויך דער דאָרטיגער ראש הישיבה; דאָרט האָט ער געענדערט זיין פאַ-מיליע-נאָמען אויף האלבערשטאַט. ער איז באַקאַנט פון זיינע ספרים: שו״ת „עטרת צבי״ און „כוס ישוּעוֹת״. ווי-טער, דער זיידע, משה זינדעל גאָלדבערג, איז געווען פון די אָנגעזעהענסטע גבירים פון שטעטעלע בזשעזשין, נעבען לאָדזש, און די באָבע פערעל איז גע-ווען אַ זעלטענע פרוי און געשמט מיט אירע גוטע מעשים. דער פאָטער זיינער אהרן איז געווען אַ תבוּאה-סוֹחר און אַ גרויסער בן תורה. די מוּטער זיינע צערעל איז געווען אַ וואָילטעטערען און געגעבען אַ סך צדקה בסתר.

דער יוּנגער. וו. האָט געלערענט אין חדר, דערנאָך בּאַ פאַרשידענע מלמדים, געווען אַ תלמיד פון בזשע-זשינער רב, ר׳ ישראל דוואָרטער. געלערנט ביז דער חתוּנה. 1899 חתוּנה געהאַט מיט חנה גיטעל הערשענבערג, די טאָכטער פון היגען אַמאָליגען אָנגע-זעהענעם פאַבריקאַנט, משה יהוֹשע הערשענבערג. נאָך דער חתוּנה געהאַנ-דעלט מיט פאַרשידענע רוֹי-מאַטעריאַלען. 1904 אָנגעהויבען פאַבריצירען, צוּזאַמען מיט זיין שוואָגער, אין אַ קליינעם מאַס-שטאַב, שטרייך-גאַרן סהורות, א. פ: „וו. האַלבערשטאַט און נ. הערשענבערג״. די פאַבריקאַציע האָט גוּט אַנט-וויקעלט זיך און דאָס פאַבריקאַט גע-שעפט געפירט ביזן סוֹף 1913. ד מאָלט קוּמט פאַר אַ פאַראייניגוּנג פון צוויי פירמען און עס ווערט אויפגעשטעלט דאָס פאַבריקאַט-הויז, א. פ: מ. ש הערשענבערג, זיהן און האַלבערשטאַט.

די פאַבריקאַציע ווערט שטאַרק פאַר-גרעסערט און וואַקסט וואָס אַ מאָל אַלץ מער. נאָכ׳ן קריג קויפט די פירמע אָב די פאַבריק פון יוּליוּס האָפמאַן (שפינעריי) אויך דאָס הויז פון טינעמאַן.

וו. האַלבערשטאַט האָט נאָכ׳ן קריג אוּנטערגענוּמען אַן׳אַקציע, אַז ס׳זאָלען צוּגענוּמען ווערען יוּדישע בעלי-מלאכות אויף דער פאַבריק. זייט דעמאָלט געפוּנען זיך שוין איצט, ביז 30 פראָצ. יוּדישע אַרבעטער אין דער וועבעריי-אָבטיילוּנג.

די פירמע באַזיצט איצט אַן׳אייגענע שפינעריי, צווירנעריי, רייסעריי און וועבעריי. די פאַבריק באַשעפטיגט 200 אַרבעטער, דערוּנטער 30 פראָצ. יוּדישע בעלי-מלאכות.

וואָלף האַלבערשטאַט אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אוּנזער שטאָט. געהער צוּ די פאַרוואַלטוּנגען, פון: „העלענוּוועק״, „רעטוּנג-קאָמיטעט״ און פון „שטעטישען ציוֹניסטישען קאָמיטעט״. איז פרנס פון דער יוּדישער קהלה.

## העלמאַן משה



געבוירען דעם 15.4 1873 אין אַ היגער ריי-כער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער מאָטיע איז געווען פון די 1-טע קאָמיסיאָנע״ן און דער ערשטער אָבנעמער פון שייב-לער, גייער און פאָזנאַנסקין). געלערענט אין חדר, שפּעטער בּאַ מעמעלער רב ר׳ מאיר יעסאָלאָווסקי ז״ל. צוּ 13 יאָר געוואָרען אַ חתן מיט דער טאָכטער פון ר׳ לייבעל לאַנדוֹי פון בערדיטשעוו, אַן׳-איינִיקעל פון נורע ביהוּדה, און דעם מלאך׳ס אַן׳איינִיקעל. נאָך דער חתוּנה אָנגעהויבען פאַבריצירען פלוּש-זאַכען און

דאָס פאַבריקאַט-געשעפט געפירט ביז׳ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה. שפּעטער איבערגענומען צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, ר׳ מרדכי יהודה לערנער, דאָס קאָמיסיאָנגעשעפט פון פאָטער.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבן בעת די רבנים-וואַלען, 1913, ער געהערט דעמאָלט צו דער אָפּאָזיציע און האָט אָנגעפירט אַ העפטיגע קאַמפּאַניע אין דער וואַל-צייט. שפּעטער מיטגעאַרבעט אין פאַראייניגטען „אַמעריקאַנער קאָמיטעט", „לינת אורחים", רב׳ס תלמיד תורה, מיטגרינדער פון די פסח-אַקציעס און ביליגע קוכען.

1917 געוויילט געוואָרען אַלס ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט, האָט מיטגעאַרבעט אין די אָבטיילונגען: פאַר ביליגע קוכען, שפּיטאַל-וועזען און סטאַטיסטישען אַמט.

אויסגעקליבען געוואָרען אַ צווייט מאָל אַלס ראַטמאַן. בעת די וואַלען צום צווייטען סיים, געוויילט געוואָרען אַלס סיים-דעפּוטאַט, מצד דעם „מזרחי".

לאַנגיאָריגער פּרעזעס פון „בית אולפנא" און פלעגט דעם אַמט ביז איצט. מיטגרינדער פון היגען הויז-באַזיצער-פאַראיין און מיטגליד פון פּרעזידיום די גאַנצע צייט ביז׳ן היינטיגען טאָג. געוויילט געוואָרען 2 מאָל, אַלס דירעקטאָר פון דער קרעדיט-געזעלשאַפט. 1930 איז בא׳ם דערמאָנטען פאַראיין געעפענט געוואָרען אַ ביבליאָטעק אויף זיין נאָמען. מיטגרינדער פון דער היגער הויז-באַזיצער באַנק. איז פאַרטרעטונג-מיטגליד פון דער יודישער אַגענץ. פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון צ. ק. פון „מזרחי" אין פּוילן און פון מזרחיסטישען וועלט-פאַרבאַנד.

1930–31 געווען דער אַרויסגעבער פון זשורנאַל „מנורה" און עטלעכע יאָר אַרויסגעגעבען די וואָכענשריפט: „דאָס נייע וואָרט".

## הערשענבערג צדוק



געבוירען ד. 15 יאַנואַר 1871 אין אַ היגער בעל-הבית׳שער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער משה יהושע איז געווען דער גרינדער פון דער פירמע: „מ. ש. הערשענבערג, זיהן און האַלבערשטאַט). געלערענט אין חדר אויך באַזוכט אַ פּריוואַט-שול. צו 17 יאָר אַריינגעטרעטען אין פאָטערס געשעפט. צו 20 יאָר חתונה געהאַט מיט באָמבעל פון סקערנעוויץ. דערנאָך אָנגעהויבען צוזאַמען מיט׳ן פאָטער פאַבריצירען וואָלענע סחורות. זיי געבען אַרויס אויף לוין צו אַרבעטען — דער פאָטער איז געווען דער פאַכמאַן און ער דער געשעפט-פירער. דורך זיין גרויסען אונטערנעמונג-גייסט געלינגט אים אַוועקצושטעלען דאָס געשעפט אויף אַ געהעריגער מדרגה.

1896 האָט ער צום צווייטען מאָל חתונה מיט דער איצטיגער פרוי רחל האַלטער פון דוואַרט, אַן׳איינִיקעל פון די לייכטערס, אַ דאָרטיגער מיוחסדיגער פאַמיליע.

1905 אָנגעהויבען צו אַרבעטען מאַנטעל-שטאָפען און באַשעפטיגט דערבאַ בלויז יודישע לוינוועבער. דעמאָלט איז פאַרטיג געוואָרען ביז 800 שטיק סחורה אַ וואָך. דאָס איז געווען אַ גרויסער סכום אפילו פאַר די, וואָס האָבען געהאַט אייגענע פאַבריקען. 1914 קומט פאַר אַ פאַראייניגונג און עס טרעטען צו אַלס שותפים, דער ברודער זיינער נטע הערשענבערג און דער שוואָגער וואָלף האַלבערשטאַט, צוויי פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען דורך אַ ריי יאָרען אויך פאַבריצירט ענלעכע דאַמען-אויס-אַרבעטונגען. די פירמע ווערט געענדערט, אויף מ. ש. הערשענבערג, זיהן און האַלבערשטאַט".

די פאַבריקאַציע ווערט פאַרגרעסערט שטאַרק און וואַקסט וואָס אַ מאָל אַלץ מער. נאָכ׳ן קריג קויפט אָב די פירמע די פאַבריק פון יוליוס האָפמאַן (שפּינעריי) אויך דאָס הויז פון טינעמאַן.

איצט באַזיצט די פירמע אַלע נויטיגע אָבטיילונגען (שפּינעריי צווירנעריי, רייסעריי און וועבעריי). זי באַשעפטיגט 200 אַרבעטער, דערונטער 30 פּראָצ. יודישע בעלי-מלאכות.

צדוק הערשענבערג אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט. בעת דער גרינדונג פון היגען „לינת הצדק" געווען פון די ערשטע מיטגלידער. אין יענער צייט איז ער געגאַנגען וואַכען איבער קראַנקע יודישע חולאים אין די שפּיטעלער און מיטגעאַרבעט אין דער נאַכט-פּאַגאָטאָוויע. האָט דעמאָלט געהערט צו דער פאַרוואַלטונג.

זייט עטלעכע יאָר פירט ער אָן אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין „חסד של אמת", און פלעגט דעם אַמט פון פאָרזיצער. איז גבאי אין ווילקער שול און האָט לעצטענס געלאָזט דאָרט אַדורכפירען אויף זיינע אייגענע קאָסטען די צענטראַל-באַהייצונג ווי אויך מנדב געווען אַ ווערטפולע פּרוכת פאַר דער שוהל. חוצדעם האָט ער אַ סך אויפגעטוען פאַר דער גמילת-חסדים-קאַסע בא דער שוהל.

פאַר דער יודישער וועבעריי באַם היגען רעטונג-קאָמיטעט האָט ער מיט אַ צייט צוריק מנדב געווען 4 מעכאַנישע שטול.

צדוק הערשענבערג כאָטש נישט זייענדיג קיין אָפיציעלער כלל-טוער, אונטערשטיצט שטענדיג זייער וואַרעם די יודישע אינסטיטוציעס פון אונזער שטאָט.

וו.

## וואַקס בער



געבוירען דעם 20 נאָוועמבער 1858 אין אָדעס, באַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער לעוו איז געווען אַ מאַנופאַקטור-סוחר) געענדיגט 6 קלאַסען אין דער אָרטיגער רוסישער גימנאַזיע. אין 1879 יאָר אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש און קומט דאָ אָן אַלס אָנגעשטעלטער באַ דער פירמע: „ברידער קיפּער", וואו ער אַרבעט עטלעכע יאָר. שפּעטער אָנגעהויבען פאַבריצירען זיידענע טיכלעך און מיט טיכטיגער אַרבעט געלינגט אים דאָס פאַבריקאַט-געשעפט אַלץ כסדר צו פאַרגרעסערן, ביז ער האָט די מעגלעכקייט אויפצושטעלען אַן׳אייגענע האַנט-וועבעריי מיט 100 שטולען—און נעמט אויסאַרבעטען וואָלענע דובעל-טיכער, וועלכע ווערען גיך אָנגענומען אויפ׳ן רוסישען מאַרק. די געשעפטען גייען גוט אַוועק. 1904 קויפט ער אָב די פאַבריק פון דער דייטשער פירמע: ביירעל און וואָלף. די פאַבריק איז באַשטאַנען פון אַ וואָל-שפּינעריי מיט 11 טויזענט שפּינדעל און פון אַ מעכאַנישער וועבעריי מיט

214 שטולען. אזוי ווי טיכער ווערען אויסגעארבעט נאר אויף האנט-שטולען, פירט ער ווייטער די טיכער-פאבריקאציע אין זיין פריהעריגער האנט-וועבעריי און אין דער נייער מעכאנישער וועבעריי הייבט ער אן צו פאבריצירען וואלענע שניט-סחורה—און האט מיט די נייע ארטיקלען געהאט דערפאלג.

די אויסארבעטונגען פון דער פירמע זענען געווען זייער שטארק אנגענומען אין רוסלאנד און איז געקרוינט געווארען מיט'ן נאמען דער „טיכער-קעניג".

אין די מלחמה-יארען האט די פירמע ב. וואקס געמוזט אבשטעלען איר פאבריקאציע, כאטש זי האט אין די יארען 1915–16 געארבעט אין א קליינעם מאסשטאב. ערשט ווען די מלחמה ענדיגט זיך און לאדוש נעמט צוריק אויפלעבען פארנעמט די פירמע ווייטער דאס ארט, ווי פאר דער מלחמה.

די פירמע ב. וואקס איז געווען אין די רעגירונג-ספערען אנגעזעהען און באקומען אפט רעגירונג-באשטעלונגען אויף מיליטער-טוך און אנדערע ארטיקלען.

זייט 1904 געהער ער צו די געציילטע היגע יודישע פאבריקאנטען, בא וועלכען עס ארבעטען כסדר א גרויסע צאל יודישע האנטוועבער אין זיין פאבריק, און האט אויך אליין באמיט, אז זיי זאלען אנגענומען ווערען אין אנדערע יודישע פאבריקען.

זיין געזעלשאפטלעכע טעטיגקייט אנגעהויבען, מיט א סך צענדליגער יארען צוריק, האט נאך גענומען אנטייל אין דער אקציע וועלכע איז דא אדורכגעפירט געווארען, לטובת די היגע פאגראמירטע יודען, בעת ס'איז אויסגעבראכען דער ערשטער שטרייק אין לאד ש. שפעטער האט ער מיטגעארבעט אין די קאמיטעטען, וואס זענען געשאפען געווארען: בעת ס'האט געהערשט דא די כאלערע-עפידעמיע, בעת דעם קישעניעווער פאגראם און דער בריסקער שרפה. געווען מיטגרינדער פון היגען „דאבראטשינאשטש" און יארענלאנג אנגעפירט א שטארקע טעטיגקייט. אין דער אמאליגער יאראטשינסקיס „תלמוד-תורה" איז ער געווען יארענלאנג פארוואלטונג-מיטגליד. 1904 בעת דער רוסיש-יאפאנישער מלחמה, ווערט דורך זיין איניציאטיוו אונטערגענומען אנ'אקציע בא'ם „דאבראטשינאשטש", צו שטיצען די ארעמע יודישע וועבער און דעמאלט געטראגען גרויסע הילף די רואינירטע מענטשען. אין דער האנדעל-שול בא'ם היגען קאמי-פאראיין, (גדאנסקע 45) איז ער יארענלאנג געווען פרעזעס פון אויפזיכט-ראט. אין יענער צייט פלעגען אין דער שול יודען אנגענומען ווערען אהן באגרעניצונגען און אפילו נישט געשריבען אין שבת. צולעצט איז אים געלונגען אריינצונעמען דארט איין יודישע לערערען. דעם אמט אלס פארזיצער פון דער שול האט ער פארנומען ביז נאך דער מלחמה. געווען פרעזעס פון „בקור חולים" און אין יענער צייט האט ער באוויזען אדורכצופירען א גרויסע געלט-זאמעלאקציע און צוטרעטען בויען די זומער-קאלאניע „אוזדראווסקא". מיטגרינדער פון ערשטען היגען יודישען יתומים-הויז און לאנגיאריגער פארוואלטונג-מיטגליד. האט דעמאלט געהערט צו די פארוואלטונגען פון דער „קויפמאנס-באנק", „ריגער באנק" און וואלגער-קאמערבאנק. בעת ס'איז אויסגעבראכען די וועלט-מלחמה איז ער אוועק נאך מאסקווע און גרינדעט דארט א קאמיטעט צו שטיצען די אקופירטע אין לאדזש ווי אויך פון אנדערע שטעט. שפעטער ווערט דורך אים ארגאניזירט דער „אלגעמיינער קאמיטעט צו שטיצען די מלחמה-קרבנות", וועלכער האט דעמאלט פונאנדערגעשיקט גרויסע געלט-סומען, (דורך באראן גינזבורג נאך קאפענהאגען) נאך לאדזש, ווארשע, ווילנע, ביאליסטאק און אנדערע שטעט. געווען דער הויפט-אנפירער די גאנצע צייט פון דער הילף-אקציע. בעת דער באלשעוויסטישער אינוואזיע ווערט פארכאפט פון דער קרעדיט-קאנצעלאריע פון באראן גינזבורג אנ'ערך פון 386 טויזענט דאלאר פון די געלטער. ער איילט שנעל נאך קאפענהאגען, נעמט פירען אונטערהאנדלונגען מיט גרויסע יודישע פערזענלעכקייטען, וועלכע זענען דארט דעמאלט געווען, און נאך גרויסע באמיהונגען געלינגט אים צוציהען צו דער הילף-ארבעט, די ה"ה: ד"ר ארטור האנטקע, ד"ר בערנארד קאהאן, דעם ארטינען ראבינער פראפ. סימענסען און דעם גרויס-אינדוסטריעלער מעלכיאר. די ערשטע 12 טויזענט דאלאר האט ער אליין געגעבען פאר דעם צוועק און אין א קורצער צייט זענען צוריק צונויפגעשטעלט געווארען די 386 טויזענט דאלאר, וועלכע זענען גלייך איבערגעשיקט געווארען אין די אקופירטע שטעט. פון דאנען איז ער אריבער נאך שטאקהאלם און צוזאמען מיט ד"ר עהרענפרייז ארגאניזירט אנ'ענלעכען קאמיטעט. טויזענטער מענטשען אין פארשידענע שטעט האבען דעמאלט געגאסען פון דער געלט-שטיצע, וואס די קאמיטעטען פלעגען צושיקען, וועלכע זענען דורך אים אנגעפירט געווארען און די הילף לטובת די ארעמע יודען איז געווען זייער א באטייטענדיגע. 1929 צוריקגעקומען נאך לאדוש און אין יענער צייט איז אויפגעשווימען די רעפאטריאנטען-פראגע אין איר גאנצער שארפקייט, דעמאלט האט ער צוזאמען מיט נאך עטלעכע היגע חשוב'ע בירגער, ב. ליטווין, פרויפויסט און די פארשטארבענע אליעזר מאגאזאניק, באריס עיטינגאן, אונטערגענומען אג'אקציע, אז ס'זאל געזיכערט ווערען דער גורל פון די „פרעמדע" און א סך האבען זיי באוויזען אויפצוטוען אויף דעם געביט — א סך צענדליגער און אבער צענדליגער געוועזענע תושבים, וועלכע ס'האט געדראהט ארויסגעשיקט צו ווערען פון דאנען, האבען דורך זיינע באמיהונגען באקומען דא צוריק זייער מקום מנוחה. בעת ס'האט געדראהט צוליב דעם קריטישען מצב, אז פאזנאנסקיס שפיטאל זאל איבערגייען צו דער שטאט, דעמאלט ווערט דורך דער איניציאטיוו פון ד"ר מ. ברוידע, אונטערגענומען א הילף-אקציע, און ער צוזאמען מיט אשר כהן, נאום עיטינגאן, האבען אנגעפירט א פאזיטיווע ארבעט און ס'איז געזיכערט געווארען אויף ווייטער די עקזיסטענץ פון שפיטאל. 1926 מיטגרינדער פון היגען „רעטונג-קאמיטעט" און שטייט די גאנצע צייט אין דער שפיץ פון דער וויכטיגער אינסטיטוציע. 1928 ווערט דורך דער מיטהילף פון „דזשוינט" בא'ם „רעטונג-קאמיטעט", געשאפען די „יודישע וועבעריי", און פון דער ערשטער מינוט ביז היינט האט ער אלס פארזיצער שטענדיג געזארגט דערפאר, אז די אינסטיטוציע זאל מיטהעלפען דעם פראצעס פון איבערשיכטען יודישע ארבעטער אויף מעכאנישער ארבעט. איז פרעזעס פון פאזנאנסקיס שפיטאל, וויצע-פארזיצער פון דער דעפאזיטען-באנק און דירעקטאריאט-מיטגליד פון קרן היסוד.

ב. וואקס איז דער פארדינסטפולער היגער ערלעכער כלל-טוער, וועלכער איז תמיד געווען גרייט צו דינען דער געזעלשאפטלעכקייט און בא איטלעכער וויכטיגער געשעהעניש, וואס האט נאר פאסירט, איז ער גלייך געווען פון די ערשטע. זיין לעבען איז רייך מיט גוטע מעשים לטובת הכלל. אבער, תמיד האט ער זיי געטוען מיט א ווארעם יודיש

הארץ און אַ סך גוטסקייט, וואָס דער מענטש איז באַשאָנקען. כאָטש שוין זייענדיג איצט אויף דער עלטער, אָבער דאָך שטייט ער ווייטער אין דער שפּיץ פון עטלעכע היגע וויכטיגע אינסטיטוציעס און העלפט אָנפירען מיט דער אַרבעט.

## ווייצמאַן יוסף.



געבוירען דעם 19·XI 1893 יאָר, אין אַ היגער פאַרמעגליכער פאַמיליע. געענדיגט דאָס פּריוואַט-גימנאַזיום פון וויטאַנאָווסקין מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. שפּעטער אריבער אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט אויפ'ן יורידישען פאַקולטעט. צוליב'ן אויסברוך פון קריג אַוועק נאָך רוסלאַנד, טרעט אַריין אין ראָסטאָוודאָנער אוניווערזיטעט און ענדיגט מיט'ן טיטעל: „קאַנדידאַט פון יורידישער וויסענשאַפט". אַ קורצע צייט טעטיג אַלס געהילף-אַדוואָקאַט אין מאָסקווע. געדינט אויך דאָרט אין דער אָפיצירען-אַרטילעריע-שול. צוריקגעקומען נאָך פּוילען, און אַרייגעצויגען געוואָרען אין מיליטער, געווען אָנגעשטעלט אין דער יוריסטישער אָבטיילונג פון קריג-מיניסטעריום אין וואַרשע. צולעצט באַלייגט דעם עקזאַמען און געקריגען דעם טיטעל אַדוואָקאַט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט האָט ער אָנגעהויבען נאָך אַלס סטודענט, אין רוסלאַנד, וואו אין שליחות פון דער הילף-אָרגאַניזאַציע: „יעוואָפּאָ" האָט ער געטראָגען הילף, די „ביעזשענצעס".

אין 1917 יאָר ווערט אין רוסלאַנד געגרינדעט די פאָלקס-פאַרטיי, דורך לאַצקי-באַרטאָלדי, עפראָיקין, א. אַנד. נעמט גלייך אַנ'אַקטיווען אַנטייל. געווען פון די הויפּטאָנפירער פונ'ם יודישען „זעלנער-בונט" אין מאָסקווע און פּעטערבורג, צוזאַמען מיט פּראָפ. גרוזענבערג און אַדוו. וויעלינקין. שפּעטער געווען וויצע-קאָמענדאַנט פון פּעטערבורגער „יודישען זעלבסט-שוץ", און אין מאָסקווע פון די נאָהענטסטע מיטאַרבעטער פון אינזש. פּ. רוטענבערג, יוסף טרומפּעלדאָר—געוויילט געוואָרען אַלס וויצע-פאָרזיצער פון צענטראַל-קאָמיטעט. עמיגרירט נאָך פּוילען, און קומט אָן נאָך לאָדוש, טרעט אַריין אין דער היגער פאָלקיסטישער אָרג.; ווערט אויסגעוויילט אַלס ראַט-מיטגליד, דערנאָך אין צ. ר. פון פּוילען, נאָך אַ ריי יאָרען געוואָרען פאָרזיצער פון דער אָרטיגער אָרגאַניזאַציע.

זייט דעמאָלט איז ער געווען פאָרזיצער פון דער האַנטווערקער-צענטראַלע, ערען-פאָרזיצער פון קליינהענדלער-פאַרבאַנד, פאָרזיצער פון אויפזיכט-ראַט פון דער האַנטווערקער און קליינאינדוסטרי-באַנק, פאָרזיצער פון אויפזיכט-ראַט פון לוינוועבער-קאָאָפּעראַטיוו „פּראָגרעס", פאָרזיצער פון דער סקויטען-אָרג., פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון רעטונג-קאָמיטעט, ערען-סעקרעטאַר פון פ ויען-שוץ-פאַראיין און ערען-פאָרזיצער פון אַ גאַנצע ריי היגע צעכען.

זייט 1924, איז ער שוין צוויי מאָל אויסגעוויילט געוואָרען אַלס ראַט-מיטגליד פון דער יודישער קהלה. אין דער ערשטער קאַדענץ געווען פאָרזיצער פון דער סאָציאַלער הילף-קאָמיסיע בא דער י. ק. איז ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט איצט פאַרנעמט ער דעם אַמט אַלס וויצע פאָרזיצער פון קהלה-ראַט פון דער יודישער קהלה.

## ווערדיגער יהודה לייב



געבוירען דעם 10 אַפּריל 1883 אין אַ היגער חסידישער רייכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער אליעזר איז איינער פון די עלטסטע היגע תושבים געלערנט אין חדר און בא פארשידענע מלמדים, אויך בא פּריוואַט-לערער צו 20 יאָר חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון נתן לאַסמאַן. דערנאָך אָנגעהויבען פאַבריצירען באַנוועלנע און וואָלענע סחורות און געפירט יאָרענלאַנג די פאַבריקאַציע; געווען דעמאָלט אַנ'אָנגעזעהענער פאַבריקאַנט. דורך דער צייט געקויפט אַ גאַנצע ריי הייזער. איצט באַזיצט ער די געביידעס פון פילהאַרמאָניע און „ספּלענדיד".

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין 1907, מיטגרינדער פון היגען „לינת החולים"; געווען טעטיג אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג, זייט דעמאָלט אַרבעט ער ביז היינט אין דער אינסטיטוציע און אַ סך געהאָלפען אין איר אַנטוויקלונג, מיטגעאַרבעט אַ ריי יאָרען אין דער ערשטער יודישער „ליי און שפּאָר-קאַסע", געווען וויצע-פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג. 1932 אַריינגעטרעטען אין דער באַנק אויף פּיעטריקאָווער 27, וואו אַנטוויקעלט אַ טעטיגקייט עטלעכע יאָר כסדר, ביז דער ליקווידאַציע. געווען אַ צייט טעטיג אין מחזיקי הדת, און אָנגעפירט מיטן פּעדאַגאָגישען ראַט. בעת די מלחמה-יאָרען מיטגעאַרבעט אין „רויטען-קרייץ". 1920 געוויילט געוואָרען דורכן היגען שטאָט-ראַט אַלס מיטגליד פון פינאַנץ-אַמט, אויך געווען פאָרטרעטער אַ ריי יאָרען אין די קאָמיסיעס פאַר פאַרמעגען און הכנסה שטייער. 1915.16.17 געווען פאָרשטייער באַם פאַרטיילען ביליגע קוילען צווישען דער היגער יודישער באַפעלקערונג, וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרען דורך דער קהלה. 1920 באַשטימט געוואָרען אַלס לאַווניק פון 1, 4, 9 פרידען געריכט דעם אַמט האָט ער געפלעגט ביז 1929. פון דעם יאָר אָן איז ער ווייטער לאַווניק פון אַרבעטער-געריכט. 1925.6 געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון דער אגודה.

ז.

## זיידענוואָרם משה



געבוירען כ"ב סיון, 1894 בא אַ היגער פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער אשר זעליג איז געווען אַ קליינער זאַקען-פאַבריקאַנט) באַקומען אַ רעליגיעזע דערציהונג. דערנאָך געאַרבעט בא'ם פאָטער, וואו ר'האָט דערלערנט דאָס פאַך און אויך אַרויסגעוויזען גרויסע סוחרישע פעהיגקייטען. 1912 געגרינדעט אַ זאָקען-פאַבריקאַציע, צוזאַמען מיט זיין ברודער, א. פּ. „ברידער זיידענוואָרעם". לכתחילה איז עס געווען אַ קליין זאָקען פאַבריקעל פון 13 קראַפט-מאַשינען, אָבער נאָך צוויי יאָר צייט האָט שוין די פירמע די מעגלעכקייט צו פאַרגרע-

סערען די צאָל מאַשינען אויף 40 און אָנגעהויבען שוין צו פאַרנעמען אַנ׳אָרט אין דער בראַנזשע פאַר דער מלחמה.

אין די מלחמה-יאָרען האָט די פירמע געהערט צו די געציילטע היגע אונ-טערנעמונגען, וועלכע האָט כמעט די גאַנצע צייט געאַרבעט, און אויך כסדר צוגעקויפט מאַשינען און פאַרבעסערט די פראָדוקציע. אין 1919 האָט די פירמע געקויפט אַנ׳אייגענעם פאַבריק-בנין און איינגעשאַפט נייע מאַשינען אויסצואַרבעטען פלאָר און מצירוירטע שטרימף. 1920 ווערט איבערגעטראָגען די גאַנצע פאַבריק אין אייגענעם הויז אַריין.

אין די ווייטעריגע יאָרען האָט ער געהאַט פאַר אַנ׳אויפגאַבע, אויסצובעסערען די פראָדוקציע און געשטרעבט צו ספעציאַליזירען זיך אין בעסערע סאָרטען שטרימף.

אין 1922-23 האָט די פירמע עקס-פּאָרטירט אירע אויסאַרבעטונגען אין די באַלטישע קאַנטען און אין רומעניען איצט פאַרקויפט זי איר פּראָדוקציע אין פוילען און אין ענגלאַנד.

1926 האָט ער געשאַנקען 2 קאָטאָן-מאַשינען, פאַר דער היגער „אָרט" אָב-טיילונג, אויף וועלכע ס׳ווערען צוגע-גרייט קוואַליפיצירטע יודישע אַרבעטער אין דער קאָטאָן-בראַנזשע.

1928-29 איז די פּראָדוקציע פון דער פירמע שטאַרק געשטיגען און די פאַבריק האָט געאַרבעט אויף אַלע שיכטען. ביז 400 אַרבעטער זענען דעמאָלט געווען באַשעפטיגט אין דער פאַבריק.

באַ׳ם היינטיגען טאָג באַשטייט די פאַבריק פון 100 שטאַנדאַר און 28 קאָ-טאָן מאַשינען, באַשעפטיגט ביז 200 אַרבעטער און אַרבעט-אויס פון די ביליגסטע ביז די פיינסטע סאָרטען שטרימף.

די פירמע: „ברידער זיידענוואָרם", האָט געשפּילט אַ באַטייטענדיגע ראָל, באַ׳ם איבערשיכטען יודישע אַרבע-טער אויף מעכאַנישע שטולען. בעת ס׳איז אויסגעבראָכען אַ שטרייק, מצד די קריסטלעכע אַרבעטער, אַלס פּראָ-טעסט קעגען דעם, וואָס ס׳איז אַריינ-געפירט געוואָרען; דער ערשטער יודי-שער אַרבעטער אין דער קאָטאָן-אָבטיי-לונג. דעמאָלט האָט משה זיידענוואָרם אַרויסגעוויזען זיין עקשנות, וואָכענלאַנג איז געווען די פאַבריק געשלאָסען ביז סוף כל סוף איז די אייזערנע וואַנט געבראָכען געוואָרען. שפּעטער האָט דאָס געדינט פאַר אַ מוסטער פאַר אַנדערע יודישע פאַבריקאַנטען. זייט 1924 זענען באַשעפטיגט כסדר אין דער דערמאָנטער פאַבריק ביז 50 פּראָצ. יודישע אַרבע-טער אין דער קאָטאָן - אָבטיילונג און פון 50 ביז 60 פּראָצ. אין דער שטאַנ-דאַר-אָבטיילונג.

משה זיידענוואָרם אינטערעסירט זיך שטענדיג אויפצוהייבען דעם מצב פון פאַך בכלל. ר׳איז דער מיטגרינדער פון היגען „שטרימף פאַבריקאַנטען פאַראיין און האָט גלייך מיטגעאַרבעט אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג. זייט יאָרענלאַנג פלעגט ער דעם אַמט אַלס וויצע-פּאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע. מ. ז. איז אַ מענטש מיט אַ ניכטערען בליק און זיין וואָרט ווערט אָפט געהערט אין די קרייזען.

## זשורקאָווסקי יוסף



געבוירען דעם 28 יאַנואַר, 1880 אין אַ היגער פאַר-מעגלעכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער משה איז גע-ווען אַנ׳אָנגעזעהענער קאָמיסיאָנער) געענדיגט אַ מי-טעל שול. שפּעטער באַזוכט דעם דאַנציגער האַנדעל-אינסטיטוט און גע-ענדיגט מיט אַ דיפּלאָם. 1899 הייבט ער אָן צו אַרבעטען אין דער היגער באַנ-וועל-גאַרן בראַנזשע, און קריגט פאַר-טרעטונגען פון פאַרשידענע פירמעס. דערנאָך אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען אין דעם גרויסען האַנדעל-הויז מ. זיל-בערשטיין, וואו ער אַרבעט ביז 1904. 1911 געגרינדעט אַנ׳אייגענע צווירנעריי, וועלכע באַזיצט איצט אַ גאַנצען קאָר-פּוס מאַשינען, 12 זאַץ, און באַשעפטיגט ביז 40 אַרבעטער. 1912 חתונה געהאַט מיט אַננאַ פינטשעווסקא, די טאָכטער פון בעקאַנטער גביר מענדעל פינטשעווסקי. 1927 אויפגעשטעלט אַנ׳אייגענע שליכ-טעריי, וועלכע באַשעפטיגט היינט ביז 15 אַרבעטער.

די צווירנעריי פון י. זש. ווערט פאַררעכענט פאַר איינע פון די גרעסטע צווירנערייען אין אונזער שטאָט.

י. זשורקאָווסקי איז זייט 1904 געווען אַ צייט אַנ׳אַקטיווער חבר אין דער אַמאָליגער ס. ד. באַטייליגט זיך אין קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, צוליב רדיפות אָבער מצד דער רוסישער אָכראַנע האָט ער געמוזט אַוועק פון דאַנען—שפּעטער האָט ער צוריקגעצויגען זיך אינגאַנצען פון פּאַרטיי-לעבען.

האָט אין די ערשטע יאָרען מיטגעאַר-בעט אין „לינת הצדק". געווען פאַר-וואַלטונג-מיטגליד אין „טעקסטיל-מייס-טער-פאַראיין" און אין „העלענוועק . זייט 1922 פירט ער אָן אַ שטאַרקע טע-טיגקייט אין „חברה מחסה לזקנים", און געהערט די גאַנצע צייט צו דער פאַרוואַלטונג פון דער אינסטיטוציע. איז שוין יאָרענלאַנג לאַווניק פון היגען קרייז-געריכט.

ט.

## טרעמבאַטש משה



געבוירען דעם 1861 אין וואַר-שע, באַ אַ האַנטווערקער משפּחה. (דער פאָטער זיינער איז געווען אַ שטובען-מאַ-לער. געלערענט אין דער שול ביז 15 יאָר, געמוזט זי פאַרלאָזען, ווייל דער פאָטער איז נישט געווען ביכולת צו צאָלען פאַר אים שכר למוד. אין דער שול האָט ער געשמט אַלס גוטער צײ-כענער. פלעגט אָפט דעמאָלט מיטהעלפען דעם פאָטער אין דער אַרבעט, באַ׳ם מאָלען ווענט און סופיטען. אַ צייט ציהט ער חיונה פון געבען לעקציעס און מאַכען פאָרטרעטען פון פאָטאָגראַפיעס דערנאָך אָנגעקומען אין דער אָרטיגער קונסט-שול פון פּראָפ. גערסאָן, וואו ער ווייזט אַרויס גרויסע פעהיגקייטען; און נאָך אַ יאָר צייט זענען שוין זיינע אַר-בעטען געווען פאַרטרעטען אויף אַנ׳-אויסשטעלונג אין פעטערבורג און באַ-קומט דעם ערשטען פּריז פאַר דער בעסטער צייכענונג, מיט אַ געלט-פּרעמיע פון הונדערט רובעל. פון דעמאָלט אָן האָט ער באַשלאָסען צו ווידמען זיך דער מאָלעריי, די עלטערן זיינע זענען אָבער קעגנער דערפון. דער יונגער בחור פאַרלאָזט דעריבער זיין היים און גענו-מען פירען אַ זעלבסטשטענדיג לעבען— געלערנט און שווער געאַרבעט אויף פּרנסה. דערווייל האָט זיך גענומען

פאַראינטערעסירען מיט אים אַ דאָרטיגע יודישע פאַמיליע און דורך איר פּראָטעקציע באַקומט ער פון אַדוואָקאַט סטאַניסלאַוו ראַטוואַנט אַ סטיפּענדיע, דעמאָלט איז אַרויסגעטרעטען אַלס עקספּערט דער באַרימטער מאָלער לעאָפּאָלד האָראָוויץ, וועלכער האָט זייער גינסטיג אַרויסגעזאָגט זיך וועגען אים און דאָס האָט אַ סך צוגעהאָלפען דערצו און פאָרט אַוועק ווייטער שטודירען אין דער קראַקעווער-אַקאַדעמיע. וואו עס שענקט אים דעמאָלט אַ סך אויפמערקזאַמקייט דער גרויסער מאַטייקאַ. פון דאָרט איז ער נאָך צוויי יאָר אַריבער אין דער מינכענער קונסט-אַקאַדעמיע. דאָ האָט ער שנעל אַרויסגערוקט זיך אויף איינס פון די ערשטע ערטער. אין דעם דעמאָלטדיגען צענטר פון דער אייראָפּעישער מאָלעריי באַקומט ער גרויס אַנערקענונג און אַ גוטען נאָמען. פון דעם פּעריאָד שטאַמען זיינע ערשטע גרעסערע קאָמפּאָזיציעס: „פון דער מאַרטירלאָגיע“. „דער באַרמהאַרציגער שומרונער“. דערנאָך האָט ער באַזעצט זיך אין פּאַריז.

אין יאָר 1887 קערט ער צוריק אום אַהיים און שטעלט אויס זיינע בילדער מיט גרויס דערפאָלג אין ווארשע און אין קראַקע. צווישען זיי אַ ריי אויסגעצייכנטע לייוונטען: „די רעקאָנוואַלעסצענטען“, „אומעטיגע געדאַנקען“, „פון יודישען לעבען“.

דאָ האָט ער חתונה געהאַט און אַוועק אויף אַ לענגערע רייזע איבער איטאַליען. אונטערוועג איז אים דאָס ווייב געשטאָרבען, דער קינסטלער האָט זיך אומגעקערט נאָך ווארשע און געשטילט דעם טרויער אין אָנגעשטרענגטער אַרבעט. דעמאָלט טאקע האָט ער אויפגעמאָלט זיין „יאַנקעל צימבאַליסט“. אַ ווערק, וואָס האָט נישט בלויז אַ הויכען קינסטלערישען ווערט, נאָר אויך אַ קולטור-געשיכטלעכען.

אויף דער אַלגעמיינער אויסשטעלונג אין פּאַריז אין 1889 באַקומט ער אַ בראָנזענעם מעדאַל און שפּעטער—אַ גאָלדענעם אין סאַן-פראַנציסקאָ.

אין 1894 יאָר טראָגט ער זיך איבער אויף שטענדיג פון מינכען נאָך וואַרשע, פון 1909 וואוינט דער קינסטלער אין לאָדזש וואו ער האָט געפייערט אין 1926 יאָר זיין פופציג-יאָריגען יובילײ פון זיין אַרטיסטישער אַרבעט.

אין 1931 יאָר, אין שייכות מיט דער יובילײ-פייערונג, וואָס איז דעמאָלט איינגעאָרדענט געוואָרען לכבוד דעם קינסטלער דורך אַ ספּעציעלען קאָמיטעט אין דער הויפּט-שטאָט וואַרשע, — ווערט באַשטימט פאַר אים פון דער פּוילישער רעגירונג, אַלס אַנערקענונג פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטען, אַן עמעריטור-פּענסיע.

אין איצטיגען מאָמענט, נישט קוקענדיג אויף זיין טיפער עלטער, געפינט זיך נאָך דער קינסטלער אין זיינע בעסטע כחות פון שאַפען; אין זיין מאָלעריי רעפּרעזענטירט ער דעם שוין היסטאָרישען רעאַליזם מיט איידעלע ראָמאַנטישע אַקצענטען פון דער מאַטייקאַ-מינכענער-שול.

י.

## יאָעל אַלעקסאַנדער



געבוירען אין 1887 אין סלופּצע. געענדיגט אַ רעאַל-גימנאַזיע אין קאַליש. דערנאָך בלייבענדיג אַ יתום איז ער אוועק נאָך לאָדזש זוכען תכלית, קומט דאָ אָן אויף אַ פּאָסטען אין דער אַקציען-געזעלשאַפט „דרעזדענער מאַנופאַקטור“. אין 1898 איז ער דעלעגירט געוואָרען דורך דער פירמע נאָך מאָסקווע, שפּעטער נאָך סאַראַטאָוו און טיפליס פון דער „דרעזדענער מאַנופאַקטור“, אין דער פירמע האָט ער געאַרבעט ביז׳ן אויסברוך פון קריג.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען בעת די מלחמה-יאָרען האָט ער געאַרבעט אין אַ סך היגע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

נאָך דער באַפרייאונג פון פּוילען איז ער אויסגעוויילט געוואָרען, מצד די ציוניסטען אַלס ראַטמאַן אין ערשטען שטאָט-ראַט. אין יענער צייט האָט ער מיטגעאַרבעט אין דר״ק באַ׳ם פונאַנדערטיילען די הילפס-געלטער, און אויך אַקטיוו זיך באַטייליגט אין אַקציעס לטובת די פאַראָרעמטע היגע יודען.

1920 ווערט ער גערופען אויפן פּאָסטען פון לאַווניק אין לאָדזשער מאַגיסטראַט. אַלס איינציגער יוד אין דער לאָדזשער זעלבסטפאַרוואַלטונג איז אים דעמאָלט איבערגעגעבען געוואָרען צו אָרגאַניזירען די געזונטהייט-אָבטיילונג.

לאַווניק יאָעל איז אויך טעטיג געווען אין אַ ריי היגע אינסטיטוציעס. געוועזן פּרעזעס פון „לינת-הצדק“, פּרעזעס פון „חשמונאי“, פּרעזעס פון „מכבי“ און דאָזאָר פון קהלה-ראַט, זייט דעמאָלט איז ער שוין אויסגעוויילט געוואָרען אַ צווייט מאָל אַלס ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט און דורך אים באַשטימט געוואָרען אַלס לאַווניק פון מעלד-אַמט. דעם פּאָסטען פאַרנעמט ער ביז׳ן היינטיגען טאָג. איז פאַרזיצער פון ביוראָ פון די באַפעלקערונג ביכער, פאַרזיצער פון דירות-שידס-אַמט, פאַרזיצער פון אַדרעסען-ביוראָ, לייטער פון דער אַדמיניסטראַציע-אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט. ער איז פּרעזעס פון האַנטווערקער-פאַרבאַנד איז, אַ מיטגליד פון ועד-עירוני און צווייטער פאַרזיצער פון „קרן היסוד“ און „קרן קימת“.

כ.

## כהן אברהם



געבוירען דעם 17.10 1883, אין אַ היגער חסידישער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער ר׳ לוי איז געווען אַן אָנגעזעהענער מענטש אין אַלט-לאָדזש.) אייניקעל פון דוואַרטער רב, ר׳ משה נחמי׳, און אַן איידים פון פּיעטריקאָווער רב ר׳ דוד טעמקין ז״ל.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט, אָנגעהויבען אין טורן- און ספּאָרט-פאַראיין „בר-כוכבא“; גלייכצייטיג מיטגעאַרבעט אין דער פאָלק-בילדונג-ליגע שפּעטער גענומען ער אַנטוויקלען אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין „לינת-הצדק“, דורך זיין איניציאַטיוו איז אויך געשאַפען געוואָרען די צווייטע קאַרעטע, פון דער „נאַכט-פּאָגאָטאָוויע“, באַ דער געזעלשאַפט. געוועזן מיטגרינדער פון דער „דזשעבעלי“-קאָלאָניע, אין דרום-טייל פון יפו, אין ארץ-ישראל, און פאָרזיצער פון היגען דזשעבעלי-קאָמיטעט, געוועזן

פעטיג אין דער יודישער עמיגראַציע־געזעלשאַפט „יעאָס", און האָט געהערט אַ צייט צום פרעזידיום פון דער אינסטיטוציע. איז פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון סוחרים־פאַראיין, (פיעטריקאָווער 73) פון דער סוחרים־באַנק, (פיעטריקאָווער 39) און מיטגליד פון דער שאַצונג־קאָמיסיע באַ'ם פינאַנץ־אַמט.

א. ק. האָט באַטייליגט זיך אין דער היגער פרעסע פון צייט צו צייט פאַרעפענטלעכט אַרט׳קלען אויף אַקטועלע טעמעס ווי אויך אָבגעדרוקט זיינע רייזע־בילדער פון דער לאָנדאָנער וועלט־אויסשטעלונג: „וועמבליי" (1924) אין „נייעם פאָלקסבלאַט".

## כהן יעקב



געבוירען דעם תמוז 1860 אין בערעזאָווקע, נעבען אָדעס. (דער פאָטער זיינער אברהם איז געווען אַשניט סוחר) באַקומען אַ רעליגיעזע דערציהונג. געלערענט באַ די בעסטע מלמדים און געשמט אַלס וואיל־לערנער אַלט־זייענדיג 12 יאָר שטאַרבען אים אָב אין משך פון 3 חדשים דער פאָטער און די מוטער. נאָך זיינע עלטערענס טויט האָט ער געלערענט ווייטער עטלעכע יאָר אין בית־המדרש. צו 15 יאָר אַיועק מיט 60 קאָפּיקעס אין טאש נאָך אָדעס, וואו ער האָט אַ ריי יאָרען געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. אין 1888 יאָר אַריבערגעקומען, נאָך לאָדזש, ווערט אַ קאָמיסיאָנער, שטעלט זיך צונויף אַ קאָלעקציע פון מאַנופאַקטור, נעמט דערמיט פאָרען נאָך דרום־רוסלאַנד און מאַכט געשעפטען אויף אייגענע רעכענונג אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען אַנטוויקלען די זאָקען־בראַנזשע. ער איז דעמאָלט געווען פון די ערשטע, וועלכער האָט פאַר די אַרטיקלען געשאַפען אַן׳אָבזאַץ־מאַרק אין יענע קאַנטען. אין 1895 יאָר גרינדעט ער דאָ אַן׳אייגענע זאָקען־פאַבריק פון 15 רונד־האַנט־מאַשינען און אַרבעט־אויס ביליגע באַנוועלנע זאָקען, וועלכע ער אַליין פאַרשפּרייט אין דרום־רוסלאַנד. אַרבעט זיך שנעל זייער גוט אַרויף. אין 1899 פאַרגרעסערט ער זיין פאַבריק און גייט אַריבער אויף קראַפט. איז געווען דער ערשטער יודישער זאָקען־פאַבריקאַנט אין פוילען, וואָס האָט געגרינדעט אַ מעכאַנישע פאַבריק.

אויפשטעלנדיג מעכאַנישע שטולען האָט ער גענומען אויסאַרבעטען בעסערע באַנוועלנע האַלב־וואָלענע און וואָלענע זאָקען.

אין 1899 יאָר האָט די מעכאַנישע פאַבריק געהאַט נאָר 20 שטולען, אָבער מיט דער צייט איז זי אַלץ כסדר פאַרגרעסערט געוואָרען, אַזוי אַז אין 1910 געפונען זיך שוין אין איר 110 מעכאַנישע שטולען. 1911 געקויפט אַ פּלאַץ און אָוועקגעשטעלט אַן׳אייגענעם פאַבריק־בנין. 1913 ציהט ער אַריבער זיין גאַנצע פאַבריק אין דער אייגענער געביידע.

דאָס איז געווען די בליה־צייט פון דער פירמע. ער האָט דעמאָלט באַשעפטיגט 120 אַרבעטער, געמאַכט ביז 400 טויזענט רובעל אומזאַץ יערלעך און אין די סוחרישע קרייזען געגאָלטען אַלס דער „זאָקען קעניג".

בעת דער קריג האָט אויסגעבראָכען איז ער אָוועק נאָך כאַרקאָוו. 1918 צוריקגעקומען נאָך לאָדזש, וואו ער טרעפט אָן זיין פאַרמעגען אין זייער אַ טרויעריגען מצב. די דייטשען האָבען צוגענומען דעם גרעסטען טייל סחורות און גאַרן, און די רעשט וואָס איז איבערגעבליבען האָט ווייטער צוגענומען דאָס פערסאָנאַל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט דאָ אין לאָדזשער געשעפט. מיט׳ן געלט, וואָס ער האָט געבראַנגט פון רוסלאַנד באַצאָלט ער אַלע זיינע חובות און מיט אַ גאַנץ קליין קאַפּיטאַל, הייבט ער אָן צוריק אויפצובויען זיין געשעפט. דערנאָך פאַרגרעסערט ער ביסלעכווייז די פאַבריקאַציע, הייבט אָן אויך אויסצואַרבעטען מעצעריזירטע האַלב־זיידענע און זיידענע זאָקען — דערגרייכט כמעט די אייגענע פראָדוקציע פון פאַר דער מלחמה.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין די אַכציגער יאָרען. בעת עס האָט זיך אָנגעהויבען די חובבי־ציון באַוועגונג, איז ער איינער פון די איניציאַטאָרען, וואָס גרינדען אין אָדעס דעם ערשטען ציוניסטישן פאַראיין „נס ציונה", וואו ער אַרבעט צוזאַמען מיט לילענבלומען, ד"ר שטיין, אברהם קאָסטאַנטינאָווסקי א. אנד. 1920 איז ער מיטגרינדער פון היגען „זאָקען־פאַבריקאַנטען פאַראיין", וואו ער האָט פון דער ערשטער צייט ביז׳ן לעצטען יאָר געפלעגט דעם אַמט אַלס פאָרזיצער פון פאַראיין. אויף דער לעצטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (1932) אויסגעוויילט געוואָרען, פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטען, אַלס ערען־פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע. געווען יאָרענלאַנג גבאי אין דער ציוניסטישער שוהל „אהל יעקב". איצט געהער ער צו דער פאַרוואַלטונג פון „לינת החולים" און „בית מחסה לזקנים", וואו ער אַרבעט מיט זייער אַקטיוו.

יעקב כהן האָט זיך אויך באַטייליגט אין פאַרשידענע צייטשריפטען. געדרוקט זיינע קאָרעספּאָנדענציעס, אין „קול מבשר" און אין צעדערבוימס „פאָלקסבלאַט". פאַרעפענטלעכט זיינע פעליעטאָנען אין ספּעקטאָרס „הויזפריינט" לעצטענס דרוקט ער זיינע אַרטיקלען אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט".

## כאַרי פסח



געבוירען 15 אַפּריל 1892 אין בריסק, באַ אַ פרומער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער ניסן איז געווען אַ הענדלער) געלערענט אין חדר, און באַזוכט א פריוואַט־שול. צו 14 יאָר אָנגעקומען אויף א פּאָסטען און דערנאָך געאַרבעט באַ פאַרשידענע פירמעס ביז ר׳איז זעלבסשטענדיג געוואָרן. 1917 געעפנט אַן׳אייגען געשעפט פון פאַרשידענע אַרטיקלען, וואָס עקזיסטירט ביז׳ן היינטיגען טאָג.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין סוחרים־פאַראיין, (פיעטריקאָווער 73) וואו ער געהערט זייט א ריי יאָרען צו דער פאַרוואַלטונג. מיטגרינדער פון „דעטייליסטען סעקציע" באַ'ם דערמאָנטען פאַראיין, און איז די גאַנצע צייט דער סעקרעטאַר פון דער סעקציע. לאַנגיאָריגער ראַט־מיטגליד פון דער אָרטיגער פאָלקיסטישער אָרג. זייט 1928 פאָרזיצער פון צענטר. קליינהענדלער־פאַראיין, (פּאָמאָרסקע 15) און פירט אָן א שטאַרקע טעטיגקייט. איז פּריזעס פון „נותן־לחם", ראַטמאַן פון דער האַנדעלקאַמער, און פרנס פון דער יוד. קהלה.

# כהן אשר



געבוירען דעם 20 מאַי 1870 אין אַ היגער חסידישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער ר׳ לוי איז געווען אַן׳אָנגעזעהענער מענטש אין אַלט-לאָדזש) געלערענט אין חדר און בײַ ספּעציעלע מלמדים. שפּעטער איז ער אַוועק אין בית המדרש און געלערענט דאָרט מיט בחורים. געווען דער בעסטער צווישען זיי.

צו 15 מיט אַ האַלב יאָר חתן געוואָרען און נעזאָגט אויף די תנאים אַן׳ אייגען פּשט׳ל. צו 16 מיט אַ האַלב יאָר חתונה געהאַט, ווערט אַן׳איידעם פון זלמן רובין אין טאָמאַשאָוו, האָט געגעסען קעסט, געלערענט ווייטער מיט אַ סך בחורים. זיין שווער, וועלכער איז געווען אַ חשובער קאָמיסיאָנער אין טאָמאַשאָוו, האָט אָנגעהערט צו די משכילים און גענומען אים אָנרעדען אָבצוגעבען זיך מיט בילדונג. אונטער דער השפּעה פונם שווער, נעמט ער אַליין לערנען זיך דורך אָלענדאָרפ׳ס מעטאָד, די שפּראַכען: רוסיש, דייטש, פּויליש און פראַנצויזיש, אויך מאַטעמאַטיק דורך דער מיטהילף פון אַ העברעאיש ספר. מיט זיין שנעלער תּפיסה און שטאַרקער התמדה דערווערבט ער אַביסעל וועלטלעכע ידיעות. גלייכצייטיג דערוועקט זיך אין אים אַ שטאַרקער חשק צו פאַבריקאַציע. צו 19 יאָר צוריקגעקומען נאָך לאָדזש און נעמט דעמאָלט בײַ׳ם טעקסטיל אינזשיניער ליקערמאַן, דערלערנען שאַפּט און זשאַקאַרט אויך וועבען און מוסטער-צייכענען—ווערט גיך אַליין אַ פאַכמאַן. 1889 גרינדעט ער צוזאַמען מיט אַ שותּף, אַ פאַבריקאַציע, א. פּ. „נעלקען און קאָן". נאָך אַ האַלב יאָר צו גייט ער זיך מיט׳ן שותּף און פירט דאָס פאַבריקאַט-געשעפט אַליין עטלעכע יאָר. 1891 איז צוגעטרעטען צו דער אונטערנעמונג אַלס שותּף זיין פאָטער און די פירמע ווערט געענדערט, אויף: „י. ל. קאָן און זיהן". די פירמע האָט עקזיסטירט ביז 1894 יאָר. נאָכדעם האָט ער געפירט ווייטער אַליין דאָס פאַבריקאַט-געשעפט ביז 1897 יאָר.

אין יענער צייט פלעגט ער אַליין אויסצייכענען די מוסטערן פאַר די סחורות און אפילו מאָנטירען אַ וועבשטול.

אין 1897 ווערט ער אַנגאַזשירט אַלס דירעקטאָר פון דער פיליע, וועלכע „הײנצעל און קוניצער" גרינדען אין לאָדזש און דאָ ערשט קומט צום אויסדרוק זיין גרויסער אָרגאַניזאַטאָרישער טאַלאַנט: עו האָט דאָס געשעפט אַזוי הויך אויפגעהויבען, אַז די פירמע האָט דורך זיין הילף פאַרגרעסערט דעם פאַרקויף אין דער פיליע אויף צענפאַך ווי פריער, — ער איז אויך זייער רייך געוואָרען.

זיין ברויזענדיגער טעמפּעראַמענט לאָזט אים אָבער נישט רוהען און ער קאָן זיך נישט האַלטען בלויז אין דעם געשעפט — פּלוצלונג ווערט ער גאָר אַ בוי-אונטערנעמער.

זיין ערשטער דעביוט איז געווען, ער האָט אָבגעקויפט אַ קליין הייזעל אויף פּיעטריקאָווער 43 און דאָרט אַוועקגעשטעלט אַ גרויס הויז, איינגעאָרדענט לויט דער נייעסטער בוי-טעכניק און מיט די מ. דערנסטע איינריכטונגען. פון דעמאָלט אָן נעמט ער קויפען הייזער, בויט זיי איבער און פאַרקויפט זיי—מאַכט דערבײַ זייער גוטע געשעפטען. 1910 קויפט ער אָב דעם אַמאָליגען „גראַנד האָטעל" און בויט אים איבער אין אַן׳ערשטקלאַסיגער ריזיגער האָטעל-געביידע, איינגעאָרדענט מיט׳ן גרעסטען קאָמפאָרט. פאַרוואַנדעלט דעם „גראַנד האָטעל" אין אַן׳אַקציען-געזעלשאַפט מיט אַ קאַפּיטאַל פון אַנדערהאַלבען מיליאָן רובעל און ער בלייבט דער הויפּט-אַקציאָנער.

אין 1905 יאָר ווערט דערמאָרדעט יוליוס קוניצער און די פירמע „היינצעל און קוניצער" איז געבליבען כמעט אָהן בעלי-הבתים. יוליוס היינצעל האָט געהאַט אַן׳איידעם באַראָן טאַנפאַני, אַן׳איטאַליענער, וועלכער האָט געדאַרפט איבערנעמען דעמאָלט די גאַנצע ליי-טונג פון דער אַקציען-געזעלשאַפט. ער האָט אָבער מער חשק געהאַט צו לעבען אַ גוטען טאָג, פאַרברענגט כסדר אין אויסלאַנד און דערווייל איז די ריזיגע אונטערנעמונג שטאַרק פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען. צוליב דעם איז געשאַפען געוואָרען אַ פאַרוואַלטונג-קאָמיטעט און אים ווערט דעמאָלט איבערגעגעבען די הויפּט-אָנפירונג פון פאַרקויף און פון דער פאַבריקאַציע.

אין 1912 באַקומט ער אַ גרויסען טייל אַקציעס פון דער פירמע, כמעט בחנם. אַ צווייטען טייל אַקציעס קויפט ער ווייטער אָב נאָכ׳ן פאַרקויפען זיינע אַקציעס פון „גראַנד האָטעל" און ווערט דער באַזיצער פון גרעסטען טייל אַקציעס פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור". נאָכדעם איז ער אויף אַן׳אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די אַקציאָנערן אויסגעקליבען געוואָרען אַלס גענעראַל-דירעקטאָר פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור".

בעת די מלחמה-יאָרען האָט ער צוגעקויפט נאָך אַקציעס און ווערט אַזוי-אַרום דער פאַקטישער בעל-הבית פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור".

מיט זיין גאַנצער באַווּנדערונגפולער ענערגי וואַרפט ער זיך אין דער אַרבעט און דערהייבט די פּראָדוקציע פון זיינע פאַבריקען צו אַ העכערער מדרגה, ווי פאַר דער מלחמה.

אין די מלחמה-יאָרען, בכדי נישט צו ברענגען די אַרבעטער אָנצוקומען נאָך אונטערשטיצונגען — ווי דאָס האָבען געטוען אַלע אַנדערע פאַבריקאַנטען — נאָר צו באַזאָרגען זיי גלייך מיט אַרבעט, האָט ער דעמאָלט ניוועלירט 20 מאָרגעס לאַנד און אַדורכגעפירט טייכען, קאַנאַליזירט אַ גרויסען טייל פון ווידזעוו, אויפגעשטעלט שפּייכלערס און פאַבריק-בנינים. אויסגעמויערט דעם בנין פון דער צענטראַלע אויפ׳ן עק זאַכאָדניע.

אין אַפּריל 1919 האָט ער אין אויסלאַנד באַקומען אַ קרעדיט פון 300 טויזענט פונט און געלאָזט זיין פאַבריק אין גאַנג אויף 3 שיכטען—אַלע אַנדערע פאַבריקען האָבען דעמאָלט געאַרבעט בלויז פאַר „פּוזאַפּ"—ער איז געווען דער איינציגער אין גאַנצען לאַנד, וואָס זיין פאַבריק איז געווען אַזוי שטאַרק באַשעפטיגט און אויך אין יענער צייט אויפגעלעבט די אינדוסטרי.

דעם 6 פעברואַר 1922 האָט אָבגעברענט די אַמאָליגע שפּינערײַ פון ווידזעוו און אין דער אייגענער נאַכט האָט ער פּראַקטאָקאָליש באַשלאָסען אויסצובויען אַ נייע גרעסערע און מאָדערנע שפּינערײַ. נאָכדעם זעהענדיג אָבער, אַז אין פּוילען וועט אים שווער זיין צושאַפען די געהעריגע קאַפּיטאַלען, איז ער אַוועק נאָך לאָנדאָן, וואו נאָך גרויסער מי איז אים געלונגען צונויפצורופען עטלעכע באַנקירען אויף אַ קאָנפערענץ. שפּעטער איז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון די ענגלישע באַנקירען אַראָבגעקומען נאָך לאָדזש און נאָך אַ גענויער פעסטשטעלונג האָט ער באַקומען די הלואה פון 1 מיליאָן פונט שטערלינג.

אין דעם יאָר ווערט אויפגעשטעלט

די נייע שפינעריי, וועלכע פארנעמט אַ שטח פון 165 מעטער די לענג און 60 מעטער די ברייט; באזיצט 140 טויזענט שפינדעל און ארבעט אויס גארן די פיינסטע נומערן ביז 160 — איז אַן׳אויסנאם אין גאנץ פוילען, ווייל אַנדערע שפינערייען פּראָדוצירען גארן מאקסימום ביז 120 נומער.

אין 1925 ווערט אויפגעשטעלט אַ גרויסע גיסעריי און מאַשינען־פאבריק, וועלכע ארבעט אויס שפינעריי־מאשינען, אויטאָמאַטען וועב־שטולען, לויט אייגענע פאטענטען. אין 28–1927 האָט די גיסעריי באַשעפטיגט 1600 אַרבעטער.

אין 1926 ווערט אויפגעשטעלט די פיין־שפינעריי אויף 80 טויזענט עגיפּטישע שפינדעל און די צווירנעריי פון 40 טויזענט שפינדעל.

אין יאַנואַר 1929 איז דערמאָרדעט געוואָרען זיין זיהן אַלבערט, טיף דערשיטערט פון דעם אומגליק איז ער אוועק נאָך ארץ־ישראל, ער האָט געהאַט בדעה אויפצובויען דאָרט אַ פאַבריק אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. כאָטש, דער פּראָיעקט זיינער האָט דאָרט אין לאַנד געפונען אַ גרויסען אָבקלאַנג, איז אים דאָך נישט געלונגען צו שאַפען די געהעריגע קאַפּיטאַלען, אפילו בא די גרויסע גאַראַנטיעס וועלכע ער האָט געוואָלט געבען און ר׳האָט דעריבער געמוזט רעזיגנירען פון זיין פּלאַן. נאָכ׳ן אָבזיין אַ יאָר צייט איז ער צוריקגעקומען נאָך פוילען. דערווייל האָט די פירמע געליטען גרויסע פאַרלוסטען, אָנטרעפענדיג דאָס איז ער גלייך צוגעטרעטען צו אַ גרויסער אַקציע און ארויסגעלאָזט אָבליגאַציעס אויף 3 מיליאָן דאָלאַר. פּלוצלונג איז געקומען אַ קראַך אויף דער באַנוועל־בערזע און דאָס געשעפט האָט פאַרנאָטירט פרישע גרויסע היזקות — ווייל זי איז געווען געבונדען מיט געשלאָסענע קאָנטראַקטען און געמוזט אירע התחייבות׳ען אויספירען שפּעטער זענען אויך שטאַרק געפאַלען די סחורות און מאַטעריאַלען, אַזוי אַז די „ווידזעווער מאַנופאַקטור“ איז אין 1931 יאָר געווען געצווינגען און געפאָדערט אַ געריכט־אויפזיכט.

צוליב דער שווערער צייט האָט ארויסגעוויזען זיך, אַז די מאַשינען פאַבריק קאָן נישט ווייטער עקזיסטירען. די דירעקציע האָט דעריבער בכדי זי צו דערהאַלטען גענומען אויסאַרבעטען גאַנץ נייע ווירטשאַפטלעכע אַרטיקלען: וויזשימאַטשקעס, פלייש־מאַשינען און אַנדערע זאַכען. זי באַשעפטיגט 600 אַרבעטער.

די פאַבריק פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור“ האָט אין די פריערדיגע יאָרען באַשעפטיגט 12 טויזענט אַרבעטער. נאָר איצט נאָכדעם ווי ס׳איז אַדורכגעפירט געוואָרען אַ רעדוקציע אַרבעטען אין איר בלויז 6 טויזענט 500 אַרבעטער. די קאַפּיציטעט פון דער פאַבריק פאָדערט אָבער אַז אַלץ זאָל אין איר אויסגענוצט ווערען און אַזוי ווי דאָס געשעהט איצט נישט, אַרבעט זי אָהן פּראָפיט — דערבא געהערט זי צו די געציילטע פאַבריקען אין אייראָפּע, וועלכע האָט אַ וועלט־נאָמען.

אין די לעצטע יאָרען האָט די „ווידזעווער מאנופאקטור“ אָנגעהויבען אויסצואַרבעטען גאנץ נייע ארטיקלען, א. נ. „אָ. ק.“ וועלכע זענען איינציג אין זייער איינשטעלונג, וועב־ארט און מישונג־קוואַליטעט. זיי זענען פּראקטישער ווי לייווענט און האָבען דערוואָרבען דעם רוהם אויפ׳ן וועלט־מארק. חוצרעם זענען באקאנט שוין פון פריער די ווייסע סחורות פון 100 ביז 3000 נומער, פארשידענע טישצייגער און בעט־וועש. אין דער „ווידזעווער מאנופאקטור“ ווערט אויסגעארבעט פון אַ שציערקע ביז דער טייערסטער לוקסוס־וועש, וועלכע זענען אָהן קאָנקורענץ און פארזעהען מיט אייגענע פאטענטען.

א. כ. איז געווען מיטגרינדער פון דער היגער „בני ברית לאָזשע“ און איר ערשטער פּרעזידענט; האָט דאָרט געשאַפען אַ פאָנד פון 20 טויזענט דאָלאַר, וואָס די ערשטע העלפט פון די צינזען איז באַשטימט אויף איינצוקויפען מאשינען פאַר יודישע פאַך־שולען און די אַנדערע צינזען־העלפט פאַרגרעסערען די סומע — אַזוי אַז דער פאָנד קאָן שטענדיג דינען זיין צוועק. געווען מיטגרינדער פון דער היגער „דעפּאָזיטען באַנק“ און אַליין אויסגעקויפט גאַר אַ גרויסען טייל אַקציעס פון פאַי־קאַפּיטאַל; אין 1921 יאָר, בעת עס האָט געדראָהט, אַז דאָס היגע יודישע שפּיטאָל פון פּאָזנאַנסקי׳ן זאָל אַריבערגייען צו דער שטאָט, דעמאָלט איז דורך זיין גרויסער מיטאַרבעט און געלט־מיטלען, וועלכע ער האָט געגעבען, געזיכערט געוואָרען די עקזיסטענץ פון דער אינסטיטוציע; פון 1922 ביז 1926 פלעגט ער אָפט אַנטייל נעמען אין זיצונגען פון פינאַנץ־מיניסטעריום, וואו מ׳האָט אויך דעמאָלט מיט זיין מיינונג אין די רעגירונג־ספערען שטאַרק גערעכענט זיך; האָט געשאָנקען מאַשינען פאַר יאַראָטשינסקי׳ס שול; פאַר׳ן חיפה׳ער פּאָליטעכניקום געשאָנקען די נויטיגע מאַשינען אויפ׳ן נאָמען פון זיין זיהן אַלבערט; מנדב געווען 10 טויזענט דאָלאַר פאַר׳ן ועד העירוני פון תל־אביב, אַלס איינצאָלונג אויפ׳ן פּראָיעקטירטען „גן אַלבערט“; באַזאָרגט אויך דאָרט „עיריה“ מיט מאַשינען, כדי אויסצובילדען יודישע פאַכלייט פאַר אויטאָמאַטען־שטולען.

א. כ. איז מיטגליד פון דער יודישער אַגענץ און פון דעם קרן היסוד דירעקטאָריאַט.

א. כ. האָט געמאַכט זיינע אייגענע הערות אויף משלי, איוב און קהלת.

א. כ. איז דער מענטש פון גרויסער ענערגי, אייזערנעם ווילען און שטאַרקען אונטערנעמונג־גייסט. דאָס זענען די הויפּט־שטריכען פון דער אייגנאַרטיגער נאַטור. איז איינער פון די הויפּט־זיילען פון דער גרויס־אינדוסטרי אין פוילען, דער טאָן־געבער אויפ׳ן פוילישען־מאַרק און דער רוח החיים פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור“.

## כהן מאַקס



געבוירען דעם 20 אַפּריל 1896 אין אַ היגער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער אָשר איז דער באַקאַנטער גרויס אינדוסטריעלער) געלערנט אין שווייצאַריען און אַדורכגעמאַכט 2 סעמעסטערס (אויפ׳ן יורידישען פאַקולטעט) פון ווילנער אוניווערזיטעט. שפּעטער אריינגעצויגען געוואָרען אין מיליטער, געווען אויפ׳ן פראָנט און באַקומען אַ פאַרדינסט־קריץ. כדי צו פאַרפולקומען זיך אויפ׳ן טעכנישען געביט האָט ער פּראַקטיצירט און געאַרבעט אין פאַרשידענע פאַבריקען. דערנאָך געוואָרען באַשטימט אַלס פּראָקורענט פון דער צענטראַלער פאַרקויף־שטעל בא דער „וו. מ.“ זייט 1921 פאַרנעמט ער דאָ דעם פּאָסטען אַלס הויפּט־דירעקטאָר און פלעגט דעם אַמט ביז׳ן היינטיגען טאָג. 1929 חתונה געהאַט מיט פרל. פעליציא שאָר, די טאָכטער פון וואַרשעווער אויבער־ראַבינער און געלערנטען פּראָפ. מ. שאָר. 1930 איז ער דער אָרגאַניזאַ-

טאָר פון דער נייער פאַבריק פאַרקויףשטעל „קאָנסום“, וועלכע איז אייננעאָרדענט לויט׳ן מוסטער פון די גרויסע אייראָפּעאישע „סחורות הייזער“, פאַרזעהען שטענדיג מיט אַלע געברויךאַרטיקלען—ער פירט די אויפזיכט איבער דעם האַנדעל-הויז.

מ. פ. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט. געווען אויפזיכט-ראַט-מיטגליד פון דער דעפּאָזיטען-באַנק. אויסגעוויילט געוואָרען אַלס פאָרזיצער פון דער האַנטווערקער-באַנק (פּאָלודניאָווע 4) און דעמאָלט געהערט צום צענטראַל-ראַט פון „רעוויזיאָן-פאַרבאַנד אין פוילען“. איז קוראַטאָר פון „אוזדראָוויסקאָ“; יאָרענלאַנג פּרעזידיום-מיטגליד פון יאַראָטשינסקיס „תּלמוד-תּורה“, פאַר דער פאַך-שול האָט ער געשאָנקען מאַשינען און אייננעאָרדענט אַ פולשטענדיגע גיסעריי; פלעגט דעם אַמט פון וויצע-פאָרזיצער פון הילף-פאַראיין „נותן לחם“; איז יאָרענלאַנג דער איינציגער יוד אין דער פאַרוואַלטונג פון „רויטען-קרייץ“ אַרבעט מיט אין די פאַרוואַלטונגען, פון דער געזעלשאַפט: „צו באַקעמפען דעם ראַק“, פון 28 פיעכאָטע פולק און פון מיליטערישען „אַעראָקלוב“. איז אָפיציר פון דער היגער שיסער-אָבטיילונג; זייט 1922 קאָמענדאַנט פון די ווידזעווער פייערלעשער; איז קאָמענדאַנט פון דעם 3-טען באַטאַליאָן פון די שטאָטישע-פייערלעשער, וועלכע האָט 5 אָבטיילונגען—פאַר זיינע פאַרדינסטען באַקומען 2 מעדאַלען. 1928 איז ער באַשטימט געוואָרען פון דער שוועדישער רעגירונג אַלס אָרטיגער וויצע-קאָנסול און אויך דער פאַרטרעטער פון דער שוועדיש-פוילישער האַנדעל-קאַמער. די הויכע אַמטען פאַרנעמט ער ביז׳ן היינטיגען טאָג.

מ. פ. האָט געהאָלפען אויפשטעלען די היגע פוילישע צייטונג „Głos Poranny“ וואו ר׳איז מיטאַקציאָנער און פון צייט צו צייט ווערען פאַרעפענטלעכט זיינע איבערזיכטען פון דער האַנדעל-וועלט.

מ. פ. איז אַ יונגער כלל-טוער, וועלכער ווייזט אַרויס גענוג אַקטיוויטעט אין פאַרשידענע היגע אינסטיטוציעס און העלפט מאַטעריעל.

## לאַנדאָ יעקב



געבוירען דעם 18 אַפּריל 1889 אין אַ היגער בעל-הבתּישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער מאַכעל איז געווען אַ סוחר) געלערענט דאָ אין דער אַמאָליגער פּריוואַט-שול פון ווונטש און גאָלט און אין דעם פּראָ-גימנאַזיום פון יודעלעוויטש. שפּעטער אַליין אַדורכגעמאַכט זעקס קלאַסען פון דער אָרטיגער האַנדעל-שול און אויך געענדיגט דעם קורס פון בוכפירונג און קאָרעספּאָנדענץ. צו 18 יאָר אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען באַ דער פירמע „ליכטענשטיין און פּאַקטאָר“, וואו ר׳האָט געאַרבעט עטלעכע יאָר. פון דאָרט אַריבער צו אַ צווייטער פירמע „מאַרקוס לונץ“, וואו ר׳האָט אין משך פון יאָרען פאַרנומען דעם אַמט אַלס ביוראָ-שעף און פאַרבליבען דאָ אַרבעטען ביז ר׳איז זעלבסטשטענדיג געוואָרען. בעת די מלחמה-יאָרען האָט ער געפירט פאַרשידענע מסחרים און געמאַכט אַביסעל קאַפּיטאַל, דערנאָך אַלץ צוריק אָנגעווירען. 1918 חתונה געהאַט מיט גאָלדע פון דער היים ענגעל. 1919 ווערט דורך אים געפּאַכטעט אַ קליינע מעכאַנישע וועבעריי, מיט 24 אייגענע ענגלישע שטול און הייבט אָן צו פאַבריצירען.

1924 בויט ער אויס אַן׳אייגענע פאַבריק אויף פּאָמאָרסקע 75, מיט 60 ענגלישע שטול און נעמט אויסאַרבעטען באַנוועלנע סחורות. דורך דער צייט איז די פאַבריק אַלץ כסדר פאַרגרעסערט געוואָרען און באַזיצט איצט 200 שטול, אַן׳אייגענע שליכטעריי און אַפּרעטור, באַשעפטיגט ביז 200 אַרבעטער, דערונטער 30 פּראָצ. יודישע און אַ יודישען שטול-מייסטער. די פירמע י. לאַנדאָ געהער צו די מיטעלע פאַבריקאַנט-הייזער אין אונזער שטאָט.

יעקב לאַנדאָ אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. געווען מיטגרינדער פון היגען „החלוץ“ און מיטגעאַרבעט די ערשטע צייט דאָרט אין דער פאַרוואַלטונג. שפּעטער האָט ער אָנגעפירט אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין דעם אַמאָליגען „בילדונג-פאַראיין“, וואו ר׳איז געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד און מיטגעאַרבעט אין פּעדאַגאָגען-ראַט געהער איצט צו דער פאַרוואַלטונג פון פאַבריקאַנטען-פאַראיין (זאַכאָדניע 68) איז אויפזיכט-ראַט מיטגליד פון דער טעקסטיל-באַנק (מאָניושקי 5) און פאַרטרעטונג-מיטגליד פון „בית מחסה לזקנים“.

## לובלינסקי ישראל



געבוירען דעם 19 יוני 1894, אין אַ היגער בעל הביתשער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער שלמה איז פאַבריקאַנט) באַקומען אַ רעליגיעזע דערציהונג. באַזוכט אויך די שול פון זעליגמאַן. צו 15 יאָר אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען. שפּעטער געווען אַן׳אָנגעשטעלטער באַ דער פירמע א. א. פּיאָסקאָווסקי ביז 1918. אין דעם יאָר זעלבסטשטענדיג געוואָרען און פאַרלייגט צוזאַמען מיט אַ שותּף, אַ גאַרן און טריקאָטאַזש פאַבריק א. פּ. גליקליך און לובלינסקי“, וועלכע עקזיסטירט ביז׳ן היינטיגען טאָג, זי באַשעפטיגט כמעט בלויז יודישע אַרבעטער.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין די מלחמה-יאָרען, געווען דעמאָלט מיטגרינדער פון „נאַציאָנאַלען יוגענט-היים“, וואו ער האָט אין משך פון עטלעכע יאָר אָנגעפירט אַן׳אַקטיווע אַרבעט; געווען מיטגרינדער פון דער „שטריקער און סוויטער-סעקציע“, באַ׳ם צענטראַלען האַנטווערקער קלוב, פּאָלוד. 4 אויך מיטגרינדער פון קאָאָפּעראַטיוו „פשענדזאַ“ און פאָרזיצער פון דער איינריכטונג; מיטגעאַרבעט אין טורן און ספּאָרט-קלוב: „בר-כּוכבא. לאַנג יאָריגער פּרעזידיום-מיטגליד פון דער היגער „האַנטווערקער-צענטראַלע“, פּאָלוד. 4 און אויפזיכט-ראַט-מיטגליד פון דער „האַנטווערקער-באַנק“. געווען מיטגליד פון די שאַצונג-קאָמיסיעס באַ׳ם פינאַנץאַמט און פון דער יודישער קהלה. לעצטענס אויסגעוויילט געוואָרען אַלס מיטגליד פון „שטעטישען ציוניסטישען-קאָמיטעט“, איז לאַווניק פון היגען אַרבעטער-געריכט און מיטגליד פון „געזעלשאַפטלעכער-שוץ“ באַ׳ם היגען מאַגיסטראַט.

## לימאַן משה



געבוירען דעם 12 סעפטעמבער 1890 אין ראָזשינאָי באַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער יעקב איז געוועזן אַ פאַבריקאַנט און אַ גרויסער כלל-טוער) געלערענט אין חדר, שפּעטער באַ די רביים פון דער ראָזשינאָיער ישיבה. געענדיגט די וואַרשעווער רוסישע רעאַל-שול. באַזוכט דעם יורידישען פאַקולטעט פון פסיכאָנעווראָלאָגישען אינסטיטוט אין פעטערבורג. 1905 פאַרעפענטלעכט זיינע ערשטע קינדער-זאַכען אין „החיים והטבע", „פרחים". 1910 דערשינען דאָס ביכעלע: „מעולם האגדה". זייט דעמאָלט געדרוקט זיינע אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין „אונזער לעבען", „הצפירה". מיטגעאַרבעט אין רוסישען קינדער-זשורנאַל „דער יונגער ישראל", פאַרעפענטלעכט אין רוסישען אַ ביכעלע פון קינדער-דערציילונגען. „די כוואַליעס פון ירדן".

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין דער וואַרשעווער „חובבי שפת עבר", וואו ר'האָט דעמאָלט מיטגעהאָלפען שאַפען (צוזאמען מיט א. לעווינסאָן, ישראל מיראַמינסקי) די העברעאישע שילער-גרופען: „קת'ע". מיטגעאַרבעט אין דעם אַמאָליגען אָרטיגען ציוניסטישען פאַראיין „התחיה". 1915 אַוועק נאָך כאַרקאָוו, וואו ר'האָט דערנאָך גענומען שפּילען אַ באַטייטענדיגע ראָל אין לאָקאָלען ציוניסטישען און אין פאָליטישען לעבען. נאָכ'ן פאַלען פון צאַריזם געווען מיטגליד פון דער שטעטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג און פרעזידיום-מיטגליד פון דער נייער דעמאָקראַטישער קהלה; געווען איינער פון די מיטהעלפער פון דער תרבות-אַקציע (צוזאַמען מיט ד"ר ש. י. טשאַרנאַ, ד"ר ג. סטאַראָפּאָלסקי) אַרויסגעגעבען 4 נומערן פון העברעאישען זשורנאַל: „בין הזמנים" (צוזאַמען מיט ד"ר טשאַרנאַ) געדרוקט אַרטיקלען אין אָדעסער „אונזער לעבען". בעת די אוקראַאינישע פאָגראָמען איז ער געווען גענעראַל ערען-סעקרעטאַר פון געשאַפענעם אָרטיגען קאָמיטעט און מיטגעהאָלפען טראָגען הילף די פּאָגראָמירטע יודען. פלעגט אָפט אַרויסטרעטען עפענטלעך און געשמט אַלס גוטער רעדנער.

1925 אָנגעקומען נאָך לאָדזש. פון דעמאָלט אָן האָט ער גענומען אַ שטאַרקען אַקטיווען אַנטייל אין היגען ציוניסטישען לעבען, צוערשט געווען ראַט-מיטגליד פון „שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט" און לעצטענס פרעזידיום מיטגליד פון דער אָרטיגער אָרגאַניזאַציע. דורך דער צייט געדרוקט זיינע מאמרים אין „היום", „הצפירה" און אין „לאָדזשער טאַגעבלאַט". געהאַלטען רעפעראַטען, אָנטייל גענומען אויף פאַרשידענע ציוניסטישע און תרבות צוזאַמענפאָרען, געווען מיטגרינדער און סעקרעטאַר פון אָרטיגען „למען הבימה" קאָמיטעט, (צוזאַמען מיט פאַרשטאָרבענעם באָריס עיטינגאָן, מאַקס ווישעוויאַנסקי, וויקטאָריאַ ספעקטאָר) נאָכ'ן צענטען צוזאַמענפאָר אויסגעקליבען געוואָרען אין אַלפּוילישען ציוניסטישען צ. ק. איז פרנס פון דער יודישער קהלה.

## לעוו שמואל



געבוירען יום-כפור תרכ"ה 1864 אין סלאָנים, באַ א נטעליגענטער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער משה מרדכי ירוחמס איז געווען איינער פון די „שבעה טובי העיר".

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען נאָך אין די ערשטע „חובבי ציון", דערנאָך אויך געווען דער מורשה פון „א. ק;" בעת עס האָט אָנגעהויבען זיך דער פאַרקויף פון די „אַקציעס", גענומען אַ שטאַרקען אָנטייל. (צוזאַמען מיט ד"ר יעלסקי) שפּעטער האָט ער אַנטוויקעלט אַ פיאָנערישע אַרבעט לטובת דעם „נאַציאָנאַל-פאָנד". (צוזאַמען מיט מ. מאַרכעווו) געווען מיטגרינדער פון היגען „שלום ציון" און דער וויצע-פּאָרזיצער פון דעם פאַראיין. תרס"ב געווען מיטגרינדער פון „אהל יעקב", (צוזאַמען מיט יוסף אוריסאָן ז"ל און עקיבה ווייס) וועלכע האָט פון דעמאָלט אָן ביז היינט אָבגעשפּילט אַ באַטייטענדיגע ראָל אין לאָקאַלען ציוניסטישען לעבען, אָפטמאָל געדינט צו וויכטיגע צוועקען און אויך אָבגערופען זיך אויף אַ סך קולטורעלע דערשיינונגען פון דער העברעאישער ליטעראַטור — ש. ל. איז די גאַנצע צייט געווען איינער פון די אַקטיווסטע טוער און שוין זייט 10 יאָר דער יושב ראש פון „אהל יעקב". געווען מיטגרינדער פון „חובבי שפת עבר" און פון דער ביבליאָטעק. מיטגרינדער און „יבנה", האָט מיטגעהאָלפען אין דער אַקציע בעת'ן „לעמבערגער פּאָגראָם" און באַ ביידע אַקציעס לטובת דער באַנייאונג פון דער העברעאישער טאָג-צייטונג „הצפירה". געווען מיטבויער פון דעם אָרטיגען „ציוניסטישען קאָמיטעט" און פון דעמאָלט אָן אַרבעט ער מיט אַקטיוו אין דער פאַרוואַלטונג. לעצטענס אויסגעוויילט געוואָרען אַלס מיטגליד פון אַלפּוילישען ציוניסטישען צ. ק.

## לעווי שמערעל



געבוירען דעם 14 נאָוועמבער 1889, אין דוואָרט, באַ אַ פרומער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער מענדעל איז געווען אַ פאַבריקאַנט אין פּאַביאַניץ) אַן אייניקעל פון קלעצשעוואָווער רב שלמה אורבאַך, און אַן אור-אייניקעל פון לענטשיצער רב חיים אורבאַך, דער מחבר פון „דברי חיים". 1918 האָט ער דאָ דערעפענט מיט נאָך אַ פּאָר שותפים די גרויסע עקספּעדיציע-ביוראָ: „רעקאָרד", און געווען באַטייליגט אין דעם געשעפט ביז 1924.

ש. ל. אינטערעסירט זיך אויך מיט'ן געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט. האָט אין די אַמאָליגע יאָרען מיטגעאַרבעט אין דער „משמורים-סעקציע" און אין דער „נאַכט-פאַגאַטאָוויע" באַ לינת הצדק. יאָרענלאַנג איז ער געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער אינסטיטוציע. דורך זיין מיטהילף איז געשאַפען געוואָרען דער ערשטער אויטאָ און האָט אויך אַ סך מיטגעאַרבעט לטובת דער געזעלשאַפט.

## לעווושטיין יוליוש



געבוירען דעם 21 אַפּריל 1881 אין אַ היגער פאַרמעגלעכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער יוזעף איז געווען אַ גרויסער קאָמיסיאָנער און געזעלשאַפטלעכער טוער) געלערענט אין חדר. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציהונג אונטער דער אויפזיכט פון ראַבינער הירש און געענדיגט די פראַנקפורטער רעאַל-שול. שפּעטער אַריינגעטרעטען אין לייפּציגער האַנדעל-לערן-אַנשטאַלט און צו 20 מיט אַ האַלב יאָר אים געענדיגט. געווען אויך אַ קורצע צייט אַ פרייער צוהערער אויפ'ן היידעלבורגער אוניווערזיטעט (עקאָנאָמיע). 1902 אָנגעקומען אין פאָטערס געשעפט און נאָך עטלעכע יאָר פלייסיגער אַרבעט עס אליין איבערגענומען. דאָס געשעפט האָט ער געפירט ביז'ן אויסברוך פון קריג. 1914 אַוועק נאָך פּאָלטאַווע און פאַרבליבען אַ קורצע צייט. פון דאָרט אַריבער נאָך כאַרקאָוו, וואו ער האָט דערעפענט אַ פיליע פון קרושע און ענדערס אויסאַרבעטונגען. אַ צווייט געשעפט האָט ער פון דער פירמע דערעפענט אין מאָסקווע. די געשעפטען זענען גוט אַוועק. אין יענער צייט האָט ער אויך פאַרלייגט אַ טריקאָטאַזש-פאַבריק אין מאָסקווע. בעת די באָלשעוויקעס קומען אָבער צו דער מאַכט ווערט קאָנפיסקירט זיין גאַנץ פאַרמעגען און ער פאַרבראַכט דערנאָך אַ ריי יאָרען אין הונגער און נויט. זיי האָבען אים אפילו געוואָלט נעמען אַלס זאַקלאַדניק, נאָר ער איז געווען פאַרשטעקט אין אַ פאַבריק אויפ'ן דאָרף. צוליב אַ צופאַל איז אים מיט'ן ווייב געלונגען אין אַ סאַניטאַר-צוג אַרויסצוקריגען זיך פון יענער מדינה. דעם 11 אָקטאָבער 1921 יאָר איז ער אַ צובראָכענער צוריקגעקומען נאָך לאָדזש. אין דער היים איז דערווייל פון אַלץ געוואָרען אַ תל. נאָר, דורך זיין גרויסער באַקאַנטשאַפט און פּראָטעקציע האָט ער ביסלעכווייז צוריק גענומען אַרויפאַרבעטען זיך, ביז ר'איז זעלבסטשטענדיג געוואָרען. 1922 דערעפענט ער דאָ אַן'אייגען מאַנופאַקטור-געשעפט, וואָס אַנטוויקעלט זיך זייער שיין, נאָר בעת עס קומט אָן די שווערע קריזיס-צייט, ליקווידירט ער עס אליין. אין 1925 יאָר טרעט ער אַריין אַלס שותּף אין דער היגער פירמע „ברידער הערמאַן", וואו ר'האָט אָנגעהערט עטלעכע יאָר. אין מאַי פון 1927 ווערט ער באַשטימט אַלס לייטער פון דער פאַרקויף-שטעל בא דער פירמע פון י. ק. פּאָזנאַנסקי, אויף וועלכען פּאָסטען ר'איז פאַרבליבען ביז דעם 1 יאַנואַר 1931. זייט דעמאָלט האָט ער געקריגען דעם קאָמיסיאָנלאַגער פון דער פירמע אויף לאָדזש און אומגעגענד און דאָס געשעפט ווערט דורך אים געפירט ביז'ן היינטיגען טאָג. פון 1 יולי 1931 ביז דעם 1 יאַנואַר 1932 האָט ער אויך געהאַט אַ קאָמיסיאָנלאַגער פון טיכער-פאַרקויף פון דער פירמע „זאַוויערטשע".

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, אין דער פאַרוואַלטונג פון סוחרים-פאַראיין, (פּיעטריקאָווער 10) וואו ער האָט לכתּחילה געהאַט מיטגעאַרבעט. צוליב פאַרשידענע סבּות איז ער פון דאָרט אַרויסגעטרעטען און גענומען אָרגאַניזירען דעם צווייטען סוחרים-פאַראיין אין אונזער שטאָט, (פּיעטר. 73) צוזאַמען מיט די פאַרשטאָרבענע באָריס עיטינגאָן, ד"ר יוזעף זאַקס, און דוד נאַווינסקי. דורך זיין איניציאַטיוו און מיטאַרבעט ווערט אויפגעשטעלט די אינסטיטוציע אין וועלכער ער איז פון דער ערשטער מינוט אָן ביז היינט איינער פון די אַקטיווסטע טוער. צוערשט האָט ער דאָ מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג, דערנאָך אַוואַנסירט אויפ'ן אַמט אַלס וויצע-פּאָרזיצער און די לעצטע יאָרען איז ער דער פּאָרזיצער פון סוחרים-פאַראיין (פּיעטר. 73) חוץ דעם איז ער וויצע-דירעקטאָר פון דער קרעדיט-געזעלשאַפט, אויפזיכט-ראַט-מיטגליד פון דער סוחרים-באַנק, (פּיעטר. 43) ראַטמאַן פון דער האַנדעל-קאַמער און פּרעזעס פון לעגיאָן א. נ. פון בערעקיאָסעלעוויטש. זייט יאָרענלאַנג אַרבעט ער אין די פאַרשידענע שאַצונג-קאָמיסיעס פון שטייער-אַמט און נעמט אויך אָנטייל אין מיניסטעריאַלע און ווירטשאַפטלעכע קאָמיסיעס. איז מיטגליד פון דער בני ברית לאָדזשע און פרנס פון דער יודישער קהלה.

יוליוש לעווושטיין איז איינער פון די גוטע קענער פון דער פּוילישער טעקסטיל-אינדוסטרי און געהער צו די אינטעליגענטסטע כּוחות פון היגען סוחרטום. פון צייט צו צייט פאַרעפענטלעכט ער זיינע האַנדעל-איבערזיכטען אויף די שפּאַלטען פון דער אָרטיגער פּרעסע.

## לעקיך אברהם



געבוירען דעם 4 יאַנואַר 1876 אין אָרמיאַנסק (קרים) בא אַ רייכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער נתן איז געווען אַ קאָנפעקציאָנער-סוחר, געהאַט אַן'אייגען הויז און אויך אַן'עסקן הצבור) געענדיגט די כערסאָנער גימנאַזיע. שפּעטער פּראַקטיצירט אַלס פאַרמאַצעווט. געווען סטודענט אין ליעזשער פּאָליטעכניקום, וואו ר'האָט אַ דורכגעמאַכט 4 סעמעסטערס. פון דאָרט אַריבער אין מאָסקווער אוניווערזיטעט און געענדיגט אַלס פּראָוויזאָר. 1907 חתונה געהאַט מיט פּרל. ביילע עיטינגאָן. נאָכדעם אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש און אָנגעהויבען צוזאַמען מיט אַ שותּף פאַבריצירען זאָקען, אויף אייגענע רונד-מאַשינען. דאָס פאַבריקאַט-געשעפט איז זייער גוט אַוועק, אָבער צוליב פאַרשידענע סבּות איז ער געווען גענויט נאָך עטלעכע יאָר אָבצוהאַקען פון שותּפות. בא'ם אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה אַוועק נאָך מאָסקווע, וואו ר'האָט דערנאָך צוזאַמען מיט זיינע שוואָגערס די עיטינגאָנס געפירט פאַרשידענע מסחרים און אויך פאַבריצירט באַנוועלנע סחורות.

1918 צוריקגעקומען נאָך לאָדזש. אין דעם יאָר ווערט דורך די ברידער עיטינגאָן אָבגעקויפט די איצטיגע פאַבריק אויף שענקעוויטש 82/84 דורך זיין איניציאַטיוו הייבען זיי אָן אויסצואַרבעטען זאָקען, הענטשקעס, הענטשקע-שטאָף, לכתּחילה אין אַ גאַנץ קליינעם מאַסשטאַב, בסך הכּל אויף 2 קאָטאָן מאַשינען און די פאַבריק האָט באַשעפטיגט בלויז 20 אַרבעטער. דורך דער צייט ווערט זי אַלץ כּסדר פאַרגרעסערט און די פאַבריק האָט שוין איצט 26 קאָטאָן-מאַשינען, 150 רונד-מאַשינען, הענטשקע מאַשינען, שטריקעריי-מאַשינען און באַשעפטיגט 800 אַרבעטער. ער האָט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם פאַבריקאַט-הויז אַ גרויסען חלק.

א. ל. איז מיטאַקציאָנער פון דער היגער פירמע „נ. עיטינגאָן און שותּפים".

[22]

זייט 1921 פאַרנעמט ער דעם אַמט אַלס דירעקטאָר פון דער טריקאָטאַזש-פאַבריק.

א. ל. האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן זיין וואַרעמע באַציהונג צום יודישען אַרבעטער. דורך זיין אויסגעהאַלטענקייט איז אַריינגעפירט געוואָרען, דער ערשטער יודישער אַרבעטער (נאָך אַנ׳איין-טאָגיגען שטרייק מצד די קריסטלעכע אַרבעטער) אין דער פאבריק פון „עטינגאָן און שותּפים“. זייט דעמאָלט ארבעטען שוין אַ גרויסע גרופּע יודישע ארבעטער אין דער אויבענדערמאָנטער פאַבריק. דאָס איז זיין פארדינסט.

זיין געזעלשאפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, אלס סימפּאטיקער פון די ס. ד. דערנאָך האָט ער אויך דורך א ריי יאָרען אַקטיוו מיטגעארבעט אין דער פּארטיי.

זייט 1926 איז ער טעטיג אין דער היגער געזעלשאפט „אָרט“, דורך זיין מיטהילף האָט די היגע „אָרט“ אָבטיילונג געקריגען געשאָנקען אַ ריי זאָקען און סוויטער שטריק-מאשינען.

איז יאָרענלאנג וויצע-פאָרזיצער פון דער היגער „אָרט“ פארוואלטונג און אויך מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו באַ דער צענטראַלע אין ווארשע; געהער צו די פארוואַלטונגען פון די „יתומים-הייזער“, (פּאַלנאַצנע 38 און 39).

דיר. א. ל. געהער צו די אָנגעזעהענסטע היגע „אָרט“-טוער, וועלכער האָט דורך זיין פּאָזיטיווער ארבעט מיטגעהאָלפען בויען די אינסטיטוציע.

מ.

## מאַזור אַלבערט



געבוירען 30/V 1894 אין אַ היגער פאַרמעגלעכער פאַמיליע. געענדיגט אַ מיטעל-שול אין לאָדזש, שפּעטער געלערנט אין די אוניווערזיטעטען פון פראָג, ווין, גראַץ. 1920 געקריגען דעם טיטעל דאָקטאָר. האָט עטלעכע יאָר ספּעציאַליזירט אין די אוניווערזיטעט-קליניקען פון בערלין, ווין א. אנד. 1923 צוריקגעקומען דאָ אַהער און זייט דעמאָלט פּראַקטיצירט ער אין אונזער שטאָט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין פעטערבורג, נאָך אין סטודענטען-קרייז האָט ער שוין אָנגעפירט אַנ׳אַרבעט אין נאַציאָנאַלען גייסט. שפּעטער מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון היגען „שול-פאַראיין“. בעת דער ווינער „הכח“ איז אַרויסגעפאָרען אויף אַ טורנעע נאָך אַמעריקא געוועזן איינער פון זיינע פירער. אַרבעט איצט מיט אין דער פאַרוואַלטונג פון „עזרת אלמים“ און איז וויצע-פאָרזיצער פון היגען ספּאָרט-קלוב „הכח“.

## מאַרכעוו מרדכי



געבוירען דעם 13 יאַנואַר 1871 אין טאָמאַשאָוו-מאַז. באַ פאַרמעגלעכער מתנגדישער פאַמיליע.

(דער פאָטער זיינער יוסף ישעיה איז געוועזן אַ סוחר און אינטעליגענטער מענטש)

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, אין 1902, געוועזן מיטגרינדער פון געזאַנג-פאַראיין: „מנעימי זמירות“, דערנאָך פון ציוניסטישען פאַראיין „אהבת ציון“ — אָנגעפירט דעמאָלט מיט דער גאַנצער אַרבעט. אין 1906 אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש, שטעלט זיך גלייך אין פאַרבינדונג מיט די היגע ציוניסטישע טוער. נאָך עטלעכע יאָר אויסגעוויילט געוואָרען אַלס וויצע-פאָרזיצער פון „חובבי שפת עבר“, דורך זיין איניציאַטיוו זענען געשאַפען געוואָרען די אָוונט-קורסען, ביבליאָטעק, ווי אויך די „הבימה העב־ית“, וועלכע האָבען עקזיסטירט דאָ אַ לענגערע צייט.

בעת די מלחמה יאָרען מיטגעאַרבעט אין „בירגער-קאָמיטעט“, „דאָבראָטשינאָשטש“ און אין „אַמעריקאַנער קאָמיטעט“. געוועזן מיטגרינדער פון קינדער-היים „הרצליה“.

1915 איז דורך זיין מיטהילף אויפגעשטעלט געוואָרען דער היגער „בית עם“, וואו ס׳זענען געוועזן טעטיג די איינריכטונגען: ביליגע קיך, טיי-זאַל, ביבליאָטעק, פּאַרלאַג, פאָלק-אוניווערזיטעט, פרעבעל-שול, א.ג. „שלום עליכם“— געוועזן די גאַנצע צייט דער פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע.

1916 מיטבויער פון דער אָרטיגער ציוניסטישער אָרג. און פון דעמאָלט אָן מיטגעאַרבעט דאָ אַקטיוו, לעצטענס געהער ער צום פּרעזידיום. חוצדעם פאָרזיצער פון „קרן קימת-קאָמיטעט“, ווי אויך פון „הזמיר“. וויצע-פאָרזיצער פון „דורשי האניברסיתה בירושלים“. פאַרוואַלטונג-מיטגליד אין „יבנה“ און אין „בתי ספר ת כונים עברים“.

## מזאה נחום



געבוירען הושענה רבה 1871 אין באָריסאָוו, מינסקער גובערניע באַ אַ פאַרמעגלעכער פרומער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער ישראל איז געוועזן אַ מאַנופאַקטור-סוחר און אַ סך צייט אָבגעגעבען פאר טובת הכלל זאַכען) געלערנט אין חדר, שפעטער אין דער ישיבה, אויך אונטעריכט געוואָרען אין וועלטלעכע למודים; אַלט זייענדיג 17 יאָר אַנטלאָפען בשתיקה פון דערהיים און אוועק נאָך לאָדזש, דאָ איז ער אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען און געארבעט אַ קורצע צייט. פון דאָרט אריבער אין קאָמיסיאָנגעשעפט פון שמואל יואל קאַווענאָקע, וואו ער האָט געאַרבעט גאַנצע אַכט יאָר, ביז ר׳איז זעלבסטשטענדיג געוואָרען. 1897 ווערט דורך אים צוזאַמען מיט זיין שוואָגער דערעפענט אַ קאָמי-לאַגער, א.פ. „מזאָה און בערענשטיין“, נאָך צוויי יאָר צייט אָבער אָבגעהאַקט פון שותּפות און אליין גענומען פאַבריצירען קאמגארן-סחורות. די פאַבריקאַציע האָט ער געפירט ביז׳ן אויסברוך פון קריג. 1914 אַוועק נאָך מאָסקווע און מיטגענומען מיט זיך דאָרט אַהין אַ גאַנצען וואַגאָן מיט סחורה. אין רוסלאַנד האָט ער געפירט גרויסע מסחרים, צולעצט אָבער געפטרט כמעט זיין גאַנץ פאַרמעגען. 1920 צוריקגעקומען נאָך לאָדזש און מיט זיין שטאַרקער ענערגי איז אים געלונגען צוזאַמען מיט אַ שותּף, אָנצוהייבען צוריק צו פאַבריצירען קאַמגאַרן-סהורות, א. פ. „מזאָה און לעמפערט“. די געשעפטען זענען גוט אַוועק און דאָס פאַבריקאַט-הויז איז געוואָרען וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער. די פירמע פאַרנעמט איצט

אַן אַנגעזעהען אָרט אין דער היגער קאַמגאַרן-אינדוסטרי.

נ. מ. אינטערעסירט זיך אויך מיט'ן געזעלשאַפטלעכן לעבען פון אונזער שטאָט איז פּרעזידיום-מיטגליד פון אינטער-נאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער „העלענעוועק" און געהער צו דער פאַרוואַלטונג פון „בית מחסה לזקנים". פאַר די ביידע אינסטיטוציעס טראָגט ער בא זיין מאַטעריעלער הילף.

נ

## נאַדעל יצחק



געבוירען דעם 3 יולי 1892, אין א היגער פאַרמעגלע-כער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער שאול איז אַן אַלטער גאַלאַנטערי-סוחר און באַקאַנטער אָרטאָדאָקסישער עסקן). געלערענט אין חדר און אין בית-המדרש, גלייכצייטיג אויך אונטעריכט געוואָרען אין וועלטלעכע למודים און באַזיצט א בילדונג-צענז פון 5 קלאַסען. שפּעטער אַריבער אין פאָטערס געשעפט; בעת דער פאָטער עמיגרירט נאָך פאַלעסטינע, 1925, ווערט ער מיטשותף פון דער פירמע: „ל. און י. נאַדעל", וועלכע געהער זייט לאַנגע יאָרען צו די גרויסע סאָלידע לאַגערען פון דער גאַלאַנטעריע-בראַנזשע אין אונזער שטאָט. די פירמע עקזיסטירט שוין 40 יאָר.

יצחק נאַדעל איז א שטילער עסקן און אונטערשטיצט מיט דער ברייטער האַנט די היגע אינסטיטוציעס. העלפט א סך זיינע קרובים און סתם מענטשען. זייט עטלעכע יאָר טעטיג אין „לינת הצדק", וואו ער טראָגט זיין פאָזיטיווע הילף. ער איז פּרעזידיום-מיטגליד פון דער געזעל-שאַפט.

## נאַדעל פנחס



געבוירען דעם 15 אַפּריל 1895 אין לאָדזש בא א בעל-הבתישער פאַ-מיליע. (דער פאָטער זיינער הירש איז גע-ווען א שניידער) געענדיגט די היגע פּוילישע האַנדעל-שול. שפּעטער איז ער אַוועק שטודירען אין דער האַנדעל-אַקאַדעמיע פון קעלן, וואו ער האָט געלערענט בא דעם באַ-רימטען דייטשען עקאָנאָמיסט פּראָפ. הירש, פּראָפ. עקערט, פּראָפ. מאָלדענ-הויער און אַנד. פון דאָרט אַריבער נאָך בערלין און פאַרטיפט זיין שטודיום 1920 אָנגעקומען אַלס אָנגעשטעלטער פון דער אָרטיגער קהלה און נאָכ'ן טויט פון איזידאָר שוואַרצמאַן געוואָרען קהלה-סעקרעטאַר, וועלכען אַמט ער פאַרנעמט ביז'ן היינטיגען טאָג. 1930 איז דאָ געפייערט געוואָרען זיין 10-יאָריגער יובל פון דער קהלה-טעטיגקייט. אין שייכות דערמיט זענען דעם יובילאַר געווידמעט געוואָרען אין דער היגער פּרעסע א גאַנצע ריי אַרטיקלען.

פ. נ. אינטערעסירט זיך אויך מיט'ן געזעלשאַפטלעכן לעבען פון אונזער שטאָט. געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער אָרטיגער „טאָז"-אָבטיילונג. האָט מיטגעהאָלפען אין די אַקציעס לטובת דער „ריקער" נשרפים און לטובת די ארץ-ישראל געליטענע בעת די בלוטיגע געשעהענישען אין תרפ"ט. מיטרעדאַקטאָר פון דער כראָניק פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש, וואו ער האָט פאַרעפענטלעכט אַרטיקלען וועגען קהלה-וועזען. זייט עטלעכע יאָר אַנטוויקעלט ער א שטאַרקע טעטיג-קייט אין דער אָרטיגער אָבטיילונג פון דער געזעלשאַפט „פריינט פון יודיש וויסענשאַפטלעכען אינסטיטוט אין ווילנע"

ס

## סקורא וואָלף



געבוירען דעם 30 יוני, 1898 אין קיעלץ, בא פרומער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער אליעזר איז א האָלץ-סוחר) באַקומען א רעליגיעזע דערציהונג. געענדיגט א היגע פאָלק-שול. 1916 אָנגעקומען אויף א פאָסטען בא דער פירמע: „ברידער זיידענוואַרג", וואו ער האָט צוערשט געאַרבעט אויף דער טעכנישער אָב-טיילונג, און דערנאָך פּראַקטיצירט אין דער האַנדעל-אָבטיילונג. זייט 1927 אַוואַנסירט און איז דירעקטאָר אין דער פירמע, וועלכען אַמט ער פלעגט ביז'ן היינטיגען טאָג.

וו. ס. האָט א צייט מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון אינ-טערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער: „העלענעוועק". איז פאַרטרע-טונג-מיטגליד פון „שטאָטישען ציוניס-טישען קאָמיטעט".

ע

## עיטינגאָן נאום



געבוירען דעם 24 נאָוועמבער (אַלס צווי-לינג-ברודער) 77 אָריאָל בא רייכער פאַ-מיליע. (דער פאָטער זיינער איטשע לייב איז געווען א גרוי-סער תבואה-סוחר און פלעגט בשעתו עקספּאָרטירען געטריידע פון רוסלאַנד נאָך ענגלאַנד) באַקומען א יודישע דערציהונג. געלערענט אין חדר דער-נאָך אין דער שטעטישער אָרשער שול. 1893 יאָר איז ער אַוועק נאָך לאָדזש און קומט אָן אויף א פאָסטען בא דעם גרויסען טיכער-פאַבריקאַנט צמח, וואו אין משך פון יאָרען האַלט ער כסדר אין איין אַוואַנסירען און אַרבעט אין דער פירמע אַלס אַנגעשטעלטער ביז 1902. אין דעם יאָר ווערט דורך אים געגרינדעט א טיכער פאַבריקאַציע, צו-זאַמען מיט זיין שוועסטער-קינד, מיכאל עיטינגאָן פון מאָסקווע א. פ. „נ. עי-טינגאָן און שותף", די טיכער-פאַבריק האָט עקזיסטירט ביז'ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה.

1914 אַוועק נאָך מאָסקווע, וואו ער האָט צוזאַמען מיט זיין ברודער באַריס און שוואָגער אברהם לעקיך געפירט דאָ בעת די מלחמה-יאָרען גרויסע מאַנופאַק-טור-געשעפטען. שפּעטער איז צוגעטרע-טען צו זיי אַלס שותף זייער יונגערער ברודער, מאָטיע, וועלכער האָט אָנגע-פירט מיט דער „מאָסקווער אַקציען-געזעלשאַפט פון פעלץ-האַנדעל" — און זיי גרינדען אַן אייזען-פאַבריק. חוצדעם

האָבען זיי דאָ אָנגעהויבען צו פאַבריצירען באַנוועלנע סחורות. די עיטינגאָנס האָבען גענומען אַנטוויקלען גרויסע מסחרים אין זייער אַ ברייטען מאַסשטאַב און שוין געהאַט אפילו בדעה צו עפענען דאָ די צענטראַלע פון אַלע זייערע ריזיגע אונטערנעמונגען.

אין יענער צייט זענען געקומען צו דער ממשלה די באָלשעוויקעס און די סאָוויעטען-מאַכט האָט גענומען רודפ'ן זיי אַלס גרויס-קאַפּיטאַליסטען. לכתחילה איז אַרויפגעלייגט געוואָרען אויף זיי אַ געלט-שטראָף פון 500 טויזענט גאָלט רובעל און דערנאָך האָט די מאַכט אַרעסטירט מאָטיע און נאָום עיטינגאָן, וועלכע זענען לסוף אויסגעלייזט געוואָרען פאַר אַ גרויסער געלט-סומע. צוליב די כסדרדיגע רדיפות מצד דער מאַכט האָבען זיי ליקווידירט אַלע געשעפטען און פאַרלאָזט מאָסקווע.

1918 צוריקגעקומען נאָך לאָדזש און צוזאַמען מיט זיין ברודער באָריס געגרינדעט די פירמע: „נ. עיטינגאָן און שותפים", וועלכע האָבענדיג אין איר רשות ריזיגע קאַפּיטאַלען האָט לכתחילה פינאַנסירט אַ גאַנצע ריי פירמעס, וועלכע זענען שווער געטראָפען געוואָרען פון דער מלחמה. דורך זייער מיטהילף ווערען צוריק געלאָזט אין גאַנג די פאַבריקען פון: „ש. באַרטשינסקי און קאָמפּ", „הירשבערג און ווילטשינסקי", א. אנד.

שפּעטער איז די פירמע געוואָרען די הויפּט-אָבנעמערען פון די אויסאַרבעטונגען פון: „קאַרל שייבלער", און „זאַוויערטשע".

1919 האָבען זיי אָבגעקויפט די גרויסע טריקאָטאַזש פאַבריק פון: „ווינקלער, גערטנער און בוימאַן" און הייבען אָן אויסצואַרבעטען זאָקען, הענטשקעס און הענטשקע-שטאָף. לכתחילה אין אַ גאַנץ קליינעם מאַסשטאַב, דורך דער צייט ווערט זי אַלץ כסדר פאַרגרעסערט און באַזיצט איצט שוין 36 קאָטאָן-מאַשינען 150 רונד-מאַשינען, הענטשקע-מאַשינען און שטריקעריי-מאַשינען. די פאַבריק באַשעפטיגט 500 אַרבייטער.

1922 האָבען זיי אָבגעקויפט די מעכאַנישע וועבעריי פון דער פירמע: „קוק", שפּעטער אויך אויפגעשטעלט אַ מעכאַנישע וועבעריי אין בנין פון דער טריקאָטאַזש-פאַבריק און גענומען פאַבריצירען האַלבוואָלענע-שעוויאָטען און באַנוועלנע סחורות ווי: אָקספאָרד, טיק, א. אנד. אַרטיקלען. זיי האָבען אויך אָבגעקויפט די אַפּרעטור „דאָביעשקאָוו" הינטער לאָדזש און פאַרוואַנדעלט אין אַ באַזונדערער אַקציען-געזעלשאַפט.

מיט זייער הילף איז די פירמע מ. און ט. פיקעלני פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַנ'אַקציען-געזעלשאַפט און באַזיצען אַ גרויסען טייל אַקציעס פון דער פירמע. זיי האָבען אויך מיטגעהאָלפען די עקספּעדיציע: „יעלען און רודאָמין" צו פאַרוואַנדלען אין אַנ'אַקציענגעזעלשאַפט און באַקומען דאָרט אַ גרויסער השפעה.

די פירמע: „נ. עיטינגאָן און שותפים" געהער איצט צו די גרעסטע האנדעלהייזער אין אונזער שטאָט. די פאַבריק באשעפטיגט 2500 אַרבעטער און 700 אין דער וועבעריי. די שפּינעריי האָט 45000 שפּינדעל און אַרבעט אויס מאַקאָ-גאַרן ביז 80 נומער. זי באַזיצט אַנ'אייגענע אַפּרעטור, דרוקעריי און פאַרבעריי. די אויסאַרבעטונגען זענען באַנוועלנע דרוק-זאַכען און געקראַצטע סחורות, ווי: אדריא, ווערענא, פאַפּעלינא און פלאַנעלען. חוצדעם אַרבעט זי אויס פאַרשידענע שקאַרפּעטען און זאָקען. מענער און דאַמען-הענטשקעס און שטריקעריי אויסאַרבעטונגען.

פּ

## פיאַסקאָווסקי אברהם



געבוירען דעם 26 אַפּריל 1876 אין בעלכאַטאָוו, בא אַ בעל-הבית'שער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער צדוק איז געווען אַ טיכער-פאַבריקאַנט) געלערענט אין די היגע חדרים, שפּעטער געענדיגט קאָנשטאַטס שול. צו 18 יאָר אַריינגעטרעטען אין פאָטערס געשעפט, וואו ער האָט געאַרבעט ביז ר'איז זעלבסטשטענדיג געוואָרען. אין 1905 יאָר הייבט ער אָן אַליין צו פאַבריצירען וואָלענע סחורות און טיכער, דאָס פאַבריקאַט געשעפט אונטער דער פירמע: א. א. פיאַסקאָווסקי אַנטוויקעלט זיך זייער שיין. ער האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבען צו אַרבעטען אויף לוין און באַשעפטיגט ביז 60 האַנט-שטולען. אין 1919 האָט ער אָבגעקויפט אַ שפּינעריי, רייסעריי, צווירנעריי און וועבעריי פון 100 האַנט-שטולען און 75 מעכאַנישע קאָרט-שטולען. די ערשטע צייט האָט ער געלאָזט אין באַטריב די האַנט-וועבעריי און אויסגעאַרבעט בלויז טיכער. שפּעטער האָט ער גענומען אויסאַרבעטען וואָלענע סחורות און ספּעציעל שטרייכגאַרן-אויסאַרבעטונגען. זיין הויפּט-אַרבעטונג איז אָבער געבליבען וואָלענע טיכער און אין דער בראַנזשע פאַרנעמט ער איצט אַ שיין אָרט.

ער אַרבעט אויס טיכער בלויז פון הויכער קוואַליטעט און די גאַנצע פּראָדוקציע נעמט צו דער פוילישער מאַרק. וויל, זיינע טיכער זענען צו גוט פאַר'ן עקספּאַרט.

פיאַסקאָווסקי האָט אין 1924 יאָר אָבגעקויפט די שפּינעריי אויף פאָמאָרסקע גאַס 106.

אין 1930 יאָר האָט די פירמע אָנגעהויבען אויסצואַרבעטען ריינע זייד-אויסאַרבעטונגען (קרעפּ-טע-שען, מאָטאָר, זשאָרזשעט) און אַרויסגעגעבען אויף לוין צום אַרבעטען.

אין 1931 האָט די פירמע געקויפט אייגענע זיידען-שטולען און גלייכצייטיג באַמיט זיך אַריינצופירען יודישע בעלי-מלאכות אין דער בראַנזשע, איצט אַרבעטען שוין אין דער פאַבריק 35 יודישע אַרבעטער. בסך הכל אַרבעטען בא אים ביז 350 אַרבעטער, צווישען זיי 100 יודישע. כאַראַקטעריסטיש זענען די גוטע באַציהונגען, וואָס הערשען צווישען דעם פאַבריקאַנט און די יודישע אַרבעטער. דער בעל-הבית איז צופרידען פון זיינע יודישע אַרבעטער, און די יודישע אַרבעטער פון זייער אַרבעט-געבער.

א. פיאַסקאָווסקי אינטערעסירט זיך אויך מיט'ן געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט, כאָטש נישט זייענדיג קיין אָפיציעלער כלל-טוער, אונטערשטיצט ער אָבער זייער וואַרעם אַלע היגע אינסטיטוציעס. דעם 19-טען יוני 1932 איז פאָרגעקומען די פייערלעכע איינוויהונג פון דער אָראַנזשעריע, וועלכע ער האָט געשאָנקען פאַר דעם אינטערנאַט און פערמע: העלענוווועק — וועלכע האָט אים שוין לעת עתה אָבגעקאָסט ביז 30 טויזענט גילדען. גלייכצייטיג אַרבעט ער מיט אַקטיוו אין דער פאַרוואַלטונג פון דער אינסטיטוציע.

## פּיקעלני יחיאל



געבוירען דעם אָקטאָבער 1868 אין יערעמיטש נאָוואָגרודעק, בײַ אַ רייכער חשובער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער טאָדרעס אַרי' איז געווען אַ משכיל און געפירט פאַרשידענע מסחרים) געלערענט אין חדר ביז 14 יאָר, שפּעטער בײַ פאַרשידענע מלמדים און פּריוואַט-לערער. צו 18 יאָר אַריינגעטרעטען אין פאָטערס געשעפט, וואו ר'האט געאַרבעט אַ ריי יאָרען. 1891 געקומען נאָך לאָדזש און אָנגעהויבען דאָ צו פאַבריצירען הערן-סחורות מיט זיין עלטערען ברודער אַברהם, א. פ.: א. און י. פּיקעלני – די פאַבריקאַציע איז דעמאָלט געפירט געוואָרען אויף אייגענע האַנט-שטולען און אויך אַרויסגעגעבען אויף לוין אין הער פרעמד. 1905 האָט די פירמע אויסגעבויט אַנ'אייגענע מעכאַנישע פאַבריק אין זדונסקע וואָליאַ, וועלכע איז אין פאַרלויף פון דער צייט אַלץ כסדר פאַרגרעסערט געוואָרען, זי בּאַזיצט איצט 150 קראַפט-שטולען און בּאַשעפטיגט 200 אַרבעטער. די פאַבריק האָט צוויי אָבטיילונגען, (וועבעריי און צווירנעריי) אַרבעט-אויס דאַמען-זאַכען און אויך הערן-אַרטיקלען.

אויף דער פאַבריק פון א. און י. פּיקעלני אַרבעטען אַ גרויסער טייל יודישע אַרבעטער.

יחיאל פּיקעלני איז אַ באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן. יאָרענלאַנג אַרבעטער אַקטיוו אין די פאַרוואַלטונגען, פון: „שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט", „יבנה", „פריינט פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים" און אין דער היגער אָבטיילונג פאַר „העברעאישע מיטעל - שולען אין פּוילען". איז פּרעזידיום - מיטגליד פון אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער: „העלענעוועק", אויך מיטגליד פון דער „בני ברית לאזשע".

איז קאַנדידאַט פון דעם „יודישען אַגענץ-ראַט".

## פלאָצקער מאיר



געבוירען 1882 אין סלוזשעוואָ נעבען טאָרן, בײַ אַ רייכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער הירש איז געווען אַ גוטבּאַזיצער פון פאָדגיי און אויך געהאַט אַ גרויסען וואַלד, געווען אַ יוד אַ למדן, וועלכער האָט געהאַט היתר הוראה) געלערענט בײַ פּריוואַט מלמדים און אויך בײַ'ם דאָרטיגען ראַבּינער. געענדיגט אַ רעאַל-גימנאַזיע אין טאָרן. 1900 אַריבּערגעקומען נאָך לאָדזש און דאָ צוזאַמען מיט זיין ברודער יעקב גלייך צוגעטרעטען אויסצובויען אַנ'אייגענע אייל- און כעמישע - פּראָדוקטען פאַבּריק אויף גייערס ראַיאָן. די פירמע „ברידער פלאָצקער" עקזיסטירט ביז'ן היינטיגען טאָג. 1909 חתונה געהאַט מיט ברכה לאַנגע, די טאָכטער פון גוטבּאַזיצער יעקב לאַנגע, וועלכער האט געהאַט זיינע גיטער אין שעראַדז און ראַדאָם.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבּען אין 1904, דעמאָלט איז דורך זיין איניציאַטיוו געשאַפען געוואָרען אויף גייערס ראַיאָן די אינסטיטוציע „עזרת החולים", – וועלכע האט אָנגעפירט אַ נוצלעכע אַרבעט צווישען דער דאָרטיגער אָרעמער יודישער בּאַפעלקערונג ביז דעם מלחמה-אויסבּרוך— ער האט אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג און שפּעטער אויך געווען פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע. 1906 ווערט דורך אים געשאַפען אין יענער געגענט אַנ'אָהנפּראָצענטיגע „גמילת חסד-קאַסע", וועלכע האָט אַרויסגעבּאָרגט אָרעמע יודישע בּעלי מלאכות און קרעמערס פון 50 ביז 300 רובעל. די ג. ח. ק. האָט יאָרענלאַנג געאַרבעט, נאָר צוליב דער מלחמה איז זי אויפגעלעזט געוואָרען – ער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע און אָנגעפירט דאָרט אַ שטאַרקע טעטיגקייט. אין די ערשטע מלחמה-יאָרען האָט ער מיטגעאַרבּעט אין היגען „בירגער-קאָמיטעט". 1916 ווערט דורך אים דאָרט געגרינדעט די תלמוד תורה „שומרי הדת", וועלכע האָט לכתחילה אריינגענומען נאָר 60 קינדער און איצט זענען שוין פאַראַן דאָרט 250 קינדער, וואו זיי ווערען געלערענט יודישע און וועלטלעכע למודים. 1924 האָט דער פאַרשטאָרבענער היגער נדבן יעקב שטיין ז"ל געשאָנקען אַ פאַבריק-געביידע מיט אַ שיינעם גאָרטען, וועלכע איז דורך דער מסירת נפשדיגער אַרבּעט פון פאָרזיצער מ. פ. פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַנ'אייגענעם 3 שטאָקיגען בנין (1928) פאַר דער „תלמוד תורה". שפּעטער איז אויך דורך זיין מיטהילף דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרען אַ שוהל „באר מרים". 1924—31 געווען פרנס פון דער יודישער קהלה. איז יאָרענלאַנג מיטגליד פון דער שאַצונג-קאָמיסיע בּאַ'ם פינאַנץ-אַמט און פאָרזיצער פון 3-טען רעוויר. לעצטענס אויסגעוויילט געווארען אַלס מיטגליד פון שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט.

## פּראַשקער גרשון



געבוירען דעם 21 יוני 1878 אין קאָלאָ, בּאַ אַנ'אָנגעזעהענער פאַמיליע, (דער פאָטער זיינער אַברהם איז געווען איינער פון די שבעה טובי העיר און פון די פּיאָנערען פון די חובבי ציון אין דעם שטעטעל) געלערענט אין חדר און בּאַ פּריוואַט-לערער. אַלס עקסטערן האָט ער אַדורכגעמאַכט דעם עקזאַמען און געקריגען מאַטורע. שפּעטער שטודירט אויפ'ן בערנער אוניווערזיטעט (מאַטעמאַטיק) און געענדיגט דאַס פּאָליטעכניקום אין פרידבערג (העסען) אַלס אינזשיניער מעכאַניק.

1905 געקומען נאָך לאָדזש און געגרינדעט דאָ אַנ'אייגענע טעכנישע ביוראָ, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן אויסבּרוך פון דער מלחמה. די שפּעטעריגע יאָרען איז דורך אים צוזאַמען מיט אַ שותּף געפירט געוואָרען אַ פאַבריקאַציע. 1929 האָט ער צוריק דערעפענט אַ טעכנישע ביוראָ, א. פ.: „ראָזענטאַל און פּראַשקער" וואָס איז טעטיג ביז'ן היינטיגען טאָג.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, נאָך אַלס סטודענט אָנגעפירט אַנ'אַרבּעט אין אַקאַדעמישען קלוב, וואו ער איז געווען פאָרזיצער. אין דער אייגענער צייט מיטגעאַרבעט אין דער דאָרטיגער „חובבי שפת עבר". איז

לאַנגיאָריגער מיטגליד פון היגען „שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט”. זייט 1917 איז ער ראַטמאַן פון היגען שטאָטראַט ביז דער לעצטער צייט; איז ראַטמאַן פון דער היגער האַנדעל-קאַמער; אין צענטראַלען סוחרים-פאַראיין (פיעטריקאָווער 10) פירט ער אָן יאָרענלאַנג אַ שטאַרקע טעטיגקייט, צוערשט איז ער געווען וויצע-פרעזעס און אין דער לעצטער צייט פלעגט ער דעם אַמט אַלס פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע. איז מיטגליד פון דער בני ברית לאָדזשע.

נ. פ. האָט פאַרעפענטלעכט זיינע אַרטיקלען אין „הצפירה” און פון צייט צו צייט דרוקט ער אין „לאָדזער טאַגעבלאַט”.

פ

## פאַלעק ווילהעלם (וואָלף)



געבוירען דעם 24 דעצעמבער 1887 אין אַ היגער בעל-הבתישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער אַלתר מנחם איז געווען אַ פאַבריקאַנט פון פודעלעך) געווען אַ שיק-יונגעל באַ אַ תבואה - סוחר, נאָכדעם יאָרענלאַנג געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער באַ אַן עקספעדיטאָר. געוואָרען עקסטערן און אַדורכגעמאכט 8 קלאַסען פון דעם קראָקעווער אַננא גימנאַזיום און געקריגען מאַטורע. שפעטער שטודירט אין יאַגיֵלאָנער אוניווערזיטעט און באַקומען דעם טיטעל ד״ר יורי. געוואָרען אַפליקאַנט און אין 1922 באַלייגט דעם עקזאַמען און געקריגען דעם טיטעל אַדוואָקאַט. דערנאָך אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש, וואו ר׳איז זייט דעמאָלט לערער אין היגען ערשטען העברעאישען גימנאַזיום.

וו. פ. האט דעביוטירט אַלס שילער אין דער אַמאָליגער יוגענט צייטשריפט: „שילער-וויזע” („לאַן מלאָדזשעזשי”). זייט דעמאָלט האָט ער געדרוקט אַרטיקלען אין „נאָווי דזשענניק”, „מוריה”, „רעפובליקאַ”, „גלאָס פאָלסקי”, „לאָדזער טאַגעבלאַט”, „נייער פאָלקסבלאַט” — טעאַטער-רעצענזיעס און אויף ליטעראַרישע טעמעס. 1923 איז דערשינען מיט זיינס אַן אַריינפיר און נאָכוואָרט די פוילישע איבערזעצונג פון „שיר השירים” פון פארשטאָרבענעם בראָמבערג-ביטקאָווסקי; 6-1925 געווען מיטארויסגעבער פון דער היגער פויליש-יודישער טעגלעכער צייטונג „וויאַדאָמאָשטשי צאָדזשעננע”. וואו ער האָט פארעפענטלעכט זיינע טעאטער-איבערזיכטען און ליטעראַרישע קריטיקען. אין בוך-פאָרם זענען דערשינען זיינע זאַכען: „סקיצען און שטודיען וועגען דעם איינפלוס פון דער ביבעל אויף דער פוילישער ליטעראַטור”; „וועגען דעם איינפלוס פון דער ביבעל אויף דעם 3-טען טייל פון „דזשאַדי”; „וועגען דעם איינפלוס פון דער ביבעל אויף „פאַן טאַדעאוש”; (איבערגעדרוקט פון „מיעשענטשניק זשיראָווסקי”); „דער אַלטער טעסטאַמענט אין די שאַפונגען פון קאָכאַנאָווסקין”. די אָבהאַנדלונג איז געדרוקט אין דעם געדענק-בוך פון קאָכאַנאָווסקי צוזאַמענפאָר. וואָס איז ארויסגעגעבען געוואָרען פון דער פוילישער וויסענשאַפט אַקאַדעמיע. האָט געהאַלטען רעפעראַטען וועגען ליטעראַטור און קונסט, דערונטער אויך אין פוילישען „ראַדיאָ”; אין דעם ווערק „זשידזשי וו פאָלסצע אָדראָדזאָנעי” איז פאַרעפענטלעכט זיין אַרבעט (7 העפט) „וועגען די יודישע שאַפונגען אין דער פוילישער ליטעראַטור”.

## פאָנער מאיר



געבוירען זאת חנוכה 1854 אין בריאַנסק, באַ׳ם נורעק (ביעלסק פאָדלאַסקער קרייז באַ א בעל-הבתישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער לייב איז געווען אַ טאַבאַק-סוחר; די מוטער זיינע לאה איז געווען אַ זעלטענע פרוי און פארנומען זיך מיט צדקה-זאכען) געלערענט אין חדרים ביז 10 יאָר, דערנאָך אין די ישיבות פון ביאַליסטאָק און פינסק — געשמט אַלס עילוי. אַלט-זייענדיג 16 יאָר אַוועק צופוס נאָך בעסראַביען און פון דאָרט אַזש נאָך קרים—דאָ ערשט אַליין גענומען לערענען די שפראכען העברעאיש, רוסיש, דייטש. צו 20 יאָר אַוועק נאָך ביעלסק און אָנגעהויבען באשעפטיגען זיך מיט לערעריי. דעמאָלט אָנגעשריבען זיין ערשטע דראַמע: „יוסף דעלע-רייני”, וועלכע איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין „המליץ” (תרס״ד) אין אַ ספעציעלער אויסגאַבע אַלס פרעמיע צו דער צייטונג. אין דעם יאָר אָבגעדרוקט „בית אלי” (אַ ביבלישע דראַמע); תרס״ג געקומען נאָך לאָדזש, זייט דעמאָלט דאָ געווען א העברעאישער לערער און דורך זיין גרויס וויסען און חריפות אויפגעשטעלט אַ דור פון גרויסע תלמידים, צווישע וועלכע עס געפונען זיך איצט גאַנץ באַטייטענדיגע יודישע פערזענלעכקייטען. האָט פארעפענטלעכט זיינע רייזע-איינדרוקען אין „המליץ” (מקצות א״ץ ליטא) און אַרטיקלען אין „לאָדזער טאגעבלאט”. אין בוך-פאָרם זענען דערשינען זיינע דראמאטישע זאכען: „ימי הורדס האחרונים”, „מות המלך הורדס”, (השומר הצעיר—תל אביב) „יהודה הגלילי” „יונה בן אמיתי” (תר״ץ).

## פויסט סאַמועל



געבוירען דעם 15 מערץ 1880 אין פאביאַניץ, באַ אפאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער הערמאַן צבי איז דער גרינדער פון דעם היגען פאבריקאַט-הויז: „הערמאַן פויסט און שותפים”) געלערענט אין חדר ביז 8 יאָר, שפעטער אין טשענסטאָכאָווער פראָ-גימנאַזיום פון פשעאָרסקי און געענדיגט די היגע אַלעקסאַנדער-שול. 1899 אריינגעטרעטען אין פאָטערס געשעפט, וועלכעס איז אין משך פון יאָרען אונטער זיין לייטונג זייער שטארק פארגרעסערט געוואָרען און געשטיגען.

1914 אַוועק נאָך מאָסקווע, וואוּאַהין ר׳האָט מיטגענומען פאַרטיגע סחורה און דאָרט געפירט פארשידענע מסחרים, געהאנדעלט און אַליין פאַבריצירט, דערבאַ געמאכט אַ גרויס פארמעגען. צולעצט האָבען עס קאָנפיסקירט די באָלשעוויקעס. אין יענער צייט איז ער דאָרט איינגעצויגען געוואָרען אַלס רעזערוויסט צום מיליטער און געדינט ביז ס׳זענען אָנגעקומען די באָלשעוויקעס. האָט דעמאָלט מיטגעאַרבעט אַלס מיטגליד פון „זעמגאָר”,

אין דער האַנדעל-אָבטיילונג. 1918 צוריקגעקומען אַהיים, וואו ר'האָט אָנגעטראָפען בלויז אַ חורבה, ווייל דורך די דייטשען איז דאָ אַלץ סעקוועסטרירט געוואָרען און ס'זענען געבליבען שטייען נאָר ליידיגע ווענט פון דער פאַבריק. הגם ער איז פון רוסלאַנד אַהערגעקומען כמעט אָהן פרוטה, דאָך האָט ער מיט זיין גאַנצער ענערגי געוואָרפען זיך אין דער ארבעט און עס איז אים שנעל געלונגען צוריק אויפצולעבען די פאַבריק.

1919 אין צוגעטרעטען אַלס מיטשותף ה' מאָריץ גליקסמאַן (הערמאַן פויסטס אַ שוואָגער) און די פירמע ווערט געענדערט אויף „הערמאַן פויסט און שותפים".

די פירמע האָט גלייך צוריק דעראָבערט די אַלטע מערק, פוילען, קרעסען, באַלטישען קאַנט, בעסראַביען, גאַליציען און פאָמערן. די אויסאַרבעטונגען פון דער פירמע האָבען דערוואָרבען אַ גוטען נאָמען. 1924 איז די פירמע פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַנ'אַקציענגעזעלשאַפט.

ס. פ. איז זייט 1921 איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון דער היגער „אָרט"-געזעלשאַפט, וואו ר'האָט אַ סך באַגעטראָגען זיין נוצלעכער ארבעט און מאַטעריעלער הילף. די ערשטע צייט איז ער געווען פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע און די לעצטע יאָרען פאַרנעמט ער דעם אַמט אַלס וויצע-פאָרזיצער פון היגען „אָרט". איז מיטגליד פון „אָרט"-צענטראַל-ראַט אין פוילען. געווען לאַנגיאָריגער פאָרזיצער פון „ניעדאָלאַ דזשעטשענטשאַ". לעצטענס אויסגעוויילט געוואָרען א"ס פּרעזידיום מיטגליד פון דער „יודישער געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטשאַפט". איז מיטגליד פון דער „בני ברית לאָדזשע", וואו ר'האָט אויך אַמאָל מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג.

## פוקס אַדאָלף



געבוירען דעם 28 נאָוועמבער 1879 אין טורעק, בײַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער עלטערזיידע זיינער מיכאל איז געווען דער ערשטער יודישער איינוואוינער פון דעם דאָרף טורי, — וועלכער האָט דעמאָלט אויסגעפועלט בײַ דער דאָרטיגער מאַכט, אַז יודען זאָלען מעגען דאָרט וואוינען און דעם ערשטען מנין יודען אַריבערגעבראַכט אַהין. דערפון איז דערנאָך אויסגעוואַקסען דער יודישער ישוב אין טורעק. דער זיידע זיינער אברהם איז געווען איינער פון די עלטסטע ראשי הקהל דאָרט און אַנ'אָנגעזעהענער מענטש; דער פאָטער זיינער משה זאב איז געווען אַ סוחר.

א. פ. האָט צוערשט געלערענט אין חדר, שפּעטער געענדיגט די רעגירונג-גימנאַזיע אין קאַליש. 1898 געקומען נאָך לאָדזש און אָנגעקומען דאָ אויף אַ פּאָסטען בײַ דער פירמע מ. י. בער, וואו ר'האָט געאַרבעט אַ יאָר צייט. 1899 זעלבסשטענדיג געוואָרען און דאָ דערעפענט אַנ'אייגען מאַנופאַקטור-געשעפט צ. פ. „אַדאָלף פוקס". וואָס האָט עקזיסטירט גאַנצע 25 יאָר אויפן היגען פּלאַץ. זייט 1924 גענומען פאַבריצירען האַלב-זיידענע און זייד-אויסאַרבעטונגען אויף אייגענע זייד-שטולען און אין אַ געפּאַכט לאָקאַל. די פאַבריקאַציע איז דורך דער צייט אַלץ כסדר פאַרגרעסערט געוואָרען און באַזיצט 25 מאַשינען, באַשעפטיגט 50 אַרבעטער, דערונטער אַ קליינעם פּראָצענט יודען. די פירמע „אַדאָלף פוקס" פאַרנעמט אַנ'אָנגעזעהען אָרט צווישען די היגע זייד-פאַבריקאַנטען.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין 1918 יאָר, געווען דעמאָלט דער מיטגרינדער פון היגען „מאַנופאַקטור סוחרים-פאַראיין" (פּאָלודניאָווע 20), וואו ר'האָט דורך אַ ריי יאָרען געפלעגט דעם אַמט אַלס פאָרזיצער און אָנגעפירט אַ שטאַרקע טעטיגקייט לטובת דעם יודישען סוחרים-קלאַס; געווען מיטגרינדער פון דער היגער געזעלשאַפט „שוץ איבער רעקאָנוואַלעסצענטען זעלנער", וועלכע האָט דעמאָלט אויסגעבויט צוויי פאַווילאָנען אין רודא-פּאַביאַניץ, וואו ס'האָבען זיך אויפגעהאַלטען פאַרווינדעטע זעלנער און באַקומען הילף; נאָך דער מלחמה באַשאָנקען געוואָרען מיט אַנ'אויסצייכענונג פון „בירגער-קאָמיטעט צו פאַרטיידיגען די מלוכה". 1921 מיטגרינדער פון דער היגער דעפּאָזיטען-באַנק און אויך מיטגעאַרבעט יאָרענלאַנג אין דער פאַרוואַלטונג: 1924 מיטגרינדער פון צווייטען היגען „סוחרים-פאַראיין" (פּיעטריקאָווער 73) און אויך לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד; געווען לאַנגיאָריגער מיטגליד פון דעם פינאַנץ-אַמט פאַר הכנסה-שטייער, געווען מיטגליד פון דער קרייז-קאָמיסיע פאַר מלחמה-פאַרדינסטען, מיטגליד פון דער בירגער-קאָמיסיע פאַר דער אויסערגעוויינלעכער רעגירונג-דאַנינע און מיטגליד פון דער אַפּעלאַציע-קאָמיסיע פאַר פאַרמעגען-שטייער. געווען צען יאָר לאַווניק פון היגען פרידען-געריכט.

געהער צו דער רעפּרעזענטאַנץ פון „עלטסטען סוחרים - פאָרשטייערשאַפט אַמט אויף דער שטאָט לאָדזש", איז פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער היגער געלט-בערזע; אויסגעוויילט געוואָרען דורכ'ן שטאָט-ראַט אויף די יאָרען 1933-35 אַלס מיטגליד פון דער שאַצונג-קאָמיסיע פאַר הכנסה-שטייער; הײַ-יאָר באַשטימט געוואָרען דורכ'ן יוסטיץ-מיניסטער אויף צוויי יאָר אַלס לאַווניק פון היגען קרייז-געריכט; איז לאַנגיאָריגער מיטגליד פון דער שאַצונג-קאָמיסיע פאַר אינדוסטריע-שטייער; 1924 האָט ער פיגורירט אַלס קאַנדידאַט צום פּוילישען סענאַט.

## פוקס לאַזאַר (אַליעזר)



געבוירען דעם 5 פעברואַר 1892 אין מאַציעוו, וואָלין. (דער פאָטער זיינער משה איז אין סוף פון די ניינציגער יאָרען געקומען נאָך לאָדזש, וואו ער האָט געאַרבעט אין פאַרשידענע פאַבריקען אַלס בוכפירער און מייסטער) די ערשטע דערציהונג האָט ל. פ. באַקומען בײַם זיידען פון דער מוטערס צד, דעם באַקאַנטען למדן און משכיל, חיים יונה זינגער. אַ פּערזענלעכען פריינט פון י. ל. פּרץ און ד"ר יצחק געליבטער. געלערענט אין חדר, אין תלמוד תורה און אין דער היגער ציוניסטישער שול. געענדיגט די היגע קלאַסישע גימנאַזיע מיט אַ זילבערנעם מעדאַל און דערנאָך שטודירט מאַטעמאַטיק און יוריספּרודענץ אויפן וואַרשעווער אוניווערזיטעט.

זיין זשורנאַליסטישע טעטיגקייט אָנגעהויבען אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „לאָדזער מאָרגענבלאַט" (רעד. ד'ר י. גאָטליב און ד'ר א. מוקדוני) שפּעטער מיטגעאַרבעט אין „פאָלקסבלאַט",

וואו ער האָט געשריבען אויך אונטער די פסעוודאָנימען „לעאָף און קאָסינוס". געווען מיטגרינדער און אָנפירער פון היגען שול-און פאָלקבילדונג-פאראיין און פון דער ערשטער אָרטיגער שול מיט דער יודישער אונטערריכט-שפראַך. געווען לעקטאָר פון יודישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור אויף דער פאָלק-אוניווערזיטעט באַ׳ם היגען ש. אין פ. פאַראיין, ווי אויך געהאַלטען פאָרלעזונגען איבער דער פוילישער פראָווינץ. דעמאָלט געקריגען אַ נאָמען פאַר אַ גוטען רעדנער. אין 1918 אַוועקגעפאָרען אַלס קאָרעספאָנדענט פון עטלעכע צייטונגען נאָך רוסלאַנד, וואו ר׳איז פארבליבען ביז׳ן סוף 1921. אין 1922 קאַנדידירט אויף דער פ. צ. ליסטע צום צווייטען סיים. ארעסטירט געוואָרען בעת אַ מיטינג אין באלוט און געזעסען 4 חדשים אין טורמע, שפעטער דורכ׳ן געריכט פרייגעשפראָכען געוואָרען.

פון יאָר 1923 מיטגרינדער און רעדאַקטאָר פון „נייעם פאָלקסבלאט", וואו ער שרייבט איבער פאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ליטערארישע פראגען, ס׳רוב אונטער די פסעוודאָנימען (ל. בראַנט, ע. נאָדדמאַן, פּ. בּ., פּ. פּ., ק. ען). דאָרט אויך פאַרעפענטלעכט אַ גרויסע אַרבעט: „די וועלכע אַוועק האָט פאַרראַטען". רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „לאָדזער מערקור", געלייטעט די ליטעראַרישע אָבטיילונג אין זשורנאַל „דאָס נייע וואָרט" וואו ר׳האָט פארעפענטלעכט אַ ריי פובליציסטישע ארבעטען איבער ליטעראַטור (ל. זאַר, פען א. א.)

פ. איז פאָרזיצער פון דער היגער אָבטיילונג „פריינט פון יודישען וויסענשאַפטלעכען אינסטיטוט", וויצע-פאָרזיצער פון יודישען ליטעראַטען און זשורנאַליסטען-פאַראיין אין לאָדזש. אַלס פארטרעטער פון די יודישע זשורנאַליסטען האָט פ. אַדורכגעפירט די פאַראייניגונג פון די פוילישע, יודישע און דייטשע זשורנאַליסטען אין לאָדזש. געווען עטלעכע יאָר פאָרזיצער פון דער יודישער סעקציע און פארוואלטונג-מיטגליד פון זשורנאַליסטען-סינדיקאַט. איז ערען-מיטגליד פון היגען זשורנאַליסטען-סינדיקאַט.

## פיין מאַרק



געבוירען דעם 7 יוני 1884 באַ אַ היגער האנטווערקער משפחה. (דער פאָטער זיינער מענדעל איז אמאָל געווען א קלעמפּנער-מייסטער) געלערנט אין דער אָרטיגער רעגירונג-האנטווערק שול און געענדיגט מיט אַנאויסצייכענונג. זייענדיג א גוטער צייכענער אָנגעקומען אין ביורא פון היגען אמאָליגען אַרכיטעקט אינזשינער אַדאָלף זעליגמאַן, שפעטער געאַרבעט באַ׳ם ארכיטעקט דוד לאנדע און שוין צו 19 יאָר באקומען אַ פריז פאר זיינס אַ פראָיעקט, פון קייזערלעכען אַרכיטעקטען-פאַראיין אין פעטערבורג.

האָט דערנאָך באטייליגט זיך אין אַ גאנצע ריי קאָנקורסען און געקריגען פריזען פאר זיינע פראָיעקטען אין פארשידענע שטעט. אויך אין לאָדזש האָט ער אין 1915 יאָר געקריגען דעם ערשטען פריז פאר זיינע פראָיעקטען פון די ערשטע 4 פאָלק-שולען, וועלכע זענען דעמאָלט דאָ אויפגעשטעלט געוואָרען.

די היגע ניי-אויפגעבויטע שפינעריי פון דער „ווידזעווער מאנופאַקטור" איז לויט זיינע פלענער און אונטער זיין אויפזיכט אויסגעפירט געוואָרען.

די קאַרסער יודישע שוהל און די דאַנציג-לאנגפורער סינאַגאָגע איז לויט זיינע פראָיעקטען אויפגעשטעלט געוואָרען.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין היגען האַנטווערקער-קלוב, וואו ר׳איז אַריינגעטרעטען גלייך נאָך דער גרינדונג און זייט דעמאָלט אַרבעט ער אַקטיוו אין די האַנטווערקער-רייען. האָט געהאלטען פאָרלעזונגען וועגען דער מאָדערנער טעכניק און עסטעטיק. געווען מיטגרינדער פון דער האַנטווערקער-באַנק. איז פאָרזיצער פון האַנטווערקער-ראַט באַ׳ם האַנטווערקער-קלוב (פאָלודניאָווע 4) ווי אויך פאַרוואלטונג-מיטגליד פון דער האַנטווערקער-באַנק, באַ דער אינסטיטוציע.

איז ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט וואו ער געהער צום פרעזידיום; איז מיטגליד פון דער בוי-דעלעגאציע באַ׳ם מאַגיסטראַט און פון די שטעטישע קאָמיסיעס פאר ברוק, ציגעלניע, פלאַנטאַציעס און שטעטישע ווארשטאַטען. זייט 9 יאָר לאַווניק, פריער פון פרידען-געריכט און איצטער פון היגען אַרבעטער-געריכט.

## פייגעלט יהודה לייב



געבוירען דעם 11 מערץ 1905 אין וואַרשע, באַ אַ חסידישפארמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער איז געווען מיטשותף פון די טאַבאַק-פאַבריקען „ברידער פאָלאַקעוויטש" און „ס׳רענע") געלערנט אין חדר ביז 11 יאָר, דערנאָך אַלס עקסטערן באלייגט עקזאמען אין דער אָרטיגער רעאל-שול פון שוואַרצמאַנען. צו 18 יאָר חתונה געהאט. 1921 אָנגעהויבען צו דרוקען זיינער ערשטע מעשיות אין דער אָרטאָדאָקסישער צייטונג „דער יוד", וואו ער האָט פאַרעפענטלעכט זיינע זאַכען ביז 1926. אַרויסגעגעבען 3 נומערן פון זשורנאל „עפראָצונגען", דערנאָך געדרוקט אין די לאָדזשער „מסורה"-בלעטער אַ גרעסערע פובליציסטישע אַרבעט „איבער דער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור". זייט דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין „בית יעקב זשורנאַל" (לאָדזש) „די יודישע ליכט" (אַמעריקע), „לאָדזער טאגעבלאט" און „נייעם פאָלקסבלאט". אין בוך-פאָרם זענען דערשינען זיינע זאַכען: „פארלאָשענער פלאַם" (1928) „אין תהום פון עלענט" (1930) — אין פארלאג „מסורה" לאָדזש.

געווען מיטגרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע „פועלי אגודת ישראל" און פארוואלטונג-מיטגליד פון ווארשעווער שטעטישען קאָמיטעט.

## פרומקין אנאַטאָל (נפתלי)



געבוירען י״ט כסלו 1866 אין גראָדנע, באַ אַ פאַרמעגלעכער פאמיליע. (דער פאָטער זיינער אברהם איז געווען אַנ׳אונטערנעמער, וועלכער האָט אַדורכגעפירט

פאַרשידענע באַנען אין אויסגעבויט שאָסייען אין אַמאָליגען רוסלאַנד און פוילען. די פירמע: „ברידער פרומקין" איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער און האָט געהערט צו די ריזיגע אונטערנעמונגען אויף דעם געביט. די מוטער זיינע זיסעל אלכסנדרא פון דער היים קאָהאַן, פון מאָהילעוו אויפן דניעפּער, איז געווען זייער אַ וואוילטעטיגע פרוי— האָט געשטאַמט פון א יחוסדיגער פאַמיליע, וואָס ציהט דעם סדר־היוחסין אַזש ביז דעם נשיא הגולה ר׳ נפתלי הכהן, וועלכער האָט געלעבט אין פראַנקפורט באַ׳ם מיין אין 17 יאָרהונדערט.

א. פ. האָט געענדיגט דאָס דייטשע גימנאַזיום אין ריגע, שפּעטער שטודירט און געענדיגט (1890) דעם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, אַלס קאנדידאַט פון יורידישער וויסענשאַפט. פון דאָרט אַריבער נאָך בערלין, וואו ר׳האָט ווייטער געענדיגט דעם ראָמאַניסטישען סעמינאַר (רוימישע רעכט). צולעצט האָט ער באַזוכט די קעמניצער העכערע וועב־שול און זי געענדיגט אין 1893. אין דעם יאָר ווערט דורך אים צוזאַמען מיט זיין שווער מענדעל שלאָסבערג און לייב ווישעוויאַנסקי געגרינדעט די „פּיעטריקאָווער מאַנופאַקטור", א. פ.: „פרומקין און שותּפים", וועלכע האָט געהאַט אַנ׳אייגענע וועבעריי, פאַרבעריי און אַפּרעטור, מיט אייגענע 410 קראַפטשטולען און דעמאָלט באַשעפטיגט ביז 600 אַרבעטער. די פירמע איז אין 1898 יאָר געוואָרען אַנ׳אַקציען־געזעלשאַפט. זי איז וואָס אַמאָל אַלץ ווייטער געשטיגען; אָבער, נאָכ׳ן טויט פון זיין שווער מענדעל שלאָסבערג איז זי פאַרקויפט געוואָרען צו דער אַקציענגעזעלשאַפט זילבערשטיין. אין די שפּעטעריגע יאָרען האָט ער דאָ געפירט פאַרשידענע מסחרים אין דער באַנוועלבראַנזשע, ווי אויך צוגעשטעלט רויגעוועבען פאַר דער רוסישער אַרמיי. באַ׳ם אויסברוך פון דער מלחמה אין ער אוועק נאָך רוסלאַנד, וואו ר׳האָט פאַרברענגט אין פּעטערבורג און מאָסקווע. 1917 איז ער אַריבער נאָך פינלאַנד, און אין העלזינגפאָרס איז אים געלונגען צו פאַרבינדען סוחרישע באַציהונגען מיט אַ ריי גרויסע האַנדעל־הייזער, וואו ר׳האָט גלייך אָרגאַניזירט א פאַרקויף־שטעל פון באַנוועל־סחורות פון ענגלישע פירמעס און אויך דאָרט געקריגען די פאַרטרעטונג פון דער עסטלענדישער „קריינהאָלם מאַנופאַקטור". נאָכן אָבזיין דאָרט 5 מיט אַ האַלב יאָר איז ער אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש, וואו ער פירט זייט דעמאָלט אַנ׳אַגענטור־געשעפט אין דער גארן־בראַנזשע פון דער קריינהאָלם־מאַנופאַקטור און כאָדאַקאָווער ויידענפאַבריק. די פירמע „א. פרומקין" געהער צו די אָנגעזעהענע האַנדעל־הייזער אין אונזער שטאָט.

א. פרומקין אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. נאָך אַלס סטודענט האָט ער גענומען אַ שטאַרקען אַקטיווען אָנטייל אין דער פּעטערבורגער „סטודענטען־הילף־קאַסע", וואו ער איז געווען פּרעזעס.

האָט מיטגעאַרבעט אין די פאַרשידענע הילף־פאַראיינען אין פּעטערבורג און העלזינגפאָרס. זייט עטלעכע יאָר געהער ער צו דער פאַרוואַלטונג פון דער היגער „אָרט"־געזעלשאַפט, וואו ער פירט אָן אַ נוצלעכע אַרבעט און וועלכע ווערט דורך אים זייער שטאַרק אונטערשטיצט. ער אַרבעט מיט אין די פאַרוואַלטונגען פון „יתומים־הויז" (פּאָלנאָצנע 38) און „חסד ואמת". איז מיטגליד פון דער „בני־ברית־לאָזשע". חוץ דעם אונטערשטיצט ער אַלע היגע אינסטיטוציעס.

א. פרומקין איז א הויך־אינטעליגענטער מענטש, מיט אַ סך איידעלקייט און גוטער ערלעכער באַציהונג צו אַ צווייטען. אָבער, ער איז אַ „בורח מן הכבוד", האָט פיינט רעקלאַמע, פאַרקערט אַלץ וואָס ער טוט וויל ער, אַז עס זאָל בלייבען פאַרהוילען—דאָס איז דער שטילער עסקן, וועלכער דינט דעם כלל ערלעך און זוכט נישט קיין פאַרגעלטיגונג פאַר זיין אַרבעט.

## פרענקעל ירמיהו



געב. 1885 אין נאָווא־אוקראַינקא כערסאָנער גובערניע אין א מתנגדישער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער בנימין איז געווען א תבואה־סוחר).

די ערשטע קינדער־יאָרען פאַרבראַכט אין זיין געבורען־שטאָט. אַלט־זייענדיג 12 יאָר האָבען זיינע עלטערען אַריבערציגען זיך נאָך מאָשציסק (גאַליציען) דאָ האָט ער געלערענט ביז דעם 4 קלאַס פון דער שטעטישער פאָלק־שול. שפּעטער אַריינגעטרעטען אין דער 4־טער רעגירונג־גימנאַזיע אין לעמבערג, וועלכע ער האָט אין יאָר 1906 געענדיגט און געקריגען מאַטורע מיט אַנ׳אויסצייכענונג.

אין יאָר 1902 האָט ער דעביוטירט אין פויליש־ציוניסטישען וואָכענבלאַט „ווסכוד" מיט אַ איבערזעצונג פון סאָקאָלאָוו׳ס פעליעטאָן „יזכור", דערנאָך פאַרעפענטלעכט פאַרשידענע אַרבעטען אין דריי לשונות: פויליש אין „ווסכוד" יודיש אין גרשם באַדער׳ס לעמבערגער „טאָגבלאַט", העברעאיש אין קראָקעווער „המצפה" פון ש׳מ לאַזער, אין דער יוגענט־מאָנאַטשריפט „מוריה" אין באַדער׳ס „העת" און אין משה קליינמאַנס „היום". 1907—8 געגרינדעט און געלייטעט אַ העברעאישע שול אין סאַמבאָר. אין יאָר 1909 רעדאַגירט עטלעכע נומערן פון דער חודש־שריפט „השחר". אין דער אייגענער צייט האָט ער שטודירט רעכטוויסענשאַפט און אין ווין געענדיגט און באַקומען דעם דאָקטאָרטיטעל. נאָכדעם געווען אַפּליקאַנט באַ אַדוו. ד״ר בערנאַרד זילבערמאַן אין ניי־סאַנדזש. דעמאָלט דאָרט אַרויסגעגעבען אַ וואָכענבלאַט „נאַש גלאָס".

דעם קריג האָט ער מיטגעמאַכט אַלס אונטער־אָפיציר אויף דעם רוסישען און סערבישען פראָנט. נאָך דער מלחמה אַריינגעטרעטען אַלס לערער אין דער היגער גימנאַזיע „יבנה", וואו ער איז געווען דירעקטאָר (1920—1923). פון 1920 ביז היינט איז ער לערער אין דער ערשטער העברעאישער גימנאַזיע אין לאָדזש.

אין באַזונדערע בראָשורען זענען דערשינען: „די פּעדאַגאָגישע שיטה פון הוגאָ גוידיג" (העברעאיש און פויליש); „די פראַגע פון רעליגיעזען חנוך אין דער יודישער מיטעל־שול (העברעאיש); ביאָגראַפיעס פון ד״ר ברוידא און ד״ר יהושע טהאָן. געדרוקט אין פאַרשידענע צייטשריפטען: „לאָדזער טאַגעבלאַט", „נייער פאָלקסבלאַט", קראָקעווער „נאָווי דזיענניק", באַלאַבאַנ׳ס „נאָווע זשיציע", אין דער „התקופה" (ב. 26־27) לעצטענס פאַרעפענטלעכט ער זיינע אַרטיקלען ס׳רוב אין חודש־זשורנאַל „מיעשיענטשניק זשידאָווסקי"; די וויכטיגסטע פון זיי איבער ביאַליק, עגנון, שאָפּמאַן, כהן און פיכמאַן. אין דער אויסגאַבע: „Żydzi w Polsce odrodzonej" זענען אין לעצטען יאָר דערשינען 4 אַרבעטען פון פ.: איבער דער רבנישער

ליטעראַטור, חסידות און דער נײַ-העברעאישער ליטעראַטור אין פּוילען. פּ. דרוקט איצט אַ פּוילישע איבערזעצונג פון קלויזנערס „ישו הנוצרי", וועלכע וועט אין קורצן דערשיינען (ווידאַווניצטוואָ „נאַוואָטשעסנע") אין וואַרשע.

## ק

## קאַמיעניעצקי אברהם־שלום



געבוירן 1874 אין סלאָנים, גראָדנער געגענט, אין אַ פאַרמעגלעכער און מיוחסדיגער פאַמיליע. באַקומען אַ רעליגיעזן תּלמודישער חדר-דערציהונג, דערבאַ געלערנט גימנאַזיאַלע למודים באַ פּריוואַט לערער. שוין פון דער פריסטער יוגענט אַרויסגעוויזן פעהיגקייטען פאַר פילאָלאָגישע פאָרשונגען און פילאָזאָפיש דענקען. האָט פיל געלערנט און געאַרבעט איבער זעלבסטבילדונג. זייט 1898 שטודירט אָריענטאַלישע שפראַכען און פילאָזאָפיע אין די אוניווערזיטעטען פון היידעלבערג, ברעסלוי, בערלין, גיסען און בערן. 1903 באַקומען דעם טיטעל ד"ר פילאָזאָפיע פאַר זיין דיסערטאַציע Die P'sita zu Koheleth פאַרעפענטלעכט אין דער Zeitschrift für die alttestamentliche Wissenschaft (1904) אין דער וויסענשאַפטלעכער וועלט האָט ק. דערוואָרבען זיך אַ נאָמען דורך זיין אויפזאַץ Die ursprünglich beabsichtigte Aussprache des Pseudonyms קהלת וועלכער איז געדרוקט אין דער Orientalistische Literaturzeitung № 1-2 15—11 1921 זיינע וויסענשאַפטלעכע איבערזעצונגען „תהלות שלמה" (פון גריכיש) און „עלית משה" (פון לאַטייניש) זענען געדרוקט געווען אין השלח און דורך זיי איז ער באַקאַנט געוואָרען אַ גרעסערען קרייז פון העברעאישע לעזער. רעדאַגירט פון באַנד 9 אָן די ערשטע ביבלישע אָבטיילונג פון דער „יודישער ענציקלאָפעדיע" (רוסיש) וואו ער האָט פאַרעפענטלעכט אַ ריי אַרטיקלען. געדרוקט אַרטיקלען אין „הצפירה", „היום", „היינט", „מאָמענט", „אלטנײַלאַנד", „ביכערוועלט", „ליטעראַרישע בלעטער" א. א. האָט געהאַלטען לעקציעס אין פעטערבורג אויף די הויכע קורסען פאַר אָריענט-קענטשאַפט (געגרינדעט פון באַראָן גינצבורג) איבער העברעאישער און כאַלדאישער גראַמאַטיק, געאָגראַפיע פון ארץ-ישראל און אַרכעאָלאָגיע. זייט 1925 וואוינט ק. אין לאָדז.

## קאַפּעל משה



געבוירען דעם 15 יולי 1885 אין אַ היגער בעל הבתישער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער אברהם יצחק איז געווען אַ מאַנופאַקטור-סוחר). געלערענט אין חדרים און באַ פּריוואַט-לערער. צו 15 יאָר אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען צו אַ קליינעם טיכער-פאַבריקאַנט, וואו ר'האָט נאָך עטלעכע יאָר אַרבעט דערלערענט שערען, וועבען און מאַנאַפּאַלירען. שפּעטער געאַרבעט אַלס אונטער וועבער - מייסטער און מייסטער באַ פאַרשידענע אַנדערע פירמעס. 1908 חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון היגען טיכער-פאַבריקאַנט צדוק פּיאַסקאָווסקי; נאָך דער חתונה געוואָרען מיטשותּף פון דער פירמע: „צ. פּיאַסקאָווסקי" — וואו דורך זיין פאַכמענישקייט און איניציאַטיוו איז אים מיט דער צייט געלונגען דאָס פאַבריקאַט-געשעפט אויפצושטעלען אויף אַ מדרגה, אַזוי אַז זי איז געוואָרען אָנ-אָנגעזעהענע פירמע אין אונזער שטאָט — און אין דעם פאַבריקאַט-געשעפט איז ער געווען באַטייליגט ביז'ן אויסברוך פון קריג. 1919 ווערט דורך אים געגרינדעט, צוזאַמען מיט א. און פּ. פּיאַסקאָווסקי, אַ נייע טיכער-פאַבריקאַציע, א. פּ.: „א. א. פּיאַסקאָווסקי".

1924 האָט די פירמע אָבגעקויפט די פאַבריק פון בעריש ראָזענבלאַט'ס יורשים און דאָרט איינגעאָרדענט אַ שפּינערײַ, וועבערײַ און ריסערײַ פון 100 האַנטשטולען. די ערשטע צייט האָט זי געלאָזט אין באַריב די האַנט-וועבערײַ און אויסגעאַרבעט בלויז טיכער. שפּעטער האָט די פירמע גענומען אויסאַרבעטען וואָלענע סחורות און ספּעציעל שטרייכגאַרן-אויסאַרבעטונגען; די הויפּט-אויסאַרבעטונג איז אָבער געבליבען וואָלענע טיכער און אין דער בראַנזשע פאַרנעמט זי איצט אַ שיין אָרט.

די פירמע אַרבעט אויס טיכער בלויז פון הויכער קוואַליטעט און די גאַנצע פּראָדוקציע נעמט צו דער פּוילישער מאַרק.

אין 1930 האָט די פירמע אָנגעהויבען אויסצואַרבעטען ריינע זייד-אויסאַרבעטונגען (קרעפּ-דע-שין, מעטעאָר, זשאָרזשעט) און אַרויסגעגעבען אויף לוין צום אַרבעטען.

אין 1931 האָט די פירמע געקויפט אייגענע זיידענשטולען און גלייך באַמיט זיך אַריינצופירען יודישע בעלי-מלאכות אין דער בראַנזשע. איצט אַרבעטען שוין אין דער אָבטיילונג 35 יודישע אַרבעטער. בסך הכל אַרבעטען אין דער שפּינערײַ 100, וועבערײַ 150 אַרבעטער, דערונטער 130 יודישע. כאַראַקטעריסטיש זענען די גוטע באַציהונגען, וועלכע הערשען צווישען די פאַבריקאַנטען און די יודישע אַרבעטער. די בעלי הבתים זענען צופרידען פון די יודישע אַרבעטער און די יודישע אַרבעטער פון זייערע אַרבעט-געבער.

מ. ק. איז דער פאַכמאַן און לייטער פון דער איינקויף-שטעל באַ דער פירמע. נעמט נישט אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט, אונטערשטיצט אָבער די היגע אינסטיטוציעס.

## קאַצענבאָגען יעקב



געבוירען דעם 17 יוני 1889 אין מינסק, באַ אַ בעל הבתישער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער יצחק איז געווען אַ פאַרטרעטער פון פאַרשידענע פירמעס). געלערענט אין דער זגערזשער האַנדעל-שול ביז דער 4 קלאַס דערנאָך אַריבער אין דער פעטערבורגער רעגירונג האַנדעל-שול, וועלכע ער האָט אויך געענדיגט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. 1914 געענדיגט דעם פעטערבורגער פּאָליטעכניקום אַלס „קאַנדידאַט פון עקאָנאָמישער וויסענשאַפט". 1926 צוגעלאָזט געוואָרען צום עקזאַמען אויף דער

פאַריזשער „סאָרבאָנע", וואו ער האָט צולעצט באַקומען דעם טיטל ד״ר יורי. (1931)

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבן, אין דעם ערשטן מלחמה-יאָר איז דורך אים אַלס באַפולמעכטיגטער פון דער פעטראָגראַדער „אָזע" צענטראַלע געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע, די ערשטע „יודישע קינדערהיים" מיט יודיש אַלס לימוד-שפראַך, אין וועלכער ער האָט מיטגעאַרבעט ביז דער דייטשער אָקופאַציע; דעמאָלט האָט ער אויך דאָרט געשאַפן און אָנגעפירט מיט נאָך 6 אַזעלכע „קינדערהיימען", וואו ס׳זענען אויפגעהאַלטן געוואָרן אַנ׳ערך ביז 2000 קינדער. אין שליחות פון דער געזעלשאַפט האָט ער אויך דאָרט דערעפענט ביז 20 „ביליגע קוכען", אַ „באַקליידונג-סטאַציע" פאַר יודישע אַנטלאָפענע און אַנ׳אַמבולאַטאָריום. אין יענער צייט האָט ער געשאַפן אַ ריי ביליגע „לעבן-מיטעל-געוועלבער" אין פיאַסעטשנע, גער, גריצע, און פולאַווע, וועלכע זענען אויך אונטערשטיצט געוואָרן דורך די קהלות פון יעקאַטערינאָסלאַוו, קיעוו און כאַרקאָוו. דורך אים איז דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרן אַנ׳אָבטיילונג פון דער „אָזע" געזעלשאַפט אין וואַרשע. 1915–19 געווען טעטיג אַלס לערער אין די היגע גימנאַזיעס. האָט מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון „אַלגעמיינעם קאָמיטעט איבער די היגע יתומים-הייזער". געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון אַמאָליגען היגען „שול און פאָלק-בילדונג פאַראיין" און איינער פון די גרינדער פון דער ערשטער יודישער שול מיט יודיש אַלס לימוד-שפראַך באַם ש. און פ. פאַראיין. 1917 געווען פאַרזיצער פון דעלעגאַטן-ראָט פון די יודישע מיטעל-שולען באַם היגען לערער-פאַראיין און דער יודישער-לערערשאַפט-דעלעגאַט אין דעם אַלג. דעלעגאַטן-ראַט, וועלכער איז דעמאָלט דאָ געווען טעטיג; 1923–4 געווען וויצע-פרעזעס פון דער היגער עמיגראַציע געזעלשאַפט „יעאַס". 1919-21 געווען דירעקטאָר פון אַ מיטעל-שול אין פיעטריקאָוו טריבונאַלסק. 1921 האָט ער אַלס באַפולמעכטיגטער פון דער „אָרט" צענטראַלע געשאַפן די היגע אָבטיילונג פון דער געזעלשאַפט, באַ וועלכער ער האָט אָרגאַניזירט די ערשטע וועבעריי און טריקאָטאַזש-וואַרשטאַטן און אויך דערעפענט די קויבער-פלעכטעריי און גערטנעריי פאַר די קינדער פון פאָלק-שולען. אַלס באַפולמעכטיגטער האָט ער געשאַפן דעמאָלט אין פיעטריקאָוו ט. אָנ׳אָבטיילונג פון דער „אָרט"-געזעלשאַפט, וואו ער האָט אויך אָרגאַניזירט די ערשטע שלאָסעריי און טישלער-וואַרשטאַטן. 1926-7 געווען רעפערענט פון „פאַריזשער קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס באַ דער פעלקער-ליגע". זייט 1930 פאַרנעמט ער דעם פאָסטן אַלס פאַרטרעטער פון דירעקטאָר פון דער האַנטווערקער-קאַמער אין לאָדזש. איז יאָרנלאַנג איינער פון די אַקטיווסטע טוער אין דער היגער „אָרט"-געזעלשאַפט. געהער צו די פאַרוואַלטונגען פון דעם היגען פרייערנקער און לאָקאַטאָרן-פאַראיין.

## קאַצענעלסאָן יצחק (יחיאל)



געבוירען תמוז 1886 אין קאַרעליץ, מינסקער געגענט אין אַ משפחה, וואָס שטאַמט פון דורות רבנים. (דער פאָטער זיינער יעקב בנימין איז געווען אַ העברעאישער און יודישער שרייבער) דערצויגען געוואָרן ביז 6 יאָר אין הויז פון דער באָבען, די אַלמנה פון קאַרעליצער רב ר׳ יצחק יחיאל דאַווידסאָן. דערנאָך געלערנט באַ׳ם פאָטער אין דער שול אין זגערזש ביז 12 יאָר, העברעאישע און אַלגעמיינע לימודים. שפעטער איז ער אָנגעקומען אין אַ מאַנופאַקטור-געשעפט, נאָך אַ קורצער צייט אַריבער אין אַ פאַבריק צו זיינס אַ פעטער אין זגערזש, בכדי אויסצובילדען זיך אַלס וועבער-מייסטער. אין יענער צייט האָט ער אָבגעגעבען זיך מיט זעלבסט-בילדונג און אַ סך געלייענט, אַ באַזונדערען אינטערעס אַרויסגעוויזען צום טעאַטער. צו 17 יאָר פאַרלאָזט די פאַבריק.

זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין העברעאישען קינדער-זשורנאַל „עולם קטן", וואו ער האָט אָבגעדרוקט עטלעכע לידער, דערנאָך דעביוטירט מיט אַ פראָזאַ-זאַך (האולם) אין „המליץ". זיין ערשטע פאָעמע אין יודיש „דער מאָדערנער נביא" איז געווען געדרוקט אין „דאָס יודישע וואָרט" (רעד. ד״ר מ. וואָרטסמאַן) שפעטער האָט פרץ פאַרעפענטלעכט זיינע ערשטע יודישע לידער אין זיין „יודישער ביבליאָטעק" (1904) און מ. ספעקטאָר האָט אָבגעדרוקט עטלעכע לידער אין דער „יודישער פאָלקס-צייטונג". האָט פאַרבראַכט אין דער ליטע און דעמאָלט אָנגעהויבען שרייבען זיין פאָעמע „בגבולות ליטא", פון וועלכער די ערשטע קאַפּיטלען זענען פאַרעפענטלעכט אין צווייטען פרישמאַנישען „הדור", די ווייטעריגע אין די זאַמעל-ביכער „הזמן" און אין „השלח".

די פאָעמע האָט אים געמאַכט אַ נאָמען אין דער העברעאישער ליטעראַטור. האָט באַטייליגט זיך אין פאַרשידענע העברעאישע און יודישע אויסגאַבען. אין „הצפה" אויך געשריבען לאָדזשער פעליעטאָנען אין פערזען א. פ. יצחק הבכיין, צו 21 יאָר צוגענומען געוואָרן אַלס זעלנער און געדינט עטלעכע חדשים. דערנאָך אָנגעשריבען זיין דראַמע „קאַריקאַטורען", פאַרעפענטלעכט אין „השלח" 1909, (זיין ערשטע דראַמע „עצבים" איז צוליב אַ צופאַל פאַרברענט געוואָרן בעת זיין מיליטער-דינסט). האָט פאַרבראַכט אַ צייט אין זשענעווע, בערן, בערלין — דאָרט אָנגעשריבען זיין קאָמעדיע „די מאָדערנע", פאַרעפענטלעכט אין העברעאיש „המעגל", פאַרלאַג „ספרות" 1911. פון דאָרט צוריקגעקומען נאָך לאָדזש און דאָ געעפענט אַ העברעאישע שול, וועלכע ער פירט עד היום. האָט פאַרפאַסט אַ גאַנצע ריי העברעאישע לערנביכער: „צפרירים" (3 טייל) מיט ק-ס אייגענע צייכענונגען. דאָס לידער-בוך „גן ילדים", אַ דקדוק, אַ באַאַרבעטונג פון תנ״ך, ווי אויך די זאַמלונגען פאַר קינדער און יוגענט „תלתלים" (פאַרלאַג „מרכז" וואַרשע, 1922) און „מחמדים" (פאַרלאַג „ברקאי" וואַרשע, 1924) אין יודיש זענען אין בוכפאָרם דערשינען: „דאָס ווייסע לעבען"—דערציילונגען, לידער און אַ דראַמאַטישער איינאַקטער. (פאַרלאַג „השחר" וואַרשע, 1909); „קאַריקאַטורען"—דראַמע אין 3 אַקטען (אין דעם איבערענדערמאָנטען פאַרלאַג); דער „דעקאַדענט" און „בחורים" — צוויי איינאַקטיגע קאָמעדיעס, פאַרלאַג ב. שימין, וואַרשע, 1911; „פאַטימאַ"—דראַמאַטישע פאָעמע אין 3 אַקטען (פאַרלאַג יונג-יודיש לאָדזש, 1920) „אונזערע נאָענטע באַקאַנטע" (לירישע דראַמע אין דריי טייל) פאַרלאַג „ספינקס", וואַרשע — דאַנציג-לאָדזש 1922 מיט צייכענונגען פון קונסטמאַלער שטערלינג.) אין העברעאיש א׳ט: „אנו חיים ומתים" - פאַרלאַג „אחיספר", וואַרשע—בערלין 1913)

„בגבולות ליטא“ פאַרלאַג „ספרות“1909)
און דער צווייטער טייל פון דער פּאָע-
מע ,,גלות‘‘ (דערשינען צוזאַמען מיט
דער העברעאישער איבערזעצונג פון דעם
איינאַקטער ,,בחורים‘‘ (פאַרלאַג »ספרות«
1911) »דמדודים« 2 בענדער לידער
(פאַרלאַג »תושיה« 1910); די קינדער-
לידער זאַמלונג אין יודיש »געזאַנג און
שפּיל«; »הנביא«, — דראַמאַטישע פּאָעמע,
וועלכע ער באַטראַכט פאַר זיין הויפּט-
ווערק. (פאַרלאַג „ספר“ לאָדזש, 1922)
האָט געדרוקט אין פאַרשידענע העברע-
אישע און יודישע אויסגאַבען. זיין דריי
אַקטיגע דראַמע „תרשיש“ (געווען גע-
דרוקט אין „מקלט“) איז דערשינען אין
דער פּוילישער איבערזעצונג פון יאַן
זאַנדמער "Odwrót„ פאַרלאַג „סצענא“,
וואַרשע, לאָדזש 1923). האָט איבערזעצט
אויף העברעאיש היינריך היינעס „בוך
דער לידער“ (דערשינען אין פאַרלאַג
„שטיבעל“ א. ט.: „שירים“. פון זיינע
דראַמאַטישע ווערק זענען אַ סך אויפגע-
פירט געוואָרען דורך פאַרשידענע טרו-
פּעס, אין העברעאיש און יודיש. ק. איז
געווען מיטגרינדער פון דער היגער
„הבימה העברית“ און אַליין דאָרט רע-
זשיסירט און אויפגעפירט זיין „מכירת
יוסף“ און אַרנאָ׳ס „מכבי׳ער“ אין לאָד-
זשער „הזמיר“. האָט דעמאָלט צוזאַמען
מיט אַ העברעאישער טרופּע (מיט רודאָלף
זאַסלאַווסקי און וואָלף זילבער-
בערג אין דער שפּיץ), געמאַכט אַ
טורנייַ איבער אַ סך יודישע שטעט און
אַליין רעזשיסירט און מיטגעשפּילט אין
„אוריאל אַקאָסטאַ“ און אין „נייעם
געטאָ“. 1921 באַזוכט אַמעריקע. 1925
פאַרבראַכט אַ האַלב יאָר אין ארץ-ישראל,
דערנאָך געשריבען זיינע רייזע-איינ-
דרוקען אין „אונזער טאָגבלאַט“. דעם
6 מאַי 1928 איז געפייערט געוואָרען
אין לאָדזש דער 25 יאָריקער יובל פון
זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט און די
גאַנצע יודישע פּרעסע האָט אים דעמאָלט
געווידמעט וואַרעמע אַרטיקלען. צו אַ סך
פון ק—ס לידער איז פאַרפאַסט מוזיק
און זיי ווערען געזונגען. הגם ק. ווערט
דערהויפּט באַטראַכט פאַר אַ העברע-
אישען דיכטער, האָט ער זייער פיל,
אפשר נישט ווייניגער ווי אין העברע-
איש געשריבען אויך אין יודיש. אין
דער העברעאישער פּאָעזיע האָט ער
אַריינגעבראַכט אַ לייכטקייט און אַ פרישׁ-
קייט. די לעבענסלוסטיגקייט פון צוזונגע-
נער יוגענט, אויך אין זיינע יודישע
לידער צייכענט ער זיך אויס מיט דעם
אייגענאַרטיגען סטיל און ריטם. מיט
דער באַהעפטונג פון שפּילעוודיגקייט און
טיפען אָפּט שווערמוטיגען ערנסט, בפרט
אין זיינע עלעגיעס, אַ באַליבטע פאָרם
זיינע.

## קראַוש יוליוש



געבוירען דעם
24 יולי 1888
יאָר, אין אַ
יחוסדיגער
בודאַפּעשטער
פאַמיליע. גע-
ענדיגט די אָר-
טיגערעגירונג
גימנאַזיע. גע-
לערענט אין
די אוניווערזיטעטען פון ווין, בודאַ-
פּעשט און צולעצט געקריגען דעם
טיטעל דאָקטאָר. געווען אַסיסטענט באַ׳ם
באַרימטען פּראָפעסאָר פאָן סזילי. שפּע-
טער איינגעצויגען געוואָרען אין עסט-
רייכישען מיליטער, אלס אָפיציר און
אוועק אין קריג; נאָך עטלעכע יאָר
צוגעטיילט געוואָרען צום טערקישען
מיליטער—נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אלע-
פּאָ, מאָסול, און באַגדאד. פון דאָרט
באשטימט געוואָרען נאָך לובלין, (עסט-
רייך) אלס שעף פון מיליטערישען
שפּיטאָל. אין פאַרלויף פון זיין דינסט
איז ער צוויי מאָל פאַרווּנדעט געוואָ-
רען און באַקומען פאַרשידענע אויס-
צייכענונגען.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט
אָנגעהויבען נאָך אלס סטודענט, אין
בודאַפּעשטער ציוניסטישען מיטעל-שול-
פאַראיין. דערנאָך געווידמעט זיך איינ-
גאַנצען דער ספּאָרט-באַוועגונג. געווען
מיטגרינדער, פון: בודאַפּעשטער „וויוואַ-
אַטלעטיק-קלוב“ און פון ווינער „הכח“
— מיטגעפאָרען מיט דער מאַנשאַפט נאָך
אַמעריקע. געווען מיטגרינדער פון היגען
„הכח“, וואו זייט דעמאָלט פירט ער אָן
אַ שטאַרקע טעטיגקייט און איז יאָרענ-
לאַנג פּאָרזיצער פון דעם ספּאָרט-קלוב.
איז וויצע-פּאָרזיצער פון היגען אַלגע-
מיינעם ספּאָרט-פאַרבאַנד. האָט געהאָל-
פען אַמאָל אָרגאַניזירען יודישע זעלבסט-
שוצען אין אַ ריי שטעט; געווען פּאָר-
זיצער פון היגען „אָרט“; באַ׳ם שאַפען
פון „טאָז“ געווען אייגער פון זיינע
מיטבויער; מיטגעאַרבעט באַ די „רעכטע
פּועלי-ציון“, אלס מיטגליד פון שטעטי-
שען קאָמיטעט.

י. ק. האָט מיטגעאַרבעט אין דער
ווינער ,,מאָרגען-צייטונג“ און אין לאָד-
זער טאָגעבלאַט“. אַ לענגערע צייט רע-
דאַקטירט די Gazeta sportowa, ווי
אויך אָבגעדרוקט אַ ריי מעדיצינישע
אַרבעטען, אין דער דייטשער און פּוי-
לישער שפּראַך.

ר

## ראַבּינאָוויטש דוד



געבוירען דעם
25 יוני 1887
אין יאָרבורג,
נעבען קאָוונע
באַ אַ בעל-
הבתישער פאַ-
מיליע. (דער
פאָטער זיינער
יצחק איז גע-
ווען אַ סוחר)
געלערענט אין חדר, שפּעטער אויך
אדורכגעמאַכט 6 קלאַסען פון דעם אָר-
טיגען רוסישען גימנאַזיום. 1899 גע-
קומען נאָך לאָדזש. 1903 אָנגעקומען
אויף אַ פּאָסטען אין דער אַמאָליגער
היגער פיליע פון ,,היינצעל און קוני-
צער“, וואו ר׳ האָט צוערשט געאַרבעט
אלס פאַקטוריסט, דערנאָך געוואָרען
בוכהאַלטער, צולעצט געשטיגען און
איבערגענומען אויך די פירונג פון דער
קאָרעספּאָנדענץ. האָט פאַרנומען דעם
פּאָסטען ביז דער ליקווידאַציע פון דער
אַקציענגעזעלשאַפט. (1915) בעת ס׳ווערט
רעאָרגאַניזירט און געשאַפען די היגע
„ווידזעווער מאַנופאַקטור“, דעמאָלט גלייך
אָנגעקומען אַלס אָנגעשטעלטער, וואו
נאָך יאָרען פלייסיגער אַרבעט אַוואַנסירט
און געוואָרען פּראָקורענט פון דער
אַקציענגעזעלשאַפט. זייט 1927 פלעגט
ער דעם אַמט פון וויצע-דירעקטאָר
פון דער צענטראַלער פאַרקויף-שטעל
באַ דער „ו. מ.“

ד. ר. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן
געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער
שטאָט. איז יאָרענלאַנג פאַרוואַלטונג-
מיטגליד פון „אוזדראָווויסקאָ“ און פון
אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע
קינדער ,,העלענוּוועק“.

## ראָזענבלאַט יערזשי (אורי)



געבוירען חשון 1872 אין לובלין, בא א פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאַטער זיינער בעריש איז געווען א וואַלד-סוחר, איד א משכיל וועלכער האָט נאָך געדרוקט זיינע מאמרים אין די אַמאָליגע העבּרעאישע צייטשריפטען.

ר. י. האָט געענדיגט דאָס לובלינער גימנאַזיום. פון דאָרט אַריבער אויפ'ן וואַרשעווער אוניווערזיטעט, (מעדיצינישען פאַקולטעט) וואו ר'האָט שטודירט און צולעצט באַקומען דעם טיטעל דאָקטאָר. האָט דערנאָך ספּעציאַליזירט זיך אין די אוניווערזיטעט-קליניקען פון בערלין, ווין, און לאָנדאָן. 1899 געקומען נאָך לאָדזש און דאָ גענומען פּראַקטיצירען אַלס דאָקטאָר פון נאָז, אויערען און האַלז-קראַנקהייטען און אין משך פון א פּאָר צענדלינג יאָר אָנגעפירט זיין מעדיצינישער אַרבּעט אין אונזער שטאָט.

ר. י. האָט בעת ס'איז נאָר אויפגעקומען דער הערצעליאַנישער ציוניזם גלייך גענומען אינטערעסירען זיך מיט אים, אָנגעהויבען פאַרקערען אין די אַמאָליגע נישט לעגאַלע קרייזלעך און געוואָרען איינער פון זיינע הייסע אָנהענגער. אויפ'ן 2 קאָנגרעס איז ער שוין געווען א דעלעגאַט. 1916 איז ער איינער פון די מיטבויער פון דער אָרטיגער שטעטישער אָרגאַניזאַציע — וואו ר'האָט זייט דעמאָלט אָנגעפירט א גרויסע פּאָליטישע אַרבּעט און געוואָרען פון די הויפּט-פירער פון די היגע ציוניסטען.

זיין געזעלשאַפטלעך פּאָליטישע אַרבּעט איז זייער א פאַרשידענאַרטיגע. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע געווען מיטגליד פון דער „ראַדאַ סטאַנו". אויסגעוויילט געוואָרען מצד די היגע ציוניסטען אַלס ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט אין אַלע פאַרגאַנגענע קאַדענצען. געווען בשעתו וויצע-פאָרזיצער פון היגען שטאָט-ראַט. אין די שטאָט-ראַטען פלעגט ער אַרויסטרעטען קעגען פאַרשידענע גזירות און רדיפות וואָס האָבען געטראָפען די היגע יודען, ווי אויך אינטערווענירט לטובת זיי אין די רעגירונג-ספערען.

מיטגרינדער פון היגען „הזמיר", געווען פאָרזיצער און לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דעם געזאַנג-פאַראיין.

מיטגרינדער פון היגען ספּאָרט-קלוב „בר כוכבא", און ערשטען יודישען „סקויטינג". געווען פאָרזיצער פון דער היגער יודישער קהלה. איז לאַנגיאָריגער פאָרזיצער פון שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט, מיטגליד פון אַלפּוילישען ציוניסטישען צ. ק. און מיטגליד פון אַקציאָנקאָמיטעט. איז מצד די ציוניסטען שוין עטלעכע מאָל אויסגעוויילט געוואָרען אַלס סיים-דעפּוטאַט און פלעגט דעם מאַנדאַט ביז איצט.

ר. י. אַלס פּאָליטיקער פאַרעפענטלעכט אויף די שפּאַלטען פון דער היגער יודפרעסע זיינע אַרטיקלען, אין וועלכע ס'קומט צום אויסדרוק זיין קלאָרע שטעלונג צו פאַרשידענע פראַגען, פון אַלגעמיינעם יודישען לעבען.

## ראָזענבלום מיכאָל



געבוירען דעם 30 דעצעמבער 1872 אין לובלין, בא א סוחרישער פאַמיליע. (דער פאַטער זיינער חיים איז געווען אָנאָנגעזעהענער סוחר, געהאַט אַנ'אייגענע טאַבּאַק-פאַבּריק, און די פירמע: „ח. ראָזענבלום" איז געווען א זייער רענאָמירטע אין יענער געגענט.

מ. ר. האָט געלערענט אין לובלינער גימנאַזיום, דערנאָך אַריבער אין כעלמער גימנאַזיום, וועלכע ער האָט געענדיגט מיט מאַטורע. דעמאָלט געקומען נאָך לאָדזש און דאָ פּראַקטיצירט אין גאָרפיינס אַפּטייק; 1900 האָט ער באַלייגט דעם עקזאַמען אין וואַרשעווער אוניווערזיטעט, און באַקומען דעם טיטעל: „פּראָוויזאָר". 1901 דערעפענט ער בא אונז זיין ערשט אייגען געשעפט פון אַפּטייק-סחורות. 1910 איבערגענומען די אַפּטייק פון באָריס שאַץ, וועלכע עקזיסטירט זייט דעמאָלט אונטער זיין אייגענער פירמע, און איז דורך זיין ענערגי און פאַכמענישקייט דערפירט געוואָרען דערצו, אַז זי געהער צו די געציילטע פּאָפּולערע יודישע אַפּטייקען אין אונזער שטאָט. 1933 געגרינדעט אַנ'אייגענע כעמישע פאַבּריק, וועלכע האָט אויסגעאַרבּעט פאַרשידענע פּרעפּאַראַטען און מעדיקאַמענטען.

מ. ר. אינטערעסירט זיך אויך מיט'ן געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט. האָט אַמאָל מיטגעאַרבּעט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער היגער „טאָז" אָבט. געווען מיטגרינדער פון דער געז. „לאָקאַטאָר", ווי אויך לאַנגיאָריגער פאָרוו. מיטגליד פון דעם פאַראיין. האָט א ריי יאָרען אָנגעפירט א נוצלעכע אַרבּעט לטובת דעם אינטערנאַט און טויב-שטומער שול „עזרת אלמים", וואו ר'איז געווען וויצע-פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע. לעצטענס אויסגעוויילט געוואָרען אַלס פאָרזיצער פון עזרת אלמים, וועלכען אַמט ער פלעגט ביז'ן היינטיגען טאָג.

## רומקאָווסקי מרדכי חיים



געבוירען דעם 28 פעברואַר 1877 אין אילינאָ, בא אחבדישער פאַמיליע. געלערענט אין חדר, ווי אויך בא פּריוואַטלערער. אַלס 15-יאָריגער יונגעל אָנגעקומען נאָך לאָדזש און געקריגען דאָ א פּאָסטען, וואו ער האָט געאַרבּעט 5 יאָר צייט. שפּעטער געגרינדעט מיט א שותף א פלוש-פאַבּריק, א. פ.: „ניימאַן און רומקאָווסקי", וועלכע האָט גאַנץ גוט פּראָספּערירט, נאָר אין 1911 יאָר איז ער צוגאַנגען זיך מיט'ן שותף און געפירט דאָס געשעפט ביז'ן אויסבּרוך פון קריג. דעמאָלט אַוועקגעפאָרען נאָך רוסלאַנד, וואו ער האָט ווייטער פאַבּריצירט די אַרטיקלען. דאָרט געמאַכט גוטע געשעפטען און אָנגעזאַמעלט א קאַפּיטאַל.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין מאָסקווע, וואו דורך זיין איניציאַטיוו איז דעמאָלט צונויפגערופען געוואָרען (1915) די קאָנפערענץ וועגען אונטערנעמען א הילף-אַקציע לטובת די פּוילישע יודען, (צוזאַמען מיט ב. וואַקס, קויפמאַן, סימאַנאָווסקי א. א.) דערפון איז אויסגעוואַקסען „דער אַלגעמיינער הילף-קאָמיטעט פאַר פּוילישע יודען", וועלכער האָט דערנאָך אָנגעפירט א ברייטע טעטיגקייט. (מיט ב.

וואַקס אַלס פאָרזיצער) מיטגעהאָלפען אים אָרגאַניזירען, ווי אויך געשאַפען די ערשטע געלט-מיטלען.

1919 צוריקגעקומען נאָך לאָדזש און גלייך צוגעטרעטען צו דער ציוניסטישער אַרבעט. געווען טעטיג אין „הרצליה“, „יבנה“, „שלום-עליכם פרעבעל-שול“, „יתומים-הויז“ (פאַסאַזש-שולץ 20) געווען פאָרזיצער פון „אַלגעמיינעם קאָמיטעט איבער די היגע יתומים-הייזער“, (חוץ פאַלנאַצנע 38) ווי אויך מיטגליד פון „צענטראַל-קאָמיטעט פאַר יתומים-הילף אין פוילען“. דורך זיין מיטהילף זענען דעמאָלט אַדורכגעפירט געוואָרען די זומער-קאָלאָניעס אין ציעכאָצינעק און אין ראַבקי. אַלס מיטגליד פון דער „געזעלשאַפטלעכער שוץ“ אויסגעפועלט, אַז די יודישע קינדער זאָלען באַקומען כשר עסען. געווען מיטגרינדער פון: „פאַרבאַנד פאַר רעקאָנוואַלעסצענטען זעלנער“, „צענטוס“, און פון „מלבוש ערומים“. זייט 1928 מיטגליד פון „שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט“. אין דער פריערינער קאַדענץ געווען פרנס און איצטער איז ער דאָזאָר פון דער היגער יודישער קהלה.

די קרוין פון זיין אַרבעט איז דער אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער „העלענוווּעק“, וואו ר'איז דער הויפט-אָרגאַניזאַטאָר, בויער, און שטייט די גאַנצע צייט אין דער שפיץ פון דער אינסטיטוציע.

## רוס בנימין



געבוירען דעם 4 אָקטאָבער 1887 אין אַ היגער חסידיש מיוחסדיגער פאַמיליע. דער פאָטער זיינער משה נחמי' איז געווען אַ'אָנגעזעהענער גביר, אַ גרויסער למדן און איינער פון די ראש המדברים צווישען די אַלעקסאַנדערער חסידים—בשעתו געווען זייער פאָרשטייער אין ערשטען היגען שטאָטראַט; דער זיידע זיינער איז געווען דער אַמאָליגער באַקאַנטער דוואָרטער רב ר' משה נחמי' ז"ל.

ב. ר. האָט געלערענט בא פריוואָט-מלמדים, ווי אויך באַקומען וועלטלעכע בילדונג בא פריוואַט-לערער. נאָך דער חתונה געפירט אַ מאַנופאַקטור-געשעפט, וואָס האָט עקזיסטירט ביז'ן 1926 יאָר. זייט דעמאָלט געהאַנדעלט פאַרשידענע מסחרים.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין אַמאָליגען היגען „פאַבריקאַנטען און סוחרים-פאַראיין“, וואו ר'האָט דערנאָך אָנגעפירט אַ פאָזיטיווע אַרבעט אין משך פון צען יאָר אַלס פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע; געווען יאָרענלאַנג מיטגליד פון די פאַרשידענע שאַצונג-קאָמיסיעס בא'ם פינאַנץ-אַמט. 1925–27 געווען פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש. דורך אַ ריי יאָרען געפלעגט דעם אַמט אַלס אָפּיעקון פון „געזעלשאַפטלעכער שוץ“ בא'ם היגען מאַגיסטראַט. 1927–33 ראַטמאַן פון שטאָט-ראַט, וואו ר'האָט געהערט צו די קאָמיסיעס פאַר סאָציאַלער הילף, וואָינונג אַבט. פון פאַלעשיע און ווירטשאַפט קאָמ. געווען אויפזיכט-ראַט מיטגליד פון דער קאָמונאַלער ליי און שפאַר-קאַסע. איז פאָרוו. מיטגליד פון דער היגער יודישער קהלה, וואו ר'איז דער פאָרשטייער פון די אונפאַרטייאישע יודען אין לאָדזש.

## ריזשיק מיכאָל



געבוירען דעם 16 מערץ, 1878 אין אָרשא, מאָהילעווער גובערניע, בא אַ בעל-הבתישער פאַמיליע געענדיגט די רעגירונג פאָך שול. צו 16 יאָר אַריבער געקומען נאָך לאָדזש און אָנגעקומען דאָ אין אַ היגער שלאָסעריי. דערנאָך אַוועק נאָך דייטשלאַנד, (זאַקסען) וואו ער האָט דערלערענט די פאַפיר-אויסאַרבעטונג. האָט געאַרבעט אַלס פאַפיר-מייסטער אין באָריסאָוו. מינסקער גובערניע). 1907 געעפענט דאָ זיין אייגענע פאַבריק פון טראַנסמיסיע און מאַשינען-בוי, א. פ. „עדעלמאַן און ריזשיק“, וועלכע עקזיסטירט ביזן היינטיגען טאָג.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין היגען האַנטווערקער-קלוב, וואו יאָרענלאַנג אַרבעט ער מיט אין דער פאַרוואַלטונג. געווען טעטיג אין אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער „העלענוווּעק“, וווּ אין 1927 געשאַנקען אַ פולשטענדיגע איינריכטונג פון אַ שלאָסעריי און טישלעריי און אליין אָנגעפירט מיט די פאַך-קורסען איבער אַ יאָר צייט. לעצטענס פאַרנעמט ער דעם אַמט אַלס צעךעלטסטער פון היגען „שלאָסער, מעשענגיסער, קופערשמידער און בראָנזירערצעך“.

## רייכמאַן שמואל יעקב



געבוירען דעם 10 מערץ 1883 אין אָזאָרקאָוו, בא אַ בעל-הבתישער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער נחום איז געווען אַ סוחר.

געלערנט אין חדר, דערנאָך אין דער מאַקאָווער ישיבה.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, בעת די מלחמה-יאָרען, מיטגעאַרבעט דעמאָלט אין אַ ריי פילאַנטראָפישע אינסטיטוציעס פון אונזער שטאָט. געווען מיטגרינדער פון „יתומים הויז“, (פאָמאָרסקע 91) און גענומען דאָרט אַנ'אַקטיווען אָנטייל די גאַנצע צייט פון דער עקזיסטענץ. בא'ם רעאָרגאַניזירען פון „מושב זקנים“ געווען שטאַרק טעטיג. מיטגעאַרבעט אין „מאַנופאַקטור-סוחרים-פאַראיין“, (פיעטריקאַווער 10) מיטגרינדער פון אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער: „העלענוּוועק“, וואו ז"ט דער גרינדונג פירט ער אָן אַ נוצלעכע אַרבעט און העלפט אויך מאַטעריעל. איז מיטגליד פון שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט, גבאי פון „אהל יעקב“ און וויצע-פרעזעס פון „העלענוּוועק“.

ש

## שאַפיר יחיאל



געבוירען דעם 1 מאַי 1897 אין סאָכאַטשאָוו, בא אַ חסידישער פאַמיליע. דער פאָטער זיינער ישראל יעקב איז געווען אַ וואַלד-שריי-

בער אין קליקער-טאָרטאַק)

געלערנט בײַ שטעטישע מלמדים, דערנאָך אין שטיבעל, און אין סאָכאַטשעווער רבינס בית המדרש. צו 15 יאָר אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען אין אַ גאַלאַנטערי-געשעפט, וואו ער האָט געאַרבעט ביז 1923. אין דעם יאָר דערעפנט מיט אַ שותּף אַן׳אייגען-געשעפט, א. פ. „י׳ שאַפּיר און ג. ביסטער", נאָך אַ קורצער צייט איז עס ליקווידירט געוואָרען. 1924 ווערט דורך די בײדע דערמאָנטע שותּפים געגרינדעט דאָ אַ מעכאַנישע שטרימפּ-פאַבריק און נעמען אויסאַרבעטען אויף רונד-מאַשינען זייער אייגענע סחורה. 1928 קויפען זיי קאָטאָן-מאַשינען; גלײכצײטיג זענען זיי געווען פון די ערשטע פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען מיטגעהאָלפען צו דער אַקציע, איבערצושיקען יודישע בעלי-מלאכות אין דער קאָטאָן-בראַנזשע. איצט באַשעפטיגען זיי אין דער פאַבריק 90 פּראָצענט יודישע אַרבעטער.

יחיאל שאַפּיר אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. אין די יאָרען 1915–18 גענומען אַנ׳אַקטיווען אָנטייל אין די ציוניסטישע קרייזען פון גראַבאָווע און לענטשיץ, געהאָלפען דעמאָלט אָרגאַניזירען פּאַראײנען אויף דער גאַנצער אַרומיגער פּראָווינץ; אין לאָדזש איז ער געווען מיטגרינדער פון היגען „טעאַטער-קאָמיטעט", וועלכער האָט בשעתו מיטגעהאָלפען אין קאַמף פאַר אַ בעסער יודיש טעאַטער. די לעצטע יאָרען מיטגעאַרבעט אין „זאָקען-פאַבריקאַנטען-פאַראײן", וואו ר׳האָט פריער געהערט צו דער פאַרוואַלטונג און צולעצט געווען סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג. 1933 עמיגרירט נאָך פּאַלעסטינע, וואו ר׳האָט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע שותּפים אויפגעשטעלט אַנ׳אייגענע פאַבריק מיט קאָטאָן-מאַשינען, און וועלכע ווערט פון אים דאָרט אָנגעפירט.

## שווייג שמואל יוסף



געבוירען דעם 29 יוני 1891 אין טאַרנאָפּאָל בײַ אַ רייכער פאַמיליע. דער פאָטער זיינער דוד איז געווען דאָרט אַ מילנער און טאַרטאַק-בעַ-

זיצער, איצט איז ער אַ בעל-הבית אין ירושלים) געלערנט אין לעמבערגער גימנאַזיום און געענדיגט מיט מאַטורע. דערנאָך שטודירט אויפ׳ן לעמבערגער און ווינער אוניווערזיטעט און צולעצט באַקומען דעם טיטעל דאָקטאָר. געווען אַסיסטענט בײַ׳ם דאָצענט טאָפּאָלסקי און פּראָפ. זאַקס אין ווין. האָט אָנטייל גענומען אַלס אָפיציר אין דער עסטרייכישער אַרמיי און דערנאָך אין דער פּוילישער אַרמיי. 1920–21 אָרדינאַטאָר פון דער אויגען אָבט. פון היגען מיליטערישען שפּיטאָל. זייט 1922 אָרדינאַטאָר פון פּאָזנאַנסקי׳ס שפּיטאָל.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען נאָך אַלס שילער אין דער מיטעל-שול אָרג. פון „צעירי ציון". 1909–10 מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט און פּאָרזיצער פון דער העברעאישער סעקציע. 1911, צוזאַמען מיט ד״ר יוסף טענענבוים (איצט אין ניו-יאָרק) אַרויסגעגעבען די לעמבערגער העבּרעאישע צייטונג „סנונית", וואו ר׳האָט געדרוקט זיינע ערשטע אַרבעטען. 1912–16 פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון ווינער אַקאַדעמישען פאַראײן „התחיה", ווי אויך געווען פאָרזיצער פון ה. 1921 אַרײנגעטרעטען אין דער היגער התאחדות אָרג. וואו ר׳האָט באַלד גענומען אַנ׳אַקטיווען אָנטייל אין פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכען לעבען — צוערשט האָט ער געהערט צו דער פאַרוואַלטונג און דערנאָך געווען פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע. זייט דעמאָלט אויסגעוויילט געוואָרען און געווען פּרנס פון דער קהלה און ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט, ווי אויך וויצע-פאָרזיצער פון קהלה-ראַט אין לאָדזש. מיטגרינדער און פאָרזיצער פון דער „טאָז" געזעלשאַפט. מיטגליד פון דער הויפּט-פאַרוואַלטונג פון צענטראַל-ראַט. פון „טאָז" אין פּוילען.

מיטגרינדער און לאַנג-יאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער הומאַניטאַרער געז. „בני ברית" אין לאָדזש. פאַר׳ו. מיטגליד פון דער „געז. פון יוד. מיטעל-שולען אין לאָדזש". מיטגליד פון קוראַטאָריום פון „יודאַיסטישען אינסטיטוט" אין וואַרשע. לאַנגיאָריגער פאַרטרויאונג-מאַן פון דער געז. צור פערדערונג דער וויסענשאַפט דעס יודענטומס אין בערלין. מיטגליד פון דער „דאָקטוירים-קאַמער" און „דאָקטוירים-געריכט" אין לאָדזש. וויצע-פאָרזיצער פון היגען „פּראָפ. דאָקטוירים-פאַראײן". קאָנסולטאַנט פון אַ סך היגע שפּיטעלער.

ש. ש. י. האָט פאַרעפענטלעכט אַ ריי מעדיצינישע אַרבעטען אין דער דייטשער און פּוילישער שפּראַך.

## שטיינשניידער אלחנן



געבוירען דעם 20 יולי 1898 אין אַ היגער פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער הענעך איז אַ ווירט). געלערנט אין חדרים און בײַ פּריוואַט-לערער.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען בעת די מלחמה-יאָרען, דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין אַ ריי היגע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. שפּעטער אַרײנגעטרעטען אין צענטראַלען סוחרים-פאַראײן, (פּיעטריקאָווער 10) וואו ער איז געווען מיטגרינדער פון דער גאַלאַנטערי-סעקציע; דורך דעם פאַראײן דעלעגירט געוואָרען אין דער שאַצונג-קאָמיסיע בײַ׳ם פינאַנץ-אַמט. זייט 1925 פּרעזידיום-מיטגליד פון צענטר. ס. פ. יאָרענלאַנג מיטגליד פון דער „הכנסה-שטייער-קאָמיסיע; מיטגרינדער פון דער סוחרים און פאַבריקאַנטען-באַנק, (ציגעל גאַס 3) און געווען מיטגליד פון אויפזיכט-ראַט, געווען סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג אין אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער: „העלענוועק".

דעם 29 אָקטאָבער 1929, מנדב געווען פאַר דער „בורסע" בײַ׳ם „העלענוועק", (פּאָמאָרסקא 41a) אויפ׳ן נאָמען פון זיין זוהן שמואל משה נ״ע, 6 שטובען און קוך, מיט צענטראַל-באַהייצונג; אין דעם לאָקאַל געפינט זיך איצט די ישיבה „תומכי תמימים".

געווען פאָרזיצער פון היגען ספּאָרט-קלוב „בר כוכבא". זייט עטלעכע יאָר פאַרנעמט ער דעם אַמט אַלס וויצע-פאָרזיצער פון „לינת הצדק", און פירט אָן אַנ׳אַקטיווע אַרבעט. מיטגרינדער און איז פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון „נייעם הויזבאַזיצער-פאַראײן". איז וויצע פאָרזיצער פון „פאַראייניגטען הויזבאַזיצער פאַראײן" אויף לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט". לעצטענס אויסגעוויילט געוואָרען אַלס עקזעקוטיוו-מיטגליד פון „קרן הישוב".

## שטילער עוגעניוש



געבוירען דעם 3 יולי 1882 אין אַ היגער אַריסטאָקראַטישער רייכער פאַמיליע. דער פאָטער זיינער אהרן איז געווען איינער פון די ערשטע פּיאָנערען פון דער היגער וואָל-אינדוסטרי און דער מיטגרינדער פון דעם גרויסען פאַבריקאַט-הויז אַקציענגעזעלשאַפט „שטילער און ביעלשאָווסקי".

ע. ש. האָט געענדיגט די אָרטיגע רוסישע גימנאַזיע. דערנאָך שטודירט אין די העכערע קעניגלעכע פאַך-שולען פון אַכען (וועב-שול און אַפּרעטור-שיל) און זיי געענדיגט. געווען אויך אַ פרייער צוהערער אויפ'ן אַכענער פּאָליטעכניקום. האָט פּראַקטיצירט אין פאַרשידענע פאַבריקען אַלס דעסינאַטעיר. 1905 נאָכ'ן פאָטערס טויט גערופען געוואָרען אַהיים, און דאָ האָט ער גענומען אַרבעטען אויף דער פאַבריק. פלעגט אין יענער צייט פאָרען נאָך רוסלאַנד, וואו אין מאָסקווע האָט ער דעמאָלט געמאַכט גרויסע געשעפטלעכע טראַנזאַקציעס און אַריינגעבראַכט אַנ'אויפלעבונג אין דער דאָרטיגער פיליע פון דער פירמע. זייט 1920 פלעגט ער דעם אַמט אַלס טעכנישער דירעקטאָר אויף דער פאַבריק פון דער אַקציענגעזעלשאַפט „שטילער און ביעלשאָווסקי".

ע. ש. אינטערעסירט זיך מיט'ן געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט. האָט אַמאָל מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון יאַראַטשינסקי'ס שול. איז יאָרענלאַנג טעטיגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון היגען לעגיאָן א. נ. „בערעק יאָסעלעוויטש", וואו ער טראָגט בײַ זיין פּאָזיטיווער אַרבעט.

## שטערן יעקב



געבוירען דעם 3 יאַנואַר 1896 אין אַ היגער פאַרמעגלעכער פאַמיליע. דער פאָטער זיינער אהרן מענדעל איז געווען אַנ'אָנגעזעהענער היגער מאַנופאַקטור סוחר.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, אין דער „משמורים-סעקציע", און אין דער „נאַכט-פּאַגאַטאָוויע", בײַ „לינת הצדק". מיטגעאַרבעט אין די מלחמה-יאָרען אין דער פסח-קיך של הרב אליעזר לייב טרייסטמאַן ז"ל. געווען דעמאָלט טעטיג אין הילף-פאַראיין „עזרה", אין „רויטען מגן דוד", און אין טורן-און ספּאָרט-פאַראיין „בר-כוכבא". געווען מיטגרינדער פון „מלבוש-ערומים". זייט יאָרענלאַנג אַנטוויקעלט ער אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין „לינת הצדק", דורך זיין איניציאַטיוו זענען איינגעשטעלט געוואָרען די אַמאָליגע צוויי קאַרעטקעס, און די איצטיגע אויטאָ'ס, ווי אויך דער „פיזיקאַליש-טעראַפּישער-קאַבינעט" בײַ דער אינסטיטוציע. איז פאַרוואַלטונג-מיטגליד אין צענטראַלען סוחרים-פאַראיין, (פּיעטריקאָווער 10) מיטגליד פון דער שאַצונג-קאָמיסיע בײַ'ם פינאַנץ-אַמט, און פאָרזיצער פון „לינת הצדק".

## שטרויך זרח



געבוירען דעם 4 אויגוסט 1905 אין קאָוואָל, בײַ אַ בעל הבתישער פאַמיליע. דער פאָטער זיינער יעקב איז געווען אַ היגער פאַבריקאַנט.

געענדיגט די היגע העברעאישע גימנאַזיע און געקריגען מאַטורע. שפּעטער שטודירט אויפ'ן וואַרשעווער אוניווערזיטעט, (יורידישען פאַקולטעט) און אין 1926 באַקומען דעם טיטעל מאַגיסטער יורי. אין סוף 1931 אויסגעהאַלטען דעם לעצטען עקזאַמען און געקריגען דעם טיטעל אַדוואָקאַט.

ז. ש. האָט נאָך אַלס סטודענט גענומען אַנטייל אין די פאַרשידענע יוגענט-אָרגאַניזאַציעס. געווען מיטגלידער און פאָרזיצער פון „מרכז הצעירים", מיטגעאַרבעט אין „אַקאַדעמישען פאַרבאַנד פאַר דער ירושלימער אוניווערזיטעט", „ירדניה" און אין „החלוץ המרכזי". געווען סעקרעטאַר פון דער היגער אָבטיילונג „פריינט פון העברעאישען אוניווערזיטעט" און געהער צו דער פאַרוואַלטונג פון דער געזעלשאַפט. געווען ערען-סעקרעטאַר און וויצע-פּרעזעס פון היגען „האַנטווערקער-קלוב" (פּאָלודניאָווע 4) און איז פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער אינסטיטוציע. פאָרזיצער פון היגען ספּאָרט-קלוב „מכבי". און וויצע-פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון וועלט-פאַרבאַנד „מכבי".

## שייניאַק משה



געבוירען דעם 2 יוני 1879 אין שטעטעל דאָבראַ, בײַ אַ בעל הבתישער פאַמיליע דער פאָטער זיינער יהונתן איז געווען אַ קירזשנער-מייסטער און אַ פרומער יוד. געלערענט אין חדר, און בײַ פאַרשידענע מלמדים, ווי אויך אין בית המדרש. געשמט אַלס וואָיל-לערענער. צו 15 יאָר געקומען נאָך לאָדוש וואו ר'איז אָנגעקומען אין דער לער אין דער היגער גרעסטער דרוקעריי פון קרוקאָווסקי. נאָך 4 מיט אַ האַלב יאָר לער-צייט האָט ער געאַרבעט אין פאַרשידענע היגע דרוקערייען, און געשמט אַלס מוסטער אַרבעטער. כדי צו פאַרפולקומען זיך אין פאַך אריבער נאָך ווין, וואו ער האָט דערלערענט טאָן-פּלאַטענשניט און אַקצידענס אַרבעט. 1909 געגרינדעט דאָ זיין אייגענע דרוקעריי, וועלכע האָט דערוואָרבען זיך זייט דער מאָלט די גרעסטע פּאָפּולאַריטעט און געהער צו די קונסט-דרוקערייען, אין אונזער שטאָט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין היגען האַנטווערקער-קלוב, (פּאָלודניאָווע 4) וואו ר'איז געווען לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד, ווי אויך עטלעכע מאָל געפלעגט דעם אַמט אַלס פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע. מיטגרינדער פון דער „דרוקער-סעקציע" בײַ'ם האַנטווערקער-קלוב, און די גאַנצע עקזיסטענץ-צייט געווען דער פאָרזיצער פון דער סעקציע. געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון „אַלגעמיינעם דרוקער-פאַראיין", און לאַנגיאָריגער קאַסירער פון דעם פאַראיין. געווען לאַווניק פון היגען פרידען-געריכט. איז ערשטער אונטערעלטסטער פון דער „קאָרפּ. פון גראַפישער אינדוסטרי" און פאָרזיצער פון שידס-געריכט בײַ דער קאָרפּאָראַציע. מיטגליד פון אויפזיכט-ראַט פון דער האַנטווערקער-באַנק.

## א

### ✓ אָבערזשאַנעק יעקב



געבוירען דעם 15 יאנואר 1891, אין אַ היגער בעל הבתישער פאַמיליע. געלערענט אין חדר, און אין שול. דערנאָך געווען אַנ'אָנגעשטעלטער.

אין 1913 דעביוטירט י. א. צום ערשטען מאָל אין דער הומאָריסטישער אָבט: „קרומער שפיגעל", פונ'ם ווארשעווער „מאָמענט". זייט 1917 פאַרעפענטלעכט זיינע פעליעטאָנען אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט". 1926—32 שטענדיגער מיטאַרבעטער פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" און האָט רעדאַגירט די הומאָריסטישע אָבט. „דער חוזק". זייט 1932 מיטארבעטער פון „נייעם פאָלקסבלאט", וואו ער דרוקט וועכענטלעך זיינע הומאָריסטישע פעליעטאָנען און רעדאגירט דעם „קונדס".

י. א—ס זאכען זענען אויסגעפירט געוואָרען אין די רעווי - טעאַטערס: „אַזאזעל", און „אַראראט".

## ב

### ✓ בוים אלעזר



געבוירען דעם 15 יולי 1890, אין ווארשע בא א סוחרישער פאמיליע (דער פאָטער זיינער שלום איז געווען א פיאָנער פון דער היגער שפיגעל און גלאָז-אינדוסטריע) געלערענט אין חדר, שפעטער אין דער ישיבה און אין בית המדרש. נאָך דער חתונה געעסענט צוזאמען מיט א שותף א שפיגעל-פאבריק, א. פ. א. בוים און י. בינקע, וועלכע עקזיסטירט ביז'ן היינטיגען טאָג אין אונזער שטאָט.

זיין געזעלשאפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען מיט יאָרען צוריק אין היגען האנטווערקער-קלוב. וואו ער האָט זייט דעמאָלט מיטגעארבעט אין דער פאַרוואלטונג, ווי אויך געווען פרעזידיום-מיטגליד, און לעצטענס פלעגט ער דעם אמט אלס פאָרזיצער פון ראט. געווען טעטיג אין „לינת הצדק" און אין „יתומים-הויז" (פאָמאָרסקע 91). מיטגרינדער פון דער „האנטווערקער-באנק" און לאגגיאָריגער מיטגליד פון אויפזיכט-ראט. איז דורכן קלוב דעלעגירט געוואָרען אין שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט, וואו ר'איז בשעתו געווען פאַרטרעטען אין היגען „פאלעסטינע-אמט" און אין דער „מחלקת העבודה". איז פרעזידיום-מיטגליד פון אָרטיגען „מזרחי" קאָמ. און פאָרזיצער פון קוראַטאָריום פון דער היגער „תחכמוני" שול.

### ✓ בונין חיים יצחק



געבוירען דעם 12 יאַנואַר 1875 אין האָמעל. געלערענט אין חדר, דערנאָך אין בית המדרש און אין דער מירער ישיבה. נאָך דער חתונה געלערענט אַ סך חסידות און קבלה. שפעטער געהאַנדעלט מיט תבואה און האָלץ. געפטרט דאָס געלט און ווידער זיך ארייגעטועט אין ש"ס און פוסקים. אין 1899 באַקומען סמיכה אויף רבנות. געווען אַ קורצע צייט אַ שוחט. דערווייל אָנגעהויבען זיך צוגרייטען צו באַלייגען עקזאַמען אויף קאַזיאָנער ראבינער, אָבער צוליב שבת צוריקגעהאלטען זיך פונם שלוסעקזאָמען. אין משך פון עטלעכע יאָר געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט אַלס לערער פון רוסיש, אַריטמעטיק און אין די פרייע שעה'ן אָבגעגעבען זיך מיט רוסישער ליטעראטור, פילאָזאָפיע און העברעאישער ליטעראַטור. אין יאָר 1905 געפאָרען נאָך אַמעריקע, אָבער נישט אריינגעלאָזט געוואָרען. 1909 געקומען נאָך ווארשע. זיין ערשטע ליטעראַרישע ארבעט „החסידות החבדית" איז געווען געדרוקט אין „השלוח", תרע"ג. אין יאָר תרע"ד פאַרעפענטלעכט אין „העולם", אַ סעריע אַרטיקלען „פרקי חב"ד", אין „הצפירה" „אישי חב"ד". אין דער צייט פאַרעפענטלעכט אין דעם „הצפירה" דעם ערשטען פובליציסטישען אַרטיקעל „תקופת המסקנות". ווי אויך דעמאָלט אָנגעהויבען שרייבען אין יודיש, אין „דאָס נייע לעבען" ווארשע, („משה'קע ווילענקער"—אַ בילד) און אין „דאָס יודישע פאָלק" פון י. גרינבוים, אַ סעריע ארטיקלען „די פוילישע חסידים אין חב"ד. 1919 איינגעלאַדען אַלס לערער אין ד"ר ברודא'ס יודישע גימנאַזיע. שפעטער מיטגעאַרבעט אין „לאָדזער טאַגעבלאַט", אין 1920-21 אין נייעם לאָדזש. „טאָג", ניו-יאָרקער „יוד. טאָגבלאַט". „די צייט" אַרויסגעגעבען פון פינסקי, אין „העברי", „התרן", „המזרחי", „היום", „בלויווייס". 1917 אַרויסגעגעבען דורך דער געז. „יבנה" דעם 1-טען טייל „למודי היהדות". אין בוך פאָרם „על סף העליה השלישית". (אין יודיש „אויפן שוועל פון דער דריטער עליה"). אין דעם יאָר אַרויסגעגעבען זאַמעל - העפטען „שאר ישוב" (6 העפטען) אין העברעאיש. געדרוקט אַרטיקלען אונטער פאַרשידענע פסעוודאָנימען. געדרוקט אין „נתיבה", „מנורה", סנה". אין 1928 אַרויסגעגעבען „די אַנטפלעקונג פון דעם גרויסען שאָטען".

איינע פון זיינע לעצטע אַרבעטען איז „משנה חב"ד", די חבדישע תורה אין אָריגינאַל, איינגעטיילט אין משנות, ווי: משנת האלהות, משנת הנפש, משנת הבינוני, משנת הנבואה, המוסר א. אַ. דער חבור אַנטהאָלט 15 משנות. כדי צו דערמעגלעכען דאָס דערשיינען פון דעם ווערק, איז געשאַפען געוואָרען א קאָמיטעט, צו וועלכען עס געהערען אַ ריי פערזענלעכקייטען. פון 1930 לערער פון וואַרשעיוער רבנים-סעמינאַר.

### ✓ ביאַלער יצחק מאיר.



געבוירען דעם 15 יוני 1886 אין וואַרשע, באַ א יחוסדיגער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער טובי' איז געווען איינער פון די היגע

אָנגעזעהענע יודישע פאַבריקאַנטען פון דער שפּיצען און בענדער אינדוסטרי. זייער אַ חשובער מענטש און עסקן. איז אַנ'אייניקעל פון באַקאַנטען וואַרשעווער כלל-טוער און נדבן זיסקינד ביאַלער און אייניקעל פון באַרימטען שתדלן און פילאַנטראָפּ יואל וועגמייסטער).

ב. י. מ. האָט געלערענט באַ פּריוואַט מלמדים און באַקומען אונטערריכט באַ פּריוואַט-לערער. נאָך דער חתונה אַריינגעטרעטען אַלס פּראָקורענט צום פאָטער אויף דער פאַבריק, וואו ר'האָט יאָרענלאַנג געאַרבעט און באַקומען גרונטלעכע ידיעות אין דער בראַנזשע. איצט ווערט די פאַבריקאַציע פון אים געפירט אונטער זיין אייגענער פירמע.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען בעת די וואַלען צו דער צווייטער גאָסודאַרסטווענער דומע, דעמאָלט אָנגעהערט צום וואַרשעווער ענגען „נאַציאָנאַלען קלוב", וועלכער האָט אָנגעפירט אַ העפטיגען קאַמף קעגען דער אַסימילאַציע מיט די דיקשטיינס און נאַטאַנסאָנס בראש. אין דער מלחמה-צייט גענומען אַנ'אַקטיווען אָנטייל אין די היגע פּסח-קוכען פון הרב אליעזר לייב טרייסטמאַן ז"ל. בעת די ערשטע וואַלען צום היגען שטאָט-ראַט, געווען איינער פון די אָנפירער פון דער היגער אָרטאָדאָקסיע. דערנאָך אַריבער אין „מזרחי", וואו ער איז לאַנגיאָריגער וויצע-פּרעזעס פון מזרחיסטישען „שטעטישען קאָמיטעט" און מיטגליד פון פּוילישען צענטראַל-קאָמיטעט פון דער מ. אָרג. אויסגעוויילט געוואָרען עטלעכע מאָל אין די היגע שטאָט-ראַטען, וואו ער האָט בשעתו אויסגעצייכענט זיך מיט זיינע אַרויסטרעטונגען, דערונטער איז באַרימט זיין קאַמף קעגען פאַרשאַכערען די לאָדזשער עלעקטראָווניע.

מיטגרינדער פון „בית אלפנא" און געווען די גאַנצע צייט פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון דער געז.

געווען פאַרוו.-מיטגל. און וויצע-פּרעזעס פון צענטר. סוחרים פאַריין", (פּיעטר. 10) איז פּרעזעס פון „פאַראייניגטען הויזבאַזיצער פאַראיין אויף לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט".

לעצטענס אויסגעוויילט געוואָרען און איז ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט.

געווען ערשטער קאַנדידאַט אויף דער ליסטע פון „נאַציאָנאַלען בלאָק", 1928 צום פּוילישען סענאַט.

## ביאַלער משה.



געבוירען דעם 7 אפּריל 1894 אין אַ וואַרשעווער סוחרישער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער יעקב איז אַ האָלץ-סוחר) געלערענט אין חדר, דערנאָך אַלס עקסטערן אַדורכגעמאַכט 4 קלאַסען פון דער היגער האַנדעל-שול.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, בעת די מלחמה-יאָרען מיטגעאַרבעט אין אַ ריי היגע אינסטיטוציעס. געווען דעמאָלט טעטיג אין דער בירגער-מיליץ, אין קאָמיטעט צו העלפען רעקאָנוואַלעסצענטען זעלנער באַ'ם הילפס-פאַראיין „עזרה", ווי אויך גענומען אַנ'אַקטיווען אָנטייל אין „רויטען מגן דוד". מיטגרינדער פון „יודישען בילדונג-פאַראיין", וואו ער האָט יאָרענלאַנג אָנגעפירט אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין דער פאַרוואַלטונג און אין פעדאַגאָגען-ראַט. מיטגעאַרבעט אין „מלבוש-ערומים" און אין „לינת-הצדק". געווען טעטיג אַלס פּרעזידיום-מיטגליד אין סוחרים-פאַראיין". (פּאָלודניאָווע 15) און דערנאָך אין „צענטראַלען סוחרים-פאַראיין", (פּיעטריקאָווער 10) און אין ראַט פון דער קאָאָפּעראַטיווער סוחרים-באַנק; (פּיעטריקאָווער 43). געווען לאַוניק פון היגען פרידענגעריכט, און אויך מיטגליד פון די שטייער-אַמטען פון אוכזאַץ און הכנסה-שטייער באַ'ם פינאַנץ-אַמט.

## ביאַלער שלום



געבוירען אלול 1875 אין וואַרשע, באַ אַ רייכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער אַלעקסאַנדער זיסקינד איז געווען אַנ'אָנגעזעהענער סוחר, נדבן און פאַרדינסטפולער כלל-טוער).

געלערענט באַ פּריוואַט מלמדים און פּריוואַט-לערער. נאָך דער חתונה אַריינגעטרעטען אין געשעפט צום שווער דעם גרויסאינדוסטריעלער מ. א. ווינער, וואו אַלס דירעקטאָר פאַרבליבען ביז צו דער מלחמה. 31—1922 געפירט אַ גאַרן-האַנדעל צוזאַמען מיט אַ שותף, א. פּ. ש. ביאַלער און א. אייגער.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען מיט יאָרען צוריק אין „לינת הצדק", וואו ר'איז יאָרענלאַנג געווען וויצע-פּרעזעס פון דער געזעלשאַפט. בעת די מלחמה-יאָרען מיטגעאַרבעט אין בירגער-קאָמיטעט, בירגער-מיליץ און אין רויטען-קרייץ. 1915—22 געווען דאָזאָר פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש. האָט אָנגעפירט בשעתו אַ נוצלעכע ארבעט אין „מחזיקי הדת" און אַ סך באַגעטראָגען לטובת דער ישיבה.

מיטגרינדער פון דער לאָדזשער „אגודת ישראל" און איינער פון אירע הויפּט-מענטשען.

געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון „סוחרים פאַראיין" (פּיעטריקאָווער 73) און „פאַבריקאַנטען פאַראיין" (מאָניושקי 5).

ב. ש. האָט אַמאָל אַ סך אונטערשטיצט די היגע אינסטיטוציעס.

## בערגער יצחק



געבוירען כ"א אדר 1890 אין אַ היגער מיוחס'דיגער פאַמיליע. (דער זיידע זיינער נתן איז געווען פון די ערשטע היגע תושבים און האָט אויסגעפועלט באַ דער אַמאָליגער מאַכט, אַז יודען זאָלען מעגען וואָינען אין דעם שטעטעלע לאָדזש; דער פאָטער זיינער שמחה בונם איז געווען אַנ'אָנגעזעהענער היגער פאַבריקאַנט, ווי אויך בשעתו געווען אָבנעמער פון דער פירמע גייער אין משך פון 40 יאָר. איז געווען אַ יוד אַ למדן, אַ נדבן, וועלכער האָט אין דאָרף קאַלי אונטער לאָדזש, אויפגעשטעלט אַ שוהל, בית המדרש און מקוה).

ב. י. האָט געלערענט אין חדר

דערנאָך אין בית המדרש און אין שטיבעל ביז צו דער חתונה. 1909 אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש, וואו ר'האָט אויפגעשטעלט זיין אייגענע פאַבריק-געביידע און איינגעאָרדענט אַ שפינעריי, צוערשט אין אַ קליינעם פאָרמאַט, אָבער וואָס ווייטער זי אַלץ פאַרגרעסערט, ביז זי איז דערפירט געוואָרען צו דער איצטיגער מדרגה. די וויגאָניע-שפינעריי פון יצחק בערגער, וועלכע איז ספעציאַליזירט פאַר טריקאָטאַזש, סוויטערס און שטרימף-גאַרן, באַזיצט היינט 2 זאַץ מאַשינען, באַשעפטיגט 50 ארבעטער און געהער צו די רעיעלע שפינערייען פון אונזער שטאָט.

בערגער יצחק נעמט אַנ'אַקטיווען אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט. זייט 1919 איז ער מיטגליד פון שטעטישען קאָמיטעט פון דער „מזרחי" אָרג. אַרבעט מיט יאָרענלאַנג אין די פאַרוואַלטונגען פון דער תלמוד תורה (אויף גייערס ראַיאָן) „שומרי הדת" און פון דער שוהל „באר מרים". געהער צום קוראַטאָריום פון דער היגער שול „תחכמוני".

## בערקאָוויטש דניאל



געבוירען 10 מערץ 1872 אין וויעלון, באַ אַ סוחרישער פאַמיליע (דער זיידע זיינער הערשעל ר' איציקס איז געווען אַנ'אַמאָליגער גרויסער שניט-סוחר און אָנגעזעהענער בעל-הבית פון דעם שטעטעל; דער פאָטער זיינער יצחק איז געווען אַ שניט-סוחר און יאָרענלאַנג געווען דאָרט דאָזאָר, גבאי און לאָווניק פון רוסישען געריכט.

ב. ד. האָט געלערענט אין חדר און באַ פריוואַט-מלמדים. דערנאָך אַריבער אין פאָטערס געשעפט. 1896 דערעפענט אין לאָדזש אַנ'אייגען דעטאַל-געשעפט פון מאַנופאַקטור-סחורות. שפעטער (1902) צוזאַמען מיט אַ שותף אָנגעהויבען צו פאַבריצירען קליידער-שטאָפען אין פאַביאַניץ א. פ. „ל. זילבערבערג און ד. בערקאָוויטש", אויף 40 אייגענע קראַפט-שטולען. אין דער פאַבריקאַציע געווען באַטייליגט ביז'ן 1916 יאָר; נאָך דער מלחמה ווייטער געגרינדעט אַ פאַבריקאַט-געשעפט אין פאַביאַניץ „א. פ. שטיין, בערקאָוויטש און היידאַ" אויף 100 קראַפט-שטול, נאָר צוליב'ן גרויסען קריזיס (1925) איז די פירמע אויפגעלעזט געוואָרען. 1916 יאָר רעאָרגאַניזירט זיין דעטאַל-געשעפט, וואָס האָט אגב די גאַנצע צייט פראָספערירט זייער גוט און איינגעאָרדענט אַ הורט-לאַגער. די פירמע „ד. בערקאָוויטש" איז אַלץ ווייטער געשטיגען און געהער איצט צו די גרויסע הורט-לאַגערן אין אונזער שטאָט.

ב. ד. נעמט אויך אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט. האָט אין די אַמאָליגע יאָרען מיטגעאַרבעט אין די פאַרוואַלטונגען פון די פילאַנטראָפישע אינסטיטוציעס: „בקור-חולים", „דאָבראָטשיננאָשטש", „מושב-זקנים", „מלבוש-ערומים" און „לינת החולים". געווען פרעזעס פון דער סעקציע „הורט טעקסטיל-סוחרים" באַם „צענטראַלען סוחרים פאַראיין" (פיעטריקאָווער 10). יאָרענלאַנג מיטגליד פון די פאַרשידענע קאָמיסיעס באַם שטייער-אַמט. געהער צו די פאַרוואַלטונגען פון אַ ריי היגע פאַראיינען, וואו ער פירט אָן אַ נוצלעכער אַרבעט לטובת דעם: „סוחרים-פאַראיין" (פיעטריקאָווער 73) „געז. צו פאַרשפרייטען טעכנישע בילדונג צווישען יודען" און דער „געז. פון סקאָרופקי גימנאַזיום אין לאָדזש".

איז פרעזעס פון דער „הויזבאַזיצער באַנק" (פיעטר. 39) און מיטגליד פון דער הומאַניטאַרער געזעלשאַפט „בני ברית".

## בראַנדשטעטער מיכאל.



געבוירען דעם 21 אָקטאָבער 1882 אין טאַרנאָוו, באַ אַ יחוסדיגער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער מרדכי דוד איז געווען דער באַקאַנטער העברעאישער שרייבער) געענדיגט די טאַרנאָווער גימנאַזיע. דערנאָך שטודירט אין די אוניווערזיטעטען פון לעמבערג, בערלין און ווין, און צולעצט באַקומען דעם טיטעל ד"ר פילאָלאָגיע. (דייטש, לאַטיין, גריכיש און פויליש) 1904-19 געווען פראָפעסאָר פון דער לעמבערגער מלוכה'ישער גימנאַזיע. 1919-21 מיטגרינדער און דירעקטאָר פון ביידע העברעאישע מענער-גימנאַזיעס אין לעמבערג, באַ דער „געז. פאָלק און מיטעל-שולען". 1921 גערופען געוואָרען נאָך לאָדזש, וואו ער איז צוערשט געווען דירעקטאָר פון דער 2 העברעאישער מענער-גימנאַזיע, באַ דער „געז. יודישע מיטעלשולען", און זייט 1922 דירעקטאָר פון דער היגער העברעאישער פרויען-גימנאַזיע.

ב. מ. האָט מיטגעאַרבעט אין דער ערשטער ציוניסטישער אַקאַדעמישער צייטשריפט „מוריה"; איז לאַנגיאָריגער מיטאַרבעטער פון די פויליש-יודישע צייטונגען „נאָווי דזשענניק", (קראָקע) „כווילא" (לעמבערג) און דער פעדאַגאָגישער פוילישער צייטשריפט „מוזעאום", וואו ער האָט אָבגעדרוקט פובליציסטישע און פעדאַגאָגישע אַרבעטען. האָט פאַרעפענטלעכט עטלעכע גרעסערע אָבהאַנדלונגען אין „מיעשיענטשניק זשידאָווסקי", דערונטער וועגען „געטע און די יודען", פויכטוואַנגער, א. אַנד. האָט באַטייליגט זיך אין פאַרשידענע פעדאַגאָגישע צייטשריפטען. ס'זענען דערשינען אין ספעציעלע אויסגאַבען זיינע פעדאַגאָגישע ביכלעך אין דער פוילישער און דייטשער שפראַך. אין דרוק געפינט זיך איצט זיינס אַ גרויס ווערטער-בוך: דייטש-פויליש, פויליש-דייטש, וועלכער דערשיינט בקרוב.

ב. מ. איז פאָרזיצער פון דער היגער אָבט. „פריינט פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים", וואו ער פירט אָן אַ שטאַרקע טעטיגקייט זייט דער גרינדונג ביז היינט. איז לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער „העלענעוועק". מיטגליד פון דער הומאַניטאַרער געז. „מאָנטעפיאָרע בני ברית אין לאָדזש".

## ברודא מרדכי זאב.



געבוירען דעם 14 דעצעמבער 1869 אין בריסט ליטעווסק, באַ זייער אַ יחוסדיגער פאַמיליע, וואָס ציהט דעם שלשלת היוחסין פון דורות רבנים. דער פאָטער זיינער ר'

לייב בּרודאָ, איז געווען לעמבּערגער רבֿ, אַ גרויסער למדן און מחבּר פֿון עטלעכע ספֿרים.

ב. מ. האָט געלערנט בּאַ די בּעסטע מלמדים. האָט אַלס עקסטערן אַדורכגעמאַכט דעם עקזאַמען אין דער מלוכה'שער רעאַל-שול, שפּעטער בּאַקומען מאַטורע אין דער לעמבּערגער פראַנץ-יאָזעף גימנאַזיע. 1890 אַוועק נאָך בּערלין, וואו ער איז אַריינגעטרעטען אין דעם ראַבּינער-סעמינאַר פֿון ד״ר עזריאל הילדעסהיימער; אין דער אייגענער צייט פֿאַרשריבּען זיך אויפ׳ן בּערלינער אוניווערזיטעט (פֿילאָזאָפֿיע) וואו ער האָט געהערט מיט גרויס התמדה די לעקציעס, אָבּער דער ראַבּינער-סעמינאַר האָט אים נישט צופֿרידנגעשטעלט. נאָך 3 יאָר געמוזט צוליבּ אַ קרענק איבּעררייסען דאָס שטודירען אין בּערלין; שפּעטער אַריינגעטרעטען אויפ׳ן פֿרייבּורגער אוניווערזיטעט (פֿילאָזאָפֿיע און סאָציאָלאָגיע) וואו ער האָט ווייטער שטודירט און בּאַקומען דעם טיטעל ד״ר פֿילאָזאָפֿיע.

זיין געזעלשאַפֿטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבּען אין דעם ערשטען לעמבּערגער ציוניסטישען פֿאַראיין „ציון“, דערנאָך געגרינדעט בּאַ׳ם בּערלינער ראַבּינער - סעמינאַר די געז. „שפה ברורה“, ווי אויך די ציוניסטישע געז. „יונג-יזראעל“ (צוזאַמען מיט היינריך לעווי, מ. ערענפּרייז, יהושע טאָן און דוד ניימאַרק.) פֿלעגט אָפֿט אַרויספֿאָרען פֿון פֿרייבּורג אין די אַרומיגע שטעט און שטעטלעך מיט רעפֿעראַטען און אַגיטאַציע-רעדעס. האָט אין פֿרייבּורג געגרינדעט אַ ציוניסטישען פֿאַראיין, פֿון וואַנען ר׳איז אין 1897 געשיקט געוואָרען אַלס דעלעגאַט אויפ׳ן ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין בּאַזעל. אין די ווייטעריגע יאָרען איז ער שוין געווען פֿאַרטרעטען כּמעט אויף אַלע קאָנגרעסען, און אָפֿט מיטגעאַרבּעט אין פֿאַרשידענע קאָמיסיעס. אַ סך מאָל אין משך פֿון דער צייט אויסגעקליבּען געוואָרען אַלס מיטגליד פֿון גרויסען אַקציאָנקאָמיטעט. אין 1900 יאָר גערופֿען געוואָרען אויפ׳ן אַמט אַלס ראַבּינער פֿון סטאַניסלאַוואָ, אין וועלכער קהלה ר׳האָט אָנגעפֿירט אַ בּרייטער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע-אַרבּעט און געמוזט צולעצט פֿאַרלאָזען דעם אַמט אין 1907 יאָר. אין 1905-6 אויפֿן קראָקעווער לאַנד-צוזאַמענפֿאָר פֿון די קליינפּוילישע ציוניסטען איז אָנגענומען געוואָרען זיין אויסגעאַרבּעטער פּראָגראַם פֿאַר „לאַנד אַרבּעט“. געווען איינער פֿון די הויפּט-אָנפֿירער פֿון דער וואַל-קאָמפּאַניע צו די וואַלען פֿון עסטרייכישען פֿאַרלאַמענט, בּעת וועלכער די דאָרטיגע ציוניסטען האָבּען אָפּגעהאַלטען אַ גרויסען נצחון, און ער אַליין איז אויך דעמאָלט אויסגעוויילט געוואָרען אַלס דעפּוטאַט, אָבּער זיין קאַנדידאַטור איז געפּסלט געוואָרען. נאָכדעם אויסגעוויילט געוואָרען אַלס פּרעזעס פֿון צענטראַל קאָמיטעט פֿון דער קליינפּוילישער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און דורך דעם צ. ק. דעלעגירט געוואָרען אין „יודישען קלוב“ בּאַ׳ם עסטרייכישען פֿאַרלאַמענט. האָט בּשעתו אָרגאַניזירט די „קרעדיט אוניע“ אין קליין-פּוילען, דורך וועלכער ס׳איז געשאַפֿען געוואָרען אַ פֿאָלק-בּאַנק. 1909 חתונה געהאַט מיט נאַטאַליע בּובּער, די שוועסטער פֿון בּאַקאַנטען יודיש-דייטשען שרייבּער מאַרטין בּובּער, און אייניקעל פֿון פֿאַרדינסטפֿולען פֿאָרשער פֿון דער מדרש - ליטעראַטור שלמה בּובּער (1827–1906).

1909 יאָר גערופֿען געוואָרען נאָך לאָדזש דורך דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דעם סינאַגאָגען-קאָמיטעט אויפ׳ן אַמט אַלס פּרעדיגער, וועלכע מיסיע ער דערפֿילט זייט דעמאָלט אין דער היגער סינאַגאָגע. דורך זיין איניציאַטיווע איז אַנטשטאַנען די „געז. יוד. מיטעלשולען אין לאָדזש“, וועלכע האָט דערעפֿענט די ערשטע היגע מענער-גימנאַזיע, (1912) און דער צווייטע מענער-גימנאַזיע (1916) ווי אויך די פֿרויען-גימנאַזיע (1921) און לעצטענס אַ פֿרעבּעל-שול. אין דער „געז. יודישע מיטעלשולען אין לאָדזש“ פֿאַרנעמט ער די גאַנצע צייט פֿון איר עקזיסטענץ דעם אַמט פֿון פֿאָרזיצער פֿון דער געזעלשאַפֿט. איז דער שפּעטער און פֿאָרזיצער פֿון „פֿאַרבּאַנד פֿון יודישע מיטעלשולען אין פּוילען“. אַלס מיטגליד פֿון צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער פּוילישער „תּרבות“ אָרג. האָט ער אַ סך מיטגעאַרבּעט לטובת די העבּרעאישע שולען.

ב. מ. איז געווען אין פֿאַרשידענע צייטען ראַטמאַן פֿון היגען שטאָטראַט, מיטגליד פֿון דער יודישער קהלה אין לאָדזש, און מיטגליד פֿון צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער ציוניסטישער אָרג. אין קאָנגרעס-פּוילען, ווי אויך געווען פּרעזעס פֿון היגען שטעטישען ציוניסטישען קאָמיטעט. האָט גענומען אַ שטאַרקען אָנטייל אין אַלע ציוניסטישע צוזאַמענפֿאָרען.

געווען איינער פֿון דער יודישער דעלעגאַציע אויף דער פֿרידען-קאָנפֿערענץ אין פּאַריז, (צוזאַמען מיט ל. לעוויטע) אַלס פֿאָרשטייער פֿון קאָנגרעס-פּוילען.

1922 י. אויסגעוויילט געוואָרען אַלס סענאַטאָר צום פּוילישען סענאַט, וועלכער מאַנדאַט איז אים געווען אָנפֿאַרטרויט בּיז 1927 יאָר.

איניציאַטאָר פֿון דער „הומאַניטאַרער געז. מאָנטעפֿיאָרע בּני בּרית אין לאָדזש“, וואו ער איז צוערשט געווען מענטאָר און איצט פּרעזעס פֿון דער געזעלשאַפֿט.

מיטגרינדער פֿון „יודאַאיסטישען אינסטיטוט“ אין וואַרשע און געווען פֿאָרזיצער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג און איז איצט פּרעזעס פֿון קוראַטאָריום.

## ג

# גאָלדשטיין פֿעליקס.



געבּוירען דעם 17 יאַנואַר 1879 אין פּלאָצק. בּאַ אַריסטאָקראַטישער פֿאַמיליע. (דער פֿאָטער זיינער סאַמועל איז געווען אַ געטריידע-סוחר) געענדיגט די פּלאָצקער רעאַל - גימנאַזיע. דערנאָך אַוועק נאָך אַנטווערפּען, ליווערפּאָל, בּערלין און בּרעמען און אין די שטעט האָט ער פֿאַרבּראַכט א ריי יאָרען און געאַרבּעט אין פֿאַרשידענע פֿירמעס. 1907 אָנגעקומען אין לאָדזש אויף אַ פּאָסטען אין דעם אַמאָליגען היגען גאַרן-אַגענטור-געשעפֿט, א. פּ. שטיינשניידער און אימיש, וואו נאָך אַ צייט לאַנגער פֿלייסיגער אַרבּעט, בּעת די בּעלי הבּתּים האָבּען פֿאַרלאָזט פּוילען, האָט ער אַליין איבּערגענומען די פֿאַרטרעטונגען און געפֿירט דאָס געשעפֿט ווייטער בּיז׳ן אויסבּרוך פֿון דער וועלט-מלחמה. 1914–18 געווען אין דער שווייץ. אין 1918 יאָר צוריקקומענדיג דאָ אַהער רעאָרגאַניזירט זיין פֿריערדיג גאַרן-אַגענטור-געשעפֿט, וואָס זייט דעמאָלט עקזיסטירט עס אונטער זיין אייגענער פֿירמע, און געהער צו די סאָלידע פֿירמען אין אונזער שטאָט.

ג. פּ. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן

געזעלשאַפטלעכן לעבען. האָט אַמאָל מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון היגען פאָזנאַנסקי׳ס שפּיטאָל. 1922 געוויילט געוואָרען פון היגען שטאָטראַט אַלס האַנדעל־ריכטער פון קרייזגעריכט, וועלכער אַמט איז אים געווען אָנפאַרטרויט אין משך פון 5 קאַדענצען. געווען אַ צייט קאַסירער פון דער „הומאַניטאַרער געז. מאָנטעפיאָרע בני ברית אין לאָדזש״. זייט אַ ריי יאָרען אַרבעט ער מיט אין די פאַרוואלטונגען פון דער „געווערב־שול״ (פּאָמאָרסקע 46-48) און אין אויפזיכט־ראַט פון דער „דיסקאָנטען באַנק״, (פּיעטר. 43) פאַר וועלכע ער טראָגט בא זיין נוצלעכער אַרבעט.

## גוטענטאַג סטאַניסלאַוו



געבוירען דעם 4 פעברואַר 1866 אין וואַרשע, באַ אַנ׳אינטעליגענטער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער יצחק איז געווען אַ באַאַמטער און אַ סך אָבגעגעבען זיך מיט כּלל־זאַכען). געענדיגט די אָרטיגע רוסישע גימנאַזיע. שפּעטער שטודירט אויפ׳ן וואַרשעווער אוניווערזיטעט און באַקומען דעם טיטעל ד״ר. האָט פּראַקטיצירט עטלעכע יאָר אין דאָרטיגען קינדער־שפּיטאָל פון „בוימאַן און בערסאָן״. 1894 געקומען נאָך לאָדזש און אָנגעקומען אַלס דאָקטאָר אין היגען פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל, וואו ער איז געווען טעטיג ביז דעם מלחמה־אויסברוך. זייט דעמאָלט פּראַקטיצירט ער אין אונזער שטאָט ביז היינט, און איז באַקאַנט אַלס איינער פון די גוטע קינדער־דאָקטוירים. איז שעף־דאָקטאָר (היגיעניסט) פון די היגע פאָלק־שולען.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין די נייינציגער יאָרען, האָט מיטגעאַרבעט אין דער אַמאָליגער היגער „תלמוד תורה״, (זאַכאָדניע 20) און אין יאַראָטשינסקיס האַנטווערקשול אויף פּאָמאָרסקע 48-46. האָט יאָרענלאַנג אָנגעפירט אַ טעטיגקייט אין דער געז. „קאָלאָניעס פאַר יודישע קינדער״. (קושיזשוווקע) 1908 מיטגריינדער פון דער „לאָדזשער יודישער געזעלשאַפט שוץ איבער יתומים״, וועלכע האָט איצט אין איר רשות דאָס „יתומים־הויז״, (פאָלנאָצנע 38) און דאָס קינדער־סאַנאַטאָריום „ראָזאַלינאַ״ (אין קאַלי). ג. ס. איז פון דער ערשטער מינוט אָן געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער גאַנצער אַרבעט, שוין 25 יאָר ווי ער איז דער פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט און מיט דער גרעסטער איבערגעבענקייט און טרייקייט תמיד געדינט און אַ סך מיטגעהאָלפען אין איר אַנטוויקלונג, געהער צום אַלטען טיפּ ערלעכע כּלל־טוער, וועלכע דינען דעם כּלל שטענדיג מיט אויפריכטיגקייט און ליבע.

ג. ס. האָט פאַרעפענטלעכט אַ גאַנצע ריי מעדיצינישע אַרבעטען אין דער פּוילישער שפּראַך, פון וועלכע אַ סך האָבען געמאַכט גרויס אויפזעהען אין די קרייזען.

## גראַף דוד.



געבוירען דעם 15 סעפּטעמבער 1869 אין וואַרשע, בא אַנ׳אינטעליגענטער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער אַברהם איז געווען פאַרטרעטער פון דער מאָסקווער אַקציענגעזעלשאַפט דעמידאָוו.

ג. ד. האָט געענדיגט די וואַרשעווער רוסישער גימנאַזיע. דערנאָך געאַרבעט אין דער דאָרטיגער געז. „נאַדיעזשדאַ״. 1905 געוואָרען דירעקטאָר פון דער היגער אָבט. פון דער געז. „נאַדיעזשדאַ״, אויף וועלכען אַמט ר׳איז פאַרבליבען ביז 1910 יאָר. אין יענער צייט אַריין אַלס פּראָקורענט אין דער היגער אַקציענגעזעלשאַפט „וואַראַנט״, וואו ר׳האָט נאָכדעם אַרויסגעוויזען גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעהיגקייטען און שטאַרקער ענערגי׳ און איבערגענומען די לייטונג פון דער געז. זייט 1918 גענעראַל־דירעקטאָר פון „וואַראַנט״, וועלכער הויכער אַמט איז אים מצד דער געז. אָנפאַרטרויט ביז׳ן היינטיגען טאָג.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אַלס מיטגליד פון דער וואַרשעווער יודישער קהלה, וואו ער האָט אין די יאָ־ען 1900-5 אָנגעפירט אַ פּאָזיטיווער אַרבעט. אָנקומענדיג נאָך לאָדזש אַריינגעטרעטען אין אַ ריי היגע אינסטיטוציעס, וואו ער אַנטוויקעלט זייט דעמאָלט אַ שטאַרקע טעטיגקייט. איז איינער פון די אַקטיווע טוער אין „דאָבראָטשינאָשט״, „אָכראָנקע״ (סמוגאָווע 4) „יתומים הויז״, (פּאָלנאָצנע 38) און „סינאַגאָגע - קאָמיטעט״. איז פאָרזיצער פון אַקאַדעמיקאַ יודאַיקום, פּרעזידיום־מיטגליד פון דער אָרטיגער אָבט. פון דער געז. „פריינט פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים״ און מאַרשאַלעק פון דער „הומאַניטאַרער געז. בני ברית אין לאָדזש״.

ד

## דאַם יוליוש



געבוירען דעם 2 דעצעמבער 1892 אין לעמבערג, באַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער יעקב בער איז געווען אַ סוחר) געענדיגט די אָרטיגע עסטרייכישע גימנאַזיע, פון דאָרט אַריבער אין דער ווינער עקספּאָרט־האַנדעל־אַקאַדעמיע, וועלכע ר׳האָט געענדיגט. שפּעטער שטודירט אויפ׳ן לעמבערגער אוניווערזיטעט און צולעצט באַקומען דעם טיטעל דאָקטאָר יורי. נאָך דער חתונה געפירט דאָרט אַנ׳אייגען מאַנופאַקטורגעשעפט. 1924 גערופען געוואָרען נאָך לאָדזש אַלס דירעקטאָר פון דער היגער אַקציענגעזעלשאַפט ישעי׳ ראָזענבלאַט, אויף וועלכען אמט ר׳איז פאַרבליבען ביז׳ן 1927. אין דעם יאָר פאַרלייגט דאָ אַ שטרימף־פאַבריק, א. פ. „פאַרינעט״, לכתחלה אין אַ קליינעם מאָסשטאַב, אָבער דערנאָך זי אַלץ כּסדר פאַרגרעסערט. די פאַבריק האָט געהאַט 40 רונד־מאַשינען, 1 - זאַץ קאָטאָן־מאַשינען, באַשעפטיגט ביז 80 אַרבעטער, דערונטער פון 15 ביז 20 פּראָצענט יודישע אַרבעטער. די פאַבריק האָט אויסגעאַרבעט דאַמען - זיידענשטרימף, פלאָר און מענער־שטרימף.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען נאָך אַלס סטודענט, אין יוריסטען־קרייז, אין וועלכען ער האָט דעמאָלט אַקטיוו מיטגעאַרבעט. גלייכצייטיג געהערט צו דער פאַרוואַלטונג

פון דער „מענזאַ אַקאדעמיקאַ יודאַיקאַ". האָט א ריי יאָרען אָנגעפירט א שטאַרקע טעטיגקייט אין היגען „שטרימף פאַבריקאנטען פאַראיין", וואו ער איז צוערשט געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד, דערנאָך אַוואַנסירט און געוואָרען פאָרזיצער פון דעם פאַראיין — און בשעתו האָט ער מיטגעהאָלפען אויסצובעסערען די עקאָנאָמישע לאַגע פון פאַך און צו דער אַנטוויקלונג פון „שטרימף פאַבריקאַנטען-פאַראיין".

ה

## האָלענדערסקי לייב



געבוירען דעם 18 יוני 1881 אין סובאַלק, באַ אַן אָנגעזעהענער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער יעקב איז געווען א פאבריקאנט און אַ יוד אַ משכיל).

ה. ל. האָט געענדיגט די היגע אלעקסאנדער-שול, דערנאָך אָנגעקומען אויף א פאָסטען. האָט באזוכט די קעניגסבערגער האנדעל - אקאדעמיע. צוריקקומענדיג ווייטער דאָ געארבעט אלס אָנגעשטעלטער ביז'ן אויסברוך פון דער וועלט - מלחמה. בעת די מלחמה-יאָרען געווען סעקרעטאר פון דעם האנדעל - אָנגעשטעלטען פאראיין, לייטער און אָנגעשטעלטער פון א ריי ארבעטער-קאָאָפעראטיוועז.

זיין געזעלשאפטלעכע פאָליטישע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין סוף פון די ניינציגער יאָרען, אין דער אמאָליגער היגער ראדיקאלער ציוניסטישער גרופירונג „קדימה", שפעטער אקטיוו מיטגעארבעט אין דער „דעמאָקראטישער פראקציע".

1904 אריינגעטרעטען אין דער פועלי ציון באוועגונג, אין וועלכער ער נעמט אנ'אקטיווען אָנטייל זייט דעמאָלט און איז געוואָרען איינער פון די פירער פון די לינקע פ. צ. אין לאָדזש.

1917 אויסגעוויילט געוואָרען מצד די לינקע פ. צ. אלס ראטמאן פון ערשטען היגען שטאָט-ראט, און דער מאנדאט איז אים געווען אָנפארטרויט אין אלע קאדענצן; אין די שטאָט-ראטען איז ער געווען פון די ערשטע, וועלכער האָט אָנגעפירט א קאמף פאר די רעכט פון דער יודישער שפראך, מיטגעהאָלפען אויסקעמפען סובסידיעס פאר'ן וועלטלעכען יודישען שול-וועזען, פארטיידיגט די אינטערעסען פון ארבעטער-קלאס בכלל און די נאציאָנאלע רעכט פון דעם יודישען ארבעטער, ווי אויך פון די האָרעפאשנע פאָלק-מאסען.

מיטגרינדער פון יודישען שול און פאָלק-בילדונג פאראיין און פון דער ערשטער היגער יודישער פאָלק - שול מיט יודיש אלס למוד-שפראך; מ ס-בויער פון די וועלטלעכע יודישע פאָלק-שולען און קינדערהיים מיט יודיש אלס למוד-שפראך, בא'ם „באָראָכאָוו-קוראטאָר-יום" אין לאָדזש.

געווען ראַט - מיטגליד פון דער קראנקען-קאסע אין לאָדזש זייט דער גרינדונג ביז צום פונאנדערלאָזען פון ראַט.

געווען 31—1924, אלס לינקער פ. צ. פאָרשטייער, ראַט-מיטגליד פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש, וואו ער האָט אָנגעפירט אַ העפטיגען קאמף קעגען דער יודישער רעאקציע און קלערי-קאליזם.

איז ראטמאן פון היגען שטאָט-ראט.

## האָפמאַן ראובן



געבוירען אַפריל 1883 אין וולאָצ-טשעווע, באַ אַ חסידישער פאַמיליע(דער פאָטער זיינער משה לייב איז געווען אַ סוחר פון רוויכוואַרג) געלערענט אין חדרים. אלס 15-יאָריגער יונגעל אָנגעקומען אין דער לער צו אַ היגען טאַמבורירער. שפעטער האָט ער אָלס אָנגעשטעלטער יאָרענלאנג געאַרבעט אין דער בראַנזשע. נאָך דער חתונה פאַבריצירט פאָרטיערען און דעקען, אויף אייגענע האנט-מאַשינען. 1916 אָנגעהויבען צו פאַבריצירען שטרימף, אַרויסגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען. נאָך אַ צייט האָט ער איינגעקויפט אייגענע אַמעריקאַנער מאַשינען און פאַרגרעסערט די פאַבריקאַציע. די פירמע „ר. האָפמאַן" עקזיסטירט זייט דעמאָלט ביז'ן היינ-טיגען טאָג.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין דעם אמאָליגען ציוניסטישען פאראיין „עטרת ציון". שפעטער מיטגעארבעט אקטיוו אין „אגודת ציון", וואו ער איז געווען פרעזעס. בעת די מלחמה-יאָרען געווען טעטיג אין „לינת אורחים". 1920 אריינגעטרעטען אין דעם היגען צענט-ראַלען האַנטווערקער-קלוב (פאָלוד-ניאָווע 4), וואו ער פירט זייט דעמאָלט אָן אַלס פאַרוואַלטונג - מיטגליד אַ ממשות'דיגע אַרבעט. 1924 געוויילט געוואָרען מצד די האַנטווערקער אַלס מיטגליד פון דער יודישער קהלה, האָט בשעתו אָנגעהערט צו דער „סאָצ-יאַלער הילף-קאָמיסיע", „עטאַט-קאָ-מיסיע" און געווען פאָרזיצער פון דער „אַפעלאַציע-קאָמיסיע" באַ דער י. ק. געווען יאָרענלאַנג פאָרזיצער פון דער „האַנטווערקער-באַנק" און געהער איצט צו דער פאַרוואַלטונג פון דער באַנק. איז יאָרענלאַנג פאַר-וואַלטונג-מיטגליד פון היגען „רעטונג-קאָמיטעט", און פאָרזיצער פון „צוויי-טען יודישען שטרימף-פאַבריקאַנטען-פאַראיין".

## היימאַן מאַקס

געבוירען דעם 25 אַפריל 1899 אין אַ היגער בעל הבתיש-ער פאַמיליע. געלערענט אין דער פאַביאַניצער האַנדעל-שול ביז צו דער 7 קלאַס, נאָר צוליב א שטרייק געמוזט אַרויסטרעטען. פון דאָרט אַריבער אין פעטערבורגער גימנאַזיום און געקריגען מאַטורע. שפעטער שטודירט אין קיעווער יורידיש-עקאָנאָמישען אינסטיטוט און געענדיגט אלס קאַנדידאַט פון עקאָנאָ-מישער וויסענשאַפט.

1923-2 געווען דירעקטאָר פון דעם היגען „צענטראַלען סוחרים-פאַראיין", (פיעטריקאָווער 10). זייט 1926 י. דירעקטאָר פון „סוחרים-פאַראיין", (פיעט-ריקאָווער 73) וועלכען אמט ער פאַר-נעמט ביז דער לעצטער צייט.

 

## הע־שפינקעל יחיאל



געבוירען דעם 31 יאַנואַר 1896 אין אַזאָרקאָוו, באַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. דער פאָטער זיינער וואָלף איז אַנ'אַמאָליגער סוחר.

ה. י. האָט געענדיגט דאָס וואַרשעווער גימנאַזיום מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. דערנאָך שטודירט אין וואַרשעווער און ווינער אוניווערזיטעט און באַקומען דעם טיטעל דאָקטאָר. האָט ספּעציאַליזירט זיך אין די אוניווערזיטעט־קליניקען פון ווין און בערלין. 1922 אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש, וואו ער פראַקטיצירט זייט דעמאָלט אין אונזער שטאָט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען נאָך אין די סטודענטישע קרייזען, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין די אַקאַדעמישע אָרגאַניזאַציעס. בעת דער גרינדונג פון דער וואַרשעווער פאָלקיסטישער אָרג. גענומען אַנ'אַקטיווען אַנטייל. געווען דעלעגאַט אויף דער ערשטער יודישיסטישער קולטור־קאָנפערענץ אין וואַרשע. האָט אַנגעפירט אַ שטאַרקע טעטיגקייט א׳, די אַמאָליגע וואַרשעווער דינעגזאַנס ״ינדערהיימען מיט יודיש אַלס למוד־שפראַך, און אויך געווען דאָרט אַליין אַ לערער. אַריבערקומענדיג נאָך לאָדזש, אַריינגעטרעטען אין די פאָלקיסטישע רייען, וואו ר'האָט יאָרענלאַנג געהערט צום אָרטיגען פאַרטיי־ראַט, און מיטגעהאָלפען דעמאָלט אָרגאַניזירען אַ ריי ווירטשאַפטלעכע פאַראיינען. געווען פאָרזיצער פון לאָדזשער פ. פאַרטיי־עקזעקוטיוו. געווען וויצע־פאָרזיצער פון דער בודזשעט־קאָמיסיע באַ דער יודישער קהלה אין לאָדזש. 1922-3 געווען פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון דעם היגען „צענטראַלען קאָמיטעט פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג. 1922-9 געווען לייטער פון דער צווייטער סטאַציע פון דער געז. „אַ טראָפּען מילך״. געהער צום עקזעקוטיוו פון דאָקטוירים - פאַרבאַנד אויף לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט. איז סעקרעטאַר פון אַנטי־היטלעריסטישען קאָמיטעט פון יודישע דאָקטוירים אין לאָדזש.

ה. י. האָט פאַרעפענטלעכט אַ ריי אַרטיקלען וועגען היגיענע.

## וואַרשאַווסקי איזידאָר



געבוירען דעם 16 יאַנואַר 1880 אין אַ היגער פרומער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער מרדכי איז געווען אַנ'אָנגעזעהענער סוחר) געלערענט אין חדרים ווי אויך באַ פריוואַט־לערער. 1887 אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען באַ דער אַקציענגעזעלשאַפט ישעי' ראָזענבלאַט, וואו ר'האָט צוערשט געאַרבעט אלס פראַקטיקאַנט, ביסלעכווייז געשטיגען און געוואָרען לייטער פון גאַרן־פאַרקויף. אין דער צייט אויך געווען דירעקטאָר פון דער וויגאָניע־שפינערייי פון מאַקס ראָזענבלאַט. בעת די מלחמה־יאָרען איז ער געווען דער באַפולמעכטיגטער לייטער פון ישעי' ראָזענבלאַט'ס פאַבריק. 1916 צוגעטרעטען אַלס מיטשותף צו דער מאַנופאַקטור־פירמע פון „מ. און א. וואַרשאַווסקי״. 1917 געקויפט אַנ'אייגענע שפינערייי. 1919 געגרינדעט די פאַבריקאַציע „וואַרשאַווסקי, מענדעלסאָן און קאָן״, (אייגענע שפינערייי און וועבערייי), וועלכע האָט נאָך דער מלחמה גענומען אויסאַרבעטען מיליטער־טוך און אויך געקריגען פון די מלוכה־קרייזען גרויסע באַשטעלונגען. שפעטער האָט די פירמע אָבגעקויפט די שטרימף־פאַבריק פון אַלבאַן אָריך און גענומען אויף אייגענע רונד־מאַשינען און קעטענשטולען אויסאַרבעטען שטרימף און הענטשקעס. 1924 צוליב'ן שווערען קריזיס איז די פירמע ליקווידירט געוואָרען. 1926 געגרינדעט דאָס גאַרן־געשעפט „קוטנער און וואַרשאַווסקי״, וואָס איז געפירט געוואָרען אין אַ גרויסען מאַסשטאַב, אָבער צוליב'ן וועלט־קריזיס איז'ס אין 1930 ליקווידירט געוואָרען. 1931 אַריינגעטרעטען אַלס לייטער פון דער גאַרן פאַרקויף־שטעל באַ דער צענטראַלע פון דער „ווידזעווער מאַנופאַקטור״, וועלכען אַמט ער פלעגט ביז'ן היינטיגען טאָג.

וו. א. האָט מיט יאָרען צוריק מיטגעאַרבעט אין „מושב זקנים״, „לינת הצדק״, „עזרת אלמים״ און אין דעם „קינדערהיים״ (סמוגאָווע 4).

## טאַרטאַקאָווער אריה



געבוירען דעם 24 סעפטעמבער 1897 אין בראָד (גאַליציע). (דער פאָטער זיינער נתן איז געווען אַ סוחר). געלערענט אין די גימנאַזיעס פון בראָד און לעמבערג. האָט אַבסאָלווירט אויפ'ן ווינער אוניווערזיטעט דעם יורידישען פאַקולטעט און דעם פאַקולטעט פאַר עקאָנאָמישע און פאָליטישע וויסענשאַפטען. אינצווישען געלעבט אין ארץ־ישראל אַלס אַרבעטער א״ן פארטיי־טוער פון „הפועל הצעיר״. ז״ט 1922 טעטיג אין לאָדזש אלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון „פאַרבאַנד פון יודישע מיטעלשולען אין פוילען״. 1928 גערופען געוואָרען אַלס דאָצענט פאַר סאָציאַלער אַרבעט אין „יודאַאיסטישען אינסטיטוט״ אין וואַרשע. זייט 1925 מיטגליד פון ציוניסטישען אקציאָן־קאָמיטעט. זייט 1926 גענעראַל־סעקרעטאר פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער ארבעט־פארטיי „התאחדות״. זייט 1932 גענ. סעקרעטאר פון דער וועלט־פאַראייניגונג „פועלי־ציון־התאחדות״.

ט. א. האָט פארעפענטלעכט א ריי ארבעטען אויפ'ן געביט פון עקאָנאָמיק און סאָציאָלאָגיע אין פארשידענע צייטשריפטען, אין דער העבּרעאישער, יודישער, פוילישער און דייטשער שפראַך. הוצדעם א 3 בענדיג ווערק „די געשיכטע פון דער יודישער אַרבעטער־באוועגונג״ — העברעאיש — (וואַרשע, 1928-30). איז איינער פון די רעדאַקטאָרען פון דעם זאמעלווערק: „יודען אין באפרייטען פוילען״ (פויליש).

## טענענבלום יחיאל.



געבוירען דעם 25 אָקטאָבער 1891 אין סאַנדאָמיערז, באַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער משה איז אַ סוחר, כלל־

טוער און אַן׳אָנגעזעהענער מענטש אין דעם שטעטעל) ט. י. האָט געלערענט צוערשט אין חדר, דערנאָך אין בית-המדרש, ווי אויך באַקומען אונטעררינכט בא פריוואַט - לערער. 1909 געקומען נאָך לאָדזש און גענומען דאָ האַנדלען. שפעטער באַקומען די פאַרטרעטונג פון די ווינער „פאַראייניגטע גומי-פאַבריקען, בערסאָן, סעמפעריט, און אנד.״ אַלס פאַרטרעטער אויף רוסלאַנד און פוילען איז אים געלונגען, צו שאַפען ביי־ע אָבזאַץ-מערק פאַר די אַרטיקלען. בעת׳ן קריג-אויסברוך אַוועק אין זיין היימשטאָט. 1919 צוריקגעקומען אהער און דער-עפענט אַ געשעפט, א. פ.: ראָזענטאַל און טענענבלום, אַנ׳אויסשליסלעכע פאַרטרעטונג פון בערסאָן און סעמפע-ריט, וואָס זייט דעמאָלט עקזיסטירט עס באַ אונז אין שטאָט און ווערט פאַררעכענט צו די גרויסע לאַגערען פון דער גומי - בראַנזשע. זייט 1932 פירט ער דאָס געשעפט אונטער זיין פירמע.

ט. י. האָט זייענדיג אין סאַנדאָ-מיערזש, (1915) געגרינדעט דאָרט אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און געווען אין משך פון אַ פאָר יאָר איר פרעזעס, וואו ער האָט דעמאָלט גענומען א שטאַרקען אַקטיווען אָנטייל אין פּאָליטיש-געזעלשאפטלעכען לעבען. גע-ווען ראַטמאַן פון דאָרטיגען שטאָט-ראַט, און אויסגעווילט געוואָרען דורך דער ציוניסטישער פראַקציע אַלס לאַווניק, וועלכען אַמט ער האָט יאָרענ-לאַנג געפלעגט, ווי אויך מיטגע-אַרבעט אין פאַרשידענע קאָמיסיעס. האָט בשעתו אויסגעפועלט אַז דורכ׳ן דאָרטיגען מאַגיסטראַט איז אויסגע-האַלטען געוואָרען אַ יודישע קוך, פון וועלכער עס האָבען געגעסען טעגלעך עטלעכע הונדערט יודישע קינדער פון דעם שטעטעל.

## טרוימאַן מאָריץ



געבוירען דעם 3 יוני 1885 אין קאָנין בא אַ יחוסדי-גער פאַמיליע. (דער זיידע זיינער פון דער מוטערס צד, אברהם באָק, איז געווען איינער פון די אַמאָליגע דאָזאָרעס פון דעם שטעטעל. דער פאָטער זיינער סאַמואל איז געווען אַ קאָמיסיאָנער און האָט אַסך אָבגעגעבען זיך מיט כלל-זאַכען).

ט. האָט געלערענט אין דער היגער האַנדעל-שול און אַדורכגעמאַכט עטלעכע קלאַסען. נאָך די עלטערענס טויט, בלייבענדיג אַ יתום, איז ער גענויט איבערצו-רייסען דאָס לערענען און פאַרדינען אויף חיונה. אַלס דרייצען יאָריג יונגעל אָנגעקומען אין דער אמאָליגער היגער וואָל-אַגענטור פון דזשעמס לאַנדוי, וואו ער האָט דערנאָך אַ סך יאָרען געאַר-בעט. בעת די פירמע איז ליקווידירט געוואָרען אַריין אַלס אָנגעשטעלטער אין דער היגער אָבטיילונג פון דער פראַנצויזישער פירמע „פעלצער און זיהן״, וואו ר׳איז שפעטער דורך טיכטי-גער ארבעט געשטיגען און געוואָרען דער פראָקורענט פון דער פירמע; צו-לעצט איבערגענומען די פאַרטרעטונג פון דער אַקציענגעזעלשאַפט.

זייט 1918 יאָר איז ער דער אָרטיגער פאַרטרעטער פון דער טשענסטאָכאווער אקציענגעזעלשאַפט פון דער טעקסטיל-אינדוסטרי, פריער „פעלצער און זיהן״ און דורך זיין איניציאַטיוו און ענערגיע האָט ער אַ סך מיטגעהאָלפען אין משך פון דער צייט צו דער אַנטוויקלונג פון דעם היגען האַנדעל-הויז.

ט. מ. האָט אין 1932 מנדב גע-ווען אַ שטוב פאַרן היגען „בית מחסה לזקנים״—אין דעם אויפגעשטעלטען ניי-עם בנין—וואו ער געהער אויך אַלס פאַרוואַלטונג-מיטגליד און אונטערשטיצט ברייטוויליג די אינסטיטוציע. העלפט אַ סך די קרובים זיינע, אפילו סתם מענ-טשען און באַמיט זיך יעדען איינציגען צו לינדערען אין דער נויט. איז מיטגליד פון דער הומ. געז. „בני ברית״, אונטערשטיצט די היגע אינסטיטוציעס.

## טשאַרנאָלעווסקי ב. גאָדל



געבוירען דעם 15 נאָוועמבער 1892 אין אַ היגער מיוחסדיגער פאַמיליע. (דער עלטער-זיידע זיינער ר׳ חיים איטשע ברעסלער איז געווען אַנ׳אָדם חשוב, אַ יוד אַ למדן, אַ חכם, און אַנ׳עסקן במצות און צדקה-זאַכען. דער זיידע זיינער — פון דער מוטערס צד — בערל גאָדל אַלטשולער איז בשעתו אויפגענומען געוואָרען אַלס היגער שוחט דורך הרה׳ג אלי׳ חיים מייזעל זצ׳ל, נאָך ער איז יונגערהייט געשטאָרבען. דער פאָטער זיינער יצחק מאיר טש. איז אַ יוד אַ בן תורה, אַ חסיד און אַנ׳אַמאָליגער סוחר).

טש. ב. ג. האָט געלערענט צוערשט אין חדר, דערנאָך אין דער גערער ישיבה, ווי אויך בא׳ם קאָנסטאַנטינער רב ר׳ יעקב אהרן לעווי. שפעטער האָט ער אָנגעהויבען צו האנדלען. נאָך דער חתונה אָנגעהויבען פאַברי-צירען באַנוועלנע סחורות, אַרויסגע-בענדיג אויף לוין צום אַרבעטען נאָך זעלעוו און בעלכאַטאָוו, ביסלעכווייז האָט ער די פאַבריקאַציע אַלץ פאַר-גרעסערט. 1925 געקויפט אייגענע מע-כאַנישע ענגלישע שטולען און געפאַכט א לאָקאַל אויף מ. א. ווינערס פאַבריק, וואו זייט דעמאָלט פירט ער די פאַבריקאַציע אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב. דאָס פאַבריקאַט-הויז ב. ג. טשאַרנאָ-לעווסקי באַזיצט איצט 70 שטולען און באשעפטיגט 50 אַרבעטער, דערונטער 15 יודישע וועבערס.

טש. ב. ג. אינטערעסירט זיך אויך מיט אָרטאָדאָקסישער געזעלשאפטלעכער אַרבעט. איז געווען קוראַטאָריום-מיטגליד פון די היגע „בית יעקב-שולען״. איז מיטגליד פון דעם אַל-פוילישען אַדמיניסטראַטיווען ראַט פון דער „ישיבת חכמי לובלין״, פאַר וועלכער ישיבה ער פירט אָן זייט דער גרינדונג א שטאַרקע טעטיגקייט און האָט א סך מיטגעהאָלפען לטובת דער גרויסער ישיבה. איז אויך מיט-גליד פון דעם היגען קאָמיטעט פון דער ישיבת חכמי לובלין. איז פרע-זידיום-מיטגליד פון דער ישיבה „מחזיקי הדת״. לעצטענס אויסגעווילט געוואָרען אַלס עקזעקוטיוו-מיטגליד פון „קרן הישוב״ און מיטגליד פון אָרטיגען קאָמיטעט פון דער „אגודת ישראל״.

## יאַראָטשינסקי סטאַניסלאַוו



געבוירען דעם 10 נאָוועמבער 1852 אין אַ היגער אָנגעזעהענער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער זיגמונט איז געווען איינער פון די פיאָנערען פון דער היגער טעקסטיל-אינדו-

סטרי און פונדאַטאָר פון דעם בנין פון דער „האַנטווערק-שול" (פאָמאָרסקע 46/48).

י. ס. האָט געענדיגט די אָסטראָוער גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט אין דער לייפּציגער האַנדעל-אַקאַדעמיע. צוריקקומענדיג אַהער א צייט געהאַט אַן אייגען באַנק-הויז. נאָך דער חתונה אַריינגעטרעטען אַלס מיטשותף צו מאַקסימיליאַן גאָלדפעדערס באַנק, וואו ר'האָט אַרויסגעוויזען זיך אַלס קענער פון באַנק-וועזען. געווען באַטייליגט אין אַ ריי היגע אונטערנעמונגען אַלס מיט-אַקציאָנער, ווי אויך געפירט אַ טעקסטיל-אונטערנעמונג אונטער זיין פירמע.

י. ס. האָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטייל אין געזעלשאַפטלעכען לעבען. געווען אין משך פון דרייסיג יאָר טעטיג אין יאַראָטשינסקים „האַנטווערק-שול", (פאָמאָרסקע 46/48) וואו ר'האָט אַ סך מיטגעהאָלפען צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע. געווען אין משך פון צוויי צענדליג יאָר טעטיג אין היגען „סינאַגאָגען-קאָמיטעט", ווי אויך איר פאָרזיצער. געווען יאָרענלאַנג וויצע-פאָרזיצער און פאָרזיצער פון „דאַבראָטשינאָשטש". געווען מיטגרינדער און פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער היגער „עלעקטרישער טראַמוויי-געזעלשאַפט". האָט בעת די מלחמה-יאָרען מיטגעאַרבעט אין היגען „בירגער-קאָמיטעט", ווי אויך געווען פאָרזיצער פון „אַמעריקאַנער קאָמיטעט" און אין זיין שליחות אַנגעפירט דעמאָלט מיט'ן שול-וועזען. געווען וויצע-פאָרזיצער פון היגען „בערזען-קאָמיטעט, עלטסטער פון דער „סוחרים-פאָרשטייערשאַפט אויף דער שטאָט לאָדזש", ווי אויך פאָרזיצער פון דער היגער „לאָאָפּ' געז.

י. ס. איז 1934 אין טיפען עלטער געשטאָרבען אין לאָדזש.

י. ס. איז געווען אַ טיפּ פון אַן ערלעכען כלל-טוער, וועלכער האָט געדינט בלב ונפש די אינטערעסען פון כלל.

ל

# ליטווין בערעל



געבוירען דעם 1 סעפּטעמבער 1874 אין בערדיטשעוו, באַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער נפתלי איז געווען אַ סוחר און אַנגעזעהענער מענטש) געענדיגט די דאָרטיגע רעאַל-גימנאַזיע. צו 17 יאָר געקומען נאָך לאָדזש און אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען אין דער פירמע „שטילערמאַן און הערמאַן", וואו ר'האָט יאָרענלאַנג געאַרבעט. 1898 איבערגענומען אַ ריי פאַרטרעטונגען פון פאַרשידענע אַקציענגעזעלשאַפטען. האָט דעמאָלט געפירט געשעפטען מיט דרום-רוסלאַנד און וואָהלין, ווי אויך געשיקט גרויסע טראַנספּאָרטען סחורות אין אַלע קאַנטען פון רוסלאַנד.

זייט 1906 פאַבריצירט קאַמגאַרן און האַלב-וואָלענע שטאָפען, אַרויסגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען נאָך זדונסקע-וואָליאַ.

מיט'ן אויסברוך פון דער מלחמה אַוועק נאָך רוסלאַנד און באַזעצט זיך אין מאָסקווע, וואו ער האָט דעמאָלט געפירט גרויסע געשעפטען און געגרינדעט אַ פאַבריקאַציע פון באַנוועל און האַלב-וואָלענע קליידער-שטאָפען, א. פ. „פּיעטראָווסקאַיאַ מאַנופאַקטוראַ" אַנ'אַקציענגעזעלשאַפט. די פאַבריק האָט באַשעפטיגט 500 אַרבעטער און געהאַט 175 שטולען. 1918 האָבען די באָלשעוויקעס קאָנפיסקירט זיין גאַנץ פאַרמעגען. שפּעטער צוריקגעקומען נאָך לאָדזש און איבערגענומען פאַרטרעטונגען פון שייבלערען, סטאָלאַראָווען, טשענסטאָכאָוויען, ווייס און פאָזנאַנסקי, א. אנד. די פירמע איז אין 1923 פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַנ'אַקציענגעזעלשאַפט און האָט אין משך פון אַ סך יאָרען געהערט צו די גרויסע האַנדעל-הייזער אין אונזער שטאָט. צוליב דעם שווערען קריזיס איז די פירמע אין אָנהייב 1933 אַרונטערגעפאַלען אונטער אַנ'אויפזיכט-מאַכט.

די פירמע האָט אויך פאַבריצירט דאַמענקליידער-שטאָפען.

זייט 1934 דערעפענט אַ קאָנסיגנאַציאָנס-לאַגער פון פאַרשידענע פירמען, א. פ.: ב. ליטווין.

ל. ב. האָט אין 1924 געשאָנקען 1 מאָרג לאַנד אין קאַלי, אויף וועלכען ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרען דאָס קינדער-סאַנאַטאָריום: „ראָזאַלינאַ", לטובת דער „לאָדזשער יוד. געז. שוץ איבער יתומים". איז יאָרענלאַנג וויצע-פאָרזיצער פון „יתומים-הויז" (פאָלנאָצנע 38) און פון סאַנאַט. „ראָזאַלינאַ", פאַר וועלכע ער פירט אָן אַנ'איבערגעגעבענע און נוצלעכע אַרבעט.

# ליכטענשטיין ישראל מרדכי



געבוירען דעם 2 דעצעמבער 1883 אין קאָוואָל, באַ אַנ'אָרעמער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער איז געווען אַ מלמד) געענדיגט אַ עלעמענטאַר-שול אין וולאָצלאַוועק, און אַריין אין דער לער צו אַ בעקער. האָט געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ בוכהאַנדלונג. אין דער פרייער צייט אַליין צוגעגרייט זיך און באַלייגט עקזאַמען. געוואָרען לערער אין אַ וואַרשעווער גמינע-שול, שפּעטער ספּעציאַליזירט זיך אין דאָרטיגען לערער-אינסטיטוט פאַר טויב-שטומע און בלינדע. געווען אַ צייט אין דער ס. ד. ק. פּ. ל., דערנאָך אַריינגעטרעטען אין „בונד", וואו ר'האָט אין די רעוואָלוציע יאָרען 1904/5 גענומען אַנ'אַקטיווען אַנטייל. 1907 אַרעסטירט געוואָרען און אָפּגעזעסען 4 חדשים אין וואַרשעווער ציטאַדעל אין מאָדלינער פעסטונג. נאָכדעם אַרויסגעשיקט מיט'ן עטאַפּ אַ געשמידטער אין קייטען נאָך אָרשע. ער אַנטלויפט פון אָרשע נאָך ווילנע. דאָ באַטייליגט ער זיך (1907) אין דער ערשטער נישט-לעגאַלער לערער-קאָנפערענץ, וועגען דער יודיש-וועלטלעכער שול, אויף וועלכער אַלע אָנטיילנעמער זענען אַרעסטירט און איינגעזעצט געוואָרען אין דער ווילנער לוקישקער טורמע. 1908 געווען לערער אין מאָהילעוו, פון דאַנען אַריבער אַלס לערער אין די וואַרשעווער גמינע-שולען און אין דער טויב-שטומע שול. 1910 געקומען נאָך לאָדזש און געוואָרען אָנפירער פון דער היגער טויב-שטומער שול באַ דער געז. „עזרת אלמים", ווי אויך לערער פון יודישער ליטעראַטור און געשיכטע אין אַ ריי היגע גימנאַזיעס. געווען דעמאָלט טעטיג אין דער נישט-לעגאַלער אַרבעט פון „בונד". 1915 אָנפירער פון דער גרויסער מאַסען-קאָמפּאַניע (30 טויזענט אונטערשריפטען) אויף דער פּעטיציע, וועגען איינפירען יודיש אַלס למוד-שפּראַך אין דער יודישער שול; געווען מיטגרינדער פון היגען „שול און פאָלק-בילדונג פאַראיין, ווי אויך איר ערשטער פאָרזיצער. איניציאַטאָר פון דער ערשטער פאָלק-שול מיט יודיש אַלס למוד-

[46]

שפראַך באַם ש. און פּ. ב. פאַראיין און פון קינדער־היים (שענקעוויטש 22). 1916 אויסגעוויילט געוואָרען אַלס ראַטמאַן פון ערשטען היגען שטאַט־ראַט, וואו זיינע עפענטלעכע אַרויסטרעטונגען האָבען אַרויסגערופען מצד די דייטשע אָקופּאַנטען אַ שאַרפע קעגנערישקייט און מ׳האָט אים געוואָלט אַרעסטירען. האָט אַרומגעוואַלגערט זיך אין וואַרשע, געפירט נישט־לעגאַלע פּאַרטיי־אַרבעט אין ראַדאָם און לובלין. האָט באַטייליגט זיך אין דער נישט־לעגאַלער לובלינער בונדישער קאָנפערענץ 1917. אַוועק נאָך קיעוו, וואו ער האָט רעדאַגירט די טעגלעכע „פאָלקצייטונג". 1918 צוריקגעקומען נאָך לאָדזש, און צוגעטרעטען גלייך צו בונדישער אַקטיווער אַרבעט. גענומען דעמאָלט אַנטייל אין היגען אַרבעטער, דעלעגאַטען־ראַט. 1919/33 געווען ראַטמאַן פון די היגע שטאַט־ראַטען. געווען פאָרזיצער פון דער בונדישער פראַקציע אין סאָציאַליסטישען שטאָט־ראַט. אין די שטאַט־ראַטען האָט ער געפירט אַ פאַרביטערטען קאַמף קעגען דער פוילישער און יודישער רעאַקציע. און פאַר די סאָציאַליסטישע אידייען, האָט מיטגעהאָלפען אויסקעמפען סובסידיעס פאַר׳ן יודיש־וועלטלעכען שול־וועזען, אָנגעפירט אַ קאַמף פאַר די רעכט אויף אַרבעט פון יודישען אַרבעטער. געווען לעקטאָר און געהאַלטען פאָרלעזונגען אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס. געווען ראַט־מיטגליד (1924) פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש. געווען מיטגליד פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון יש״אָ. 1931 באַזוכט מערב אייראָפּע אין שליחות פון ישא, וואו ער האָט אַ דורכגעפירט אַ הילפסאַקציע לטובת דעם יודיש־וועלטלעכען שול־וועזען אין פוילען. אין דעם יאָר געווען איינער פון די בונדישע דעלעגאַטען אויפ׳ן אינטערנאַציאָנאַלען ווינער סאָציאַליסטישען קאָנגרעס. 1932 באַזוכט ער אַ צווייט מאָל מערב אייראָפּע אין שליחות פון בונדישען צ. ק. און אין דעם יאָר אַוועקגעפאָרען נאָך אַמעריקע ווייטער אין שליחות פון בונדישען צ. ק. אין ניו־יאָרק קראַנק געוואָרען און אַ דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע און דעם 21 אַפּריל 1933 אויסגעהויכט זיין נשמה. דעם 14 מאַי 1933 האָט די לאָדזשער יודישע אַרבעטערשאַפט באַגלייט אין זיין אייביגער רוה איר טרייען הייסען קעמפער און פירער, וועלכער איז באַגראַבען געוואָרען אויפ׳ן היגען בית החיים.

ל. י. מ. האָט אַנטייל גענומען אין דער בונדישער פּאַרטיי־פּרעסע. געווען מיטרעדאַקטאָר פון נישט־לעגאַלען „לאָדזשער אַרבעטער", 1914/15 געווען מיטאַרבעטער פון ערשטען „לאָדזשער וועקער", און זייט (1926) יאָרעלאַנג איר פאַקטישער רעדאַקטאָר, וואו ער האָט געדרוקט זיינע פלאַמיגע אַרטיקלען אויף פאַרשידענע אָנגעווייטאָגטע פראַגען און פּראָבלעמען. געשריבען אויך אונטער די פּסעוודאָנימען: י. ל. מ. גוט־מאַן, ג, ר, אָ. א. אנד.

## ליפשיץ איזאַק



געבוירען דעם 12 אַפּריל 1879 אין וואַרשע, באַ אַ מיוחסדיגער פאַמיליע. (דער עלטער־זיידע זיינער איז געווען דער טשעכאַנאָווער רבי ר׳ אברהמ׳לע זצ״ל, דער זיידע זיינער איז געווען ר׳ וואָלף ליפשיץ דער אָזאָרקאָווער רב, דער פאָטער זיינער יוסף איז געווען אַ גלאָז־סוחר אַ יוד אַ משכיל און אַ גוטער העברעער).

די ערשטע יודישע דערציהונג האָט ער באַקומען אין זיין געבוירען־שטאָט. אַלס צען יאָריג יונגעל געקומען נאָך לאָדזש, וואו ר׳האָט דאָ געלערענט באַ פאַרשידענע פּריוואַט־לערער. שפּעטער אַריינגעטרעטען צום ברודער אין געשעפט אַריין, צו דעם היגען גרויס־אינדוסטריעלער ירחמיאל ליפשיץ, וואו ר׳האָט אַרויסגעוויזען סוחרישע פעהיגקייטען און גענומען שטייגען. ביז ר׳איז געוואָרען דער לייטער פון דער פירמע. נאָך 20 יאָר אַרבעט אין דעם האַנדעלהויז איז ער זעלבסטשטענדיג געוואָרען. 1920 אָנגעהויבען צוזאַמען מיט אַ שותף פאַבריצירען וואַטאַלין און דאַמען־שטאָפען א. פּ. „ליפשיץ און לאַנדוי", די פאַבריקאַציע איז זייער גוט אַוועק. זייט 1930 פירט ער דאָס געשעפט אונטער זיין פירמע. דאָס פאַבריקאַט־געשעפט „איזאַק ליפשיץ" פאַרנעמט אַן אָנגעזעהען אָרט אין דער בראַנזשע און געהער צו די סאָלידע פירמען פון אונזער שטאָט.

ל. א. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען פון אונזער שטאָט. האָט אַמאָל מיטגעאַרבעט אין „דאַבראַטשינאָשטש". זייט עטלעכע יאָר פירט ער אָן אַ פאָזיטיווער אַרבעט אין היגען „יתומים הויז", (פּאָלנאָצנע 38) וואו ר׳איז פּרעזידיום מיטגליד. איז מיטגליד פון דער היגער „בני ברית" לאָזשע. אונטערשטיצט ברייטווילליג די היגע אינסטיטוציעס.

## לעווינסאָן העגריק



געבוירען דעם 28 יאַנואַר 1883 אין כאַרקאָוו. (דער פאָטער זיינער דוד איז געווען אַ מוזיקער) געלערענט אין וואַרשעווער גימנאַזיום און געענדיגט דאָס סאָסנאָווצער גימנאַזיום. שטודירט אויפ׳ן דאַרמשטאַטער פּאָליטעכניקום און באַקומען דעם טיטעל אינזשיניער־אַרכיטעקט. האָט אין פראַנקפורט אַבסאָלווירט די קונסט־אַקאַדעמיע. לעבענדיג אין אויסלאַנד האָט ער אין די פאַר מלחמה־יאָרען באַקומען פאַרשידענע פּריזען, פראַנקפורט, האַמבורג, וויסבאַדען פאַר זיינע פּראָיעקטען פון טעאַטערען, שפּיטעלער, א. אנד. געביידעס. אין לאָדזש איז ער שוין לאַנג אָנערקענט פאַר זיינע מוסטער־אַרבעטען.

ל. ה. איז געווען אַמאָל דער פאָרזיצער פון היגען „ליבהאַבער פון פּלאַסטיק און מאָלער פאַראיין", וואו ר׳האָט אָנגעפירט אַ פאָזיטיווער אַרבעט לטובת דער גרופּע קינסטלער לעצטענס געווידמעט זיך דער ספּאָרט־באַוועגונג און איז טעטיג אין היגען ספּאָרט־קלוב „הכח", וואו ער איז דער וויצע־פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט.

## לעשטשינסקי יעקב



געבוירען דעם 22 נאָוועמבער 1876 אין גראַבאָווע, באַ אַ רייכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער יצחק איז געווען אַ גוטסבאַזיצער, אַ פרומער יוד, א בעל צדקה, און פאַרנומען זיך מיט כלל־זאַכען).

ל. י. האָט געלערענט אין קאָנינער גימנאַזיע ביז צום 7 קלאַס, דערנאָך געמוזט אָנהייבען פאַרדינען אויף חיונה.

אַלס 18 יאָריגער יונגערמאַן אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען אין לענטשיק, שפּעטער געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין לאָדזש און סאָסנאָוויץ, ווי אויך געווען אַ צייט רייזענדער נאָך רוסלאַנד. 1907 געוואָרען מיטאַקציאָנער און דירעקטאָר פון דער פּעטערבורגער אַקציענגעזעלשאַפט: „קערסטען“, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע טריקאָטאַזש, שפּינערײַ און שטרימף־פאַבריק און באַשעפטיגט עטלעכע טויזענט אַרבעטער. דורך זיין שטאַרקער ענערגי איז די פירמע זייער שטאַרק אויסגעוואַקסען, אָבער אין 1918 יאָר האָבען די באָלשעוויקעס די פאַבריק קאָנפיסקירט. 1919 געקומען נאָך לאָדזש און דאָ דערעפענט אַ סחורות און רויִשטאָפען־לאַגער פון דער אַקצ. „קאָרסט“ פון זגערזש. אגב איז ער געווען דעמאָלט פון די ערשטע, וועלכע האָבען איבערגעבערענגט רוישטאָפען אין אונזער שטאָט. דאָס געשעפט האָט ער געפירט אַ ריי יאָרען. זייט 1925 פאַרטרעטער פון ענגלישע און דייטשע פירמען פון שטרימף, טריקאָט און שפּינערײַמאַשינען, ווי אויך וועב־שטולען. דאָס אַגענטור־געשעפט י. לעטשטשינסקי געהער צו די גרויסע האַנדעל־הייזער אין אונזער שטאָט.

ל. י. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. אַרבעט מיט אין די פאַרוואַלטונגען פון עטלעכע היגע אינסטיטוציעס און טראָגט באַ זיין נוצלעכער אַרבעט, אין דער „האַנטווערקער־שול פאַר מיידלעך“, און אין „חסד ואמת“. איז מיטגליד פון דער „הומ. געז. בני ברית אין לאָדזש“. אונטערשטיצטברייטוויליג די היגע אינסטיטוציעס.

מ

## מאַרגוליעס ישעיה



געבוירען דעם 17 יוני 1879 אין זאַמאָשטש באַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער הירש לייב איז געווען אַ גוטבאַזיצער) געענדיגט דאָס פילאָלאָגישע גימנאַזיום אין כעלם. האָט שטודירט אויפ׳ן כאַרקאָווער אוניווערזיטעט, (מאַטעמאַטיק) און געענדיגט דאָס פּאָליטעכניקום אין דאַרמשטאַט אַלס אינזשיניער. דערנאָך פּראַקטיצירט אין פּראָג און אין לאָדזש באַ זיין ברודער דעם אינזשיניער יהושע מ. ביז׳ן אויסברוך פון דער מלחמה. 1914·19 פאַרבראַכט אין דער שווייץ. זייט 1919 טעטיג אַלס בעראַטונגאינזשיניער פון פאַרשידענע היגע פאַבריקען.

מ. י. איז שוין יאָרענלאַנג טעטיג אין דער היגער „אָרט“ געזעלשאַפט, וואו ער געהער די גאַנצע צייט צו דער פאַרוואַלטונג און פירט אָן אַ פּאָזיטיווער אַרבעט לטובת דער אינסטיטוציע. איז אין די פאַרוואַלטונגען פון „דאַבראַטשינאַסטש“, „יתומים־הויז“ (פּאָלנאָצנע 38) „האַנטווערק־שול פאַר מיידלעך“ (מעלטשאַרסקי 24) ווי אויך אין דער היגער „הומאַניטאַרער געז. מאָנטעפיאָרע בני ברית“, וואו צוערשט געווען פּראָטאָקאָלסעקרעטאַר און לעצטענס פלעגט ער דעם אמט אַלס וויצע־פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט.

## מאָרגענשטערן אברהם.



געבוירן 1884 אין אָזאָרקאָוו געלערענט אין חדר און אין בית המדרש. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען נאָך אין די יונגע יאָרען אין דער זגערזשער בילדונג־געזעלשאַפט „דעת“. אין יענער צייט געווען אַנ׳אַקטיווער מיטגליד פון דער פּאַרטיי ס. ס. (ציוניסטען סאָציאַליסטען). צוליב רדיפות מצד דער צאַרישער אָכראַנאַ געמוזט דעמאָלט פאַרלאָזען פּוילען. 1902/8 געוואוינט אין דער שווייץ, געווען אַ פרייער צוהערער פאַר ליטעראַטור אויפ׳ן ציריכער אוניווערזיטעט און געענדיגט דאָרט די וועב־שול. צוריקקומענדיג נאָך לאָדזש מיטגעאַרבעט אין דער אמאָליגער היגער „דראַמאַטישער קונסט“ וועלכע האָט אָנגעפירט דעמאָלט אַ אינטענסיווע טעטיגקייט.

1912 מיטגרינדער פון יודישען טורןפאַראיין אין לאָדזש און פון זגערזשער טורן־פאַראיין. אין 1914 געווען רעדאַקטאָר פון דער „ערשטער יודישער ספּאָרט צייטונג“ (דערשינען 2 העפטען) געווען סעקרעטאַר אויף דער ערשטער יודישער קולטור־קאָנפערענץ אין וואַרשע. 1916 מיטאיניציאַטאָר פון דעם היגען צוזאַמענפאָר פון אַלע יודישע טורןפאַראיינען אין פּוילען, כדי צו גרינדען אַ צענטראַל־פאַרבאַנד פון די יודישע טורנערשאַפט אין פּוילען.

1916 געווען פאָרזיצער פון יודישען בילדונג פאַראיין אין לאָדזש.

1917 אויסגעקליבען געוואָרען צום ערשטען מאָל 1920 צום צווייטען מאָל און אין 1926 צום דריטען מאָל אַלס ראַטמאַן פון זגערזשער שטאָט־ראַט.

געווע; פאָרזיצער פון ועד העירוני אין זגערזש.

זייט 1933 געהער ער צו דער עקזעקוטייווע פון וועלט־פאַרבאַנד „מכבי“ — לאָדזשער קרייז — און פלעגט דעם פּרעסע און פּראָפּאַגאַנדע רעפעראַט. איז וויצע־פּרעזעס פון היגען בר כוכבא און רעפערענט פאַר קולטור און פּרעסע פון דער געזעלשאַפט.

## מייזלער צבי



געבוירען א׳ תמוז 1900 אין אַ היגער בעל הבתישער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער יוסף דוד איז אַ סוחר און אַ יוד אַ יודע ספר געלערענט אין אַ היגער רוסישער גימנאַזיע, נאָר צוליב׳ן אויסברוך פון קריג אַרויסגעטרעטען, 1916 אַריינגעטרעטען אַלס פרייוויליגער אין די פּוילישע לעגיאָנען, וואו ר׳האָט אַדורכגעמאַכט די „וואָלינער־קאַמפּאַניע“, שפּעטער געדינט אין פּוילישען מיליטער און אַוואַנסירט ביז׳ן אָפיצירען ראַנג. 1924/25 געווען וויצע פאָרזיצער פון דער היגער אַבטיילונג פון שיסער פאַראיין. מיטגרינדער פון דעם לעגיאָן א. נ. „בערעק יאָסעלעוויטש“, וואו ער האָט די ערשטע יאָרען פאַרנומען דעם אמט אַלס אָרטיגער קאָמענדאַנט, און לעצטענס קרייז־קאָמענדאַנט פון לעגיאָן.

1933 באַשאָנקען געוואָרען פאַר זיינע פאַרדינסטען מיט׳ן קאַמף קרייץ.

מ. צ. האָט פאַרעפענטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין דער אָרטיגער יודישער פּרעסע, (לאָדזער טאָגעבלאַט, נייער פאָלקסבלאַט) אויף פאַרשידענע אקטועלע טעמעס.

## מינצבערג יעקב לייב



געבוירען 1884 אין ראדאָם, בא אַנ׳אָנגעזעהענער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער בנציון איז אַ סוחר) באקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציהונג. 1902 געגרינדעט אַ בענדער־פאַבריקאַציע אין לאָדזש, וועלכע עקזיסטירט זייט דעמאָלט ביז דער לעצטער צייט.

מ. י. ל. איז געוועזן מיטבויער (1915) פון דער היגער „אגודת האָרטאָדאָקסים״, ווי אויך איר לאַנגיאָריגער פאָרזיצער. זייט 1933 ערן־פאָרזיצער פון דער היגער „אגודת ישראל״. מיטגליד פון דער צ. ק. עקזעקוטיוו פון דער „אגודת ישראל״. זייט 1918 ראַטמאַן פון היגען שטאָט־ראַט און פאָרזיצער פון דער אָרטאָדאָקסישער פראַקציע אין שטאָט־ראַט. געוועזן יאָרענלאַנג פרעזידיום מיטגליד פון שטאָט־ראַט, וואו ר׳האָט גענומען אַנ׳אַקטיווען אַנטייל אין סעניאָרען־קאָנווענט, פאַרשידענע קאָמיסיעס, אויפזיכט־ראַט פון דער שטעטישער גאַזאָווניע, ק. ק. אַ. מיטגרינדער און פרעזעס פון אויפזיכט־ראַט פון דער „סוחרים־קרעדיט־באַנק״ אין לאָדזש.

איז פרעזידיום־מיטגליד פון רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד פון די יודישע סוחרישע קאָאָפּעראַטיווע בענק״ אין וואַרשע.

1922 אויסגעוויילט געוואָרען אַלס דעפּוטאַט אין פּוילישען סיים. זייט 1930 איינציגער אָרטאָדאָקסישער ב. ב. דעפּוטאַט אין סיים.

1924 אויסגעוויילט געוואָרען אַלס ראַט־מיטגליד פון דער היגער יודישער קהלה, וואו זייט 1928 איבערגענומען דעם אַמט אַלס פאָרזיצער פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש.

מ. י. ל. האָט אויך פאַרעפענטליכט אַ ריי פּובליציסטישע אַרבעטען אין אָרטאָדאָקסישען „יודישען טאָגבלאַט״, „אונזער לעבען״, „עכאָ זשידאָווסקיע״, „כראָניק פון דער יודישער קהלה״ אין לאָדזש.

נ

## ניידאַ גזשעגאָרזש



געבוירען דעם 1874 אין קרעמענטשוג, בא אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער חיים איז געוועזן אַ סוחר און אָנגעזעהענער מענטש) געענדיגט די דאָרטיגע רעאַל־שול. שפּעטער געאַרבעט אויף אַ פאָסטען אין מאָסקווע. צו 18 יאָר געקומען נאָך לאָדזש און אָנגעקומען אין דער אַמאָליגער היגער טעקסטיל פירמע „ג. ה. פּאָזנאַנסקי״, וואו ר׳האָט יאָרענלאַנג געאַרבעט געוועזן רייזענדער און פאַרקויפער אין דער „אַקציענגעזעלשאַפט גראָמאַן״, דערנאָך אַוואַנסירט אַלס דירעקטאָר פון דער אַקצ. די מלחמה־יאָרען פאַרבראַכט אין מאָסקווע, און אָנגעפירט מיט דער דאָרטיגער פיליע פון דער „אַקציענגעזעלשאַפט גראָמאַן״. בעת „שייבלער און גראָמאַן״ האָבען זיך פאַראייניגט אין איין אַקציענגעזעלשאַפט, גערופען געוואָרען אויפ׳ן אַמט אַלס דירעקטאָר, וואו ר׳האָט נישט קוקענדיג דערויף וואָס ר׳איז אַ יוד געשפּילט דורך זייער לאַנגע יאָרען אַנ׳אָנגעזעהענע ראָל און געהאַט דאָס גרויסע פאַרטרויען און די ברייטע פולמאַכטען אין דער אַקצ. אין יענער צייט אַריינגעטרעטען אַלס מיטשותף צו דער פירמע „ווייס און פּאָזנאַנסקי״ און אָנגעהערט ביז דער לעצטער צייט. 1927 מיטגרינדער און איינער פון די הויפּט־אַקציאָנערן פון דער היגער אָבטיילונג פון דער „דאַנציגער האַנדעל און אינדוסטרי־באַנק״ נאָר זייט ר׳האָט פאַרלאָזט די פירמע: „שייבלער און גראָמאַן״ (1931) געוועזן דער פּרעזעס און אָנפירער פון דער באַנק.

מיטשותף פון דער באַנק: „ניידאַ, ברידער ווינטער און ווייס״.

ג. נ. האָט אין 1924 יאָר אויפ׳ן נאָמען פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענער פרוי ראָזאַליאַ, מנדב געוועזן דאָס סאַנאַטאָריום „ראָזאַלינאַ״, אין קאָלי. דער איין שטאָקיגער בנין פון 9 שטובע; און מיט דער פולשטענדיגער איינריכטונג, האָט ער אַוועקגעשאָנקען אַלס אייגענטום פון דער „לאָדזשער יודישער געזעלשאַפט איבער יתומים״. זייט דעמאָלט אַרבעט ער מיט אין דער פאַרוואַלטונג פון סאַנאַט. „ראָזאַלינאַ״. איז יאָרענלאַנג טעטיג אין דעם היגען „יתומים־הויז״ (פּאָלנאָצנע 38) און האָט אַ סך מיטגעהאָלפען לטובת דער געזעלשאַפט. איז מיטגליד פון דער „הומאַניטאַרער געז. בני ברית אין לאָדזש״

ס

## סאָלאָוויי ישראל



געבוירען ג׳ מרחשון 1886 אין וויטעבסק בא אַ פאַרמעגלעכער פאמיליע (דער פאָטער זיינער יחיאל מיכאל פנחס איז געוועזן אַ תבואה־סוחר, געהאנדעלט מיט ליין, און געוועזן אַנ׳אָנגעזעהענער מענטש) געלערנט אין חדר, דערנאָך געוואָרען אַנ׳עקסטערן און אין דער איוואנאָוו־וואָזנעסענסקער גימנאזיע באלייגט דעם עקזאמען און געקריגען מאטורע. שפּעטער שטודירט אויפן קאַזאַנער אוניווערזיטעט, וועלכען ר׳האָט געענדיגט אַלס פאַרמאַצעווט. האָט פראַקטיצירט אין אָרשע, פּעטערבורג, באַקו און אין משך פון אַ צענדליג יאָר געהאַלטען אַנ׳אַפּטייק אין מערוו. (מיטעלאַז׳ען) 29–1917 געהאַט אַנ׳אַפּטעטשנע סקלאַד א. פּ. „סאַנכעס״ אין מאָסקווע. פון דאָרט אַנטלאָפען נאָך פּערסיען און אַדורכגעגאַנגען צופוס איראַק, סיריען און פאַלעסטינע, פון וואַנען ר׳איז דורך מאַרסייל אָנגעקומען נאָך לייפּציג און דאָרט אַריינגעטרעטען אַרבעטען אין דער פירמע: „ח. עיטינגאָן און שותפים.״ 1930 אַריבער נאָך לאָדזש, וואו ר׳איז גלייך אָנגעקומען אין דער היגער אַקציענגעזעלשאפט פון: „נ. עיטינגאָן און שותפים״ אַלס דירעקטאָר, וועלכען אַמט ער פלעגט ביז דער לעצטער צייט.

זיין געזעלשאפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין די בונדישע רייען, אין וועלכער באוועגונג ר׳האָט יאָרענלאַנג גענומען אַנ׳אַקטיווען אַנטייל. אין מיטעלאַזיען האָט ער (אין מערוו) אַנטוויקעלט אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט, געוועזן דעפּוטאַט אין דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און פאָרזיצער פון דער „טאָרגאָוואָ פּראָמישלענאָיע פּאַרטיי זייט עטלעכע יאָר פּרעזידיום־מיטגליד פון דער היגער „אָרט״ געזעלשאַפט. איז פאַרוואַלטונג־

מיטגליד פון דער פּויליש-פּאַלעסטינישער האַנדעל-קאַמער.

## סענדאָווסקי ישעי׳



געבוירען דעם 13 יולי 1890 אין אַ היגער בעל הבתי-שער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער נטע לייב איז געווען אַ פאַבריקאַנט) געענדיגט אַ היגע פּריוואַט-שול. דערנאָך געאַרבעט אויף אַ פּאָסטען. האָט געאַרבעט אין פאַרשידענע גאָלטשמידעריי-וואַרשטאַטען. כדי צו פאַרפולקומען אין פאַך אַריבער נאָך פּאַרטסהיים, וואו ער איז אַריינגעטרעטען אין דער ראַפינעריע פון איידעל-מעטאַלען און געענדיגט דעם קורס. 1917 דערעפענט אַנ׳אייגענע ראַפינעריע פון איידעל-מעטאַלען אין אונזער שטאָט, וואָס עקזיסטירט זייט דעמאָלט ביז׳ן היינטיגען טאָג,

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין היגען „יוועלירער, זייגערמאַכער און גראַווירער פאַראיין", (1923) וואו ר׳האָט דעמאָלט געהערט צו דער פאַרוואַלטונג. דערנאָך אויך געווען וויצע-פּרעזעס פון דעם פאַראיין. פון 1925 טעטיג אין היגען „צענטראַלען האַנטווערקער-קלוב", (פּאַלודניאָווע 4) צוערשט אין דער פאַרוואַלטונג און לעצטענס איז ער פּרעזידיום-מיטגליד פון דער ה. ק. דעלעגירט געוואָרען דורכ׳ן ה. קלוב אין דער פינאַנץ-בודזשעט קאָמיסיע פון דער יודישער קהלה. געווען ראַטמאַן פון דער היגער „האַנטווערקער קאַמער" געוועָן 1932/33 פאַרוואַלטונגס-מיטגליד פון דער „האַנטווערקער קאַמער". איז ערן-פּרעזעס און פאַרוו. מיטגליד פון „יוועלירער, זייגערמאַכער, גאָלטשמידער און גראַווירער-צעך". איז מיטגליד פון די קאָמיסיעס פאַר „הכנסה שטייער" און אינדוסטרי-שטייער" בא׳ם פינאַנץ-אַמט. געווען אין די יאָרען 1931-33 לאַווניק פון היגען „אַרבעטער-געריכט".

## עיטינגאָן באָריס



געבוירען דעם 24 נאָוועמבער (אַלס צווילינג ברודער) 1877 אין אָריאָל בא אַ רייכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער איטשע לייב איז געווען אַ גרויסער תבואה סוחר און פלעגט בשעתו עקספּאָרטירען געטריידע פון רוסלאַנד נאָך ענגלאַנד) באַקומען אַ יודישע דערציהונג. געלערענט אין חדר, דערנאָך אין דער שטעטישער אָרשער שול. 1893 יאָר אַוועק נאָך לאָדזש און אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען בא זיין קרוב איסאַק עיטינגאָן, וואו ר׳האָט געאַרבעט אַ קורצע צייט. פון דאָרט אַריבער אַלס אָנגעשטעלטער אין דער דעמאָלטיגער היגער אָנגעזעהענער פירמע: „שטילער און ביעלשאָווסקי", און געאַרבעט ביז 1903. אין דעם יאָר געגרינדעט אַ פאַבריקאַציע, צוזאַמען מיט אַ שותף, און אָנגעהויבען אויסאַרבעטען דאַמען-קליידער-שטאָפען, א. פ. „עיטינגאָן און דינין". די פירמע האָט עקזיסטירט ביז׳ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה.

1914 אַוועק נאָך מאָסקווע, וואו ער האָט צוזאַמען מיט זיין ברודער נאָום און שוואָגער אברהם לעקיך געפירט בעת די מלחמה-יאָרען גרויסע מאַנופאַקטור-געשעפטען און פאַבריצירט באַנוועלנע סחורות. שפּעטער האָבען אַלע צוזאַמען מיטן יונגערען ברודער, מאָטיע, געגרינדעט אויך אַנ׳אייזען-פאַבריק. זיי האָבען גענומען אַנטוויקלען גרויסע מסחרים אין זייער אַ ברייטען מאַסשטאַב נאָר צוליב רדיפות מצד די באָלשעוויקעס, אַלס גרויס-קאַפּיטאַליסטען, האָבען זיי ליקווידירט אַלע געשעפטען און פאַרלאָזט מאָסקווע.

1918 צוריקגעקומען נאָך לאָדזש און צוזאַמען מיט זיי; ברודער נאָום געגרינדעט די פירמע: „נ. עיטינגאָן און שותפים", וועלכע האָט לכתחילה פינאַנסירט אַ גאַנצע ריי פירמעס, וואָס זענען שווער געטראָפען געוואָרען פון דער מלחמה, ווי: „ש. באַרטשינסקי און קאָמפּ", „הירשבערג און ווילטשינסקי" א. אנד.

שפּעטער איז די פירמע געוואָרען די הויפּט-אָבנעמערן פון די אויסאַרבעטונגען פון: „קאַרל שייבלער", און „זאַוויערטשע".

1919 האָט די פירמע אָבגעקויפט די גרויסע טריקאָטאַזש פאַבריק פון: „ווינקלער, גערטנער און באָרמאַן" און אָנגעהויבען אויסצואַרבעטען זאָקען, הענטשקעס און הענטשקע-שטאָף. לכתחילה אין אַ גאַנץ קליינעם מאַסשטאַב, דורך דער צייט איז זי אַלץ כסדר פאַרגרעסערט געוואָרען, און באַזיצט 36 קאָטאָן-מאַשינען 150 רונד-מאַשינען, הענטשקע-מאַשינען און שטריקעריי-מאַשינען, די פאַבריק באַשעפטיגט 800 אַרבעטער.

1922 האָט די פירמע אָבגעקויפט די מעכאַנישע וועבעריי פון דער פירמע: „קוק" שפּעטער אויך אויפגעשטעלט אַ מעכאַנישע וועבעריי אין בנין פון דער טריקאָטאַזש-פאַבריק און גענומען פאַבריצירען האַלבוואָלענע שעוויאָטען און באַנוועלנע סחורות ווי: אָקספאָרד, טיק, א. אנד. אַרטיקלען. די פירמע האָט אויך אָבגעקויפט די אפּרעטור „דאָבּיעשקאָוו" הינטער לאָדזש און פאַרוואַנדעלט אין אַ באַזונדערער אַקציען-געזעלשאַפט.

מיט זייער הילף איז די פירמע „מ. און ט. פּיקעלני פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַנ׳אַקציען-געזעלשאַפט און באַזיצען אַ גרויסען טייל אַקציעס פון דער פירמע, האָבען אויך מיטגעהאָלפען די עקספּאָזיציע: „יעלין און רודאָמין" צו פאַרוואַנדלען אין אַנ׳אַקציען-געזעלשאַפט און באַקומען דאָרט אַ גרויסער השפּעה.

1922 איז די פירמע פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַנ׳אַקציען-געזעלשאַפט, ע. ב. איז געווען וויצע-פּאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג.

דעם 6 יולי 1932 איז ער פון אַ סקלעראָז-קראַנקהייט געשטאָרבען אין ווין און דאָרט געבראַכט געוואָרען לקבורה.

עיטינגאָן באָריס האָט אין די ערשטע נאָך מלחמה-יאָרען, בעת ס׳האָט געדראָהט די „פּרעמדע" אַרויסגעשיקט צו ווערען פון דאַנען, און טויזענטער מענטשען וואָלטען פאַרלוירען זייער ברויט און מקום מנוחה—דעמאָלט האָט ער געוואָרפען זיך מיט דער גאַנצער אימפּעט אין דער אַרבעט, ביז עס איז אים געלונגען די גזירה מבטל צו מאַכען.

געווען מיטגרינדער אין דער ערשטער פאָרזיצער פון „סוחרים-פאַראיין" (פּיעטריקאָווער 73) ; לאַנג-יאָריגער פאָרזיצער פון דעפּאָזיטען באַנק און איינער פון אירע הויפּט.אַקציאָנערען; פאַרוואַלטונג-מיטגליד אין יתומים.הויז פּאַלנאַצנע 38. געווען ראַטמאַן פון דער האַנדעל קאַ-

מער און פאָרזיצער פון דער פינאַנץ־בודזשעט־קאָמיסיע; געווען פארוואלטונג מיטגליד פון „שפינער קארטעל” און מיטגליד פון דער יודישער אַגענץ.

עיטינגאָן באָריס איז געווען אַ מענטש מיט אַ וואַרעם יודיש הארץ, אַ פשוטער, פלעגט זיין צוגעלאָזען צו יעדען איינציגען. יחיד און כלל זענען שטענדיג פון אים זייער שטארק אונטערשטיצט געוואָרען. דאָס איז געווען דער נדבן פון איידעלען מין, וואָס גיט נישט לשם פרסום, נאָר פארקערט בסתר, אין דער שטיל, קיינער זאָל נישט וויסען דערפון — זיין גאנץ לעבען איז ער אַנטלאָפען פון כבוד, געלעבט אַ שטיל באַשיידען לעבען — דאָס איז געווען אַנ׳איידעלער מענטש, מיט אַ פיין פיהלענדיגער נשמה אויף יעדען איינציגען וויי און קרעכץ פון א ליידענדיגען מענטש און יוד...

## עלענבערג זיגמונט זעליג

גטבוירען דעם 23 פעברואַר 1896 אין קאָלאָמיי, בא פאַרמעגלעכע פאַמיליע (דער פאָטער זיינער מרדכי איז געווען אַ סוחר) געלערנט אין דער קאָלאָמייער מלוכה׳שער גימנאַזיע און געענדיגט די לעמבערגער גימנאַזיע. שטודירט אויפ׳ן ווינער אוניווערזיטעט, (פילאָזאָפישען און יורידישען פאַקולטעט) און באַקומען דעם טיטעל ד״ר יורי. 1921 אָנגעקומען אַלס לערער אין דער היגער העברעאישער פרויען־גימנאַזיע. זייט 1934 דירעקטאָר פון דער II העברעאישער מענער־גימנאַזיע.



זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין דער גאַליציאַנער „צעירי ציון” באַוועגונג. דערנאָך געווען פאָרזיצער פון ווינער ועד הפועל פון „וועלט פארבאַנד השומר הצעיר”. מיטגרינדער פון קליין־פוילישען התאחדות און געווען התאחדות־דעלעגאַט אויפ׳ן ציוניסטישען קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד און ווין, וואו ר׳האָט מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע קאָמיסיעס. געווען מיטגליד פון התאחדות צ. ק. 1921-22 געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער געז. יודישע שולען אין לאָדזש”. זייט 1930 מיטגליד פון קרן היסוד דירעקטאָריום. זייט 1934 פאָרזיצער פון „וועלט־פארבאַנד מכבי”, לאָדזשער וויאָיעוואָדשאָפט.

ע. ז. 1918-21 מיטגרינדער און ערשטער רעדאקטאָר פון קראָקעווער: „נאָווי דזשעננניק”. האָט פארעפענטלעכט אַ ריי אַרבעטען אין פאַרשידענע צייטשריפטען ווי אויך איז דערשינען זיין בראָשור: „יודען אין דער אָנהייב פון אַלגעמיינעם שול־וועזען אין לאָדזש”. (פויליש) זייט 1930 מיטגרינדער און רעדאַקטאָר פון זשורנאַל: „מיעשיענטשניק זשידאָווסקי”.

פּ

## פאָזנאַנסקי חיים לייב

געבוירען דעם 3 יוני 1879 אין קאַמעניעץ פאָדאָלסק. (דער פאָטער זיינער יוסף איז אַ מיטשותף פון אַ מיל) געענדיגט די בערדיטשעווער רעגירונג פאָלק־שול. אַלס 15 יאָריגער יונגערמאַן אוועק נאָך קיעוו, פון דאָרט נאָך אָדעס און זשיטאָמיר, וואו ר׳האָט אַלס עקסטערן ווייטער געלערנט. 1896 אַריין אין די ערשטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע קרייזען. 1903 אריינגעטרעטען אין „בונד”, און האָט גענומען דעמאַלט אַנ׳אַקטיווען אָנטייל אין דער באַוועגונג. אין יענער צייט עטלעכע מאָל געזעסען אין טורמע. 1907 אַרויסגעשיקט געוואָרען נאָך אויסלאַנד, און אַלס פאָליטישער עמיגראַנט פאַרבראַכט אין בערלין, זשענעווע, בערן און בריסעל. אין זשענעווע געווען סעקרעטאַר פון צ. ב. פון די אויסלענדישע הילפגרופען פון „בונד”. אין בערן געענדיגט די אַקאַדעמיע פון האַנדעלוויסענשאַפט. 1910 אריבערגעקומען נאָך לאַדזש און אויסגעפירט פארשידענע בונדישע פאָרטיי־ארבעט. 1912 מיטגרינדעא פון היגען „קאָמי־פאראיין”, (שענקעוויטש 22) וואו ר׳האָט יאָרענלאנג אָנגעפירט אַ שטארקע טעטיגקייט און געווען דער פאָרזיצער (1914—21) פון דער אינסטיטוציע. מיטגרינדער פון „שול און פאָלק־בילדונג־פאראיין” און מיטגעארבעט די גאנצע צייט אין דער פארוואלטונג. מיטגרינדער פון דער „ערשטער יודישער פאָלק־שול” מיט יודיש אלס למוד־שפראך און פון „קינדערהיים” (שענקעוויטש 22). 1919/33 געווען ראטמאן פון היגען שטאָט־ראט, און מיטגליד פון דער בונדישער פראקציע אין שטאָט ראט. זייט 1921 פאָרזיצער פון דעם אָרטיגען „מעדעם־קוראַטאָריום”. איז אַנ׳אקטיווער מיטגליד אין דער בונדישער באוועגונג פון דער ערשטער צייט אָן (1903) ביז היינט. זייט 1924 מיטגליד פון דער הויפט־פארוואלטונג פון יש״א.



פּ. ח. ל. האָט אָנטייל גענומען אין דער בונדישער פארטיי־פרעסע. געווען קאָרעספאָנדענט פון דער נישט־לעגאלער אויסגאבע פון אויסלענדישען קאָמיטעט פון בונד: „פאָסליעדניא איזוועסטיא”, און „ארבעטער־שטימע”. האָט געדרוקט ארטיקלען און קאָרעספאָנדענציעס אין ווילנער „וועקער”, ווילנער „פאָלקסצייטונג”, ווילנער „האָפענונג”, „לאָדזשער ארבעטער” 1915 „לעבענפראגען” און ווארשעווער „פאָלקסצייטונג”. (געשריבען אויך אונטער די פסעוודאָנימען מיראָן, ראָן און פּ—סקי, ל. פּ.) געווען רעדאקטאָר פון „דער אָנגעשטעלטער”, ארויסגעגעבען דורכ׳ן „קאָמי־פאראיין” 1918|19 געווען רעדאקטאָר פון ערשטען „לאָדזשער וועקער”, און שפעטער מיטגליד פון רעדאקציע־קאָלעגיום.

## פּיהעלני טאָביאַש

געבוירען דעם 25 מאַי 1869 אין יערעמיטש נאָוואָגרודעק, בא אַ רייכער חשוב׳ער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער טאָדרעס ארי׳ האָט געהאָט אַ בראנפען־זאוואַד, געווען אַ גרויסער למדן און אַ משכיל) געלערנט אין חדר און אין אַ פריוואט־שול, צו 16 יאָר געקומען נאָך לאַדזש און אָנגעקומען אויף אַ פאָסטען אין דער היגער גרויסער פירמע פון „יוזעף ריכטער, וואו ר׳האָט דערנאָך געאַרבעט זייער לאַנגע יאָרען און פארנומען אַ הויכע שטעלונג. נאָר זייענדיג בא ריכטערן האָט ער שותפות געמאַכט מיט זיין ברודער מאָזעס און אָנגעהויבען פאַבריצירען דאַמען־קליידערשטאָפען. 1906 אַרויסגעטרעטען פון דער פירמע יוזעף ריכטער און אָנגעהויבען מיטאַרבעטען אין זיין אייגען פאַבריקאַטגעשעפט. 1909 האָט די פירמע מ. און ט. פיקעלני אויסגעבויט זייער אייגענע פאַבריק אויף דער ציגעל־גאַס (איצט 74-76) מיט 200 אייגענע מעכאַנישע שטולען, און וועלכע האָט פאַר דער



מלחמה באשעפטיגט ביז 200 ארבעטער. 1914 אוועק נאך מאסקווע, וואו ר'האט געפירט גרויסע געשעפטן מיט דער פירמע „עיטינגאן און שותפים". צולעצט האבן די באלשעוויקעס קאנפיסקירט זייער גאנץ פארמעגן. אין יענער צייט געפירט א פאבריקאט געשעפט אין כארקאוו, צוזאמען מיט זיין ברודער מאזעס און אויסגעארבעט דאמען-קליידער-שטאפען. 1918 אריבער נאך כארקאוו און גענומען מיטארבעטן אין זיין דארטיג געשעפט צולעצט האבן די באלשעוויקעס קאנפיסקירט זיין גאנצע פאבריק. 1921 צוריקגעקומען נאך לאדזש, ביסלעכווייז געלינגט אים צוריקצוטרעטן צו דער ארבעט, צוזאמען מיט זיין ברודער מאזעס לכתחילה אין א קליינעם מאסשטאב, אבער וואס ווייטער אלץ אין א גרעסערען שוונג, ביז זיי דערפירען די פראדוקציע פון זייער פאבריק ווי פאר דער מלחמה. 1923 איז די פירמע פארוואנדעלט געווארן אין אנ'אקציען-געזעלשאפט. די אקציענגעז. „מ. און ט. פיקעלני" געהער צו די גרויסע וואל פאבריקאט-הייזער אין אונזער שטאט.

פיקעלני טאביאש איז געווען דער פרעזעס פון דער פערוואלטונג פון דער אקציענגעזעלשאפט און דער לייטער פון געשעפט.

1934 איז ער פון א שווערער קראנקהייט געשטארבן אין ווין און דארט געברענגט געווארן לקבורה.

פ. ט. האט אינטעריסירט זיך אויך מיט'ן געזעלשאפטלעכן לעבען פון אונזער שטאט. האט געהערט צו די פארוואלטונגען פון דער היגער הומאניטארער געזעלשאפט „בני ברית" און פון „יתומים-הויז", (פאלנאצנע 38) פאר וועלכע ער פלעגט באטראגען זיין נוצלעכער ארבעט און מאטעריעלער הילף.

## פיקעלני מאזעס



געבוירען דעם 25 מאי (אלס צווילינג-ברודער) 1869 אין יערעמיטש, נאוואגרודעק, בא א רייכער חשובער פאמיליע. (דער פאטער זיינער טאדרעס ארי' האט געהאט א בראנפען-זאוואד, געווען א גרויסער למדן און א משכיל) געלערענט אין חדר, שפעטער אין דער מירער ישיבה. דערנאך אליין צוגעגרייט זיך אין דער „גאראדסקאיע אוטשילישטשע", וועלכע ער האט געענדיגט. 1889 געקומען נאך לאדזש, און צוזאמען מיט זיין שוואגער יוסף בער עפשטיין גענומען פאבריצירען אין א קליינעם פארמאט, האלב-זיידענע טיכלעך. (קאשניי) נאך א ריי יארען אבגעהאקט פון שותפות און דאס געשעפט אליין ווייטער געפירט. 1895 פארלייגט א פאבריקאט-געשעפט, צוזאמען מיט זיין ברודער טאביאש און גענומען אויסארבעטען דאמען-קליידער-שטאפען אויף אייגענע האנט-שטולען אין דער פרעמדר. 1899 אריבער אויף מעכאנישע לוין-שטולען. ביסלעכווייז איז די פאבריקאציע געשטיגען. בעת זיין . ודער טאביאש פארלאזט דעם פאסטען, ווערט דאס פאבריקאט-געשעפט פארגרעסערט. שפעטער טרעטען זיי צו אויסצובויען אנ'אייגענע פאבריק, וועלכע ווערט פארטיג (1909) מיט 200 אייגענע מעכאנישע שטולען, אויף דער ציגעל-גאס (איצט 74.76) די פאבריק האט פאר דער מלחמה באשעפטיגט 200 ארבעטער. 1914 אוועק נאך כארקאוו, וואו ר'האט פארלייגט א פאבריקאציע פון דאמען-קליידער שטאפען א. פ. „מ. און ט. פיקעלני" האט דארט דערנאך אויסגעבויט אנ'אייגענע פאבריק און איינגעארדענט א שפינעריי ווי אויך א האנט-וועבעריי. די באלשעוויקעס זענען אבער צולעצט אריין אין שטאט און אלץ קאנפיסקירט. 1921 צוריקגעקומען נאך לאדזש און דא אנגעטראפען דערוויל זיין פאבריק פארפאכטעט אויף לוין צו פרעמדע מענטשען. ס'איז אים קוים געלונגען בא זיי צו פאכטען א חלק פאבריק און אנגעהויבען צוזאמען מיט זיין ברודער טאביאש, צוריק צו פאבריצירען די פריערע ארטיקלען אין א קליינעם מאסשטאב. 1923 איז ערשט די פאבריק דורך זיי געלאזט געווארען נארמאל אין גאנג. אין דעם יאר ווערט די פירמע פאר'וואנדעלט אין אנ'אקציען-געזעלשאפט און אלס אקציאנערען טרעטען צו די היגע עיטינגאנס, און גלייך ווערט אוועקגעשטעלט די פאבריקאציע אויף א גרויסען פארנעם. די פראדוקציע דערגרייט שנעל ווי פאר דער מלחמה. די פאבריק באזיצט איצט ביז 200 מאשינען און באשעפטיגט 200 ארבעטער דערינטער א גרויסער פראצענט יודישע. די אקציענגעזעלשאפט „מ. און ט. פיקעלני" געהער צו די גרויסע וואל-פאבריקאט-הייזער אין אונזער שטאט.

פיקעלני מאזעס איז דער פרעזעס פון דער פאבריק בא דער אקציען-געזעלשאפט.

פ. מ. איז געווען מיטגרינדער פון היגען „הזמיר". האט מיטגעארבעט אין דער „געזעלשאפט פאר יודישע מיטעלשולען אין פוילען. לעצטענס אויסגעוויילט געווארען אין דער פארוואלטונג פון דעם אינטערנאט און פערמע פאר יודישע קינדער: „העלענוועק".

## פערסיץ נתן



געבוירען 15 מאי 1878 אין האלאווטשינע, מאהילעווער קרייז, בא א מיחוס'דיגער פאמיליע. (דער זיידע זיינער ר' נתן איז געווען דער האלאווטשינער רב; דער פאטער זיינער זאב וואלף איז געווען א יוד א בן תורה, א תבואה-סוחר, וועלכער האט בשעתו געפירט גרויסע געשעפטן מיט רוסלאנד).

פ. נ. האט געלערענט אין חדר ביז צו דער בר מצוה, דערנאך אלס אויטאדידאקט דערווארבען זיין וויסען. צו 18 יאר אנגעקומען אויף א פאסטען אין א קארטאפעל-מעהל פאבריק אין קאכאנאוו 1899 אוועק אין צענטראל-רוסלאנד נאך ריזאן, וואו ר'האט א ריי יארען געארבעט אין דעם גרויסען האנדעל-הויז: „ברידער קורפעל". 1905 איבערגעלעבט א פאגראם אי שטאט. 1911 בעת'ן גירוש ארויסגעשיקט געווארען פון ריאזאן און אהערגעקומע נאך לאדזש דא אריינגעטרעטען אלס בוכהאלטער און געארבעט אין דער פירמע: „לעקיך און שלאגמאן". 1918 אנגעקומען אויף א פאסטען צו זיינע קרובים: „נ. עיטינגאן און שותפים", וואו צערשט איז ער געווען בוכהאלטער און קאסירער און לעצטענס ביורא-שעף פון דער שטרימף און הענטשקעס אבטיילונג בא דער פירמע.

זיין געזעלשאפטלעכע טעטיגקייט אנגעהויבען נאך אין קאאפעראטיוו פון היגען „קאמי-פאראיין". 1925 מיטגרינדער און איז ערען-מיטגליד פון יודישען הילפ-פאראיין: „מחזיקי החולים", (שייבלערס ראיאן) וואו ער פירט אן זייט דעמאלט זייער א נוצלעכער ארבעט און האט א סך מיטגעהאלפען לטובת

דער אַנטוויקלונג פון דער אינסטיטוציע. מיטגרינדער און ערן-מיטגליד פון דער קעגנזייטיקער אַהנפּראָצענטיגער „גמילת חסדים קאַסע“, (גלובנע 62) דורך זיין איבערגעגעבענער אַרבעט און גרויסער מאַטעריעלער הילף איז די גמ״ח קאַסע בכּח אַרויסצוהעלפען אַ טייל פון דער דאָרטיגער אָרעמער יודישער באַפעלקערונג.

## ✓ פּערעלמאַן אברהם משה



געבוירען דעם 21 יולי 1888 אין פּאַגאָרעלצי, בײַ אַ פּאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער היים יצחק איז געווען אַ סוחר) באַזוכט די האַנדעל-שול בײַ׳ם ווארשעווער סוחרים-פעראיין. אַלס עקסטערן אַריבער אין פולאַווער גימנאַזיע און זי געענדיגט. האָט אַבסאָלווירט דעם מאַטעמאַטיש פיזיקאַלישען פאַקולטעט אויפן פעטערבורגער אוניווערזיטעט, און דעם פעטערבורגער אינסטיטוט פאַר עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע. געוואָרען לערער אין דער וואַרשעווער קרינסקי׳ס מיטעל-שול, דערנאָך איבערגענומען די לייטונג פון דער דאָרטיגער „חנוך“ גימנאַזיע. זייט 1916 דירעקטאָר פון דער ערשטער העברעאישער „מענער-גימנאַזיע“. געווען אַ צייט דירעקטאָר פון דער העברעאישער „פרויען-גימנאַזיע“, און לייטער פון „לערער-סעמינאַר“ פאַר יודאיסטישע למודים, בײַ דער „געז. יודישע מיטעלשולען אין לאָדזש“. 1926 געענדיגט די פּעדאַגאָגישע קורסען אין יענאַ (דייטשלאַנד) און 1932 געענדיגט דעם וואַרשעווער אינסטרוקטאָרען-קורס פאַר דירעקטאָרען.

פּ. א. איז געווען פּאָרזיצער פון וואַרשעווער קוראַטאָריום פון העברעאישען שול-וועזען. 1917.19 לאַנד-קאָמענדאַנט פון היגען „ערשטען סקויטינג“. מיטגרינדער און געווען יאָרענלאַנג קוראַטאָר פון „הרצליה“. געווען אַ ריי יאָרען פּרעזעס פון היגען „הזמיר“. געווען פּראָט. סעקרעטאָר פון דער ערשפּער פאַרוואַלטונג פון דער „הומ. געז. בני ברית אין לאָדזש“. סוף 1934 אויסגעווילט געוואָרען אַלס פּרעזעס פון היגען „הזמיר“. פּאָרזיצער פון קאָמיטעט פון דער אַגראָנאָמישער-שול בײַ דעם אינטערנאַט און פערמען פאַר יודישע קינדער: „העלענעוועק“.

פּ. א. האָט פאַרעפענטלעכט אַ ריי אַרבעטען וועגען פּעדאַגאָגיק און מוזיק אין פאַרשידענע צייטשריפטען, ווי אויך אין ספּעציעלע אויסגאַבען.

פ

## ✓ פאַבּריקאַנט דוד



געבוירען דעם 22 פעברואַר 1871 אין יאַנאָוו, (לובלינער געגענט) בײַ אַ רייכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער אברהם איז געווען אַנערד-באַזיצער) געענדיגט דאָס וואַרשעווער גימנאַזיום, פון דאָרט אַריבער אין דער טעכנישער הויך-שול, (רויטלינגען), וואו ער האָט געענדיגט די וועבערייאָבטיילונג. דערנאָך פּראַקטיצירט אין פאַרשידענע היגע פאַבּריקען.

1900 אָנגעהויבען צו פאַבּריצירען קאַמגאַרען-סחורות צוזאַמען מיט אַ שותף א. פּ. ד. פאַבּריקאַנט און י. ראָזענבלאַט, אַרויסגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען. די פאַבּריקאַציע איז גוט אַוועק. 1908/9 האָט די פירמע אויפגעשטעלט אַן׳אייגענע פאַבּריק-געביידע און איינגעאָרדענט אַ מעכאַנישע שפּינעריי און וועבעריי. זייט דעמאָלט איז די פירמע שטאַרק אויסגעוואַקסען. אויף דער פאַבּריק אַרבעטען איצט 150 אַרבעטער, דערונטער 10 פּראָצ. יודישע. די פירמע: ד. פאַבּריקאַנט און י. ראָזענבלאַט געהער צו די אָנגעזעהענע פאַבּריקאַט-הייזער אין אונזער שטאָט.

פּ. ד. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. האָט אַמאָל מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון „טעקסטיל-פאַרבאַנד“ (מאָניושקי 5). געווען לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער „געווערב-שול“, (פּאָמאַרסקע 46/48) וואו ער האָט אָנגעפירט אַ נוצלעכע אַרבעט לטובת דער אינסטיטוציע. געווען פּרעזידיום-מיטגליד פון דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון דער הומאַניטאַרער געז. „מאָנטעפיאָרע בני ברית“ אין לאָדזש. געווען לאַנגיאָריגער האַנדעל-ריכטער פון היגען קרייז-געריכט.

## ✓ פאַלק לודוויק



געבוירען דעם 18 נאָוועמבער 1876 אין ליבאַווע, בײַ פאַרמעגליכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער יאָזעף איז געווען אַ סוחר און געזעלשאַפטלעכער טוער) געענדיגט די ליבאַווער גימנאַזיע און די דאָרטיגע מוזיק-שול. שטודירט אויפ׳ן דאָרפּאַטער און בערלינער אוניווערזיטעט און באַקומען דעם טיטעל דאָקטאָר. געווען אַסיסטענט אין ברעסלויער הויט-קליניק פון פּראָפ. נייסער. 1900 געקומען נאָך לאָדזש און אָנגעהויבען דאָ צו פּראַקטיצירען. 1904 אַוועק אין יאַפּאַנישער מלחמה אַלס מיליטער אָפיציר. 1906 צוריקקומענדיג אהער דאָ ווייטער געפירט זיין מעדיצינישע אַרבעט ביז׳ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה. 1914|18 געווען אויפ׳ן מזרח-פראָנט פון וועלט-קריג. זייט 1918 פּראַקטיצירט ער אַלס דאָקטאָר בײַ אונז אין שטאָט.

פּ. ל. איז געווען מיטגרינדער און וויצע-פּאָרזיצער פון היגען „הזמיר“, וואו ר׳האָט בשעתו יאָרענלאַנג אָנגעפירט אַ שטאַרקע טעטיגקייט אויפ׳ן מוזיקאַלישען געביט. געהאַלטען אויך פאָרלעזונגען וועגען מוזיק-ליטעראַטור אין היגען „הזמיר“ און אַ ריי אַנדערע שטעט. אין יענע יאָרען גענומען אַן׳אַקטיווען אָנטייל אין היגען ספּאָרט-קלוב „בר כוכבא“, וואו ר׳איז געווען דער פּאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע. געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון „טאָז“, און „לינת הצדק“. מיטגרינדער און געווען לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון היגען „מוזיקאַלישען פעראיין“.

פּ. ל. איז זייט לאַנגע יאָרען דער שטענדיגער מוזיק-קריטיקער פון דער דייטשער „נייע לאָדזשער צייטונג“. האָט פאַרעפענטלעכט אַ ריי אַרבעטען אין דעם בערלינער זשורנאַל „די מוזיק“. האָט אָבגעדרוקט אַ ריי ווערק אויפ׳ן מעדיצינישען געביט אין דער דייטשער שפּראַך.

## פוקס דוד



געבוירען דעם 12 דעצעמבער 1878 אין אַ היגער בעל־הבתּישער פאַ־מיליע (דער פאָטער זיינער יחזקאל איז גע־ווען אַ סוחר). פ. ד. האָט גע־לערענט אין אַ היגער פּריוואַט־שול, דער־נאָך אין דער העכערער רוסישער האַנט־ווערק־שול. צו 15 יאָר אָנגעקומען צו זיין פעטער ישעי׳ ראָזענבלאַט אויף דער פאַבריק, וואו ער האָט געאַרבעט און באַקומען זיינע טעכנישע דערפאַ־רונגען. 1904 געגרינדעט אַן׳אייגענע רייסעריי און פאַרבעריי, צוזאמען מיט אַ שותּף, (אינ׳ם בנין פון זיין שווער י. רוטענבערג) א. פ. „שולץ און פוקס״. און גענומען אויף לוין צום אַרבעטן. ביסלעכווייז איז די פאַבריק אַלץ פאַר־גרעסערט געוואָרען און ס׳זענען צוגע־קומען די אָבטיילונגען: שפינעריי, ווע־בעריי און אפּרעטור. אין 1910 איז דער שותּף י. שולץ געשטאָרבען און ער אַליין האָט ווייטער געפירט די פאַ־בריק ביז 1914 יאָר. די מלחמה־יאָרען פאַרבראַכט אין קאָפּענהאַגען, וואו ר׳האָט געאַרבעט אויף אַ פאַבריק. 1919 צוריק־געקומען נאָך לאָדזש און געלאָזט זיין פאַבריק אין גאַנג, און גענומען אויס־אַרבעטן אייגענע וויגאָניע־אַרטיקלען. 1926 זענען צוגעטרעטען עטלעכע שות־פים צו דער אונטערנעמונג. די פירמע „ברידער פּיאָטרקאָווסקי, ד. פוקס און שותּף״, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויפ׳ן ברייטען מאסשטאַב, און האָט אַ צייט געהערט צו די גרויסע טעקס־טיל־אונטערנעמונגען פון אונזער שטאָט. 1933 איז די פאַבריק אָבגעברענט גע־וואָרען. זייט 1934 לייטער פון דער וויגאָניע־שפינעריי און עקספּאָרט בּאַ די פאַראייניגטע אונטערנעמונגען פון שייבלער און גראָמאַן. ער איז דער איינציגער יוד, וועלכער פאַרנעמט אַ פּאָסטען אין דער אַקציענגעזעלשאַפט.

פוקס דוד אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכן לעבען. האָט מיטגעאַרבעט אין „קאָפּענהאַגענער קאָ־מיטעט צו טראָגען הילף די פוילישע און רוסישע יודען״, וועלכער איז בעת דער מלחמה־צייט דאָרט געווען טעטיג, האָט אַ ריי יאָרען געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון דער היגער געז. „טאָז״, און אָנגעפירט אַ נוצלעכער אַר־בעט לטובת דער אינסטיטוציע. אַר־בעט מיט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „אָכראַנקע״ (סמוגאָווע 4). איז לאַנג־יאָריגער פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון היגען „לאַנד־פאַרבאַנד פון דער טעקס־טיל־אינדוסטריע״. געהער צום דיסקאָנ־טען־קאָמיטעט פון אָרטיגען „באַנק־פּאָל־סקי״. געווען אַ צייט ריכטער פון היגען קרייז־געריכט און איז לעצטענס אויס־געוויילט געוואָרען אַלס האַנדעל־ריכטער פון היגען קרייז־געריכט.

מיטגליד פון דער „הומאַניטאַרער געז. מאָנטעפיאָרע בני־ברית אין לאָדזש.

## פרומעס שמואל נחום



געבוירען דעם 18 אָקטאָבער 1879 אין מאָסקווע, בּאַ אַ פאַרמעגלע־כער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער מרדכי אַליין אַ שקלאָ־ווער איז גע־ווען אַ בן תורה, אַ היגער סוחר, איינער פון די עלטסטע לובאַוויטשער חסידים און ערלעכער עסקן בצרכי הצבור).

פ. ש. נ. האָט צוערשט געלערענט אין חדר און אין דער מאָסקווער יודישער אַלעקסאַנדער - שול, שפּעטער געענדיגט אין וויטעבסק אַ 5 קלאַסיגער שול. 1894 געקומען נאָך לאָדזש און אַריינגעטרע־טען אויף אַ פּאָסטען צו „לעאָן ראָזענ־טאַל״. נאָך די ליקווידאַציע איז די פירמע אַריבער צו „ה. זילבערבלאַט און זיהן״, וואו ר׳האָט ווייטער געאַרבעט ביז׳ן מלחמה־אויסברוך. די מלחמה־יאָרען פאַרבראַכט אין שטאָקהאָלם און דאָרט געפירט פאַרשידענע עקספּאָרט און אימפּאָרט מסחרים מיט מאָסקווע. זייט 1920 אָנגעהויבען פאַבריצירען, צוזאַמען מיט׳ן ברודער לוי, א. פ. „ברודער פרומעס״. קונסט - זיידענע טיכלעך און זייד־סחורות. די פירמע איז אין משך פון דער צייט שטאַרק געשטיגען און געהער איצט צו די אָנגעזעהענע פירמען פון דער בראַנזשע אין אונזער שטאָט. די פירמע „ברידער פרומעס״ איז אויך מיטבאַטייליגט אין דער פירמע: „אַרבע״, וועלכע האָט דעם פאַרקויף פון דער מישקאָווער קונסט־זייד פאַבריק אויף לאָדזש.

פ. ש. נ. געהער צו דער פאַרוואַלטונג פון דער ישיבה „תומכי־תמימים״, (פאָ־מאָרסקע אַ41), וועלכע ער טראָגט בּאַ זיין מאַטעריעלער הילף און איבער־געגעבענער אַרבעט. אונטערשטיצט ברייטוויליג אַ סך היגע אינסטיטוציעס.

## פרידמאַן פיליפּ



געבוירען דעם 27 אַפּריל 1901 אין לעמבערג, בּאַ אַ בעל־הבתּישער פאַ־מיליע. (דער פאָטער אלעזר איז געווען אַ באַאַמטער) געענדיגט די לעמבערגער גימנאַזיע. שטודירט אויפ׳ן ווינער אוניווערזיטעט און באַקומען דעם טיטעל דאָקטאָר־פילאָזאָפיע. זייט 1925 לערער אין דער העברעאישער מענער־גימנאַזיע אין לאָדזש.

זיין ערשטע אַרבעט אויפ׳ן וויסענ־שאַפטלעכן געביט: „די יודענפראַגע אין גאַליצישען לאַנדטאַג 1861—63 איז געווען געדרוקט אין דייטשען „חודש־זשורנאַל פאַר געשיכטע און וויסענ־שאַפט פון יודענטום״, (ברעסלוי 1928) שפּעטער פאַרעפענטלעכט זיינע אַרבעי־טען אין „יונגען היסטאָריקער״, „נאַרוד״, „ראָטשניק לודזקי״, „מיעשיענטשניק זשידאָווסקי״, „יוואָ בלעטער״, „יודען אין באַפרייטען פוילען״, (וואַרשע 1932 „כראָניק פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש״ און אין „קוואַרטאַלניק סטאטיס־טיטשני״, ווי אויך א ריי אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייטשריפטען. 1928—32 רעדאַגירט דעם העברעאיש־פּוילישען יוגענט־זשורנאַל: „חיינו״. ס׳זענען דער־שינען אין ספּעציעלע אויסגאַבען זיינע ווערק: „די גאַליצישע יודען אין קאמף פאַר זייער גלייכבאַרעכטיגונג״, אין דער דייטשער שפּראַך, (פראַנקפורט ב. מ. 1929) „קדמוניות היהודים באירופה״, (חלק א׳ וב׳) „קורות היהודים בתקופה החדשה״, (לאָדזש 1934) און זיין גרע־סערע אַרבעט אין דער פּוילישער שפּראַך: „געשיכטע פון די יודען אין לאָדזש, (לאָדזש 1935) געדרוקט אין יודישער איבערזעצונג פון יוסף זעלקאָ־וויטש אין דער אָרטיגער טאָג־צייטונג „נייער פאָלקסבלאַט״.

פ. פ. האָט אמאָל מיטגעאַרבעט אין די ציוניסטישע יוגענט-אָרגאַניזאַציעס „השחר" און „השומר הצעיר", ווי אויך געווען פאָרזיצער. 33—1931 געווען פאָרזיצער פון דער לאָדזשער אָבט. פון דער „יודישער געז. פאַר לאַנדקענטשאַפט". זייט 1935 פאַרנעמט ער ווייטער דעם אמט אַלס פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט.

## פרידענזאָן אליעזר גרשון



געבוירען 1899 אין וויסקיט באַ אַ מיוחסדיגער משפחה (אייניקעל פון לאָדזשער מורה הוראה דעם מחבר פון „מנחת שמואל"; אור-אייניקעל פון לאָדזשער רב ר' משה ליפשיץ זצ"ל).

פ. א. ג. געלערענט אין חדר און ישיבות, ווי אויך וועלטלעכע למודים באַ פריוואַט-לערער. 1919 באַזוכט אין שליחות פון דער וואַרשעווער אַגודה-צענטראַלע אַ ריי שטעט און שטעטלעך אין פוילען מיט פראָפּאָגאַנדע-רעפעראַטען. שפּעטער אויסגעקליבען געוואָרען אין דער צענטראַלער הנהלה פון דער אַגודה. 1923 געווען פרעזידיום-מיטגליד פון דער כנסיה גדולה אין ווין.

פ. א. ג. האָט זיך באַטייליגט אין פאַרשידענע אָרטאָדאָקסישע אויסגאַבען. זייט 1924 רעדאַקטאָר פון „בית יעקב" זשורנאַל, וועלכער דינט די ענינים פון די „בית-יעקב" שולען און „בנות-אַגודת-ישראל" אָרג. אין פוילען. איז רעדאַקטאָר פון די קינדער שריפטען „קינדער גאָרטען" און „פרישע בלימעלעך". האָט אַרויסגעגעבען די אָרטאָדאָקסישע שול-ביכער: „יודיש לשון" (צוויי חלקים).

מיטגרינדער פון דער רעליגיעזער פרויען - אָרגאַניזאַציע: „בנות - אַגודת-ישראל", וועלכע ציילט איצט אַ סך אָבטיילונגען אין פוילען און פירט אָן מיט דער צענטראַלע פון די אָרגאַניזאַציעס. פירט אָן מיט'ן אָרטאָדאָקסישען פאַרלאַג „בית יעקב", וועלכער גיט אַרויס פאַרשידענע שריפטען.

זייט 1932 פרנס פון דער היגער יודישער קהלה און מיטגליד פון דער אַגודה-פראַקציע אין דער קהלה.

צ

## צוקער לודוויק (לייזער)



געבוירען דעם 17 אויגוסט 1869 אין לובלין, באַ אַ מיחוסדיגער פאַמיליע. (דער זיידע זיינער יאַקיב איז געווען אַ גרויסער אייזען-פאַבריקאַנט, אַ יוד אַ בן תורה, אַ נדבן, וועלכער האָט אויפגעשטעלט פאַר דער שטאָט א בית המדרש און א הויז אָנגעשריבען אלס אייגענטום פון דער לובלינער קהלה; דער פאָטער זיינער יהושע איז געווען אַנ'אייזען-סוחר און אַנ'אָנגעזעהענער מענטש אין שטאָט).

צ. ל. האָט געענדיגט 4 קלאַסען פון לובלינער גימנאַזיום. דערנאָך אָנגעקומען אויף אַ פאָסטען אין דער היגער פאַבריק פון לעאָן ראָזענטאַל, וואו ר'האָט אַ ריי יאָרען געאַרבעט. נאָך דער חתונה אָנגעהויבען צו פאַבריצירען קאַמגאַרן-סחורות, לכתחלה אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, נאָר דורך זיין פלייס און ענערגי איז אים געלונגען די פאַבריקאַציע כסדר צו פאַרגרעסערען.

1895 אָבגעקויפט אַ פאַבריק באַ דער פירמע „לעאָנאַרד ווילקער און גירבאַרט", מיט איבער 100 שווערע שטולען און געהילף-מאַשינען, און די פאַבריקאַציע איבערגעפירט אין זיין אייגענער פאַבריק - געביידע. דער אָבזאַץ-מאַרק פאַר זיינע סחורות איז דעמאָלט געווען דאָס גרויסע רוסלאַנד, וואו זיינע אַרטיקלען האָבען שטאַרק אויסגענומען.

בעת'ן אויסברוך פון קריג (1914) אַוועק נאָך מאָסקווע און פאַרבליבען ביז 1918 יאָר. צוריקקומענדיג אַהיים האָט ער געפּריווט עטלעכע מאָל ווייטער לאָזען זיין פאַבריק אין גאַנג, אָבער דערנאָך צוליב פאַרשידענע סבות אַליין אָבגעשטעלט די פאַבריקאַציע.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען מיט עטלעכע צענדליג יאָר צוריק. פון 1905 מיטגליד פון היגען „סינאַגאָגען - קאָמיטעט", וואו זייט דעמאָלט געווען גבאי און לעצטענס פאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט.

1914 באַשאָנקען געוואָרען דורך דער רוסישער מאַכט מיט'ן טיטעל: „פּאָטשאָטני פּאָטאָמסטווענני גראַזשדאַנין".

פון 1919 פירט ער אָן אַנ'אַקטיווע אַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון היגען „דאָבראָטשינאָשטש"; איז אַ ריי יאָרען אָפּיעקון פון דעם „פריוט פאַר קאַליקעס און פאַראַליטיקער" באַ'ם דאָבראָטשינאָשטש, פאַר וועלכען ער פירט אָן אַ נוצלעכער אַרבעט. מיטגרינדער פון דער „געז. פון יודישע מיטעלשולען אין לאָדזש", וואו צוערשט געווען פאַרוואַלטונג - מיטגליד און אַ סך יאָרען פלעגט ער שוין דעם אמט אלס וויצע - פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט. האָט א סך באַגעטראָגען מי און אַרבעט און מיטגעהאָלפען צו דער אנטוויקלונג פון די שולען, וועלכע שטייען אין רשות פון דער געזעלשאַפט. א'ז זייט 1930 פרעזידיום-מיטגליד פון דער „הומאַניטאַרער געז. בני ברית אין לאָדזש".

## צעלמייסטער דוד



געבוירען דעם 1 יוני 1878 אין וואַרשע באַ אַ פרומער פאַמיליע. (דער פאָטער משה חיים איז געווען אַ גרויסער קאָנפעקציאָנער)

צ. ד. האָט באַקומען אַ שטרענג - רעליגיעזער רערציהונג, ווי אויך אונטעריכט געוואָרען אין וועלטלעכע למודים. צו 14 יאָר אַוועק נאָך ענגלאַנד. בעת ר'האָט געדאַרפט שטייען צום פריזיוו צוריקגעקומען אַהיים, דערנאָך חתונה געהאַט און געוואָרען אַ קאָנפעקציאָנער פון צוויי גרויסע געשעפטען. אָבער, די בראַנזשע האָט אים נישט צופרידענגעשטעלט. ער הייבט אָן באַמיהען זיך צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף צו שפּילען יודיש טעאַטער אין וואַרשע, נאָר אָן דערפאָלג. דעמאָלט האָט ער צוזאַמען מיט שלום ברוך ריינערמאַן געגרינדעט אַ גרויסע צייטונגס-אַגענטור, א. נ.: „וויגאָדאַ", פון פעטערבורגער און מאָסקווער צייטונגען. און פון די ערשטע יודישע צייטונגען: „פריינד", „הצופה", „הצפירה", און

„היינט״. היות ווי זיין קאָנטאָר האָט
אויך פאַרשפּרייט סאָציאַליסטישע ציי-
טונגען, האָט מיטאַמאָל די מאַכט קאָנ-
פיסקירט זיין געשעפט און אים אַרע-
סטירט. ער איז געזעסן אין פּאַוויאַק.
דערנאָך פאַרמשפּט און אַרויסגעשיקט
געוואָרען קיין אויסלאַנד. ער איז אַוועק
קיין אמעריקע, צולעצט באַקומען די
דערלויבעניש צוריקצוקומען אַהיים,
אָבער אָן די רעכט צו פירען אַ
צייטונג-קאָנטאָר. דעמאָלט האָט ער
צוזאַמען מיט אַ שותּף, לעהמאַן, אויפ-
געשטעלט אין וואַרשע דאָס קינאָ
„אַפּאָלאָ״, אויף מאַרשאַלקאָווסקע 106.
שפּעטער אָנגעפירט מיט פאַרשידענע
וואַרשעווער קינאָס און טעאַטער - רעוו-
יעס.

בעת די ווילנער טרופּע איז געווען
אין איר גלאַנץ - פּעריאָד, האָט ער
געבּרענגט די טרופּע קיין וואַרשע און
לאָדזש, וואו די ווילנער האָבען גע-
שפּילט מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכען
דערפאָלג און דערנאָך מיט דער טרופּע
געפאָרען קיין אויסלאַנד.

מאַלי פּיקאָן האָט די ערשטע אין
לאָדזש געשפּילט בּאַ צעלמייסטער׳ן
און שפּעטער מיט איר געמאַכט אַ
טורנע איבּער רומעניען.

דער דבּוק איז צום ערשטען מאָל
אין לאָדזש אויפגעפירט געוואָרען דורך
צעלמייסטער׳ן אונטער דער רעזשי
פון דוד הערמאַן און יצחק בּרוינער׳ס
דעקאָראַציעס.

האָט אַ צייט אָנגעפירט מיט די היגע
יודישע טעאַטערס, „פילהאַרמאָניע״ און
„קאַמעראַל טעאַטער״.

זייט אַ פּאָר יאָר דירעקטאָר פון היגען
יודישען „ראָזמאַיטאָשטשי״ טעאַטער,
וואו ס׳שפּילט אַ גוטע יודישע טרופּע.

ק

## קאַהאַן ישראל אַבּרהם



געבּוירען דעם
19 סעפּטעמ-
בּער 1888 אין
גאָלדינגען,
קורלאַנד.
(דער פאָטער
זיינער
ר׳ שמעון כהן,
מחבר פון
„שער שמעון״,
א. א. איז געווען אין גאָלדינגען מגיד
און מורה-הוראה, שפּעטער שטאָט-מגיד
און רב אין מיטאווע) ק. י. האָט בּאַ-
קומען אַ יודישע און אַלגעמיינע דער-
ציהונג. צו 17 יאָר אָנגעהויבּען צו קאָ-
רעספּאָנדירען אין „הזמן״ און פּעטער-
בּורגער „פריינד״. 1906 געקומען נאָך
וואַרשע, וואו ר׳האָט געאַרבּעט אַלס
סעקרעטאַר פון צבי פּרילוצקי׳ן אין
דער רעדאַקציע פון „וועג״, דערנאָך
אַלס נאַכט-רעדאַקטאָר. 1907 געווען
מיטאַרבּעטער פון דער ערשטער יודי-
שער צייטונג אין ריגע: „די נאַציאָנאַל-
צייטונג״ (רעד. ה. ד. נאָמבּערג). צוריק-
געקומען נאָך וואַרשע און בּאַטייליגט
זיך אין מ. ספּעקטאָרס „פרייטאָג״ און
„אונזער לעבּען״. 1908 בּאַזעצט זיך
אין לאָדזש און געוואָרען מיטאַרבּעטער
אין „לאָדזער טאַגעבּלאַט״. 1912 געווען
איינער פון די גרינדער פון דער יו-
דישער צייטונג: „נייעס לאָדזער מאָר-
גענבּלאַט״, (אַרויסגעגעבּען פון א. י.
אָסטראָווסקי, רעד. ד״ר י. גאָטליב,
ד״ר א מוקדוני) וועלכע איז דערשינען
בּיז׳ן מלחמה-אויסבּרוך. 1916—20 מיט-
רעדאַקטירט דאָס „לאָדזער פאָלקסבּלאַט״,
(רעד. לאַזאַר קאַהאַן) אַ צייט אויך דאָס
„לאָדזער עקסטראַבּלאַט״. נאָכ׳ן פאַר-
מאַכען פון „פאָלקסבּלאַט״, (1920) מיט-
רעדאַקטירט די ניי-געגרינדעטע צייטונג
„לאָדזער פאָלקסשטימע״. 1923—24 גע-
ווען מיטגרינדער און מיטרעדאַקטאָר פון
„נייעם פאָלקסבּלאַט״. האָט אַ קורצע
צייט רעדאַקטירט די לאָדזשער יודישע
טעגלעכע צייטונג „יודישער קוריער״.
1926—34 געווען שעף-רעדאַקטאָר פון
„לאָדזער טאַגעבּלאַט״. האָט אויך רע-
דאַקטירט: „די ערשטע יודישע שאָך-
צייטונג״, (לאָדזש, 1912, 5 נומ.) „די
האַנדעלס - וועלט״, (לאָדזש—וואַרשע—
דאַנציג, 30 נומ.) און „לאָדזער מער-
קור״, (1924, 30 נומ.) קאָרעספּאָנדירט
אין פאַרשידענע יודישע צייטונגען פון
פּוילען און אויסלאַנד, א. פ.: י. קורלאַנד,
י. גאָלדינגער, ק: איזראַעל. אַ חוץ
זשורנאַליסטישע אַרטיקלען (דערונטער
א גרעסערע אָבּהאַנדלונג „פישעל כאַמיד
פּאַשאַ—דער טערקיש-יודישער גרויס-
וויזיר״, 1925) געדרוקט עטלעכע צייטונג-
ראָמאַנען, ווי: „דער יודישער רעקרוט״,
„אין תהום פון זינד״, (אין „לאָדזער
טאַגעבּלאַט״, 1908 און 1912) אויך
איבּערזעצט ווערסאַיעווס „אויפ׳ן קריג״,
בּענואַס ראָמאַן „אַטלאַנטידאַ״ (אין
„לאָדזער פאָלקסבּלאַט״ 1915 און 1921),
האַנץ היינץ עווערסענס „אַלרוינע״, ס.
יושקעוויטשעס „לעאָן דרעהער״, (אין
„לאָדזער טאַגעבּלאַט״ 1926). געשריבּען
אויך אונטער די פּסעוודאָנימען: י. ס—ן,
אַ סימן, א פּרזמעס, איקס, איקאַ, קין,
בּן שמעון, י. קויפמאַן א. א.

## קאָוונער יוזעף



געבּוירען דעם
1 דעצעמבּער
1895 אין קיעוו.
(דער פאָטער
זיינער שעפּ-
סעל איז אַ
היגער בּאַקאַנ-
טער פּעדאַ-
גאָג) געענ-
דיגט דעם
פאָטערס אַמאָליגע פּראָגימנאַזיע אין
לאָדזש. שפּעטער בּאַזוכט צייכען-שולען
אין אַ ריי שטעט. 1927 אויסגעשטעלט
זיינע בּילדער, צום ערשטען מאָל, אין
היגען „הזמיר״ זאַל — קאָשטשושקי 21
(צוזאַמען מיט מיטלערן), וואו ער איז
זייער וואַרים אויפגענומען געוואָרען מצד
דער פּרעסע. זייט דעמאָלט אָנטייל גע-
נומען מיט זיינע בּילדער אויף פאַר-
שידענע קאָלעקטיווע - אויסשטעלונגען
אין לאָדזש, קראָקע, וואַרשע און לעמ-
בּערג. אין היגען „בּאַרטאָשעוויטש -
מוזעאום״ געפונען זיך 2 זיינע בּילדער.

## קאַנעל, דניאל



געבּוירען דעם
12 אויגוסט
1893 אין
בּריסק. (דער
פאָטער זיינער
אַבּרהם איז
געווען א שירם
פאַבּריקאַנט).
געענדיגט די
בּיאַליסטאָ-
קער גימנאַזיע. צו 18 יאָר אָנגעקומען
אין האָמעל אויף אַרעגירונג - פּאָסטען,
(זעמסקי סאָיוז). שפּעטער געאַרבּעט
אין בּאַן-מיניסטעריום (נאָוואָגאָרצעווסק)
און אין זעמסקי סאָיוז (מאָסקווע). 1917
דערפּענט צוזאַמען מיט זשיל אויגוסט,
אַנ׳אייגען פּערפומעריע - געשעפט אין
מאָסקווע, וואָס איז אין 1919 סעקווע-
סטירט געוואָרען דורך די בּאָלשע-
וויקעס, און אין דעם געשעפט האָט
ער דערנאָך געאַרבּעט אַלס אָנגע-
שטעלטער. 1921 געגרינדעט אין לאָדזש
צוזאַמען מיט אַ שותּף אַ מאַנופאַקטור-

געשעפט, א. פ.: „ד. קאַנעל און ש. גינזבורג". די פירמע האָט עקזיסטירט אַ פּאָר יאָר. 1925 פאַרלייגט אַ ניי מאַנופאַקטור-געשעפט צוזאמען מיט אַ שותף, א. פ.: „ד. קאַנעל און א. זבאַר". זייט דעמאָלט איז די פירמע שטאַרק געשטיגען און געהער איצט צו די אָנגעזעהענע הורט-געשעפטען פון מאַנופאַקטור-סחורות אין אונזער שטאָט.

די פירמע האָט אויך אין די יאָרען 1929—32 פאַבריצירט באַנוועלנע סחורות און די פאַבריקאַציע ליקווידירט.

ד. קאַנעל אינטערעסירט זיך אויך מיט'ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. האָט מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „געז. צו פארשפרייטען מעכאַנישע וועבעריי צווישען יודען". אַרבעט מיט אין די פאַרוואַלטונגען פון דער היגער געז. „אָרט" און „לינת החולים". אונטערשטיצט זייער ברייטוויליג די היגע אינסטיטוציעס.

## קאַץ שמואל



געבוירען דעם 9 נאָוועמבער 1888 אין אַ היגער בעל הבתישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער משה אהרן איז געווען כל ימיו אַנ'אָנגעשטעלטער) געענדיגט די היגע האַנדעל-שול. דערנאָך אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען. זייט דעמאָלט טעטיג אַלס הויפט-בוכהאַלטער.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין 1904 אין די רייען פון די היגע ס"ס, צו וועלכער ער האָט דערנאָך אָנגעהערט אַלס אַקטיווער חבר אין משך פון לאַנגע יאָרען; שפּעטער אַריבער צו די „פאַראייניגטע". זייט 1916 איז ער אַרויסגעטרעטען פון דער אָרג. 1915—27 מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון היגען „האַנדעל-אָנגעשטעלטען פאַראיין" (אַל. קאָשטשושקי 21) ווי אויך מיטגעאַרבעט אין קאָאָפּעראַטיוו „סאָלידאַרנאָשטש" באַ'ם דערמאָנטען פאַראיין. זייט 1931 איז ער ווייטער טעטיג אין דער אָנפירונג פון דעם „האַנדעל אָנגעשטעלטען פאַראיין". איז יאָרענלאַנג איינער פון די אַקטיווע מיטאַרבעטער פון די היגער „אָרט" געזעלשאַפט, וואו ער איז דער סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג, ווי אויך דער דעלעגאַט פון „אָרט" אין אויפזיכטסראַט פון היגען לוינוועבער קאָאָפּעראַטיוו „פראָגרעס".

ש. ק. האָט פאַרעפענטלעכט זיינע אַרטיקלען וועגען קאָאָפּעראַטיווען וועזען, אין „פאָלקסבלאַט" (רעד. ל. קאַהאַן) און „לאָדזער טאַגעבלאַט".

## קאַראָ משה



געבוירען דעם 19 פעברואַר 1893 אין גאָסטינין באַ אַ זייער מיחוס-דיגער פאַמיליע. דער עלטער-זיידע זיינער — פון דער מוטערס צד — איז געווען דער ניעשאַווער גאון ר' משה טוירנער זצ"ל; דער זיידע זיינער — פון פאָטערס צד — איז געווען דער לוביענער רב ר' משה ז"ל לבית יוסף; דער פאָטער זיינער יצחק צבי איז אַנ'אַמאָליגער סוחר.

ק. מ. האָט געלערנט אין היגע שולען און שפּעטער געענדיגט די געווערב-שול, (פּאָמאָרסקע 48—46) אַלס וועבער-מייסטער. זייט 1912 סעקרעטאַר פון היגען ערשטען העברעאישען גימנאַזיום. (מאַגיסטראַצקע 21.)

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטעקייט אָנגעהויבען נאָך אין דער אַ מאָליגער ציוניסטישער יוגענט־אָרגאַניזאַציע „לומדי שפת עבר", ווי אויך געווען איר פאָרזיצער. האָט מיטגעאַרבעט אין דער ערשטער „הבמה העברית". געווען טעטיג אין די פאַרוואַלטונגען פון „חברה מחסה לזקנים" און אין ספּאָרט-קלוב „בר כוכבא". איז יאָרענלאַנג מיטגליד פון ציוניסטישען „שטעטישען קאָמיטעט" און לעצטענס געהער ער צום פּרעזידיום. איז מיטגליד פון די פאַרוואַלטונגען פון קרן היסוד, קרן קימת ווי אויך פון „ציוניסטישען פּאַרטיי-ראַט" אין פּוילען. געווען פאָרזיצער פון דער סערטיפיקאַטען-קאָמיסיע באַם היגען פּאַלעסטינע-אמט. איז פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פון לאָקאַלע און יוגענט - אָרגאַניזאַציעס באַ'ם היגען ציוניסטישען „שטעטישען קאָמיטעט". פאָרזיצער פון דעם „חלוץ בעל מלאכה", וואו ער פירט אָן זייט דער גרינדונג אַ שטאַרקע טעטיגקייט.

## קויפמאַן וואָלף



געבוירען דעם 12 מאַי 1897 אין אַ היגער זייער מיוחסדיגער פאַמיליע (דער עלטער-זיידע זיינער אַברהם אָפּאָטשינסקי, דער שוואָגער פון מאיר לייבוש מלבום זצ"ל, איז געווען אַמאָל אַ היגער גרויסער באַלאַנטעריי־סוחר, אַנ'אָדם חשוב, און דאָזאָר אין דער קהל-שטוב; זיין עלטער-עלטער פּעטער איז געווען דער לאָדזשער רב ר' יחזקאל נאָמבערג זצ"ל; איז אַנ'אייניקעל פון בעל חמדת שלמה און בעל בית מאיר; דער פאָטער זיינער פייוועל איז אַנ'אַמאָליגער אָנגעזעהענער סוחר.

ק. וו. האָט געלערנט אין חדר דערנאָך באַ פּריוואַט-מלמדים, און אין דער גערער ישיבה, ווי אויך באַקומען וועלטלעכע בילדונג באַ פּריוואַט - לערער. אַלס 16 יאָריגער בחור אַריינגעטרעטען אין פאָטערס געשעפט אַריין, וואו ר'האָט געאַרבעט ביז צו דער חתונה. נאָך דער חתונה דערעפענט אַנ'אייגען מאַנופאַקטור-געשעפט. שפּעטער האָט ער אויך עטלעכע יאָר געפירט אַ פאַבריקאַציע און אויסגעאַרבעט באַנוועלנע סחורות. זייט 1924 האָט ער זיין לאַגער פון מאַנופאַקטור - סחורות אויף דער אָגראָדאָווע 3, און דורך דער צייט דערוואָרבען אַ גוטען נאָמען און שמט אַלס סאָלידער סוחר. די פירמע וו. קויפמאַן איז אַנ'אָנגעזעהענע און האָט פאַרטרעטונגען פון די אַקציענגעזעלשאַפטען: יוליוש קינדערמאַן, קאַלישער מאַנופאַקטור און קאַרל שטיינערט.

ק. וו. האָט די ערשטע צייט דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון „בית יעקב" זשורנאַל אין לאָדזש, און אין וועלכען ר'האָט אויך פאַרעפענטלעכט אַ ריי אַרבעטען וועגען דערציהונג-פראַגען, א. נ. „די מוטער און איר אויפגאַבע". איז מיטגליד פון קוראַטאָריום פון דער היגער תחכמוני-שול, וואו ער טראָגט באַ זיין פּאָזיטיווער אַרבעט. אונטערשטיצט ברייטוויליג די היגע אינסטיטוציעס.

# קראָטאָשינסקי יוזעף



געבוירען דעם 19 מערץ 1877 אין קלעטשעוו, באַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע, (דער פאָטער זיינער הערמאַן איז געווען אַ סוחר) געענדיגט אַ היגע רעאַל-שול. דערנאָך אַריינגעטרעטען צו ס. קראָטאָשינסקי, וואו ער האָט דערלערענט די וועבעריי און שפּעטער לאַנגע יאָרען געוועזן טעכנישער לייטער פון דער פאַבריק. 1910 אָנגעהויבען צו פאַבריצירען קאַמגאַרן-סחורות. די פירמע „יוזעף קראָטאָשינסקי און שמואל קאָרענבלום" אין טאָמאַשאָוו מאז., האָט געהאַט אין אַ געפאַכט לאָקאַל אַנ'אייגענע מעכאַנישע וועבעריי. מיט'ן אויסברוך פון קריג איז די פירמע ליקווידירט געוואָרען. די ערשטע מלחמה-יאָרען געפירט געשעפטען אין ווארשע. שפּעטער געוואָרען מיטשותף פון דער היגער פירמע „פּרענטקע און יאָנאַס". 1923 אָנגעהויבען צו פאַבריצירען זייד-אויסאַרבעטונגען, לכתחילה אין אַ קליינעם מאסשטאַב, אַרויסגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען. 1925 איינגעאָרדענט אין אַ געפאַכט לאָקאַל אַנ'אייגענע מעכאַנישע וועבעריי. די פירמע באַזיצט איצט אַ זיידען-צווירנעריי, און אַ זיידקעטען-שליכטעריי. די פירמע יוזעף קראָטאָשינסקי געהער צו די אָנגעזעהענע פאַבריקאַט-הייזער פון דער זייד-בראַנזשע אין אונזער שטאָט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין דער טאָמאַשאָווער „ליי-און שפּאָר-קאַסע". מיטגרינדער פון היגען „טעקסטיל-מייסטער-פאַראיין". (זאַכאָדניע 63). געווען טעטיג אין דער „האַנטווערק-שול", (פּאָמאָרסקע 48—46). איז פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער „געז. פוילישע פאַבריקען פון דער זייד-בראַנזשע". געווען פּרעזעס פון „קאָמיטעט צו טראָגען הילף די פּליטים פון דייטשלאַנד". איז וויצע-פּרעזעס פון „חסד ואמת". געהער צו די פאַרוואַלטונגען פון „בקור חולים", „אוזדראָוויסקאָ" און לעגיאָן א. נ. בערעק יאָסעלעוויטש. לאַוניק פון היגען אַרבעטער-געריכט.

ר

# ראָזענבערג ישראל



געבוירען דעם 16 אפריל 1896 אין א היגער בעל-הבתישער פאמיליע. געענדיגט אַ היגע האנדעל-שול, דערנאָך געענדיגט יאַראָטשינסקי'ס וועב-שול. האָט געארבעט אלס וועבער-מייסטער אין אנ'אָרטיגער פאבריק, ווי אויך אליין פאבריצירט סחורות.

זיין זשורנאַליסטישע טעטיגקייט אָנגעהויבען (1920) אין די פּ. צ. פּארטיי-אָרגאנען. 1924 געווען רעדאַקטאָר פון דער „יודישער טורן און ספּאָרט-צייטונג", (דערשינען 14 נומערן). זייט דעמאָלט אַריינגעטרעטען אַלס שטענדיגער מיטאַרבעטער פון „נייעם פאָלקסבלאט", וואו ער דרוקט זיינע אַרטיקלען, צייטונג-ראָמאַנען, טעאַטער-רעצענזיעס א. פּ.: י. דאָנקין, ר. א״זראעל. אין בוך-פאָרם זענען דערשינען זיינע: „זכרונות פון הרב אליהו חיים מייזעל ז״ל, 1929 און די צייטונג-ראָמאַנען: „ליבע און טויט" (1930) און „אויף זינדיגע וועגען".

# ראָזענבערג לייבוש



געבוירען ט'ו כסלו 1877 אין אָפּאַטאָוו (דער פאָטער יעקב איז געווען אַ סוחר) געלערענט אין חדר דערנאָך געאַרבעט באַ'ם פאָטער אין געשעפט. זייט 1899 געהאַנדעלט אין לאָדזש מיט אָבפאַל, צוזאַמען מיט אַ שותף, א. פּ.: „ח. מ. וואָידיסלאַווסקי און ל. ראָזענבערג". זייט 1916 האַנדעלט ער מיט גאַלאַנטערי-סחורות אין די האַלעס, (נאָוואָמיעסקע 19).

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען, אין פאַרשידענע היגע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. 1916 אַריינגעטרעטען אין „קליינהענדלער-פאַראיין" (אָגראָדאָווע 10), וואו ר'האָט צוערשט נעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג, און נאָך עטלעכע יאָר געוואָרען פאָרזיצער, וועלכען אַמט ער פלעגט זייט דעמאָלט ביז'ן היינטיגען טאָג. געווען וויצע-פאָרזיצער פון דער „האַנטווערקער-באַנק" (פאָלודניאָווע 4). מיטגרינדער פון דער „קליינהענדלער-באַנק", (אָגראָדאָווע 2) און די גאַנצע צייט פאָרזיצער פון אויפזיכט-ראַט. האָט מיטגעאַרבעט אין דער היגער אָבט. פון דער עמיגראַציע-געזעלשאַפט „יעאַס". געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער „לאָדזשער עקספּאָזיטור פון די קאָאָפּעראַטיווע בענק בא'ם אַלג. רעוויזיאָנס-פאַרבאַנד אין פוילען. איז שוין עטלעכע יאָר טעטיג אין דער געז. „לינת הצדק". אויסגעוויילט געוואָרען מצד די היגע קליינהענדלער אַלס פּרנס פון דער יודישער קהלה און אַלס ראַטמאַן פון דער האַנדעל-קאַמער, וואו ער איז זייער פאָרשטייער.

# ראָזענפעלד משה



געבוירען דעם 1864 אין בערדיטשעוו, באַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער יודעל איז געווען אַ גרויסער גאַלאַנטערי-סוחר, למדן און בעל צדקה). ר. מ. האָט באַקומען אַ שטרענג-יודישער דערציהונג. געלערענט בא די בעסטע מלמדים. נאָך דער חתונה, (דער שווער זיינער איז געווען פּרץ גרינבערג, אַ גוטבאַזיצער פון מאָהילעוו-פּאָדאָלסק) איז ער ווייטער געזעסען און געלערענט.

1892 געקומען נאָך לאָדזש און געגרינדעט דאָ א קאָמיסיאָנהויז פון גאַלאַנטערי-סחורות און דערהויפּט פון זאָקען. האָט אַוועקגעשטעלט באַלד דאָס געשעפט איף א ברייטען מאַסשטאַב און געוואָרען דער הויפּטאָבנעמער פון די אַלעקסאַנדערער פאַבריקאַנטלעך. האָט די אַלעקסאַנדערער זאָקען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד און מיטגעהאָלפען צו דער אנטוויקלונג פון דער זאָקען-פאבריקאציע אין אַלעקסאַנדער, אונטער לאָדזש. אין אָנהייב פון

אונזער יאָרהונדערט האָט האַלב אַלעקסאַנדער געאַרבעט פאַר זיין לאַגער.

1904 איז אריינגעטרעטען אין געשעפט דער זוהן זיינער אברהם, (געבוירען דעם 31 אָקטאָבער 1884 אין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק) און די פירמע: „מ. ראָזענפעלד" שטעלט דעמאָלט אויף אַן־אייגענע זאָקען־פאַבריק אין לאָדזש, מיט 20 האַנט מאַשינען. חוצדעם האָט זי אַרויסגעגעבען אויף לוין צום אַרבעטען. די סחורה פלעגט פאַרשפּרייט ווערען אין די וויטסטע קאַנטען פון רוסלאַנד.

די פירמע האָט זיך שטאַרק אַנטוויקעלט, און אויפגעשטעלט 1914 אַן־אייגענע מעכאַנישע פאַבריק מיט 54 מאַשינען און אויסגעאַרבעט 300 טוץ זאָקען אַ וואָך. דער אומזאַץ פון דער פירמע האָט פאַר׳ן קריג דערגרייכט 300 טויזענט רובעל אַ יאָר. די פאַבריק האָט דעמאָלט באַשעפטיגט 100 אַרבעטער און אויף לוין אַרויסגעגעבען פאַר 50 אַרבעטער.

אין דער מלחמה־צייט האָט די פירמע נישט געאַרבעט. 1919 האָט די פאַבריק ווייטער אָנגעהויבען צוריק צו אַרבעטען. די פירמע איז אויך געענדערט געוואָרען, א. פ.: „מ. ראָזענפעלד און זוהן". אַזוי ווי דער רוסישער מאַרק איז פאַרלוירען געגאַנגען האָט די פירמע זייט דעמאָלט גענומען אויסאַ־בעטען בעסערע סאָרטען שטרימף.

1922 איז די פאַבריק שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרען מיט אַ גרויסער צאָל מאַשינען. 1929 האָט די פירמע אויפגעשטעלט 1 זאַץ קאָטאָן־מאַשינען און גענומען טרייבען די פאַבריק אין אַ גרעסערען מאַסשטאַב. די פאַבריק באַזיצט 143 מאַשינען און באַשעפטיגט איצט 120 אַרבעטער, דערונטער אַ קליינעם פּראָצ. יודישע. די פירמע „מ. ראָזענפעלד און זוהן" אַרבעט אויס די פיינסטע סאָרטען פון דער שטרימף־בראַנזשע. די פירמע געהער צו די גרויסע פאַבריקאַט־הייזער אין אונזער שטאָט.

ראָזענפעלד משה האָט געשאָנקען אַ שטוב פאַר „חברה מחסה לזקנים" אין דעם ערשטען פּראָנט־בנין. אונטערשטיצט ברייטהאַרציג די היגע אינסטיטוציעס.

1935 האָט די פירמע געקריגען אַ שטאַרקען קלאַפּ. ס׳איז געשטאָרבען אין ווין דער זיהן זיינער אַברהם ראָזענפעלד, וועלכער איז געווען איינער פון די מיטבויער פון דער פירמע און פּאַקטישער אָנפירער במשך פון לאַנגע יאָרען פון דעם געשעפט. דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַן׳ענערגישער און אַרבעטזאַמער מענטש און געאַכט אין די סוחרישע קרייזען. ר׳האָט אויך אָנטייל גענומען אין געזעלשאַפטלעכען לעבען. געווען מיטגרינדער און וויצע־פּאָרזיצער פון היגען „שטרימף־פאַבריקאַנטען פאַראיין". ווי אויך לעצטענס אויסגעוויילט געוואָרען אַלס ראטמאַן פון דער היגער „האַנדעל־קאַמער".

ראָזענפעלד משה מישט זיך שוין איצט נישט אין געשעפט. מיט דער פירמע פירען אָן זיין יונגער זוהן פּאַוועל, ווי אויך זיין אייניקעל ד״ר נאַטאַן ראָזענפעלד.

## ראָטענבערג שלמה לייב



געבוירען דעם 2 סעפטעמבער 1885 אין לאָדזש. (דער פאָטער זיינער נחום איז געווען אַ בעקער) געלערענט אין חדר און אין דער פאַרזשענטשאָווער ישיבה, דערנאָך אָנגעקומען צו אַ דרוקער, פון דאָרט אַריבער אין אַ זייגער־פאַבריק, צולעצט אריינגעטרעטען אין פאָטערס בעקעריי, וואו ר׳האָט נאָכדעם געאַרבעט אַלס געזעלען.

אין יענער צייט איז ער אַלס אַקטיוו/ר בונדיסט עטלעכע מאָל איינגעזעצט געוואָרען אין טורמע. ווערענדיג באַפרייט אַנטלאָפען נאָך אַמעריקע, וואו ר׳האָט פאַרבראַכט אין באָסטאָן און ניו־יאָרק און דאָרט מיטגעאַרבעט אין דער „בעקער־אַרבעטער־יוניאָן". זייט 1916 אָנגעפירט יאָרענלאַנג אַ טעטיגקייט אין היגען „יודישען בעקער־מייסטער־פאַראיין", און געווען פאָרזיצער און וויצע פאָרזיצער פון דער אינסטיטוציע. 1928 געווען פאָרזיצער פון „אַלפּױלישען בעקער־צוזאַמענפאָר" אין וואַרשע און דעמאָלט אויסגעוויילט געוואָרען אַלס פאָרזיצער פון צענטראַל־ראַט אין פּױלען, געווען דער ערשטער עלטסטער פון ה׳גען „יודישען בעקער־צעך", וואו זייט דער גרינדונג אַנטוויקעלט אַ שטאַרקע טעטיגקייט.

## רייזפעלד קאַראָל (קלמן)



געבוירען דעם 30 יוני 1891 אין דזשאַלאָשיץ. בא אַ בעל הבתישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער בער הירש איז אַמאָל געווען אַ תבואה סוחר) האָט באַקומען אַ יודישע דערציהונג. אַלס 13 יאָריגער יונגעל געקומען נאָך לאָדזש און אַריינגעטרעטען אויף דער דעמאָלטיגער גרויסער זיידענפאַבריק פון מאַריאַן פיינער, וואו ר׳האָט דערלערענט פּאַכמעניש די קונסט־וועבעריי. 1908 אָנגעהויבען צוזאַמען מיט אַ שותף, צו פאַבריצירען אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, אַרויסגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען. נאָך אַ צייט אָבגעהאַקט פון שותפות און די אייגענע זייד־פאַבריקאַציע געפירט ווייטער אין אַ גרעסערען פאָרמאַט. אַזוי אַז פאַר דער מלחמה האָט די פירמע „קאַראָל רייזפעלד" שוין פאַרנומען אַ שיין אָרט אין דער היגער זייד־בראַנזשע. בעת דער מלחמה־צייט האָט די פירמע געליטען שטאַרקע היזקות, אָבער, די פאַבריק איז נישט אָבגעשטעלט געוואָרען. בעת די דייטשען פאַרלאָזען פּױלען ווערט די פאַבריקאַציע שטאַרק פאַרגרעסערט. ער איז געווען דעמאָלט דער ערשטער היגער זייד־פאַבריקאַנט, וועלכער האָט אויסגעאַרבעט זיידען טריקאָ, (טריקאָטין).

1922 אויפגעשטעלט אַן׳אייגענע פאַבריק מיט אַ גרויסער צאָל מאַשינען און גענומען אויסאַרבעטען ריינע זיידענע און קונסט־זייד־אַרטיקלען, וואָס זענען שטאַרק פּאָפּולער געוואָרען איבער גאַנץ פּױלען.

די פירמע „קאַראָל רייזפעלד" פאַרנעמט איצט איינעם פון די בכבודסטע ערטער צווישען די פאַבריקאַנטען פון דער ריינער זיידען־אינדוסטרי אין לאָדזש.

די פירמע האָט באַקומען פאַרשידענע אויסצייכענונגען אויף די אויסשטעלונגען אין רוים (1926) אַ גאָלדענעם מעדאַל, אין פּױזען (1929) אַ זילבערנעם און בראָנזענעם מעדאַל און אויף דער לעוואַנטין אויסשטעלונג פון תל־אביב (1934) אַ דיפּלאָם.

ר. ק. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן

געזעלשאַפטלעכן לעבן. נעמט אַנ׳טייל אין דעם „פּוילישען ייד - פאַבריקאַנטען - פאַראיין", און איר וויצע-פאָרזיצער. אַרבעט מיט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „טעקסטיל-באַנק". איז פאַרוואַלטונג-מיטגליד אין דער „געווערב-שול (פּאַ־אַרקע 48–46) און אין דער פּויליש-פּאַלעסטינישער האַנדעל-קאַמער. איז לאַווניק אין ארבעטער-געריכט. אונטערשטיצט ברייטווייליג די היגע אינסטיטוציעס.

ש

## שוואַלבע מנחם מענדעל



געבוירען דעם 13 דעצעמבער 1893 אין בערדיטשעוו. (דער זיידע זיינער חיים איז געוועזען אַ קאַלאַניסט אין לוצקער ראַיאָן און בוימייסטער; דער פאָטער זיינער משה איז געוועזען אַ סוחר און פאַבריקאַנט) ש. מ. מ. האָט געענדיגט די היגע רוסישע רעגירונג - גימנאַזיע. שטודירט אויפ׳ן וואַרשעווער און אָדעסער אוניווערזיטעט און באַקומען דעם טיטעל דאָקטאָר מעדיצין. 1916-18 געוועזען לערער אויף די אָוונט - קורסען פון היגען „שול און פאָלק - בילדונג פאַראיין". זייט 1922 סעקרעטאַר פון דער היגער „טאָז" געזעלשאַפט.

ש. מ. מ. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכן לעבן. געווען מיטגרינדער און מיטגליד פון דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון דער לאָדזשער „קולטור-ליגע". מיטגרינדער אין לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער אָרטיגער אָבטיילונג „פריינט פון יודיש וויסענשאַפטלעכן אינסטיטוט", וואו ער איז לעצטענס וויצע פאָרזיצער. האָט מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער היגער אַבט. „יודישע געזעלשאַפט". איז אין שליחות פון „טאָז" מיטגליד פון דער וואָיעוואָדישער קאָמיסיע פון זומער-קאָלאָניעס. לאַווניק אין אַרבעטער-געריכט.

ש. מ. מ. פאַרעפענטלעכט זיינע אַרטיקלען וועגן אַקטועלע פראַגען אין „נייעם פאָלקסבלאַט".

## שוויענטאָסלאַווסקי שמואל



געבוירען דעם 25 דעצעמבער 1879 אין פּיעטריקאָוו. (דער פאָטער זיינער משה יהודה האָט געהאַט דעם מאָנאָפּאָל אויף זאַלץ) געענדיגט די פּיעטריקאָווער אַלעקסאַנדער-שול. צו 14 יאָר אָנגעקומען אין דעם אגענטור - געשעפט פון איזידאָר קעמפּינסקי. דערנאָך געאַרבעט בא חיים מענדעל ווינטער אין גאַרן-געשעפט. 1902 דערעפענט זיין אייגען גאַרן-האַנדעל און אגענטור - געשעפט, וואָס האָט עקזיסטירט ביז׳ן אויסברוך פון קריג. די מלחמה-יאָרען פאַרבראַכט אין פּעטערבורג און שטאָקהאָלם. זייט 1921 געוואוינט צוריק אין לאָדזש און אָנגעפירט מיט זיין געשעפט, וואָס איז אין די היגע סוחרישע קרייזען געווען פאַרעכנט צו די סאָלידע פירמעס. 1934 געשטאָרבען אין לאָדזש.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין שטאָקהאָלם, וואו ר׳האָט אין יענער צייט אָנטיילגענומען אין פאַרשידענע הילפ-אַקציעס. האָט מיטגעאַרבעט אין דעם דאָרטיגען „אַלגעמיינעם הילפס-קאָמיטעט צו שטיצען די מלחמה-קרבנות", וועלכער האָט דעמאָלט פונאַנדערגעשיקט גרויסע געלטסומען אין זייער א סך יודישע קבוצים. האָט א קורצע צייט מיטגעאַרבעט אין היגען יתומים-הויז, (פאָלנאָצנא 38) ווי אויך עטלעכע יאָר אנטוויקעלט א שטאַרקע טעטיגקייט אין „עזרת אלמים", וואו ער האָט א סך באַגעטראָגען לטובת דער אינסטיטוציע און געווען וויצע-פאָרזיצער פון דער טויב-שטומע-שול.

## שטרויסמאַן שמואל



געבוירען דעם 28 פעברואַר 1878 אין ראַדאָם בא א בעל הבתישער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער לייבוש איז געווען אַ סוחר).

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען נאָך אין דער אַמאָליגער ראַדאָמער „צעירי ציון", שפּעטער מיטגעאַרבעט אין היגען „תקות ציון" פאַראיין. 1911 געווען מיטגרינדער פון דער היגער „גמילת חסדים קאַסע", (גלובנע 62) וואו זייט דעמאָלט פאָרזיצער פון דער נוצלעכער אינסטיטוציע; זייט 1926 פאָרזיצער פון הילפ-פאַראיין: „מחזיקי חולים", (דאָווּבאָרטשיקוב 28) וואו ער פירט אָן די גאַנצע צייט אַ פּאָזיטיווער אַרבעט.

## שיק אַרטור



געבוירען דעם 3 יולי 1894 אין אַ היגער סוחרישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער שלמה איז געווען אַ פאַבריקאַנט) געלערענט אין דער היגער פּוילישער האַנדעל-שול ביז צום 6 קלאַס, נאָר אויפ׳ן פאַרלאַנג פון שול - דירעקטאָר וואַצלאַוו קלאָס, שיקט אים דער פאָטער אַריבער אין דער פּאַריזשער קונסט-אַקאַדעמיע, וואו ר׳האָט פאַרבראַכט עטלעכע יאָר צייט. 1914 באַזוכט די קראָקעווער קונסט-אַקאַדעמיע. אין דעם יאָר דורכ׳ן היגען „הזמיר" ארויסגעשיקט געוואָרען נאָך פּאַלעסטינע, (צוזאַמען מיט מאַקס האַבעמאַן). צוריקוועג אַריינגעטרעטען אין אָדעס אין דער רוסישער אַרמיי, נאָר נאָך דער שלאַכט אונטער לאָדזש איז ער געבליבען אינדערהיים. אין יענער צייט איינגעאָרדענט דאָ עטלעכע אויסשטעלונגען וועלכע זיינען זייער וואַרים אויפגענומען געוואָרען פון פּובליקום און דער קריטיק. האָט דעמאָלט געמאַכט אויך גרויס אויפזעהען מיט זיינע אילוסטראַציעס צו דער פּוילישער איבערזעצונג פון בראָמבערג - ביטקאָווסקי׳ס „שיר השירים". 1920 אַריינגעטרעטען אין דער פּוילישער אַרמיי. נאָך דער מלחמה אַוועק נאָך פּאַריזש, וואו ר׳האָט פאַרבראַכט אַ ריי יאָרען. זייענדיג דאָרט אילוסטרירט: פּיער בענואס „יעקב׳ס ברונעם", „מגלת אסתר", (פּיאַטצא) לידער פון זשאַבאָטינסקי׳ן; 1926–29 געשאַפען זיין מייסטערווערק דעם „קאַלישער סטאַטוט", דורך וועלכען ר׳האָט געקריגען אַ וועלט-נאָמען און געפייערט טריומפען

אין פאַרשידענע לענדער. 1930 אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער׳ן „סטאַטוט פון פעלקער-בונד״, אָבער אים נישט געענדיגט. 1931 געווען דער גאַסט פון „פעלקער - בונד״ אין זשענעווע. האָט אילוסטרירט דעם אַלבום „געשיכטע פון אַמעריקאַנער רעוואָלוציע״ (וואַשינגטאָן). אין דער צייט געהאַט זיינע אויסשטעלונגען אין ענגלאַנד און אמעריקע. זייט 1935 צוריק אין זיין היימשטאָט לאָדזש, וואו ער אַרבעט זייער פלייסיג איבער די אילוסטראַציעס פון דער „הגדה של פסח״.

וועגן אַרטור שיק׳ן האָבן געשריבן אַזעלכע קריטיקער, ווי: פיער בענוא, קאָנאַדי, ראָלאַנד מארסעל, דע מאָנזי, א. אנד. באַצייכענדיג אים אַלס מייסטער פון דער מיניאַטור-צייכענונג.

דאָס פראַנצויזישע „לוקסענבורגער מוזעאום״ און די „נאַציאָנאַל - ביבליאָטעק״ באזיצען ויינע צוויי ארבעטען, ווי אויך געפונען זיך קאָפּיעס פון זיין „קאַלישער סטאַטוט״ אין „בריטישען מוזעאום״, אין „היברו יוניאָן קולידזש״ (צינצינאַטי) אין ירושלימער מוזעאום, יו״א, חוצדעם אין דער זאמלונג פון ערשטען פוילישען מאַרשאַל יוזעף פילסודסקי, פרעזידענט פראָפ. איגנאַצי מאָשטשיצקי, איגנאַצי פאַדערעווסקי, און בא אנדערע פערזענלעכקייטען.

אַרטור שיק האָט באַקומען דעם פראַנצויזיש-אַקאדעמישען אָרדען „אָפיציר-פאַלמען״, (1923) דעם פוילישען „גאָלדענעם פאַרדינסט-קרייץ״, (1930) און דעם „זשאָרזש וואשינגטאָן״ פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס. (1934)

## שלאַגמאַן פייבוש



געבוירען דעם 1 יאנואר 1890 אין נאָווידוואָר, בא א בעל הבתישער פאַמיליע. דער זיידע זיינער שמואל הירש איז געווען אַ גרויסער פאָדריאַדטשיק, א בעל צדקה און אַ פרומער ייד; די באָבע ווייטער זיינע עסקע ביילעס האָט פארגומען זיך מיט כלל-זאַכען און בשעתו אַ סך געהאָלפען אָרעמע מענטשען; דער פאַטער זיינער שמחה איז געווען אַ סוחר.

ש. פ. האָט צוערשט געלערענט אין א היגען חדר, דערנאָך באם זיידען ר׳ שמואל הירש אין נאָווידוואָר און אין דער דאָרטיגער ישיבה. צו 13 יאָר אָנגעקומען אין לאָדזש אויף אַ פאָסטען. שפעטער געאַרבעט דאָ אויף נאָך א ריי פאָסטענס. צו 16 יאָר געגרינדעט אַ שטרימף-פאַבריקאַציע, אויף אייגענע מעכאַנישע רונד-מאַשינען און אין א געפאַכט לאָקאַל. א. פ.: „ברידער שלאַגמאַן״. נאָך עטלעכע יאָר איז די פאַבריקאַציע שטאַרק פאַרגרעסערט געוואָרען און ס׳איז צוגעטרעטען אַלס שותף דער ה׳ אברהם לעקיך. די פירמע „לעקיך און שלאַגמאַן״ האָט געהאַנדעלט מיט רוסלאַנד און געפירט שיינע געשעפטען, נאָר צוליב׳ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה איז זי ליקווידירט געוואָרען. די ערשטע מלחמה-יאָרען געפירט אין ווין פאַרשידענע געשעפטען. נאָך דער חתונה געווען אַ שפינער פון וויגאָניע-גארן. פון 1924 געהאַנדעלט מיט גאַרן פון פארשידענע פירמען.

ש. פ. האָט מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע היגע ציוניסטישע אקציעס. געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון דער לאָדזשער אָבט. „פריינט פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים״. האָט אונטערשטיצט ברייטהאַרציג א סך פון די היגע אינסטיטוציעס.

ש. פ. איז אַוועק (1935) נאָך ארץ ישראל, בכדי עפעס דאָרט פאָזיטיוועס צו שאַפען.

## שלאָסער יעקב



געבוירען דעם 25 אָקטאָבער 1897 אין ליסקאָ, באַ א מיחוסדיגער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער אייזיק איז אַ סוחר, למדן און רעליגיעזער ייד) ש. י. האָט געענדיגט די ווינער גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט אויפ׳ן ווינער און בערלינער אוניווערזיטעט און באַקומען דעם טיטעל ד״ר מעדיצין. ספעציאַליזירט אין די אוניווערזיטעט כירורגישע - קליניקען פון ווין און בערלין. זייט 1931 פראַקטיצירט ער אין אונזער שטאָט.

ש. י. האָט געהאָלפען אָרגאַניזירען דעם חלוצים-פאטראָנאַט פון די היגע „אָרטאָדאָקסישע קבוצים״, וואו ער פירט אָן אַ פאָזיטיווער אַרבעט און פאָרזיצער פון דער נוצלעכער אינסטיטוציע. איז פאַרוואַלטונג מיטגליד פון דער היגער אָבטיילונג פון דער יודישער געזעלשאפט פאַר לאַנדקענטשאַפט אין פוילען״.

ש. י. האָט פאַרעפענטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין דער אָרטיגער יודישער פרעסע, („לאָדזער טאַגעבלאַט״, „נייעם פאָלקסבלאַט״ און אין „יודישען אַרבעטער״) ווי אויך אַרויסגעטרעטען מיט רעפעראַטען.

## שפייזהענדלער שלמה



געבוירען דעם 13 יוני 1891 אין לאָוויטש, באַ אַ בעל-הבתישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער משה איז געווען אַ גרויסער שניט-סוחר און אָנגעזעהענער מענטש) געלערענט אין חדר, באַ פריוואַט-מלמדים און פריוואַט-לערער. דערנאָך אַריינגעטרעטען צום פאָטער אין געשעפט, וואו ר׳האָט געאַרבעט ביז צו דער חתונה. נאָך דער חתונה געווען מיטבאַטייליגט אין זיין שווערס געשעפט. 1926 געגרינדעט צוזאַמען מיט זיין שוואָגער די פירמע : „רייכמאַן און שפייזהענדלער״, אַנ׳אַליינפארקויף פון פאַרשידענע מאַנופאַקטור - סחורות. די פירמע האָט אין משך פון יאָרען געהערט צו די אָנגעזעהענע האַנדעל-הייזער אין אונזער שטאָט. זייט 1934 מיטשותף פון דער ניי-געגרינדעטער פירמע: „הורטאָווניא באַוועלניאַנע״, וועלכע האָט שוין דערוואָרבען פאַרטרויען אין די סוחרישע קרייזן.

ש. ש. האָט אָנגעפירט אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין דער „קאָאָפּעראַטיווער סוחרים-באַנק״, (ציגעל-גאַס 3) וואו ר׳איז אַ צייט געווען מיטגליד אין אויפזיכט-ראַט. זייט עטלעכע יאָר טעטיג לטובת דעם אינטערנאַט און פערמע פאַר יודישע קינדער: „העלענוועק״, וואו ר׳איז פרעזידיום-מיטגליד.

# צוגאָב

## א

### אַדלער יאַנקעל



געבוירען דעם 26 יולי 1895 אין אַ היגער פּאַרמעגלע־כער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער אלי׳ איז געווען אַ סוחר) געלע־רענט אין חדר. צו 11 יאָר אַריין אין דער לער צו אַ גראַווירער. 1911 אַוועק נאָך דייטשלאַנד. פון דאָרט אַריבער נאָך סערביען, וואו ר׳האָט געאַרבעט אין בעלגראַד אַלס געהילף - גראַווירער באַ׳ם קעניגלעכען פאָסט-גראַווירער. 1913 אַריינגעטרעטען אין דער דיסעלדאָרפער קונסט-אַקאַ - דעמיע, וואו ר׳האָט שטודירט און גע־לערענט די הויפּטזאַכלעכע לערע באַ פראָפ. גוסטאַוו וויטיכטער פון באַרמען. 1918 צוריקגעקומען נאָך לאָדזש און דעמאָלט דאָ אָנטיילגענומען אין די העפטען „יונג יודיש". ווי אויך אויסגע־שטעלט זיינע בילדער אין לאָדזש און אין וואַרשעווער אַרטיסטען-קלוב – צוזאמען מיט אַנדערע מאָלער. 20–1919 באַזוכט דייטשלאַנד. עסטרייך און סערביען. 1920 אָנגענומען געוואָרען אַלס מיטגליד פון דער „קינסטלער-פאַראייניגונג אין ריינלאַנד", וואו ר׳האָט שפּעטער יעדעס יאָר איינגעאָרדענט זיינע בילדער־אויסשטעלונגען, דורך וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען אַלס אייגענאַר־טיגער מאַלער און גרויסער טעכניקער. זייט 1920 פאַרבראַכט אין דיסעלדאָרף. 1930 געמאַכט אַ רייזע איבער שפּאַניען. צוליב די גרויסע געשעהענישען אין היטלערלאַנד האָט ער אין 1933 פאַרלאָזט די מדינה. דערנאָך געלעבט אין פּאַריזש און אין זיד-פראַנקרייך. אין 1935 געקומען נאָך פּוילען, וואו ר׳האָט איינ־געאָרדענט אין אַ ריי שטעט זיינע בילדער-אויסשטעלונגען און געפּייערט גרויסע טריומפען.

די בילדער פון דעם קינסטלער געפינען זיך אין די מוזעאומס פון עסען, דיסעלדאָרף, קעלן, פראַנקפורט ב. מ., סאַאַרבריקען, קרעפעלד, בערלין, ווי אויך אין מאָסקווער „מוזעאום פאַר מערב-אייראָפּעאישער קונסט". חוצדעם אין דער „נאַציאָנאַל-גאַלעריע" (קרוינ־פרינצען-פּאַלאַץ) פון בערלין, „קונסט־האַלע" פון מאַנהיים, „רוהמעס-האַלע" פון באַרמען און אין דער „פאַראייני־גונג פאַר יונגע קונסט" פון דיסעל־דאָרף.

### אוליניאָווער מרים



געבוירען דעם 20 מערץ 1891 אין לאָדזש. (איר פאָטער שמעון הירש־ביין איז גע־ווען אַ גרוי־סער בן תורה, אַ משכיל, אַ קענער פון שפּראַכען).

א. מ. האָט געענדיגט אַ היגע מיטעל-שול. צו 15 יאָר האָט זי פאַר־עפענטלעכט די ערשטע פּראָזע-זאַך אין דער אַמאָליגער היגער פּוילישער צייַ־טונג: „ראָזוואָי" („פון די לעבענ־בולוואַרען"). דערנאָך האָט זי געדרוקט אירע לידער און פּראָזע אין דער היגער דייטשער און רוסישער פּרעסע.

ערשט אַ סך יאָרען שפּעטער האָט איר הערש דוד נאָמבערג געשאָנקען זיין אויפמערקזאַמקייט און פאַרעפענטלעכט אירע ערשטע יודישע לידער: „די סגולה", „דער הבדלה וויין" — אין „פאָלק" (פאָלקיסטישע צייטשריפט, רעדאַקטירט געוואָרען אַ צייט דורך אים). 1925 איז דערשינען איר בוך לידער, וואָס האָט איר געמאַכט אַ נאָמען אין דער לי־טעראַרישער וועלט: „פון מיין באָבעס אוצר", מיט אַן אַריינפיר-וואָרט פון דוד פרישמאַן, (פאַרלאַג: לעווין־עפּשטיין, וואַרשע 1925) זייט דעמאָלט האָט זי געדרוקט אירע לידער אין פאַרשידענע יודישע ציישונגען און זשורנאַלען.

די טעמאַטיק פון דער דיכטערין מרים אוליניאָווער איז דאָס אַמאָליגע יודישע שטייגער-לעבען, וועלכע זי לעבט אויף אין איר דיכטונג אויף אַן אייגענאַרטיגען אופן.

### אַפּט אהרן אליעזר



געבוירען ד. 25 אויגוסט 1890 אין קאַליש. (די באָבע זיינע טשאַרנע- פון פאָטערס צד- האָט פאַרנו־מען זיך איר גאַנץ לעבען מיט צדקה-זאַכען און אויפגעשטעלט אין קאַליש אַ יודיש שפּיטאָל, שוהל און בית-המדרש – וואָס זי האָט אָבגעשריבען לצמיתות אַלס אייגענטום פון דער דאָרטיגער יודישער קהלה; דער פאָטער זיינער דוד איז געווען אַ בן-תורה און אָנגעזעהענער סוחר).

א. א. האָט געלערענט אין חדרים ווי אויך באַקומען אונטעררייכט באַ פּריוואַט-לערער. דערנאָך אַריינגעטרע־טען צום פאָטער אין געשעפט. נאָכ׳ן פאָטערס טויט אַליין איבערגענומען דאָס געשעפט. 1919 אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש, וואו ר׳האָט אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט אָבפאַל און שמאַטעס, צוערשט אין אַ קליינעם פאָרמאַט, ביסלעכווייז איז ער וואָס ווייטער אַלץ מער געשטיגען אין דער בראַנזשע; איז איצט דער פאַרטרעטער פון אַ ריי אויסלענדישע רוי-שטאָפען-פירמען פון דער וואָל און באַוועל בראַנזשע און די פירמע: „א. אַפּט" געהער צו די גרויסע האַנדעל-הייזער אין אונזער שטאָט.

א. א. איז געווען מיטגרינדער פון „רוישטאָפען און טעקסטיל האַלב־פאַבריקאַטען פאַראיין", וואו ר׳האָט אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג געפלעגט דעם אַמט אַלס וויצע-פּרעזעס און דער־נאָך אַוואַנסירט און געוואָרען פּרעזעס פון דעם פאַראיין – פאַר וועלכען ר׳האָט בשעתו באַגעטראָגען זיין מיפּולער און נוצלעכער אַרבעט.

## ב

### באַרטשינסקי חנוך (הענעך)



געבוירען דעם 16 דעצעמבער 1896 אין לאָדזש, באַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער שמואל איז געווען אַ ווירט). ב. ח. האָט געענדיגט קאָנשטאַט׳ס שול. דערנאָך באַזוכט די היגע צייכענשול פון שוואַבסקי און די וואַרשעווער „שקאָלאַ ריסונקאָוואַ“ פון פראָפ. קאָטאַרבינסקי. בעת די מלחמה-יאָרען ווען הענעך גליצענשטיין האָט פאַרבראַכט אין לאָדזש איז ער אויך געווען זיין שילער. 1917 אילוסטרירט די העפטען „יונג-יידיש“. דעמאָלט אויך דאָ איינגעאָרדענט עטלעכע קליינע אויסשטעלונגען. שפעטער אַוועק נאָך דרעזדען, וואו ר׳האָט באַזוכט די קונסט-אַקאַדעמיע און געלערענט באַ פראָפ. קאָקאָשקאָ און פראָפ. גוסמאַן, וועלכע האָבען אים אָנערקענט אַלס מייסטער-שילער. 1923 געוואָרען מיטגליד פון דער דרעזדענער סעצעסיאָן און דאָרט אויסגעשטעלט זיינע בילדער. אין דער צייט אַרבעט ער אין זיין אַטעליע אין העלרוי באַ דרעזדען פלייסיג איבער מנורות, חנוכה-לייכטער, טעלער, בשמים-ביקסען. 1924 האָט דאָס דרעזדענער מוזעאום אָבגעקויפט זיינס אַ בילד. אין דעם יאָר אַוועק נאָך שפאַניען, איטאַליען פראַנקרייך אויף אַ שטודיע-רייזע וואו ר׳האָט איבעראַל געמאָלט בילדער, 1925 באַקומען אין פאַריזש דעם ערשטען פרייז, פאַר אַ פלאַקאַט פאַר׳ן פראַנצויזישען רויטען-קרייץ. 1926 שילער פון דער בערלינער קונסט-אַקאַדעמיע וואו ער באַטייליגט זיך דעמאָלט אין קאָלעקטיווע-אויסשטעלונגען, צווישען די זשורי-פרייע און אין סאַלאָנען. דאָרט זענען אויך אָבגעקויפט געוואָרען זיינע בילדער פון מוזעאום, פון דער בערלינער יודישער קונסט-זאַמלונג-געמיינדע און פון פאַרשידענע פריוואַט-זאַמלונגען פון דייטשלאַנד. 1929 באַזוכט זיד-פראַנקרייך און איטאַליען. 1930 האָט ער אילוסטרירט קנויערס לעקסיקאָן. 1932 פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט אין פאַריזש. 1933 צוריק נאָך פוילען, וואו ער האָט געהאַט זיינע אויסשטעלונגען אין וואַרשע און לאָדזש און די פרעסע האָט געשריבען מיט אָנערקענונג וועגען זיינע בילדער.

די באַקאַנטע קונסט-קריטיקער מאַקס אָסבאָרן און ווילע וואָלפראַט באַצייכענען הענעך באַרטשינסקי׳ן אַלס גוטען צייכענער און פאָרטרעטען-מאָלער.

### בזשוסטאָווסקי חיים יעקב



געבוירען דעם 14 מערץ 1891 אין לאָדזש. ב. ח. י. האָט צוערשט פאַרעפנטלעכט זיינע רעפאָרטאַזשען (1912) אין „לאָדזער טאַגעבלאַט“ (רעד. י. אוגער) שפעטער געדרוקט זיינע רעפאָרטאַזשען און טאָגבילדלעך אין „לאָדזער פאָלקסבלאַט“ (רעד. ל. קאַהאַן). אַ טייל איז דערשינען אין אַ ביכעל: „מ׳חמה-צייט“ פון בן חנוך, (פאַרלאַג: „לעבען“ לאָדזש 1917). האָט אַרויסגעגעבען די היגע בערזען-צייטונג: „יודישע בערזע“ (1921 דערשינען עטלעכע וואָכען). 1922 מיטרעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון לאָדזשער הומאָריסטישען וואָכענבלאַט: „דער תכשיט“. 1923 רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער פון דעם וואָכענבלאַט: „ארץ ישראל“ (דערשינען עטלעכע חדשים). 1923 מיטגרינדער און רעדאַקטאָר פון דער היגער טאָג-צייטונג: „נייער פאָלקסבלאַט“, וואו ער האָט פאַרעפענטלעכט זיינע טאָגבילדלעך, רייזע-איינדרוקען, טעאַטער-רעצענזיעס, אויך אונטער די פסעוודאָנימען: בן חנוך, קאַנאַריקעל, שאַרפצינגעל, טעאַטער-מענטש, ח. צערקעסאָן. געווען קאָרעספאָנדענט פון די יודישע צייטונגען: „מאָמענט“, פאָרווערטס“ און „פאָלקסצייטונג“, 1936 איז דערשינען זיין דראַמע: „זי שפילט ווייטער“.

### בערלינער נטע ירוחם



געבוירען דעם 2 מערץ 1899 אין ראַדזימין, באַ אַ פרומער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער אברהם דוב איז געווען קיקאָלער רב) ב. נ. י. האָט געלערענט אין דער ישיבה, דערנאָך אַליין ביז צו דער חתונה.

1921 דעביוטירט ער צום ערשטען מאָל אין אָרטאָדאָקסישען זשורנאַל: „דגלנו“, (רעד. ז. פרידמאַן). 1922 געווען לייטער פון אַ סלופּצער אָרטאָדאָקסישער שול. דערנאָך געוואָרען סעקרעטאַר פון „יוגענט-אַמט“ באַ דער צענטראַלע פון דער וואַרשעווער אַגודה.

1924 געגרינדעט צוזאַמען מיט י. ל. אָרלעאַן דעם פאַרלאַג: „ישורון“, וועלכער האָט אונטער זיין רעדאַקציע אַרויסגעגעבען אַ ריי העברעאישע און יודישע זאַכען. 1928 רעדאַקטאָר פון אָרטאָדאָקסישען זשורנאַל: „ישורן“, וואו ר׳האָט געדרוקט אַ ריי זיינע אַרבעטען. האָט אויך דעמאָלט אַרויסגעגעבען (צוזאַמען מיט י. ל. אָרלעאַן) אָרטאָדאָקסישע אַגיטאַציע-בראָשורען. דערנאָך מיטגעאַרבעט אין „יודישען טאָגבלאַט“, „בית יעקב זשורנאַל“, און אין „קינדער-גאָרטען“. 1925 מיטגעהאָלפען רעאָרגאַניזירען די „צעירי אגודת ישראל“. געווען יאָרענלאַנג גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער צ. א. י. אין פוילען“. געווען לייטער פון וואַרשעווער „סעמינאַר פאַר מלמדים“ און דירעקטאָר פון דער אָטוואָצקער „בית יעקב שול“. זייט 1931—32 דירעקטאָר פון דער היגער „בית יעקב שול“. אין באַזונדערע אויסגאַבען זענען דערשינען עטלעכע זיינע ביכלעך און דער צווייטער טייל פון דער כרעסטאָמאַטיע „יודיש לשון“ (1932).

## ג

### גאָלדבלום נאַטאַן (נטע)



געבוירען חמשה עשר בשבט 1871 אין פיעטריקאָוו טריב. (דער זיידע זיינער נאַטאַן, גערופען ר׳ נטע דייטש— פון פאָטערסצר—איז געווען פון די ערשטע דאָרטיגע יודען, וועלכע ס׳איז דערלויבט געוואָרען אין אַמאָליגע יאָרען צו וואוינען אין מקום און געהאַט דאָרט אַ געשעפט; אַלס גרויסער משכיל האָט ער אין 1858 דערעפענט דאָרט די

ערשטע יודישע עלעמענטאַר-שול און פאַרבליבן דער פיאָנער אויף דעם שול-געביט; ער איז אויך געווען פון די ערשטע דריי יודען ראַטמענער אין דאָרטיגן שטאָט-ראַט (1861) וועלכע האָבן בעת דעם אויפשטאַנד אין 1863 געלייגט די מאַנדאַטען אַלס אויסדרוק פון סאָלידאַרישקייט צו די אויפשטענדער; דער פאָטער זיינער אַדאָלף אַרי' ג. איז געווען אַן אָנגעזעהענער סוחר און מענטש).

ג. נ. האָט געענדיגט די פיעטריקאָווער רוסישע גימנאַזיע, פון דאָרט אַריבער אויפ'ן ווינער אוניווערזיטעט, וואו ער האָט שטודירט און אַבסאָלווירט אַלס ד"ר מעדיצין. שפעטער ספעציאַליזירט זיך אין ווינער „אַלג קראַנקען-הויז" און געווען אַסיסטענט אין ציריכער אוניוו. קליניק. האָט אויך פראַקטיצירט אין בערלינער „קראַנקען-הויז אַם אורבאַן". 1898 גענומען פראַקטיצירען אין היגען פּאָוויאַט-שפיטאָל א. נ. „הייליגער אַלעקסאַנדער", צוערשט אַלס דאָקטאָר, דערנאָך געווען אָרדינאַטאָר פון דעם שפיטאָל. זייט 1919 אָרדינאַטאָר פון היגען ראַדאָגאָשטשער שפיטאָל.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין „צענטראַל-קאָמיטעט צו בויען דאָס שפיטאָל פאַר גייסטיג-קראַנקע", באַם היגען „דאָבראָמשיגאָשטש", (1907) וועלכער האָט דערנאָך אויסגעמויערט 6 פאַווילאָנען אין ראַדאָגאָשטש פאַר דעם שפיטאָל—וועלכע זענען אָבער געבליבען נישט פאַרענדיגט. זייט קנאַפע צוויי צענדליג יאָר טעטיג אין היגען „בקור חולים" און „און-דראָוויסקאָ", צוערשט געווען אין דער פאַרוואַלטונג, דערנאָך וויצע-פרעזעס און לעצטענס פלעגט ער דעם אַמט אַלס פרעזעס פון די אינסטיטוציעס, פאַר וועלכע ער טראָגט באַ זיין פאָזיטיווער ארבעט.

## גראָסבערג אייזיק



געבוירען דעם 5 אויגוסט 1888 אין לאָדזש באַ אַ סוחרישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער יודעל איז געווען פאַבריקאַנט און גאַרן-סוחר).

ג. א. האָט געענדיגט אַ היגע מיטעלשול. דערנאָך געלערענט אין יאַראָטשינסקיס שול (פּאָמאָרסקע 48—46) און געענדיגט אַלס מ סטער-צייכענער. שפעטער אַריבער צום פאָטער אין געשעפט. זייט נאָך דער מלחמה פירט ער אייגענע געשעפטען אין דער גאַרן-בראַנזשע.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען (1911) אין „לינת הצדק" אין דער „נאַכט-פּאָגאָטאָוויע", וואו ער האָט גענומען אַן אַקטיווען אָנטייל זייט דעמאָלט ביז דער לעצטער צייט. מיטגרינדער און מיטגעאַרבעט אין „מלבוש ערומים". געווען טעטיג אין „עזרה", און אין „רויטען מגן דוד". בעת די מלחמה-יאָרען מיטגעאַרבעט אין דער „מיליץ", „טעלעפאָן-מיליץ", אַלס סאַניטאַר אין לאַזאַרעט „אָ", און אין דער „ערשטער ביליגער פסח קיך" פון הרב טרייסטמאַן.

איז יאָרענלאַנג פאַרוואַלטונג-מיטגליד פין „לינת הצדק". געווען פאָרויצער פון דער „נאַכט פּאָגאָטאָוויע קאָמיסיע". האָט אַ סך באַגעטראָגען און מיטגעהאָלפען לטובת דער לאָדזשער געזעלשאַפט „לינת הצדק".

## גרובשטיין אברהם משה



געבוירען 1899 אין מאַליניעץ, ראַדאָמער געגענט. (דער פאָטער זיינער יצחק מאיר איז אַ יוד אַ בן תורה, אַן איש תמים, אַ סופר) ג. א. מ. האָט געלערענט אין חדר, דערנאָך אין בית המדרש און אין דער ישיבה. צו 16 י. אָנגעהויבען צו דרוקען זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין אָרטאָדאָקסישען „יודישען וואָרט" (רעד. נ. ל. וויינגאָט) שפעטער געוואָרען דער לאָדזשער קאָרעספּאָנדענט און צייטונג-אַגענט פון דער אָרטאָדאָקסישער צייטונג „דער יוד" 1920 מיטגרינדער פון דעם פאַרלאַג: „סגולה", וועלכער האָט נאָכדעם באַ זיין מיטהילף אַרויסגעגעבען אַ ריי אָרטאָדאָקסישע העברעאישע און יודישע זאַכען. דורכ'ן פאַרלאַג „סגולה" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דאָס חודש בלאַט: „אָרטאָדאָקסישע בלעטלעך" (16 נומערען). האָט אַרויסגעגעבען דאָס אַגודיסטישע וואָכענבלאַט „די יודישע שטימע" (52 נומערען). 27—1926 אַרויסגעגעבען די היגע אָרטאָדאָקסישע נאָכמיטאָג-צייטונג: „די יודישע שטימע" (רעד. א. מ. ראַגאָווי). 1926 געגרינדעט דעם היגען פאַרלאַג: „מסורה", אין וועלכען ס'איז זייט דעמאָלט דערשינען אַ סך אויסגאַבען פון דער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור (אין יודיש און העברעאיש).

7—1926 רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער פון די היגע „מסורה בלעטלעך". 1929/31 רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער פין דעם צענטראַל-אָרגאַן פון אַלוועלטלעכען אָרטאָדאָקסישען חודש-בלאַט: „הדרך". 36—1928 אַרויסגעגעבען דאָס פא"י וואָכענבלאַט: „דער יודישער אַרבעטער".

ד

## דאָבזשינסקי משה



געבוירען דעם 25 דעצעמבער 1885 אין טורעק, באַ אינטעליגענטער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער דוד איז געווען אַ רעגירונג-לערער) ד. מ. האָט געענדיגט אַ מיטעל-שול. דערנאָך אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש, וואו ר'איז אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען. שפעטער געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער באַ פאַרשידענע אַנדערע היגע פירמען. 1914 דערעפענט דאָ זיין אייגען פּאַפיר-געשעפט, וואָס עקזיסטירט זייט דעמאָלט און געהער איצט צו די סאָלידע פירמען אין אונזער שטאָט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אַלס ערען-סעקרעטאַר פון דער „פאַפיר-סעקציע", באַ'ם „צענטראַלען סוחרים פאַראיין", (פּיעטר. 10). שפעטער געווען יאָרענלאַנג לאַווניק פון היגען ארבעטער-געריכט. זייט עטלעכע יאָר אַנטוויקעלט ער אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין „רעטאַליסטען-פאַראיין", (טרויגוט 4). וואו ער איז צוערשט געווען פאַרוואַלטונג-מיטגליד, דערנאָך אַוואַנסירט אלס וויצע-פאָרזיצער און לעצטענס פלעגט ער דעם אַמט אַלס פאָרזיצער פון „דעטאַליסטען פאראיין", און טראָגט באַ זיין אַרבעט לטובת דעם היגען יודישען סוחרים-קלאַס.

## ה

## העלמאַן דניאל



געבוירען דעם 24 אַפּריל 1875 אין טשענסטאָכאָוו (דער פֿאָטער זיינער יעקב איז געווען אַ סוחר) געענדיגט דאָס טשענסטאָכאָווער גימנאַזיום. דערנאָך שטודירט אויפ׳ן וואַרשעווער אוניווערזיטעט און אַבסאָלווירט מיט׳ן טיטול דאָקטאָר. האָט ספּעציאַליזירט זיך אין די אוניווערזיטעט-קליניקען פון ראָסטאָק, ווין און בערלין. 1902 אָנגעהויבען פּראַקטיצירען אין אונזער שטאָט. בעת דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה אַוועקגעשיקט געוואָרען אויפ׳ן ווייטען מזרח. נאָך דער מלחמה גענומען דאָ ווייטער פּראַקטיצירען אַלס דאָקטאָר. 14–1907 געווען מיטגליד-קאָרעספּאָנדענט פון דער פראַנצויזישער אויטאָלאַרינגאָלאָגישער געז. 1909-14 געווען לאָדזשער קאָנסול פון אַלוועלטלעכען עספּעראַנטישען דאָקטוירים-פאַרבאַנד. 1914 אַוועק אין קריג אויפ׳ן גאַליצישען פראָנט, וואו ר׳האָט בשעתו מיטגעאַרבעט מיט׳ן פאַרשטאָרבענעם ש. אַנסקי און ד״ר ג. לעווין. געווען פרעזעס פון עספּעראַנטאָ פאַראיין אין לאָדזש. האָט געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון דער היגער געז. „טאָז״ און אָנגעפירט מיט דעם אָבט. צו היילען פּאַוווס-קראַנקע. געווען פינאַנץ-סעקרעטאַר פון דער „הומאַניטאַרער געז. מאָנטעפיאָרע בני ברית״ אין לאָדזש.

## ו

## ווינער חיים



געבוירען דעם 25 אָקטאָבער 1888 אין אַ היגער פאַר-מעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער משה איז געווען אַ בוי-אונטערנעמער

וו. ח. האָט באַקומען אַ יודישע דערציהונג. דערנאָך געענדיגט די באַזעלער האַנדעל-שול. שפּעטער אַריינגעטרעטען צו זיין פעטער משה וואָלף יאָסקאָוויטש אין פאַבריקאַט-געשעפט, וואו ר׳האָט געאַרבעט ביז צו דער חתונה. נאָך דער חתונה פאַבריצירט אַ קורצע צייט, בעת די מלחמה-יאָרען געפירט פאַרשידענע מאַנופאַקטור-געשעפטען. 1918 פאַרלייגט דאָ מיט נאָך עטלעכע שותּפים אַ פאַבריקאַציע-געשעפט, א. פ. „ווינער יאַקובאָוויטש און אַדלער״, אַרויסגעגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען.

1926 האָט די פירמע אָבגעקויפט אַ פאַבריק מיט מעכאַנישע שטולען אין פּאַביאַניץ און גענומען טרייבען די פאַבריקאַציע אין אַ ברייטערען מאַסשטאַב. 1930 איז די פאַבריק פאַרגרעסערט געוואָרען.

די פאַבריק באַזיצט 110 ענגלישע שטולען, באַשעפטיגט 150 אַרבעטער, דערונטער אַ קליינעם פּראָצענט יודישע. דאָס פאַבריקאַט-הויז „ווינער, יאַקובאָוויטש און אַדלער״ געהער צו די רעיעלע פירמען אין אונזער שטאָט.

וו. ח. האָט אין די מלחמה-יאָרען גענומען אַ שטאַרקען אַקטיווען אַנטייל אין פּאַביאַניצער געזעלשאַפטלעכען לעבען, געווען ערען-סעקרעטאַר פון דאָרטיגען „דאָבראָטשינאָשטש״, ווי אויך פרעזעס פון דער „טיי-האַלע״ באַ דער אינסטיטוציע. לעצטענס טעטיג אַלס פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון היגען „לינת הצדק״.

## ז

## זיידלער שלום



געבוירען דעם 22 נאָוועמבער 1882 אין סולעיעוו, נעבען פּיעטריקאָוו. (דער פאָטער זיינער הערש לייב איז געווען אַ בן תּורה, חסיד און אַ באַקאַנטער היגער האָלץ-סוחר).

ז. ש. האָט געלערנט אין חדרים און אין בית-המדרש, ווי אויך באַ פּריוואַטלערער. שפּעטער אַריינגעטרעטען אין אַ טיי אַגענטור-געשעפט, וואו ער האָט געאַרבעט ביז׳ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה. בעת די מלחמה-יאָרען געהאַט אין לאָדזש אַן׳אייגענע טיי-סאָרטירונג און פּאַקעריי, וועלכע האָט דעמאָלט געליפערט איר טיי א. פ.: „ש. זיידלער און שותּפים״. 1920 איבערגענומען די פאַרטרעטונג פון דער באַרימטער טיי-פירמע: „וו. וויסאָצקי און שותּפים״. 1926 באַקומען די פאַרטרעטונג פון וו. וויסאָצקי׳ס שאָקאָלאַד: „אַנגלאַס״. זייט 1930 האָט ער וויסאָצקי׳ס קאָנסיגנאַציע-לאַגער (פּילסודסקי 32) וואָס געהער צו די אָנגעזעהענע האַנדעל-הייזער אין אונזער שטאָט.

ז. ש. איז געווען פון די אָרגאַניזאַטאָרען פון היגען „קאָלאָניאַל-הענדלער פאַראיין״ און פון „הורט-קאָאָפּעראַטיוו״ באַ דער אינסטיטוציע; מיט׳ן קאָאָפּ. האָט ער אָנגעפירט די גאַנצע צייט פון זיין עקזיסטענץ. געווען פרעזעס פון „קאָלאָניאַל-הענדלער פאַראיין״ (1915 — 1925) און אָנגעפירט אַ נוצלעכער אַרבעט פאַר דעם יודישען קאָלאָניאַל סוחרטום אין לאָדזש.

## זילבערשטיין וואָלף אליעזר



געבוירען אָקטאָבער 1863 אין וואָדיסלאַוו (דער פאָטער זיינער יעקב איז געווען אַ קאָמיסיאָנער) געלערענט אין חדר, דערנאָך אין בית-המדרש. נאָך דער חתונה גענומען האַנדלען און געפירט פאַרשידענע מסחרים. שפּעטער אָנגעקומען אַלס לייטער פון דער פאַרקויף-שטעל באַ דער היגער אַקצ. געז. מ. זילבערשטיין, וואו ר׳האָט געאַרבעט אַ סך יאָרען. זייט 1911 פירט ער אַ פאַבריקאַציע-געשעפט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען מיט עטלעכע צענדליג יאָרען צוריק. נאָך פאַר דער מלחמה איז דורך אים צוזאַמען מיט אַ פּאָר מזרחיסטען און ציונים געשאַפען געוואָרען די „תּלמוד תּורה״ (ווידזעווער 27).

בעת די מלחמה-יאָרען אַנטוויקעלט אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין היגען „דאָבראָטשינאָשטש״, „קאָמיטעט פאַר די ביליגע קוכען״ ווי אויך אין „קאָמיטעט צו פאַרטיילען די אַמעריקאַנער געלטער״. האָט מיטגעאַרבעט אין „הרצליה״. געווען מיט-

[65]

גריצדער און פאַרוו. מיטגל. פון „יתומים-הויז״ אויף פּאָמאָרסקע 91, ווי אויך מיטגליד פון „קאָמיטעט פאַר יתומים-פאַרזאָרגונג״, וועלכער איז געשאַפען געוואָרען בשעתו דורכ׳ן „דזשאָינט״.

אין איינער פון די אָנגעזעענסטע היגע פאָרשטייער פון „מזרחי״. געווען יאָרענלאַנג פּרעזעס פון דעם לאָדזשער „מזרחי״ און איצט זיין ערען-פּרעזעס. 1915–33 געווען מיטגל. פון „שטאָטישען ציוניסטישען קאָמיטעט״. געווען פּרעזידיום-מיטגליד פון דעם „בית אלפנא״. האָט מיטגעאַרבעט אין „העלענוועק״. 1924 אויסגעקליבען געוואָרען אַלס דאָזאָר פון דער לאָדזשער יודישער קהלה. זייט 1931 איז ער מצד דעם „מזרחי״ אַריין אין ראַט פון דער י. ק. אין לאָדזש.

## זילבערשפּיץ יאָאַכים (יוחנן)



געבוירן 1886 אין קעלץ, בײַ אַ נגידישער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער דוד איז געווען אַן אָנגעזעהענער סוחר). ז. י. האָט געלערנט אין חדרים, ווי אויך באַקומען אונטעררכט בײַ פּריוואַט-לערער. דערנאָך אַריינגעטרעטען צום פאָטער אין געשעפט. 1908 געגרינדעט אַ קאַנטאָר-הויז, א. פ. „י. זילבערשפּיץ״, וואָס האָט דאָרט עקזיסטירט ביז׳ן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה. 1916 אָבגעקויפט אַ מעבעל-פאַבריק מיט טאַרטאַקען און געגרינדעט אַ נייע פירמע: „י. זילבערשפּיץ און שותפים״. די פירמע האָט געפירט גרויסע האָלץ-געשעפטען און געהאַט אייגענע טאַרטאַקען אין קעלץ, סוכעדניעוו, סקאַרזשיסק און וויערזשבניק. 1921 איז די פאַבריק פאַרקויפט געוואָרען. אין דעם יאָר האָט ער מיט נאָך עטלעכע שותפים געקויפט די „באָרישאָווסקאַ אַפּרעטור״, וועלכע איז דורך זיי פולשטענדיג איבערגעאַרבעט און שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרען. אַ צייט שפּעטער האָבען זיי זי ווייטער פאַרקויפט. 1924 אַריבער נאָך פּוילען, וואו ר׳האָט געקויפט אַ טאַרטאַק און אַ מיל. אין 1928 איז ער צוליב׳ן קריזיס געווען געצוואונגען די אונטערנעמונגען צו ליקווידירען. 1928 באַזעצט זיך אין לאָדזש, וואו ר׳האָט צוזאַמען מיט אַ שותף פאַרלייגט אַ שטרימף-פאַבריקאַציע, א. פ.: „זעוו״ (זילבערשפּיץ און זילבערבערג). 1933 זענען זיך די שותפים צוגאַנגען און ער האָט געגרינדעט דעמאָלט זיין אייגענע שטרימף-פאַבריק, א. פ. „סילוואַ״, וואָס באַזיצט 1 זאַץ קאָטאָן-מאַשינען, ווי אויך די נייעסטע איינהייטס-מאַשין. די פאַבריק באַשעפטיגט 50 אַרבעטער, דערונטער 30 פּראָצ. יודישע.

ז. י. האָט אָנגעהויבען זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אין היגען „שטרימף-פאַבריקאַנטען פאַראיין״ (1928) וואו ער געהער זייט דעמאָלט צו דער פאַרוואַלטונג און פירט אָן אַן׳אַרבעט אויפ׳ן עקאָנאָמישען געביט פון דער בראַנזשע. מיטגרינדער פון דער „באַנק פון דער שטרימף-אינדוסטרי״ און זייט דער גרינדונג טעטיג אַלס פּרעזידיום-מיטגליד פון דער באַנק. זייט 1934 ראַטמאַן פון דער היגער „האַנדעל און אינדוסטרי קאַמער״.

## זיסקינד אליעזר



געבוירען דעם 25 אָקטאָבער 1894 אין פּשעדבאָרוש, בײַ אַ סוחרישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער ישראל יעקב איז געווען אַ יוד אַ למדן, חסיד און קאָלאָניאַל-סוחר).

ז. א. האָט געלערנט אין חדר, בײַ פּריוואַט-מלמדים און פּריוואַט-לערער. דערנאָך אַריבער צום פאָטער אין געשעפט. נאָכ׳ן פאָטערס טויט אַוועק נאָך וואַרשע, וואו ר׳האָט גענומען פירען מסחרים אין דער קאָלאָניאַל-בראַנזשע. 1913 געקומען נאָך לאָדזש און ווייטער געהאַנדעלט מיט די אייגענע אַרטיקלען. נאָך דער חתונה האָט ער צוזאַמען מיט אַ שותף, הערש טענענבוים, אימפּאָרטירט פאַרשידענע אַרטיקלען פון די ווייטסטע מקומות דאָ אַהער. צולעצט דערבײַ געפּטרט דאָס גאַנצע געלט. זייט 1927 דערעפענט אַן׳אייגען געשעפט, א. פ. „דאָראָטעאַ״, שאָקאָלאַד און צוקערוואַרג אויסאַרבעטונגען, וואָס פּראָספּערירט זייער גוט און געהער צו די געציילטע גרויסע געשעפטען פון דער בראַנזשע אין אונזער שטאָט.

ז. א. אַרבעט מיט אין דער פאַרוואַלטונג פון „סוחרים דעטאַליסטען-פאַראיין״ (טרויגוט 4) וואו ער טראָגט בײַ זיין פּאָזיטיווער אַרבעט. געווען אויפזיכט-ראַט מיטגליד פון דער „קאָאָפּ. האַנטוו. באַנק״ (פּיעטר. 20).

ט

## טייטעלבוים יוחנן



געבוירען אָב 1870 אין גאָמבין. (דער פאָטער זיינער לייב הערץ איז געווען אַ בן תורה און סוחר) ט. י. האָט געלערנט אין חדר. צו 14 יאָר אָנגעקומען אין דער אַמאָליגער היגער גרויסער פירמע פון יעקב וואָידיסלאַווסקי, וואו ר׳האָט יאָרענלאַנג געאַרבעט און באַקומען זיינע טעכנישע דערפאַרונגען אויף דער פאַבריק. שפּעטער געאַרבעט אַלס מייסטער און מאַניפּולאַנט אויף דער פאַבריק פון יעקב ברוינער. 1897 צוגעטרעטען אַלס שותף צו דער פירמע: „ווינריטער און טייטעלבוים״. 1904 האָט די פירמע איינגעאָרדענט אַנ׳אייגענע שפּינערײַ פון 4 זאַץ, ווי אויך אַ וועבערײַ, וואו ס׳האָבען געאַרבעט בלויז יודישע וועבערס. 1907 געגרינדעט צוזאַמען מיט זיין ברודער יצחק מאיר די פירמע: „ברידער טייטעלבוים״, וועלכע האָט גענומען פאַבריצירען טיכער און וואָלענע סחורות, אַרויסגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען. די פירמע האָט דעמאָלט געמאַכט גרויסע געשעפטען און געשיקט אירע סחורות איבער גאַנץ רוסלאַנד, סיביר, אַזש ביז צו דער פּערסישער גרעניץ. די פירמע האָט פאַר׳ן קריג פאַר אירע אויסאַרבעטונגען באַקומען אויסצייכענונגען אויף אַ רײ אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען. 1912 געגרינדעט אַ מעכאַנישע וועבערײַ, וועלכע איז דערנאָך כסדר פאַרגרעסערט געוואָרען. אין די ערשטע מלחמה-יאָרען איז די פאַבריק שטייען געבליבען. 1917 האָט די פירמע אָבגעקויפט אַ פאַבריק אויף גראַבאָווע גאַס 30—24, וועלכע איז פולשטענדיג איבערגעבויט געוואָרען.

די פאַבריק פון „ברידער טייטעלבוים" באַזיצט אַ שפּינעריי פון 6 זאַץ, וועבעריי פון איבער הונדערט קאַרטשטולען און צווירנעריי פון 1500 שפּינדעל. די פאַבריק אַרבעט אויס שטרייכגאַרן אַרטיקלען און גאַרן פאַר טריקאָטאַזש צוועקען. די פאַבריק באַשעפטיגט ביז פיר הונדערט אַרבעטער, דערונטער הונדערט יודישע אַרבעטער. די פירמע: „ברידער טייטעלבוים" געהער צו די אָנגעזעהענע האַנדעל און פאַבריקאַט-הייזער אין אונזער שטאָט.

טייטעלבוים יוחנן האָט דערוואָרבען זיך גרויס פּאַרטרויען אין די היגע סוחרישע קרייזען, און אָפט איז זיין אַרביטראַזש — אין שווער־קאָמפּליצירטע ענינים — דעצידירענדיג. ער האָט אָבער אויך אַנ׳אויער פאַר יעדען קרעכץ און וויי פון אַ ליידענדיגען. דער עיקר האַלט ער פון מתן בסתר.

די לעצטע יאָרען איז דער פּראָקורענט פון דער פירמע זיין זיהן ה׳ מיעטשיסלאַוו טייטעלבוים, וועלכער איז אויך לייטער פון דער פאַבריק.

## טייטעלבוים יצחק מאיר



געבוירען 1874 אין גאָמבין, באַ אַ בעל הבתישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער ליב הערץ איז געווען אַ בן תורה, געזעסען כל ימיו און געלערענט, ר׳האָט אויך געפירט אַ מסחר) ט. י. מ. האָט געלערענט אין חדר און אין דער ישיבה. דערנאָך אָנגעקומען אין דער היגער פירמע פון יעקב וואָידיסלאַווסקי אויף אַ פּאָסטען. 1896 אָנגעהויבען צו פאַבריצירען, צוזאַמען מיט אַ שותף, א. פ. „וויינריטער און טייטעלבוים". 1897 איז צוגעטרעטען זיין ברודער יוחנן אַלס שותף צו דער פירמע. 1904 האָט די פירמע איינגעאָרדענט אַנ׳אייגענע שפּינעריי פון 4 זאַץ, ווי אויך אַ וועבעריי, וואו ס׳האָבען געאַרבעט בלויז יודישע וועבערס. 1907 געגרינדעט מיט זיין ברודער יוחנן די פירמע: „ברידער טייטעלבוים", וועלכע האָט גענומען פאַבריצירען טיכער און וואָלענע סחורות, אַרויסגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען. 1912 האָט די פירמע געגרינדעט אַ מעכאַנישע וועבעריי, וועלכע איז דערנאָך כסדר פאַרגרעסערט געוואָרען. אין די ערשטע מלחמה-יאָרען איז די פאַבריק שטייען געבליבען. 1917 האָט די פירמע אָבגעקויפט אַ פאַבריק אויף גראַבאָווע 30—24, וועלכע איז פולשטענדיג איבערגעבויט געוואָרען.

די פירמע: „ברידער טייטעלבוים" געהער צו די אָנגעזעהענע האַנדעל און פאַבריקאַט-הייזער אין אונזער שטאָט.

טייטעלבוים יצחק מאיר אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. האָט מיט יאָרען צוריק מיטגעאַרבעט אין די פאַרוואַלטונגען פון „לינת הצדק" און „לינת החולים". געווען פרעזעס פון דער חברה „נושאי המטה". איז לאַנגיאָריגער וויצע-פרעזעס פון „חסד של אמת", פרנס פון דער לאָדזשער יודישער קהלה און וויצע-פרעזעס פון דער „קאָאָפּ. קרעדיט-באַנק פון לאָדזשער הויז באַזיצער" פּיעטריקאָווער 39.

## טרייסטמאַן לעאָן



געבוירען דעם 25 אויגוסט 1883 אין לובלין, באַ אַ בעל הבתישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער איז געווען אַ סוחר) געענדיגט דאָס לובלינער רוסישע גימנאַזיום. דערנאָך אָנגעקומען אין דעם וואַרשעווער קאָנפעקציע-געשעפט פון ס. לעווי אויף אַ פּאָסטען, וואו ר׳האָט געאַרבעט ביז 1913. אין דעם יאָר דערעפענט דאַרט זיין אייגען דאַמען קאָנפעקציע-געשעפט, א.פ. ל. טרייסטמאַן, וואָס האָט בשעתו עקספּאָרטירט אירע אויסאַרבעטונגען נאָך רוסלאַנד. בעת דעם אויסברוך פון דער מלחמה אַוועק נאָך מאָסקווע, וואו ר׳האָט פאַרלייגט אַנ׳אייגען קאָנפעקציע-געשעפט, אויף אַ גאַנץ גרויסען מאַסשטאַב, וואָס פלעגט שיקען אירע סחורות אַזש ביז׳ן ווייטען סיביר און וולאַדיוואָסטאָק. צולעצט האָבען די באָלשעוויקעס קאָנפיסקירט זיין אונטערנעמונג. סוף 1919 געקומען נאָך לאָדזש, וואו ר׳האָט דאַ אויפגעשטעלט זיין גרויס געשעפט, א.פ. ל. טרייסטמאַן — זייד, וואָל, טריקאָטאַזש, און מעבעל-שטאָף, ווי אויך אַ ספּעציעלען אָבטייל פאַר קאָנפעקציע אויסאַרבעטונגען. זייט דעמאָלט איז די פירמע שטאַרק געשטיגען און געהער איצט צו די גרויסע הורט און דעטאַל געשעפטען פון דער בראַנזשע אין אונזער שטאָט.

ס. ל. איז געווען פאָרזיצער פון דער דעטאַליסטען סעקציע באַ׳ם „סוחרים פאַראיין", (פּיעטריקאָווער 73). איז פאָרזיצער פון דער סוחרים-פאַראייניגונג „פּאָסטאָ" (פּיעטר. 69) געווען וויצע-פאָרזיצער פון „סוחרים-דעטאַליסטען פאַראיין", (פּיעטר. 90) דערנאָך געפלעגט דעם אַמט אַלס פרעזעס פון דער אינסטיטוציע, וועלכער ר׳האָט באַגעטראָגען זיין מיפּולער אַרבעט.

## יאַבראָוו שלמה



געבוירען 13 נאָוועמבער 1894 אין וולאָצלאַוועק (דער פאָטער זיינער דוד זאב איז געווען רב אין ברייניסק, פשיסכע, סולעיעוו, וולאָצלאַוועק און די לעצטע יאָרען געווען בעל דרשן פון היגען אַלטשטאָטישען בית המדרש—וועלכען מ׳האָט גערופען דער „וולאָצלאַוועקער רבי"; די מוטער זיינע בתי׳ — אַ טאָכטער פון דעליאַטיצער רב ר׳ אברהם סלוצקי און אַנ׳אייניקעל פון ר׳ אליהו בעל שם—איז געווען אַנ׳אשה צדקנית און למדנית).

י. ש. האָט געלערענט אין חדרים און ישיבות. דערנאָך אַריינגעטרעטען אין די היגע „צעירי מזרחי", וואו ר׳האָט גענומען אַנ׳אַקטיווען אָנטייל, ווי אויך געווען וויצע-פרעזעס (צוזאַמען מיט יצחק ריווקינד) פון דעם לאָדזשער סניף. געווען יאָרענלאַנג לייטער פון דעם באַלוטער הילף-פאַראיין: „משמרת החולים". נאָך דער חתונה געפירט אַ גאַרן-געשעפט, א. פ.: „ש. יאַבראָוו און י. מ. בלומבערג". זייט 1927 געווען טעטיג אַלס לייטער פון „פּרוכט און געמיזע - העגדלער פאַראיין" (זגערזשער 28). זייט 1931 לייטער פון „סוחרים פאַראיין פון לעבענמיטעל-בראַנזשע". (גייע גאַס 8) נעמט אַנ׳אַקטיווען אָנטייל אין פאַרשידענע היגע ציוניסטישע אַקציעס.

## יודקאָוויטש מענדעל



געבוירען דעם 29 אויגוסט 1894 אין קאָנסק. (דער פאָטער זיינער אהרן איז געווען אַנ׳אַמאָליגער היגער לעדער-סוחר).

י. מ. האָט געלערענט אין חדרים און אין אַ היגער שול, ווי אויך באַ פריוואַט-לערער. 1913 אָנגעהויבען צו האַנדלען מיט אָבפאַל און שמאַטעס, אין אַ קליינעם פאַרמאַט. 1918 צוגעטרעטען אַלס שותף צום היגען האַנדעל-הויז א. פ.: „ברידער יודקאָוויטש און קרויסקאָפּ"; די פירמע איז דעמאָלט געווען פון די ערשטע וואָס האָט אימפּאָרטירט דאָ אהער לומפּען און אַמעריקאַנער באַנוועל פון אויסלאַנד.

די פירמע האָט שפעטער צוגעשטעלט גרויסע ליווערונגען פון רוישטאָפען פאַר היגע פאַבריקען און וואָס ווייטער אַלץ מער געשטיגען אין דער בראַנזשע.

1934 איז די פירמע איבערערגאַניזירט געוואָרען, אויף: „יודקאָוויטש, קרויסקאָפּ און שותפים". די פירמע געהער איצט צו די גרויסע פירמען פון דער רוישטאָפען און טעקסטיל האַלב-פאַבריקאַטען בראַנזשע אין אונזער שטאָט.

י. מ. איז דער איינקויפער פון דער פירמע; „י. ק. און שותפים".

י. מ. איז געווען לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון היגען „רוישטאָפען און טעקסטיל האַלב-פאַבריקאַטען פאַראיין". איז לאַנגיאָריגער בראַנזשען-זאַכקענער אין היגען פינאַנץ-אַמט.

ל

## לובינסקי פנחס



געבוירען דעם 6 יולי 1896 אין לאָדזש, באַ אַ מיוחס-דיג - רייכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער ניסן איז געווען איינער פון די פיאָנערען פון דער היגער באַנוועל-אינדוסטרי, אַ גרויסער פאַבריקאַנט און אָנגעזעהענער מענטש).

ל. פ. האָט געלערענט אין חדר, ווי אויך אונטערריכט געוואָרען באַ פריוואַט-לערער. דערנאָך אַריינגעטרעטען אין דער „לאָדזשער העברעער טעכנישער שול" און געענדיגט אַלס וועבער-מייסטער. האָט באַזוכט די היגע קורסען פון אינזש. באַרטשעווסקי. פון דאַנען אַריבער אין אַ וואַרשעווער פּילאָגישען גימנאַזיום, וואו באַקומען מאַטורע. שפעטער שטודירט אויפ׳ן ווילנער אוניווערזיטעט, (פילאָזאָפישען און יורידישען פאַקולטעט) און באַקומען דעם טיטול מאַגיסטער יורי. 1931 באַלייגט דעם שלום-עקזאַמען אַלס אַדוואָקאַט. זייט דעמאָלט פראַקטיצירט ער באַ אונז אין שטאָט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין די ערשטע מלחמה-יאָרען, דעמאָלט האָט ער אָנגעפירט אַנ׳אַקטיווע אַרבעט אין „לאָדזשער הילפס-פאַראיין", ווי אויך אין די היגע „ביליגע קוכען". אַלס סטודענט געווען סעקרעטאַר פון דער פאַרוואַלטונג פון „ווילנער סטודענטען פאַראיין". זייט אַ צייט טעטיג באַ די היגע „פועלי-אגודת ישראל", וואו ער געהער צום אַלפּוילישען צענטראַל-ראַט.

## ליבערמאַן פישעל



געבוירען דעם 4 פעברואַר 1899 אין זעלעוו, באַ אַ פרומער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער משה איז אַ חסיד, פאַבריקאַנט און געזעלשאַפטלעכער עסקן) געלערענט אין חדרים, ווי אויך באַקומען אונטערריכט באַ פריוואַט-לערער. דערנאָך אַריינגעטרעטען אַלס מיטבאַטייליגטער אין פאָטערס פאַבריקאַט-אונטערנעמונג, אין וועלכער פירמע ר׳איז געווען באַטייליגט ביז 1937.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען בעת דער גרינדונג פון דער זעלעווער „אגודה", און שפעטער געווען אויך איר פרעזעס. זייט 1921 מיטגליד פון „ועד הפועל" באַ דער היגער „אגודת האורתודוכסים". געווען פרעזעס און לעצטענס וויצע - פרעזעס פון דעם ועד. 1931 אויסגעוויילט געוואָרען אַלס ראַט-מיטגליד פון דער יודישער קהלה אין לאָדזש, וואו ער פלעגט זייט דעמאָלט דעם אַמט אַלס פרעזעס פון קהלה-ראַט. האָט מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון „מחזיקי הדת". איז אָנפירער פון היגען דירעקטאָריום פון „קרן הישוב". ג. פרעזעס פון לאָדזשער „בית יעקב" קוראַטאָריום.

מיטגליד פון אַדמיניסטראַטיווען - ראַט פון דער „ישיבת חכמי לובלין", עקזעקוטיוו-מיטגליד פון דער „אַלפּוילישער אגודת ישראל" און ראַט-מיטגליד פון „וועלט-פאַרבאַנד פון דער אגודת ישראל".

זייט 1928 געווען ראַטמאַן פון היגען שטאָט - ראַט. איז מיטגליד פון קאָמיסאַרישען בייראַט באַם מאַגיסטראַט.

איז אויפזיכט-ראַט מיטגליד פון דער לאָדזשער גאַזאָווניע.

## ליפּסמאַן סאַנע (נתנאל)



געבוירען דעם 30 דעצעמבער 1902 אין אַ היגער סוחרישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער הערש איז אַנ-אַמאָליגער מעל - סוחר)

געלערענט אין חדר, דערנאָך אין דער היגער ישיבה „מחזיקי הדת", אין שטיבעל און אין בית המדרש. שפעטער האָט ער גענומען האַנדלען און געפירט פאַרשידענע מסחרים. 1926 דערעפנט דאָ זיין אייגען קאָלאָניאַל-געשעפט, (גרינער מאַרק 9) וואָס עקזיסטירט זייט דעמאָלט ביז היינט. האָט פון 1932 ביז 1935 געהאַט אַ צווייט קאָלאָניאַל-געשעפט אויף 6 שערפּען 29.

ל. ס. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. האָט מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „גמילת חסדים קאַסע" (גרינער מאַרק 7). געהער צו דער פאַרוואַלטונג פון „קאָלאָניאַל - הענדלער פאַראיין", (שרודמיעסקאַ 20). זייט עטלעכע יאָר אַנטוויקעלט ער אַ שטאַרקע טעטיגקייט אין דער הילפס-געזעלשאַפט „לינת משמורים", (איצט פּילסודסקי

21) וואו ער טראָגט באַ זיין פּאָזיטיווער אַרבעט. אונטערשטיצט אויך אַ סך היגע אינסטיטוציעס.

## לעווין יצחק



געבוירען דעם 14 יאַנואַר 1906 אין וויעליטשקע, באַ אַ מיוחסדיגער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער אהרן אין דער רייַשער רב און געוועזענער באַקאַנטער דעפּוטאַט, וועלכער האָט זיך בשעתו באַרימט געמאַכט מיט זיינע אַרויסטרעטונגען אין סיים).

ל. י. האָט געלערענט אין חדרים און באַ פאַרשידענע רבנים. האָט באַקומען סמיכה אויף רבנות פון די טורקער און קראָסנער רבנים. שפּעטער אַלס עקסטערן באַלייגט עקזאַמען אין דער סאַמבאָרער רעגירונגגימנאַזיע. פון דאָרט אַריבער אויפ׳ן לעמבערגער אוניווערזיטעט, (יורידישען פאַקולטעט) וואו ר׳האָט באַקומען דעם טיטול מאַגיסטער יורי. צולעצט שטודירט אויפ׳ן ווינער אוניווערזיטעט (פילאָזאָפיע)..

לעווין יצחק האָט געדרוקט זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען און אַרבעטען אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלען. ס׳איז אויך דערשינען אַ ריי זיינע זאַכען (פּויליש) אין באַזונדערע אויסגאַבען.

לעווין יצחק האָט באַטייליגט זיך אַלס דעלעגאַט אויף דער ווינער כּנסיה גדולה (1929). איז פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון אינטערנאַט און מיידעל־היים „אהל שרה”. געווען 1936 ראַטמאַן פון לאָדזשער שטאָט־ראַט.

## לעווין לייזער



געבוירען דעם 20 דעצעמבער 1891 אין האָלאָווטשינע מאָהילעווער קרייז. (דער פאָטער זיינער יעקב איז געווען אַמאָל אַ קאָנדוקטאָר אויף די היגע אָמניבוסען מיט פערד, שפּעטער אַן׳אָנגעשטעלטער).

ל. ל. האָט צוערשט געלערענט אין חדר, דערנאָך אין דער היגער שאַקינס שול; פון דאָרט אַריינגעטרעטען אין דער אָרטיגער שטאָטישער אַלעקסאַנדער־שול, וועלכע ר׳האָט געענדיגט מיט אַן׳אויסצייכענונג. אַלס עקסטערן אַדורכגעמאַכט און אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אין דער היגער רוסישער גימנאַזיע אַלס הויז־לערער.

זייט דעמאָלט באַשעפטיגט זיך מיט לערעריי. איינצווישען אויך דאָ דערעפענט אַ 2 קלאַסיגער שול, מיט וועלכער ר׳האָט אָנגעפירט עטלעכע יאָר. 1918 געוואָרען סעקרעטאַר פון די היגע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. זייט 1920 געאַרבעט אויף אַ פּריוואַט־פּאָסטען. זייט 1931 האַנדעלט ער מיט גאַרן.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען נאָך אין שילער־קרייז (1906) פון די אַמאָליגע היגע פּ.צ. 1911 מיטגרינדער פון די ערשטע היגע אָוונט־קורסען מיט יודיש אַלס למוד־שפּראַך, (צוזאַמען מיט לאַזאַר פוקס, ראַווין, א. א.) וואָס זענען איינגעאָרדענט געוואָרען אין דער „תּלמוד תּורה” (פּאָמאָרסקע 48—46). געווען לערער אויף די אָוונט־קורסען וואָס זענען געווען טעטיג באַ דער פּ. צ. „אַרבעטער היים”. מיטגרינדער פון היגען „שול און פאָלקבילדונג פאַראיין” און ווען נאָך דער שפּאַלטונג די פּ.צ. איז אַרויסגעטרעטען פון איר, איז ער געווען מיטגרינדער פון די היגע „באָראָכאָוו־שולען”.

זייט 1923 פּאָרזיצער פון דער לאָדזשער פּ. צ. אָרגאַניזאַציע (פאַר. מיט צ. ס.) וואו ער האָט אָנגעפירט זייט דעמאָלט אַ שטאַרקע פּאָליטישע טעטיגקייט; געווען דעלעגאַט אויפ׳ן 18 און 19 ציוניסטישען קאָנגרעס; געווען דעלעגאַט אויפ׳ן „איחוד־צוזאַמענפאָר” אין דאַנציג (1932) זייט 1927 צ. ק. מיטגליד פון די רעכטע פּ. צ. אָרג.

מיטגרינדער פון היגען „קבוץ באָראָכאָוו”.

געווען וויצע־פּאָרזיצער פון דעם לאָדזשער אָבט. „פריינט פון יודישען וויסענשאַפטלעכען אינסטיטוט” און לעצטענס פּאָרזיצער פון דעם אָבטייל.

## מ

## מאַרגאָליס אַלכּסנדר



געבוירען דעם 21 פעברואַר 1888 אין סוּוואַלק. (דער פאָטער זיינער איזראַעל איז געווען אַ באַקאַנטער היגער דאָקטאָר) מ. א. האָט אַבסאָלווירט דאָס לאָדזשער רוסישע רעגירונג־גימנאַזיום. שטודירט אויף די אוניווערזיטעטען פון הײדעלבערג, מינכען, שטראַסבורג (מעדיצינישען פאַקולטעט) און באַקומען דעם טיטול דאָקטאָר. ספּעציאַליזירט אין די אוניווערזיטעט־קליניקען פון פּעטערבורג און בערלין. 1912 אָנגעהויבען צו פּראַקטיצירען אַלס דאָקטאָר אין לאָדזשער פּאָזנאַנסקיס שפּיטאָל. בעת דער וועלט־מלחמה פאַרבראַכט אַלס רוסישער אָפיציר אויפ׳ן עסטרייך־דייטשען פראָנט. שפּעטער געווען אָרדינאַטאָר פון לאָדזשער ראַדאָגאָשטשער שפּיטאָל. זייט 1933 דירעקטאָר פון דעם היגען ראַדאָגאָשטשער שפּיטאָל.

זיין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעטיגקייט אָנגעהויבען צווישן די אַמאָליגע ס. ד. און אין די רייען איז ער געווען אַקטיוו אַריי יאָרען. געווען סעקרעטאַר פון אויסלענדישען קאָמיטעט פון די רוסלענדישע ס. ד. 1912 אַריין אין די היגע אַרבעטער־רייען פון „בונד”, וואו זייט דעמאָלט האָט ער אָנגעפירט אַ גרויסע פּאָליטישע אַרבעט און געהער שוין לאַנגע יאָרען אַלס מיטגליד פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד”. זייט 1919 אויסגעוויילט געוואָרען מצד די בונדישע מאַסען שוין עטלעכע מאָל אַלס ראַטמאַן פון היגען שטאָט־ראַט. 1927—33 געווען לאַווניק פון לאָדזשער סאָציאַליסטישען מאַגיסטראַט. איז מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד”.

מ. א. איז געווען סעקרעטאַר פון דער היגער דאָקטוירים־קאַמער און ג. וו. פּרעז. פון געריכט באַ דער קאַמער. איז הויפּט־ראַט־מיטגליד פון דאָקטוירים־פאַרבאַנד אין פּוילען. צוליב וועלען איינפירען דעם אַריער־פּאַראַגראַף אין דעם לאָדזשער דאָקטוירים פאַראיין (1937) האָט ער מיט אַ גרופּע

יודישע און פויליש-דעמאָקראַטישע עלעמענטען געשפּאָלטען דעם פאַראיין.

## מאַרעק בער



געבוירען דעם 31 יולי 1905 אין נאָווידוואָר, בא אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע (דער פאָטער זיינער יעקב אין אַ סוחר און געזעלשאַפטלעכער טוער) געלערענט אין חדר, דערנאָך אין דער גראָדנער ישיבה. שפּעטער געענדיגט די וואַרשעווער „תחכמוני" שול און באַקומען היתר הוראה פון דאָרטיגען ראַבינאַט. 1932 געגרינדעט מיט דער מיטהילף פון עטלעכע לאָדזשער עסקנים די היגע „תחכמוני"-שול. (שענקעוויטש 5—3) וועלכע עקזיסטירט ביז היינט און איז באַקאַנט אַלס אַ מזרחיסטישע שול. די ת. שול ווערט פון אים אַלס דירעקטאָר אָנגעפירט די גאַנצע צייט.

מ. ב. איז זייט אַ ריי יאָרען טעטיג אין היגען „מזרחי", וואו ער איז ערען-סעקרעטאַר און געהער צו די אַקטיווע טוער.

## מילמאַן שמואל



געבוירען דעם 26 אָקטאָבער 1896 אין לאָדזש. (דער פאָטער זיינער בערעל איז געווען אַ מוירער) געלערענט אין חדר. צו 14 יאָר אָנגעקומען אַלס שיק-יונגעל אין אַ היגער מאַנופאַקטור פירמע. דערנאָך אַריבער צו אַ שילדען-מאַלער. שפּעטער געאַרבעט אַלס געוויינלעכער שטובען-מאָלער אַרבעטער.

זיין געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע טעטיגקייט אָנגעהויבען אַלס דעלעגאַט פון מאָלער-אַרבעטער-פאַראיין אין דער „צווישען-פאַראיינען קאָמיסיע" (געשאַפען דאָ 1914 דורך די לינקע פּ.פּ.ס., ס.ד.ק.פּ.ל., און בונד) שפּעטער מיטגעאַרבעט אין דער פאַרוואַלטונג פון אַלג. קאָמיט. פון „אומזיסטיגע און ביליגע קוכען". זייט דער גרינדונג פון „צענטר. ביוראָ פון די פּראָפ. פאַראיינען" — סעקרעטאַר פון היגען ביוראָ. געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון „האַרפע". 1918 אַרעסטירט געוואָרען און דורכ'ן דייטשען געריכט פאַרמשפּט אויף צוויי יאָר תפיסה. אָבער, נאָכ'ן אָבזיצען 3 חדשים אויפ'ן סמך פון אַנ'אַמנעסטיע באַפרייט געוואָרען. 1923 אויסגעוויילט אַלס ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט און דער מאַנדאַט איז אים מצד די בונדישע מאַסען געווען אָנפאַרטרויט אין אַלע שפּעטעריגע קאַדענצען. אין 1933 און 1936 אויסגעוויילט געוואָרען אַלס לאַווניק פון לאָדזשער מאַגיסטראַט.

1924 אויסגעוויילט געוואָרען אַלס ראַט-מיטגליד פון דער היגער ק"אַנ-קען-קאַסע און דורכ'ן ראַט אויסגעוויילט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער לאָדזשער קראַנקען-קאַסע, וואו פאַרבליבען ביז'ן פונאַנדערלאָזען די געוויילטע קראַנקען-קאַסע אָרגאַנען. האָט מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע קאָמיסיעס בא דער קראַנקען-קאַסע אין לאָדזש. זייט סוף 1914 אַריין אין די רייען פון „בונד", וואו ער געהער שוין אַ צייט צו די אַקטיווע אָנפירער פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע. זייט 1935 פאַרטרעטער פון בונדישען צ. ק. אין פוילען. איז מיטגליד פון לאַנד-ראַט פון די פּראָפ. פאַראיינען אין פוילען.

ב

## נוטקעוויטש סערגיי



געבוירען דעם 23 סעפּטעמבער 1903 אין לאָדזש. (דער פאָטער זיינער אליהו איז געווען אַ בעל מלאכה) געלערענט אין דער היגער שול פון שווייצער'ן. אַבסאָלווירט דעם עקאָנאָמיש-פּאָליטישען אָבטייל פון דער היגער „וואָלנאַ ווּשעכניצאַ".

זיין געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין די סאָציאַליסטישע שילער-קרייזען 1919 אויסגעוויילט געוואָרען אין לאָדזשער קאָמ. פון דער ס.ד. יוגענט אָרג. „צוקונפט. 1924 אַרעסטירט געוואָרען בעת אַ גאַסען-דעמאָנסטראַציע פאַר זיין אַרויסטריט קעגען קריג און מיליטאַריזם און אָבגעזעסען 10 חדשים אין תפיסה. 1926—35 פאָרזיצער פון יוגענט-בונד „צוקונפט". זייט 1929 לעקטאָר אויפ'ן פאָלק-אוניווערזיטעט בא דער היגער געז. „קולטור ליגע". 1934 אויסגעוויילט געוואָרען אַלס ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט, (מיט אַנ'ענדעקישער מערהייט) וואו ר'איז אויף אַ זיצונג שווער-פאַרוואונדערט געוואָרען און אָבגעלעגען עטלעכע וואָכען אין שפּיטאָל. 1936 צום צווייטען מאָל אויסגעוויילט געוואָרען אַלס ראַטמאַן פון לאָדזשער שטאָט-ראַט. איז צ. ק. מיטגליד פון יוגענט-בונד „צוקונפט" און פון סאָצ. קינדער-פאַרבאַנד „סקיף". זייט 1935 פאָרזיצער פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד".

נ. ס. האָט מיטגעאַרבעט אין דער בונדישער פּרעסע, זייט 1935 רעדאַקטאָר פון דער לאָדזשער זייט פון דער וואַרשעווער „נייע פאָלקסצייטונג".

ס

## סאָלניק אברהם בער



געבוירען דעם 16 דעצעמבער 1904 אין לאָדזש. דער פאָטער זיינער חיים איז אַ וועלטלעכער יוד און אַ היגער גביר) ס. א. האָט געלערענט אין היגען העברעאישען גימנאַזיום, דערנאָך אין צאַריצינער (איצט: סטאַלינגראַד) רוסישען רעג. גימנאַזיום. אַבסאָלווירט דאָס היגע העברעאישע גימנאַזיום. האָט שטודירט אויפ'ן וואַרשעווער אוניווערזיטעט, (יורידישען פאַקולטעט) וואו ער האָט באַקומען דעם טיטול מאַגיסטער יורי. שפּעטער אַדורכגעמאַכט די אַפּליקאַנטור. 1927 באַלייגט דעם שלוס-עקזאַמען אַלס אַדוואָקאַט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען נאָך אַלס שילער אין רוסלאַנד, וואו ר'איז געווען מיטגרינדער און מיטגעאַרבעט אין „פאַרבאַנד פון שילער פון יודישע נאַציאָנאַליסטען". אַלס סטודענט געווען טעטיג אין דער וואַרשעווער „ירדניה". האָט אַצייט אָנגעהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון לאָד-

זשער „אוקסיליום אַקאַדעמיקוס יודאַיקום“. זייט 1933 אַריין אין די רייען פון די היגע פאָלקיסטען (אונטער דער השפעה פון באַקאַנטען טוער אַרוו. יוסף ווייצמאַן) און נעמט אַנ׳אַקטיווען אָנטייל אין קאַמף פאַר די יודישע האַנטווערקער און כאַלופניקעס. איז ערען־מיטגליד פון דער היגער „האַנטווערקער עקספּאָזיטור“ (ווּלטשאַנסקע 21). ג. פּרעז. מיטגליד פון לאָדזשער אָבטייל פון „יודישען וועלט־קאָנגרעס“ און איז מיטגליד פון „ווירטשאַפטלעכען קאָמיטעט“.

## ע

## ענגעלמאַן הערמאַן (חיים)



געבוירען דעם 15 אַפּריל 1880 אין אָליק. געוו. וואָלינער גובערניע. (דער פאָטער זיינער ראובן איז געווען אַ וואַלדסוחר) ע. ה. האָט געלערענט אין אַ שול. צו 13 י. אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען צום היגען קאָמיסיאָנער „וו. שיק“; שפּעטער געפאָרען אויף דער רייזע פון דער פירמע מיט אַ קאָלעקציע איבער רוסלאַנד. 1901 אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען צו די „ברידער פּיאָטריקאָווסקי“, וואו ר׳האָט געאַרבעט ביז׳ן מלחמה־אויסברוך. 1914 אַוועק נאָך מאָסקווע, וואו ר׳האָט צוזאַמען מיט זיין שוואָגער אברהם גאָנסקי געקויפט אַ פאַבריק מיט אייגענע ענגלישע שטולען און פאַרלייגט אַ טוך־פאַבריקאַציע, אויפ׳ן גרויסען מאַסשטאַב. די פאַבריק האָט באַשעפטיגט 500 אַרבעטער. חוצדעם האָבען זיי דעמאָלט געהאַט צוזאַמען מיט ישראל סאַפּריי, (אין סיערפּוכאָווע) אַנ׳אַפּרעטור, וועלכע האָט באַשעפטיגט 400 אַרב. ביידע פירמען האָבען געמאַכט גרויסע געשעפטען. אָבער, די באָלשעוויקעס האָבען (1919) קאָנפיסקירט זייער גאַנץ פאַרמעגען. קוים מיט צרות איז זיי געלונגען אַרויס פון יענער מדינה און אַריבער נאָך לאָדזש. דאָ ווערט דורך אים געגרינדעט אַ גרויס פאַבריקאַט־הויז. די פירמע „א. גאָנסקי און ה. ענגעלמאַן“ האָט אָבגעקויפט באַ לעהמאַן (אויף אַלטע ווּלטשאַנסקע גאַס) אַ פאַבריק־געביידע, וואו ס׳איז איינגעאָרדענט געוואָרען 5 זאַץ שפּינעריי, 60 ענגלישע שטולען און געהילף־מאַשינען. די פאַבריק האָט באַשעפטיגט 400 אַרבעטער. אין יענער צייט האָט די פירמע געשמט מיט אירע אויסאַרבעטונגען און געהערט צו די היגע אָנגעזעהענע פאַבריקאַט־הייזער. צוליב׳ן שווערען קריזיס (1925–6) האָט די פירמע געמוזט אָבשטעלען די צאָלונגען און צולעצט ליקווידירען די פאַבריק. שפּעטער האָט ער געהאַנדעלט אויף קאָמי. זייט 1929 באַשעפטיגט אין דער אַקצ. געז. ישעי׳ ראָזענבלאַט אַלס פּראָוויזיאָנער פון גאַרן־פאַרקויף.

ע. ה. אינטערעסירט זיך אויך מיט׳ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. האָט אָנגעפירט אַ שטאַרקע טעטיגקייט (1920–6) אין דער „געז. שוץ איבער גייסטיג־קראַנקע“, וואו ר׳איז געווען ערען־קאַסירער און דעמאָלט אַ סך געלאָזט זיך קאָסטען לטובת דעם שפּיטאָל פאַר גייסטיג־קראַנקע (וועסאָלע 17). מיטגעאַרבעט אין די פאַרוואַלטונגען פון „יתומים־הויז“ (פּאָלנאָצנע 38) און „עזרת אלמים“. זייט 1923 טעטיג אין „ניעדראָלאַ דזשעטשענטשאַ“ (כראַביאָווסקי 28) וואו ער טראָגט באַ זיין מיפולער אַרבעט.

## פּ

## פּאָזנאַנסקי משה



געבוירען דעם 16 נאָוועמבער 1890 אין לאָדזש, באַ אַבעל הבתיש־ער פאַמיליע. (דער פעטער זיינער איז געווען דער היגער געזעלשאַפטלעכער טוער און צייטונג־אַרויסגעבער עמנואל האַמבורסקי. דער פאָטער זיינער יצחק שלמה איז אַ יוד אַ חסיד. דער ברודער זיינער יואב מאיר איז געווען אַמאָל אַ היגער פּעדאַגאָג און שרייבער האָט לעצטענס מיטגעאַרבעט אין דער קאַנאַדעשער יודישער פּרעסע, וואו ר׳איז אין מאָנטרעאָל 1936 געשטאָרבען.

פּ. מ. האָט צוערשט געלערענט אין חדר, דערנאָך געענדיגט קאָנשטאַטס שול. צו 14 יאָר אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען אין דער אַמאָליגער היגער גרויסער פירמע פון שמואל שמחה קאָכאַנסקי, וואו נאָך יאָרען לאַנגער פלייסיגער אַרבעט אַוואַנסירט און געוואָרען ערשט געשעפטס־פירער. 1919 צוגעטרעטען אַלס מיטשותף צו דער היגער „3. קעגענזייטיגער קרעדיט־געזעלשאַפט“ (צוזאַמען מיט י. מ. זדונסקי און דיר. דוד רייכמאַן) און אין וועלכער ר׳איז געווען אַ צייט באַטייליגט. 1921 געגרינדעט צוזאַמען מיט אַ שותף דאָ אַ גרויס גאַרן־געשעפט, א. פּ. י. מ. זדונסקי און מ. פּאָזנאַנסקי, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט באַטייטענדיגע טראַנזאַקציעס. צוליב׳ן קריזיס איז עס אין 1925 ליקווידירט געוואָרען. 1926-30 אויך געפירט אַ צווייט גאַרן־געשעפט. א. פּ. פּאָזנאַנסקי און יאַקובאָוויטש. זייט 1931 דירעקטאָר פון דער פאַרקויף־שטעל באַ דער שפּינעריי פון דער אַקציענגעז. פראַנץ ראַמיש, וואו ר׳האָט דערוואָרבען דורך זיין אַרבעט גרויס פאַרטרויען און באַזיצט ברייטע פולמאַכטען פון דער אַקציענגעזעלשאַפט.

## פּראָפּעסאָרסקי הערש



געבוירען דעם 22 דעצעמבער 1885 אין דזשאַלאָשיץ. (דער פאָטער זיינער יוסף איז געווען אַ גרויסער בן תורה, אַנ׳אַלטער געווען אַ גרויסער חסיד, בעל צדקה, און גרויסער עקספּאָרטער פון פעדערען נאָך לייפּציג און אימפּאָרטער פון טייערע רויטע קרעלען נאָך פּוילען).

פּ. ה. האָט געלערענט אין חדר. צו 12 יאָר אַריבערגעקומען נאָך לאָדזש. צו 16 יאָר אָנגעהויבען זיך אויסצולערענען דאָס שטרימף־פאַך. אין וועלכען ר׳האָט נאָכדעם געאַרבעט אַ ריי יאָרען. שפּעטער פאַרלייגט אינדערהיים אַ שטרימף־פאַבריקעל און גענומען אַליין אויסאַרבעטען אויף האַנט־מאַשינען זיין סחורה. 1910 אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אויף לוין צו אַרבעטען. — האָט דעמאָלט זיינע אַרטיקלען עקספּאָרטירט אויפ׳ן רוסישען מאַרק. וואו זיין פּראָדוקציע ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרשפּרייט. 1918 געפאַכטעט אַ פאַבריק און אויף אייגענע 15 רונד־

קראַפט־מאַשינען גענומען אויסאַרבעטען זיינע באַנוועלנע און וויגאַניע זאָקען. דערנאָך צוגעקויפט אַלץ נייע קראַפט־מאַשינען און פאַרגרעסערט זיין פאַבריק.

1926 געקויפט 2 זאָק קאָטאָן־מאַשינען און זייט דעמאָלט שטאַרק פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע.

די פאַבריק „העפראַ" באַשעפטיגט ביז 200 אַרבעטער, דאַרונטער 70 פּראָצ. יודישע.

די פאַבריק „העפראַ" באַזיצט 2 זאָק קאָטאָן־מאַשינען, 1 איינהייט־מאַשין און 100 רונד־מאַשינען און געהער צו די אָנגעזעהענע שטרימף־פאַבריקאַציע־הייזער אין אונזער שטאָט.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין היגען „שטרימף־פאַבריקאַנטען־פאַראיין", (1920) וואו ער האָט געהערט צו דער ערשטער פאַרוואַלטונג און דערנאָך יאָרענלאנג מיטגעאַרבעט לטובת דעם פאַראיין. געווען מיטגליד פון „דיסקאָנטאָ קאָמיטעט" בײַ דעם פאַראיין. זייט דער גרינדונג פלעגט ער דעם אַמט אַלס פּרעזעס פון דער „באַנק פון דער שטרימף־אינדוסטריע", פאַר וועלכער ער פירט אָן אַ נוצלעכער אַרבעט. איז וויצע פּרעזעס פון די הילפס־געזעלשאַפטען: „לינת הצדק" און „תומכי אורחים".

פ

## פעלדבערג לייבוש



געבוירען 1883 אין פּילץ, קעלצער געגענט, בײַ אַ פרומער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער מיכאל איז געווען אַ יוד אַ למדן).

פ. ל. האָט באַקומען אַ יודישער דערציהונג. צו 15 יאָר אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען; דערנאָך אַלס אָנגעשטעלטער געאַרבעט ביז צו דער חתונה. שפּעטער געהאַנדעלט מיט מאַנופאַקטור־סחורות, אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע פאַרלוירען זיין געלט. אָבער, דורך זיין גרויסער ענערגיע געלינגט אים ווייטער צו פירען פאַרשידענע מסחרים. 1921 דערעפענט אַנ'אייגען מאַנופאַקטור־געשעפט, א. פ. „ל. פעלדבערג", וואָס איז זייט דעמאָלט שטאַרק געשטיגען און געהער איצט צו די גרויסע האַנדעלהייזער אין אונזער שטאָט.

פ. ל. האָט מנדב געווען אַ שטוב מיט 4 בעטען, אין דעם ניי אויפגעבויטען בנין פון „חברה מחסה לזקנים".

געווען פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון „לינת הצדק". געהער צו דער פאַרוואַלטונג פון „סוחרים־פאַראיין", (פּיעטריקאָווער 73). אונטערשטיצט ברייטווילינ פאַרשידענע היגע אינסטיטוציעס.

ק

## קאַדיש חיים



געבוירען דעם 24 מאַי 1900 אין לאָוויטש, בײַ אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער יוסף איז אַ חסידישער יוד אָנגעזעהענער סוחר און געזעלשאַפטלעכער טוער) ק. ח. האָט געלערנט אין חדר, שפּעטער אין דער גערער ישיבה. 1918 פאַרלייגט אַ געשעפט פון שוסטער־צודאַטען א. פ. „ח. קאַדיש", וואָס עקזיסטירט זייט דעמאָלט און געהער איצט צו די סאָלידע פירמען פון דער בראַנזשע אין אונזער שטאָט.

זייט עטלעכע יאָר אַרבעט ער אויס לעדער־גומי [?]א. מ. „האַרי־קאַדי", וואָס איז זייער פּאָפּולער.

ק. ח. אינטערעסירט זיך אויך מיט'ן געזעלשאַפטלעכען לעבען. געווען מיטגרינדער פון „פאַבריקאַנטען און סוחרים פאַראיין", (פּאָלודניאָווע 15) וואו צוערשט פאַרנומען דעם אַמט אַלס וויצע־פּרעזעס און דערנאָך געווען יאָרענלאַנג פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון דער אינסטיטוציע. זייט 1922 געווען מיטגליד פון די פאַרשידענע שאַץ־קאָמיסיעס בײַ דעם היגען פינאַנץ־אַמט. געווען יאָרענלאַנג מיטגליד פון דער אַפּעלאַציע־קאָמיסיע בײַ דער לאָדזשער פינאַנץ־קאַמער.

איז וויצע־פּרעזעס פון „לינת הצדק" וואו ער פירט אָן אַ פּאָזיטיווער אַרבעט.

ר

## ראָטבאַנד לעאָן (לייבעל)



געבוירען דעם 8 דעצעמבער 1887 אין וואַרשע. (דער פאָטער זיינער פייוועל איז געווען אַ שניט־סוחר) ר. ל. האָט אַבסאָלווירט אַ גימנאַזיום. שפּעטער געאַרבעט אויף אַ פּאָסטען ביז צו דעם מלחמה־אויסברוך. די מלחמה־יאָרען פאַרבראַכט אויפ'ן פּראָוונץ. 1919 צוגעטרעטען אַלס שותף צו דער פירמע: „פריימאַן און שותפים". 23 — 1920 געווען דירעקטאָר פון לאָדזשער אָבטייל: „לאָיד וויעלקאָפּאָלסקי". 1923—25 געווען מיטשותף פון דער היגער פירמע: „לעאָן מענדעלסאָן און שותפים". זייט 1925 פירט ער זיין עקספּעדיציע־ביוראָ, א. פ.: „ל. ראָטבאַנד".

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען אין דער פאַרוואַלטונג פון היגען „עקספּעדיטאָרען־פאַראיין", דערנאָך געווען וויצע־פּרעזעס און זייט 1927 איז ער פּרעזעס פון ע. פ. און פירט אָן אַ פּאָזיטיווער אַרבעט לטובת דער בראַנזשע. האָט מיטגעאַרבעט אין היגען ספּאָרט־קלוב „חשמונאי" און אין לאָדזשער אָבטייל פון וועלט־פאַרבאַנד „מכבי". איז וו. פּרעזעס פון היגען „בית־עם" און געהער צו דער פאַרוואַלטונג פון „חסד ואמת" און „ווירטשאַפטלעכען קאָמיטעט".

איז לאַווניק אין אַרבעטער־געריכט און זאַכקענער אין דער היגער „האַנדעל און אינדוסטרי־קאַמער."

## רייכמאַן מאיר שמעון



געבוירען דעם 10 פעברואַר 1904 אין ראַדאָם, בײַ אַ נגידישער פאַמיליע. (דער פאָטער זיינער יואל איז אַ יוד אַבן תורה, וואַלד־סוחר)

ר. מ. ש. האָט געלערנט אין חדרים און ישיבות. דערנאָך אַלס עקסטערן אדורכגעמאַכט און אַריין אין דער ראַדאָמער גימנאַזיע „חובבי הדעת" און געענדיגט מיט מאַטורע. שפּעטער אַריבער אויפ'ן וואַרשעווער אוניווערזיטעט, (יורידישען פאַקולטעט) וואו ר'האָט שטודירט און באַקומען דעם טיטול מאַגיסטער יורי. 1933 אויסגעהאַלטען דעם שלוס-עקזאַמען אַלס אַדוואָקאַט. זייט דעמאָלט פּראַקטיצירט ער אין אונזער שטאָט.

ר. מ. ש. איז נאָך אַלס סטודענט געווען טעטיג אַלס פאָרזיצער פון ראַדאָמער „אַקאַדעמיקער פאַרבאַנד". האָט אָנטייל גענומען אַלס דעלעגאַט אויף פאַרשידענע לאַנד-קאָנפערענצען פון די צא"י. געווען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער לאָדזשער „צעירי אגודת ישראל". 1934 אויסגעוויילט געוואָרען דורך די צא"י אַלס ראַטמאַן פון היגען שטאָט-ראַט. געהער צו דער פאַרוואַלטונג פון דעם אָרטאָדאָקסישען אינטערנאַט: „אהל שרה". איז אויף דעם אגודה'שען לאַנד-צוזאַמענפאָר, (1934) אויסגעוויילט געוואָרען אַלס מיטגליד פון אַלפּוילישען צענטראַלראַט. זייט תרצ"ה מיטגליד פון דער הנהלה הראשית.

## רינגאַרט יצחק



געבוירען דעם 16 דעצעמבער 1882 אין בערדיטשעוו. (דער פאָטער זיינער שמואל חיים איז געווען אַ פּראָוויזאָגער).

ר. י. האָט באַקומען אַ יודישע דערציהונג. צו 12 יאָר אָנגעקומען אין דער לאָדזשער פירמע: י. וואַרכיוועקער, וואו ר'האָט געאַרבעט און אין די פרייע שעה'ן אַליין געלערנט זיך שפּראַכען. אַלס עקסטערן באַלייגט עקזאַמען אין אַ בערדיטשעווער מיטעל-שול. האָט געענדיגט (אין שווייץ) אַלס עלעקטראָ-טעכניק. שפּעטער באַקומען (אין זאַקסען) דעם טיטול אינזשיניער עלעקטראָ-טעכניק. האָט אַצייט צוזאַמען מיט אינזש. ווילענסקי געהאַט אַנ'עלעקטראָ-טעכניש ביוראָ אין ביאַליסטאָק. 1911 געגרינדעט אין לאָדזש אַ פאַבריקאַציע, א. פ.: „מ. ווייסקאָל און י. רינגאַרט" אַרויסגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען. די מלחמה-יאָרען געפירט מיט שותפים אַ גרויס מאַנופאַקטור-געשעפט אין פּיעטריקאָוו טריב. 1918 געגרינדעט דאָ אַ פאַבריקאַציע, א. פ.: „י. קאָפּטשאָווסקי י רינגאַרט, י. ליפשיץ", וועלכע האָט דעמאָלט געהאַט אַנ'אייגענע שפּינעריי פון 2 זאַק — 30 לייכטע און 30 שווערע שטולען. שפּעטער איז אויך צוגעטרעטען אַלס שותף י. גאָרדין, און די פירמע איז געענדערט געוואָרען, אויף: „קאַראָליגאָ". די פירמע האָט געמאַכט גרויסע געשעפטען. צוליב'ן קריזיס איז זי אין 1925 ליקווידירט געוואָרען. אין דעם יאָר פאַרלייגט אַ פאַבריקאַציע פון געדרוקטע קאָפּ-טיכלעך און טיכער א. פ.: „י. רינגאַרט און שותף" — אַרויסגעבענדיג אויף לוין צום אַרבעטען, איז געווען פון די ערשטע פאַבריקאַנטען וועלכער האָט אָנגעהויבען צו אַרבעטען געדרוקטע ריינע וואָלענע שאַלעי-טיכער און מיטגעהאָלפען אַרויסשטופען די טשעכישע אַרטיקלען פון פוילישען מאַרק. זייט 1931 פירט ער ווייטער די פאַבריקאַציע אונטער אייגענער פירמע. זייט יאַנואַר 1937 באַזיצט ער אַנ'אייגענער דרוקעריי אין גרויסען פאָרמאַט. די פאַבריק באַזיצט 22 לייכטע שטולען און גיט אויך אַרויס אויף לוין צום אַרבעטען. זי באַשעפטיגט 100 אַרבעטער, דאַרונטער 30 פּראָצ. יודישע.

ר. י. איז לאַנגיאָריגער פאַרוואַלטונג-מיטגליד פון היגען „טעקסטיל-פאַבריקאַנטען פאַראיין" (זאַכאָדניע 66) מיטגרינדער פון דער „באַנק" באַ'ם „טעקסטיל-פאַבריקאַנטען פאַראיין" און געווען פאַרז. מיטגל. פון דער באַנק. איז מיטגליד פון „ווירטשאַפטלעכען קאָמיטעט".

## ש

## שאַפּירא אשר



געבוירען 1889 אין סטאָלין. (דער פאָטער זיינער אַברהם איז אַ פרומער יוד) געלערנט אין חדר און אין בית המדרש, ווי אויך באַקומען אונטערריכט אין וועלטלעכע למודים. שפּעטער געאַרבעט אין לאָדזש אַלס אָנגעשטעלטער ביז'ן סוף פון דער מלחמה.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען נאָך אין סטאָלינער ציוניסטישען קרייז. דערנאָך געווען טעטיג צווישען די היגע „צעירי ציון", און אין „חובבי שפת עבר". געווען מיטגרינדער און האָט מיטגעאַרבעט אין „בית עם". זייט 1920 סעקרעטאַר פון דעם לאָדזשער ביוראָ פון קרן היסוד און סעקרעטאַר פון דער היגער ציוניסטישער אָרג. געווען דעלעגאַט אויף ציוניסטישע קאָנגרעסען און קאָנפערענצען. מיטגליד פון ציוניסטישען פאַרטייראַט און פאַרטרעט. מיטגליד פון דער יודישער אַגענץ. פאָרזיצער פון די היגע שקל-קאָמיטעטען.

## שטרויך אברהם



געבוירען דעם 20 דעצעמבער 1882 אין קאָשיץ (דער פאָטער זיינער משה איז געווען אַ תבואה-סוחר). געלערנט אין חדר און אין אַ פּריוואַט-שול. דערנאָך אַריבער נאָך לאָדזש, וואו ר'איז אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטען. זייט 1905 געפירט אַ גרויסען הורט-לאַגער פון דער פּרוכט און קאָלאָניאַל בראַנזשע (קאָשטשעלנע 1). זייט 1932 אין די פירמע רעאָרגאַניזירט געוואָרען א. פ. „אַגרומי", וועלכע האָט אַ צייט געפירט גרויסע פּרוכט אימפּאָרט-געשעפטען.

זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייט אָנגעהויבען 1918 אַלס מיטגרינדער פון „פּרוכט און געמיוזע-הענדלער פאַראיין", (זגערזשער 28) וואו ר'איז אויסגעוויילט געוואָרען אַלס פּרעזעס פון דער פאַרוואַלטונג. זייט דעמאָלט האָט ער אָנגעפירט אַ גרויסע נוצלעכע אַרבעט לטובת די דאָרטיגע יודישע סוחרים, זייענדיג זייער פאַרטרעטער אין די פאַרשידענע שאַץ-קאָמיסיעס, ווי אויך אינטערווענירענדיג פאַר זיי אין אַנ'עת צרה. איז לאַנגיאָריגער פּרעזעס פון דעם פאַראיין—איצט א. נ. „סוחרים-פאַראיין פון דער לעבענמיטעל בראַנזשע" (נייע גאַס 8).

# נעמען-פאַרצייכעניש:


איגער י.
אולינאָווער ה.
אָפּאטאָווסקי ס.
בייגעלמאַן ד.
ביסטער ג.
בעזמאן א.
בעביער א.
בערמאַן א.
בערמאַן י. י.
בערמאַן ל.
בראָדערזאָן מ.
ברוינער י. מ.
גלאַטמאַן א.
גלאַטער ג.
גליקסמאַן ב. ב.
גערשאָווסקי פּ.
גראָמאַן י.
גראָסלייט י. א.
דיאַמענט ד.
האָכענבערג ש.
האַלבערשטאט ה.
העלמאַן מ.
הערשענבערג צ.
וואַקס ב.
ווייצמאַן י.
ווערדיגער י. ל.
זיידענוואָרם מ.
זשורקאָווסקי י.
טרעמבאַטש מ.
יאָעל א.
כהן א.
כהן י.
כאַרי פּ.
כהן א.
כהן מ.
לאַנדאָ י.
לובלינסקי י.
לימאָן מ.
לעוו ש.
לעווי ש.
לעוושטיין י.
לעקיך א.
מאַזור א.
מארכעוו מ.
מזאָה נ.
נאַדעל י.
נאַדעל פּ.
סקורא ו.
עיטינגאָן נ.
פּיאַסקאָווסקי א.
פּיקעלני י.
פּלאָצקער מ.
פּראשקער ג.
פּאַלעק ו.
פּאָנער מ.
פּוינט ס.
פּוקס א.
פּוקס ל.
פּיין מ.
פּיינגאָלד י. ל.
פּרומקין א.
פּרענקעל י.
קאַמיעניעצקי א. ש.
קאָפּעל מ.
קאַצענבאָגען י.
קאַצענעלסאָן י. י.
קראוש י.
ראַבינאָוויטש ד.
ראָזענבלאט י.
ראָזענבלום מ.
רומקאָווסקי מ. ה.
רוס ב.
ריזשיק מ.
רייכמאַן ש. י.
שאַפּיר י.
שווייג ש. י.
שטיינשניידער א.
שטילער ע.
שטערן י.
שטרויך ז.
שייניאַק מ.
אָבערזשאַנעק י.
בוים א.
בונין ח. י.
ביאַלער י. מ.
ביאַלער מ.
ביאַלער ש.
בערגער י.
בערקאָוויטש ד.
בראַנדשטעטער מ.
ברודא מ. ז.
גאָלדשטיין פּ.
גוטענטאַג ס.
גראָף ד.
דאַם י.
האָלענדערסקי ל.
האָפּמאַן ר.
היימאַן מ.
הערשפינקעל י.
וואַרשאַווסקי א.
טאַרטאַקאָווער א.
טענענבלום י.
טרוימאַן מ.
טשארנאָלעווסקי ב. ג.
יאַראָטשינסקי ס.
ליטווין ב.
ליכטענשטיין י. מ.
ליפּשיץ א.
לעווינסאָן ה.
לעשטשינסקי י.
מאַרגוליעס י.
מאָרגענשטערן א.
מייזלער צ.
מינצבערג י. ל.
ניידא ג.
סאָלאָוויי י.
סענדאָווסקי י.
ציטינגאָן ב.
עלענבערג ז.
פּאָזנאַנסקי ה. ל.
פּיקעלני ט.
פּיקעלני מ.
פּערסיץ נ.
פּערעלמאן א. מ.
פּאַבריקאַנט ד.
פּאַלק ל.
פּוקס ד.
פּרומעס ש. נ.
פּרידמאַן פּ.
פּרידענזאָן א. ג.
צוקער ל.
צעלמייסטער ד.
קאהאַן י. א.
קאָווגער י.
קאַנעל ד.
קאַץ ש.
קאַראָ מ.
קויפמאַן ו.

קראָטאָשינסקי י.
ראָזענבערג י.
ראָזענבערג ל.
ראָזענפעלד מ.
ראָטענבערג ש. ל.
רייזפעלד ק.
שוואלבע מ. מ.
שווייענטאָסלאווסקי ש.
שטרויסמאַן ש.
שיק א.
שלאגמאן פ.
שלאָסער י.
שפּיינהענדלער ש.

## צוגאָב:

אַדלער י.
אולינאָווער מ.
אַפּט א. א.
באַרטשינסקי ח.
בערלינער נ. י.
גאָלדבלום נ.
גראָסבערג א.
גרובשטיין א. מ.
דאָבזשינסקי מ.
העלמאַן ד.
ווינער ח.
זיידלער ש
זילבערשטיין וו. א.
זילבערשפּיץ י.
זיסקינד א
טייטעלבוים י.
טייטעלבוים י. מ.
טרייסטמאַן ל.
יאַבראָוו ש.
יודקעוויטש מ.
לובינסקי פּ
ליבערמאַן פּ.
ליפּסמאַן ס.
לעווין י.
לעווין ל.
מאַרגולעס א.
מאַרעק ב.
מילמאַן ש.
נוטקעוויטש ס.
סאָלניק א. ב.
ענגעלמאַן ה.
פּאָזנאַנסקי מ.
פּראָפּעסאָרסקי ה.
פעלדבערג ל.
קאַדיש ח.
ראָטבאַנד ל.
רייכמאַן מ. ש.
רינגאַרט י.
שאַפּיראָ א.
שטרויך א.

# ביבליאָגראַפיע:


פראווילא בראטסווא אילי קאָמיטעטא דליא פריזוריעניא ביעדניך באָלניך יעוור. וויעראָיספאָוו. 1881 ג. וו גאָר. לאָדזי

**Lista alfabetyczna** członków Stow. pielęgn. chorych 14/VI 1881 – 1/VII 1882

**Lista alfabetyczna** członków Stow. pielęgn. chorych 1/VII 1882 – 30/VI 1883

**פנקס** פון דער חברה הכנסת אורחים

**פנקס** פוז דער חברה חורשי עצים

**Sprawozdanie** z czynności Czasowego. Szpitala Starozakonnych w Łodzi w ciągu roku 1885

**Sprawozdanie** Stow. pielęgn. chorych w Łodzi 1/I 1886 – 31/XII 1887

**פנקס** פון דער סינאַגאָגע (פראָמענאַדע גאַס)

**Pierwsze sprawozdanie** z rachunkowości Komitetu Synagogi w Łodzi za rok 1887/88 t. j. od dnia 19/1 Lipca 1887 do 18/30 Czerwca 1888 r.

**פנקס** שפיטאָל א. נ. ישראל און לעאָניע פאָזנאַנסקי

**Zarys działalności** Tow. pielęgnow. chorych **Bykur Cholim** Trzydiestolecie istnienia

**דאָס גאָלדענע בוך** פון האַנטווערקער־קלוב אין לאָדוש

1) **איינער** אַ קאַפּיטעל פון דער יוד׳שיכטישער שול־באַוועגונג אין לאָדוש

2) **ש. ר.** באַריכט פון דער I יודישער פאָלק־שול

3) **Idem** די פאָלק־קינדערהיים באַ׳ם שול און פאלק־בילדונג פאַראיין

לאָדזשער וועקער № 5 1921 25/XII

**דאָס גאָלדענע בוך** פון פאַראייניגטען יודישען פראָפ. שניי־דער מייסטער פאַראיין אין לאָדוש

**ח. א. טאָביאַש** די פאַראייניגונג פון לאָדזשער טעקסטיל־פאַרא״נען אין 1907

פראָפעסיאָנעלע וועלט № 5 1919

**Sprawozdanie** Tow. pielęgnow. chorych **Bykur Cholim** 1920 r.

**לאַזאַר קאַהאַנ׳ס** אילוסטרירטער יאָרבוך פאַר אינדוסטרי, האַנדעל און פינאַנסען לאָדז—וואַרשע 1925

**A. Alperin** Żydzi w Łodzi
Rocznik Łódzki Tom I 1928

**Dr. St. Gutentag** Zarys rozwoju działalności
Dwadzieścia lat pracy Łódzkiego Żyd. T-wa opieki nad sierotami Łódź 1929

| | |
|---|---|
| **יובילעאום־אויסגאַבע** | פון דער „חברה מחסה לזקנים" אין לאָדז 1929 |
| **לעקסיקאָן** | פון דער יודישער ליטעראַטור און פרעסע רעד. ז. רייזין |
| 1) **פנחס** | די גרינדונג־תקופה פון פוילישן פאַרבאַנד |
| 2) **ח. א. טאָביאַש** | די גרינדונג־צייט אין לאָדזש<br>פועלי ציון אַלמאַנאַך 1931 |
| **ד. בערענפעלד** | די ערשטע שריט פון לאָדזשער אָרגאַ־זאַציע<br>יודישער אַרבעטער פנקס I באַנד |
| **אַנ'אַלטער באַקאַנטער** | דער אָנהויב פון דער יודישער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאָדזש.<br>רויטער פנקס II זאַמעלבוך |
| **Old Man** | מיט 37 יאָר צוריק.<br>נייער פאָלקסבלאַט 1935 |
| **Mieczysław Hertz**<br>**Maks Heyman** | Po dziesięciu latach<br>Głos Kupiectwa Łódź 1935 |
| **יובל בוך** | פון קאָלאָניאַל־הענדלער פאַראיין אין לאַדזש 1937 |

### ס'האָבען אונז געדינט צו דער אַרבעט:

באַריכטען, פּראָטאָקאָלען, אַקטען, סטאַטוטען, דאָקומענטען און פאַרשידענע געדרוקטע אויסגאַבען.

### ס'האָבען צוגעשטעלט מאַטעריאַלען און אינפאָרמאַציעס:

לייב אוריסאָן, נפתלי בוקעט, ד"ר סט. גוטענטאַג, ד"ר בראָניסלאַוו האַנדעלסמאַן, משה העלמאַן, בער וואַקס, וו. ווייגבלאַט, בן־ציון זאַלצמאַן, וואָלף זילבערשטיין, ח. א. טאָביאַש, ב. יאָפע, לייב יאָפע, סטאַניסלאַוו יאַראָטשינסקי, יאַנקעל ליס, א. מאָרגענשטערן, אינזש. סט. מאַרגולעס, צ. מייזלער, ס. נוטקעוויטש, דוד נייהויז, ש. עדעלמאַן (מוליע), ח. ל. פאָזנאַנסקי, דיר. א. פערעלמאַן, לעאָן פלאַטאָ, מ. פלאָצקער, א. פרידריך, מיעטשיסלאַוו פרענקעל, לייב קאַרפּאָווסקי, מיכל קרעניצקי, ז. ראָטקאָפ, מ. ח. רומקאָווסקי, י. שולמאַן, י. שוואַרצבערג, ב. שטאַרקמאַן, י. שטיינבערג.

אַנאָנסען

ŁÓDZKI BANK DEPOZYTOWY

SPÓŁKA AKCYJNA

Centrala w Łodzi, ul. Piotrkowska N. 5

Oddziały:

w WARSZAWIE ul. ŻABIA 9, we LWOWIE ul. 3 MAJA 5

Adres. telegraficzny: DEPOBANK

**Bank Kupiecko-Kredytowy Spółdzielczy**

z o. o.

**ŁÓDŹ, ul. Piotrkowska Nr. 29**

TELEFONY: 174-45 — 182-45 — 262-55.

Rachunki: Bank Polski, Bank Gospodarstwa Krajowego, P. K. O.

**DYSKONTO** — rachunki bieżące — wkłady — rachunki czekowe — przekazy — inkaso — safesy

**Tajemnica Lokat, wpłat** i oszczędności ustawowo **zabezpieczona** tak **w stosunku do władz,** jak i osób trzecich.

„ŁÓDZKA MANUFAKTURA”

wł. Sz .H. RABINOWICZ

Łódź

ul. Piotrkowska 60

Telefony: 105-38 i 152-96

**ANATOL FRUMKIN**

ŁÓDŹ,

CEGIELNIANA 19. TELEFON 117-18

Wyłączne przedstawicielstwo na Polskę Tow. KREUHOLSKIEJ MANUFAKTURY

Sprzedaż Komisowa „CHODAKÓW“ Sp. Akc.

HURTOWY SKŁAD TOWARÓW GALANTERYJNYCH

B-cia L. i I. NADEL

ŁÓDŹ

ULICA NOWOMIEJSKA 11

TEL. 129-36

FABRYKA CHUSTEK WEŁNIANYCH,
WYROBÓW WŁÓKIENNICZYCH i JEDWABNYCH

## A. A. PIASKOWSKI, ŁÓDŻ

SKŁAD FABRYCZNY — PIOTRKOWSKA 62. Tel. Nr. 213-71, Tel. Nr. 121-12

Fabryka Pomorska 106, Tel. 136-68

---

FABRYKA WYROBÓW JEDWABNYCH

## Karol Reisfeld

**ŁÓDŹ, ul. Południowa 67**
Telefon 198-40

**Adres telegraficzny:**
**„KREISFELD", Łódź**

---

**Fabryka wyrobów**
**Jedwabnych i Półjedwabnych**

## ADOLF FUX

**Łódź, Wólczańska 141. Tel. 101-69.**

---

FARBIARNIA i WYKOŃCZALNIA

## Dawid Góralski

**ŁÓDŹ, Piotrkowska 214**
**Tel. 134-74**

---

FABRYKA CHUSTEK
i wyrobów jedwabnych

## BRACIA FRUMES

Łódź, Piotrkowska 39
Tel. 137-75

---

## Jakób LESZCZYŃSKI
## Łódź,

**CEGIELNIANA 47, Tel.: 102-91 i 179-20**

Przedstawicielstwa handlowe oraz sprzedaż maszyn pończoszniczych, trykotażowych i innych.

---

## A. J. OSTROWSKI S-cy

**Fabryka Ksiąg Handlowych i Wyrobów Papierowych Skład papieru i materjałów piśmiennych**

DRUKARNIA, INTROLIGATORNIA, LINJARNIA

Fabryka łasiem mierniczych — Wydawnictwo pocztówek

WYDAWNICTWO KALENDARZY

**ŁÓDŹ, ul. Piotrkowska 55, tel.** 203-54 i 133-30

Spółka Akcyjna Wyrobów Bawełnianych

# I. K. POZNAŃSKIEGO

w ŁODZI

ul. Ogrodowa 17 — Tel. Centr. 197-05

Rok założenia 1872 Zatrudnia 5 500 robotników

Posiada oddziały: Przędzalnię, Tkalnię, Wykończalnię i Mechaniczny

**WYRABIA: Przędzę od Nr. grubszych do Nr. 120 Wszystkie gatunki towarów bielonych i drukowanych oraz tkaniny potrzeb Rządowych, Wojskowych i Lotniczych.**

SKŁADY FIRMY: Warszawa, ul. Gęsia 16/18
„ „ Marszałkowska 118
Lwów, „ Trybunalska 1
Poznań, „ Stary Rynek 80|82
Kraków, „ Gertrudy 16
Wilno, ul. Wielka 66
Lublin, „ Lubartowska 8
Równe, „ Klasztorna 14
Łódź, „ Piotrkowska 44

**BANK PRZEMYSŁU POŃCZOSZNICZEGO**
Spółdz. z ogr. odp.

ŁÓDŹ, ul. Piotrkowska 66
Telef. 139-43

Fabryka Pończoch
**Bracia Seidenwurm**

Marka fabr. „BRES"

**Łódź, Pomorska 163/165**
Tel. 171-08.

**Otton Hau** ŁÓDŹ, Wólczańska 187.
Telefony: 132-19 i 181-85.

Wyroby firmy: Pończochy dziecięce Skarpetki męskie
Pończochy damskie

„HAU 51" „HAU 57" z jedwabiu naturalnego
„888" „8888" „4 ASY" z jedwabiu sztucznego

Znak fabr. „OHA".




Dom

# Konfekcyjno-Towarowy

**Łódź, Rokicińska 54**

Dojazd tramwajami 10 i 16

Wyłączna
Sprzedaż
Towarów
Widzewskich
SEKUNDA,
**BRAKÓW i RESZTEK.**

Polecamy wyroby
**WIDZEWSKIE**
marki
O K
**O NAJWYŻSZEJ JAKOŚCI**

## USKUTECZNIAMY WYSYŁKI PACZEK DO ROSJI-SOW.

na podstawie specjalnej umowy
z Przedstawicielstwem Z.S.R.R.

# ANTYKWARNIA

„OCCASION"

wł.: **Rafał Sz. Gesundheit**

**Łódź, Piotrkowska 54.**

Telef. 201-08.



Wazon — Meissen

**Porcelany** **Obrazy**

**MEBLE STYLOWE**

**Świeczniki** **Dywany perskie**

**Srebro i stara biżuteria**

# Palmol BIURO HANDLOWO-KOMISOWE

wł. S. LEWKOWICZ i P. RUBINSTEIN

Biuro: Piotrkowska 7. Tel. 243-70, 208-70.
Składy: Kilińskiego 61. Tel. 248-70.

**w ŁODZI**

Dostarcza ze składu konsygnacyjnego:

**Margarynę i Tłuszcze Jadalne** AMADA S. A.

**Tluszcz kokosowy** CERES
**Oleje jadalne** SCHICHT-LEVER S. A.

**Wyroby czekoladowe** SUCHARD S. A.

**Portland-Cement marki „GÓRKA"**
**Produkcji** FIRLEY S. A.

Przedsiębiorstwo

# ROBÓT BUDOWLANYCH

# SZ. SZTAJNSZNAJDER

**w Łodzi, Piotrkowska № 10 tel. 229-99**

**PRACOWNIA**
**UBIORÓW DAMSKICH i FUTER**

# L. BEKER

## ŁÓDŹ

## Śródmiejska 25.

**Telefon Nr. 155-28.**



**ליפמאַן בעקער**

געב. 1897

געענדיגט די צושניידער־אקאדעמיע: „עקאָל דע קופּ" אין פּאַריזש.

זייט 1918 עקזיסטירט זיין עלעגאנטער

**דאַמען אטעליע**

אין אונזער שטאָט. ליפערט מוסטער־אַרבעט.

די פיינסטע קליענטעלע.

פרעמיער פון דאַמען־שניידער פאַך.



# תחכמוני

• פאָלק־שול, גן ילדים •

אונ נאָכמיטאָג - גימנאַזיום

**לאדזש, שיענקיעוויטש גאס № 3** טעל. 78 = 143

די איינשרייבונגען פון נייע שילער ווערען אָנגענומען

טעגלעך פון 9 ביז 2 מיטאָג און פון 5 ביז 7 אָוונט

די „תחכמוני שול" איז קאָנצעסיאָנירט דורכן ווארשעווער קוראַטאָריום און פאַררעכענט צו דעם העכסטען טיפ (דריטער מדרגה) פ אָ ל ק־ש ו ל ע ן.



# בית־יעקב־שול

לאָדזש, שרודמיעיסקע 32 טעל. 28 = 170

פרעבעל־שול, 7־קל. פאָלק־שול, 3־קל. שול פאַר האַנדעל

איינשרייבונגען קומען פאָר אין
דער שול־קאַנצעלאַריע יעדען טאָג

פון 9 ביז 1 מיטאָג
און פון 5 ביז 7 אָוונט



**ברשות החברה ליסוד בתי־ספר עברים בלודז**

**נמצאים בתי־ספר הללו:**

בית-הספר העממי הראשון לנערים
הגמנסיה הראשונה לנערים
מגיסטרצקה 21
טלפון 134-11

בית-הספר העממי השני לנערים
הגמנסיה השניה לנערים
מגיסטרצקה 22
טלפון 134-12

בית-הספר העממי לנערות
הגמנסיה לנערות
רחוב פירמוביץ' 6
טלפון 127-95

גן הילדים — רחוב וולצ'נסקה 35, טלפון 245-36.




# R. LIBERMAN i SYNOWIE

FABRYKA PASÓW, PIKIERÓW i CHOLEW

WSZELKIE WYROBY TECHNICZNE

Łódź, Cegielniana 7, tel. 131-70.



WYRÓB i SPRZEDAŻ
TOWARÓW BAWEŁNIANYCH

# A. RUBIN, ŁÓDŹ

Fabryka: Wólczańska 50, tel. 258-79
Skład fabr.: Ogrodowa 3, tel. 212-23.



CAFÉ-BAR

# CAPRICE

Łódź, ul. Piotrkowska 29.
(róg Śródmiejskiej)

**miejsce spotkania żyd. kupiectwa i inteligencji**



**COSTÜME MANTEAUX FOURRURES**

# M. Gurt

**ŁÓDŹ**, Rue PETRIKAUER 107
TELEPHON 141-73



HURTOWA SPRZEDAŻ WYROBÓW WŁÓKIENNICZYCH

# L. FELDBERG

**Łódź, ul. Cegielniana 3**

Tel. Nr. 129-70

**Konto czekowe:**

Bank Polski, Oddział w Łodzi
P. K. O. Warszawa Nr. 67-026

50,-

Nazwisko i imię

Zajęcie

Znak statystyczny

Adres

Kieszonka

WiMBP im. J. Piłsudskiego
w Łodzi
230000160700

ARTYS. INTROLIG TORNIA
A. H. Szwinkelsztajn
Łódź, Piłsudskiego 49.